STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05532

DER PROGER ARESTANT DERTSEYLT

Mordecai Oren

•

Permanent preservation of this book was made possible by Dr. David Lown & Rebecca D. Heitz in honor of the Lown, Morris, Anapolsky, Latz & Grossbard families

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי אורן

*

דער פראגער ארעסטאנט דערציילט

מרדכי אורן

דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט

ייִדיש: ד. שטאָקפיש

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ביבליאָטעק
תל-אביב, ישראל

1959

מרדכי אורן / דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט
פאַרלאַג י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31
Publishing I. L. Peretz Library
31 *Allenby Str. Tel-Aviv, Israel.*

Mordecai Oren

THE STORY OF A POLITICAL PRISONER IN PRAGUE

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1959

דפוס „אורלי״, רח׳ יסוד המעלה 27, תל־אביב

צווייטער באנד

איין-און-צוואַנציק נעכט

כ'האָב געהאַט אַ וואָך אָן שלאָפֿן. די אויספֿאָרשער טוען מיט מיר זייער אַרבעט אין דריי שיכטן. זיי זענען דריי. דער שטענדיקער אויספֿאָרשער, דער אויספֿאָרשער מיטן קצבישן פּרצוף, דער אויספֿאָרשער־לערנייִנגל. עס פּאַסירט, אַז איינער פֿון זיי אַרבעט צוויי שיכטן. זונטיק ברעכן זיי זייער רו־טאָג און קומען אין פֿאַבריק. אַ פֿאַבריק וואָס פּראָדוצירט ליגנערישע ווידויים. אַז זיי קאָנען נישט אָנגיין מיט דריי שיכטן — לאָזן זיי מיך איבער אויף איין שיכט אין קאַמער. זיי ווייסן, אַז אין קאַמער ראַנגלען זיך מיטן מלאך פֿון שלאָף — נישט זיין געפֿאָרשט — איז פֿאַר מיר אַ פֿיל גרעסערע פּייניקונג ווי יעטוועדער אויספֿאָרשונג, אפֿילו די סאַמע שווערסטע.

ביידע אויספֿאָרשער, דער „קצב" און דער פּראַקטיקאַנט — האָבן פֿאַר אַן אויפֿגאַבע מיך צו באַשעפּטיקן. אָפּשוואַכן מיינע כּוחות. מיך דער־נידעריקן. זיי דאַרפֿן אַקערן, זייען. מיין שטענדיקן אויספֿאָרשער איז באַ־שטימט די ראָל פֿון שניידן. שניידן די פּרוכט פֿון די ווידויים. דעריבער זענען אים ליבערשט די נאַכט־שיכטן. ער אַרבעט ווי אַ שד. אַזוי פֿירט זיך אַ שד. אויב עס איז פֿאַראַן אַ מלאך־המוות — איז ער מיינער.

אויך די אָפֿיצירן באַזוכן מיך פֿון צייט צו צייט. איינער פֿון זיי איז דער ממונה איבער דער כּנופֿיה פֿון מיינע אויספֿאָרשער. איך האָב אַ פֿאַר־דאַכט, אַז ער איז דער שעף איבער די אויספֿאָרשונגען פֿון די ציוניסטן אין דער היגער תּפֿיסה. ער איז בקי אין דער געשיכטע פֿון ציוניזם. אים זענען באַקאַנט די נעמען פֿון די טעאָרעטיקער און פֿירער פֿון ציוניזם. אים זענען קלאָר די פּאָליטישע פּראָבלעמען פֿון ישׂראל. ער איז אויך באַהאַוונט אין דער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור. איינמאָל האָט ער מיר ציטירט פֿון תּלמוד: „טוב שבגויים הרוג" — מיטן צוגאָב פֿון אַ קאָמענטאַר, מיט וועלכן עס באַנוצט זיך יעדער שונא־ישׂראל אין אַלע דורות.

זיי האַלטן אין איין פֿאַרשטאַרקן זייער דרוק אויף מיר. איך האָב אַ געפֿיל, גלייך אַ קראַוואַט צום דערשטיקן איז פֿאַרלייגט געוואָרן אויף מיין האַלדז. זי ציט זיך איין, זי האַלט זיך אין איין איינציען.

כ׳וואָלט קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז שלאָפלאָזיקייט אין משך פון אַ וואָך קאָן אַזוי צעברעכן דעם קערפּער און דעם גייסט. נאָר דאָס איז, ווייזט אויס, נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון שלאָפלאָזיקייט. עס קומט דאָ צו דער אומאויפהערלעכער הונגער. די קלעפּ. די כסדרדיקע דערנידעריקונג. דאָס זיין אָפּגעשניטן פון דער וועלט. די אומרויקייט וועגן גורל פון מיין בני־בית. דאָס שטיין אויף אַכטונג. די קעלט אין ווינטער און די שטיקנדיקע היץ איצט. דער הונגער נאָך אַ בוך. דאָס באַוווסטזיין, אַז ביסט אין די הענט פון סאַדיסטן וואָס ווילן פון דיר פאַלשע ווידויים. דאָס באַוווסטזיין, אַז דיינע כוחות גייען אויס. דעם פּיינלעכער חשד, אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג, ווען דער הילפלאָזער אמת וועט קאַפּיטולירן פאַרן ברוטאַלן כוח. און מען זעט נישט קיין הילף. דאַן וועסטו אונטער אַלץ חתמענען.

ווייזט אויס, אַז זיי האָבן באַשלאָסן צוצואיילן ווי ווייט מעגלעך דעם פּראָצעס פון מיין איינברעכן זיך.

דער אויספאָרשער קערט זיך אום צו מיין טעטיקייט אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע.

אינמיטן דער אויספאָרשונג קומט אַריין אין ביוראָ אַ מאַן, צו וועלכן מען האָט מיך איינמאָל געברענגט ביינאַכט. דער וואָס אין זיין ביוראָ איז נישטאָ דאָס בילד פון מדינה־פּרעזידענט, נאָר סטאַלינס פּאָרטרעט, לענגאויס דער צענטראַלער וואַנט. זיין ראַנג, ווייזט אויס, קאָלאָנעל פון דער זיכער־הייט־פּאָליציי. דער אויספאָרשער שטייט פאַר אים אָן אויסגעצויגענער בדחילו, ווי אַ יינגל וואָס איז געפּלעפט פון אימת־הציבור.

דער אָפיציר נעמט דאָס ציימל פון דער אויספאָרשונג. ער בעט פון מיר איינס־נאָך־איינס אויסרעכענען די נעמען פון די פאַרשידענע אָרגאַני־זאַציעס אין ישראל. איך פרעג: וועלכע אָרגאַניזאַציעס? דער ענטפער: אַלע. איך רעכן אויס די פאַרשידענע פּאַרטייען, די הסתדרות און אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. די אָרגאַ־ניזאַציע פון די קאָלאָניזאַציע־באַוועגונגען, די קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטן אאז״וו אאז״וו. די רשימה באַפרידיקט אים נישט:

— איר האָט גאָרנישט אויסגערעכנט. פּרובירט נאָכאַמאָל.

איך שטרענג אָן מיין געדאַנק און דערגענץ די רשימה מיט נאָך עט־לעכע אָרגאַניזאַציעס: וויצ״אָ, אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטנדיקע מוטערס, פריינד פון העברעישן אוניווערסיטעט, פריינד פון „אהל״ און נאָך.

— ביז איצט האָט איר נאָך נישט אויסגערעכנט אַלע אָרגאַניזאַציעס. באַוווסטזיניק באַהאַלט איר אויס איין אָרגאַניזאַציע. פּרובירט נאָכאַמאָל.

ער באַפעלט מיר איינִיקע מאָל איבערחזרן די רשימה, וואָס איז אין צווישנצייט זייער גרויס געוואָרן. איך ווייס נישט וועמען ער מיינט.

זיין געדולד פּלאַצט: — איר ווילט אונדז נישט אַנטפּלעקן איין אָרגאַניזאַציע. איך וועל אייך דעריבער גלייך פרעגן: פאַרוואָס זאָגט איר מיר אָפּ זיך צו דערמאָנען דעם „מוסד לעליה ב״, וואָס איז די מורא?

— די דאָזיקע אינסטיטוציע עקזיסטירט נישט אין ישראל. דערפאַר האָב איך זי נישט דערמאָנט. זי האָט עקזיסטירט אין די לעצטע יאָרן פון בריטישן מאַנדאַט אין ארץ־ישראל, ווען מיר האָבן געקעמפט קעגן די ענג־לענדער פאַר אַ גרויסער יידישער עליה קיין ארץ־ישראל. זינט עס איז אַנטשטאַנען מדינת ישראל — זענען אירע טויערן אָפן פאַר יעדן ייד וואָס וויל עולה זיין. היינט איז אונדז נישט נייטיק אַזאַ אינסטיטוציע און זי עק־זיסטירט מער נישט. דערפאַר האָב איך זי נישט דערמאָנט.

— אונדז איז וויכטיק צו וויסן וועגן אייער טעטיקייט אין דעם פּער־יאָד ווען די אינסטיטוציע האָט יאָ עקזיסטירט. און דעסגלייכן וועגן דער פאַרברעכערישער טעטיקייט אירער ביי אונדז. דערציילט וועגן דעם דעם אויספאָרשער.

ער גייט אַרויס. ער רופט אַרויס דעם אויספאָרשער אויפן קאָרידאָר. זיי סודען זיך אַ ווײַלע נעבן דער טיר.

אַ נייע צרה. זיכער פאַרמעסטן זיי זיך אַרויפצולייגן אויף דעם אַנ־שטאַלט כל מיני פּוסטע מעשיות. מיך וועט מען מאַכן פאַר אַ שותף צו די „פאַרברעכנס״ פון דעם דאָזיקן „אַנשטאַלט״ קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע.

דער אויספאָרשער קומט צוריק. אויסגעשטאַט אין „שכל״.

— איר האָט געהערט. דער קאָמאַנדיר האָט אייך באַפוילן צו דער־ציילן וועגן דער פאַרברעכערישער טעטיקייט פונעם „מוסד״ אין אונדזער לאַנד און אייער אָנטייל אין דער דאָזיקער אַרבעט. איך האָף, אַז איר וועט נישט ווידערשפעניקן דעם קאָמאַנדיר. איר קענט אָנהייבן.

כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אין דער טעטיקייט פונעם „אַנשטאַלט״ און דערפאַר ווייס איך וועגן אים נאָר סאַמע אַלגעמיינע זאַכן.

— נישט אמת, אַז איר האָט נישט מיטגעאַרבעט מיטן „מוסד״.

אייער האַנט האָט געשטעקט אין אַלע שמוציקע אַרבעטן פון די ציוניסטן. מיר האָבן אויף דעם באַוויזן.

— וואָלט איך זיך באַטייליקט אין די טעטיקייטן פונעם „מוסד", וואָלט איך דערמיט שטאָלצירט. איך וואָלט עס נישט באַהאַלטן. די אַרבעט פונעם „מוסד" איז נישט געווען קיין שמוציקע און נישט קיין פאַרברעכע־רישע. אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק וועט אויף דורות דערמאָנט ווערן אונדזער מלחמה פאַר יידישער עליה און בפרט אין דער תקופה פון עליה ב׳.

— דערציילט אונדז נישט קיין מעשיות פון דער געשיכטע פון אייער פאָלק אדג"ל. דער „מוסד" האָט ווי באַוווסט געשיקט קיין טשעכאָסלאָוואַ־קיע און אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער שעדיקער און שפּיאָנען — איר רופט זיי אָן „שליחים". איינע פון זייערע אויפגאַבן אין אונדזער לאַנד איז געווען צו אָרגאַניזירן דאָס מאַסן שמוגלען די גרענעצן דורך יידן, וואָס האָבן געהאַט בדעה צו עמיגרירן קיין ישראל. וואָס איז אייך באַוווסט וועגן דעם?

— מיר זענען באַוווסט גאָר אַנדערע זאַכן. איך ווייס נישט, אַז דער „מוסד" האָט זיך מטפּל געווען מיטן אומלעגאַלן אַרויסגיין פון יידן פון זייע־רע וווין־לענדער. איך ווייס, אַז ער האָט אָרגאַניזירט דאָס אומלעגאַלע אַריינגיין אין לאַנד, דאָס הייסט מיר האָבן געבראָכן די גזירות פון ענג־לענדער, וועלכע מיר האָבן נישט אָנערקענט. אין יענער תקופה האָבן די מיינסטע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער דערלויבט יידן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. עס איז נישט געווען נייטיק צו אָרגאַניזירן דאָס גנבענען גרע־נעצן. דער וואָס זאָגט, אַז פון דעם „מוסד" זענען געשיקט געוואָרן אין די לענדער שעדיקער און שפּיאָנען — זאָגט נישט אמת.

— וואָס־זשע האָבן עס געטאָן די „שליחים" פון דעם „מוסד" אין טשעכאָסלאָוואַקיע?

— דאָ זענען געווען שליחים פון פאַרשידענע באַוועגונגען אין ארץ־ישראל. זייער טעטיקייט איז געווען אַן אַבסאָלוט לעגאַלע. זייערע אויפגאַבן — דער עיקר דערציערישע. אויב עס זענען דאָ געווען ספּעציעלע שליחים אין נאָמען פון „מוסד" — האָבן זיי, ווייזט אויס, זיך פאַרנומען מיטן אָרגאַ־ניזירן די עולים, מיטן ברענגען זיי צו דער שיף וואָס האָט באַדאַרפט אַדורכברעכן די בריטישע בלאָקאַדע ביי די ברעגעס פון ארץ־ישראל.

— דאָס איז סתם געפּלאַפּלט. איר ווייסט, אַז דאָס אַלץ איז קאַמופ־

לאַזש. אַלע אײַערע שליחים זענען געווען שפּיאָנען און דיווערסאַנטן. בפרט נאָך די שליחים פון „מוסד״. זיי האָבן אויף אַן אומלעגאַלן אופן אַרויסגעשלעפּט פון טשעכאָסלאָוואַקיע טויזנטער יידן. דאָס איז אַ האַרבער סאַבאָטאַזש אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. איר ווייסט דאָס אַלץ. אויך אײַער האַנט האָט דערין געשטעקט. נישט סתם־אַזוי זענט איר געקומען צו אונדז אייניקע מאָל. איך באַפעל אײַך, ציוניסטישער שווינדלער, דערציילן מיר אַלץ.

— מיר איז באַקאַנט, אַז אין די לעצטע יאָרן איז דערלויבט געווען די עליה פון טשעכאָסלאָוואַקיע. וואָלט די עליה פון יידן אָנטהאַלטן אין זיך דיווערסיע לגבי דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע — פאַרלאָזט זיך אויף אײַער רעגירונג, זי וואָלט עס נישט געווען דערלויבט. טויזנטער יידן זענען אַרויסגעפאָרן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אָבער אויף אַ לעגאַלן אופן.

— דעמאַגאָג, מען האָט אײַך שוין אויפגעקלערט, אַז נישט די רעגירונג האָט דערלויבט די עליה, נאָר די ציוניסטישע אַגענטן, וועלכע איר האָט אַרײַנגעגנבעט אין אונדזערע רייען: סלאַנסקי, קלעמענטיס, געמינדער, פישעל און די גאַנצע שמוציקע באַנדע.

— די דאָזיקע מענטשן, ווי מיר איז באַוווּסט זענען געווען קעגנער פון ציוניזם. אַלנפאַלס, איר האָט זיי געוויילט אין דער אָנפירונג פון אײַער פּאַרטיי און רעגירונג, און נישט מיר.

— איך וועל מיט אײַך נישט דיסקוטירן וועגן די דאָזיקע פראַגן. זיכער איז אײַך באַוווּסט, אַז יעדער איינער פון די טויזנטער יידן וואָס האָבן אומלעגאַל עמיגרירט קיין ארץ־ישראל, האָט פונדאַנען אַרויסגעשלעפּט אַ גאַנצע פאַבריק. איר האָט צוגערויבט דאָס נאַציאָנאַליזירטע פאַרמעגן פון טשעכאָסלאָוואַקיע. איר האָט אָנגערירט אין אונדזערע עקאָנאָמישע יסודות. איר האָט פּלאַנירט צו שטירצן אונדזער רעזשים. איר זענט אין דעם געווען אַרײַנגעמישט.

— מיר איז באַוווּסט, אַז דער רוב עולים האָבן נישט געהאַט קיין מיטלען. איך האָב נישט געהערט, אַז יעדער עולה זאָל מיט זיך האָבן מיטגעבראַכט אַ פאַבריק. איך ווייס, אַז דער עיקר פון יידישן פאַרמעגן איז איבערגעבליבן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אויב זיי האָבן נישט עולה געווען פאַרן צווייטן וועלט־קריג.

— זיכער איז אײַך באַקאַנט דער ציוניסטישער אַפּעריסט פישעל, וועלכער האָט זיך אַרײַנגעגנבעט אין פינאַנס־מיניסטעריום. ער האָט עס

דערלויבט די עמיגראַנטן קיין ארץ־ישראל אַרויסציען שטילערהייט די פּאַב־ריקן, אוצרות גאָלד, ריזיקע צאָלן וואַלוטע. איר האָט מיטגעאַרבעט מיט דעם דאָזיקן אַפּעריסט, נישט אַזוי?

— ניין, איך קען נישט פישעלן. איך האָב בלויז געהערט זיין נאָמען. ער איז דער אַמיינסטן פאַרהאַסטער מענטש ביי אַלע יידן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ווייל ער, דער דאָזיקער ציון־שונא, האָט נישט ווייניק גורם געווען דערצו, אַז זיי זענען אַרויס פון טשעכאָסלאָוואַקיע מיט גאָרנישט. זיי שעלטן אים ביי יעדער געלעגנהייט.

— נאַרישקייטן. אויף אייערע באַפעלן און אין הסכם מיט סלאַנסקי האָט ער דער טשעכאָסלאָוואַקישער ווירטשאַפט גורם געווען שאָדנס וואָס באַטרעפן מיליאַרדן. אַ וואָסערע איז געווען אייער פאַרבינדונג מיט דער עמיגראַציע־אָרגאַניזאַציע פון טשעכאָסלאָוואַקיע?

— כ׳האָב זיך דערמיט נישט פאַרנומען. כ׳בין געווען טעטיק אין אַנ־דערע שטחים. כ׳האָב אייך שוין פיל מאָל דערציילט וועגן מיין טעטיקייט.

— איר האָט זיך אָבער זייער אָפט געטראָפן מיט רפאל פרידל־בנשלום, וואָס איז דאַן געשטאַנען אין שפּיץ פון ארץ־ישראל־אַמט. האָט דאָך דער דאָזיקער אַמט זיך פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן די עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל.

— איך האָב זיך מיט אים געטראָפן, ווייל ער איז געווען אַ מיטגליד פון מיין באַוועגונג און נישט צוליבן פירן דורך אים דעם ארץ־ישראל־אַמט. ער האָט מיר געהאָלפן אָרגאַניזירן מיין פּאָליטישע טעטיקייט בעת מיינע באַזוכן. ער האָט מיך באַגלייט צו מיין ערשטער אוידיענץ ביי קלעמענטיסן אין אויסערן־מיניסטעריום, אין יאָר 1945. ער האָט פאַר מיר אָרגאַניזירט אַ פּרעסע־קאָנפערענץ. ער האָט מיך באַגלייט צום קבלת־פּנים אין דער אָנ־פירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין פּראָג. ווי חברים פון איין באַ־וועגונג זענען מיר געווען און זענען אויך פריינד. אָבער איך האָב נישט קיין שום שייכות מיטן אָרגאַניזירן די עליה און אין דער טעטיקייט פון ארץ־ישראל־אַמט, וועלכע איז — דרך־אגב — געווען אַן אַבסאָלוט לעגאַלע.

— איר האָט זיך געטראָפן מיט ציוניסטן. געהאַלטן פאַר זיי פאַר־טראָגן. זיכער האָט איר געפּרעדיקט צו עמיגרירן קיין ישראל, דאָס מיינט צו שעדיקן אונדזער רעזשים.

— באַזאַמען מיט אייער רעגירונג אין יענער תקופה, האַלט איך נישט, אַז עליה איז געווען סאַבאָטאַזש קעגן רעזשים. אַלזאָ, כ׳האָב איינציקע מאָל

רעפערירט אויף ציוניסטישע צוזאַמענקונפטן. אָבער אויף אַזעלכע צוזאַמענ־טרעפן איז נישט געווען נייטיק צו פּרעדיקן עליה. להיפך, מען האָט זיי באַדאַרפט פּרעדיקן געדולד, ביז עס וועט קומען זייער ריי און זייער עליה וועט מעגלעך ווערן.

— יעטוועדע ציוניסטישע טעטיקייט, אויב זי איז אויסן געווען די־רעקט אָדער אומדירעקט צו עליה אָדער אַנדערע ציוניסטישע צילן, איז סאַבאָטאַזש אין אונדזער רעזשים. דאָס דאַרף איך שוין זיין קלאָר פונעם גאַנג פון די ביזאיצטיקע אויספאָרשונגען. צי איר האָט יאָ געפּרעדיקט עולה זיין, אָדער נישט — אין דער מאָס וואָס איר זענט געווען טעטיק אינערהאַלב דעם ציוניזם, האָט איר געשעדיקט אונדזער רעזשים, פאַרשטאַנען?

— איך בין נישט געווען טעטיק אינערהאַלב דער ציוניסטישער באַ־וועגונג, ווייל כ׳האָב קיינמאָל נישט געוווינט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. כ׳בין אויפגעטרעטן אויף אייניקע צוזאַמענקונפטן בעת מיינע קורצע באַזוכן און איבערגעגעבן גרוסן פון ארץ־ישראל. כ׳האָב דערציילט וועגן אויפבוי־ווערק פון ישראל און איר גראַנגל. לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס קאָן מען קוואַליפי־צירן אַלס טעטיקייט אינערהאַלב דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָבער זי האָט דאָך דאַן געאַרבעט אויפן יסוד פון די מדינה־געזעצן, אַלס אָנער־קענטע און לעגאַלע באַוועגונג. ס׳איז דאָך אַ ווילקירלעכקייט צו באַצייכע־נען היינט די ציוניסטישע טעטיקייט פון דעמאָלט, ווי סאַבאָטאַזש קעגן דער מדינה. אַזאַ באַצייכענונג איז סאַבאָטאַזש קעגן דער געזונטער לאָגיק.

— זייט נישט חוצפּהדיק, ציוניסטישער שווינדלער. איר געפינט זיך נישט דאָ אויף צו פאָרמולירן דעפיניציעס. האָט איר פאַרגעסן, אַז אייער איינציקע אויפגאַבע איז צו ענטפערן אויף געשטעלטע פראַגן? מיט דער ציוניסטישער סאַבאָטאַזש־טעטיקייט האָט זיך נישט פאַרענדיקט אייער אויפגאַבע אין טשעכאָסלאָוואַקיע. איר האָט זיך אויך פאַרנומען מיט שפּיאָ־נאַזש בעת אייערע באַזוכן ביי אונדז. לויט ווי איך קען אייך, וועט איר דאָס אָפּלייקענען, ריכטיק?

— אָן שום ספק, אַז איך לייקן עס אָפּ.

— כ׳האָב געוווּסט. האָט איר זיך נישט אינטערעסירט מיט דעם וואָס עס קומט פאָר ביי אונדז?

— זיכער האָב איך זיך אינטערעסירט. ווי אַ טרייער סאָציאַליסט האָב איך געוואָלט לערנען וועגן פאָרשריט פון פאָלקס־דעמאָקראַטישן רע־זשים, כדי שרייבן וועגן דעם אין אונדזער פּרעסע, כדי צו פּאָפּולאַריזירן

דעם פּראַגרעס פון דער סאָציאַליסטישער בויונג ביי אייך אין לאַנד, כדי צו פאַרטיפן די פריינדשאַפט פון די אַרבעטער־מאַסן אין ישראל צו דער וועלט פון רעוואָלוציע.

— ביי וועמען האָט איר צונויפגעזאַמלט ידיעות וועגן אונדזערע פּראָבלעמען ?

— כ׳האָב נישט צונויפגעזאַמלט קיין „ידיעות״. כ׳האָב געלערנט וועגן אַנטוויקלונג־טענדענצן, פּראָצעסן. כ׳האָב געהערט אויפקלערונגען וועגן דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. כ׳האָב זיך פיל מאָל געטראָפן מיט ד״ר יאַטשעני, פאָרזיצער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּטיילונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. פון אים האָב איך פיל געלערנט. אויף דער קאָנפערענץ פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּראָפ.־פאַריינען, פאָרגעקומען אין פּראַג אין יאָר 1947, האָב איך אַ סך געלערנט פון די באַריכטן פון די פאָרשטייער פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. די קאָנפערענץ איז געעפנט געוואָרן מיט אַ האַרציקער באַגריסונג פון א. זאַפּאָטאָצקי, אַלס פאָרזיצער פון דער צענטראַלע פון די טשעכאָסלאָוואַקישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, די גאַסט־געבערין פון דער קאָנפערענץ. צווישן אַנדערן האָט ער געבעטן די דעלעגאַטן צו באַזוכן אין פאַרשידענע ערטער, זיי זאָלן לערנען וועגן פאָרשריט פון דער סאָציאַליסטישער בויונג און נאָכן אומקערן זיך אַהיים, זאָלן זיי דער־ציילן די אַרבעטער־מאַסן וואָס זיי האָבן געזען. אויך איך האָב אַזוי געטאָן. איצט באַצייכנט איר דאָס אַלס שפּיאָנאַזש. און נאָך: אומקערנדיק זיך אַהיים פון דער קאָנפערענץ, האָב איך פון אייער אינפאָרמאַציע־מיניסטער, ד״ר קאָפּעצקי, באַקומען אַ שיינעם אַלבום מיט פאָטאָס פון פּראָג און אַ זייער פריינדלעכן בריוו. ער האָט מיר געדאַנקט פאַרן גרויסן אינטערעס וועלכן כ׳האָב אַרויסגעוויזן מיט דער אַנטוויקלונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע און איר פאָרשריט אויף אַלע געביטן. ער האָט אויך אַרויסגעזאָגט זיין זיכערקייט, אַז מיין פריינדשאַפט צו טשעכאָסלאָוואַקיע וועט זיך כסדר פאַרטיפן. ער, אייער אינפאָרמאַציע־מיניסטער — דוכט זיך אַז ער איז אויך וויצע־פּרעמ־יער — האָט מיין פאַראינטערעסירונג מיט טשעכאָסלאָוואַקיע נישט באַצייכנט אַלס שפּיאָנאַזש. אַנטשולדיקט מיר אויב כ׳וועל אייך זאָגן, אַז כ׳באַצי זיך נישט ערנסט צו אייער אָפּשאַצונג, נאָר איך אידענטיפיציר זיך מיט דער מיינונג פון אייער מיניסטער און שעץ זי.

— דאָס איז זיכער ווידער איינער פון אייערע געוויינלעכע שקרים. איר האָט נישט באַקומען קיין שום בריוו אַזעלכן. דאָס איז אויך נישט וויכ־

טיק. באַשטימענדיק איז אונדזער מיינונג. סלאַנסקי איז געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון אונדזער פּאַרטיי און דערנאָך וויצע־פּרעמיער. אָבער מיר, די זיכערהייט־פּאָליציי, האָבן אים אַנטפּלעקט ווי אַ פּאַרעטער און שפּיאָן און איצט פּוילט ער אין תפיסה אַזוי ווי איר.

— ער איז זיכער אַזאַ „שפּיאָן" און „פּאַרעטער" ווי איך.

— וויזט נישט אַרויס קיין חוצפה מיט איראָנישע באַמערקונגען, אַפּעריסט וואָס איר זענט. ביידע זענט איר שפּיאָנען און פּאַרעטער, שמוציקע יידן.

עטלעכע שעהן ראַנגל איך זיך מיט אים וועגן נוסח פון פּראָטאָקאָל. שפּעטע נאַכט־שעהן. יעדע פראַגע און ענטפער קאָסט מיך בלוט. צום סוף שרייב איך אונטער. מיר שיינט, אַז אין פּראָטאָקאָל רעדט זיך נישט דירעקט וועגן ציוניסטישן סאַבאָטאַזש און שפּיאָנאַזש. דאָרט ווערט נאָר גערעדט וועגן מיין ציוניסטישער טעטיקייט, וואָס איז אויסן געווען צו דערמוטיקן עליה אדג"ל. דאָרט ווערט נאָך געזאָגט, אַז כ'האָב אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס אין די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון טשעכאָסלאָוואַקיע און געזאַמלט ידיעות אין פאַרשידענע געביטן פונעם מדינה־לעבן. אַלץ איז צוזאַמענגעשטעלט אין אַ פאָרם, וואָס לאָזט צו פאַרדעכטיקע קאָמענטאַרן, אומגינסטיקע פאַר מיר פּירושים. אין אַ שעת־הצורך וועט מען „אויסטייטשן" דעם פּראָטאָקאָל אַלס באַזע פאַר בלבולים פון סאַבאָטאַזש און שפּיאָנאַזש קעגן מיר. פון מיינע ממשותדיקע ענטפערס איז אין פּראָטאָקאָל נישט אַריינגענומען געוואָרן קיין שום זאַך וואָס זאָל קאָנען צעשטערן זייערע פּלענער. די „ענטפערס פונעם געפאַרשטן" אין פּראָטאָקאָל זענען אין דער אמתן... די ענטפערס פונעם אויספאָרשער.

איך ראַנגל זיך מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג פּרוביר איך אַריינקוקן אין פּראָטאָקאָל איידער איך לייג אַרויף מיין אונטערשריפט. בין איך טאַקע זיכער, אַז דאָרט רעדט זיך נישט בפירוש וועגן סאַבאָטאַזש און שפּיאָנאַזש? דוכט זיך, אַז ניין. קיין אַבסאָלוטע זיכערקייט האָב איך נישט.

איך שרייב אונטער, אַ שרעקלעך געפיל באַהערשט מיך, אַ געפיל פון הילפלאָזיקייט אין גוף און אין דער נשמה. דער פרימאָרגן לייכט זיך שוין. אַלץ אין מיר שרייט נאָך אַ ביסל שלאָף. און איצט קומט דאָס שרעקלעכסטע פון אַלעמען. דער אויספאָרשער דערנענטערט זיך צו מיר. ער ווינקט מיר, אַז כ'זאָל אויפשטיין און זיך אַוועקשטעלן אויף אַכטונג.

— און איצט דערציילט מיר וועגן אייערע געשפּרעכן מיט בעקעל־מאַן!

איך ענטפער נישט.

— דערציילט מיר וועגן די געשפּרעכן מיט בעקעלמאַן! פאַרוואָס דערציילט איר נישט? — זידלערייען.

איך ענטפער נישט.

דער פרימאָרגן־קלונג. און ער איזדיעקעוועט זיך נאָך איבער מיר אַ לאַנגע צייט.

איך לאָז נישט אַרויס דעם אָטעם פון מויל. מיט זידלערייען וואַרפט ער מיך אַרויס אין קאָרידאָר. אויף אַ גראָבן אופן פירט ער מיך אין מיין קאַמער.

דאָס איז די אַכטע נאַכט אָן שלאָף.

די צווייטע וואָך אָן שלאָף. מיין שכן זאָגט, אַז אין זיינע אויגן בין איך אַ רעטעניש. וויאַזוי קאָן איך שטיין אויף די פיס? אַרומגיין אין קאַמער? ער זאָגט, אַז איך זע אויס ווי אַ געשפּענסט. דער קאַפּווייטיק לאָזט נישט אָפּ. באַקומען אַ פּיל קעגן קאָפּווייטיק איז אַ קאָמפּליצירטער ענין. עס געשעט, אַז זי קומט צו דיר ערשט צומאָרגנס. און אויב האָסט מזל, באַקומסטו זי אין צוויי שעה אַרום. דו דאַרפסט זי אַראָפּשלינגען און שפּאַצירן איבער דער קאַמער. מען טאָר זיך נישט אַוועקלייגן בייטאָג. און זיצן — האָסטו מורא, אַז דו וועסט איינדרימלען. עס טרעפט, אַז אַ שרעקלעכער קאָפּווייטיק כאַפּט מיך אָן בעת דער אויספאָרשונג. איך בעט אַ ווילע אָפּ־שטעלן די אויספאָרשונג. דער אויספאָרשער שרייט, הלמאי איך „מאַך אַן אָנשטעל״. אָפּטמאָל ברענגט מיר אַ וועכטער אַ פּיל. איך שלינג זי אַראָפּ און די אויספאָרשונג גייט ווייטער — ווען איך שפּיר, אַז אָט־אָט וועט מיין קאָפּ איינגאַנצן צעפּלאַצט ווערן.

דער אויספאָרשער נעמט אַרויס פון זיין שופלאָד אַ בילד און דער־לאַנגט מיר. אַ כינוס פון „השומר הצעיר״ אין פּראַג, אָנהייב 1949. ער ווייזט אָן אויף איינעם פון די מענטשן. „ווער איז ער?״ איך ענטפער: „יעקב מאיוס״.

— פאַרוואָס האָט איר ביז איצט נישט דערציילט וועגן דאָזיקן שפּיאָן?

— ער איז נישט קיין שפּיאָן. היינט איז ער סעקרעטאַר פון דער שלום־באַוועגונג אין ישראל, אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון מפ״ם.

— דערציילט נישט קיין נאַרישקייטן. אייניקע יאָרן האָט ער אין טשעכאָסלאָוואַקיע זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש לטובת ישראל און דעם מערב.

— עמעץ האָט דאָס אויסגעטראַכט.

— איר קענט אים אַוודאי גוט. וויפל יאָר האָט ער געוווינט אין טשעכאָסלאָוואַקיע? אַ וואָסערע אויפגאַבן האָט ער געהאַט ביי אונדז?

— איך קען אים פיל יאָרן. ער איז געשיקט געוואָרן קיין טשעכאָ־סלאָוואַקיע דורך אונדזער באַוועגונג און פון אונדזער צייטונג. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז ער געווען טעטיק אין פּראָג אין די יאָרן 1947—1949. זיין אויפגאַבע איז געווען אָנצופירן מיטן אייראָפּעישן ביוראָ פון דער העכסטער אָנפירונג פון „השומר הצעיר". די ביוראָ האָט ביזן יאָר 1949 זיך געפונען אין פּראָג. אויסערדעם האָט ער באַדינט דעם „על המש־מר" אַלס קאָרעספּאָנדענט אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. ער פלעגט אונדז איבערשיקן אַרטיקלען, קאָרעספּאָנדענצן און אָפּהאַנדלונגען פול מיט פּאָזיטיווקייט און סימפּאַטיע וועגן טשעכאָסלאָוואַקיע און די אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. צוליבן דאָזיקן אַמט האָט ער באַזוכט די אַלע לענדער.

— מיט וואָס האָט ער זיך באַשעפטיקט אויסער דעם?

— מיטן צוריקקערן זיך קיין ישראל איז קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט זיך פאַרנומען מיט נאָך עפּעס וויכטיקס. מיט שרייבן אַ בוך וועגן די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. אַן אינטערעסאַנטן, וויסנשאַפטלעכן, אין פּאָזיטיוון און סימ־פּאַטישן גייסט, איבערן וועג פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, אַלס וועג צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. דער נאָמען פון בוך — „פעלקער בויען זייער צוקונפט". דאָס בוך איז דערשינען אינעם פאַרלאַג פון אונדזער באַ־וועגונג — „ספרית פועלים". דאָס איז אויך דאָס איינציקע בוך אין דער העברעישער שפּראַך וועגן די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס און איך מיין — איי־נער פון די ווייניקע ביכער אויף דער דאָזיקער טעמע אין דער פּאָליטיש־סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

— דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ מאַסקירונג פאַר דער עיקרדיקער טעטיקייט. דערציילט מיר וועגן זיין עיקרדיקער אַרבעט צוליב וועלכער ער איז געשיקט געוואָרן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע.

— איך האָב אייך געזאָגט צו וואָס ער איז געשיקט געוואָרן קיין פּראָג און מיט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען. כ׳האָב נישט מער וואָס צוצוגעבן.

— חוצפּהדיקער שווינדלער, איר וועט נאָך אַ סך צוגעבן. דער עיקר האָט איר נאָך נישט דערציילט. איך האָב אַ פולע טעקע וועגן דער טעטיקייט פונעם שפּיאָן־דיווערסאַנט יעקב מאַיוס. — ער ווייזט אָן אויף איינער פון די טעקעס מיט פּאַפּירן וואָס ליגט אויפן שרייבטיש: — זיכער האָט איר זיך זייער אָפט געטראָפן, קומענדיק קיין פּראָג. צוליב וואָס האָט איר זיך געטראָפן? וועגן וואָס האָט איר געשמועסט?

—ביידע געהערן מיר צום צענטראַל־קאָמיטעט פון אונדזער פּאַרטיי. ביידע זענען מיר גוטע פריינד. זיכער פלעג איך זיך מיט אים טרעפן, ווען כ׳בין געקומען קיין פּראָג. ער איז געווען אינטערעסירט צו הערן פון מיר וועגן די לעצטע אַנטוויקלונגען אין לאַנד און וועגן מיין פּאָליטישער טעטיקייט אין פאַרשידענע לענדער, אַריינגערעכנט טשעכאָסלאָוואַקיע. און איך פון מיין זייט בין געווען פאַראינטערעסירט צו הערן פון אים וועגן די פּראָבלעמען פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. ער האָט באַוויזן זיך אויסצולערנען טשעכיש און געלייענט די אָרטיקע פּרעסע. אָפטמאָל האָבן מיר זיך צוזאַמען באַשעפטיקט מיט באַשטימטע אַקטיוויטעטן. איך געדענק, אַז מיר האָבן ביידע באַזוכט אונדזער געמיינזאַמען באַקאַנטן, דעם פּוילישן אַמבאַסאַדאָר אין פּראָג, אָלשעווסקי. צוזאַמען האָבן מיר זיך געטראָפן מיט אונדזער געמיינזאַמען באַקאַנטן ד״ר כּץ־סוכי, פּוילנס פאָרשטייער אין אונ״אָ, ווען ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין פּראָג, אויפן וועג פון זשענעווע קיין וואַרשע.

— אורן, איך זאָג אייך מיט גוטן, אַז איר זאָלט מיך אויפהערן צו שטאָפּן מיט קינדער־מעשהלעך. איך וויל איר זאָלט מיר דערציילן דעם עיקר פון מאַיוסעס טעטיקייט און וועגן אייערע געשפּרעכן. דעם עיקר, וואָס איר באַהאַלט עקשנותדיק אויס. איך וועל אייך העלפן: אונטער דער מאַסקע פונעם לייטער פון איראָפּעישן ביוראָ פון אייער באַוועגונג און קאָרעספּאָנדענט פון אייער צייטונג, האָט מאַיוס אינסטרואירט אַלע אייערע שפּיאָנען (די „שליחים״) אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס אין זייער שפּיאָנאַזש־טעטיקייט. ער איז געווען דער ראש פון די ציוניסטישע שפּיאָנען אין איראָפּע. דערפאַר פלעגט ער אַזויפיל מאָל פאָרן פון פּראָג אין די הויפּטשטעט פון די איבעריקע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. פאַראַן ביי מיר אַ רשימה פון אַלע זיינע רייזעס. און איר זענט געקומען אינסטרואירן דעם ראש פון די שפּיאָנען, מאַיוסן. וועגן דעם דאַרפט איר דערציילן.

— איך האָב נישט וואָס צו דערציילן וועגן זאַכן וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

אייניקע שעהן ראַנגלט זיך דער אויספאָרשער מיט מיר. צענדליקער מאָל חזרט ער איבער זיינע פראַגן. צענדליקער מאָל חזר איך איבער מיינע ענטפערס. איך גיב צו פאַרשידענע אַרגומענטן צו פאַרטיידיקן מאַיוסן, וואָס דאָס איז אויך אַ פאַרטיידיקונג פאַר מיר זעלבסט. איך באַמערק, אַז אין צענטראַל־קאָמיטעט פון מפ״ם זיצן נישט קיין שפּיאָנען קעגן די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. ער זאָגט, אַז אין צענטראַל־קאָמיטעט פון זיין פּאַרטיי האָבן זיי אַנטדעקט — ביי די צענטראַלע שליסל־פּאָזיציעס — שפּיאָנען און געשוווירענע שונאים פון סאָציאַליזם.

ער ציט מיך אַרויס פון די כלים. איך באַמערק: מפ״ם איז נישט קיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי. צו די שליסל־פּאָזיציעס פון מפ״ם דערווילט מען נישט קיין שפּיאָנען און פיינד פון סאָציאַליזם. פאַר מיינע בייסיקע רייד כאַפּ איך אַריין אַן אָנשטענדיקע, געוויינלעכע פּאַרציע. „דער גאַנצער צענטראַל־קאָמיטעט פון מפ״ם — שרייט ער — איז נישט מער ווי אַ צענטער פון שפּיאָנאַזש־דינסט״. איך חזר איבער מיין טענה, אַז מפ״ם איז נישט קיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי. איך געדענק פאַלן, ווען גאַנצע צענטראַל־קאָמיטעטן פון קאָמוניסטישע פּאַרטייען זענען געוואָרן אויפגעלייזט, ווייל זיי זענען כלומרשט געווען צוזאַמענגעשטעלט פון לויטער שפּיאָנען און פיינד פון סאָציאַליזם. מפ״ם איז נישט קיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי, נאָר אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע. דער אויספאָרשער וואַרפט זיך ווידער אויף מיר.

ער קוקט אַ ווײַלע אַריין אין די אַקטן, וואָס ער האָט באַצייכנט אַלס „אַקטן פון מאַיוס״.

— ווילט איר נישט, אַלזאָ, דערציילן וועגן דער שפּיאָנאַזש־טעטיקייט פון מאַיוס. איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז אייך שווער צו טאָן. דאָס קאָן נאָך אויך אייך דעמאַסקירן ווי אַ שפּיאָן. אָבער איר זענט אַ פולשטענדיקער שוטה. אייער מאַיוס איז גאָרנישט אַזאַ נאַר. ער האָט זיך שוין אין אַלץ מודה געווען. איר זענט איבעראַשט, וואָס? ער וועט אויך אייך העלפן זיך מודה זיין אין די פאַרברעכערישע און מיאוסע מעשים. פאַרבינדט זיך די „שמאַטע״. נאָכמיטאָג וועלן מיר אייך אַ ביסל איבערלאָזן אינעם לאָך. איר וועט קאָנען אַ ביסל נאָכקלערן וועגן דעם וואָס איר האָט געהעדט. ביינאַכט וועלן מיר זיך זען.

איך גיי צוריק אין קאַמער.

מאַיוס „האָט זיך אין אַלץ מודה געווען". סתם אַ בלאַף. איך דערמאָן זיך, אַז מיט אַ דרייפערטל יאָר צוריק איז ער געווען אין ווין, אויפן ראַט פון דער שלום־באַוועגונג. דוכט זיך, אַז ער איז אויך געפאָרן קיין פּראַג. איז אַנצונעמען, אַז ער איז ווידער אַרויסגעפאָרן קיין אייראָפּע און אויך דאָס־מאָל פאַרפאָרן קיין פּראַג? וואָגן נאָך איצט ישראלדיקע שליחים צו קומען קיין פּראַג? אפשר ווייסן זיי טאַקע נישט אין ישראל וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט? און אפשר איז באַוווּסט געוואָרן וואָס ס'איז מיט מיר געשען און מאַיוס איז דאָ געשיקט געוואָרן אויף צו פאַראינטערעסירן זיך מיט מיין גורל? איך גלייב נישט. דאָס איז אַ גראָבער שווינדל. דאָס איז זייערער אַ פּאָרטל אין דער אויספאָרשונג, אין זייער פּסיכאָלאָגישער מלחמה קעגן מיר, קעגן מיינע נערוון. און אפשר פאָרט?

ביינאַכט. איך זיץ אין מיין ווינקל. דער אויספאָרשער קוקט אַלץ אַריין אין די אַקטן. דוכט זיך, אַז דאָס זענען „די אַקטן מאַיוס". דער אויס־פאָרשער שענקט מיר נישט קיין בליק. אין איינעם פון די ווינקלען דערזע איך עפּעס וואָס האָט זיך דאָרט נישט געפונען פאַרמיטאָג: צוויי טשעמאָ־דאַנעס.

?!?

פון מיין זיץ־אָרט אין ווינקל וואַרף איך געגנבעטע בליקן צום צווייטן ווינקל — צו די צוויי טשעמאָדאַנעס.

די טשעמאָדאַנעס באַאומרואיקן מיך זייער.

פון די אַקטן ציט דער אויספאָרשער אַרויס עפּעס וואָס איז ענלעך צו אַ פּאַספּאָרט אין אַ לעדער־פּוטעראַל. ער מישט דעם פּאַספּאָרט. דער אויספאָרשער שיקט צו מיר פאַרגנבעטע בליקן.

וועמ זענען עס די דאָזיקע טשעמאָדאַנעס? וואָס איז דער פּאַספּאָרט? מיין פּאַספּאָרט איז נישט געווען איינגעוויקלט אין אַ לעדער־הילע. איז פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן די צוויי זאַכן און די אָנדייטונגען פון אויס־פאָרשער: „מאַיוס האָט זיך שוין אין אַלץ מודה געווען?" איך גלייב נישט.

אַ דערשטוינלעכער ענין. ער הערט נישט אויף באַלעסטיקן מיין געדאַנק.

דער אויספאָרשער לייגט אַוועק דעם פּאַספּאָרט, אַן אָפּענעם, אויפן טיש. ער פּאַסט צו אַ בויגן פּאַפּיר צו דער גרייס פון פּאַספּאָרט, שניידט פון אים אויס אַ קוואַדראַט און לייגט אַוועק דאָס פּאַפּיר אויפן פּאַספּאָרט. ער

פֿאַרבעט מיך צוצוגיין צום טיש. ער ווייזט אָן אויפֿן פּאַספּאָרט. „ווער איז דאָס?" איך קוק. פֿונעם פּענצטערל וואָס אין בויגן פּאַפּיר, קוקט אַרויס דאָס בילד פֿון יעקב מאַיוס. אונטן — זיין העברעישע אונטערשריפֿט. אינ־סטינקטיוו צי איך אויס מיין האַנט אויף אַרונטערצונעמען דעם בויגן פּאַפּיר.

— נשט אָנרירן! ווער איז דער מאַן אויפֿן בילד?

— יעקב מאַיוס!

— גייט צוריק אויף אייער אָרט. איר זאָגט זיך נאָך אַלץ אָפּ צו דערציילן וועגן זיין שפּיאָנאַזש־טעטיקייט אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין אַנדערע פֿאָלקס־דעמאָקראַטיעס? ווילט איר דאָס הערן פֿון מאַיוסן זעלבסט? ווילט איר אים זען און זיך חבריש אַדורכשמועסן וועגן שפּיאָנאַזש־ענינים? אין אייניקע מינוטן קאָן איך אייך צונויפֿפֿירן, אויב דאָס איז אייער פֿאַר־לאַנג. ווילט איר דאָס?

איז דאָס מעגלעך, אַז מאַיוס איז אַריינגעפֿאַלן אין זייערע הענט? די טשעמאָדאַנעס. דער פּאַספּאָרט מיט זיין בילד און אונטערשריפֿט. די אָנדיי־טונגען פֿונעם אויספֿאָרשער. אָבער מיר איז שווער אין אַזאַ מאָס צו צוויי־פֿלען אין דעם פּאָליטישן חוש פֿון צ. ק. מפּ"ם און אָננעמען, אַז ער האָט אַהערגעשיקט מאַיוסן, וואָס איז בשעתו געווען טעטיק אין פּראָג. סוף־כּל־סוף ווייסן זיי דאָך נישט קלאָר וואָס מיט מיר איז געשען — אָן שום ספק שטויסן זיי זיך אָן וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. אָבער — אפֿילו ווען זיי ווייסן וואָס מיר איז, ווייסן זיי אוודאי נישט ביז איצט, אַז מען מאַכט פֿון מיר אַ „שפּיאָן" און „פֿאַרעטער"; אַז מען לייגט אויף מיר אַרויף לעכער־לעכע באַשולדיקונגען. וויאַזוי אויפֿפּלאָנטערן דאָס דאָזיקע רעטעניש? געפֿינט זיך טאַקע מאַיוס אין זייערע הענט, אָדער מיינע אויגן זעען דאָ אַ פֿאַרטל פֿונעם אַרסענאַל גאַנגסטערישע תחבולות פֿון די אויספֿאָרשער?

דער אויספֿאָרשער רייסט מיך אַרויס פֿון מיינע מחשבות:

— וואָס זענט איר אַזוי פֿאַרזונקען אין מחשבות? איך פֿאַרשטיי, אַז אַ צוזאַמענטרעף מיט מאַיוסן אין די דאָזיקע אומשטענדן וועט אייך נישט זיין אָנגענעם. פֿונדעסטוועגן, ווען דער מאָמענט וועט קומען, וועט איר נישט אויסמיידן דעם צונויפֿטרעף. דערציילט דעריבער פֿון פֿרייען ווילן וועגן דער שפּיאָנאַזש־טעטיקייט פֿון מאַיוסן.

— כ'האָב נישט וואָס צו דערציילן וועגן אַזעלכע טעטיקייטן. וועגן זיין אמתדיקער ארבעט האָט איך דערציילט.

— איר האָט דערציילט, אַז ער האָט געשריבן אַ בוך וועגן די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. איר האָט דערציילט, אַז ער האָט באַדינט אייער צייטונג מיט אינפאָרמאַציעס וואָס ביי אונדז קומט פאַר. אויף צו שרייבן אַ בוך און צונויפשטעלן אַרטיקלען אין דער צייטונג האָט ער געמוזט צונויפזאַמלען ידיעות. נישט אַזוי? ווו האָט ער געזאַמלט די ידיעות און וואָס האָט ער מיט זיי געטאָן?

— איך נעם אָן, אַז דעם מאַטעריאַל האָט ער צונויפגעזאַמלט אין די אָפיציעלע אַמטן, אין דער אָרטיקער פרעסע, אין צוזאַמענטרעפן מיט פאַרשידענע מענטשן. וואָס ער האָט דערמיט געטאָן? אויף דעם יסוד האָט ער געשריבן זיינע אַרטיקלען פאַר דער צייטונג. ער האָט אָנגעשריבן זיין בוך, וואָס מאַכט גוטע פראָפּאַגאַנדע פאַר די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

— איר ווייסט וועלכע קאַטעגאָריע ידיעות איך בין אויסן. פאַרדרייט מיר נישט דעם קאָפּ. ווו פלעגט ער זיי שיקן? מיט וועלכע פערזענלעכקייטן האָט ער זיך געטראָפן, כדי אַרויסצובאַקומען ידיעות? וויאַזוי הייסן זיי?

— זיינע אַרטיקלען האָט ער געשיקט אין רעדאַקציע „על המשמר“. כ׳פאַרשטיי וואָס איר ווילט פון מיר. אָבער כ׳קאָן אַנדערש נישט ענטפערן, ווי נאָר מיטן אמת. מיט וועלכע מענטשן ער האָט זיך געטראָפן אין שייכות מיט זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט אָדער אין שייכות מיט זיין שרייבן דאָס בוך — ווייס איך נישט. אין פראַג פלעג איך ווײלן בלויז געציילטע טעג. איך האָב זיך נישט אינטערעסירט מיט פרטים פון דעם מין.

— איר זענט מודה, אַז ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט זשורנאַליסטישער טעטיקייט. זיכער איז אייך באַוווּסט, אַז דאָס זשורנאַליסטישע פאַך איז אַ קאַמופלאַזש פאַר שפּיאָנאַזש. אויך איר זענט אַ „זשורנאַליסט“. אַ צייטונגס־מענטש איז אין דער אמתן אַ שפּיאָן. דאָס איז אייך באַוווּסט?

— ניין. כ׳האָב עס דאָס ערשטע מאָל געהערט דאָ פון אייך. און איך בין נישט מסכים מיט אייך. אייער פּוטשיק וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס איז געווען אַ זשורנאַליסט. איך בין זיכער, אַז ער איז נישט קיין שפּיאָן. בעתן נירנבערגער פּראָצעס האָב איך געזען דעם סאָוויעטישן שרייבער און זשורנאַליסט באָריס פּאָלעוואָי. איך בין זיכער, אַז אויך ער איז נישט קיין שפּיאָן. אויך איך בין נישט קיין שפּיאָן, אויך נישט מאַיוס.

— פאַרשמוצט נישט די נעמען פון פּוטשיק און פּאָלעוואָי. חוצפּה־דיקער ציוניסטישער שווינדלער. איך האָב נישט געמיינט קיין קאָמוניס־

טישע זשורנאַליסטן. איך האָב גערעדט וועגן קאַפּיטאַליסטישע ציַיטונגס־מענטשן. וואָס שייך מאַיוסן — קלאָר, אַז ער האָט געמוזט צונויפּזאַמלען ידיעות. איר זאָגט זיך בלויז אָפּ צו באַשטעטיקן, אַז ער האָט זיי איבער־געשיקט אין פאַרשידענע שפּיאָנאַזש־דינסטן קיין ישראל און אַנדערע לענדער.

— איך בין מודה אין זאַך: זייענדיק אין פּראַג, האָט ער געשריבן אַרטיקלען און אַ בוך וועגן די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, אין גייסט פון אי־דענטיפיצירן זיך מיטן וועג פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. עס איז אייער רעכט צו באַצייכענען דאָס אַלס שפּיאָנאַזש לטובת ישראל און דעם מערב. אָבער דאָס איז קעגן די געזעצן פון לאָגיק און אמת.

— ניין. די אַרטיקלען און דאָס בוך זענען אַ מאַסקירונג פאַר דער שפּיאָנאַזש־טעטיקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך באַשעפטיקט און אָנגעפירט ביי אונדז און אין אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. איר זאָגט זיך אָפּ דאָס צו באַשטעטיקן?

— אַבסאָלוט.

— גוט. מיר האָבן צייט. מירן זיך נאָך אומקערן צו דעם ענין. — ער קוקט אַריין אין די אַקטן.

— וואָס איז אייך באַוווּסט וועגן ציוניסטישן אַגענט און מערבדיקן שפּיאָן אליהו גאָזשאַנסקי, וועלכער האָט באַזוכט טשעכאָסלאָוואַקיע? וואָס איז אייך באַוווּסט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט מאַיוסן?

— אליהו גאָזשאַנסקי האָב איך געקענט פּערזענלעך. ער איז נישט געווען קיין ציוניסטישער אַגענט און מערבדיקער שפּיאָן. ער איז געווען איינער פון די אָנפירנדיקע קאָמוניסטן אין ישראל. מיר איז באַוווּסט, אַז ער פלעגט באַזוכן די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין וואַרשע, אין יאָר 1948. איך נעם אָן, אַז אין טשעכאָסלאָוואַ־קיע פלעגט ער זיך טרעפן מיט מאַיוסן. דוכט זיך, אַז מאַיוס האָט מיר גע־האָט דערציילט, אַז ער האָט זיך מיט אים באַגעגנט עטלעכע מאָל. נאָר איך געדענק נישט קיין פּרטים. איך געדענק מיין באַגעגעניש מיט גאָזשאַנסקין אין וואַרשע.

— איז אייך באַוווּסט וויאַזוי ער איז געשטאָרבן?

— יאָ, ער איז אומגעקומען בעת אַ קאַטאַסטראָפע פון טשעכאָסלאָ־וואַקישן עראָפּלאַן איבער גריכנלאַנד. דאָס איז געשען, דוכט זיך, אָנהייב 1949. אפשר אין סוף 1948.

— אויב ער האָט זיך געטראָפן מיט אייך און מיט מאַיוסן איז עס נאָך אַ באַוויז, אַז ער איז געווען אַ ציוניסטישער אַגענט און אַ מערבדיקער שפּיאָן. זיינע באַגעגענישן מיט אייך זענען ווידער נאָך אַ באַוויז אויף אייך אַלס שפּיאָנען.

— אונדזערע באַגעגענישן זענען נישט אויף דעם קיין שום באַוויז נאָר דאָס, אַז טראָץ די מיינונגס־פאַרשידנהייטן וואָס צווישן אונדז, האָבן מיר אין יאָר 1948 זיך געטראָפן אויף איין בשותפותדיקן טעטיקייט־געביט: מאָביליזירן הילף פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס פאַר דער מלחמה אין ישראל מיט די אַראַבישע אַגרעסאָרן.

— דער פאַקט, וואָס גאָזשאַנסקי האָט זיך באַמיט מאָביליזירן הילף פון די סאָציאַליסטישע לענדער לטובת דער ציוניסטישער מלחמה־אַוואַנטורע, זאָגט קלאָר, אַז ער איז געווען אַ ציוניסטישער אַגענט. און יעדער ציוניסטישער אַגענט איז אַ שפּיאָן.

— אויב דאָס איז אמת, באַשולדיקט איר די גאַנצע ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ציוניזם און אין שפּיאָנאַזש. גאָזשאַנסקי, ווי איינער פון די פירער פון מק״י, האָט אַדורכגעפירט זיין שליחות אין אויפטראַג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון מק״י. איר באַשולדיקט אין ציוניזם און אין שפּיאָנאַזש אויך דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון מק״י — ש. מיקוניס. אויך ער, מיט דער הסכמה פון דער ישראל־רעגירונג, איז אַרויסגעפאָרן אין יאָר 1948 קיין רומעניע, כדי זיכערן ברענשטאָף פאַרן פּיאָנערישן ישראלדיקן לופט־פלאָט. ער האָט אויך באַזוכט טשעכאָסלאָוואַקיע און אויך דאָ געווען טעטיק פאַרן מאָביליזירן יעטוועדע מעגלעכע הילף פאַר דער „ציוניסטישער מלחמה־אַוואַנטורע" אין ישראל.

— יעדער וואָס איז געקומען פון ישראל צו פאַרדרייען אונדז אַ קאָפּ וועגן הילף פאַר ישראל האָט סאַבאָטירט אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אינעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים. אָבער איצט פאַרנעמען מיר זיך מיט גאָזשאַנסקין. איר זאָגט, אַז איר האָט זיך מיט אים געטראָפן אין וואַרשע. ווייסט איר מיט וואָס ער האָט זיך דאָרט באַשעפטיקט? מיט וואָס האָט איר זיך ביידע פאַרנומען? דערציילט איינצלהייטן!

— אין יענע טעג — דאָס איז געווען זומער 1948 — בין איך פון פּראָג געקומען קיין וואַרשע. כ'האָב געהאַט בדעה צו באַזוכן די זומער־קאָלאָניע פון די אָנפירנדיקע „השומר־הצעיר"־חברים אין פוילן. כ'האָב זיך אָבער פאַרהאַלטן אין וואַרשע, כדי קאָנטראָלירן די מעגלעכקייט פון איינ־

שאַפן געוועדער פאַר ישראל.

— קאָן יעדער איינער אין ישראל איינשאַפן געוועדער פאַר ישראל?

— דער ישראלדיקער גענעראַל־קאָנסול אין פּראַג האָט מיך געבעטן וועגן דעם מטפּל זיין (אין וואַרשע איז נאָך נישט געווען קיין ישראלדיקע דיפּ־לאָמאַטישע פאַרשטייערשאַפט). כ׳האָב פון אים אויך באַקומען אַ רעגירונגס־פולמאַכט צו פאַרנעמען זיך מיט די דאָזיקע ענינים.

— מיט וועמען האָט איר זיך געטראָפן אין דער פּראַגע פון געוועדער?

— מיט יאַקוב בערמאַן, אונטערשטאַט־סעקרעטאַר ביים פּרעמיער און אויף זיין רעקאָמענדאַציע — מיט אַ גענעראַל אין פאַרטיידיקונג־מי־ניסטעריום. זיין נאָמען געדענק איך נישט.

— איר געדענקט זיכער זיין נאָמען, נאָר איר ווילט אים נישט אַנט־פּלעקן. איר וועט נאָך אויסזאָגן.

(זיכער געדענק איך, דאָס איז געווען גענעראַל קאָמאַר, נאָר איך האַלט זיך אָפּ פון דערמאָנען זיין נאָמען).

— וואָס נאָך האָט איר געטאָן אין וואַרשע?

— כ׳האָב זיך געטראָפן מיטן וויצע־אויסערן־מיניסטער וויערבלאָוו־סקי, מיטן לייטער פון אינפאָרמאַציע־אָפּטייל אין אויסערן־מיניסטעריום (וועלכער האָט געהאַט דעם ראַנג פון אַ מיניסטער) גראָש, מיט כץ־סוכי, פוילנס פאָרשטייער אין אונ״אָ. כ׳האָב זיך געטראָפן מיט פאָרשטייער פון דער פּרעסע. אין ראַדיאָ וואַרשע האָב איך געהאַט אַ שמועס וועגן דער זעלבשטענדיקייט־מלחמה פון ישראל. אויף דער טעמע האָב איך אויך רע־פערירט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַקטיוויסטן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריי־נען אין וואַרשע. כ׳האָב זיך געטראָפן מיט אָנפירנדיקע חברים פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. כ׳האָב זיך אויך באַטייליקט און אַרויסגעטרעטן פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן. כ׳האָב אויך געהאַט אַ שמועס מיטן פאָרזיצער פון דער פריינדשאַפט־ליגע פוילן—ישראל, פּראָפ. ראַסטאַפּינסקי. און דעסגלייכן האָב איך זיך געטראָפן מיט אליהו גאָזשאַנ־סקי, אויף זיין איניציאַטיוו.

— וואָס האָט ער פון אייך געוואָלט?

— ער האָט מיר דערציילט וועגן זיין טעטיקייט. ער האָט זיך ספּע־ציעל פאַרנומען דערמיט, אַז יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן זאָל דערלויבט זיין עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און זיך אָנשליסן אין אונדזער מלחמה. אויך האָט ער געבעטן אַ דערלויבעניש אויפצושטעלן אַ לאַגער פאַר אינטער־

טיוּער מיליטערישער אויסשולונג פון יידישע יונגעלייט וואָס גרייטן זיך עולה צו זיין קיין ישראל. פּראַקטיש האָבן מיר גערעדט וועגן אויפשטעלן אַ געזעלשאַפטלעכן יידישן קאָמיטעט צו מאָביליזירן אין פאַרשידענע פאַר־מען הילף פון פוילן פאַרן גערוגל פון ישראל. אין דער פראַגע האָבן מיר זיך אייניקע מאָל געטראָפן.

— גאָזשאַנסקי האָט אַלזאָ געדינט דעם ציוניזם. פאַרוואָס לייקנט איר, אַז ער איז געווען אַ ציוניסטישער אַגענט?

— ער איז אויך דעמאָלט געווען קעגן ציוניזם. נאָר אין יענער צייט האָט ער באַדינט דעם ענין פון מדינת ישראל און איר פרייהייט. ער און אויך דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון מק״י האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט דער אַלגעמיינער ליניע פון די סאָציאַליסטישע לענדער, וואָס האָבן גע־שטיצט ישראל אין איר מלחמה.

— נאָר פאַרמאַסקירטע ציוניסטישע אַגענטן און פאַרעטער, ווי סלאַנסקי, קלעמענטיס און זייערע גלייכן אין פוילן, האָבן געשטיצט מדינת ישראל.

— גראָמיקאָ האָט אין נאָמען פון ראַטנפאַרבאַנד דעקלאַרירט זיין שטיצע פאַר ישראל. ער איז נישט געווען קיין פאַרעטער און נישט קיין ציוניסטישער אַגענט.

— שווייגט, נבזהדיקער דעמאַגאָג. איר דאַרפט מיר ענטפערן אויף פראַגן און נישט רעדן וועגן ענינים וואָס מען פרעגט אייך נישט. גאָזשאַנ־סקי האָט זיך מיט אייך געטראָפן און איבערגעגעבן שפּיאָנאַזש־ידיעות. ער האָט זיך אויך געטראָפן מיט מאַיוסן וועגן שפּיאָנאַזש־ענינים. פאַרוואָס דערציילט איר מיר נישט אַלץ? מיר ווייסן, אַז איר זענט אַ שפּיאָן, אפילו אָן פאַרבינדונג מיט גאָזשאַנסקין. פאַר זיך קאָנט איר שוין מער נישט ברענגען שאָדן. פאַרוואָס דעקט איר גאָזשאַנסקין? אונטערן מאַנטל פון אַ ישראלדיקן קאָמוניסט האָט ער געטאָן זיין שמוציקע אַרבעט. פאַרוואָס פאַרטיידיקט איר אים? ער לעבט דאָך שוין נישט. איר דאַרפט אונדז באַ־שמעטיקן, אַז ער איז געווען אַ פאַרעטער און אַ דיווערסאַנט אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, אַ ישראלדיקער און מערבדיקער שפּיאָן.

— איך וועל נישט שווערן, אַז ישראלדיקע קאָמוניסטן באַשעפטיקן זיך נישט מיט שפּיאָנאַזש קעגן ציוניזם און ישראל. איך קאָן אָבער נישט זאָגן, אַז זיי פאַרנעמען זיך מיט שפּיאָנאַזש לטובת דעם ציוניזם און דעם מערב. איך קאָן דאָס נישט זאָגן אויף אַ לעבעדיקן ישראלדיקן קאָמו־

ניסט; און אוודאי נישט — אויף אַ טויטן ישראלדיקן קאָמוניסט, וועלכער איז נישט בכוח זיך צו פאַרטיידיקן. אויף אַ קאָמוניסט, וועמענס אָנדענק איז זייער טייער דעם קרייז פון זיינע חברים אין ישראל.

— איר זאָגט זיך, הייסט עס, אָפּ צו אַנטפּלעקן אונדז דעם אמת סיי וועגן גאַזשאַנסקין, סיי וועגן מאַיוסן.

— דעם אמת האָב איך אייך געזאָגט. איך קאָן נישט זאָגן דאָס, וואָס איז אויסערן אמת, וואָס איז קעגנזעצלעך דעם אמת.

— מאַכט זיך נישט קיין אילוזיעס, אַז מיר האָבן פאַרענדיקט מיט דעם דאָזיקן ענין. מיר וועלן זיך נאָך צו אים אומקערן פיל מאָל, אפילו ווען איר זאָלט פּלאַצן. איך וועל אייך נישט אָפּלאָזן, ביז כ׳וועל נישט אַרויס־פּרעסן פון אייך דעם אמת ביזן סוף, אין דער פאָרעם ווי אין אַלע אַנדערע.

ער דערנענטערט זיך צו מיר. די גאַנצע נאַכט איז אַ פאַרלוירענע. אויף די נאַכט וועל איך שוין נישט צוטאָן קיין אויג.

— און איצט דערציילט וועגן אייערע געשפּרעכן מיט בעקעלמאַנען. דאָס טאָג־ליכט כאַפּט זיך אַריין דורכן פענצטער פון גהינום־ביורא.

וואָס האָב איך געטאָן אויפן נירנבערגער פּראָצעס?

צוויי וואָכן זענען איבער מיר אַריבער כמעט אָן שלאָף. איך גיי אַרום ווי אין אַנדערע וועלטן, פאַנטאַסטישע. אָפּטמאָל דוכט זיך מיר, אַז כ׳בין עפּעס אַ מיסטעריעזער „איך״, באַפרייט פון זיין גשמיותדיקער שאָל, וואָס פירט זיך זיין זעלבשטענדיק לעבן אויסער די תחומים פון חלל און צייט. אַז כ׳בין געוואָרן אַ מין וועזן, וואָס האָט כוח צו עקזיסטירן אָן שלאָף. ווי אַ וווּנדער קומט מיר פאָר, אַז איך בין מסוגל אַרומצושפּאַצירן אין קאַ־מער פון איין אויספאָרשונג צו דער צווייטער. אַז כ׳בין פעיק אומצאָליקע שעהען צו שטיין אויף אַכטונג. אַז מיין מוח אַרבעט. אַז מיין פעיקייט צו האַלטן זיך איז ביז איצט נאָך נישט אונטערגעגראָבן געוואָרן. אַז ביז איצט האָב איך נאָך כוח צו קעמפן מיט די מלאכי־חבלה וואָס האָבן זיך אויף מיר אָנגעזעצט. אָפּטמאָל שיינט מיר, אַז כ׳בין אָפּגעריסן פון דער וועלט פון ווירקלעכקייט. נישט קיין תפיסה איז דאָ, נאָר אַ מין פאַרכישופטער פּאַלאַץ.

נישט קיין אַרעסטאַנט בין איך אין די הענט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער זיכערהייט־פּאָליציי, נאָר איינער פון די נפשות וואָס באַטייליקן זיך אין אַ משונהדיקער פּאַבוּלע ווי פון טויזנט און איין נאַכט. די זעץ מיט די פויסטן, די שעפּלעך קאַלטע וואַסער, די זאַפּטיקע זידלערייען, פאַרטרייבן די פאַרבלאָנדזשעטע וויזיעס און ברענגען מיך צוריק אין דער גראָערווירקלעכקייט: צו די גראָע מויערן פון תפיסה. אין די ד׳ אמות פון דער לאַנגווייליקער קאַמער. אין ביוראָ פון גיהנום.

דער אויספאָרשער זאָגט מיר אָן אַ בשורה: ער האָט אויפגעקלערט דעם ענין פון בריוו, וואָס איך וויל שרייבן אַהיים. איך וועל קאָנען שרייבן אַ קורצן בריוו. דאָס האָט אָבער אַ האַטשעק. מ׳וועט מיר דערלויבן צו שרייבן ביי איין באַדינג: איך דאַרף אויפקלערן אין מיין בריוו, אַז כ׳בין אַרעסטירט געוואָרן פאַר פיינדלעכע טאַטן, וואָס כ׳האָב אַדורכגעפירט קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק. זיי פאָדערן זייער פונט פלייש. אָנ־זאָגנדיק מיר די „בשורה״, טוט דער אויספאָרשער אָן זיין מענטשלעכע מאַסקע. ער רעדט וועגן ביטערן גורל פון מיינע בני־בית. אַ לעבעדיק וואָרט פון מיר קאָן זיי ראַטעווען. איך קום אַ הייליקן חוב דער משפּחה — איר אָנזאָגן, אַז איך לעב. ער עצהט מיר זיך אָנצוכאַפּן אין דער געלעגנהייט וואָס ווערט מיר געגעבן. אָבער די גאַנצע צייט זע איך דאָס עקלהאַפטע פּרצוף פון דער פאַרשווערונג, וואָס באַהאַלט זיך הינטער דער דאָזיקער מענטשלעכער מאַסקע.

דער אויספאָרשער מאַכט מיר אויפמערקזאַם, אַז איך קאָן גלייך שרייבן ראשי־פּרקים פון בריוו, וואָס זאָל אויך אַנטהאַלטן מיין ווידוי. ער וועט אים ברענגען פאַר זיין ממונה אויף צו באַטראַכטן. איך גיב נישט נאָך.

דאָסמאָל קאָן ער מוותר זיין פון גראָבע דרוק־ און צוואַנגס־מיטלען. אין זיינע הענט — דאָס סאַמע האַרבסטע צוואַנג־מיטל: מיין ציטער פאַרן בני־בית. וואָס מערער כ׳האָב פון זיי געטראַכט די לעצטע וואָכן, זע איך זיי דווקא אַזויווי דער אויספאָרשער האָט זיי געשילדערט אין זיינע אָנצוגע־הערענישן. באמת, די מורא האָט גרויסע אויגן. איך זע מיין פרוי, אַ פאַר־שפּאַרטע אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע. מיין קליינטשיקן זון — אין שפּיטאָל, מיט צעבראָכענע הענט אָדער פיס, און ער וויינט פון בענקשאַפט נאָך דער מאַמען, נאָכן טאַטן. מיין טאָכטער זע איך — אַן איינזאַמע און טרויעריקע בלאָנדזשען איבער די סטעזשקעס אויפן קיבוצישן הויף. אין

מיין האַרץ זאָג איך זיך צענדליקער און הונדערטער מאָל, אַז דעם אויס־פאַרשערס רייד זענען שקר. אָבער דאָס שרעקלעכע בילד טרעט נישט אָפּ פון מיין האַרץ. איך מוז זיי אָנשרייבן. אָנזאָגן, אַז איך לעב. אפילו ווען כ׳וועל דאַרפן צאָלן אַ הויכן פּרייז: אַ הורטאָווע ווידוי וועגן נישט באַגאַנגענע פאַרברעכנס.

אָבער דו דאַרפסט זיך נישט איילן. אפשר זענען דיינע באַטראַכטונגען נישט קיין ריכטיקע. כמעט צוויי וואָכן ווי האָסט כמעט נישט צוגעטאָן קיין אויג. היינט הייבט זיך אָן די דריטע וואָך. אפשר ווסטו יוואָרטן ביז מען וועט דיך לאָזן שלאָפן איין נאַכט. צום ווינציקסטן — עטלעכע שעה. דאַרפסט זיך דעם ענין גוט איבערלייגן. דאָס איז אוודאי אַ גורלדיקע אַנטשיידונג פאַר דיר. דער בריוו וועט טאַקע ברענגען אַ גרויסע בשורה פאַר דיין בני־בית. אָבער דער ווידוי צעשטערט דיין גאַנצע האַלטונג פאַר די אויספאַרשער. דעריבער — איל זיך נישט. די פּיין פון נישט שלאָפן וועט זיך סוף־סוף ענדיקן. די דאָזיקע גזלנים, די אכזריותדיקע שלאָף־רויבער, וועלן דיר סוף־סוף דערלויבן צו שלאָפן. מאָרגן. איבערמאָרגן. די דאָזיקע פּייניקונג קאָן זיך נישט ציען אָן אַ סוף.

איך ענטפער נישט דעם אויספאַרשער אויף זיין פאַרשלאָג צו שרייבן דעם מוסטער פון מיין בריוו. איך באַמערק אים, אַז כ׳וועל נאָך וועגן דעם אַ טראַכט טאָן. אויסער דעם בין איך אין דער איצטיקער לאַגע נישט אימשטאַנד צו שרייבן אַ בריוו. איך מוז שלאָפן.

דער אויספאַרשער קערט זיך אום צו זיין מלאכה פון פאָרשן. ער פאָדערט פון מיר דערציילן פּרטים וועגן מיין באַזוך אין מערב־ און מזרח־דייטשלאַנד.

איך דערצייל. מיר איז זייער שווער זיך צו דערמאָנען. מיר איז שווער צו רעדן. די אויגן פאַרמאַכן זיך. דער אויספאַרשער גיסט אויף מיר אויס קרוגן וואַסער. איך קרוגן מיט זידלערייען און דראָונגען. וויאַזוי וואַג איך איינצודרימלען אינמיטן דער אויספאַרשונג. איך נעם צונויף די רעשט־לעך כוחות און דערצייל.

— ווינטער 1945/46 בין איך געווען אין אייראָפּע אַלס מיטגליד פון דער הסתדרות־דעלעגאַציע אויפן קאָנגרעס פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס איז פאָרגעקומען סוף 1945 אין פּאַריז. לויט דער אָנווייזונג פון דער הסתדרות בין איך געפאָרן קיין וואַר־

שע, כדי רעפּרעזענטירן די הסתדרות אויפן קאָנגרעס פון די פּוילישע פּראָ־פעסיאָנעלע פאַריינען אין דער הויפּטשטאָט פון פּוילן. פון דאָרט בין איך געפאָרן קיין פּראָג, בודאַפּעשט, שווייץ, בעלגיע און ענגלאַנד, כדי אין די ענינים פון ארץ־ישראל זיך טרעפן מיט חברים פון אונדזער באַוועגונג, מיט די אָנפירער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און מלוכה־מענער. אין יענע־צייט האָבן פיל פון דער יידישער שארית־הפליטה זיך קאָנצענטרירט אין לאַגערן אין דייטשלאַנד (בייערן). דעמאָלט איז אויך אין נירנבערג פאָרגעקומען דער מיליטערישער פּראָצעס קעגן די נאַצישע פירער און מיר איז געלונגען פון ענגלאַנד צו קומען קיין דייטשלאַנד אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „על המשמר״. איך האָב באַזוכט בערלין, דעם נירנבערגער פּראָצעס, אָבער די מיינסטע צייט האָב איך פאַרבראַכט אין די יידישע פּליטים־לאַ־גערן אין בייערן. אין יעדן לאַגער האָב איך זיך דער עיקר געטראָפן מיט די אָרגאַניזאַציעס פון אונדזער באַוועגונג.

איך האָב בדעה ממשיך צו זיין און דערציילן וועגן מיין באַזוך אין מזרח־דייטשלאַנד (דייטשע דעמאָקראַטישע רעפּובליק) אין יאָר 1951. אָבער דער אויספאָרשער רייסט מיר איבער. „צו דער פראַגע וועלן מיר דערנאָך צוקומען. דערווייל וועלן מיר זיך באַשעפטיקן מיט אייער שפּיאָנאַזש־טע־טיקייט אין דער צייט פון נירנבערגער פּראָצעס״. ער שלעפּט אַרויס פון שופלאָד אַ טעקע מיט אַ בוך. ער בליקט אַריין אין פאַרשידענע פּאַפּירן וואָס אין דער טעקע. ער בלעטערט דאָס בוך. ער האַלט עס בכיוון אַזוי, אַז כ׳זאָל גוט זען דעם שערבלאַט. איך זע דאָרט אַ בילד און דעם נאָמען פון בוך אין ענגליש מיט גרויסע אותיות: „דער נירנבערגער פּראָצעס״.

— פאַרוואָס זאָגט איר, אַז דער עיקר פון אייער באַזוך איז געווען אין די פּליטים־לאַגערן? אונדז איז באַוווּסט, אַז קודם־כל זענען אייערע באַזוכן געווען אין נירנבערג. דער עיקר זענט איר געקומען קיין נירנבערג. אַלץ איבעריקע איז בלויז געווען קאַמופלאַזש. ס׳איז אויף אייך אַרויפגע־לייגט געוואָרן אַ וויכטיקע שליחות צו עמעצן וואָס איז אין יענער צייט גע־ווען אין נירנבערג. מיט וועלכע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן האָט איר זיך געטראָפן אין נירנבערג?

— אין דייטשלאַנד האָב איך פאַרבראַכט ביי אַ צוויי וואָכן. פון דעם אין נירנבערג — בסך־הכל צוויי טעג בערך. אַ טאָג־צוויי בין איך געווען אין בערלין. אויפן וועג קיין נירנבערג האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין דאַכאַו. דעם רוב צייט, ווי כ׳האָב געזאָגט, האָב איך פאַרבראַכט אין די

יידישע פּליטים־לאַגערן. קיין שום שליחות צו עמעצן אין נירנבערג איז אויף מיר נישט אַרויפגעלייגט געוואָרן. דאָ האָב איך אָפּגעטראָטן צוליב צוויי מאָטיוון. כ׳האָב געוואָלט זען דעם פּראָצעס. מיין נסיעה קיין דייטשלאַנד איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער ראַם פון אַ רייזע פון זשורנאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט צום נירנבערגער פּראָצעס, דורך דער פּרעסע־אָפּטיילונג פון בריטישן קריגס־מיניסטעריום. דערפאַר בין איך געוועזן פאַרפליכטעט, אפילו פאָרמעל, צו זיין אַ ביסל אין נירנבערג. מיין זיין דאָרט האָב איך רעדוצירט צו אַ מינימום. כ׳האָב זיך דאָרט נישט געטראָפן מיט קיין שום וויכטיקע פּערזענלעכקייטן. בעת די מאָלצייטן און אינעם בופעט האָב איך געהאַט עטלעכע איילִיקע שמועסן מיט אייניקע קאָרעספּאָנדענטן, יידן פון ענגלאַנד, דרום־אַפריקע און אפשר אויך פון אַנדערע לענדער.

— וויאַזוי הייסן זיי? וויאַזוי הייסן די טשעכאָסלאָוואַקישע קאָרעספּאָנדענטן מיט וועלכע איר האָט זיך דאָרט געטראָפן?

— איך געדענק נישט זייערע נעמען. כ׳האָב מיט זיי געשמועסט אַזויווי אין אַ צופעליקער באַגעגעניש, בעתן עסן ביי איין טיש. מיר שיינט, אַז כ׳האָב זיך נישט געטראָפן מיט טשעכאָסלאָוואַקישע צייטונגס־מענטשן. קאָן זיין, אַז צווישן די קאָרעספּאָנדענטן מיט וועלכע כ׳האָב אויסגעטוישט עטלעכע ווערטער, זענען אויך געווען טשעכאָסלאָוואַקישע. גאָר איך געדענק נישט.

— איר געדענקט אויסגעצייכנט. מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דעם ענין. דערציילט איצט וועגן אייער געשפּרעך מיטן גענעראַל עטשער.

— איך האָב אין נירנבערג זיך נישט געטראָפן מיט קיין שום גענעראַל. איך ווייס נישט בכלל ווער עס איז גענעראַל עטשער.

דער אויספאָרשער טוט אָן זיין מאַסקע פון צאָרן:

— מיך וועט איר נישט נאַרן. אַז איך זאָג דאָס איר האָט זיך געטראָפן מיטן גענעראַל עטשער אין נירנבערג וועגן זייער וויכטיקע פּראַגן, איז דאָס אמת. — ער פאַרפלייצט מיך מיט אַ מבול זידלערייען.

ווער איז עס דער גענעראַל עטשער? אַ טשעכאָסלאָוואַקישער גענעראַל? כ׳האָב נישט געהערט זיין נאָמען. וואָס האָט ער געטאָן אין נירנבערג? ווער האָט אויף מיר, כלומרשט, אַרויפגעלייגט אַ שליחות צו אים? אַ וואָסער שליחות? וואָס פאַראַ נייע פאַרשווערונג וועבט זיך דאָ קעגן מיר?

דער אויספאָרשער האַלט אין איין זידלען. ער שטעלט מיך אַוועק אויף אַכטונג. ער טרייסלט מיך אַזוי, אַז אַלעמאָל פאַרליר איך מיין גלייכ־

געוויכט. איך ווער געשליידערט צו דער וואַנט הינטער מיר אָדער פאַל אום אויף דער פּאָדלאָגע. כ׳בין געוואָרן גרינג ווי אַ פעדער. יעדער שטויס וואַרפט מיך אום.

שעהן נאָך שעהן פאָדערט ער פון מיך איינס: כ׳זאָל אים דער־ציילן וועגן מיין מיסיע צום גענעראַל עטשער. וועגן אַ מיסיע וואָס מען האָט זי מיר קיינמאָל נישט איבערגעגעבן. כ׳זאָל אים דערציילן וועגן מיינע געשפּרעכן מיטן ד׳אַזיקן גענעראַל. וועגן קיינמאָל נישט פאָרגעקומענע געשפּרעכן.

צענדליקער מאָל — במשך אייניקע אויספאָרשונגען בייטאָג און ביינאַכט — באַפעלט מיר דער אויספאָרשער דערציילן אין דעטאַלן וועגן די צוויי טעג פון מיין זיין אין נירנבערג. אפילו ווען דאָס איז געשען מיט זעקס יאָר צוריק — אין ווינטער 1945/6 — פאָדערט ער פון מיר צו דער־ציילן פּרטי־פּרטים: וועלכע שעה כ׳האָב זיך אויפגעהויבן, וואָס איך האָב געגעסן צו פרישטיק, מיט וועמען האָב איך זיך געטראָפן ביים טיש אין רעסטאָראַן, גענוי וועגן וואָס מיר האָבן געשמועסט, ווער איז געזעסן פון מיר רעכטס, ווער לינקס בעת די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען, די געזיכט־שטריכן פון די וואָס זענען געזעסן ביי מיין זייט אאז״וו אאז״וו. לויט זיין מיינונג, בין איך מחויב צו געדענקען און איך געדענק. נאָר איך באַהאַלט אויס.

— אַ וואָסער סיבה קאָן איך האָבן אויסצובאַהאַלטן די נעמען פון זשורנאַליסטן וואָס האָבן זיך געזעצט צו מיר אָדער איך צו זיי? יעדער איינער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם בענקל וואָס איז געווען פריי צו יענער צייט.

שעהן־לאַנג צאַפּט פון מיר דער אויספאָרשער דאָס בלוט. איך מוז געדענקען יעדן פּרט און פּרט. אויב איך געדענק נישט וואָס איך האָב גע־טאָן אין נירנבערג האַלב ביין אָוונט זונטיק דעם ערשטן, אָדער דעם צווייטן טאָג פון דיביידע טעג פון מיין זיין אין נירנבערג — איז דאָס אַ צעשמע־טערנדיקער באַווייז, אַז כ׳האָב דעמאָלט אין געהיים זיך געטראָפן מיטן גע־נעראַל עטשער. אויב איך געדענק נישט ווער עס איז געזעסן ביי מיין טיש בעתן מיטאָג־עסן, איז דאָס אַ פעסטער באַווייז אַז אונטערן דעקמאַנטל פון אַ צופעליק באַגעגעניש האָב איך זיך געטראָפן מיט גענעראַל עטשער.

איך באַמי זיך דערביבער יעדע פּערטל שעה אויספילן מיט עפּעס אויסגעטראַכטס, כדי דער אויספאָרשער זאָל די ליידיקע צייט נישט

אויספילן מיט דער מיסטעריעזער געשטאַלט פון גענעראַל עטשער.

איין אויספאָרשונג. די צווייטע. די דריטע. בייטאָג, ביינאַכט. און ווידער בייטאָג. די ערשטע נאַכט פון דער דריטער וואָך כמעט אָן שלאָף. אין צענטער פון די אויספאָרשונגען: גענעראַל עטשער. מיינע פיס ברעכן זיך הינטער מיר. אין נעפּל כאַפּ איך אויף די פראַגן פונעם אויספאָרשער. מיינע ענטפערס ווערן געגעבן ביי אַ גרויסן פיזישן און גייסטיקן אָנשטרענג. עס פּאַסירט, אַז מיינע רייד זענען מבולבלדיקע. עס רייסן זיך אַרויס נישט־ריכטיקע, שטאַמלענדיקע אויסדרוקן. איך זאָג זאַכן, וואָס דער אויספאָרשער פאַרשטייט נישט. וואָס איך אַליין פאַרשטיי זיי נישט.

אינמיטן נאַכט פירט ער מיך איבער צום אויספאָרשער מיטן קצבישן פּרצוף. זיין אויפגאַבע איז צו „באַשעפטיקן" מיך — צוליב צוויי טעמים: מיין שטענדיקער אויספאָרשער מוז דאָך שלאָפן אייניקע שעה. דאָס איז איין סיבה. די צווייטע סיבה: איך דאַרף נישט שלאָפן. דער „קצב" פרישט אויף כל מיני אַלטע פּרשות. די טשעכאָסלאָוואַקישע פּאָליטיקער מיט וועלכע כ'האָב זיך געטראָפן אין פּראָג בעת מיינע דריי באַזוכן דאָרט. ווי לאַנג נאָך וועל איך אָפּלייקענען מיין באַקאַנטשאַפט מיט סלאַנסקין? און נאָך טעמעס.

נאָך אייניקע שעה „פאָרשן" אין זייער אַלטע ענינים, באַוויזט ער מיר, אַז ער איז אין קורס:

— איצט, אורן, דערציילט מיר גענוי וועגן די געשפּרעכן מיט בע־קעלמאַנען.

איך באַמערק, אַז כ'ווייס נישט בכלל ווער ס'איז בעקעלמאַן. דער „קצב" שפּרינגט אויף און דערלאַנגט אַ פּאָרציע זידלערייען:

— וועמען ווילט איר נאַרן? דעם פריערדיקן הער אויספאָרשער האָט איר שוין דערציילט פיל פּרטים וועגן אייערע באַגעגענישן מיט בע־קעלמאַנען! חזרט איבער די איינצלהייטן וואָס איר האָט שוין דערציילט! דערנאָך וועט איר דערציילן וואָס איר באַהאַלט אויס.

— כ'האָב נישט דערציילט קיין שום פּרטים. דעם הער אויספאָרשער האָב איך געזאָגט אומצאָליקע מאָל, אַז כ'ווייס בכלל נישט ווער ס'איז בע־קעלמאַן.

ער שפּרינגט צו צו מיר. ער הייבט מיך אָן ווערגן:

— כ'האָב געלייענט אין העפט פון הער אויספאָרשער אינטערע־סאַנטע פּרטים וועגן אייערע געשפּרעכן מיט בעקעלמאַנען. דער הער אויס־פאָרשער האָט זיי פאַרשריבן פון אייער מויל. איצט אָבער וואַגט איר אים

פֿאַרדעכטיקן אַז ער האָט עס אויסגעטראַכט פֿון זיין האַרץ? איר וואַגט צו באַליידיקן אונדזער אויספֿאָרשער?

— איך האָב נישט געקאָנט דערציילן דעם הער אויספֿאָרשער וועגן געשפּרעכן מיט בעקעלמאַנען. איך ווייס נישט ווער דאָס איז.

דער „קצב" ווערט מיד. ער פֿאַלט אַוועק אויף זיין בענקל. צענדליקער מאָל חזרט ער איבער די פֿאָדערונג צו דערציילן וועגן מיינע געשפּרעכן מיט בעקעלמאַנען. איך בין געצוווּנגען איבערצוחזרן דעם סטאַנדאַרטן ענטפֿער, אַז איך קען אים נישט לגמרי.

די פֿרימאָרגן־ליכט דרינגט אַריין אין דער פֿאָרש־ביוראָ. דער „קצב" קערט מיך אום אין מיין שטענדיקער פֿאָרש־קאַנצעלאַריע. דער סטאַבּילער אויספֿאָרשער מיינער וואַשט זיך דאָס פּנים ביים קראַן. ווייזט אויס, אַז ער איז דאָ געשלאָפֿן אַ צוויי־דריי־שעה. דאָס בעט איז שוין איינגעשלאָסן אין דער וואַנט.ביידע סודען זיך. דער קצב גייט אַרויס.

דער אויספֿאָרשער באַשטעלט פֿאַר זיך שמעקעדיקע שוואַרצע קאַפֿע. אַ שאַרפֿער ריח פֿון קאַפֿע דערטראָגט זיך צו מיינע נאָזלעכער.

ער פֿאַרענדיקט טרינקען און פֿאַררייכערט אַ סיגאַרעט.

ער דערנעענטערט זיך צו מיר:

— מיט אייערע ליגנס האָט איר אויפֿגערעגט דעם הער אויספֿאָרשער. דערציילט אונדז וועגן די געשפּרעכן מיט בעקעלמאַנען.

צענדליקער און הונדערטער מאָל חזרט ער איבער זיין פֿראַגע, און איך — מיין ענטפֿער.

נאָענט צו מיטאָג־צייט קום איך צוריק אין קאַמער.

די ערשטע פֿראַגע וואָס איך שטעל מיין שכן אין קאַמער, איז: „ווער איז דאָס גענעראַל עטשער?" יענער דערקלערט מיר: ער איז אַ וויכטיקער טשעכישער אַדוואָקאַט. ביים סוף פֿון דער מלחמה איז ער נאָמינירט געוואָרן אַלס אַרמיי־גענעראַל און אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין שפּיץ פֿון יורידישן אַפּאַראַט אין דער אַרמיי. ער האָט פֿיל אויפֿגעטאָן צו אַנטדעקן נאַציסטישע מלחמה־פֿאַרברעכער, וואָס זענען געווען טעטיק אין טשעכאָסלאָוואַקיע און זיי געשטעלט פֿאַר די ספּעציעלע געריכטן דאָ. ווייזט אויס, אַז ער האָט רעפּרעזענטירט טשעכאָסלאָוואַקיע אויפֿן נירנבערגער פּראָצעס. אין דער לעצטער צייט זענען געווען קלאַנגען, אַז ער איז אַנטלאָפֿן קיין ענגלאַנד.

עס ווערן מיר אַלזאָ קלאָר די פינצטערע פּלענער פון מיינע אויס־פּאָרשער. גענעראַל עטשער איז געווען אויפן נירנבערגער פּראָצעס. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז ער אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד. אורן איז פון ענג־לאַנד געקומען קיין נירנבערג, ווען גענעראַל עטשער האָט זיך דאָרט געפו־נען. קאָן מען דעריבער לייכט פאַבריצירן אַזאַ קאָנסטרוקציע: אורן איז פון ענגלאַנד געשיקט געוואָרן צום גענעראַל עטשער, כדי אים איבערצו־צייגן, ער זאָל פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע אריי־בער אין פיינדלעכן לאַגער און זיך אָפּטראָגן קיין ענגלאַנד. דאָס איז, ווייזט אויס, די „מיסיע" וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט ערגעץ־ווו אין די אָמטן פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער זיכערהייטס־פּאָליציי אין שייכות מיט מיין באַזוך אין נירנבערג. דאָס איז טאַקע שקר וכזב. אָבער נאָך דעם ווי דער דאָזיקער שווינדל איז אויפגעגנייט געוואָרן ערגעץ־ווו אין פּראָג דורך די מייסטער פון שווינדל און פּראָדוצענטן פון „ווידויים" — פאַרוואַנדלט זיך דער שווינדל אין אַ רעקאָרד פון ריינעם אמת.

מיין שכן עצהט מיר, רעדט מיך צו, כ'זאָל זיך מודה זיין אין אַלץ וואָס דער אויספאָרשער וועט מיר אַריינלייגן אין מויל אין דער פרשה עטשער.

— מירן זיך אומקערן צום ענין פון אייער שליחות צו גענעראַל עטשער. ווען וועט איר זיך מודה זיין אין דער דאָזיקער שליחות? ווען סוף־כל־סוף וועט איר אונדז דערציילן וועגן די געשפּרעכן מיטן גענעראַל עטשער?

איך באַמערק, אַז כ'האָב זיך נישט וואָס מודה צו זיין אויך אין דעם ענין, וואָס ער איז אויסגעטראַכט פון אָנהייב ביזן סוף.

דער אויספאָרשער ווענדעט אָן אַ נייע ליניע. ער הערט אויף פרעגן. ער הייבט אָן פעסטשטעלן „פאַקטן". ער באַשטימט, אַז קיין נירנבערג בין איך געקומען אין אויפטראַג פון בריטישן „אינטעלידזשענס סערוויס".

איך ענטפער, אַז אין נירנבערג בין איך אָפּגעטראָטן אויפן וועג צו די יידישע פּליטים־לאַגערן אין בייערן. מיין שליחות איז געווען אין אויפ־טראַג פון דער באַוועגונג: זיך טרעפן מיט דער שארית־הפליטה אין די לאַגערן.

ער „שטעלט פעסט", אַז ווען כ'וואָלט נישט געווען פאַרבונדן מיטן ענגלישן שפּיאָנאַזש־דינסט און ווען כ'וואָלט נישט גענומען אויף זיך אַ

באַשטימטע מיסיע צום גענעראַל עטשער — וואָלט איך נישט געקאָנט קו־מען קיין נירנבערג.

איך ענטפער, אַז אין נירנבערג האָבן זיך געפונען הונדערטער זשורנאַליסטן פון אַלע וועלט־טיילן, פון מזרח און פון מערב צוזאמען. קיין נירנבערג בין איך געקומען אַזויוי זיי. כ׳בין זיכער, אַז אַלע וועלן אָפּוואַרפן אַלס אַ לעכערלעכן דעם אַרגומענט, אַז זייער קומען צום נירנבערגער פּראָ־צעס איז מעגלעך געווען מחמת זיי האָבן אויף זיך גענומען אַ באַשטימטע שליחות אין אויפטראַג פון די שפּיאָנאַזש־דינסטן אין זייערע לענדער אָדער פון אַנדערע מדינות.

דער אויספאָרשער, וואָס איז אַ טויט־פיינד פון יעדער דעמאַגאָגיע, קוואַליפיצירט מיין באַמערקונג אַלס דעמאַגאָגישע. איך כאַפּ אַריין עטלע־כע זאַפטיקע מאַרק־זידלערייען.

דער אויספאָרשער שטעלט ווידער פראַגן:

— וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט איר געהאַט אין נירנבערג, אויב נישט טרעפן זיך מיטן גענעראַל עטשער? איר האָט גלייך געקאָנט פאָרן אין די פּליטים־לאַגערן, וואָס פאַר אַ שייכות האָט איר צום נירנבערגער פּראָצעס?

— כ׳האָב אייך שוין אויפגעקלערט די סיבות. איך קאָן נאָך צוגעבן: דער נירנבערגער פּראָצעס איז בשעתו געווען אַ געשעעניש פון אינטער־נאַציאָנאַלער און פּאָליטישער באַדייטונג. אויסער דעם האָט יעדער ייד גע־האַט אַ לעבנסוויכטיקן אינטערעס אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָצעס, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו שטעמפּלען די שוידערלעכקייטן פון די נאַציס און באַשטראָפן זייערע פירער. די נאַציס האָבן פאַרניכטעט אַ דריטל פון מיין פאָלק. זיי האָבן אויך אומגעבראַכט מיין משפחה אין פּוילן. דער פּראָצעס איז פאַר מיר נישט געווען בלויז אַ זשורנאַליסטישע געשעעניש. דאָס זען דעם פּראָצעס איז פאַר מיר געווען אַ וויכטיקע איבערלעבונג אַלס ייד, אַלס מענטש און אַלס סאָציאַליסט.

— פאַרוואָס זענט איר געקומען קיין נירנבערג אין בריטישן מונדיר? פאַרוואָס זענט איר געקומען קיין נירנבערג אין באַגלייטונג פון אַן ענגלישן אָפיציר?

— אַלע זשורנאַליסטן וועלכע זענען געקומען קיין נירנבערג, זענען געווען אָנגעטאָן אין מונדירן פון מיליטערישע קאָרעספּאָנדענטן. די סיבה פאַר דעם איז געווען די, וואָס דייטשלאַנד האָט זיך דעמאָלט געפונען אונ־

טער אַ מיליטערישער פּאַרוואַלטונג. יעדער זשורנאַליסט וואָס איז געפאָרן קיין נירנבערג, האָט זיך „פּאַרוואַנדלט״ אין אַ מיליטערישן קאָרעספּאָנדענט. אויך איך בין געווען געצוווּנגען זיך איינצושאַפן אין לאָנדאָן אַ מיליטערישן מונדיר — פאַר אַ סימבאָלישן אָפּצאָל. אין דייטשלאַנד גופא האָט מען מיר געגעבן אַ באַגלייטער — אַ בריטישן אָפיציר אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן. איך האָב נישט געבעטן קיין שום באַגלייטער, באַזונדערס ווען כ׳האָב געהאַלטן, אַז ער וועט מיר זיין אַ לאַסט בעת מיינע באַזוכן אין די פּליטים־לאַגערן און בעת די צוזאַמענטרעפן מיט די אָרגאַניזאַציעס פון מיין באַוועגונג. מען האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז צוליב דעם וואָס איך בין אַ מיטגליד פונעם ועד לאומי פון דער אסיפת־הנבחרים אין ארץ־ישראל, בין איך אַ „זייער וויכטיקע פּערזענלעכקייט״ (V. I. P.) פאַר אַזעלכע באַזוכער האָבן זיי זיך נוהג געווען צו געבן אַן אָפיציר אַלס באַגלייטער — פאַר זייער באַקוועמלעכקייט. ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט איינאָרדענען אַלע מיינע ענינים (פּאַפּירן, רייזע־בילעטן אדג״ל).

— פאַרוואָס דווקא האָט איר אויסגעקליבן אַ בריטישן מונדיר? נישט אַמאָל דערפאַר, ווייל איר זענט געווען אין דינסט פון „אינטעליגענס סערוויס״?

— וואָלט מען מיר געגעבן די פרייהייט פון אויסקלויב, וואָלט איך בעסער געוואָלט בלייבן אין ציווילער קליידונג. אָבער איך האָב געמוזט אָנטאָן דעם מונדיר פון אַ מיליטערישן קאָרעספּאָנדענט. ארץ־ישראל איז דעמאָלט געווען אונטערן בריטישן מאַנדאַט. איך בין געווען אַן ארץ־ישראל־דיקער בירגער און בריטישער אונטערטאַן. דאָס האָט באַשטימט. אינדערעמתן האָב איך געטראָגן דעם מונדיר פון דער ארץ־ישראלדיקער בריגאַדע אין דער בריטישער אַרמיי: אַן ענגלישער מונדיר מיט אַ בלוי־ווייס פענדל אויפן אָרבל. דער דאָזיקער מונדיר איז זיכער נישט קיין באַווייז, אַז איך בין געווען אין דינסט פון „אינטעליגענס סערוויס״. איך בין טאַקע נישט בקי אין שפּיאָנאַזש־פראַגן, כ׳האָב אָבער נישט געהערט, אַז די „אינטעליגענס סערוויס״ זאָל אירע אַגענטן אויסקליידן אין בריטישע מונדירן, ווען ער שיקט זיי טאָן שפּיאָנאַזש־אַרבעט.

— און וואָס האָט איר געטאָן אין די פּליטים־לאַגערן?

— כ׳האָב באַזוכט אייניקע לאַגערן אין באַגלייטונג פון אונדזערן אָנפירנדיקן חבר אין די מחנות. כ׳האָב זיך דאָרט געטראָפן מיט די אָרגאַניזאַציעס פון אונדזער באַוועגונג. איך האָב זיי דערציילט וועגן אונדזער

קאַמף און שאַפן אין לאַנד. אין אייניקע לאַגערן זענען פאָרגעקומען עפנט־לעכע פאַרזאַמלונגען, ווו כ'האָב רעפערירט איבער ארץ־ישראלדיקע פּראָב־לעמען. אין מינכען האָב איך זיך געטראָפן מיטן פאָרזיצער פון צענטראַלן קאָמיטעט פון די יידן אין לאַגערן. מיין עיקר־אויפגאַבע איז געווען אַ דער־ציערישע און אויפקלערערישע. די הויפּט־שטרעבונג פון די יידן איז גע־ווען — עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

— אונדז איז באַוווסט, אַז איר האָט זיך גאָר פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן. אין אויפטראַג פון „אינטעלידזשענס סערוויס" האָט איר צווישן די פּליטים — טשעכאָסלאָוואַקישע יידן, אָרגאַניזירט גרופן שפּיאָנען און די־ווערסאַנטן, מיט דער אויפגאַבע זיך צוריקצוקערן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. וויפל מענטשן האָט איר באַוויזן צו אָרגאַניזירן פאַר דעם דאָזיקן צוועק? ווי הייסן זיי?

— נישטאָ קיין טראָפן אמת אין די דאָזיקע רייד. זייער מאָדנע: איר מיינט, אַז אין וועלכן לאַנד איך בין נאָר געקומען — האָב איך נישט גע־טראַכט פון אַן אַנדערער מדינה, ווי נאָר טשעכאָסלאָוואַקיע, אָדער וועגן אַן אַנדערן מענטש ווי סלאַנסקי. און דער אמת איז דער, אַז כ'האָב וועגן זיי בכלל נישט געטראַכט. זייענדיק אין די לאַגערן איז מיין זאָרג געווען פאַרן גורל פון די יידן. דאָס לאַנד וועגן וועלכן כ'האָב געטראַכט איז געווען ארץ־ישראל. די יידן מיט וועלכע כ'האָב זיך געטראָפן זענען דער עיקר געווען פון פּוילן. איך האָב זיך נישט באַגעגנט מיט יידן פון טשעכאָסלאָוואַקיע.

— נאַרט מיך נישט! וויאַזוי הייסן די יידן וואָס איר האָט אָרגאַניזירט פאַר שפּיאָנאַזש־צוועקן און דיווערסיע אין טשעכאָסלאָוואַקיע?

לאַנגע שעהן איז זיך מיט מיר „מטפל" דער אויספאָרשער, כדי פון מיר „מאַכן" אַן אַגענט פון בריטישן „אינטעלידזשענס".

שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן. דער חשבון פון טעג האָט זיך ביי מיר אינ־גאַנצן פאַרווישט. אינדערפרי זאָגט מיר מיין שכן אין קאַמער, אַז ס'זענען איבער מיר שוין אַריבער 17 טעג וואָס איך שלאָף כמעט נישט. ער זאָגט, אַז ביז איצט האָט ער נאָך נישט געזען אַ מענטש אין אַזאַ מצב, און ער זאָל נאָך זיין פעיק צו שטיין אויף די פיס — און ביישטיין די אויספאָרשונגען. איך גיי אַרום מיטן געפיל, אַז נאָך אַביסל וועל איך צוזאַמענברעכן. ווי לאַנג וועל איך נאָך אויסהאַלטן? ווען וועט מען מיך לאָזן שלאָפן?

ווי עס פירט זיך אין די נאַכט־אויספאָרשונגען אין די לעצטע וואָכן,

שטעלט אויך היינט צונויף דער אויספאָרשער אַ פּראָטאָקאָל: וועגן מיין באַזוך אין דייטשלאַנד. איך שטרענג זיך אָן איבערצולייענען און פאַרשטיין דאָס אָנגעשריבענע. די אותיות טאַנצן פאַר מיינע אויגן, וואָס פאַרמאַכן זיך אַליין. מיר שיינט, אַז אין פּראָטאָקאָל ווערט נישט בפירוש געזאָגט, אַז כ׳בין געקומען קיין נירנבערג צוליב שפּיאָנאַזש־צוועקן, אָדער אין שליחות צום גענעראַל עטשער. נאָר צווישן די שורות ווימלען די פאַרדאַכטן אַזוי ווי לייז. אַלץ איז פאָרמולירט אויפן שטייגער פון פאַרדעכטיקונג.

אינדערפרי שרייב איך אונטער. און בלויז מיינע פאַרלאָשענע אויגן דריקן אפשר אויס עפּעס־וואָס פון פּראָטעסט.

ווי אַ דעסערט צום יסורים־באַנקעט היינטיקע נאַכט, דערלאַנגט מען מיר די פאָדערונג: „און איצט דערציילט מיר וועגן אייערע געשפּרעכן מיט בעקעלמאַן״.

מען לאָזט מיך נאָך אַלץ נישט צוטאָן קיין אויג. דאָס איז שוין אַזוי דער אַכצנטער טאָג. קאָפּווייטיקן באַפאַלן מיך אַלץ אָפטער און אָפטער. זעלטן געלונגט מיר צו באַקומען אַ פּיל קעגן די ווייטיקן. מיר איז שווער צו שטעלן אַ טריט. גייענדיק אין קאַמער, האַלט איך זיך אין די ווענט. אויך אַ קאָפּ־שווינדל באַפאַלט מיך אָפט. ביז איצט פלעגט מיך דער אויס־פאָרשער פירן פון קאַמער צו זיך אין ביוראָ און צוריק פון דאָרט — אין אַ ווינדע. אין די לעצטע טעג, ווען ער האָט דערפילט אַז מיר איז זייער שווער צו גיין, האָט ער באַשלאָסן מערער נישט באַנוצן זיך מיט דער ווינדע. צו־פוס שלעפּט ער מיך אייניקע שטאָק אַרויף און אַראָפּ, בעת מיינע אויגן זענען פאַרבונדן מיטן האַנטוך. עס פּאַסירט, אַז ער „נעמט״ מיט איינמאָל צוויי און דריי טרעפּ. ער שלעפּט מיך מיט אַ גראָבער האַנט, האַלט מיך אַזוי, אַז זיינע נעגל עסן זיך איין אינעם פלייש פון מיין אָרעם. דערנאָך צעבליען זיך אויף מיין אָרעם קנייפּ־רויזן אין פאַרשידענע פאַרבן.

אַז איך פאַל אַוועק אויפן שטול פון די געפאָרשטע — פאַרמאַכן זיך גלייך מיינע אויגן, ווי אונטערן דרוק פון שווערע געוויכטער. אָבער די אויגן מוזן זיין אָפן. עס געשעט, אַז איך דרימל איין פּלוצים און צי זיך אויס אויף דער פאָדלאָגע. אַ האָגל באַליידיקונגען פאַלט דאַן אויף מיין קאָפּ. איך באַ־קום אַ שטראָף: שטיין אויף אַכטונג.

שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן. איצט נייטיק איך זיך נישט אין קיין שום זאַך אין דער וועלט. איך בין הונגעריק ווי אַ הונט, נאָר איך דאַרף נישט

אינגאַנצן קיין ברויט. איך בין פאַרשפּאַרט צווישן די ווענט. וועד טרוימט וועגן אַ לעבן אויף דער פריי? וואָס מאַכן מיינע טייערע אינדערהיים? איך בין נישט מסוגל צו טראַכטן וועגן זיי. איך בין דערנידעריקט און מיין כבוד איז צעטרעטן. איך נייטיק זיך נישט אין קיין כבוד, קיין שום זאַך אין דער וועלט איז מיר נישט נייטיק. בלויז איינס פעלט מיר. איין־און־איינציקע זאַך פאַרלאַנג איך: שלאָפן.

מיין צוזאַמענטרעף מיט וו. אולבריכט

— און איצט דערציילט מיר וועגן צווייטן באַזוך אין דייטשלאַנד — אין דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק אין יאָר 1951. וואָס האָט איר דאָרט געטאָן? מיט וועלכע פּערזענלעכקייטן האָט איר זיך געטראָפן? אַ וואָסערע ידיעות האָט איר דאָרט צונויפגעזאַמלט? פאַר וועלכע צוועקן? צו וועמען האָט איר איבערגעפירט די ידיעות, וואָס איר האָט צונויפגעזאַמלט בעת אייער באַזוך?

מיט גרויס אָנשטרענגונג דערצייל איך. מיר איז שווער זיך צו דערמאָנען הגם די זאַכן זענען פאַרגעקומען בלויז מיט אַכט חדשים צוריק. פונדעסטוועגן דאַרף איך זיך אָנשטרענגען, זיך דערמאָנען און דערציילן.

אין אַלגעמיינע שטריכן דערצייל איך דעם אויספאָרשער וועגן מיין באַזוך און טעטיקייט אין ד.ד.ר.

ער הייבט אָן צו שטעלן זיינע פראַגן. איך בעט אָפּלייגן די אויספאָרשונג, ווייל שטאַרקע קאָפּווייטיקן זענען מיך באַפאַלן; אַז איך בין מיד פון נישט שלאָפן; ער זאָל מיך לאָזן עטוואָס שלאָפן, ווינציקסטנס אַ שעה. ער זאָגט אָפּ.

איצט קומען די יסורים פון די פראַגן.

— פאַרוואָס האָט מען דווקא אייך געשיקט קיין בערלין?

— מען האָט געשיקט נישט נאָר מיך, נאָר אויך דעם פאַרלאַמענט־מיטגליד ד״ר ח. רובין. נאָר מיך, ווייזט אויס, האָט מען געשיקט צוליב אַנדערע סיבות: כ׳האָב זיך באַטייליקט אין רוב צוזאַמענפאָרן פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען. צווייטנס: כ׳האָב זיך

באַקענט מיטן רוב אָנפירנדיקע חברים פון דער פעדעראַציע און פיל פאַר־שטייער פון די לענדער, וועלכע זענען געקומען צו די דאָזיקע קאָנפערענ־צן. דריטנס: כ׳האָב זיך פיל יאָרן באַשעפטיקט מיט פּראָפעסיאָנעלער טע־טיקייט אין אונדזער לאַנד. פערטנס: איך קען אויסלענדישע שפּראַכן, אַ זאַך וואָס פאַרלייכטערט זייער ביי אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרן.

— אַזוי? און וואָס וועט איר זאָגן, אויב כ׳וועל ברענגען פאַר אייך אַ מאַן, וואָס איז געווען אַ חבר פון מפ״ם, און ער וועט אייך זאָגן אין פּנים, אַז מפ״ם פלעגט זיך נוהג זיין צו שיקן אייך אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנ־פערענצן לשם שפּיאָנאַזש? אַז איר זענט געווען פון די עיקרדיקע שפּיאָנען פון מפ״ם?

— איך גלייב נישט, אַז עמעץ וואָס איז געווען אַ חבר אין מפ״ם זאָל זאָגן אַזאַ ליגן. און אויב ער וועט יאָ זאָגן — איז עס אַ סימן, אַז נישט פון פרייען ווילן וועט ער עס זאָגן. אויסער דעם, נישטאָ וואָס צו שפּיאָנירן אויף אַזעלכע קאָנפערענצן. זיי זענען אָפן פאַר דער וועלט־פּרעסע. זיי זענען פאַר־אינטערעסירט אין מאַקסימאַלער רעקלאַמע. אויף דער איניציאַטיוו פון די פעדעראַציע־אינסטאַנצן ווערט דער גאַנצער מאַטעריאַל — דער פאַרלויף פון די פאַרהאַנדלונגען און די באַשלוסן — פאַרעפנטלעכט אין דער גאַנצער וועלט.

— איר האָט געזאָגט, אַז וויכטיק אויף אַזעלכע קאָנפערענצן איז דאָס קענען שפּראַכן. ווייזט אויס, כדי דערגרייכן וויכטיקע שפּיאָנאַזש־ידיעות פון די דעלעגאַציעס, וואָס קומען פון די סאָציאַליסטישע לענדער. נישט אַזוי?

— עס איז וויכטיק צו קענען שפּראַכן, כדי נאָכצופאָלגן דעם גאַנג פון די דיסקוסיעס און אויך כדי צו שמועסן מיט די דעלעגאַטן פון פאַרשי־דענע לענדער — אויך פון די סאָציאַליסטישע לענדער. נאָר אין קעגנזאַץ צו אייער מיינונג, בין איך איבערצייגט, אַז פון די סאָציאַליסטישע לענדער שיקט מען נישט אויף אַזעלכע צוזאַמענקונפטן שפּיאָנען אָדער מענטשן, וואָס קאָנען איבערגעבן מלוכהשע סודות. איך, אַלנפאַלס, האָב זיך אויף די קאָנפערענצן נישט פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש. אין מיינע געשפּרעכן מיט די דעלעגאַטן האָב איך זיך באַמיט צו דערלערנען די פּראָבלעמען פון סאָציאַ־ליזם אין זיין פאַרווירקלעכונג און די פּראָבלעמען פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אויך האָב איך זיך באַמיט אויפצוקלערן די דעלעגאַטן פּראָבלע־מען פון ישראל און פונעם אַרבעטער־קלאַס אין אונדזער מדינה.

— אָבער אונטערן דעקמאַנטל פון אייער אַנטייל אין די דאָזיקע קאָנפערענצן האָט איר אויסער זייער תחום זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש און דערלאַנגט אַ האַנט צו פיינדלעכע אַקטן קעגן דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. מיר האָבן דאָס געזען אין טשעכאָסלאָוואַקיע און מיר האָבן באַוויזן פאַר דעם אויך לגבי אייערע טעטיקייטן אין ד.ד.ר.

— דאָס איז נישט ריכטיק איןביידע פאַלן.

— צווישן די פאַפּירן, וואָס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן בעת אייער אַרעסט, געפינט זיך אַ קאָפּיע פון אַ זייער וויכטיקן דאָקומענט, וועלכער באַווייזט, אַז איר האָט געוועבט פיינדלעכע פּלענער קעגן רעזשים אין מזרח־דייטשלאַנד. איך מיין דעם דאָקומענט וואָס איר האָט געשיקט צו וואַלטער אולבריכט. איר פאָדערט פון אים די רעכט פאַר יידן צו עמיגרירן קיין ישראל, באַצאָלן אַנטשעדיקונג פאַרן יידישן פאַרמעגן וואָס איז פאַרבליבן אין ד.ד.ר. בלויז אַ פיינד פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע קאָן אַזעלכעס פאָדערן פון דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. אין וועמענס נאָמען האָט איר אַרויסגערוקט די דאָזיקע פאָדערונגען, וואָס זייער אויפגאַבע איז צו שעדיקן אינעם רעזשים פון ד.ד.ר. און איר ווירטשאַפט?

— די דאָזיקע פּראָבלעמען זענען פּאָליטישע און נישט קיין פּראָבלעמען פון קרימינעלן קאָדעקס. דאָס איז נישט קיין ענין צווישן מיר און דער זיכערהייט־פּאָליציי אין טשעכאָסלאָוואַקיע. דאָס איז אַן ענין צווישן מיר און וו. אולבריכט, וויצע־פּרעמיער און גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פאַראיי פון סאָציאַליסטישער איינהייט אין ד.ד.ר. די דאָזיקע ווערטער, פאַרשריבענע אַלס פאַרשלאַג צו אַ דעקלאַראַציע וואָס כ'האָב פאַרפאַסט אַלס באַזע פאַרצוזעצן די אונטערהאַנדלונגען מיט אולבריכטן, זענען פאַרבונדן מיט אַן אומאָפיציעל געשפּרעך וואָס מיר האָבן ביידע אָפּגעהאַלטן. איך האַלט נישט, אַז דאָס קאָן דינען אַלס טעמע פאַר אַן אויספאָרשונג אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אולבריכט ווייסט וואָס ער מעג רעדן מיט אַ פאָרשטייער פון מפ"ם. ער נייטיקט זיך נישט אין פאַרטיידיקונג און נישט אין אויפזיכט מצד דער טשעכאָסלאָוואַקישער פּאָליציי. דעריבער האַלט איך נישט פאַר ריכטיק צו באַהאַנדלען מיט אייך דעם דאָזיקן מאָמענט. אויך האָט נישט קיין זין צו באַהאַנדלען דאָ די פראַגע, אויב עליה פון יידן און אַנטשעדיקונג ווען יאָ אָדער נישט שאַדענען דייטשלאַנד. איר וועט זיכער מסכים זיין, אַז וואַלטער אולבריכט איז מערער קאָמפּעטענט פון אייך אין פראַגן פון ד.ד.ר.

— חוצפּהדיקער ציוניסט, וויאַזוי רעדט איר מיט דער טשעכאָסלאָ־וואַקישער זיכערהייט־פּאָליציי? זייט פאַרזיכטיק! מיר האָבן אייך געכאַפּט ביי פיינדלעכער אַרבעט קעגן אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, אַריינגערעכנט ד.ד.ר., און איר דאַרפט אונדז ענטפערן אויף אַלע דאָ געשטעלטע פראַגן.

— ווען איך האָב פאַרהאַנדלט מיט אולבריכטן וועגן אַ פּראָיעקט פאַר אַ דעקלאַראַציע פון ד.ד.ר. און דערמאָנט דעם ענין פון עליה פאַר יידן און די פראַגע פון אַנטשעדיקונג פאַרן יידישן פאַרמעגן — האָט ער נישט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פיינדלעכער פּלאַן קעגן ד.ד.ר. ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף אויפקלערן דעם ענין. מיר האָבן רעזומירט, אַז מיר וועלן פאַר־זעצן די אונטערהאַנדלונגען.

— ווער האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט די דאָזיקע אויפגאַבע צו פאַרהאַנדלען מיט אולבריכטן? נאָכוואָס האָט מען אייך אָנגעהאָנגען אַזאַ שליחות?

— די דאָזיקע אויפגאַבע איז אויף אונדזער דעלעגאַציע אַרויפגע־לייגט געוואָרן דורכן סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. מפ״ם. די לאַגע דעמאָלט איז געווען אַזאַ: די באָן־רעגירונג האָט אין יענער צייט אָפּגעגעבן אַ פּאָזיטיווע דעקלאַראַציע וועגן איר באַציונג צו ישראל. זי האָט געשטעמפּלט די נאַ־צישע שווידער־טאַטן לגבי דעם יידישן פאָלק און צווישן אנדערן דעקלאַ־רירט אויך וועגן אַנטשעדיקונג פאַר ישראל. דאָס האָט אין ישראל געדינט אַלס פּראָפּאַגאַנדע־ליניע זיך איבערצובעטן מיט דעם רעאַקציאָנערן מערב־דייטשלאַנד. אין דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע איז אויך אויסגענוצט געוואָרן דער פאַקט, אַז ד.ד.ר. זאָגט זיך אָפּ צו דעקלאַרירן אַן ענלעכע זאַך און ס'איז געפירט געוואָרן אַ העצע קעגן דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. מיר זענען געווען קעגן דער ליניע פון איבערבעטן זיך פונעם יידישן פאָלק מיט מערב־דייטשלאַנד, וואָס באַנייט די ווערמאַכט און דינט אַלס נאָכשלעפּ־פּערין פונעם מערבדיקן אימפּעריאַליזם. אָבער מיר האָבן געזאָגט: אויב מען מוז שוין באַנייען די פאַרבינדונגען מיטן דייטשישן פאָלק — דאַרף מען דאָס טאָן מיט אַ פאַראייניקט דייטשלאַנד, אָדער מיט ביידע טיילן דייטשלאַנד. מיר האָבן אַלזאָ געטראַכט, אַז דאָס איז אויך לטובת ישראל און אויך וויכטיק פאַרן גוטן נאָמען פון ד.ד.ר. צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן, אויב מזרח־דייטשלאַנד וועט דעקלאַרירן איר גרייטקייט אָנצוהאַלטן פריינדשאַפט־באַ־ציונגען מיט ישראל. פון די דאָזיקע אויסרעכענונגען איז געבוירן געוואָרן

דער באַשלוס, אַז די דעלעגאַציע וואָס פּאַרט קיין בערלין, זאָל אויף אַן אומ־אָפיציעלן אופן צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַזאַ דעקלאַראַציע פון ד.ד.ר.

— ווער האָט געהייסן מפּ״ם אַרויפלייגן אויף אייך אַזאַ אויפגאַבע?

— דער דאָזיקער באַשלוס איז אַרויסגעדרונגען פון די פּאָליטישע איינשטעלונגען פון מפּ״ם גופא. אונדזער פּאַרטיי געהערט נישט צו די פּאַרטייען וואָס באַקומען באַפעלן פון עמעצן — אינערהאַלב ישראל אָדער אויסער איר.

— אונדז איז באַוווּסט, אַז די אויפגאַבע וועגן וועלכער מען רעדט, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אייך — מיט דער פאַרמיטלונג פון מפּ״ם — דורך אַן אַנדערן פאַקטאָר, לאָמיר זאָגן — די ישראל־רעגירונג.

איך דערקלער אים, אַז מפּ״ם איז אין אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג.

— ס׳איז אָבער קלאָר די זאַך, אַז אייער פאָרשלאָג — אויסוואַנדערונג פון יידן קיין ישראל און אויסצאָלן אַנטשעדיקונג — האָט געטראָגן אַ קאָנטעררעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער און איז אויסן געווען אויף אַ הארבן אופן צו שעדיקן די אַנטוויקלונג פון ד.ד.ר., אויב זי נישט אינגאַנצן חרוב מאַכן.

— מיינע פאָרשלאָגן זענען אויסן געווען צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר דעם, אַז אויב עס וועלן איינגעשטעלט ווערן פריינדלעכע באַציאונגען צווישן ישראל און דייטשלאַנד — זאָל דאָס זיין חל נישט בלויז אויף מערב־דייטשלאַנד, נאָר אויך אויף ד.ד.ר. מיר האָבן געוואָלט אויסמיידן, אַז ישראל זאָל באַיקאָטירן די דייטשע דעמאָקראַטישע רעפּובליק — צו דער פריידפון דער ישראלדיקער רעאַקציע. אגב, קיין שום פאָלקס־דעמאָקראַטיע איז נישט חרוב געוואָרן צוליב דער עליה פון אירע יידן קיין ישראל. און וואָס שייך אַנטשעדיקונגען — קאָן מען זיך פאַרלאָזן אויף אולבריכטן און זיינע חברים אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און אין דער רעגירונג, אַז זיי האָבן געוווּסט אָפּצושאַצן צי דאָס קאָן יאָ אָדער נישט שאַדן ברענגען ד.ד.ר.

— אַרויסשלעפּן קאַפּיטאַל פון אַ נאַציאָנאַליזירטער ווירטשאַפט אין אַ לאַנד וואָס שפּאַנט צום סאָציאַליזם און עס אריבערפירן אין אַ קאַפּיטאַליסטישער מדינה — איז דאָס נישט שעדיקריי אינעם סאָציאַליזם?

— אויך ישראל וועט זיין סאָציאַליסטיש און איר ווירטשאַפט וועט זיין אַ נאַציאָנאַליזירטע. לויט מיין מיינונג, זענען די קרבנות פון פאַשיזם און די יידישע שארית־הפליטה וואָס באַווייזן אָנצוקומען קיין ישראל — ראוי צו באַקומען הילף פון גאַנצן דייטשישן פאָלק אויף צו רעקאָנסטרואירן

זייער לעבן. אָבער ווי כ׳האָב געזאָגט, איז דאָס נישט קיין ענין צווישן ישראל און טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָר צווישן ישראל און ד.ד.ר. דעריבער האָט נישט קיין זין צו דיסקוטירן וועגן דעם דאָ — אין אַ טשעכאָסלאָוואַקישער תפיסה.

— דאָ וועלן מיר באַהאַנדלען דאָס, וואָס איך וועל האַלטן פאַר ריכ־טיק. און אויב איר וועט זיך ווייטער אויפפירן חוצפּהדיק, גייט איר אין קאַרצער. אַ וואָסערע איז געווען די אויפגאַבע פון דעם פּראָיעקט, וועלכן איר האָט געשיקט פון פּראָג צו וואַלטער אולבריכט ? ווער האָט אים אָנגע־שריבן ?

— מיר האָבן פעסטגעשטעלט מיט וו. אולבריכט, אַז כ׳וועל נאָכאַ־מאָל קומען קיין בערלין אויף ווייטערע פאַרהאַנדלונגען. פאַר דעם האָב איך אים דעריבער געשיקט אַ פאָרשלאַג פון אַ דעקלאַראַציע, אַזויווי איך וואָלט זי געוואָלט זען. דער דאָזיקער פאָרשלאַג, פאַרשטייט זיך, האָט באַדאַרפט דינען אַלס יסוד פאַר פאַרהאַנדלונגען. דעם פאָרשלאַג האָב איך אויסגעאַר־בעט. אין באַשטימטע פראַגן האָב איך זיך טעלעפאָניש באַראַטן מיט מאיר יערי, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון מפ״ם, וואָס האָט דעמאָלט געווײלט אין שווייץ צוליב געזונטהייט־טעמים.

— פאַרוואָס האָט איר זיך נישט געטראָפן מיט אולבריכטן נאָכאַ־מאָל ?

— צוליבן אַרעסטירן מיך אין טשעכאָסלאָוואַקיע. איך האָב געהאַט בדעה צוריקצופאָרן קיין בערלין. דאָס איז אויך געווען איינע פון די סיבות, צוליב וועלכער כ׳האָב זיך פאַרהאַלטן אין פּראָג, מערער וויפל כ׳האָב געהאַט בדעה.

— וואָס איז געשען מיטן צווייטן מיטגליד אין אייער דעלעגאַציע ד״ר רובין ? פאַרוואָס איז ער נישט געבליבן צוזאַמען מיט אייך ?

— מיר האָבן זיך צעשיידט נאָכן אָנקומען פון בערלין קיין פּראָג. ער איז געפאָרן קיין שווייץ און פראַנקרייך און פון דאָרט זיך אומגעקערט קיין ישראל.

— די וויכטיקסטע שפּיאָנאַזש־ידיעות פון דייטשלאַנד האָט ער גע־נומען מיט זיך קיין ישראל. דערפאַר האָט ער זיך געאײלט, נישט אַזוי ? וועמען האָט ער זיי באַדאַרפט איבערגעבן אין ישראל ?

— מיר האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט קיין שפּיאָנאַזש.

— און וואָס איז דאָס ? — ברעכט אויס דער אויספאָרשער אין אַ בצחון־געשריי און הייבט אויף פון שרייבטיש אַ העפטל מיט נאָטיצן און

אַ פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר אויף דער שרייבמאַשין. — איז דאָס נישט אַ בלאָק מיט אייערע נאָטיצן? פאַראַן דאָ אייערע אונטערשריפטן. און דער בויגן מיט אַ סטאַטיסטיק פון יידן אין ד.ד.ר. — איז דאָס נישט פון צווישן אייערע פּאַפּירן?

— יאָ, דאָס נאָטיצן־ביכל איז מיינס. און אויך די סטאַטיסטיקעס וועגן יידן אין ד.ד.ר. — אין די אַמטן פון די יידישע קהילות און אין דער רעליגיעס־אָפּטיילונג ביי דער קאַנצעלאַריע פון פּרעמיער האָב איך גענומען די ידיעות און ציפערן וועגן דער לאַגע פון די יידן אין ד.ד.ר.

— זענען דאָס נישט קיין שפּיאָנאַזש־ידיעות? סטאַטיסטיקעס וועגן אַ טייל באַפעלקערונג פון ד.ד.ר., ידיעות וועגן פאַבריקן און לוין־טאַריפן, ידיעות וועגן פאָרשריט פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע — איז דאָס נישט קיין שפּיאָנאַזש? וועמען ווילט איר פאַרטומלען דעם מוח? מיט אַ וואָסער צוועק האָט איר פאַרשריבן די אַלע ידיעות, אויב נישט פאַר באַשטימטע שפּיאָנאַזש־דינסטן אין ישראל און אין אַנדערע לענדער?

— וואָלט איר אַרעסטירט די איבעריקע דעלעגאַטן וואָס האָבן זיך דורך פּראַג אומגעקערט פון בערלין, — וואָלט איר אויך ביי זיי געוועזן קאָנפיסקירט העפטן מיט ענלעכע נאָטיצן. מיט איניקע יאָרן צוריק האָט אַ דעלעגאַציע פון די טשעכאָסלאָוואַקישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען באַזוכט ישראל אויף דער איינלאַדונג פון דער הסתדרות. אויך זיי זענען אַרומגעפאָרן אין ישראל און געמאַכט נאָטיצן, עס איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז זיי פאַרצייכענען דאָס פאַר שפּיאָנאַזש־צוועקן. אַזיווי אַלע דעלעגאַציעס, אַזוי זענען מיר איינגעלאַדן געוואָרן אַרומצופאָרן איבער ד.ד.ר., אונטער דער אָנפירונג פון פאָרשטייער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. ווארנעקע, דער פאָרזיצער פון די פאַריינען, האָט פון דער קאָנפערענץ־טריבונע געבעטן די דעלעגאַטן אַרומצופאָרן איבערן לאַנד און באַקענען זיך מיט די דערגרייכונגען פון די מזרח־דייטשישע אַרבעטער, כדי זיי זאָלן קאָנען וועגן דעם דערציילן, נאָכן אומקערן זיך אַהיים. אין די אונטערנעמונגען ווו מיר האָבן באַזוכט, האָט מען פאַר אונדז רעפערירט און דערלאַנגט געדרוקטן מאַטעריאַל מיט ציפערן, וואָס באַלאַנגען גאָרנישט צו די סודות פון דער מדינה. די באַזוכער האָבן פאַרשריבן אין זייערע העפטן, כדי זיי זאָלן זיך נישט דאַרפן שטיצן נאָר אויפן זכרון. די ציפערן וועגן יידן, וואָס מיר האָבן באַקומען, זענען אומעטום פאַרעפנטלעכט געוואָרן און זענען גאָר־נישט קיין סוד. מיר האָבן זיי באַקומען פון אָפיציעלע פּערזאָנען, אין דער

אַנוועזנהייט פון אונדזערע באַגלייטער. ביי יעדן פּאָליטיקער אייערן, ביי יעדן זשורנאַליסט אייערן, ביי אַן אַרבעטער־טוער אייערן און ביי יעדן פּאָליטיקער, צייטונגס־מענטש און טוער אין דער וועלט, וואָס קומט צוריק פון אַ קאָנפערענץ אָדער פון אַ רייזע אין אַן אַנדער לאַנד, וועט איר געפינען אַ מאַסע נאָטיצן. איז דאָס אַ באַווייז, אַז זיי באַשעפטיקן זיך מיט שפּיאָנאַזש? ביי אַ דאָקטאָר, למשל, קאָנט איר געפינען פאַרשידענע סמען. דאַרף מען דערפון אַרויסדרינגען, אַז זיין פּראָפעסיע איז צו פאַרסמען מענטשן? ביי אַ שלאָסער קאָן מען געפינען פיל שליסלען. מעג מען זאָגן, אַז ער האַלט זיי לשם אַדורכפירן גניבות? מיין פאַך איז צו רעפערירן, שרייבן אַרטיקלען, פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטישע פראַגן. שטענדיק קאָנט איר ביי מיר געפינען אַ שפע נאָטיצן. דאָס מאָל האָב איך געהאַט בדעה, מיטן אומקערן זיך אַהיים, שרייבן אַ ריי אַרטיקלען און רעפערירן אויף פאַרשי־דענע ערטער וועגן דער בערלינער קאָנפערענץ וועגן די דערגרייכונגען פון דער סאָציאַליסטישער בויונג אין ד.ד.ר. און וועגן דער לאַגע פון די יידן דאָרט, און אָן שום ספק, אַז כ'וואָלט געוועזן געשריבן און גערעדט אין סאַמע סימפּאַטישן גייסט. צוליב דעם האָב איך געמאַכט די נאָטיצן.

— אייערע רייד זענען ווייט פון איבערצייגן. וואָס פאַר אַ ספּעציעלן אינטערעס האָט איר געהאַט אין די יידן אין ד.ד.ר.? פאַרוואָס האָט איר זיך נישט אינטערעסירט מיט די פּאָליאַקן אָדער רומענער אין דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק?

— איך בין אַ ייד און נישט קיין רומענער אָדער פּאָליאַק. אויסער דעם — פון בערלין איז אַרויסגעקומען דער גרויזאַמער אומקום פון זעקס מיליאָן יידן, וואָס זענען פאַרטיליקט געוואָרן דורך היטלערן. דעריבער האָט מיך באַזונדערס אינטערעסירט דער גורל פון די רעשטלעך פונעם יידישן קיבוץ, וואָס איז געוועזן דער ערשטער קרבן פון נאַציזם. נאָך עפּעס: איך וואָלט נישט געוואַגט, אומקערנדיק זיך אַהיים, צו שרייבן, רעפערירן און אַפילו באַריכטן די פאַרטיי־אינסטאַנצן וועגן ד.ד.ר., נישט דערציילנדיק אויך די לאַגע פונעם רעשטל דייטשישן יידנטום.

— פונדעסטוועגן איז מיר נישט פאַרשטענדלעך, וואָס האָט איר גע־זוכט ביי די יידן אין ד.ד.ר. ס'איז באַוווסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין יידיש פאָלק, אַז יידן פון איין לאַנד זענען דורכאויס אַנדערש פון יידן פון אַ צווייטן לאַנד. פאַרוואָס, דעריבער, האָט איר זיך פאַראינטערעסירט דווקא מיט יידן? זיכער האָט איר צווישן זיי געזוכט אַן אָנהאַלט־פּונקט צו אָרגאַניזירן פיינד־

לעכע טעטיקייט קעגן רעזשים. אין דער אונטערשטער שורה — האָב איך היינט געהערט פון איך אַ מאַסע נאַרישע רייד. אָבער איר זענט זיך טועה, אויב איר מיינט, אַז איך גלייב אייערע נאַרישקייטן. אונדז איז אויס־געצייכנט באַוווּסט, אַז איר זענט אַ דערפאַרענער ציוניסטישער שווינדלער. איך אַזויווי איר, ווייס, אַז אין ד.ד.ר. — אַזויווי אין אַלע פאָלקס־דעמאָ־קראַטיעס וואָס איר האָט באַזוכט — האָט איר זיך פאַרנומען מיט שפּיאָ־נאַזש־מלאכה לטובת ישראל און דעם מערב און זיך באַשעפטיקט מיט פיינדלעכע טאָטן קעגן רעזשים. ווען ס׳וועט קומען דער מאָמענט, וועלן מיר צונויפשטעלן אַ ספּעציעלן פּראָטאָקאָל איבער די דאָזיקע אויספירן. דער־ווייל וועלן מיר שרייבן אַ פּראָטאָקאָל וועגן די עצם־פאַקטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אייער וויילן אין ד.ד.ר.

דער פּראָטאָקאָל איז צונויפגעשטעלט טענדענציעז, פיינדלעך און אויף צו פאַרדעכטיקן. איך חתמע אונטער.

די שלאַכט איבער דייטשלאַנד — די מערבדיקע און מזרחדיקע צו־זאַמען — ווערט פאַרגעזעצט אין אַ גאַנצער ריי אויספאָרשונגען בייטאָג און ביינאַכט. איך האָב מורא, אַז דער אויספאָרשער האַלט זי נאָך נישט פאַר אַ פאַרענדיקטע. די ביז איצט צונויפגעשטעלטע פּראָטאָקאָלן פאַרדעכטיקן מיך בלויז אַלס שפּיאָן, אַלס שונא פון סאָציאַליזם, אָן שום ספק, וועלן נאָך צוזאַמענגעשטעלט ווערן פּראָטאָקאָלן מיך צו באַשולדיקן. אין זיי וועל איך גופא זיין געצווונגען זיך צו באַשולדיקן און אויסרופן: „איך בין אַ פאַרע־טער, אַ שפּיאָן, אַ שונא”.

נאָך די איין און צוואַנציק נעכט

היינטיקע נאַכט האָט מען מיך געלאָזט שלאָפן די מיינסטע שעהן פון דער נאַכט. מיין שכן זאָגט מיר, אַז 21 נעכט זענען פאַר מיר אַדורך אָן שלאָף. בייטאָג פלעג איך אַרומגיין ווי אַ געשפּענסט. פיל שעהן בין איך געהאַלטן געוואָרן אין קאַמער אָן אַן אויספאָרשונג, אין שפּאַנונג און אויפ־געצווונגענער וואַכזאַמקייט, מיט וועלכע עס זענען באַגלייט די אויספאָרשונ־גען — און נאָך מערער זיך געפייניקט. ביים צוזעצן זיך אַ ווײַלע אויפן בענקל האָבן זיך די אויגן פאַרמאַכט פון צופיל מידקייט. דער וועכטער

האָט אָפּט געקלאַפּט אין טיר: „נישט שלאָפן, אַרומגיין!" איך שטייענדיק, פלעגן זיך מיר די אויגן צומאַכן. דער וועכטער פלעגט אויסברעכן אין אַ געשריי, אַז איך שלאָף שטייענדיקערהייט, לען זיך אָן אין דער וואַנט און אפילו ביים שפּאַצירן איבער דער קאַמער. פון די אויספאָרשונגען אין די לעצטע טעג איז אין מיין זכרון איבערגעבליבן עפּעס אַ מאָדנער געמיש פון ענינים. די אויספאָרשער פלעגן אויף מיר אויסגיסן קרוגן וואַסער — קעגן שלעפעריקייט. אַז כ'בין געשטאַנען אויף אַכטונג, פלעג איך זיך אויס־ציען אויפן בענקל. אַז כ'בין געזעסן אויפן בענקל, פלעג איך נישט איינמאָל זיך אָנהייבן אַראָפּלאָזן אויף דער פּאָדלאָגע. אַ מאָדנער געמיש פון פּראַג־מענטן פון דער אויספאָרשונג זענען געבליבן שטעקן אין מיין זכרון, איינ־געוויקלט אין אַ משונהדיקן נעפּל. דער אויספאָרשער פון יענע טעג צייכנט זיך אין מיין זכרון ווי אַ מין שרעק־בילד, וואָס נאָגט דאָס בלוט פון דעם לעבעדיקן וועזן וואָס ליגט פאַר אים אויסגעצויגן הילפלאָז און קאָן זיך נישט פאַרטיידיקן און ראַנגלען פאַר זיין לעבן. פונדערווייטנס דערטראָגן זיך צו מיר די קולות פון דעם שרעק־בילד. דו ביסט נישט קיין סאָציאַליסט. דו ביסט אַ קאַפּיטאַליסט. דו באַקומסט דיווידענדן פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער געזעלשאַפט „סולל־בונה". בן־גוריון נעמט צו די מיינסטע דיווידענדן. אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון מפ"ם זענען אַקציאָנערן אין „סולל־בונה". איך טיטאָ איז אַ ייד. נישט בלויז פּיאַדע. אויך ראַנקאָוויטש איז אַ ייד. זיי זענען ציוניסטן און פאַשיסטן. טיטאָ איז דער מכשיר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ציוניסטישער פאַרשווערונג קעגן סאָציאַליזם. פאַר־וואָס דערציילט איר נישט וועגן די געהיימע רייזעס פון בן־גוריון צו טי־טאָן? דאָס האָט איר, צוזאַמען מיטן פאַרעטער קלעמענטיס, געוועבט פאַר־שווערונגען קעגן אונדזער רעזשים. איר האָט געוווּסט, ווען איר פלעגט זיך מיט אים טרעפן, אַז ער איז אַ געשוווירענער פיינד פון סאָציאַליזם, אַז ער איז אַ נבזהדיקער ענגלישער און פראַנצויזישער שפּיאָן. לאַכט נישט! ציוי־ניסטישער שווינדלער, קרעציקע מויז — איר וועט בײדע אַרויף אויף דעמ־זעלביקן תליה־סלופּ. — איך פיל נאָך אויף מיין פּלייצע דעם זעץ פון זיין פויסט. — דערציילט אונדז וועגן דער שפּיאָנאַזש־טעטיקייט פון דעם יידי־שן וועלט־קאָנגרעס פאַר די אַמעריקאַנער. אַ גאַנץ יאָר זענט איר געשטאַ־נען בראש פון דער פּאַריזער שפּיאָנאַזש־ביוראָ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. ווען זענט איר אַריינגעטרעטן אין דינסט פון דער בריטישער „אינטעלי־

דזשענס סערוויס״? ווער האָט אייך דאָרט אַהין ווערבירט? וויפל איז געווען אייער געהאַלט? וויפל הייזער אין תל־אביב געהערן צו אייך?

אליהו גאָזשאַנסקי איז געווען אַזאַ ציוניסטישער שווינדלער ווי איר. אַגענט פון דער יידישער רעאַקציע וואָס איר זענט. מערבדיקער שפּיאָן. פאַרוואָס זאָגט איר זיך אָפּ מודה צו זיין? ער איז דאָך שוין טויט. וויפל געלט האָט איר באַקומען פון דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט אין פּראָג פאַר שפּיאָנאַזש־צוועקן? בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט איר זיך געפונען אין זשענעווע, דעם צענטער פון אינטערנאַציאָנאַלן שפּיאָנאַזש. דערציילט אונדז גענוי פאַר וועלכן שפּיאָנאַזש איר האָט געאַרבעט. מיט וועלכע אַגענטן אין טשעכאָסלאָוואַקיע זענט איר געווען פאַרבונדן? דערציילט וועגן די געשפּרעכן מיט בעקעלמאַנען! — בעקעלמאַן, בעקעלמאַן, בעקעלמאַן — ביזן גרענעץ פון משוגעת.

היינטיקע נאַכט האָבן די סאַדיסטן מיך געלאָזט שלאָפן. נאָך 21 מעת־לעת — כמעט אַן שלאָף.

אַ לעבנס-צייכן פון דער היים

יוני. אין קאַמער — אַ דערשטיקנדיקע היץ. נישטאָ קיין באַוועגונג פון לופט. דאָס פענצטער איז „אָפן״ טאָג און נאַכט. נאָר עס איז אַזוי געמאַכט, אַז עס דערמעגלעכט נישט קיין דורכלופטערונג. דאָס פענצטער עפנט זיך נישט אויף אינעווייניק, ווי געוויינלעך. אויך נישט אויף אַרויס. דאָס פענצטער איז אַ טאָפּלטס. דאָס אינעווייניקסטע לאָזט זיך רוקן אַראָפּ און אַרויף. דאָס דרויסנדיקע איז אייגנטלעך אַ האַלב פענצטער, נאָר סטאַביל. מיטן „עפענען״ דאָס אינערלעכע, בלייבט אַ שפּאַרע צווישן דרויסנדיקן און אינערלעכן פענצטער. דורך דער דאָזיקער שפּאַרע דאַרף אַריינדרינגען לופט. ווינטער דרינגען אַריין דורך דער שפּאַרע אינעווייניק כוואַליעס קאַלטע ווינטן. זומער: אַ היץ צום דערשטיקט ווערן. בלויז ווען דער וועכטער עפנט די טיר — ביים דערלאַנגען דאָס עסן אָדער ביי אַנדערע, ווינציקע געלעגנהייטן — פילט מען אַ לייכטן סימן פון אַ לופט־באַוועגונג. ווינטער, גלייך וואָלסט געווען פאַרשפּאַרט אין אַן אייזקאַסטן, זומער —

אין אַן אויוון. אפילו די לייכטע אַרעסטאַנטישע קליידונג באַשווערט. מיין שכן אין קאַמער און איך זענען געצוווּנגען אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דאָס אָנ־טאָן. מיר שפּאַצירן אין קאַמער אין די אונטערוועש, באָרוועסע און שטיקן זיך צוליבן מאַנגל פון לופט.ביידע שעלטן מיר דעם אינזשעניר, וואָס האָט פּלאַנירט אַזעלכע פענצטער אויף צו פּייניקן די אַרעסטירטע.

כ׳בין נאָך נישט געקומען צו זיך נאָך די איין און צוואַנציק שלאָפ־לאָזע נעכט. איצט לאָזן זיי מיך שלאָפן. אָפּטמאָל אַ גאַנצע נאַכט. אָדער די מיינסטע שעהן פון דער נאַכט. גאָר זעלטן — בלויז ווינציקע שעהן. כ׳האָב זיך נאָך נישט צוריקגעקערט צום גלייכגעוויכט. דער מאַנגל אין שלאָף איז נאָך אַלץ דער עיקר פון מיינע יסורים. אויף אַן איבעראַשנדיקן אופן איז מיר די לעצטע טעג דערלויבט געוואָרן צו קויפן איינמאָל אין וואָך אַ ביסל ברויט אין דער קאַנטין פון תפיסה. דאָס ברויט, וואָס דאַרף גענוג זיין אויף אַ גאַנצער וואָך, שלינג איך אין מיין הונגער אַראָפּ באַלד דעם ערשטן טאָג אָדער אין די ערשטע צוויי טעג פון איינקויפן. קויפן ברויט אין קאַנטין — הייסט נישט, אַז איך גיי דאָרט אַהין און קויף זיך פאַר געלט. איינמאָל אין וואָך גייט איבער דער קאַמער אַ ספּעציעלער וועכטער און פאַרשרייבט די אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן באַקומען די קויף־דערלויבענישן, אויפן חשבון פון די געלטער, וואָס זענען פאַרשריבן אויף זייער קאָנטע אין דער תפיסה־קאַנצעלאַריע. אין אַ צוויי טעג אַרום בערך, ברענגט מען די פּראָדוקטן אין די אַרעסטאַנטן־קאַמערן. מיין הונגער־פּאַרציע איז אי־בערגעבליבן ווי פריער. מיין שכן אין קאַמער האָט זוכה געווען צו אַ „פאַרגרעסערטער פּאַרציע״. דאָס איז נאָך אַלץ נישט די נאָרמאַלע באַשפּיי־זונג. די נאָרמאַלע איז די דריטע קאַטעגאָריע: „דאָפּלטע שפּייז״. אונדז ביידע איז די לעצטע טעג דערלויבט געוואָרן אויך צו רייכערן — רעגלאַ־מענטירט: מיין שכן זיבן סיגאַרעטן אַ טאָג, מיר — פינף. אויך די סיגאַ־רעטן ווערן איינגעקויפט איינמאָל אין וואָך, אַזוי ווי דאָס ברויט. דאָס ברויט באַקומסטו אַריין אין קאַמער און מעגסט עס אויפעסן מיט איינמאָל. די סי־גאַרעטן און שוועבעלעך ליגן אויף דער פּאָליצע אין קאָרידאָר, נעבן טיר פון קאַמער. דו דאַרפסט בעטן דעם וועכטער וואָס היט דעם קאָרידאָר, ער זאָל דיר דערלויבן פאַררייכערן אַ סיגאַרעט. זיין אויפגאַבע איז אַכטונג צו געבן, אַז זאָלסט נישט רייכערן מערער פון דער טאָג־נאָרמע. דאָס ברויט קאָן מען נישט אויפהיטן מערער ווי אַ טאָג־צוויי. שוין דעם צווייטן טאָג ווערט עס זייער אַלטגעבאַקן און עס איז נישט לייכט צום עסן. ווען עס

קומט אָן אין קאַמער איז עס שוין נישט פריש. קומט אויס, אַז אין די מיינסטע טעג פון דער וואָך בין איך ווייטער הונגעריק. אַלע מיינע באַמיונגען צו באַקומען אַ „דאָפּלטע שפּייז״, דאָס הייסט אַ נאָרמאַלע דערנערונג, אָדער ווינציקסטנס אַ „פּאַרגרעסערטע פּאָרציע״, ענדיקן זיך מיט גאָרנישט. דער ענטפער איז: נאָכדעם ווי איר וועט זיך מודה זיין. דאַן — גיט צו דער אויספאָרשער — וועט איר באַקומען נישט נאָר אַ דאָפּלטע פּאָרציע, נאָר אויך געבראָטענע קאַטשקעס. די פינף סיגאַרעטן אַ טאָג וואָס זענען מיר דערלויבט געוואָרן, זענען בלויז אַ מיטל צו שפּאַנען די נערוון, צו רייצן זיי אָן אָן אויפהער. ווען איך בין אין קאַמער, זענען אַלע מיינע שעהן גייסטיקע געשפּאַנטקייט און נערוועזיטעט: שעהן פון דערוואַרטונג אויפן מאָמענט ווען איך וועל קאָנען בעטן ביים וועכטער דעם צווייטן סיגאַרעט, דעם דריטן אאז״וו. עס ווערט מיר שנעל קלאָר, אַז דאָס דערלויבן אַ באַגרענעצט רייכערן, איז נישט מער ווי איינע פון די תחבולות פון דער אויספאָרשונג. אַז דאָס רייכערן איז דיר פאַרבאָטן, טוט עס דיר שטאַרק ווייל נאָר אין דער אונטערשטער שורה, געוויינט מען זיך צו צו דעם. אַנדערש אָבער, ווען דו מעגסט רייכערן בלויז פינף סיגאַרעטן, און אין אַזעלכע באַדינגונגען פון דיין קיום...

כ׳האָב דאָס געפיל פון אַ רעקאָנוואַלעסצענט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון אַ שווערער קראַנקייט און הייבט אָן שטעלן זיינע ערשטע טריט. איך גיי נאָך ווי אַ מענטש, וואָס נייטיקט זיך אין קוליעס. די לעצטע טעג פון די איין און צוואַנציק האָבן זיך איינגעבאַקן אין מיין זכרון ווי אַ קאָשמאַר, עפּעס ווו ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע זענען צונויפגעמישט. גאַנצע שעהן באַמי איך זיך צו רעקאָנסטרואירן אין געדאַנק פראַגמענטן פון דער אויספאָרשונג אין יענע טעג און נעכט. פון די טיפענישן פון זכרון איינגעהילטע אין אַ נעפּל, זאַמלען זיך צונויף פאַקטן פון ליידן און פּיין, וואָס קערן זיך צוריק און צעררייסן די נשמה איבעראַנייס. איבערלעבונגען פון אַ מענטש, וואָס האָט טועם געווען דעם טעם פון גיהנום. אין די לעצטע טעג בין איך געווען אַ הילפלאָזער אָביעקט פאַר די פּייניקונגען פון דער אויספאָרשונג. איך בין נישט געווען מסוגל צו שטיין אויף דער וואַך מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן. רעאַגירן, צונישט־מאַכן בלבולים. אַוועקהרגענען נאַריש באַשולדיקונגען מיט געלעכטער־אויסברוכן. מיר שיינט, אַז כ׳האָב געשוויגן. בלויז איצט שטעל איך זיך ווידער אַוועק אויף דער וואַך אין אומאויפהערלעכע דיאַלאָגן מיט די שאָטנס פון די אויספאָרשער. אַלע פרייע

שעהן אין קאַמער פיר איך מיין וויכוח מיט זיי. קריג זיך מיט זיי. מאַך צונישט זייערע פּוסטע רייד. ווי פונדאָסניי כאַפּ איך אַריין זידלערייען פון זייער שפּראַך און די קלעפּ פון זייערע פויסטן. איך דערלאַנג זיי צוריק זיד־לערייען. איך הייב אויף מיין האַנט צו באַשיצן מיין פּנים פון זייערע קלעפּ. די געשפּענסטער פון די לעצטע מעת־לעתן גייען איבער מיר אַדורך נאָכ־אַמאָל, מיט אַלע פיזישע און גייסטיקע ליידן וואָס באַגלייטן זיי.

איך האָב געחתמעט אויף פיל פּראָטאָקאָלן — פולע מיט פעלשונגען, פאַרדרייאונגען, פאַרדעכטיקנדיקע באַצייכענונגען, פאַקטן וואָס זענען געווען און וואָס זענען נישט געווען. פּראָטאָקאָלן, טענדענציעז צוזאַמענגעשטעלטע, וואָס פעלשן מיין געשטאַלט. זיי שטעלן מיך פאָר ווי אַ מענטש, וועמענס דערציונג, מענטאַליטעט, אָפּשטאַם און טעטיקייט צווינגען אים צו זיין אַ פיינד פון רעזשים, אַ שונא פון אַרבעטער־קלאַס. אַ שעדיקער פון דער סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג. אַ שפּיאָן לטובת דעם מערבֿ. אַ ציוניסט וואָס ביי זיי אידעטיפיצירט עס זיך מיט אַ פאַשיסט, נישט ווי אַ ציוניסט־סאָציאַליסט, וואָס זעט זיך גופא ווי אַ זעלנער פון דער אַרמיי פון דער רעוואָ־לוציע. אַ פיינד, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ נישט מודה געווען, אַז ער איז אַ פיינד.

מיטן אונטערחתמענען יעדן פּראָטאָקאָל, פלעגט דער אויספאָרשער באַמערקן: מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דעם ענין. ער איז נאָך נישט פאַרענדיקט.

מיין געפיל איז פון אַ מענטש, וואָס קומט צו זיך פון אַ שווערער קראַנקייט. אָבער מען לאָזט מיך נישט געזונט ווערן, קומען צו זיך. מען לאָזט מיך נישט שלאָפן גאַנצע נעכט. די אויספאָרשונגען ווערן פאַרגעזעצט בייטאָג. זיי ציען זיך ווייטער ביינאַכט. ווייזט אויס, אַז מען האָט באַשלאָסן מיר צוטיילן אַ הונגער־פּאָרציע פון שלאָף. כ׳זאָל זיך נישט דערכאַפּן און אָנזאַמלען כּוח צו שטיין אויף דער וואַך פון מיינע אמתן. אַ מינימאַלע שלאָף־פּאָרציע. איך דאַרף נאָך ווייטער דינען אַלס אָביעקט צו פּראָדוצירן ווידויים.

ביי יעדער אויספאָרשונג באַניי איך מיין פאָדערונג: דערלויבט מיר צו שיקן אַ לעבנס־צייכן אַהיים. דער אויספאָרשער ענטפערט זיין סטאַנ־דאַרטן ענטפער: „ביטע, מיטן באַדינג אַז איר וועט זיך אין בריוו מודה זיין אין פאַרברעכנס קעגן דער רעפּובליק״. איך מאַך דעם אָנשטעל, גלייך

כ׳האָב אַ רגע געגלייבט, אַז אין זיין האַרץ איז נאָך איבערגעבליבן אַ ברעקל פון דעם וואָס מען רופט געוויסן, מענטשלעך געפיל. איך אַפּעליר צו זיין געוויסן, צו זיינע מענטשלעכע געפילן. איך בעט דערלויבן מיר עפּעס טאָן וואָס זאָל דערמוטיקן מיין בני־בית אינדערהיים. איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז אין איינציקע טעג אַרום וועט זיין דער געבורטס־טאָג פון מיין פרוי. איך וואָלט געוואָלט, אַז אַ סימן פון לעבן זאָל צו דעם טערמין דערגיין צו מיין בני־בית. ער חזרט איבער דאָס זייניקע. איך מעג שרייבן, נאָר איך דאַרף צוגעבן מיין ווידוי, כדי מיין בני־בית זאָל וויסן דעם „אמת״. זאָלן זיי נישט מיינען, אַז אין טשעכאָסלאָוואַקיע אַרעסטירט מען אומשולדיקע מענטשן. ער גיט צו: אויב כ׳וועל אַזוי שרייבן דעם בריוו — וועט דער שעף אָן שום ספק, מסכים זיין, אַז כ׳זאָל צום בריוו צוגעבן דערמוטיקונג־ווערטער פאַר מיין בני־בית, דאָס הייסט, ברענגען די האָפענונג, אַז טשעכאָסלאָוואַקיע וועט אין מיין פאַל אַרויסווייזן גרויסמוטיקייט און מוחל זיין דאָס, וואָס כ׳האָב געטאָן קעגן איר. אַז ס׳וועט מיר געגעבן ווערן בקרוב זיך אומצוקערן אַהיים.

אַ טאָג יאָגט אַ טאָג, אַ נאַכט יאָגט אַ נאַכט. בעת די אויספאָרשונגען און בעת די שפּאַצירן אין קאַמער, די גאַנצע צייט בין איך מיט מיין בני־בית אין די געדאַנקען, אין די געפילן.

שרייבן צו זיי, אָדער נישט שרייבן? וואָלט איך געוווּסט וואָס זיי מאַכן. וויסן זיי, אַז איך לעב? אָדער זענען אמת די רייד פון די אויספאָרשער, אַז מען האַלט מיך שוין פאַר אַ געשטאָרבענעם? זענען זיי געזונט? אָדער האָט טאַקע מיט מיין פרוי און קינד פּאַסירט דאָס, וואָס דער אויספאָרשער האָט מיר בשעתו געגעבן אָנצוגעהערן מיט האַלבע רמזים? אַזוי צי אַזוי — איך מוז צו זיי אָנשרייבן. אָנזאָגן, אַז כ׳לעב. אָבער וויאַזוי וועל איך קאָנען באַצאָלן דעם געפאָדערטן פּרייז: זיך מודה זיין אין בריוו, אַז כ׳בין אַרעסטירט געוואָרן צוליב פיינדלעכער טעטיקייט קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע? וועט דערין זיין עפּעס אַ דערמוטיקנדיקע בשורה פאַר מיינע טייערע, אַז זיי וועלן לייענען די נייעס מיט מיין האַנטשריפט, אַז כ׳האָב טאַקע געזינדיקט קעגן דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע? וועט דאָס נישט זיין פאַר זיי אַ שרעקלעכער קלאַפּ? וועט דאָס נישט זיין קיין מאָראַלישער און פּאָליטישער קלאַפּ פאַר מיין באַוועגונג, וואָס איר שליח — לויט זיין אייגענעם עדות זאָגן אין אַ פּריוואַטן בריוו אַהיים — איז זיך מודה, אַז ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין

טשעכאָסלאָוואַקיע צוליב פיינדלעכער טעטיקייט קעגן איר? ווען זי פאַר־שטיין, אַז דער דאָזיקער ווידוי — איז פון גרונט אויס פאַלש? ווען זי פאַרשטיין, אַז מיין איינציקע כוונה אין דעם בריוו, איז נאָר איין זאַך, זיי אַנזאָגן, אַז איך לעב און דאָס איבעריקע איז אויפגעצוווּנגענער ליגן? טאָ־מער וועלן זיי נישט פאַרשטיין? טאָמער וועלן זיי אָננעמען מיין בריוו אַזוי ווי ער גייט און שטייט, מיט אַלע זיינע פּונקטן, די אמתדיקע ווי די ליגנערישע צוזאַמען? און ס'איז פאַראַן אַ צווייטע זייט פון דער מטבע: נאָכדעם, ווי כ'וועל אינעם בריוו זיך „מודה״ זיין, וויאַזוי וועל איך ווייטער זיך קאָנען ו־אַנגלען איבער מיינע אמתן בעת די אויספאָרשונגען? פאַר דיין בני־בית אַנטפּלעקסטו דעם אמת אַז האָסט קעגן אונדז געזינדיקט — וועלן זאָגן די סאַדיסטן — טאָ וואָס פאַראַ טעם האָט דאָס אָפּזאָגן זיך מודה צו זיין פאַר אונדז?

די דאָזיקע פראַגע, שרייבן אָדער נישט שרייבן, הערט נישט אויף מאַטערן מיינע געדאַנקען. גאַנצע שעהן שטעל איך אַקעגן די אַרגומענטן פאַר און קעגן. מיין כוח צו אַנטשיידן איז אָפּגעשוואַכט.

די שטימונג ביי מיין שכן אין קאַמער האָט זיך זייער פאַרבעסערט. אין די לעצטע טעג איז פאָרגעקומען אַ וועזנטלעכער קער אינעם גאַנג פון די אויספאָרשונגען אַרום דער „שפּילצייג־באַן״. עס זענען שוין אַרעסטירט געוואָרן צענדליקער מענטשן, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט דער באַן, נאָר ער גופא, מיין שכן, איז אַרויסגעפאַלן פון דעם גאַנצן ענין. ער האָט שוין אונטערגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל, וואָס שטעלט פעסט, אַז ער איז נישט פאַר־מישט אין דער פּרשה פון דער „באַן״, ווען זי איז דורך אַ געוויסער כנופיה אויסגענוצט געוואָרן פאַר פאַרברעכערישע צוועקן. ווייזט אויס, אַז די אונ־טערנעמונג וווּ ער האָט געאַרבעט, נייטיקט זיך זייער אין אים. ער האָט אַ סך טעכנישע דערפינדונגען, וואָס וואַרטן אויף זייער פאַרפולקאָמונג.

מיין שכן גייט ווייטער אָן מיט זיין דרוק אין פאַרשידענע פאָרמען, אַז כ'זאָל ענדערן מיין אויפפירונג בעת די אויספאָרשונגען. ער הערט נישט אויף מיר פּרעדיקן, אַז פאַר מיין משפּחה־וועגן דאַרף איך זיך מודה זיין צו יעדן פאַרברעכן. וואָס פריער כ'וועל עס טאָן, אַלץ פריער קום איך צוריק אַהיים. ער באַשולדיקט מיך אין מאָרד. אין מאָרד פון מיין משפּחה, דורך מיין אויפפירן זיך בעת די אויספאָרשונגען, אַ פירונג, וואָס דרינגט אַרויס פון נאַרישע פּרינציפּן.

פון זיין האַלדז רעדן די אויספאָרשער. דאָס האָבן זיי אַריינגעלייגט זייערע ווערטער אין זיין מויל.

נעכטן, צוריקקומענדיק „פונדערהייך", האָט ער מיר דערציילט, אַז ס'איז צו אים געקומען אַ „העכערער אָפיציר" פון דער זיכערהייט־פּאָליציי און אים אָנגעזאָגט, אַז ס'איז נאָענט דער טאָג פון זיין באַפרייונג. ער איז געקומען מיט אים רעדן וועגן פאַרזעצן זיין אַרבעט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. ד'רך אגב — גיט צו מיין שכן — האָט מען אויך גערעדט וועגן מיר. דער אָפיציר האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט, אַז מיר ז'יצן אין איין קאַמער. דער אָפיציר האָט אים געגעבן אָנצוגעהערן, אַז די אויסזיכטן פאַר מיין באַפרייונג זענען גוטע. אויב כ'וועל זיך מודה זיין אין מיינע חטאים, וועט מען מיר נישט מאַכן קיין שום פּראָצעס. מען וועט מיר געבן די מעגלעכקייט אַהיים־צופאָרן.

איך גלייב נישט אין דער ריכטיקייט פון דער מעשה. זי איז זייער ענלעך צו די זיסע ריידעלעך, וואָס איך הער זייער אָפט פון מיינע אויס־פאָרשער. עס איז בלויז ווי איינער פון די פּסיכישע דרוק־מיטלען, וואָס ווערן לגבי מיר אָנגעווענדט, כדי מיך איינצוברעכן.

די היינטיקע נאַכט־אויספאָרשונג איז עפּעס מער אַ געלאַסענע. דער אוספאָרשער זידלט זיך ווייניק. ער באַפעלט מיר נישט צו שטיין אויף אַכטונג. ער הייבט נישט אויף מיר זיין האַנט. פאַריקע נאַכט האָב איך גע־האָט איינע פון די שווערע אויספאָרשונגען. דער פּראָטאָקאָל האָט אַנטהאַלטן האַרבע פאַרקריפּלונגען, גראָבע, דירעקטע חשדים. אַ לאַנגע צייט האָב איך אָפּגעזאָגט אונטערצוחתמענען. צום סוף האָב איך געגעבן מיין אונטערשריפט. מען האָט מיך געלאָזט שלאָפן אַ צוויי־דריי שעה.

שוין נאָך האַלבער נאַכט. פון דרויסן דערטראָגט זיך אַ הייזעריק בילן פון הינט. ערשט איצט האָב איך געחתמעט אַ נייעם פּראָטאָקאָל. געפעלשטע פאַקטן, דירעקטע באַשולדיקונגען. זיכער וועט דער אויספאָרשער נישט אָנהייבן איצט צונויפשטעלן פונדאָסניי אַ פּראָטאָקאָל. איך וויל זייער שלאָפן.

דער אויספאָרשער זוכט אין די פּאַפּירן וואָס אין דער טעקע, וועלכע ליגט פאַר אים אויפן טיש. ער ציט פון דאָרט אַרויס אַ קליין, צעקנייטשט בייגעלע פּאַפּיר. ער קוקט דערין אַריין:

— כ׳האָב פאַר אייך אַן אָנגענעמע איבעראַשונג. וועט איר דערקענען די האַנטשריפט פון אייער פרוי?

— אוודאי, — עפּעס רייסט זיך אָפּ אין מיר. אַ בריוו פון דער היים.

ער קוקט נאָך אַלץ אַריין אינעם בייגעלע פּאַפּיר. יעדע מינוט ציט זיך ביזן אויפפּלאַצן.

— באַקומען פאַר אייך אַ בריוו פון דער היים. אייגנטלעך, זענט איר נישט ראוי דערצו איך זאָל עס אייך געבן. ביז איצט האָט איר נאָך נישט געעפנט פאַר אונדז דאָס האַרץ און זיך נישט מודה געווען אפילו אין קיין איינעם פון אייערע פאַרברעכנס. נאָר נאָכדעם ווי איר זענט עטוואָס ווייכער געוואָרן און אָנגעהויבן חתמענען די פּראָטאָקאָלן, וועל איך זיך מיט אייך פירן לפנים משורת־הדין. אָט איז דער בריוו.

דער אויספאָרשער קומט צו מיר צו און דערלאַנגט דעם בריוו. מיט מטושטשדיקע פּיכטע אויגן לייען איך דעם בריוו. פאַראַן דאָרט דריי שורות און אַן אונטערשריפט. נישטאָ קיין דאַטע. נישט אונטערגעצייכנט דאָס אָרט ווו ער איז געשריבן געוואָרן. נישטאָ אויך דער קאָנווערט, פון וועלכן מען וואָלט געקאָנט עפּעס לערנען.

דריי טייערע שורות. מיין פרויס האַנטשריפט. די שפּראַך דייטש.

„האַרציקע גרוסן און קושן פון דיין פרוי, דער טאָכטער פועה און דיין זון משה. אַלע דריי זענען מיר געזונט. וואָס מאַכסטו אין דיין געזונט? מיר אַלע זענען מיט דיר. רעגאַ״.

דאָס געשפּענסט דערשיינט ווי אַ מענטש? ער זיצט אויף זיין בענקל הינטערן שרייבטיש און הייבט אָן אַריינבליקן אין זיינע פּאַפּירן. ער דער־לויבט מיר אין מיין צעשטורעמט געמיט זיך מתיחד זיין מיט מיינע טייערע. אומצאָליקע מאָל לייען איך די דריי שורות. ווען איך ווישׁ אָפּ אַ טרער אויף מיין באַק, פיל איך דעם פאַרגנבעטן בליק פונעם אויספאָרשער. ער קוקט ווייטער אין די פּאַפּירן, ווייזט אויס, כדי מיר צו געבן צייט צו געניסן פון די מינוטן פון גליק. ער שעצט די צייט פון מיין פאַראייניקן זיך מיט מיינע טייערסטע. איך הער נישט אויף לייענען די דריי שורות אין בריוו.

דאָס ערשטע מאָל אין תפיסה ווי איך פיל אַ בלאָז פון גליק. אַ סימן פון לעבן פונדערהיים. אָבער דער אַנאַליזירנדיקער געדאַנק לאָזט נישט צו־רו — רייסט זיך אַריין אינעם געפיל פון גליק.

זיי לעבן. זענען זיי טאַקע געזונט, אַזויווי עס איז געשריבן אין בריוו? ווו איז דער אמת? אין דעם דאָזיקן בריוו, אָדער אין די רמזים פון אויספאָרשער? ווען עס וואָלט מיך געטראָפן עפּעס פון דעם, וואָס דער אויספאָרשער האָט געגעבן אָנצוגעהערן אין באַצוג צו מיין פרוי — וואָלט איך זיך טאַקע געאיילט „אָנצוזאָגן" מיין בני־בית? בין איך גרייט, טראָץ אַלעמען וואָס איך האָב דורכגעמאַכט, שרייבן איצט, אַז ביי מיר איז אַלץ אין אָרדענונג און אַז ס'איז נישטאָ קיין גרונט צו זיין וועגן מיר באַזאָרגט? וואָס מאַכן די קינדער? איז דער קליינער זון יאָ אָדער נישט אַראָפּגעפאַלן פון בוים? פאַרוואָס האָט מיין טאָכטער נישט געשריבן איר גרוס מיט איר האַנט? פאַרוואָס איז דאָס פּאַפּיר אַזוי צעקנייטשט און אַלט? פאַרוואָס איז אין בריוו נישט פאַראַן קיין דאַטע און דאָס אָרט ווו ער איז געשריבן געוואָרן? פאַרוואָס איז דאָ אין בריוו נאָר אַ גרוס? בלויז דריי קליינע שורות? דער עיקר, זיי ווייסן, אַז איך לעב. אַז איך געפין זיך דאָ. אַנדערש וואָלטן זיי נישט געשיקט דעם בריוו אַהער. זיי נעמען אָן, אַז איך לעב. זיי קאָנען נישט זיין זיכער דערמיט, כל־זמן זיי האָבן נישט קיין לעבנס־סימן, געשריבן מיט מיין האַנט. וואָס טוט מען? שרייבן זיי? מיין פליכט איז צו געבן זיי דאָס געפיל פון זיכערקייט, אַז איך לעב. איך בין זיי דאָס מחויב. מיין פרוי. מיינע קינדער.

מודה זיין זיך, אַז כ'האָב געזינדיקט קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע? כ'וועל זיך „מודה" זיין. מיין בני־בית וועט ווייסן, אַז דאָס איז אַ ליגן. אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון צוואַנג. זיי קענען מיך. אויך די באַוועגונג קען מיך אויף אַזויפיל — כדי צו דעשיפרירן וואָס פאַר אַ מין בריוו דאָס איז. צו אונטערשיידן צווישן דעם אמת און דעם געצוווּנגענעם שקר, וואָס אין מיין בריוו. אָבער וואָס וועט זיין מיט מיין ווייטערדיקן געראַנגל ביי די אויספאָרשונגען? שנייד איך נישט אַמאָל אונטער דעם צווייג אויף וועלכן איך זיץ, אויב כ'וועל אין אַ בריוו אַהיים זיך „מודה זיין", אַז כ'האָב געזינדיקט קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע? איך וועל אויפקלערן די אויספאָרשער, אַז דער ווידוי אין בריוו איז נאָר אויף צו געבן אַ סימן פון לעבן אַהיים. אמת, מיין פּאָזיציע אויף די אויספאָרשונגען וועט זיין אַ פיל שווערערע. וויאַזוי וועל איך ווייטער זיך קאָנען ראַנגלען מיט דעם ווייניקן ביסל כוח וואָס איז מיר געבליבן, כאָטש איך פיל, אַז אויך דאָס ביסל האַלט זיך אין אויסלאָזן. דעם גרוס פון דער היים טאָר איך נישט איבערלאָזן אָן אַ רעאַגירונג. דאָס איז

נישט סתם קיין גרוס. דאָס איז אַ שרייענדיקע פֿראַגע פֿון שטוב: „מרדכי, צי לעבסטו?" איך דאַרף ענטפֿערן פֿאַר יעדן פּרייז: „איך לעב".

דער אויספֿאָרשער באַשליסט, אַז כ'האָב גענוג געלייענט דעם בריוו. ער רייסט איבער מיין לייענען־טראַכטן:

— נו, גענוג געלייענט. וואָס שרייבט מען אייך?

אוודאי ווייסט ער, וואָס ס'איז געשריבן אין בריוו, הגם דייטש פֿאַר־שטייט ער נאָר ווייניק. אוודאי האָט מען אים איבערגעזעצט דעם אינהאַלט פֿון דעם גרוס — ענטפֿער איך אויף זיין פֿראַגע. ער נעמט מיר דעם בריוו פֿון דער האַנט. ער קלערט אויף, אַז דער בריוו וועט ליגן ביי אים. איך בעט אים איינמאָל און נאָכאַמאָל, ער זאָל דעם בריוו לאָזן ביי מיר ווינציקסטנס אויף אַ טאָג־צוויי. ער ענטפֿערט, אַז אויב דער בריוו וועט זיך געפֿונען ביי מיר, וועט ער מיר גורם זיין כסדרדיקע גערירטקייט. דאָס וועט שטערן אין נאָרמאַלן גאַנג פֿון די אויספֿאָרשונגען. אויסער דעם, דער תפֿיסה־רעגולאַמין דערלויבט נישט איבערלאָזן ביי די געפֿאַרשטע בריוו אָדער וועלכן ס'איז פּאַפּיר. מיט אַ צעוויטיקט האַרץ שייד איך זיך מיטן טייערן, צעקנייטשטן שטיקל פּאַפּיר.

— צווישן די פּאַפּירן האָבן איך געפֿונען בילדער פֿון אייער פֿרוי און קינדער. איר האָט אַ סימפּאַטישע משפּחה. אַזאַ פֿאַרברעכער ווי איר זענט נישט ווערט אַזאַ משפּחה. מיט די אייגענע הענט האָט איר געבראַכט אויף זיי אומגליק.

איך בעט אים ער זאָל מיר ווייזן די בילדער פֿון מיין משפּחה. ער גייט צו צו אַן אייזערנעם שאַנק און שלעפּט פֿון דאָרט אַרויס אַ טעקע:

— דאָ געפֿינען זיך די בילדער. אויב איר וועט זיך פֿירן ווי אַ מענטש, אויב איר וועט אויפֿהערן האַמעווען דעם גאַנג פֿון דער אויספֿאָר־שונג, וועל איך אייך יעדן טאָג ווייזן די בילדער פֿון אייער בני־בית. דער־ווייל זענט איר נאָך נישט ראוי דערצו. זייט איר אַ מענטש, וועל אויך איך זיין אַ מענטש. — ער לייגט צוריק די טעקע אין שאַנק.

— אַלזאָ, איר האָט באַקומען אַ גוטן גרוס פֿון דער היים. ווי באַוווּסט, קאָנט איר זיי צוריקשרייבן.

— איך וואָלט געוואָלט זיי צוריקשיקן אַ קורצן גרוס. אַ קירצערן פֿון דעם, וואָס כ'האָב באַקומען פֿונדערהיים. זיי אָנזאָגן, אַז איך לעב און בין געזונט.

— ניין. איך האָב שוין געזאָגט פיל מאָל, אַז דאָס קומט נישט אין באַטראַכט. אייער ערשטער בריוו אַהיים דאַרף זיי קלאָר מאַכן, אַז איר זיצט אין תפיסה צוליב אייערע חטאים קעגן אונדזער רעפובליק. זייט איר גרייט צו שרייבן אין דעם דאָזיקן גייסט?

בליץ־שנעל באַטראַכט איך ווידער צום טויזנטסטן מאָל די אַרגו־מענטן פאַר און קעגן.

דערווייל פאַרהאַלט איך מיין פּאָזיטיוון ענטפער אינעם פאַרשלאָ־סענעם מויל. איך וויל אים זאָגן „יאָ, כ'בין גרייט". נאָר דאָס מויל עפנט זיך נישט. צום סוף זאָג איך:

— איך וויל זיי שרייבן, אַז איך לעב. פאַר זייערטוועגן, פאַרן געזונט פון מיין פרוי און קינדער וויל איך זיי שרייבן, אַז כ'האָב געזינדיקט קעגן אייער רעפובליק. אָבער אין גאַנג פון די אויספאָרשונגען וועל איך אויף להבא באַווייזן, אַז אין דער מעלדונג איז נישטאָ קיין אמת. איך בין אויך זיכער, אַז מיין בני־בית וועט גוט פאַרשטיין אין מיין בריוו, וואָס איז אמת און וואָס נישט.

— דאָס אינטערעסירט מיך נישט וואָס איר און אייער בני־בית טראַכטן. דער עיקר איר זאָלט שרייבן אין בריוו דאָס, וואָס איז אמת לויט אונדזער אויפפאַסונג: אַז איר האָט קעגן אונדז געזינדיקט. אויף דער נאָ־ענטסטער אויספאָרשונג וועט איר קאָנען שרייבן דעם מוסטער פון אייער בריוו. איך וועל אים ברענגען פאַר מיינע עלטסטע צו באַשטעטיקן. נישט איצט וועלן מיר דאָס טאָן. דער בריוו האָט אייך גורם געווען פיל גערירט־קייט. גייט איצט צוריק אין קאַמער און איר וועט נאָך באַוויזן אַ ביסל שלאָפן.

איך בין נישט געשלאָפן. די אויגן פאַרמאַכן זיך נישט. ביזן פריי־מאָרגן־קלונג זענען פון מיינע אויגן נישט אָפּגעטרעטן מיין בני־בית. דאָס צעקנייטשטע שטיקל פּאַפּיר. די דריי שורות. די אונטערשריפט.

נאָכמיטאָג. דער אויספאָרשער קלערט מיר אויף וואָס מיר איז פאַרבאָטן צו שרייבן. און וואָס מיר איז דערלויבט צו שרייבן. וואָס איז געוווּנטשן איך זאָל שרייבן. וואָס איך בין פאַרפליכטעט צו שרייבן. איך בעט דערלויבן מיר שרייבן אין עברית. דער אויספאָרשער ענטפערט, אַז ער האָט אויפגעקלערט דעם עניך. עברית קומט נישט אין באַטראַכט. איך

טענה: כ׳וויל, אַז אויך מיינע קינדער זאָלן פאַרשטיין דאָס געשריבענע. דער אויספאָרשער האַלט זיך ביי דעם, אַז כ׳זאָל שרייבן אין דייטש, ווייל אויך דעם בריוו, וואָס כ׳האָב באַקומען איז געשריבן אין דער דאָזיקער שפּראַך. ער דערלאַנגט מיר פּאַפּיר און אַ פּילפּעדער. איך דאַרף שרייבן דעם בריוו אויפן גרונט פון די אויפקלערונגען, וואָס כ׳האָב געהערט פון אויספאָרשער. אויב דער אינהאַלט וועט באַשטעטיקט ווערן, ווערט ער אַוועקגעשיקט. דער אויספאָרשער גיט צו און שטרייכט אונטער, אַז איך טאָר נישט אָנשרייבן דאָס אָרט ווו כ׳געפין זיך און די דאַטע. ער פאַרבעט מיך זעצן פון דער צווייטער זייט שרייבטיש און שרייבן דעם בריוו.

מיין טייערע רעגאַ,

די טעג איז צו מיר דערגאַנגען אייער בריוו מיט די האַרציקע גרוסן פון דיר און אונדזערע טייערע קינדער משה און פועה. קאָנסטו זיך פאָרשטעלן ווי גרויס ס׳איז מיין שמחה און גליק?

רעגאַ, ליבסטע, געליבטע קינדער! זאָרגט זיך נישט ווי עס גייט מיר. איך בין אינגאַנצן געזונט און עס גייט מיר גוט. איך בין מיט אייך אין מיינע געפילן און געדאַנקען. איך בין באַגאַנגען באַשטימטע וויכטיקע הטאים קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק. נאָר איך פאַרלאָז זיך אויף דער מאָס פון פאַרגיביקייט און חוש פון גערעכטיקייט פון טשעכאָסלאָוואַקישן פאָלק און זיין רעגירונג. דערפאַר איז מיין האָפענונג, אַז מיר וועלן זיך בקרוב זען.

טייערע רעגאַ, מיט עטלעכע טעג צוריק, איז געווען דיין געבורטס־טאָג. מיט אַ געוויסער פאַרשפּעטיקונג שיק איך דיר מיינע בעסטע ווינטשן און קושן.

כ׳בעט דיך ענטפערן אויף דעם בריוו. שרייב קורץ און אין דער דייטשישער שפּראַך. שרייב וועגן זיך און די טייערע קינדער און אונדזער היים. זייט געזונט און מוטיק. איך שיק אייך מיינע קושן און ברכות פון טיפן האַרצן.

אייער

מרדכי

דער אויספאָרשער דערלויבט מיר נישט זיך אויספרעגן פּרטים וועגן די אומגליקן, וואָס לויט זיינע רמזים, האָבן זיי בשעתו געטראָפן מיין פרוי און דעם קליינעם זון.

דער אויסדרוק „דער חוש פון גערעכטיקייט" — נאָך דער „מאָס פון פאַרגיביקייט" — איז אַריינגעשריבן געוואָרן אויף מיין איניציאַטיוו און פאַרלאַנג.

איך האָב פון אויספאָרשער געבעטן צושרייבן אין פאָסט־סקריפּטום אַ גרוס פאַר די קרובים און פריינד. ער האָט געפרעגט ווי זיי הייסן. איך האָב אים אָנגערופן דריי נעמען פון קרובים און פריינד: ווידוי, כזב, מאונס. דער אויספאָרשער פסקנט, אַז מיר איז פאַרווערט צו דערמאָנען נעמען, אויסער די פון אמתדיקע קרובים.

דער אויספאָרשער האָט מסכים געווען, אַז אַנשטאָט „פאַרברעכנס" זאָל איך שרייבן „וויכטיקע חטאים".

איך ענדיק שרייבן דעם בריוו. אויף דער פאָדערונג פון אויספאָרשער, זעץ איך איבער דעם אינהאַלט פון בריוו אויף טשעכיש. ער איז זיכער, זאָגט ער, אַז דאָס געשריבענע וועט באַשטעטיקט ווערן און כ'וועל נישט דאַרפן איבערשרייבן. ער וועט עס שיקן קיין ישראל אַזויוי עס גייט און שטייט.

דער אויספאָרשער גיט מיר צו וויסן, אַז דער בריוו איז באַשטעטיקט געוואָרן און נאָך נעכטן האָט מען אים אַוועקגעשיקט. הגם דאָס געטוענע קאָן מען נישט צוריקנעמען, טראַכט איך זייער אַ סך איבער יעדן זאַץ, וואָס כ'האָב געשריבן, איבער יעדן וואָרט. איך לייג מיר ווייטער איבער דעם ענין פון דעם בריוו פון גרונט אויס.

האָב איך גוט געטאָן? אָדער אפשר בין איך געשטרויכלט געוואָרן? איך האָב געהאַנדלט אונטער אַ דרוק, וועמענס טרייב־קרעפטן זענען געווען נישט־באַזונדער הומאַנע. איך האָב געהאַנדלט פון אחריות־געפיל פאַרן גורל און וווּל פון מיין בני־בית. איך בין זיכער, אַז זיי וועלן נישט גלייבן אין דעם ליגנערישן ווידוי וואָס אין בריוו. אויך אין די אינסטאַנצן פון מיין באַוועגונג וועט מען פאַרשטיין, אַז כ'האָב געשריבן פון צוואַנג. ריכטיק, מיט דעם דאָזיקן בריוו האָב איך אָפּגעשוואַכט דעם פונדאַמענט פון מיין האַלטן זיך בעת די ווייטערדיקע אויספאָרשונגען.

דערביי איז מיר אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון האַרץ. אינדערהיים און אין דער באַוועגונג וועלן זיי וויסן, אַז איך לעב. זיי וועלן וויסן, אַז כ'בין נישט „נעלם" געוואָרן. דאָס וועט זיי באַוועגן צו טאָן פאַר דער אויפקלערונג פון דעם ענין פון מיין באַפרייונג.

און איך, קינסטלער פון ליגן, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם דאָזיקן פאַרברעך. מיט אַ וואָסערע נידערטרעכטיקע מיטלען איר האָט מיך דערפירט דערצו, אַז אין מיין ערשטן בריוו אַהיים האָב איך מיט אייגענע הענט אַריינגעשריבן אַ ווידוי, וואָס זיין עיקר איז אינגאַנצן שקר וכזב.

אַ נייער שכן

שבת. האַרט פאַר מיטאָג־צייט. איך קום צוריק אין קאַמער. מיין שכן איז נישטאָ. מ׳האָט אים, ווייזט אויס, גערופן אין פאָרש־ביוראָ. די לעצטע טעג רופט מען אים אָפט. מען איז צו אים געקומען פון דער פאַבריקס־דירעקציע מיט גוטע בשורות. זיין פּראָצעס וועט אין די „גאָר נאָענטסטע וואָכן פונדאַסניי באַטראַכט ווערן. מען רעדט מיט אים וועגן באַנייען דעם אַרבעטס־קאָנטראַקט. זיין באַפרייונג איז אַ נאָענטע. אין די לעצטע טעג האָט ער אפילו זוכה געווען צו אַ באַזוך פון זיין משפחה. זיין שוועגערין, אַ טשעכאָסלאָוואַקישע בירגערין, נישט קיין יידישע, איז אים געקומען באַזוכן. צו דעם צוועק האָט מען אים אָנגעטאָן ציווילע קליידער, נישט זיינע, און איבערגעפירט אים אין די פּאָליציי־בנינים אין צענטער שטאָט. יעדן טאָג ווערט ער גערופן אויף אַ קורץ געשפּרעך מיטן אויספאָרשער. אויך כדי צו געניסן פון די זאַכן, וואָס די שוועגערין האָט מיטגעבראַכט אין אַ פּעקל. אָפטמאָל געלונגט אים צו ברענגען אין קעשענע אַ „געגנבעט" צו־קערל פאַר מיר. אגב : ס׳האָט אים אויך באַזוכט דער עסטרייכישער קאָנ־סול. מיין פאַדערונג, מ׳זאָל מיר דערלויבן אַ באַזוך פון אַ פאָרשטייער פון דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט, שטויסט זיך אָן אויף אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג.

אַ ספּעציעלער וועכטער עפנט די טיר פון מיין קאַמער און הייסט מיר מיטנעמען אַלע זאַכן. מיר גייען אַרויף צוויי שטאָק. ער עפנט פאַר מיר אַ טיר און איך גיי אַריין. נאָך איידער איך נעם אַרונטער דעם האַנטעך פון די אויגן — דערשפּירט מיין נאָז דעם ריח פון אַן אַרעסטאַנט אין קאַמער. יעדע אַרעסטאַנטן־קאַמער האָט זיך איר ריח. די טיר פאַרשליסט זיך פונ־דרויסן. איך נעם אַראָפּ דאָס האַנטעך פון די אויגן, וואָס עפענען זיך מיט

גייגיר. וואָסער שכן דערוואַרט מיך? פאַר מיר שטייט אַ מענטש — הויט־און־ביין. אַ סקעלעט, ווי פון אַ מת, אָן פליש, אָן בלוט, טונקעלע, טיפע, הגם טרויעריקע אויגן, נאָר פולע מיט אַ האַרציקן שמייכל. אַ האַנט־דרוק ווי פון אַלטע גוטע פריינד. מיר באַקענען זיך מיט די נעמען און נישט מיט אונדזערע נומערן. ער איז פון סלאָוואַקיע. פאַרשטייט זיך, ער איז דער־שטוינט צו הערן, אַז איך בין פון ישראל. היינט איז שבת און מאָרגן איז זונטיק. זיכער וועלן מיר האָבן אַ געלעגנהייט צו דערציילן איינער דעם צווייטן וועגן אונדזער גורל און די אומשטענדן, וואָס האָבן בײדע צונויפ־געפירט אין רוזין.

ביידע זענען מיר תחילת פאַרזיכטיק. אפשר איז ער אַ פאַרטרויונגס־מאַן פון מיינע אויספאָרשער? אַ פּראָוואָקאַטאָר? מן־הסתם פרעגט ער זיך די זעלבע פראַגע בנוגע מיר. אַ סימפּאַטישער געזיכטס־אויסדרוק. דערוועקט צוטרוי. אייגנטלעך, האָב איך נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר פּראָוואָקאַטאָרן. איך האָב נישט קיין שום סודות, וואָס כ׳קאָן זיי אַנטפּלעקן זיי זאָלן איבער־געגעבן ווערן די, וואָס האָבן זיי געשיקט. פונדעסטוועגן, אויב ס׳איז דיר באַשערט צו זיין איינגעשלאָסן מיט עמעצן אין אַ קליינער קאַמער פון 3X2 מעטער, ווילסטו, אַז דאָס זאָל זיין אַ מענטש וואָס פאַרלאַנגט נישט דיין שלעכטס. וואָס דו קאָנסט זיך מיט אים חבריש אַדורכשמועסן. אפילו אָן עצה האַלטן מיט אים.

ער דערוועקט אין מיר צוטרוי. ער האָט ליב צו זינגען. אייגנטלעך, איז ער דערצויגן געוואָרן אין אונגאַרן. ביי אַ דרייסיק יאָר אַלט. אַ בחור. זיין כלה איז אַ ייִדיש מיידל. אין תפיסה זיצט ער שוין העכער אַ יאָר. זיינע אויספאָרשונגען זענען נאָך נישט געענדיקט. ער איז אַ פּאָליטישער אַרעס־טאַנט. אין ערשטן עטאַפּ פון אונדזערע געשפּרעכן האַלט ער זיך אָפּ פון פּרטים — צוליב פאַרשטענדלעכער פאַרזיכטיקייט. עס הייבט אים זייער אין מיינע אויגן — זיין נטיה און טאַלאַנט צו זינגען. זיין קול איז אַנגענעם. דער עיקר זינגט ער אונגאַרישע לידער. ער קען אויך פיל געדיכטן פון אויסנווייניק. ער דעקלאַמירט מיר צענדליקער אויסצוגן פון לידער פונעם גרעסטן אונגאַרישן דיכטער פּעטעפי. ער פאַרשטייט אַ ביסל דייטש. אונ־דזער רייד־שפּראַך: טשעכאָסלאָוואַקיש. דאָס הייסט, ער רעדט סלאָוואַקיש, און איך — טשעכיש. לויט מיין גוטן טשעכיש, שטעלט ער פעסט, אַז די דאָזיקע שפּראַך האָב איך געמוזט נאָך קענען איידער כ׳בין אַרעסטירט געוואָרן.

זונטיק פֿאַרנאַכט קען איך שוין די געשיכטע פֿון זיין אַרעסט און ער — מיינע. ער איז אַ שונא פֿון רעזשים. ער האָט געהערט צו דעם אַנטי־קאָמוניסטישן אונטערגרונט, געמיינזאַם פֿאַר דרום־סלאָוואַקיע און צפֿון־אונגאַרן. ער איז געווען פֿון די אַקטיוויסטן אין דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געלעבט און געווען טעטיק אין אַ סלאָוואַקישער שטאָט, נאָענט פֿון גרענעץ. ער איז געווען דער אַדרעס פֿאַר די פֿאַרשטייער פֿון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס פֿלעגן קומען פֿון אונגאַרן. אין זיין שטאָט איז אויך אַנטדעקט געוואָרן אַ גרויסער געווער־לאַגער, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט זיין אָרגאַניזאַציע. איידער מען האָט אים געבראַכט אין רוזין, איז ער שווער געפּייניקט געוואָרן אין אַ צענטראַלער תפֿסה אין סלאָוואַקיע. ער ווייזט מיר געווויסע ערטער אויף זיין קערפּער, ווו עס זענען קענטיק שווערע פּייניקונגען. דאָרט — זאָגט ער — איז דער שווערפּונקט געווען אין קערפּערלעכע פּייניקונגען. דאָ — אין גייסטיקע יסורים. ער ווייזט מיר זיין האַנט, נאָענט צו דער דלאָניע. מיט דער צווייטער האַנט נעמט ער דאָ אָן אַ שטיקל הויט, ציט עס אויס און הייבט עס אויף העכער ווי מ׳קאָן זיך פֿאַרשטעלן. צווישן די ביינער פֿון דער האַנט און זיין הויט איז נישטאָ די מינדעסטע שיכט פֿלייש. „אַזוי וועט ביי דיר זיין נאָך אַ יאָר״. ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער געליטן הונגער. לעצטנס האָט ער באַקומען אַ „דאָפּלטע פּאָרציע״, דאָס הייסט — אַ נאָרמאַלן שפּייז־צוטייל. באַקומען האָט ער דאָס אויף דער פֿאַראָרדענונג פֿון דאָקטאָר. צוליב אַ קאַטאַסטראָפֿע וואָס האָט אים געטראָפֿן מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָבן אים כירורגן אַרויסגענומען די מילץ. דעריבער נייטיקט ער זיך אין אַ בערך גרעסערער פּאָרציע עסן. איצט איז ער נישט הונגעריק. אָפּטמאָל איז ער מיך מכבד מיט אַ טייל פֿון זיין „דאָפּלטער שפּייז״. איך בין אים מכבד מיט אַ טייל פֿון מיין געקויפֿטן ברויט. ער האָט זיך מודה געווען אין זיינע חטאים. עס האָט נישט געהאָט קיין זין צו לייקענען. גלייך ביים אַרעסט האָט מען פֿאַר אים געברענגט זיינע חברים פֿון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן זיך מודה געווען. ער און זיינע חברים זענען אויסגעליפֿערט געוואָרן דורך אַן אַגענט פֿון דער זיכער־הייט־פּאָליציי, וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין דער אָרגאַניזאַציע. ביז איצט פֿאָרשט מען אים נאָך אַלץ. זיינע אויספֿאָרשונגען זענען זייער שווערע צוליב צוויי סיבות. מען פֿאָדערט פֿון אים אויסצוזאָגן די איבעריקע מיט־גלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע, אפֿילו די, וועלכע ער קען נישט. און נאָך עפּעס: די אויספֿאָרשער ווילן אים „דערהייבן אין ראַנג״, דאָס הייסט, מאַכן

פון אים די צענטראַלע געשטאַלט פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע — וואָס ער איז קיינמאָל נישט געווען. דאָס שמעקט מיט אַ טויט־אורטייל. דערפאַר ראַנגלט ער זיך.

ער האָט אויך אַ דערלויבעניש צו רייכערן. זיבן סיגאַרעטן אַ טאָג. מען האָט אים אָבער ביז איצט נישט דערלויבט צו שיקן אַפילו איין בריוו אַהיים. מען דערלויבט אים נישט לייענען. העכער אַ יאָר איז ער אַרעסטירט. מען האָט אים נישט דערלויבט אַפילו איינמאָל אַ שפּאַציר אויף דער פריי־שער לופט, איבערן תפיסה־הויף.

ער האָט נישט קיין פּאָראורטיילן כלפּי יידן. ווי געזאָגט, איז זיין כלה — אַ יידישקע. ער רעדט וועגן יידן מיט סימפּאַטיע. ער ווייזט אַרויס אינטערעס אין דער אַנטוויקלונג פון ישראל. ער הערט זיך צו געשפּאַנט צו מיינע דערציילונגען וועגן פאַרשידענע קאַפּיטלעך אין דער אַנטוויקלונג פון ישראל: די חלוצישע באַוועגונג, קאָלאָניזאַציע, באַפרייונגס־מלחמה אדג״ל.

ער שפּרייט אויס אין קאַמער אַן אַטמאָספער פון פרייד. אָבער מיט שווערקייט געלונגט אים צו דערשטיקן זיין שטומען טרויער. לויטן כאַ־ראַקטער אין גאַנג פון די אויספאַרשונגען, פילט ער, אַז דער שטריק האַלט זיך אין איין פאַרציען אַרום זיין האַלדז. ער האָט מורא, אַז אין עטלעכע חדשים אַרום וועט מען אים ברענגען פאַרן געריכט און פון דאָרט — צו דער תליה. אין דער לעצטער צייט זענען אין סלאָוואַקיע אַדורכגעפירט גע־וואָרן עטלעכע אויפרייסן פון פאַרשידענע אָביעקטן (אויף פּאָליצײ־געביי־דעס) און אויך אַטענטאַטן אויף מענטשן פון דער ס.ט.ב. (זיכערהייטס־פּאָ־ליציי). דאָס אַלץ ווערט פאַררעכנט אויפן חשבון פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ער האָט געהערט.

אויך דאַסמאָל איז צווישן אונדז אונטערגעשריבן געוואָרן אַ הסכם, אַן ווערטער, „נישט צו פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק״. טראָץ די קעגנזעצ־לעכע וועלט־אַנשויונגען וועלן מיר אָנהאַלטן אַ חברשאַפט פון ליידן, ווי עס פּאַסט פאַר צוויי אַרעסטאַנטן, וואָס עס איז זיי באַשערט צו לעבן צוזאַמען — אָפּגעשניטענע פון דער וועלט — צווישן דיקע מויערן פון אַ קליינער, פאַר־קראַטעוועטער און וויסטער קאַמער.

ניין, ער איז נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר.

געענדיקט דער יוני, עס קומט יולי. די שטיקעניש אין קאַמער איז אומדערטרעגלעך. מיין שכן מיינט, אַז אומגעווייגלעכע היץ־כוואַליעס פאַר־פלייצן דאָס לאַנד. מיר וואַרפן פון זיך אַלץ אַראָפּ, אויסער די אונטערהויזן. נישטאָ קיין טראָפּן לופט. מיר זענען באַגאָסן מיט שווייס. איך פאָדער אַלץ מיין ערשט רעכט אַלס אַרעסטירטער: אַ טאָג־טעגלעכן שפּאַציר אויפן הויף, אויף פרישער לופט. דער ענטפער: אַ קאַטעגאָרישער ניין. דורכן פענצטער דערטראָגן זיך צו מיינע אויערן אין פאַרשידענע ציטן די טריט פון אַרומגיין איבערן הויף. טריט פון אַרעסטירטע, וועמען ס׳איז דערלויבט געוואָרן אַ שפּאַציר פון 20 מינוט אויף דער פרישער לופט. די, ווייזט אויס, האָבן זיך שוין מודה געווען אין זייערע אמתע אָדער אויסגעטראַכטע פאַר־ברעכנס. איך בין נאָך דערצו נישט דערגאַנגען.

א נייע צרה דערגייט מיר לעצטנס די יאָרן: פורונקלען. דער דאָק־טאָר שניידט מיין פלייש אָן רחמנות.

וועגן אמת און שקר

מיין שטענדיקער אויספאָרשער ברענגט מיך נאָך האַלבער נאַכט אין קאַנצעלאַריע פון איינעם פון די דריי אָפיצירן־אויספאָרשער, פון די, וואָס זענען געוווינט מיך צו באַזוכן אין די נעכט. די נאַכט־פייגל. זיין ראַנג — קאַפּיטאַן. פון מיין שכן האָב איך זיך אויסגעלערנט פאַנאַנדערקלייבן אין זייערע ראַנגעס.

איידער מען האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין ביוראָ בין איך, מיט פאַרבונדענע אויגן פאַרשטייט זיך, אַוועקגעשטעלט געוואָרן ביי זיין טיר, מיטן פּנים צום וואַנט. ווייזט אויס, אַ קליינע, טעכנישע מיספאַרשטענדע־ניש. קאָן זיין, אַז דער אָפיציר איז נישטאָ אין זיין ביוראָ. מיין אויספאָר־שער סודעט זיך מיט פאַרשידענע וועכטער. צום סוף שטעלט ער אַוועק

איין וועכטער ער זאָל מיך היטן און טראָגט זיך אָפּ. דער וועכטער שפּאַצירט הין־און־צוריק איבערן קאָרידאָר.

די קאָרידאָרן אין תפיסה ווימלען מיט לעבן אויך ביינאַכט. נישט ווייט פון דאָרט ווו איך שטיי, געפינט זיך ווייזט אויס דאָס ביוראָ פונעם עלטסטן איבער די וועכטער. די טיר עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך. וועכטער גייען אַריין און אַרויס. איצט, ווייזט אויס, טוישן זיך די וואַכן. טריט פון צענדליקער וועכטער. שווערע, זיכערע טריט. אַ פליסיק געשפּרעך. געלעכטער־אויסברוכן. פון איין ריכטונג כאַפּן אויף מיינע אָנגעשפּיצטע אויערן פראַגמענטן פון אַ געשפּרעך. אַ מענער־שטים. אַ רעאַגירנדיק געלעכטער מיט אַ סאָפּראַן. ווייזט אויס, אַ געוויינלעכער לייכטער שמועס צווישן אַ וועכטער און אַ וועכטערין. די ווינדע גייט אַראָפּ און אַרויף, אַראָפּ און אַרויף. אָט פאַרהאַלט זי זיך. זי וואַרפט אַרויס מענטשן אין קאָרידאָר. צוויי מענטשן גייען פאַרביי מיר. צוויי פיס שפּאַנען מיט זיכערקייט, צוויי פיס שטעלן ווייכע טריט. לעדער־שיך און לייוונטענע שטעק־שיך. מיינע אויגן זענען פאַרבונדן און מיין פּנים איז אויסגעדרייט צום וואַנט. נאָר בחוש זע איך: דער אויספאָרשער פירט זיין קרבן צו אַן אויספאָרשונג. אַ שטאָק העכער עפנט זיך פון צייט צו צייט אַ טיר. מיט יעדן עפענען רייסן זיך אַרויס קלאַנגען פון מוזיק. פלאַטן, דזשאַז־מעלאָדיעס, טשעכאָסלאָוואַקישע און סאָוויעטישע מעלאָדיעס. דאָרט, ווייזט אויס, איז דער בופעט־קלוב פון די אויספאָרשער. דאָרט, מסתמא, לענט זיך אונטער דאָס האַרץ מיין אויספאָרשער, ווען ער לאָזט מיך אָפּ צוויי אָדער דריי פאַרטאָג, ווען איך שטיי אין זיין ביוראָ אויף אַכטונג, אַ הונגעריקער און אַ דורשטיקער נאָך שלאָף. מיינע אויערן כאַפּן אויף דעם גערויש פון טירן אין די קאַמערן וואָס פאַרמאַכן און עפענען זיך. אַ שוידערלעכער געטומל פאַר אַן אַרעסטאַנט, וואָס איז נאָר־וואָס אַרויף אויף זיין געלעגער פאַרזונקען אין דרימל ווי אַ שטיין אין טיפן וואַסער. די דאָזיקע טירן האַלטן זיך אין איין עפענען און פאַרמאַכן. אַרעסטאַנטן גייען צו דער אויספאָרשונג. אַרעסטאַנטן קומען צוריק פון דער אויספאָרשונג. צענדליקער. הונדערטער. פּאָרלעך גייען פאַרביי אָן אַן אויפהער. לויטן גאַנג, לויטן ריח, לויטן ריידן, טו איך אונטערשיידן: דאָס איז אַ פּאָרל וועכטער. דאָס איז אַ פּאָרל אויספאָרשער, וואָס סודען זיך איבער זייער בשותפותדיקן קרבן. די מיינסטע פּאָרלעך: אַן אויספאָרשער מיט אַן אַרעסטאַנט. אַ פייניקער און אַ געפייניקטער. אַ

יאַגד־הונט און דער פאַנג וואָס צאַפּלט אין זיין פּיסק. און אָט איז אַן אַנדער פּאָרל: דער טעמפּאָ פון זייער גאַנג איז אַן אַנדערער ווי געוויינלעך. אַ ריח פון פּערפום. צוויי וועכטערינס.

די ווינדע גייט אַרויף און אַראָפּ. אַראָפּ און אַרויף. זי וואַרפט אַרויס אַ מאַסע מענטשן. וועכטער. וועכטערינס. אויספאָרשער. אַרעסטאַנטן. צו דער שיכטע. פון דער שיכטע. צו דער אויספאָרשונג. פון דער אויספאָרשונג. פּליסיקער שמועס. געלעכטער אויף אַ וויץ. קללות. געשפּרעכן פון די וועכטער, פון איין שטאָק אויפן צווייטן. דזשאַז־קלאַנגען פונעם קלוב. אַרבעטס־פאַרטיילונג אין ביוראָ פון דער שיכטע. טעלעפאָן־קלונגען רייסן זיך אַרויס פון די דערבייאיקע ביוראָ־צימערן. דער געקלאַפּ פון שרייבמאַשינקעס.

אַ ברויזנדיק נאַכט־לעבן. אַ פאַבריק וואָס אַרבעט מיטן פולן דאַמף. הונדערטער און טויזנטער אַרבעטער ביי די פולע כוחות. אַלע זענען יונגע, באַשיצטע. הונדערטער און טויזנטער מענטשן שפּאַצירן אַכט שעה אין קאָרידאָר און בליקן אַריין אין די אונטערקוק־פענצטערלעך פון די אַרעסטאַנטן־קאַמערן.

אַ ריזיקע פאַבריק, און רוי־מאַטעריאַל: אַ מאַסע הונדערטער און טויזנטער אַרעסטאַנטן, וואָס די מיינסטע פון זיי זענען אומשולדיק. דער רוי־מאַטעריאַל איז אין רוב אַן אַרטיקער, אַ מינדערהייט פון מרחקים, אפילו פון ישראל.

אַ ברויזנדיק לעבן. אַ פאַבריק. דריי שיכטן. די אַרבעט אין פולן דאַמף. אַ נאַציאָנאַליזירטע פאַבריק. אַ פאַבריק צו פּראָדוצירן ליידן און פּיין. צו פעלשן די געשטאַלט פון מענטשן. צו פעלשן די געשטאַלט פון דער געשיכטע וואָס איז פאַריבער און פון דער איצטיקער ווירקלעכקייט. און די צוקונפט — וויאַזוי? אַ פאַבריק צו פּראָדוצירן ווידויים. צו אינסצעניזירן שקר־פּראָצעסן. אַ פאַבריק צו פעלשן די געשטאַלט פון אַ דערהויבענער וויזיע — דעם סאָציאַליזם.

עמעץ איז אַריין אין ביוראָ ביי דער טיר וווּ איך שטיי. מיין אויספאָרשער קומט צו און העלפט מיר איבערטרעטן די שוועל אינעווייניק. ביי אַ שיינעם שרייבטיש זיצט אַן אָפיציר־אויספאָרשער. פון דער וואַנט אַנטקעגן קוקן אויף מיר סטאַלין און גאָטוואַלד. דער אָפיציר הייסט מיר

זעצן זיך אַנטקעגן. דער אויספאָרשער זיצט אויף אַ שטול אַ ביסל ווייטער. אַ שיין־מעבלירט צימער. אויפן שרייבטיש אייניקע טעקעס. דאָקומענטן.

— אורן, איר זיצט שוין ביי אונדז העכער אַ האַלב יאָר און אַ מאָדנע זאַך, אַז מיר גייען גאָרנישט פאָרויס. וויפל צייט האָט איר בדעה דאָ צו זיצן? איר זענט אונדז גורם פיל מי. מיר האָבן אַ סך אַרעסטאַנטן. אָבער דער רוב פון זיי ענדערן שנעל דעם צוגאַנג. זיי מאַכן שלום מיט דער ווירקלעכקייט, אין וועלכער זיי געפינען זיך. זיי פאַרשטייען, אַז זייער עקשנות האָט נישט קיין צוועק. אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום אויסזיכט זיי זאָל געלונגען אויף לאַנגע טעג אויסצובאַהאַלטן דעם אמת וועגן זייער פאַרברעכערישער טעטיקייט. זיי ווערן פאַרשטענדיק. געקומען די שעה, אַז אויך איר זאָלט זיין פאַרשטענדיק. אונדז איז באַוווּסט, אַז איר האָט זיך פאַרנומען נישט נאָר מיט שפּיאָנאַזש. כדי מאַסקירן אייער שפּיאָנאַזש־טעטיקייט, האָט איר זיך פאַרנומען אויך מיט דעם וואָס מען רופט אָן פּאָליטיק. און יעדער פּאָליטיקער דאַרף זיין אַ רעאַליסט. איר דאַרפט זיין אַ רעאַליסט אויך אין די תּפיסה־מויערן. גלויבט איר טאַקע, אַז איר וועט בייקומען די טשעכאָסלאָוואַקישע זיכערהייטס־פּאָליציי? איז דאָס אַ רעאַליסטישער צוגאַנג? אין דער אונטערשטער שורה וועלן מיר פון אייך אַרויסבאַקומען דעם גאַנצן אמת. נישט קיין 98%, נאָר 100% פון אמת. דאָס וועט זיך ציען נאָך אַ חודש, נאָך צוויי, נאָך דריי. אָבער דערווייל וועט איר זיך אָוועקלייגן. מיר האָבן געזעצלעכע מיטלען מיט וועמענס הילף מיר קאָנען אַרויסבאַקומען דאָס פאַרלאַנגטע אין איין טאָג. אין אייניקע שעהן. נאָר איר זענט אַ פרעמדער בירגער. מיר ווילן אייך נישט אָוועקפּטרן. נאָר למען האמת דאַרף איך אונטערשטרייכן, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ געוויסער פאַרשריט. איר האָט אָנגעהויבן אונטערצושרייבן פּראָטאָקאָלן. נאָר עס איז נישט גענוג — צו באַשטעטיקן פאַקטן. איר דאַרפט אויך באַשטעטיקן די מסקנות, וואָס דרינגען אַרויס פון די דאָזיקע פאַקטן. איך האָף, אַז להבא וועט איר זיך פירן מיט מערער אָרנטלעכקייט און פאַרשטאַנד. איר האָט אַרויסגעוויזן קלוגשאַפט, שרייבנדיק אַהיים דעם שיינעם בריוו. פאַר אייער בני־בית האָט איר אויפגעדעקט, אַז איר האָט געזינדיקט קעגן אונדזער רעפּובליק. איך האָף, אַז אין די ווייטערדיקע אויספאָרשונגען וועט איר פאַר אונדז דעטאַליזיר׳ן דעם דאָזיקן אמת פון אייער פאַרברעך. דעמאָלט וועלן מיר אין אַ שנעלן טעמפּאָ קאָנען פאַרענדיקן די אויספאָרשונג און איר

וועט זיך קאָנען אומקערן אַהיים, ווי איר האָט געגעבן אָנצוהערן אין אייער בריוו. דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגן. ווילט איר עפּעס זאָגן?

— מיט אייער דערלויבעניש, הער שעף, וועל איך מאַכן עטלעכע באַמערקונגען. וואָלט די כוונה פון מיין אַרעסט אויסן געווען אַרויסצובאַקומען דעם אמת וועגן מיין אידענטיטעט און טעטיקייט — וואָלט איר מיר דערלויבט זיך אומקערן אַהיים גלייך נאָכן אַרעסט. איר האַלט מיך שוין דאָ דעם זיבעטן חודש — ווי מיר שיינט — צוליב אַנדערע סיבות. די פּראָטאָקאָלן וואָס כ׳האָב געחתמעט, אַנטהאַלטן טענדענציעזע פאַקטן, פאַרגרייזטע — בקיצור, נאָר דאָס וואָס איך איז באַקוועם. בכיוון באַהאַלטן זיי אויס פאַקטן, וואָס זענען אייך אומבאַקוועם, וואָס אָן זיי, ווערט מיין פּערזאָן און מיין טעטיקייט פאַרגעשטעלט אין אַ געפעלשטער פאָרם. כ׳האָב זיי אונטערגעשריבן אונטער אַ דרוק און ביי אומשטענדן פון אויסגעאַנגענע פיזישע און גייסטיקע כוחות. אמת, כ׳האָב געשריבן מיין משפחה, אַז כ׳האָב געזינדיקט קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע. דער אמת איז אָבער דער, אַז כ׳בין קיינמאָל נישט באַגאַנגען קיין חטא קעגן דעם לאַנד. נאָר איך בין געווען געצוווּנגען צו שרייבן דעם דאָזיקן גראַבן ליגן, ווייל דאָס איז געווען אַן אומאָפּפרעגלעכער באַדינג פון אייער זייט. איך האָב געוואָלט אַהיימשיקן אַ סימן, אַז איך לעב. איך האָב דאָס געטאָן מיט דער אַבסאָלוטער זיכערקייט, אַז מיין בני־בית וועלן וויסן, אַז כ׳האָב דאָס געשריבן אונטער צוואַנג. דער עיקר, זיי וועלן וויסן, אַז איך לעב. דאָס האָט נישט קיין שום צוזאַמענהאַנג צו די ווייטערדיקע אויספאָרשונגען.

— אורן, איר זענט מיר גורם אַ גרויסע אַנטוישונג. איך האָב געגלויבט, אַז ס׳איז ביי אייך פאָרגעקומען עפּעס אַן ענדערונג אין אייער צוגאַנג צו אונדז. און אָט פּרובירט איר אונדז פאַרשטיין צו געבן, אַז ס׳איז נישט פאָרגעקומען קיין ענדערונג. איר זענט נאָך אַלץ ווייטער אין געפענגעניש פון בורזשואַזע און רעאַקציאָנערע באַגריפן וועגן מהות פון אמת. די דאָזיקע זאַך ברענגט אויף אייך אַלע צרות. איר דאַרפט זיך באַפרייען פון די דאָזיקע באַגריפן און דעמאָלט וועלן צווישן אונדזערע אויספאָרשער און אייך פאַרשווינדן די שוועריקייטן. אינעם בריוו אַהיים האָט איר געשריבן דעם אמת. איר זענט זיך טועה, אויב איר מיינט, אַז אינדערהיים וועט מען צווייפלען אין דער אמתדיקייט פון אייערע רייד. זיי וועלן נישט אָננעמען,

אַז איר נאַרט זיי. זיי וועלן גלייבן אין די ווערטער וועגן אייערע חטאים קעגן אונדזער רעפּובליק, אַזוי ווי זיי וועלן גלייבן אין די איבעריקע רייד: אַז איר זענט געזונט, אַז איר טראַכט וועגן זיי, אַז איר פילט זיך גוט אאז״וו. לאָמיר נישט מאריך זיין. די שעה איז אַ שפּעטע. איך פאַרלאָז זיך אויף אייך, אַז טראָגט די אַלע רייד, ווען איר וויסן צו פירן זיך מיט פאַרשטאַנד און אין ווייטערדיקן גאַנג פון די אויספאָרשונגען נישט אָראָפּגיין פון דעם אמת, וועלכן עס אַנטהאַלט דער בריוו אַהיים. דאָס וועט זיין פאַר אייער און פאַר אייער משפחה׳ס טובה וועגן. מיר ווילן, ווי ווייט מעגלעך, פאַרקירצן די צייט פון אייער זיצן דאָ.

— איך קען מיין משפחה בעסער ווי עמעץ אַנדערש. מיין פרוי באַזיצט פּאָליטישן באַוווסטזיין — אגב, זי איז אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון מפ״ם און אַזוי ווי איך, געדענקט זי עפּעס וועגן די „ווידויים״ וואָס האָבן נישט דערוועקט קיין צוטרוי. איך פאַרלאָז זיך אויף איר און אויף דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי, אַז זיי וועלן ריכטיק אונטערשיידן צווישן דעם אמת און דעם שקר וואָס אין מיין בריוו. זיי וועלן אויך פאַרשטיין אין אַ וואָסערע אומשטענדן כ׳האָב געשריבן דעם „ווידוי״ איבער מיינע חטאים. און וואָס שייך דער אייגנשאַפט פון אמת: איצט, למשל, איז נאַכט. זאָגן, אַז איצט איז טאָג — וועט דאָס זיין אַ ליגן סיי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, סיי אין די סאָציאַליסטישע לענדער. דאָסזעלבע, אויב אַ נישט־שפּיאָן וועט נישט באַצייכנט ווערן אַלס שפּיאָן. איר, למשל, פאָדערט פון מיר זיך מודה זיין אינעם „אמת״, אַז אין יאָר 1948 האָב איך זיך אין בעלגראַד געטראָפן מיט משה פּיאַדע. נאָר איך האָב זיך מיט אים נישט געטראָפן. דאָס איז אַן אָביעקטיווער פאַקט. לאָמיר אָננעמען, אַז איר וועט מיך דערפירן דערצו, אַז כ׳וועל אונטערשרייבן אויפן פּראָטאָקאָל וואָס זאָגט, אַז כ׳האָב זיך באַגעגנט מיט פּיאַדען אין יענער צייט. און איר וועט זיך פרייען, וואָס סוף־כל־סוף האָב איך געחתמעט אונטער דעם דאָזיקן „אמת״. נאָר דער אמת וועט דאָך זיין דער, אַז כ׳האָב געחתמעט אונטער אַ שקר. איך פאַרשטיי, אַז דער דאָזיקער פאַקט איז אייך נייטיק, צי ער איז אַן אמתדיקער אָדער אַ ליגנערישער. אָבער נאָכדעם ווי דאָס איז אַ שקר — ווילט איר דעם שקר געבן אַ פאָרם פון אמת. איך דאַרף אונטערשרייבן אַ שקר און דורך דעם זאָל ער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אמת. און איך האַלט ווייטער, אַז דער ליגן וועט בלייבן אַ ליגן.

דער אָפּיציר ווייזט אַרויס סימנים פון נערוועזיטעט און האַקט מיר איבער די רייד.

— כ׳האָב אייך נישט גערופן, כדי אָפּהאַלטן אַ פילאָזאָפישן שמועס וועגן מהות פון אמת. איך האָב אייך געוואָלט זען, כדי אייך געבן אַ פריינדשאַפטלעכע עצה און אויך וואָרענען אייך, אַז זי איז פאַר אייער טובה וועגן. אויב פונדעסטוועגן איר וועט ווייטער אָנגיין מיט דער ליניע פון עקשנות און נישט מיטאַרבעטן, וועלן מיר אייך ווי אַ ווערטלאָזע כלי אַריינוואַרפן אין איינעם פון אונדזערע קעלערס. איר וועט זיך שוין צו אונדז נישט אומקערן. פאַר אונדז וועט דער פאַל זיין אינגאַנצן אַ געענדיק־טער. איר וועט דאָרט זיין ביזן פאַרפוילט ווערן. אַ פויגל וועט קיין פּיפּס נישט געבן. כ׳האָב געענדיקט. דער הער אויספאָרשער וועט אייך אומקערן אין קאַמער.

איך בעט אַ דערלויבעניש צו שטעלן אַ פראַגע. דער אָפּיציר דערלויבט.

— ווען כ׳האָב געשריבן דעם בריוו אַהיים, האָט מען מיר דערלויבט צוצוגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז מיר וועלן זיך אינגיכן זען, דאָס הייסט, אַז בקרוב וועל איך זיך אומקערן אַהיים. אויך היינטיקן אָוונט, הער שעף, האָט איר עפּעס געזאָגט אין דעם דאָזיקן גייסט. איר האָט געזאָגט: אויב איר באַקומט פון מיר אַרויס אַלץ — וועט איר מיך לאָזן צוריק אַהיים. כ׳וואָלט זייער געוואָלט וויסן ווי איז מיין לאַגע. דאָס הייסט, צי איז אייער כוונה צו באַנוצן זיך מיט מיר אַלס עדות אין פּראָצעסן פון אַנדערע, אָדער מיך שטעלן פאַר אַ געריכט וואָס זאָל מיך משפּטן פאַר „פאַרברעכנס", וואָס איר שרייבט זיי מיר צו. מיר איז שווער צו גלייבן, אַז אויב איר וועט מיך באַנוצן אַלס עדות — וועט איר מיך שיקן אַהיים. ווייל אינדערהיים וועל איך פאַר דער גאַנצער וועלט קאָנען פאַריכטן מיין עדות־זאָגן. אויב זי וועט זיין אומפינקטלעך, אָן מיין שולד. און אויב איך אַליין וועל געשטעלט ווערן פאַרן געריכט פאַר „פאַרברעכנס" וועלכע איר שרייבט מיר צו — וועט דאָס געריכט, אויב ס׳וועט אָננעמען אייערע באַשולדיקונגען, זיכער מיך פאַרמשפּטן אויף לאַנגטערמיניקער תפיסה. וויאַזוי־זשע דאַרף איך דעריבער פאַרשטיין אייערע רמזים, אַז מיטן ענדיקן די אויספאָרשונג, וועט איר מיך לאָזן אַהיים? איך וועל אייך זיין דאַנקבאַר, אויב איר וועט מיר קאָנען ענטפערן אויף דער פראַגע און אויפקלערן מיר וואָס איז בעצם מיין לאַגע.

— אין דעם עטאַפּ קאָן איך אייך זאָגן בלויז איין זאַך. איר זענט אַ פרעמדער בירגער. הגם איר האָט זיך פאַרנומען מיט פיינדלעכע טאַטן און שפּיאָנאַזש־טעטיקייט קעגן אונדז, האָבן מיר נישט קיין אינטערעס אין אייך זעלבסט. אונדזער עיקרדיקער אינטערעס איז צו דערגרייכן פון אייך דעם אמת וועגן אונדזערע געשוווירענע שונאים, וואָס זענען דעמאַסקירט געוואָרן אין אונדזער לאַנד און האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין דער אַנפירונג פון אונדזער פּאַרטיי און אינעם רעגירונגס־אַפּאַראַט. מיר האָבן נישט די כּוונה צו ברענגען אייך צום געריכט ווי אַ „באַשולדיקטן".

(איך גלויב נישט. דו זאָגסט נישט דעם אמת. איר ווילט פון מיר „מאַכן" אַ מערבדיקן שפּיאָן, אַ שעדיקער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. איר באַגנוגנט זיך נישט מיטן דרוק אויף מיר, אַז כ׳זאָל עדות זאָגן קעגן סלאַנסקין און קלעמענטיסן. איר ווילט אַז איך אַליין זאָל זיך באַשולדיקן אין די סאַמע פאַנטאַסטישע פאַרברעכנס. און נאָכדעם ווי איר וועט מצליח זיין, וועט איר מיך שיקן אַהיים? כדי כ׳זאָל קענען אויפדעקן דעם גאַנצן סקאַנדאַל, די שאַנד פון אייער דעגענערירטער גערעכטיקייט. די געסטאַפּאָ־מעטאָדן אין אייערע אויספאָרשונגען? דו זאָגסט נישט אמת).

— און אויב איר צווייפלט דערין, וועל איך צוגעבן נאָך איין באַמערקונג. איך בין אַן אָפיציר פון דער זיכערהייט־פּאָליציי פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע. ביי מענטשן ווי איך, אין זייער אַמט און ראַנג, זענען זייערע ווערטער זייער ערע. איר קאָנט זיך פאַרלאָזן אויפן וואָרט פון אַן אָפיציר פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער זיכערהייט־פּאָליציי. מיר האָבן געענדיקט. גייט צוריק אין קאַמער.

(ניין. איך גלייב אים נישט, אפילו אַ ברעקל. אייערע טאַטן — שווינדל. אייער וועג — אוודאי).

דער פּראָצעס דערנענטערט זיך

מיינע פאַרדאַכטן באַשטעטיקן זיך. די כנופיה אויספאָרשער האָט ווייזט אויס באַשלאָסן אויסנוצן דעם מאַקסימום פונעם אויפגעצוווּנגענעם ליגנערישן ווידוי, וואָס איז געווען אין מיין בריוו אַהיים. זיי פאַרשטאַרקן

דעם דרוק. זיי פאַרשאַרפן דעם גאַנג פון די אויספאָרשונגען. די צאָל אויס־פאָרשונגען בייטאָג און ביינאַכט האַלט זיך אין איין פאַרמערן. די באַליי־דיקנדיקע שפּראַך ווערט ווידער דער אַנטשיידנדיקער עלעמענט אין די רייד פון די אויספאָרשער. ווידער רויבן זיי מיינע נעכט אָן רחמנות. נאָך עטלעכע נעכט, לאָזן זיי מיך שלאָפן איניקע שעהן. ווידער פּייניקן זיי מיך מיט שטיין אויף אַכטונג, וואָס נעמט נישט קיין סוף. אַזיווי איך קאַפּי־טוליר נישט, נעמט מען מיר צו די דערלויבעניש צו רייכערן. מען דראָט מיר אויך צונעמען די דערלויבעניש צו קויפן דאָס ביסל ברויט אין דער קאַנטין. ווידער ווער איך אַריינגעוואָרפן אין קאַרצער — צום צווייטן און דריטן מאָל. די דערשטיקנדיקע היץ אין קאַמער ווערט אומדערטרעגלעך. די צאָל אויספאָרשער איז געוואַקסן. זיי אַרבעטן „איבער מיר" אין שיכטן. יעדער איינער קומט צו דער אַרבעט אַ פרישער, אַן אויסגערוטער, פון אַ פעטער סעודה, פון דער פרישער לופט, פון פאַרברענגען מיט זיין משפּחה, פון טאַנץ־פאַרוויילונגען, פון טעאַטער. איך, מיט מיינע כסדר אויסגייענדיקע כוחות, דאַרף עס שטיין אַנטקעגן זיי. זיי ווייסן, אַז איך פאַרליר די כוחות, אַז הינטער מיר זענען פאַראַן לאַנגע חדשים פון ליידן און פּיין, פון איינ־זאַמקייט, דערנידעריקונג. זיי ווייסן, אַז מיינע פיזישע כוחות זענען נאָענט צו אויסשעפּונג. אַז מיין גייסטיקע האַלטונג איז אין צוזאַמענברוך. אַז מיינע נערוון זענען געשפּאַנט. דערפאַר האָב איך אָנגעהויבן חתמענען אונטער פּראָטאָקאָלן פולע מיט פעלשונגען. דערפאַר איז מיר נישט בייגעשטאַנען דער כוח אָפּצוואַרפן דאָס שרייבן אַהיים אַ בריוו — דער, ווו כ'האָב זיך „מודה" געווען אין מיינע חטאים קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע. זיי פאַרשטייען, אַז זייער האָרעוואַניע אין משך פון די טעג און נעכט פונעם פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָר, זענען נאָענט צו ברענגען זייער פּרוכט. אַז זיי האָבן מצליח געווען מיך צו דערפירן צו אַ פּונקט, ווען דער קאָנצענטרירטער אָנשטרענג פון סאַדיסטן קאָן מיך לחלוטין איינברעכן. די יאַגד־הינט שפּירן שוין מיט זייערע נאָזלעכער דעם ריח פון בלוט פון דער פאַרפאָלגטער חיה. נאָך דרייט זי זיך אַרויס פון זייערע נעגל. אָבער די פיס שטרויכלען שוין. זי וועט לויפן און פאַלן. זי וועט זיך נאָך אויפהייבן און ווייטער לויפן. אָבער נאָך אַ ביסל וועט זי נאָכגעבן. איידער זי וועט זיך אויפהייבן, וועלן זיי אין איר אַריינשטעקן זייערע נעגל.

איך אַליין זע זיך ווי אַ מין רוי־מאַטעריאַל, וואָס ווערט באַאַרבעט אין סיסטעם פון לויפנדיקן באַנד. פון איין אויספאָרשער ווער איך איבער־

געוויזן צו אַ צווייטן. דער זידלט. דער שטיקט. דער קלאַפּט. דער אָפּיציר דראָט מיט דער אומפאַרמיידלעכער תליה. דער ווידער מאָלט מיר אויס די פינצטערע אויסזיכט לאַנגזאַם פאַרפוילט צו ווערן אין אַ קעלער פון דער תפיסה. דער ווידער באַנוצט זיסע רייד. ער דערציילט וועגן מיין פרוי און מיינע קינדער, וואָס קוקן זיך אויס די אויגן נאָך מיין צוריקקום. דער רעדט וועגן דעם עפנטלעכן פּראָצעס וואָס מיך דערוואַרט. דער חזרט איבער, אַז זיי האָבן נישט בדעה מיר שלעכטס צו טאָן. אַז מיין עיקר־אויפגאַבע — העלפן זיי דעמאַסקירן זייערע שונאים.

זיי האָבן אָנגעהויבן אויף מיר אַ גרויסע אַטאַקע, זיי ווייסן, אַז אויב ס׳איז פאַראַן אַן אויסזיכט מיך איינצוברעכן, דאַרפן זיי עס טאָן איצט. אין האַרץ ווייס איך, אַז דאַסמאָל זענען זיי זיך נישט טועה. איך פיל, אַז כ׳בין דערגאַנגען צו דער שוועל פון אַלגעמיינעם צוזאַמענברוך. אמת, איך האָב מורא פאַר דער תליה. איך וויל נישט שטאַרבן. איך האָב אויך מורא, טאָמער וועלן זיי מיך אַריינוואַרפן אין איינעם פון די קעלערן און דאָרט וועל איך פאַרפוילט ווערן. איך וויל לעבן. נאָר איין פּחד איז גובר איבער אַלעמען: דער פּחד פאַר משוגעת, אויב דער „ענין" וועט נישט נעמען קיין סוף.

פאַר די זעקס חדשים האָט זיך מיין גערטנגאַנגל געשפּייזט, צווישן אַנדערן, פון צוויי גלויבנס. איך האָב טאַקע געוווסט, אַז כ׳האָב נישט קיין אויסזיכט צו ז׳גן ביי אַזעלכע אומגלייכע כוחות־פאַרהעלטענישן. נאָר איך האָב געגלויבט — ווי תמימותדיק איז געווען די דאָזיקע אמונה! — אַז די אומזעבאַרע דראָטנציער וועלן באַאיינדרוקט ווערן פון מיין לאַנג־דויערנדיקער עקשנותדיקער האַלטונג און מיך אָפּלאָזן — איך רעכענענ־דיק זיך מיטן פאַקט, אַז איך בין אַ פרעמדער בירגער. דער דאָזיקער גלויבן איז אויסגערונען. זיי האָבן זיך נישט איבערגענומען מיט מיין האַל־טונג. זייער פעסטער באַשלוס איז צו מאַכן פון מיר אַ „שפּיאָן", אַ פאַרע־טער", אַ „דיווערסאַנט". דער פאַקט וואָס איך בין אַ פרעמדער בירגער — ווירקט, ווייזט אויס, צום שלעכטן פאַר מיר. „ווידויים" פון אַ פרעמדן ביר־גער — האָבן אַ ספּעציפישע וואָג אין אַ מאָנסטער־פּראָצעס. וועלן זיי זאָרגן דערפאַר, איך זאָל זיך נישט אומקערן אַהיים און נישט אַנטפּלעקן דער וועלט דעם אמת? און אפילו זיי וועלן מיך נישט ליקווידירן און כ׳וועל ווען עס איז צוריקקומען אַהיים — וועלן זיי פייפן אויף די „אויסגעטראַכטע" דערציילונגען פונעם „שונא פון סאָציאַליזם"?

מיין האַלטונגס־קראַפט פאַר די לאַנגע זעקס חדשים איז אויך גע־שפּייזט געוואָרן פון אַ צווייטער אמונה. כ׳האָב געגלייבט, אַז אַן אַריינמישונג פון דרויסן וועט עפענען די אויגן פון מיינע פּייניקער. איך האָב געגלייבט, אַז מיין באַוועגונג וועט אויפהייבן איר שטים, זי וועט באַוועגן פאַרשידענע אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן, מיט וועמענס וואָרט מען רעכנט זיך אין טשע־כאָסלאָוואַקיע. אַז אונטערן דרוק פון די דאָזיקע פאַקטאָרן וועלן זיי מיך אָפּלאָזן און דערקלערן, אַז דער גאַנצער ענין איז געווען „אַ באַדויערנסווער־טיק מיספאַרשטענדעניש״. איך גלייב נאָך אַלץ, אַז מיין באַוועגונג האָט זיך פון מיר נישט אָפּגעשאָקלט. ווייל אויף וויפל איר איז באַוווסט, אַז איך בין אַרעסטירט אין טשעכאָסלאָוואַקיע — ווייסט זי אויך, אַז כ׳בין אומשולדיק פאַרשפּאַרט אין תפיסה. נאָר קאָן זיין, אַז זי וואַרט אויף דעם „שנעלן״ פאַר־ענדיקן די אויספאָרשונג, נישט אָנווענדנדיק קיין עפנטלעכן דרוק. מיין באַ־וועגונג ווייסט אויך נישט, אַז אַן אויספאָרשונג דאָ איז נישט קיין אויספאָר־שונג.

אין דעם דאָזיקן אַקט בין איך פאַראייניזאַמט. געלאָזט אויף הפקר. עס האָט נישט קיין צוועק מערער צו ליידן. נישטאָ קיין אויסזיכט ווייטער זיך צו ראַנגלען. זיי ברעכן מיך. איך וועל זיך נאָך ראַנגלען. אָבער טיף אין מיר, ווייס איך, אַז כ׳בין שוין אַ צעבראָכענער. מיינע פיס זענען אונטערגעהאַקט. מיינע אויגן בעטן זיך שלאָפן. דער הונגער מאַטערט. די היץ שטיקט. טאָג און נאַכט לעב איך אין אַ רעזשים פון כסדרדיקער דערנידעריקונג פון איז־דיעקעווען זיך אין מיין כבוד אַלס מענטש, אַלס ייד. איך וועל עס מערער נישט קאָנען איבערטראָגן. אויב דאָס וועט זיך ציען נאָך אַ חודש, נאָך צוויי וואָכן, נאָך אַ וואָך — וועל איך אַראָפּ פון זינען. דער עיקר, די ליידן האָבן נישט קיין צוועק. מיין געראַנגל האָט נישט קיין אויסזיכט. זיי וועלן מיך צעברעכן. איך בין שוין אַ צעבראָכענער. איך פיל דאָס. זיי ווייסן עס. דער־פאַר שלעפּן זיי מיך צו אויספאָרשונגען — דריי מאָל, פיר מאָל, אַכט מאָל אין מעת־לעת.

זיי ווייסן, אַז ס׳איז געקומען די צייט אַראָפּצונעמען דעם שניט. דעם שניט פון זייערע פּייניקונגען. די „אויספאָרשונגען״ ווערן אַלץ אינטענסיווער. מען פילט, אַז זיי איילן זיך. אין די לעצטע טעג פון מיין זיצן מיטן ווינער שכן, האָט ער מיר געבענגט די ידיעה (פון זיינעם אַ פריינדלעכן געשפּרעך מיטן אויספאָרשער), אַז נאָך אַ ביסל, וועט פּראַג זוכה זיין צו אַ ריזיקן ספּעק־

טאָקל: דער פּראָצעס פון סלאַנסקי, קלעמענטיס און די איבעריקע „פאַר־רעטער".

די טעג און נעכט זענען אָנגעפּראָפּט מיט אויספאָרשונגען. איך פּרוביר אויסרעכענען וויפל אויספאָרשונגען כ'בין דורכגעגאַנגען. די צאָל צו וועלכע איך דערגיי, איז 600—800. און אפשר מער. מיר איז שווער צו פאַרשטיין, וויאַזוי האָב איך אויסגעהאַלטן די אַלע גהינומדיקע יסורים. פראַגן און ענט־פערס וואָס חזרן זיך איבער הונדערטער און טויזנטער מאָל. צענדליקער טויזנטער זידל־ווערטער. הונדערטער מאָל שטיין אויף אַכטונג. קרוגן קאַלטע וואַסער אין ווינטער. קאַרצער. פּערמאַנענטער הונגער. קעלט. קלעפּ. דערני־דעריקונגען. ציטער פאַרן גורל פון מיין בני־בית. נערוון־פּליקעניש. אומ־אויפהערלעכע רייד וועגן שטריק און תליות. נישט קיין פרישע לופט. נישט קיין צייטונג. נישט קיין בוך. תקופות פון אַבסאָלוטער איזאָלאַציע. שטענדיקע באַרויבונג פון שלאָף. אַ וואָך. צוויי טעג. דריי טעג. ווידער אַ וואָך. דריי וואָכן. אַ דערדריקנדיק געפיל פון הילפלאָזיקייט. אַז ביסט אריינגעפאַלן אין גזלנישע הענט, אין די הענט פון ים־רויבער, וואָס שפּאָטן פון געזעץ און משפט. וואָס פייפן אויפן געוויסן. וואָס שפּייען דעם מענטש אין פּנים. בייטאָג און ביינאַכט. בייטאָג און ביינאַכט. שוין צוויי הונדערט טעג און צוויי הונדערט נעכט. וויאַזוי האָב איך דאָס אַלץ אויסגעהאַלטן? וויאַזוי בין איך נישט משוגע געוואָרן? וואָס האָב איך דערגרייכט? אַלץ איז געווען אומזיסט.

און ווידער זענען די טעג און נעכט אָנגעפּראָפּטע מיט אויספאָרשונגען. יעדע אויספאָרשונג איז אָנגעשטאָפּט מיט אַ מאַסע ענינים. די מיינסטע טע־מעס חזרן זיך איבער אין אַלע אויספאָרשונגען — ווייזט אויס, ביז כ'וועל נישט אונטערחתמענען דעם ווידוי. די אויספאָרשער פאַרלאַנגען איצט פון מיר נישט נאָר געפעלשטע פאַקטן, פאַרדעכטיקנדיקע, נאָר אַ ווידוי. אַ ווידוי, אַז כ'בין געווען טעטיק אַלס שפּיאָן. אַלס שפּיאָן פאַר מפ"ם. פאַר דער ישראל־רעגירונג. פאַרן מערב. אַז צוזאַמען מיט סלאַנסקין און קלעמענטיסן האָב איך געגראָבן אונטערן פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים. אַז כ'האָב זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש אין אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. אַז כ'בין געווען אַן אָנגע־שטעלטער פון דער בריטישער אינטעלידזשענס. און איך חתמע נאָך אַלץ נישט. איך פיל שוין, אַז כ'האָב שוין נישט קיין כוח נישט צו חתמענען. אָבער ס'פעלט מיר נאָך דער כוח צו חתמענען. איך ראַנגל זיך ווייטער — ווינס־דיק, אַז דאָס האָט נישט קיין זין. אויסזיכטלאָז. מאָרגן וועל איך אונטער־שרייבן. „מאָרגן" זאָג איך צו זיך אַליין: כ'וועל אונטערשרייבן איבערמאָרגן.

„איבערמאָרגן" זאָג איך ווידער צו זיך: מאָרגן שרייב איך אונטער. איך האָב ביי מיר שוין באַשלאָסן צו לייגן דאָס געווער. נאָר עפּעס אין מיר שטערט דער פאַרווירקלעכונג. עס האַלט אָפּ. פאַרציט. איך גיי נאָך אַלץ אָן מיטן קאַמף — ווי איינער וואָס ווייסט שוין, אַז דער קאַמף איז אַ פאַרלוירענער... אַז מאָרגן לייגט ער זיין געווער.

מיך פאַרדריסט זייער, וואָס מיינע בלוטיקע שונאים ווייסן מיין סוד: אַז איך ווייס, אַז איך פיר אַ פאַרלוירענעם קאַמף. אַז כ'האָב שוין באַשלאָסן צו לייגן מיין געווער. נאָר איך האָב נישט קיין כוח אַדורכצופירן דעם באַ־שלוס. „נו, אורן, באַשטעטיקט אייערע רייד. די מינע אויפן פּנים זאָגט, אַז איר ווילט זיך מודה זיין, נאָר עפּעס האַלט אייך אָפּ". „אורן, שרייבט אונטער דעם פּראָטאָקאָל. איך זע אייך ביז די נירן, אַזויווי דורך רענטגען. איר האָט שוין באַשלאָסן אונטערצושרייבן. נאָך וואָס זיך קווענקלען? חתמעט און איר וועט נאָך קאָנען אַ ביסל שלאָפן. איר ווייסט, אַז איר זענט אַ „געענ־דיקטער". שרייבט אונטער און מיר וועלן איבערגיין צו אַנדערע ענינים".

דער אויפאָרשער איז גערעכט. זיי האָבן באַוויזן מיך „אויסצוענדיקן". אָבער איך קאָן נישט ענדיקן. פון טאָג צו טאָג לייג איך אָפּ די דורכפירונג. אפשר וועט געשען אַ נס? ניין, עס וועט נישט פּאַסירן קיין שום נס. בלויז איין זאַך קאָן מיר געשען: כ'זאָל אַראָפּ פון זינען, אויב דאָס דאָזיקע גע־שפּענסט פון די אויספאָרשונגען וועט זיך נישט ענדיקן.

שרת—פּיאַדע—סלאַנסקי

לויטן גאַנג פון די אויספאָרשונגען, זייער אינטענסיווקייט און שאַרפ־קייט, לערן איך, אַז זיי איילן זיך זייער. אַז ערגעץ־ווו, אינעם הויפּט־שטאַב פון די פּראָדוצענטן פון „ווידויים" און די רעזשיסערן פון די „אמת"־פּראָ־צעסן, איז באַשלאָסן געוואָרן זיך מער נישט צו שפּילן מיט מיר. אַז מ'דאַרף מיט מיר „ענדיקן": פון מיין ציוניסטישער טעטיקייט מאַכן אַ דיווערסיע־טעטיקייט אינעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים. מאַכן פון מיר אַ שפּיאָן, וואָס איז געווען טעטיק אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס לטובת די שפּיאָנאַזש־דינסטן פון מפ"ם, ישראל און ענג־

לאַנד, מאַכן מיך פאַר אַ שותף צו דער „קאָנטערוועאָלוציאָנערער פאַרשווע־רונג" פון סלאַנסקי, קלעמענטיס און חברים. אַלע סימנים זאָגן עדות, אַז אַלע רייד פונעם אָפיציר־אויספאָרשער, אַז זיי האָבן נישט אין מיר קיין דירעקטן אינטערעס — זענען נישט אמת. לויטן גאַנג פון די אויספאָרשונ־גען — זענען זייערע כוונות לגבי מיר ווייטגייענדיקע. נישט נאָר זיי ווילן מיך אויסנוצן צו פאַראורטיילן סלאַנסקין און זיינע חברים. זיי ווילן מיך אַליין פאַראורטיילן און דורך דעם אויך שטעמפּלען דעם ציוניזם, די יש־ראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג, מדינת ישראל.

דער אויספאָרשער נעמט אַרויס פון זיינע פּאַפּירן אַ בילד, וואָס איז שוין באַטראַכט געוואָרן אויף איינער פון די אויספאָרשונגען. אַ בילד פון יאָר 1947, פאָטאָגראַפירט דורך רפאל בנשלום, אויפן וועג פון פּראָג קיין קאַרלסבאַד. אויפן בילד געפינען זיך מ. שרת, ד״ר נחום גאָלדמאַן און איך.

— איר האָט אונדז בשעתו נישט אַלץ דערציילט אין שייכות מיט דעם בילד. איר האָט פאַר מיר אויסבאַהאַלטן אַ וויכטיקע זאַך. וואָס האָט איר אויסבאַהאַלטן ?

— איך ווייס נישט וואָס כ׳האָב אויסבאַהאַלטן און אויב כ׳האָב בכלל געטאָן אַזאַ זאַך. איך האָב גאָרנישט געטאָן, כדי עפּעס צו פאַרהוילן.

— איר האָט עפּעס פאַרבאָרגן וואָס איז עלול צו באַווייזן, אַז די ציוניסטן האָבן געהאַט אַ האַנט אינעם אָרגאַניזירן די טיטאָיסטיש־פאַ־שיסטישע איבערקערעניש אין יוגאָסלאַוויע. דער פאַראַט פון טיטאָ, ווי באַוווּסט, איז אַ רעזולטאַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ציוניסטישער פאַרשווערונג. דאָס דאָזיקע בילד באַווייזט, אַז די ציוניסטן האָבן געהאַט אַ האַנט אין יוגאָסלאַוויע און גרויס איז זייער אחריות פאַר דער קאָנטררעוואָ־לוציאָנערער איבערקערעניש אין יוגאָסלאַוויע. דערציילט־זשע דעריבער וואָס איר האָט פאַר אונדז ביז איצט פאַרהוילן.

— איך האָב נישט געהערט און נישט געלייענט ביז אַהער, אַז דאָס, וואָס ס׳איז געשען אין יוגאָסלאַוויע, איז ווי עס איז פאַרבונדן מיטן ציוניזם. אַזאַ טענה איז אַ לעכערלעכע. דער ריס צווישן דעם קאָמוניסטישן לאַגער אין יוגאָסלאַוויע איז אַ רעזולטאַט פון אינערלעכע קעגנזאַצן אינערהאַלב דעם קאָמוניזם און דאָס האָט נישט קיין שום פאַרבינדונג מיטן ציוניזם.

— לאָמיר צוטרעטן צום עצם־ענין. איר האָט אונדז בשעתו דערציילט אַז דאָס בילד איז געמאַכט געוואָרן בעת אייער רייזע מיט מ. שרת און ד"ר נ. גאָלדמאַן פון פּראָג קיין קאַרלסבאַד, צו דער איראָפּעישער קאָנפער־ענץ פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. פאַרוואָס האָט איר נישט דער־ציילט, אַז איר זענט דעמאָלט באַזאַמען מיט שרתן געקומען פון בעלגראַד קיין פּראָג?

— כ'בין נישט געפרעגט געוואָרן פונוואַנען און מיט וועמען איך בין געקומען קיין פּראָג. כ'האָב אויך נישט צוגעשריבן דער דאָזיקער זאַך וועלכע ס'איז וויכטיקייט.

— דער דאָזיקער ענין איז זייער וויכטיק. וואָס האָט שרת געטאָן אין בעלגראַד? וואָס האָט ער אייך דערציילט וועגן זיינע צוזאַמענטרעפן מיט די יוגאָסלאַווישע פאַרטעטער? נאָכוואָס זענט איר צוזאַמען געפאָרן קיין פּראָג? מיר זענען באַקאַנט די קלענסטע פּרטים וועגן וואָס איר האָט גע־שמועסט אין עראָפּלאַן. איך וויל דאָס אָבער הערן פון אייער מויל. רעדט!

— שרת האָט אין בעלגראַד געווירקט פאַר די ענינים פון ארץ־ישראל. דאָס איז געווען אין דער תקופה פון דער ספּעציעלער אונ"אָ־קאָמי־סיע פאַר ארץ־ישראל. איך פאַרשטיי, אַז ער האָט געוואָלט משפּיע זיין אויף די יוגאָסלאַווישע פּאָליטיקער, זיי זאָלן ענדערן זייער שטעלונג אין דער ריכטונג צו שטיצן דאָס אויפשטעלן די יידישע מדינה, דאָס הייסט, אין דער ריכטונג וואָס אויך דער ראַטנפאַרבאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע און פּוילן האָבן געשטיצט. איך זענען באַוווסט אַלע פּרטים פון אונדזער געשפּרעך אין עראָפּלאַן. איך אָבער געדענק, אַז אין עראָפּלאַן האָבן מיר בכלל נישט גערעדט.ביידע האָבן מיר געלייענט ביכער. מיר האָבן זיך גענוג אויסגע־שמועסט אין בעלגראַד, אין האָטעל ווו מיר האָבן געוווינט. נאָכוואָס מיר זענען צוזאַמען אַרויסגעפאָרן פון בעלגראַד? מיר שיינט, אַז אַן עראָפּלאַן קיין פּראָג פליט איינמאָל אין וואָך. און ביידע האָבן מיר געהאַט בדעה זיך צו באַטייליקן אין דער קאַרלסבאַדער קאָנפערענץ.

— וויכטיקע ציוניסטישע פירער האָבן אָפט באַזוכט די באַלקאַן־לענדער און באַזונדערס יוגאָסלאַוויע. טיטאָס פאַראַט מאַכט היינט קלאָר דעם צוועק פון די דאָזיקע באַזוכן. אין בעלגראַד האָבן זיי מצליח געווען — די פאַרשאָלטענע אַמעריקאַנער־ציוניסטישע אַגענטן. דערציילט אונדז וועגן די

באַזוכן פון די ציוניסטישע טוער — אויסער אייך — אין די דאָזיקע לענדער, באַזונדערס אין יוגאָסלאַוויע — פאַרן יאָר 1948 און נאָכדעם.

— מיר זענען נישט באַקאַנט אַ סך באַזוכן פון ציוניסטישע פּערזענ־לעכקייטן. איך ווייס נאָר וועגן שרתס וויזיט אין יוגאָסלאַוויע אין יאָר 1947.

— וואָס האָט בן־גוריון געטאָן אין די באַלקאַן־לענדער אין די לעצטע יאָרן?

— מיר איז נישט באַוווּסט וועגן באַזוכן פון בן־גוריון אין די באַלקאַן־לענדער. איך געדענק פון דער פּרעסע, אַז נאָכן באַפרייען בולגאַריע סוף 1944, האָט ער באַזוכט סאָפיע. מיר שיינט, אַז ער האָט נישט באַזוכט קיין אַנדערע לענדער פון דעם ראַיאָן.

— וואָס האָט ער דאָרט געטאָן?

— וועגן דעם באַזוך האָב איך געלייענט אין אונדזער פּרעסע. איך געדענק בלויז צוויי פּרטים. אַז ער איז אַרויסגעטרעטן אויף אַ מאַסן־פאַר־זאַמלונג פון יידן אין סאָפיע. אויסער דעם, דוכט זיך מיר, אַז אַלס פּאָרזיצער פון דער יידישער אַגענץ, דאָס הייסט, אַלס ציוניסטישער מנהיג, איז ער אויפגענומען געוואָרן אויף אַ געשפּרעך דורך ג. דימיטראָוו.

דער אויספאָרשער שפּרינגט אויף פון זיין אָרט. מיט צוויי שפּרונג געפינט ער זיך נעבן מיר. זיינע פויסטן לאָזן זיך אויף מיר אַראָפּ ווי האַ־מערס. אויפן קאָפּ און אין ברוסט. און גלייכצייטיק פּלייצט ער מיט זידלע־רייען. אַ שפּע זידל־ווערטער. ער גייט אַרויס פון די כלים. ער שרייט ביז הייזעריק ווערן. ווייזט אויס, אַז כ'האָב שווער פּוגע געווען דעם כבוד און אָנדענק פון דימיטראָוון. ער הייסט מיך אויפהייבן און אַוועקשטעלן אויף אַכטונג.

— ציוניסט מנוול, איר וואָגט באַליידיקן דימיטראָוון? איר, שווינד־לער וואָס איר זענט, קומט אויסטראַכטן, אַז דימיטראָוו האָט אויפגענומען אויף אַ געשפּרעך בן־גוריונען און מן־הסתם האָבן זיי דאָרט אָפּגערעדט וועגן אונטערגראָבונגס־אַרבעט קעגן בולגאַריע? קרעציקע מויז, וויאַזוי וואָגט איר בכלל אַרויסברענגען אויפן טמאדיקן מויל דימיטראָווס נאָמען? איר וועט טייער באַצאָלן פאַר דער דאָזיקער חוצפּה, נאָך היינט גייט איר אין קאַרצער. דערציילט וועגן דער אונטערגראָבונגס־אַרבעט פון בן־גוריונען אין בולגאַריע.

— איך האָב נישט געזאָגט, אַז זיי האָבן פאַרהאַנדלט וועגן אונטער־גראָבונגס־אַרבעט קעגן בולגאַריע. דאָס האָט איר געזאָגט. זיי האָבן זיכער־גערעדט וועגן דער רעכט פון די יידן אין בולגאַריע עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. דער רוב יידן פון בולגאַריע איז טאַקע שפּעטער עולה געווען קיין ארץ־ישראל מיט דער הסכמה פון דער דימיטראָוו־רעגירונג.

— שווייגט, מנוול! דאָס איז אַ ליגן און דערמאָנט נישט מער די־מיטראָווס נאָמען מיט אייער שמוציקן מויל. דערציילט וועגן בן־גוריונס אונטערגראָבונגס־אַרבעט אין בולגאַריע.

— ער האָט זיך נישט פאַרנומען מיט קיין שום אונטערגראָבונג קעגן בולגאַריע. אייערע שעפן ווייסן דאָס אויסגעצייכנט גוט. דעריבער האָב איך נישט וואָס צו דערציילן.

— זייט נישט חוצפהדיק, שפּיאָן. וועלכע נאָך באַלקאַנישע לענדער האָט דעמאָלט און שפּעטער באַזוכט בן־גוריון?

— אויב דער זכרון פאַרפירט מיך נישט, האָט ער דעמאָלט באַזוכט נאָר בולגאַריע.

— ווער זענען עס די ציוניסטישע מנהיגים, וואָס האָבן באַזוכט יוגאָסלאַוויע פאַרן יאָר 1948 און וויאַזוי האָבן זיי דערפירט צו טיטאָס פאַר־קנעכטונג צו די אַמעריקאַנער?

— ציוניסטישע מנהיגים האָבן זיך נישט אַריינגעמישט אין די אי־נערלעכע ענינים פון קאָמוניסטישן לאַגער. איך ווייס בלויז וועגן שרתס באַזוך אין יוגאָסלאַוויע אין יאָר 1947 און זיינע זאָרגן זענען געווען פאַרן יידישן פאָלק און פאַר ארץ־ישראל. וועגן באַזוכן פון אַנדערע ציוניסטישע מנהיגים אין יוגאָסלאַוויע, האָב איך נישט געהערט. מען דאַרף וויסן זיין, אַז דער רוב יוגאָסלאַווישע יידן זענען בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע פאַרניכ־טעט געוואָרן און דאָרט זענען איבערגעבליבן גאָר ווינציק יידן.

— אָבער די ווינציקע זענען גענוג געווען אויף צו העלפן די ציוניס־טישע פירער אין זייערע באַמיונגען אַרויסצורייסן יוגאָסלאַוויע פונעם סאָ־ציאַליסטישן לאַגער. פאַרוואָס האָט איר מיר נישט דערציילט, אַז אויך אייער האַנט האָט געשטעקט אינעם צוגרייטן דעם יוגאָסלאַווישן פאַראַט?

— איך האָב דערציילט וועגן מיינע דריי באַזוכן אין יוגאָסלאַוויע. איך האָב אויך דערציילט מיט וואָס כ'האָב זיך דאָרט באַשעפטיקט: מיט

פראַגן, פאַרבונדענע מיט ארץ־ישראל. כ׳האָב זיך נישט פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.

— איר לייקנט אָפּ, אַז איר און אַנדערע ציוניטישע מנהיגים האָבן געווירקט פאַר דער פאַשיסטישער איבערקערעניש אין יוגאָסלאַוויע און פאַרן אָפּשוואַכן דעם קאָמוניסטישן לאַגער. ווער־זשע, אויב אַזוי, האָט לויט אייער מיינונג, דערווייטערט טיטאָן פון קאָמוניסטישן לאַגער? ווער איז שולדיק אין טיטאָס פאַראַט, אויב נישט די ציוניסטן?

— מיר זענען באַוווסט בלויז צוויי אויפקלערונגען. די אָפיציעלע אַז טיטאָ האָט באַשלאָסן צו פאַראַטן דעם סאָציאַליזם און זיך פאַרקנעכטן צום מערב. דערפאַר האָט מען אים פאַרטריבן פון קאָמוניסטישן לאַגער. די צווייטע אויפקלערונג, די יוגאָסלאַווישע, וואָס כ׳האָב געהערט פון יוגאָ־סלאַווישן וויצע־אויסערן־מיניסטער, ד״ר עלעש בעבלער, איז: אַז יוגאָ־סלאַוויע האָט נישט געוואָלט מוותר זיין פון איר נאַציאָנאַלער זעלבשטענ־דיקייט און מלוכהשער סוווערעניטעט אין אירע באַציונגען מיטן ראַטנפאַר־באַנד. און דערפאַר איז געקומען דער ריס. די דריטע אויפקלערונג, וועגן דער שולד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דאָזיקן ריס, האָב איך נישט געהערט די אַלע יאָרן. איך האָב אָפּגעהאַלטן פיל געשפּרעכן מיט ערנסטע פּערזענלעכקייטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַווע־גונג און כ׳האָב נישט געהערט קיין שום זאַך, וואָס זאָל זיין ענלעך צו דער דאָזיקער מאָדנער אויפקלערונג.

— פאַרוואָס האָט איר נישט דערציילט, אַז איר האָט אין ישראל אויפ־געשטעלט אַ טיטאָאיסטישע פּאַרטיי און געוועזן איר פירער. מיר האָבן וועגן דעם באַגלויבטע ידיעות.

— איך האָב נישט געקאָנט דערציילן אַ זאַך וואָס איך הער זי בלויז דאָ, פון אייך. קיינמאָל האָב איך נישט פאַרלאָזט מיין פּאַרטיי און נישט אויפגעשטעלט קיין אַנדערע פּאַרטיי. אַ טיטאָאיסטישע אָדער אַ נישט־טי־טאָאיסטישע. הגם מיין פּאַרטיי האָט נישט אָנגענומען די מיינונג, אַז יוגאָ־סלאַוויע רעסטאַווירט דעם קאַפּיטאַליזם און אַז עס הערשט דאָרט אַ פאַשיסטישע כנופיה, דאָך האָט מפ״ם באַשלאָסן אויף איר לעצטן צוזאַמענ־פאָר (1951) זיך אַרויסצוזאָגן קעגן פאַרלאָזן דעם סאָלידאַרישן פראָנט פון די סאָציאַליסטישע לענדער מצד יוגאָסלאַוויע.

— זענט איר שוין גרייט צו באַשטעטיקן, אַז אין יאָר 1948 — נאָך טיטאָס פאַראַט — האָט איר זיך געטראָפן אין בעלגראַד נישט נאָר מיט

ד״ר בעבלער, נאָר אויך מיט משה פּיאַדע? דערציילט אונדז וועגן אייערע געשפּרעכן מיט אים און וועגן דער שליחות וואָס דער פּאַרעטער סלאַנסקי האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט.

— כ׳האָב שוין הונדערטער מאָל דערקלערט, אַז אין יאָר 1948 האָב איך זיך נישט געטראָפן מיט פּיאַדען.

— אורן, איר האָט זיך יאָ געטראָפן מיט אים, ליגנער, נבזה. מיר וועלן צו דעם ענין זיך אומקערן טויזנטער מאָל, ביז איר וועט זיך דערין מודה זיין. און נישט נאָר אין דעם, אַז איר האָט זיך מיט אים באַגעגנט. נאָר אַז ער האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט אַ וויכטיקע מיסיע. איר ווייסט אויסגעצייכנט אַ וואָסערע.

— איך האָב זיך נישט געטראָפן מיט פּיאַדען אין יאָר 1948. און וואָלט איך זיך דאַן יאָ געהאַט מיט אים געטראָפן — וואָלט דערין נישט געווען קיין שום חטא, פּונקט ווי ס׳איז נישט געווען אין מיין צוזאמענטרעף מיט בעבלערן. און וואָלט איך זיך מיט אים יאָ געטראָפן — וואָלט ער נישט געקאָנט אַרויפלייגן אַ שליחות אויף מיר, פּונקט ווי איך האָב נישט געקאָנט אַרויפלייגן אויף אים. פּיאַדע איז נישט מיין משרת און איך נישט זיינער.

— ער איז אַ ייד און איר זענט אַ ייד. אוןביידע ציוניסטן.

— לויט מיינע בעסטע ידיעות, איז פּיאַדע אין זיין באַוווסטזיין און געפילן אַ יוגאָסלאַוו, אָבער ער לייקנט נישט זיין יידישן אָפּשטאַם. אַלס קאָמוניסט נעגירט ער, ווייזט אויס, דעם פּאַקט פונעם קיום פון אַ יידיש פאָלק. ער איז אַן אַנטי־ציוניסט.

— דאָס איז אַ ליגן. ער איז אַ פאַשיסט און נישט קיין קאָמוניסט. ער איז אַן אויסגעשפּראָכענער ציוניסט. דערפאַר האָט ער זיך געטראָפן מיט אייך אין יאָר 1947 און אויך אין 1948, הגם איר לייקנט עס. צום צוזאַמענ־טרעף מיט פּיאַדען אין יאָר 1948 וועלן מיר זיך נאָך אומקערן. איצט לאָמיר צוריקגיין צו דער פּראַגע פון אייער פליען פון בעלגראַד קיין פּראַג אין יאָר 1947 אין איין עראָפּלאַן מיט מ. שרת. דערציילט, וועגן וואָס האָט איר געשמועסט מיט שרתן אין עראָפּלאַן?

— אין עראָפּלאַן האָבן מיר נישט געשמועסט. יעדער פון אונדז האָט געלייענט אַ בוך.

— איר האָט יאָ געשמועסט אין עראָפּלאַן. ער האָט אייך דערציילט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט משה פּיאַדע און וועגן דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון פּיאַדען צו סלאַנסקין אין פּראַג. מיר האָבן

אַ פולן פּראָטאָקאָל פון אייער געשפּרעך. מיר געפינען זיך אויף יעדן אָרט און ווייסן אַלץ וואָס אונדז איז וויכטיק צו וויסן. אייך וועט דעריבער נישט געלונגען אונדז אָפּצונאַרן. דערציילט אונדז וועגן אייער געשפּרעך מיט שרתן אין עראָפּלאַן.

— איך האָב נישט געשמועסט מיט שרתן אין עראָפּלאַן. בעת מיר האָבן געוואָרט אין האָטעל אין בעלגראַד, האָב איך פון אים נישט געהערט קיין וואָרט וועגן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון פיאַדען צו סלאַנסקין.

— אורן, נאָך אַ ביסל און איר וועט מיך אַרויספירן פון די כלים. אַז איך זאָג, איר האָט יאָ גערעדט מיט שרתן אין עראָפּלאַן און געהערט פון אים וועגן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו סלאַנסקין, וואָגט נישט מיך צו באַשולדיקן אין ליגן. איר האָט עס נישט פאַרגעסן. נאָר אויף אַ חוצפּהדיקן אופן באַהאַלט איר דאָס אויס. אָבער דאָס וועט אייך נישט געלינגען. וועגן וואָס האָט איר גערעדט אין עראָפּלאַן?

איך ענטפער נישט.

דער אויספאָרשער קערט זיך אום צו דער פראַגע צענדליקער מאָל. ער הייסט מיר ענטפערן יעדעס מאָל. איך שטיי אויף אַכטונג און גיב יעדעס מאָל דעם סטאַנדאַרטן ענטפער. הונדערטער מאָל חזרט ער איבער די פראַגע. איר נוסח ענדערט זיך נישט, בלויז די זידלערייען טוישן זיך. ער איז ממשיך — ביז הייזעריק ווערן. ער ליידיקט אויס איינציקע פלאַשן לימאַנאַד, וואָס געפינען זיך אויף זיין טיש.

איין שעה יאָגט די צווייטע. שוין אָוונט. דער אויספאָרשער פרעגט ווידער און זידלט. איך חזר איבער מיין תשובה. כ'בין הונגעריק. די פיס טוען ווי פון שטיין אַ סך שעהן אויף אַכטונג. אָט פאַל איך אום פון גרויס מידקייט. די אויגן פאַרמאַכן זיך.

דער אויספאָרשער שיקט מיך צוריק אין קאַמער פאַרן קלונג צום שלאָפן גיין. אפשר וועט מען מיך היינטיקע נאַכט לאָזן אַ ביסל שלאָפן.

אומזיסט זיך געפרייט. מיטן קלונג צום שלאָפן גיין עפנט זיך די טיר פון קאַמער. דער דיזשורנע־וועכטער, מיט אַ צעטל אין האַנט — ווייזט אויס, דער קאַרצער־באַפעל — לייענט אויס מיין נומער, הייסט מיר פאַרבינדן די אויגן און גיין מיט אים. ער פירט מיך אין קאַרצער. ווידער בין איך אין קאַרצער. פאַרן „פּוגע" זיין אין כבוד און אינעם אָנדענק פון

דימיטראָוון. ווייל כ׳האָב געוואָגט זאָגן דעם אויספאָרשער, אַז סוף 1944 יאָר איז בן־גוריון אויפגענומען געוואָרן אין סאָפיע דורך דימיטראָוון.

דער קאַרצער זומער איז נישט דאָס געשפּענסט וואָס ווינטער. עס איז טאַקע חושך־מצרים. מען טאָר נישט זיצן, די פיס טוען ווי פונעם שטיין אויף אַכטונג און פונעם אומאויפהערלעכן אַרומגיין. דו ביסט הונ־געריק. נאָר דאָסמאָל איז נישט די ווינטערדיקע קעלט. נאָך וואָכן פון שטי־קנדיקער היץ אין דער קאַמער, האָסטו אפילו אַ הנאה פון דער קילקייט אין קאַרצער. נאָר ביסט שרעקלעך מיד און ווילסט זייער שלאָפן.

דער אמת איז, אַז אויך דאָסמאָל איז נישט געקומען דער קאַרצער אַלס שטראָף. דאָס איז אַ צוגאָב־מיטל אָפּצושוואַכן די כוחות פונעם געפאָרשטן, אים „ווייכער" מאַכן. אויך דאָסמאָל ווייס איך נישט וויפל צייט איך וועל זיין אין קאַרצער.

ווידער שפּאַן איך אַרום אין אַ געדיכטער פינצטערניש. אָפטמאָל לען איך זיך אָן אין איינער פון די ווענט. און באַלד קלאַפּט דער וועכטער אין טיר מיט דער דערמאָנונג, אַז איך דאַרף גיין. די נאַכט קריכט לאַנג־זאַם.

וואָס ווילן פון מיר איצט די אויספאָרשער, די פּראָפעסיאָנעלע שווינדלער? זיי האָבן אַרויסגעברענגט אַ נייעם עלעמענט: דאָס איז דער ציוניזם פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן ריס צווישן יוגאָסלאַוויע און דעם קאָמו־ניסטישן לאַגער.

דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר שטענדיק געהאַט ספקות לגבי דער אָפיציעלער קאָמוניסטישער אויפקלערונג אין דער פראַגע יוגאָסלאַוויע. נאָר מיר האָבן נישט געוואָלט אויסברייטערן דעם תחום קעגנזאַצן צווישן אונדז און דעם ראַטנפאַרבאַנד. אויך פון יידישן און ישראלדיקן שטאַנדפּונקט האָבן מיר געגלייבט, אַז דער איינברוך וואָס איז מיט דער גראַמיקאַ־דעק־לאַראַציע געמאַכט געוואָרן אין דער אַנטי־ציוניסטישער אידעאָלאָגיע פון קאָמוניזם — וועט זיך פאַרטיפן און אַז אין דער ריכטונג וועט פאַרקו־מען אַ וועזנטלעכער קער. איצט, שיינט מיר, זע איך די ענינים אין אַ קלאָ־רער ליכט. די באַצייכענונגען, אַז טיטאָ איז אַ פאַרעטער, אַ פאַשיסט, אַ געדונגענער פון אימפּעריאַליזם, זענען פונקט אַזוי ווייניק אמת, ווי די באַצייכענונגען מיט וועלכע מען איז מיך מזכה. ווען אַן אַנטי־טיטאָיסטישע איבערקערעניש אין יוגאָסלאַוויע וואָלט מצליח געווען, וואָלט מען אַוודאי טיטאָן זעלבסט דערפירט צו ווידויים, אַז ער איז אַ „פאַרעטער", אַ „מערב־

דיקער שפּיאָן״, אַ „פּאַשיסט״. זיי ווייסן נישט נאָר צו באַפעלקן דעם אָדער יענעם מנהיג, נאָר אויך גאַנצע באַוועגונגען. אָט באַפעלקן זיי און שטעמפּלען די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק. די זעלבע מאָס פעלשונג, איז, ווייזט אויס, פאַראַן אינעם אָפיציעל־קאָמוניסטישן שטעמפּלען די סאָציאַליסטישע בויונג אין יוגאָסלאַוויע ווי ליקווידאַציע פון סאָציאַליזם און צוריקקער צום קאַפּיטאַליזם. מיינע אויספאָרשער העלפן מיר נישט ווייניק זיך איבערצייגן, אַז די אָפיציעלע קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין דער פּראַגע פון יוגאָסלאַוויע איז איינע פון די סאַמע ציניסטע פעלשונגען אין דער געשיכטע.

איצט פּלאַנירן זיי צוצולייגן איין פעלשונג אויף דער אַנדערער: דער ציוניזם האָט עס גורם געווען צום ריס מיט די יוגאָסלאַוון. דער ציוניזם איז אין דעם שולדיק. ממש אַ נייע אויפלאַגע — אַ קאָמוניסטישע, אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישע — צו די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון״. די זיכערהייטס־פּאָליציי פון אַ מדינה וואָס בויט דעם סאָציאַליזם, באַנייט און איז מחיה־מתים אַ תחבולה פון די אַרכיוון פון דער צאַרישער אָכראַנע.

וואָס האָבן זיי זיך אַזוי אָנגעזעצט אויף אַ נישט־צוזשטאַנדגעקומען געשפּרעך צווישן מיר און שרתן אין עראָפּלאַן, אויף דער ליניע בעלגראַד—פּראַג? וואָס באַהאַלט זיך אונטער דעם מיסטעריעזן „רעקאָמענדאַציע־בריוו״, וועלכן שרת האָט, כלומרשט, באַקומען פון פּיאַדען אין בעלגראַד צו סלאַנסקין אין פּראַג? אָן שום ספק, אַז דאָס איז איינער פון זייערע סטאַנדאַרטע פעלשונגען. ערשטנס: איך געדענק אַבסאָלוט, אַז מיר האָבן נישט געשמועסט אין עראָפּלאַן. מיר האָבן געלייענט. צווייטנס: דער אויספאָרשער זאָגט, אַז ס'איז דאָ אַ גענויער פּראָטאָקאָל פון אונדזער געשפּרעך — אַ געשפּרעך, וואָס איז נישט פאַרגעקומען. דריטנס: טשעכאָסלאָוואַקיע האָט דעמאָלט פולשטענדיק געשטיצט די אָפיציעלע שטעלונג פון ציוניזם, און יוגאָסלאַוויע האָט אין יענער צייט אָנגעווענדט אַ ליניע, אַ קעגנזעצלעכע צו דער ציוניסטישער שטעלונג. שרת האָט זיך נישט געגייטיקט, אַז יוגאָסלאַוויע זאָל משפּיע זיין אויף טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָר להיפך — יוגאָסלאַוויע זאָל זיך אָנשליסן אין דער שטעלונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע אין דער אונ״אָ־קאָמיסיע און אויף דער פּול־פאַרזאַמלונג. איין זאַך איז מיר קלאָר: די פּראָפּעסיאָנעלע פעלשער אין רוזין איז עפּעס נייטיק וואָס זאָל אָנווייזן אויף אַ פאַרבינדונג צווישן טיטאָיזם, ציוניזם און סלאַנסקין. דער רעקאָמענדאַציע־בריוו פון פּיאַדע, דעם „מוח״ פון טיטאָאיסטישן פּאַראַט,

צום „בונד״ סלאַנסקי, אין די הענט פון מ. שרת, דעם ציוניסטישן פּאָלי־טיקער און איצטיקן אויסערן־מיניסטער פון מדינת ישראל, בעת זיין נסיעה פון בעלגראַד קיין פּראַג צוזאַמען מיטן „שפּיאָן״ און „פּאַרעטער״ מ. אורן — אַזאַ רעקאָמענדאַציע־בריוו סימבאָליזירט דאָך דעם בונד צווישן ציוניזם, טיטאָיזם און דער טשעכאָסלאָוואַקישער „כנופיה פּאַרעטער״ מיט סלאַנסקין בראש. אָט וואָס זיי איז נייטיק.

זיי האָבן אויך נישט מותר געווען אויף אַ צווייט נישט־צושטאַנדגע־קומען געשפּרעך: צווישן מיר און פּיאַדען אין יאָר 1948, נאָכן ריס. אויך די זאַך איז פולשטענדיק קלאָר. פאַר זיי איז נישט גענוג מיין געשפּרעך מיט בעבלערן אין בעלגראַד אין יאָר 1948 — וואָס איז יאָ צושטאַנדגעקו־מען. בעבלער איז פאַר זיי ווייניק. כדי שטעמפּלען דעם בונד צווישן סלאַנ־סקין און דעם טיטאָיזם נייטיקן זיי זיך אין איינעם פון דעם באַשמוצטן דורך דער קאָמוניסטישער פּרעסע פּערטלינג: טיטאָ—קאַרדעל—פּיאַדע—ראַנקאָוויטש. נאָכמער: זיי איז נייטיק פּיאַדע דער ייד. נאָכדעם ווי כ׳האָב זיך געטראָפן מיט פּיאַדען אין 1947 — אַ יאָר פאַרן ריס — איז פאַר די פּראָפעסיאָנעלע פעלשער אין פּראַג שוין נישט פאַראַן קיין שום שוועריקייט צו „פּראָדוצירן״ נאָך אַ צוזאַמענטרעף צווישן פּיאַדע און אורן אין יאָר 1948, נאָכן ריס. און כדי אַזאַ צוזאַמענטרעף וואָס איז קיינמאָל נישט פאָר־געקומען, זאָל באַווייזן דער וועלט דעם ממשותדיקן בונד צווישן סלאַנסקין און דעם טיטאָיזם, דאַרף מען צוגעבן אַ באַשטימטן פעסטן פּרט: די שליחות וואָס פּיאַדע האָט אַרויפגעלייגט אויף אורנען צו סלאַנסקין אין פּראַג. נאָך אַ „באַווייז״ צום דרייפאַכיקן „בונד״: ציוניזם־טיטאָיזם־סלאַנסקי־כנופיה. ביי די „אויערן״ שלעפּן זיי מיך אין דער מכשפים־קיך, וווּ מען גרייט דאָס סאַמע שאַרפסטע געקעכטס — איינע פון די פינצטערסטע סקאַנדאַלן אין דער געשיכטע פון יוסטיץ־געזעץ — דעם סלאַנסקי־פּראָצעס.

אינדערפרי קערט מיך צוריק דער וועכטער אין קאַמער — נאָך 12 שעה קאַרצער.

פון די פּראָדוקציע־סודות

אויספאַרשונגען. אויספאַרשונגען אָן אַ סוף.

די נאַכט האָב איך ווידער נישט צוגעטאָן קיין אויג. אמת, מען האָט

מיך צוריקגעבראַכט אין קאַמער נאָך האַלבער נאַכט. מיין בעט איז געווען אָפּן. נאָר אויף דער פאַראָרדענונג פון אויספאָרשער האָט מיר דער וועכטער פאַרבאָטן זיך אָוועקצולייגן. ער האָט מיר בלויז דערלויבט זיך אַוועקזעצן אויפן בעט. דאָס איז נישט ס׳ערשטע מאָל, וואָס כ׳ווער אינמיטן נאַכט צו־ריקגעשיקט אין קאַמער און מען דערלויבט מיר נישט זיך לייגן שלאָפן. איך מוז זיצן אויפן בעט, זיך ראַנגלען מיטן שלאָף, ביז מען וועט מיך ווי־דער רופן צו אַן אויספאָרשונג. עס געשעט, אַז איך זיץ אַ שעה, אָפּטמאָל צוויי און מערער און מאָך די גרעסטע אָנשטרענגונגען נישט איינצודרימ־לען. דורכן אונטערקוק־פענצטערל איז דאָס אויג פון וועכטער אָנגעצילט אויף מיר די גאַנצע צייט. עס געשעט, אַז באַגינען באַקום איך די דערלוי־בעניש זיך אויסצוטאָן און אַוועקלייגן. נאָר אין עטלעכע מינוט אַרום קלינגט דער גלאָק: אויפשטיין.

דאָסמאָל האָב איך זיך געפייניקט אַ שעה מיטן זיצן אויפן בעט, בעת מיין שכן איז פאַרזונקען אין אַ זיסן שלאָף. מען האָט מיך גערופן צוריק־קומען צו דער אויספאָרשונג. אין צווישנצייט האָט מיין אויספאָרשער באַוויזן זיך אונטערצוזולען דאָס האַרץ און אַביסל אָפּרוען.

איך זיץ אין ווינקל. דער אויספאָרשער שטייט נעבן מיר. ער פאַ־רייכערט אַ סיגאַרעט. דעם רויך לאָזט ער בכיוון אַזוי, אַז ער זאָל אַריינ־דרינגען אין מיינע נאָזלעכער. דאָס איז דאָס באַליבטסטע שמד־שטיק פון די אויספאָרשער — ווען דער געפאָרשטער געהערט צו די רייכערער, ווען מען האָט פאַרבאָטן צו רייכערן.

ער קערט זיך אום צום געשפּרעך מיט בעבלערן. ער פאָדערט פּרטי־פּרטים. איך דערצייל אים איינצלהייטן. ער פאָדערט אויך טעכנישע פּרטים:

— דאָס געשפּרעך איז פאָרגעקומען אין זיין ביוראָ, אין דער געביידע וווּ עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די קאָנפערענץ פון די דונאַי־לענדער. דאָס ביוראָ האָט זיך געפונען זייער נאָענט צום בופעט. עס איז געווען זייער אַ הייסער טאָג. בעבלער האָט געפרעגט וואָס איך וויל טרינקען. איך האָב געבעטן קאַלטן לימאָנאַד. פון בופעט האָט מען געבראַכט צוויי גלעזער לימאָנאַד.

דער אויספאָרשער הערט זיך איין, אגב בלעטערנדיק זיינע פּאַפּירן. ער רייסט מיר איבער:

— זענט איר זיכער, אַז איר האָט געטרונקען לימאָנאַד? מאַכט איר נישט קיין טעות? איר האָט געטרונקען קאַפע.

— איך געדענק בפירוש, אַז מיר האָבן געטרונקען קאַלטן לימאָנאַד. דער טאָג איז געווען אַ הייסער. און איך האָב ליבערשט געוואָלט לימאָנאַד, אויך ד"ר בעבלער.

דער אויספאָרשער קוקט ווידער אַריין אין די פּאַפּירן. דאָרט, ווייזט אויס, איז פאַרשריבן, אַז אונדזער געשפּרעך איז פאָרגעקומען ביי אַ שאָל קאַווע. ער האָט מורא צו ענדערן דעם דאָזיקן טעכנישן פּרט, וואָס איז אַריינגעשריבן געוואָרן דורך דעם ממונה איבער אים:

— איר זענט זיך טועה. איר האָט געטרונקען קאַווע. פּאָליטישע געשפּרעכן פירט מען נישט ביי אַ גלאָז לימאָנאַד, נאָר ביי קאַווע. איינס פון די ביידע: אָדער דער זכרון פאַרפירט אייך, אָדער איר זאָגט באַוווסטזיניק ליגן, אַפילו עס איז לגמרי נישט נייטיק. איז דאָך אייער לאַגע נישט אָפּהענגיק דערפון צי איר האָט געטרונקען קאַווע צי לימאָנאַד. צוואָס דעריבער לייקענען? איר האָט נישט געטרונקען קיין לימאָנאַד, נאָר קאַווע.

— איך בין געזעסן מיט בעבלערן און נישט עמעץ אַנדערש. אין צימער זענען נישט געווען קיין שום אַנדערע מענטשן. איך חזר איבער נאָכאַמאָל, אַז מיר האָבן געטרונקען לימאָנאַד און נישט קאַווע. נאָר אויב די זאַך איז פאַר אייך אַזוי וויכטיק און עס לאָזט זיך נישט ענדערן, בין איך גרייט אייך טאָן אַ טובה און באַשטעטיקן, אַז מיר האָבן געטרונקען קאַווע, הגם אינדעראמתן האָט זיך דאָס געשפּרעך געפירט ביי אַ גלאָז לימאָנאַד.

— אויב מיר זאָגן אייך, אַז איר האָט געטרונקען קאַווע און נישט קיין לימאָנאַד, קאָנט איר זיך אויף אונדז פאַרלאָזן. און וואָס ווייטער?

איך דערצייל און פאַרענדיק. דער אויספאָרשער בליקט אַריין אין זיינע פּאַפּירן. ער ברעכט אויס:

— געענדיקט? און ווען וועט איר אונדז דערציילן, וואָס ער האָט אייך געזאָגט וועגן סלאַנסקי, ראַיק, קאָסטאָוו און גאָמולקאַ? ציוניסט, מנוול, רעגט מיך נישט אויף. איזדיעקוועט זיך נישט איבער מיר! פאַרוואָס דערציילט איר נישט קיין פּרטים, חזיר!

— ד"ר בעבלער האָט קיין איינמאָל נישט דערמאָנט די דאָזיקע נעמען בעת אונדזער געשפּרעך.

— ליגנער, מנוול, אַפּעריסט, שפּיאָן — אויפהייבן זיך און שטעלן אויף אַכטונג. איצט דערציילט וועגן אייער געשפּרעך מיט פּיאַדען אין יאָר 1948.

— כ׳האָב אייך שוין געזאָגט הונדערטער מאָל, אַז אין 1948 האָב איך זיך מיט פּיאַדען נישט געטראָפן.

— און איך האָב אייך געזאָגט הונדערטער מאָל, אַז אין 1948 האָט איר זיך יאָ געטראָפן מיט פּיאַדען און מיט אים באַרירט די פראַגן וואָס מיט בעבלערן, דאָס הייסט — וועגן טיטאָס פּאַראַט. דערציילט מיר וועגן גאַנג פון דעם געשפּרעך. — דער אויספאָרשער קוקט אין זיינע פּאַפּירן.

— איך ווייס נישט וויאַזוי און וואָס מען קאָן דערציילן פון אַ נישט צושטאַנדגעקומען געשפּרעך. ווייזט אויס, אַז דער אויספאָרשער פאַרשטייט, אַז ביז איצט ווייס איך נאָך נישט וואָס עס דאַרף זיין אין אַזאַ געשפּרעך. ער הייבט אָן אַרויסשלעפּן אויסצוגן פון אַ פאַרצייכנטן פּראָטאָקאָל, וואָס איז שוין ערגעץ־ווו פאַרגרייט געוואָרן און ליגט איצט פאַר אים.

„די ווידוי פון אַ געפאַרשטן", געשריבן און צוזאַמענגעשטעלט נאָך איידער דער געפאַרשטער ווייסט וואָס מען וויל פון אים, אין וואָס ער דאַרף זיך „מודה" זיין. דאָס איז דער גאַנג פון דער פּראָדוקציע פון די „אמת־ווידויים".

— אַזויווי אין יאָר 1947, האָט אויך אין 1948 בעבלער אייך געעצהט צו טרעפן זיך מיט פּיאַדען. דערציילט וויאַזוי דאָס איז געווען.

— בעבלער האָט מיר בכלל נישט געעצהט צו טרעפן זיך מיט פּיאַ־דען. כ׳האָב נישט געהאַט קיין שום באַדערפעניש אין אַזאַ צוזאַמענטרעף.

— איר זאָגט ליגן. בעבלער האָט אייך געראַטן צו טרעפן זיך מיט פּיאַדען.

— דאָס איז געווען אין יאָר 1947, אַ יאָר פאַרן ריס און בלויז אין פראַגן פון ארץ־ישראל.

— שוין אין יאָר 1947 האָט איר געוווּסט וועגן די צוגרייטונגען צום טיטאָיסטישן פּאַראַט. אויך אייערע הענט האָבן געמישט אין דעם טאָפּ. נאָר איר האָט זיך געטראָפן מיט פּיאַדען אויך אין 1948, נאָך טיטאָס פּאַ־ראַט. כדי אייך העלפן זיך „דערמאַנען", וועל איך צוגעבן וועגן וואָס איר האָט גערעדט. ער האָט פאַר אייך אַרויסגעזאָגט, אַז סלאַנסקי גרייט צו אַן ענלעכע טיטאָיסטישע איבערקערעניש אין טשעכאָסלאָוואַקיע און גאָמולקאַ — אין פּוילן. ער האָט אייך אַנטפּלעקט, אַז דער ישראל־געזאַנדטער אין פּראָג,

אהוד איבראַל (אבריאל), דינט אַלס פאַרבינדונגס־מענטש צווישן אים און סלאַנסקין. אויסער דעם האָט ער אייך איבערגעגעבן פאַר סלאַנסקין פאַר־שידענע געהיימע דאָקומענטן. איר האָט דאָך באַדאַרפט פאָרן פון בעלגראַד קיין פּראָג. איך האָב אייך דערמאָנט די עיקרדיקע זאַכן און איצט דערציילט וועגן גאַנצן פאַרלויף פון געשפּרעך.

— דאָס אַלץ איז אויסגעטראַכט. איך האָב נישט געזען פּיאַדען נאָכן ריס. בלויז איינמאָל אין מיין לעבן האָב איך זיך מיט אים געטראָפן, אין יאָר 1947 — אַ גאַנץ יאָר פאַרן ריס. כ׳האָב נישט וואָס צו דערציילן.

ער באַפעלט מיר צו פאַרדעקן די אויגן. זיך אויסדרייען צום וואַנט. שטיין אויף אַכטונג — ווען איר וועט באַשליסן צו דערציילן וועגן געשפּרעך מיט פּיאַדען, גיט עס צו וויסן דעם וועכטער, וואָס וועט אייך היטן. איך וועל וואַרטן אויף דער מעלדונג. — ער שטעלט איבער מיר אָוועק אַ וועכטער און טראַגט זיך אָפּ. וויזט אויס — אין בופעט, אַ קאַלטער טרונק, אַ ביסל זיך פאַרוויילן אין קלוב.

איך שטיי אויף אַכטונג, מיטן פּנים צום וואַנט. די אויגן זענען פאַרבונדן מיטן האַנטעך. דער קנופּ טוט זייער וויי, ער מאַכט מיר אַ לאָך אין קאָפּ. עס איז הייס. די אָנגעשוואָלענע פיס טוען וויי. איך בין הונגעריק. אין די לעצטע נעכט בין איך זייער ווייניק געשלאָפן, אָדער בכלל נישט פאַרמאַכט קיין אויג. דאָס שטיין אויף אַכטונג אין אַזעלכע אומשטענדן איז אַ האַרבער פיזישער עקזאַמען. אויך אַ גייסטיקער. איך וווּנדער זיך ווידער, הלמאי כ׳גיי נישט אַראָפּ פון זינען.

פאַרוואָס שרייבסטו נישט אונטער? וואַרטסטו טאָקע ביז ווערסט משוגע ווערן? דו פּטרסט זיך אָוועק. אין דער אונטערשטער שורה ווערסטו אַלץ אונטערחתמענען. געגוג זיך געראַנגלט מיט די ווילדע חיות. האָסטו געגלייבט, אַז דו ווערסט גובר זיין דיינע אויספאַרשער־פּייניקער? האָסטו געגלייבט, אַז ס׳וועט קומען עפּעס אַן אינטערווענץ פונדרויסן און דיך אַרויסנעמען? זי איז נישט געקומען. קאָן זיין, ס׳איז עפּעס יאָ געווען אַן אינטערווענץ — נאָר אָן רעזולטאַטן. אַכט לאַנגע חדשים ראַנגלסטו זיך מיט זיי. נישט זיי ווערן צעבראָכן, נאָר דו. זיי משלים מיטן פּאַקט, אַז אין דעם קאַמף ביסטו פאַראיינזאַמט. אינדרויסן זענען זיכער פאַראַן פיל, וואָס מיטן האַרצן זענען זיי מיט דיר. אָבער אינעם געראַנגל מיט דער כנופיה, דיינע פּייניקער — ביסטו איזאָלירט. געלאָזט אויף הפקר. דו ביסט איינער —

אַנטקעגן אַ מעכטיקן אַפּאַראַט. פּרוביר נישט זיין קיין גבור צווישן געגנ־סטער, וואָס זענען גרייט דיך אומצוברענגען.

אָבער אויך פון שטאַנדפּונקט פון מיין גורל — איז די זאַך נישט אַזוי פּשוט. כל־זמן איך ראַנגל זיך און האָב זיך נישט „מודה" געווען — איז אפשר אַ שטיקל אויסזיכט כ'זאָל זוכה זיין אַהיימצוקומען. דאָס וועט אָבער נישט זיין, אויב זיי דערגרייכן פון מיר די צענדליקער „ווידויים", וואָס זיי פּלאַנירן פון מיר אויסצופּרעסן. וועלן זיי דאַן נישט האָבן קיין אויסגערעכנטע סיבה צו פאַרווישן זייערע אומריינע מעשים, די שפּורן פון זייער שמוציקער אַרבעט ? וועלן זיי דעמאָלט נישט זיין אין אַ לאַגע, וואָס וועט זיי צווינגען איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיך איינצושטילן ? דאָס הייסט — מיך ליקווידירן מיט אָדער אָן אַן אורטייל ? נאָר איך האָב מורא, אַז כ'מאַך דאָ דעם חשבון אָנעם בעל־הבית. איז דאָ אַן אויסזיכט, אַז זיי זאָלן פון מיר נישט אַרויסבאַ־קומען די „ווידויים" אין וועלכע זיי נייטיקן זיך ? איך האָב שוין נישט קיין כוח מיט זיי זיך צו ראַנגלען. מאָרגן־איבערמאָרגן וועלן זיי מיך איינברעכן. וואָס מיך וווּנדערט, אַז זיי האָבן מיך נישט איינגעבראָכן היינט. נעכטן.

די טיר עפנט זיך. דוכט זיך, אַז ס'זענען אַריינגעקומען צוויי מענטשן. איינער גייט אַרויס, מן־הסתמא דער וועכטער וואָס האָט מיך געהיטן. צוויי מענטשן סודען זיך. דורכן האַנטעך וואָס פאַרדעקט מיינע אויגן, פיל איך, אַז מען האָט אָנגעצונדן די ליכט אין ביוראָ. עס איז שוין אָוונט. פון אינ־דערפרי בין איך דאָ. קיין עסן איז נישט געקומען אין מיין מויל. די שטים פון אויספאָרשער באַפעלט מיך זיך אָוועקצוזעצן, נישט אַראָפּנעמענדיק דאָס האַנטעך פון די אויגן.

— דערציילט אונדז וועגן געשפּרעך מיט פיאַדען אין יאָר 1948 !

איך ענטפער נישט.

עס האָט נישט קיין שום טעם דיין געראַנגל ! ער איז אויסזיכטלאָז. לאָז זיי נישט, דאָס זיי זאָלן דיך משוגע מאַכן. שרייב אונטער זייערע שקרים. אפילו ווען סט התמענען מיט דיין אונטערשריפט — וועלן די שקרים נישט זיין דיינע, נאָר זייערע. דאָס וועט זיין נישט דיינע אָן אָרעמקייטס־צייגעניש. נאָר זייערע. קיינער אין ישראל וועט נישט גלייבן אין דיינע „ווידויים", אָבער דיינע „ווידויים" זענען דער איינציקער וועג אָנצוזאָגן די חברים אין ישראל, די מאַסן יידן אין דער וועלט, דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס דאָ קומט פאַר הינטער די תפיסה־מויערן אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע.

דער אויספאָרשער חזרט איבער זיין פאַרלאַנג צו דערציילן אים וועגן מיין געשפּרעך מיט פּיאַדען.

איך ענטפער נישט. דער אויספאָרשער און דער צווייטער סודען זיך.

פאַרעקשן זיך נישט! קיינער וועט נישט גלייבן אינעם נאַרישן אינהאַלט פון דיינע „ווידויים". ס'איז אַ ספק, צי וועסט אַרויס אַ לעבעדי־קער פון דעם גהינום. דיינע „ווידויים" זענען דער איינציקער וועג צו לאָזן הערן אַ צעשמעטערנדיקן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די וואָס איזדיעקעווען זיך איבער דיר, די פאַרשווערער פון סאָציאַליזם. שרייב זיי אונטער. און זאָלן די שקרים זיין די סאַמע נאַרישע און לעכערלעכע.

דער צווייטער מישט זיך אַריין מיט אַן ענערגיש קול:

— אורן, דאָ איז אָנגענומען, אַז דער געפאָרשטער ענטפערט אויף די פראַגן פון אויספאָרשער. מ'האָט אייך עפּעס געפרעגט. ענטפערט! — זיין קול איז מיר עטוואָס קענטלעך. איך בין זיכער, אַז דאָס איז דאָס קול פון דעם הויכן אָפיציר, דער, אין וועמענס קאַנצעלאַריע עס איז נישטאָ דער פּאָרטרעט פון טשעכאָסלאָוואַקישן מדינה־פּרעזידענט, נאָר דער ריזיקער פּאָרטרעט פון סטאַלין לענגאויס דער צענטראַלער וואַנט.

— איך האָב שוין געענטפערט אויף דער פראַגע הונדערטער מאָל אויף פיל אויספאָרשונגען: איך האָב זיך נישט געטראָפן מיט פּיאַדען אין יאָר 1948. באַגעגנט האָבן מיר זיך אין 1947 — פאַרן ריס מיט די יוגאָ־סלאַוון. וועגן דעם געשפּרעך האָב איך אייך דערציילט. איך בין גרייט צו דערציילן נאָכאַמאָל.

דאָס דאָזיקע געשפּרעך צווישן מיר און זיי פירט זיך, ווען איך זיץ מיט פאַרבונדענע אויגן און ביידע אויספאָרשער שטייען איבער מיר. מיין אויספאָרשער באַפעלט מיך ווידער זיך אויפהייבן און אויסדרייען צום וואַנט.

— הערט אויף אונדז איבערצוכיטרעווען. מיר האָבן נישט קיין אינ־טערעס אין אייער געשפּרעך מיט פּיאַדען פון יאָר 1947. מיר ווילן הערן וועגן דעם שמועס אין יאָר 1948, ווו ער האָט אייך דערציילט וועגן די פּלע־נער פון פאַרעטער סלאַנסקי אין אונדזער לאַנד און אויף אייך אַרויפגעלייגט אַ וויכטיקע מיסיע.

— איך האָב זיך נישט געטראָפן מיט פּיאַדען אין יאָר 1948. איר ווייסט, אַז מיר האָבן זיך פּאָרט נישט באַגעגנט.

אַ שטראָם וואַסער ווערט אויסגעגאָסן אויף מיין קאָפּ. איין קרוג. אַ צווייטע. אַ דריטע. איך בין אינגאַנצן נאַס. מיינע לייוונטענע שיך ווערן פול

מיט וואַסער. איך פיל ווי כ׳שטיי אין אַ לוזשע. איצט איז הייסער זומער און נישט ווינטער. די דאָזיקע „וואַסער־אויספאָרשונג״ איז מיר דאַסמאָל נישט גורם אַזעלכע קערפּערלעכע לײדן ווי אין ווינטער. זי איז גיכער באַשטימט פאַר גייסטיקע יסורים, וואָס קומען פונעם געפיל פון דערנידעריקונג.

דער דריי־געשפּרעך וועגן דער באַגעגעניש מיט פּיאַדען, וואָס איז בכלל נישט פאָרגעקומען (נאָר אין בּיוראָ פון דעם שעף פון די רעזשיסאָרן וואָס גרייטן צו דעם פּראָצעס) — פּירט זיך אַ לאַנגע צייט. מיט פאַרבונדענע אויגן שטיי איך אויסגעדרייט צום וואַנט. הינטער מיר שטייען צוויי יוצר־משרתים. נאַכט. די מיינסטע טאָג־שעהן בין איך געשטאַנען אויף פּייניקנדיקער אַכטונג. איך בין הונגעריק. איך האָב פיל אָנגעוווירן פון מיינע הונגער־פּאָרציעס אין די לעצטע טעג. צענדליקער אויספאָרשונגען בייטאָג און ביינאַכט. איינער ליאַרעמט. דער צווייטער דערלאַנגט מיר אָפּטמאָל מיט זיינע פויסטן. אַלע עטלעכע מינוט גיסט מען אויף מיר אַ קרוג וואַסער. איצט זענען די קליינע שעהן פון דער נאַכט.

דאָס איז דער פּראָדוקציע־פּראָצעס פון נישט־צושטאַנדגעקומענע געשפּרעכן. דאָס איז דער לעצטער עטאַפּ אין פּראָדוצירן. פריער זענען געוועזן אַנדערע עטאַפּן. אַכט חדשים אָפּגעשניטנקייט פון דער וועלט. אויסהונגערונג. צוטריבן דעם שלאָף. פיזישע לײדן. גייסטיקע יסורים. שוידער־ידיעות וועגן גורל פון דער משפחה. קיין צייטונג. קיין בוך. קלעפּ. קרוגן וואַסער. קעלט אין ווינטער. אַ דערשטיקנדיקע חמימה אין זומער. אַ רעזשים פון כסדרדיקער דערנידעריקונג. הונדערטער אויספאָרשונגען. בייטאָג און ביינאַכט. שטיין אויף אַכטונג. זעץ מיט די פויסטן. לאָקונגען: אַ שנעל אומקערן זיך אַהיים, אַ לעבן פון פרייהייט. אומאויפהערלעכע דראָונגען: די תליה. נערוון־שפּאַנונג. אַזוי פּראָדוצירט מען אין יאָר 1952 דאָס געשפּרעך פּיאַדע—אורן, וואָס איז נישט צושטאַנדגעקומען אין יאָר 1948.

איך קאָן שוין נישט שטיין אין דעם דאָזיקן אומגלייכן קאַמף. איך האָב שוין איינִיקע מאָל באַשלאָסן אָפּצולאָזן דעם דאָזיקן אויסזיכטלאָזן געראַנגל. איך קאָן נישט פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן באַשלוס. נאָר איך בין שוין דערגאַנגען צו דער לעצטער גרענעץ פון מעגלעכקייט. פיזיש און גייסטיק גלייכצייטיק. די נערוון זענען שרעקלעך צעשרויפט. כ׳בין דערגאַנגען ביזן שוועל פון וואַנזיניקייט אין אמתן זין פון וואָרט.

— ווען, סוף־כל־סוף, וועט איר באַשטעטיקן, אַז איר האָט זיך גע־

טראָפן מיט פיאַדען אין יאָר 1948 ? — פרעגט דער שעף צום צוואַנציקסטן מאָל.

— כ׳האָב זיך מיט אים נישט געטראָפן.

— אַ ליגן. יעדן טאָג פאַרש איך סלאַנסקין. ער באַשטעטיקט, אַז אין יאָר 1948 האָט איר געבראַכט פון פיאַדען געהיימע דאָקומענטן.

— ער האָט דאָס נישט געקאָנט זאָגן. איך האָב אים נישט געבראַכט קיין שום דאָקומענטן. איך קען בכלל נישט סלאַנסקין. כ׳האָב אים קיינמאָל נישט געזען.

— אַ ליגן. סלאַנסקי האָט אונטערגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל וואָס זאָגט: אַז איר קענט זיך ביידע זייער גוט, אַז איר האָט זיך אייניקע מאָל געטראָפן; נאָך מער, אַז איר זענט בקי אין די איינצלהייטן פון די פאַרשידענע באַגע־גענישן מיט פיאַדען.

איך באַמערק: — לאָמיר אָננעמען, אַז כ׳וועל אונטערשרייבן וואָס איר ווילט. אָבער פיאַדע וועט עפנטלעך דעמאַסקירן דעם דאָזיקן שווינדל. ער וועט פאַר דער גאַנצער וועלט אויפדעקן דעם אמת, אַז מיר האָבן זיך בכלל נישט געטראָפן אין יאָר 1948.

— מיר פייפן אויף דעם וואָס ס׳וועט זאָגן דער פאַשיסט פיאַדע. די פּראָגרעסיווע וועלט און די מאַסן אַרבעטער וועלן נישט גלייבן זיינע שקרים. זיי וועלן אונדז גלייבן.

— מיינע חברים אין ישראל וועלן עפנטלעך דעמאַסקירן דעם דאָזיקן שקר. זיי קענען מיך. זיי ווייסן, אַז כ׳האָב זיך נישט באַגעגנט מיט פיאַדען אין יאָר 1948. וועגן אַלע מיינע צוזאַמענטרעפן פלעג איך באַריכטן די אינסטאַנצן פון מיין פּאַרטיי.

— די סאָציאַליסטישע וועלט וועט פייפן אויף די אַפּלייקענונגען פון אייערע חברים. אַלע זענט איר געקנעטן פון דעמזעלבן טייג: אייער פּאַרטיי, פיאַדע און סלאַנסקי. איר זענט איין פאַרברעכערישע באַנדע.

מיינע פיס ברעכן זיך איין. אין געהיים שפּאַר איך זיך אָן אין דער וואַנט. שווערער קאָפּווייטיק דערקוטשעט מיר שוין פון לאַנג. זיי פאַרוואַרפן מיך נאָך מיט זייערע פראַגן. זייערע זידלערייען. זיי באַגיסן מיך נאָך מיט קרוגן וואַסער. כ׳בין הונגעריק. כ׳וויל שלאָפן, צום ווינציקסטן זיך אָוועק־זעצן. איך הער אויף ענטפערן אויף זייערע פראַגן. צום סוף קאַפּיטוליר איך.

— דאָס געשפּרעך מיט פּיאַדען איז אויסגעטראַכט. אינגאַנצן. נאָר — כ׳וועל אונטערשרייבן. שטעלט צונויף אַ פּראָטאָקאָל און כ׳וועל אייך חתמענען.

ביידע סודען זיך. איינער פאַרלאָזט דאָס צימער.

אינדרויסן — אַ בלאַס פּרימאָרגן־ליכט. פריילעכע פייגל פליען פאַרביי מיט אַ געצוויטשער. אין מיין ווינקל — אַ גרויסע לוזשע וואַסער. ביידע ווענט פון מיין ווינקל זענען נאַס. מיין זיץ־אָרט איז פאַרפּליצט מיט וואַסער. איך אינגאַנצן ווייק אין וואַסער. דער שעף איז נישטאָ. אַ סברה, ער מיינט, אַז כ׳האָב אים נישט דערקענט לויטן קול. ער האָט נישט געוואָלט כ׳זאָל וויסן ווער עס איז דאָ געווען. דער אויספאָרשער זיצט ביי דער שרייב־מאַשין און שרייבט. ער לייענט מיר פאָר דעם פּראָטאָקאָל, צוזאַמענגע־שטעלט אין דער פאָרם פון פראַגן און ענטפערס. ער באַמערקט מיר, אַז אין איין פּונקט זענען זיי פאַרלויפיק גרייט זיך צו רעכענען מיט מיינע רייד — אין דער פראַגע פון דער שליחות. „איך שרייב, אַז פּיאַדע האָט אייך געוואָלט איבערגעבן וויכטיקע דאָקומענטן פאַר סלאַנסקין, נאָר איר האָט אים נישט געוואָלט ענטפערן מיט דער טענה — וואָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין ריכטיקע — אַז איר קענט נישט סלאַנסקין פּערזענלעך. פאַר־לויפיק שרייב איך אַזוי. נאָר מיר וועלן אָבער נאָך אויפקלערן דעם ענין".

דער אויספאָרשער דערלאַנגט מיר דעם פּראָטאָקאָל איבערצולייענען. איך בין גרייט אים אונטערצושרייבן אומגעלייענט. נאָר איך מוז אים איבער־לייענען. אָן שום ספק, אַז דער אויספאָרשער ווייסט, דאָס איך וועל נישט אויפנעמען קיין איין וואָרט פון דעם געלייענטן.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז אַלץ וואָס דאָ איז אָנגעשריבן, איז נישט אמת. נאָר איך וועל חתמענען.

— דאָס אַלץ איז אמת. נאָך אין אייער בריוו אַ היים האָט איר זיך מודה געווען, אַז איר האָט קעגן אונדז געזינדיקט.

איך שרייב אונטער. קאָן זיין, אַז אינעם פּראָטאָקאָל איז פאַרשריבן, אַז איך האָב געחתמעט פון... פרייען ווילן.

דער אויספאָרשער פירט מיך צוריק אין קאַמער. לויט פאַרשידענע סימנים, וועל איך אפשר קאָנען שלאָפן אַ שעה ביזן פרימאָרגן־קלונג. נאָר איך בין אינגאַנצן נאַס.

סוף־כל־סוף האָבן זיי דערגרייכט זייערס. איך האָב געחתמעט אונטער אַ ליגן. סוף־כל־סוף האָבן זיי באַוויזן מיך איינצוברעכן. דער פיל־קרעפטי־

קער שקר איז בייגעקומען דעם שוואַכן אמת. דער גאַנצער פּראָטאָקאָל איז שקר וכזב. דער איינציקער אמת דאָרט איז מיין אונטערשריפט.

אַזוי איז אין רוזינער תפיסה פּראָדוצירט געוואָרן דאָס געשפּרעך פּיאָדע—אורן אין יאָר 1948.

איך שרייב ווייטער אונטער...

זיי לאָזן מיך נישט אָפּ. זיי שלעפּן מיך צו אויספאָרשונגען אָן אַ סוף. בייטאָג. ביינאַכט. כ׳האָב נאָכגעגעבן. אַקוראַט כ׳האָב נישט קיין אייגענעם ווילן. מיין האַלטונגס־קראַפט האָט זיך איינגעבראָכן. זיי ווייסן דאָס. פון דער דאָזיקער לאַגע מיינער האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצונעמען דעם מאַקסימום.

דער עסטרייכישער שכן אין מיין קאַמער האָט מיר דערציילט, אַז די אויספאָרשער זענען זיך נוהג צו באַנוצן מיט אַ מין מעדיציניש פּרעפּאַראַט, כדי איינברעכן דעם ווילן פונעם פאַרעקשנטן געפאָרשטן. זיי שיטן אַריין אין דער קאַווע אָדער אין דער זופּ פונעם געפאָרשטן דעם פּרעפּאַראַט, וואָס ענדערט נישט בכלל דעם טעם פונעם געקעכטס און זיין ריח. דער דאָזיקער פּרעפּאַראַט ברענגט אַיין אויף אַ באַשטימטער צייט דעם זעלבסט־ווילן פונעם געפאָרשטן און פאַרוואַנדלט אים אין אַ ווילנלאָזן באַשעפעניש אין די הענט פון די אויספאָרשער. אין אַזאַ מצב באַשטעטיקט ער וואָס דער אויספאָרשער זאָגט, שרייבט אונטער דעם פּראָטאָקאָל, איז זיך מודה אין אמתע צי אין אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס. וואָס איז מיט מיר געשען? האָבן זיי טאַקע אַריינגעטאָן דעם אויבנדערמאָנטן פּרעפּאַראַט? איך בין נישט זיכער, צי מיין שכנס רייד זענען ריכטיקע. איך צווייפל, צי זיי האָבן מיך טאַקע איינגעבראָכן מיט דער הילף פון כעמישע מיטלען. אמת איז, אַז אין די איצטיקע טעג, בין איך געגליכטן צו אַ מענטש, ביי וועמען מען האָט אויף אַ מיסטעריעזן אופן צוגענומען זיין ווילן. אַ מענטש, וועמענס גייסטיקער חוט־השדרה איז צעבראָכן געוואָרן. נאָר איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט קיין רעזולטאַט פון מעדיצינישע פּרעפּאַראַטן. לויט מיין מיינונג, נייטיקן זיך נישט מיינע אינקוויזיטאָרן בכלל אין אַזעלכע פּרעפּאַ־ראַטן. זיין לאַנגע חדשים אָפּגעשניטן פון דער וועלט, אויסהונגערונג,

קעלט, שלאַפלאָזיקייט, קלעפּ, אַ דערדריקנדיק איזדיעקעווען זיך, הונדער־טער אויספאָרשונגען בייטאָג און ביינאַכט — דאָס אַלץ איז גענוג אויף חרוב צו מאַכן די האַלטונג פון מענטש, באַזונדערס ווען ער ווייסט, אַז ער איז געפאַנגען אין די הענט פון געוויסנלאָזע אויטאָמאַטן. אַז ער זעט זיך אַליין איזאָלירט, אויף הפקר געלאָזט און אוממעכטיק. אַז ער ראַנגלט זיך טעג, נעכט, וואָכן און חדשים און קיין הילף איז נישטאָ. דאָס אַלץ איז גענוג אויף איינצוברעכן אַ מענטש, אפילו ווען ער זאָל זיין גאָר קרעפטיק אין פיזישן, גייסטיקן און פסיכישן זין. ניין, די דאָזיקע כנופיה נייטיקט זיך נישט בכלל אין מעדיצינישע פּרעפּאַראַטן אויף איינצוברעכן דעם ווילן פון געפאָרשטן.

איך בין ווילנלאָז. גלייכגילטיק. איך בין אין געפאַנגענשאַפט ביי דער מרה־שחורה. כ׳בין געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. איך חתמע זיי יעדע זאַך. דאָ און דאָרט ווייז איך נאָך אַרויס עפּעס אַ ווידערשטאַנד. איך ראַנגל זיך מיט זיי. וואַרף אין זייערע פּרצופים מיין אמת. נאָר אין דער אונטערשטער שורה שרייב איך אונטער די פּראָטאָקאָלן מיט אַ געפיל, אַז נישט מיין האַנט טוט דאָס, נאָר עמעצנס אַ מיסטעריעזע האַנט, וואָס איז פון מיר אַרויסגעוואַקסן. פון איין זייט האָט מיך באַהערשט דאָס זיכערע געפיל, אַז מיט יעדער אונטערשריפט חתמע איך מיין גזר־דין. אַז מיין גורל איז אַ געחתמעטער. אַז מיין סוף — ליקווידאַציע. אין רעזולטאַט פון אַ שקר־פּראָצעס אָדער אָן אים. נאָר אָפּטמאָל שיינט מיר, אַז די אונטערשריפטן ראַטעווען מיך פון משוגעת. נאָך דעם ווי כ׳וועל אַרויפלייגן די לעצטע אונטערשריפט — וועט זיך ענדיקן דער קאָשמאַר. ס׳וועלן זיך ענדיקן די אויספאָרשונגען. כ׳וועל שוין נישט זיין הונגעריק. מען וועט מיר געבן אַ בוך. אַ צייטונג. קאָן זיין, אַז דער יצר פון זעלבסטדערהאַלטונג הייבט אויף מיין האַנט און פירט זי אונטערצושרייבן, אונטערצושרייבן און אונטערצושרייבן.

די אויספאָרשער לאָזן מיך נישט קומען צו זיך. זיי מאַכן אַן אינטענסיווע אַרבעט. אויספאָרשער־אָפיצירן באַזוכן מיך אָפט. זיי קערן זיך אום צו די אַלטע פּראָטאָקאָלן, די כלומרשט פאַקטישע, און רעדאַגירן זיי פונדאָסניי. עס פּאַסירט, אַז אויף איין טעמע שטעלן זיי צונויף עטלעכע פּראָטאָקאָלן. זיי פאַרנעמען זיך מיט דער זעלבער זאַך. נאָר יעדער נייער פּראָטאָקאָל איז האַרבער פונעם פריערדיקן. אינעם לעצטן פּראָטאָקאָל דערגרייכן זיי זייערס. זייער באַשולדיקן מיך איז שוין נישט פאָרמולירט ווי זייערע,

נאָר כאילו זי איז געהערט געוואָרן פון מיין מויל, ווי אַ זעלבסטבאַשולדיקונג.

אינדעראמתן פאָדערן זיי נישט פונעם געפאַרשטן אַ ממשותדיקן ווידוי. זיי פאַרלאַנגען פון מיר אַן אונטערשריפט אונטער זייערע שקרים. נאָר בעתן שרייבן דעם פּראָטאָקאָל, פאָרמולירט דער אויספאָרשער זיינע באַשולדיקונגען, גלייך זיי וואָלטן געשריבן געוואָרן פונעם געפאָרשטן. צו וואָס די פּראָפעסיאָנעלע פעלשער נייטיקן זיך אין די אמתדיקע אונטער־שריפטן פונעם געפאָרשטן — איז מיר נישט קלאָר. דער גאַנצער אינהאַלט פון פּראָטאָקאָל, מיט די פראַגן פונעם אויספאָרשער און די ענטפערס פונעם געפאָרשטן, איז אַ פעלשונג פון אָנהייב ביזן סוף. צו וואָס, בעצם, האָבן זיי אויך נישט געפעלשט די אונטערשריפט פונעם געפאָרשטן? די אָריגינעלע אונטערשריפט פונעם געפאָרשטן, די אומגעפעלשטע, גיט בלויז צו צו דער מאָס פעלשונג וואָס אין פּראָטאָקאָל. ווייל די אונטערשריפט איז בלויז אַ פּרוכט פון צוואַנג, טעראָר, חדשים ליידן, יסורים און פייניקונגען פון גוף און פון דער נשמה. קאָן נאָך געמאָלט זיין אַ מער האַרבערע פעלשונג ווי די אמתדיקע אונטערשריפט פונעם געפאָרשטן אויף די דאָזיקע פּראָטאָקאָלן?

איך חתמע פאַרשידענע פּראָטאָקאָלן, וואָס יעדער אינהאַלט זייערער איז שקר. אַ מוטוויליקער, אַ צינישער, אַ פאַרברעכערישער. איך ווייז אָן אויפן ליגן און שווינדל. צום סוף חתמע איך.

אין די לעצטע טעג טראַכט איך אַ סך פון מיין היים. עס זענען אַריי־בער לאַנגע וואָכן, זינט כ׳האָב באַקומען אַ קורצן גרוס געשריבן פון מיין פרוי און פון דעמאָלט האָב איך זיי געשריבן דעם ערשטן בריוו. ביז איצט בין איך נישט זיכער צי זיי זענען געזונט. ווו האָט מיין פרוי געשריבן איר גרוס פון דריי שורות — אינדערהיים? אין שפּיטאָל? פאַרוואָס איז נישט אונטערגעשטראָכן דאָס אָרט, ווו דער צעטל איז געשריבן געוואָרן? וואָס מאַכט מיין קליינטשיקער זון? איז ער טאַקע אַראָפּגעפאַלן פון בוים? איידער כ׳האָב אָנגעהויבן חתמענען אונטער די לעצטע פּראָטאָקאָלן, ווען כ׳בין שוין געווען אין די לעצטע עטאַפּן פון מיין געראַנגל מיט די אויספאָרשער, האָט מיר איינער פון די אָפיצירן געזאָגט עפּעס, וואָס ביז היינט לאָזט עס מיך נישט צורו.

— אורן, אייך קומט אָן זייער שווער צו ענדערן די ליניע פון אייער אויפפירונג. אין אייער „תלמוד" איז געשריבן, אַז אויב אַ מענטש איז שווער צו אַנטשיידן אין אַ זייער קאָמפּליצירטער פראַגע, וועט ער גוט טאָן, אויב

ער וועט זיך אָנבייגן צו זיין ווייב און פרעגן איר עצה. אפשר ווילט איר זיך אָן עצה האַלטן מיט אייער פרוי? נישטאָ קיין מער לייכטע זאַך פון דעם. אין געציילטע מינוטן קאָן איך אייך צונויפפירן. באַראַט זיך מיט איר. זי וועט אייך אָן שום ספק געבן אַ גוטע עצה. זי וועט אייך זאָגן צו זיין פאַר־שטענדלעך און זיך מודה זיין אין אַלע פאַרברעכנס אייערע. ווילט איר זיך באַראַטן מיט אייער פרוי?

הערנדיק אַזעלכע רייד, בין איך ווי געשלאָגן פון אַ דונער.

קאָן געמאָלט זיין, אַז מיין פרוי האָט אָפּגעטאָן די נאַרישקייט און געקומען קיין פּראָג זיך מטפל זיין וועגן מיין ענין און איז אַזויווי איך, אַרעסטירט געוואָרן? קאָן עס מעגלעך זיין, אַז זי געפינקט זיך דאָ, אין דעם גהינום אַזויווי איך? דאָס שטיקל פּאַפּיר אויף וועלכן זי האָט געשריבן איר גרוס, איז געווען זייער צעקנייטשט. קאָן מעגלעך זיין, אַז דעם גרוס האָט זי געשריבן דאָ, אין תפיסה? מיר איז שווער דערין צו גלויבן. דאָס איז אָן שום ספק אַ נבזהדיקער פאַרטל פונעם אָפיציר־אויספאָרשער. און אפשר איז עס דאָך אמת? ווייל אויב כ'וועל אויסדריקן מיין ווילן זיך אָן עצה האַלטן מיט מיין פרוי — וועט דער אָפיציר־אויספאָרשער קלאָר דעמאַסקירט ווערן ווי אַ שווינדלער, אויב מיין פרוי געפינט זיך נישט אין תפיסה. אפשר אים אַוועקשטעלן פאַרן דאָזיקן עקזאַמען און זיין שווינדל וועט זיך אויפדעקן אין דער גאַנצער נאַקעטקייט? ניין, איך וועל דאָס נישט טאָן. און טאָמער איז עס פאַרט אמת און נישט אַ שווינדל. איך באַשליס ליבערשט בלייבן מיט מיין גלויבן, אַז דאָס איז אַ שווינדל.

— איך נייטיק זיך נישט צו באַראַטן מיט מיין פרוי אין דעם ענין. איך גלייב אויך נישט, אַז מיין פרוי האָט געטאָן די נאַרישקייט און געקו־מען קיין פּראָג מען זאָל זי אַרעסטירן אַזויווי מיך.

דער אָפיציר לאָזט אָפּ דעם ענין. נאָר ער גריזשעט אַלץ מיין האַרץ. פון מיין שכן האָב איך געהערט, אַז די פּאָליטישע פּאָליציי איז זיך נוהג צו אַרעסטירן אויך די פרוי פון אַ פּאָליטישן טוער, ווען זי אַרעסטירט אים. ווייל דאָס איז נישט קיין סוד אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אַז מיטן איינזעצן קלעַ־מענטיסן, האָט מען אויך זיין פרוי פאַרשפּאַרט אין תפיסה. און אַזוי זענען אַרעסטירט געוואָרן אויך אַנדערע פרויען פון פּאָליטישע מענטשן וואָס זיצן אין תפיסה.

פאַראַן אין די לעצטע וואָכן נאָך אַ זאַך וואָס איז מיר גורם יסורים, וואָס מען קאָן זיי נישט אויסמאָלן. פון מיין האַרץ זענען פאַרגעסן געוואָרן

די פּנימער פון מיין טאָכטער און זון. טראַכטנדיק וועגן מיין 15־יאָריקער טאָכטער, זע איך אין גייסט דאָס פּנים פון מיין שוועסטער, ווען זי איז אַלט געווען ווי מיין טאָכטער. און טראַכטנדיק וועגן מיין 5־יאָריקן זון, זע איך פאַר מיר נאָר דאָס פּנים פון מיין יינגסטן ברודער, ווען ער איז געווען אין מיין זונס עלטער. איך מאַך פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען צו דערמאָנען זיך די פּנימער פון מיינע געליבטע זון און טאָכטער. נאָר מיינע אָנשטרענגונגען ענדיקן זיך מיט גאָרנישט. איך ווייס נישט דעם באַדייט פון דער דאָזיקער שטערונג אינעם אַפּאַראַט פון מיין פּסיכישן לעבן. דאָס פּנים פון מיין פרוי זע איך אין דער פולער גאַנצקייט, גלייך זי וואָלט געשטאַנען נעבן מיר. נאָר ווען איך פּרוביר אַרויסברענגען די געזיכטער פון מיינע צוויי קינדער — זע איך גייסטיק די פּנימער פון מיינע יינגערע שוועסטער און ברודער. ביידע זענען אומגעקומען אין גאַליציע בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. איך ווענד אָן פאַרשידענע תחבולותן, כדי זיך צו דערמאָנען די געזיכט־שטריכן פון מיין טאָכטער און זון. אָבער עס גיט זיך מיר נישט איין. די דאָזיקע אויסטערלישע דערשיינונג מאַטערט מיך שוין פיל טעג און נעכט. די דאָזיקע שטערונג איז מיר גורם טיפע ליידן.

ביי יעדער אויספאָרשונג בעט איך דעם אויספאָרשער ער זאָל באַוויליקן מיר צו ווייזן די בילדער פון מיין משפּחה, וואָס געפינען זיך אין דער טעקע מיט פּאַפּירן, וואָס מען האָט זי קאָנפיסקירט. דער אויספאָרשער ענטפערט: „די בילדער געפינען זיך אין שאַנק נעבן אייך. איר וועט זיי אָבער קאָנען זען, ווען מיר וועלן האָבן אַלץ געענדיקט: נאָכדעם, ווי איר וועט אונטערשרייבן אַלע פּראָטאָקאָלן און מיר וועלן פאַרענדיקן די אויספאָרשונג. דאָס איז אַלץ אָפּהענגיק פון אייך. אויב איר וועט נישט מאַכן קיין שוועריקייטן, וועט איר קאָנען זען די בילדער אין אייניקע טעג אַרום". איך בעט אים, ער זאָל מיר איצט ווייזן די בילדער. אַז איך פּייניק זיך זייער צוליב דעם. דער אויספאָרשער ענטפערט קאַטעגאָריש: ניין. יעדן טאָג חזר איך איבער די בקשה, און דער אויספאָרשער דאָס זייניקע: ניין.

אין אַלע פרייע מינוטן, בעת די אויספאָרשונגען און צווישן זיי, באַמי איך זיך צו דערמאָנען די פּנימער פון מיינע קינדער. נאָר אָן דערפאָלג. אַלעמאָל זע איך די געזיכטער פון מיין ברודער און שוועסטער.

מרדכי אורן

זיי איזדיעקעווען זיך איבער קלעמענטיסן

מיין שכן זאָגט מיר, אַז איך זע אויס ווי אַ שאָטן. אַז איך גיי ווי אַ לונאַטיקער. איך שלאָף בלויז זייער ווייניק. כ׳בין געוואָרן אַפּאַטיש. דער הונגער האָט מיך אויפגעהערט מאַטערן. איך עס בלויז ווינציק. דער גרעסטער טייל פון געקויפטן ברויט ווערט האַרט און פאַרשימלט. אין דער לעצטער צייט זענען די שפּייז־פּאַרציעס פאַרבעסערט געוואָרן. פון מיין אייברעכן זיך באַמיען זיך די געהיים־אַגענטן אַרויסצופּרעסן דעם מאַקסימום. אונטערשריפטן אונטער די פּראָטאָקאָלן — ווענמענס אינהאַלט איז אַזאַ פאַנטאַסטישער ליגן און פעלשונג, אַז זיי זענען אַ שטוינענדיק אָרעמקייטס־צייגעניש פאַר דער פינצטערקייט פון די אויספאָרשער און זייערע ממונים. דער שקר אין די פּראָטאָקאָלן איז אָפּטמאָל געגייט מיט אַזעלכע גראָבע שטעך, אַז אפילו אַ בלינדער וועט עס דערקענען. אויב די דאָזיקע ליגנס וועלן זוכה זיין פאַרעפנטלעכט צו ווערן — און איך בעט דערפאַר — וועט גאַנץ ישראל פלאַצן פון געלעכטער, אויסער פאַרדאַרבענע דעגענעראַטן, וואָס יעדעס פאַלשע וואָרט, וואָס וועט קומען פון פּראָג, וועט אויסזען אין זייערע אויגן ווי אַ רעקאָרד פון אמת. אָבער גאַנץ ישראל וועט לאַכן. די גאַנצע וועלט וועט לאַכן. אפילו גאַנץ טשעכאָסלאָוואַקיע וועט לאַכן אין געהיים. איך שרייב אונטער אָט די גראָבע ליגנס, נאָר פון כוחות־דערשעפונג. אָבער אַ געדאַנק פון נקמה באַגלייט מיינע אונטערשריפטן. די שקרים זענען אַזעלכע גראָבע, אַז אויב זיי וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן, וועלן זיי אַליין אויף זיך אויסרופן: מיר זענען שקרים.

דער אויספאָרשער קערט זיך אום צו דער טעמע, וואָס איז שוין אויסגעדראָשן געוואָרן ביי צענדליקער אויספאָרשונגען: מיינע געשפּרעכן מיטן אויסערן־מיניסטער קלעמענטיס. ער לייענט מיר פאָר אויסצוגן פון פּראָטאָקאָלן, אונטערגעשריבענע דורך קלעמענטיסן. ער ווייזט מיר זיינע אונטערשריפטן. קלעמענטיס האָט זיך „מודה" געווען אין סאַמע פאַנטאַסטישע אויסטראַכטענישן.

וואָס וויל דער אויספאָרשער ? איך זאָל באַשטעטיקן, אַז אין דער צייט פון זיין אַמטירן האָט קלעמענטיס פּיל געטאָן אויף צו שטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אַז ער האָט מיט מיר געשמועסט איבער די פּראָבלעמען פון ציוניסטישע אַקטיוויטעטן אין טשע־

כּאָסלאָוואַקיע, אַז אין דער צייט פון זיין אַמטירן זענען געגרינדעט גע־וואָרן די ציוניסטישע פאָנדן, דער קרן־קימת און דער קרן־היסוד. אַז אין יאָר 1948 האָט ער מיר אַנטדעקט דעם סוד, אַז ער איז אַ פיינד פון סאָ־ציאַליזם, אַז ער גראָבט אונטערן פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים, אַז ער איז אַ פאַרעטער. אַז ער האָט מיר דערקלערט — זייענדיק אויסערן־מיניס־טער אין יאָר 1948 נישט מער און נישט ווייניקער, אַז ער וועט שטיצן דאָס אויפשטעלן מדינת ישראל, ווייל די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן זענען דערין פאַראינטערעסירט און ווייל מדינת ישראל וועט זיך פאַרוואַנד־לען אין אַן אַמעריקאַנער קאָלאָניע.

איך פּרוביר אויפווייזן די אויספאָרשער דאָס לעכערלעכע אין די דאָזיקע „ווידויים". אַז די דאָזיקע שקרים וועלן נישט אויפהערן צו זיין לעכערלעך, אפילו ווען זיי וועט געלונגען צו באַקומען אונטער זיי מיין אונטערשריפט. און דאָס ווילן זיי. די ציוניסטישע באַוועגונג אויף דער גאַנצער וועלט ווייסט, אַז די נאַציאָנאַלע פאָנדן אין טשעכאָסלאָוואַקיע זענען געגרינדעט געוואָרן נאָך איידער טשעכאָסלאָוואַקיע איז געווען זעלבשטענ־דיק און נישט אין דער תקופה פון קלעמענטיסעס אַמטירן. מיינע חברים אין ישראל איז באַקאַנט דער אינהאַלט פון מיינע געשפּרעכן מיט קלעמענטיסן. זיי וועלן דעמאַסקירן דעם שקר וואָס אין די דאָזיקע ווידויים. ווער אין דער וועלט און אפילו אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וועט גלייבן, אַז אַ קאָמוניסטי־שער אויסערן־מיניסטער וועט גראָד אַ ישראלדיקן סאָציאַליסט אַנטפּלעקן, אַז ער — דער קאָמוניסטישער מיניסטער — איז פאַקטיש אַ פאַרעטער און אַ פיינד פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע? ווער אין דער וועלט וועט גלייבן, אַז אין אַ פּאָליטיש געשפּרעך מיט אַ טוער פון אַ ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, האָט אַ קאָמוניסטישער אויסערן־מיניסטער דערקלערט, אַז ער שטיצט דאָס אויפשטעלן מדינת ישראל, — ווייל די אַמעריקאַנער אימפּע־ריאַליסטן זענען אין דעם פאַראינטערעסירט?

נאָר די אויערן פון מיינע אויספאָרשער בלייבן פאַרשטאָפּטע. פעלט זיי טאָקע אויף אַזויפיל פּאָליטישע אויסשולונג און פּסיכאָלאָגישער פאַר־שטאַנד? זענען זיי אויף אַזויפיל פאַרנאַרישט? ניין, זיי פייפן אויף דעם, וואָס ס'וועט זאָגן די וועלט. זייערע אויערן זענען פאַרשטאָפּטע פאַרן אמת. מ'האָט זיי אָנגעזאָגט אויפצונעמען בלויז דעם שקר, מעג ער זיין ווי נאַריש, פאַנטאַסטיש און גראָב.

מען צווינגט מיך אונטערצושרייבן, אַז שוין אין יאָר 1948 האָב איך געוווסט — פון קלעמענטיסן גופא! — אַז ער איז אַ פאַרעטער. דער פרעזידענט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפובליק האָט דאָס נישט געוווסט. דער פרעמיער האָט דאָס נישט געוווסט. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי האָט דאָס נישט געוווסט. די אַלץ־וויסנדיקע זיכערהייטס־פּאָליציי האָט דאָס נישט געוווסט. אפילו קיין איינער פון די 11 מיליאָן טשעכן און סלאָוואַקן האָבן דאָס נישט געוווסט. קיין שום מענטש אין דער וועלט האָט דאָס נישט געוווסט, אויסער איינעם: מרדכי אורן פון ישראל... באַווייזן? די „ווידוי" פון קלעמענטיסן. די „ווידוי" פון אורן.

אין פּראָטאָקאָל ווערט קלעמענטיס באַשולדיקט אין פאַרשווערכן דעם נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די טשעכן און סלאָוואַקן, ווייל ער האָט זי געוואָגט אַוועקשטעלן אין איין ריי מיטן... ציוניזם. דער דאָזיקער פאַרגלייך געפינט זיך, פאַרשטייט זיך, אין קלעמענטיסעס אַ דעקלאַראַציע, אַ געפעלשטע דורכן אויספאָרשער. אין דער אמתער דעקלאַראַציע, וואָס קלעמענטיס האָט זי מיר בשעתו איבערגעגעבן, האָט ער אין איין ריי געשטעלט די באַפרייונגס־מלחמה פון די טשעכן און סלאָוואַקן און די זעלבשטענדיקייט־מלחמה פון מדינת ישראל.

איך מאַך אויפמערקזאַם דעם אויספאָרשער, אַז ישראל וועט לייכט קאָנען פאַרעפנטלעכן דעם אמתן נוסח פון קלעמענטיסעס דעקלאַראַציע און אפילו די דערקלערונג פון פרעמיער זאַפּאָטאָצקי — און ביידע זענען אידענטיש אין אינהאַלט — און אַז זיין נוסח, דעם אויספאָרשערס, וועט דעמאַסקירט ווערן ווי אַ פעלשונג, אפילו דאָרט וועט זיין מיין אונטערשריפט.

דער אויספאָרשער שרייט אויף מיר, אַז כ'זאָל אים נישט לערנען קיין פּרק צונויפשטעלן פּראָטאָקאָלן. דער נוסח פון דער דעקלאַראַציע, אַזוי ווי ער ווערט אַרויסגעבענגט אין פּראָטאָקאָל, איז אַ ריכטיקער. ער שטיצט זיך אויך אויף דער ווידוי פון קלעמענטיסן גופא.

איך שרייב אונטער.

די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני־ציון" אין אַ נייער אויפלאַגע

טעג און נעכט טרייבט מיך דער אויספאָרשער, כ'זאָל אים אָנטפּלעקן

די פּרטים פונעם „פּלאַן מאַרגענטאַו־עטשעסאָן". איך ענטפער, אַז כ'האָב קיינמאָל נישט געהערט וועגן אַזאַ פּלאַן. איך בין נישט קיין אַמעריקאַ־נער פּאָליטיקער און מוז נישט זיין אויסגעקאָכט אין די פּרטים פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק. דער אויספאָרשער דערלאַנגט מיר אַ ביסל זידלע־רייען. ער באַמערקט, אַז דער פּלאַן „מאַרגענטאַו־עטשעסאָן" איז אַן אַמע־ריקאַנער־ציוניסטישער פּלאַן, פאַרבונדן מיטן אויפשטעלן מדינת ישראל און מיטן אָנצייכענען אירע אויפגאַבן. אַז אינעם אויסאַרבעטן דעם פּלאַן האָבן אויסער מאַרגענטאַו און עטשעסאָן, זיך אויך באַטייליקט טרומאַן, בן־גוריון און שרת.

פונעם אויספאָרשערס רייד האָב איך געלערנט, אַז אין דער העלפט 1947... זענען בן־גוריון און שרת זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ געהיימען צוזאַמענטרעף אין וואַשינגטאָן מיטן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן טרומאַן, מאַרגענטאַו און עטשעסאָן. דאָרט איז „אָפּגערעדט" געוואָרן, אַז די אַמעריקאַנער וועלן שטיצן אין אונ"אָ דאָס אויפשטעלן מדינת ישראל: מדינת ישראל וועט זיין אַ נאָכשלעפּערין פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועט איר איבערגעבן אַ מאַקסימום מיליטערישע באַזעס אין אירע גרענעצן און אויסנוצן אירע פאַרבינדונגען אינערהאַלב די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס און דעם ראַטנפאַרבאַנד, כדי צו ווירקן אויף אונטערצוטרייסלען דעם סאָציאַ־ליסטישן רעזשים אין די דאָזיקע לענדער. די אַמעריקאַנער וועלן אינ־סטרואירן די דאָזיקע אַקציע און אויף צו קאָנקרעטיזירן די שפּיאָנאַזש־ און דיווערסיע־טעטיקייטן, וועלן זיי שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון ישראל די סומע פון 100 מיליאָן דאָלאַר. דאָס איז דער פּלאַן „מאַרגענטאַו—עטשעסאָן".

איך דערמאָן זיך, וואָס כ'האָב געהאַט געלייענט אין דער פּרעסע, אַז לויט אָנווייזונגען פון פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן טרומאַן, זע־נען אויסגעטיילט געוואָרן 100 מיליאָן דאָלאַר פאַר אונטערגראַבונגס־אַרבעט אין די לענדער פון סאָציאַליזם — אָבער וואָס איז דאָס פאַרבונדן מיטן ציוניזם און מדינת ישראל? אויב עס איז טאַקע באַשטימט געוואָרן אַזאַ סומע פאַר די אויבנדערמאָנטע צוועקן — איז ער זיכער באַשטימט צו סוב־ווענציאָנירן די טעטיקייט פון די ראַדיאָ־סטאַציעס „די שטים פון אַמעריקע", „פרייע איראָפּע", פאַרן אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־דינסט, פאַר דער קאָנ־טררעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, פאַר די רעאַקציאָנערע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין די דאָזיקע לענדער. נאָר וואָס האָט דאָס אַלץ אַ שייכות צו מדינת ישראל?

איך קלער אויף דעם אויספאָרשער מיין קריטישע מיינונג וועגן ווערט פון דעם דאָזיקן שפּאָס וואָס הייסט „פּלאַן מאָרגענטאַו—עטשעסאָן". איך האָב נישט געהערט וועגן אַזאַ פּלאַן און וועגן אַ געהיימען צוזאַמענטרעף אין וואַשינגטאָן, ווו דער פּלאַן איז כלומרשט געבוירן געוואָרן. איך באַמערק אים, אַז די היסטאָרישע פאַקטן, וואָס זענען באַוווּסט דער גאַנצער וועלט, מאַכן צונישט די דאָזיקע פאַנטאַסטישע דערציילונג. ווען דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל האָט פּראָקלאַמירט אויפצושטעלן די מדינה — מאַי 1948 — האָט ער דאָס געטאָן אין קעגנזאַץ צו די האַרבע וואָרענונגען מצד די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָבן דעמאָלט געהאַט אַ וואַקלדיקע ליניע און געזוכט אין די ראַמען פון אונ"אָ פאַרשידענע תחבולות, כדי צו דערפירן צו דער אָפּשאַפונג פונעם אונ"אָ־באַשלוס בנוגע אויפשטעלן די יידישע מדינה. אין דער תקופה פון אונדזער זעלבשטענדיקייט־מלחמה האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן איניצירט דעם אונ"אָ־באַשלוס וועגן פאַרבאָט צו שיקן געווער פאַרביידע צדדים. אינדעראמתן האָט דער באַשלוס געצילט אין ישראל, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין געווער, בעת די אַגרעסאָרישע אַראַבישע מדינות זענען געווען געגוג באַוואָפנט. אַנטקעגן דעם איז די פּאָליטיק פון די סאָציאַליסטישע לענדער געווען איינדייטיק און פּראָ־ישראלדיק. זיי האָבן דערלאַנגט ישראל די פולע פּאָליטישע און פּראַקטישע הילף — באַזונדערס אין ליפערן געווער. די דאָזיקע פאַקטן באַווייזן, אַז די מעשה וועגן „פּלאַן מאָרגענטאַו—עטשעסאָן" איז אַן אויסגעטראַכטע. זי זאָגט בלויז עדות וועגן מאַנגל פון פּאָליטישער בילדונג פון די פאַרפאַסער פונעם „פּלאַן", וואָס טוען צופיל גרינגשעצן דעם געזונטן שכל און פּאָליטישן פאַרשטאַנד פון דער וועלט.

דער אויספאָרשער רייסט איבער:

— אייערע רייד זענען אויסגעטראַכט פון אָנהייב ביזן סוף און דערפאַר באַווייזן זיי נישט קיין שום זאַך. וועגן „פּלאַן מאָרגענטאַו—עטשעסאָן" איז אונדז באַוווּסט פון ציוניסטישע קוועלן. מיר האָבן וועגן אים געהערט פון ציוניסטישע אַגענטן אַזויווי איר, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט. לייקנט איר, אַז בן־גוריון און שרת — דאַן האָט ער געהייסן שערטאָק — זענען געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1947?

— איך לייקן נישט, אַז שרת איז געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1947. מיר שיינט, אַז אויך בן־גוריון. ווי צענטראַלע פּערזענלעכ־

קייטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז עס געווען זייער חוב, בעתן אַנטשיידן אין דער ארץ־ישׂראל־פראַגע, צו געפינען זיך אין אונ״אָ־צענטער, וואָס האָט זיין זיצאָרט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. איך זאָג נאָר, אַז די מעשׂה וועגן „פּלאַן מאָרגענטאַו—עטשעסאָן״ איז אַן אויסגעטראַכטע.

— לייקנט איר, אַז זיי האָבן זיך געטראָפן מיט אַמעריקאַנער מנהיגים אין פראַגן פון ארץ־ישׂראל?

— אויך דאָס לייקן איך נישט. דאָס איז געווען זייער אויפגאַבע צו טרעפן זיך מיט פאַרשידענע דעלעגאַציעס אין אונ״אָ, באַזונדערס מיט די דעלעגאַציעס פון די גרויסמאַכטן, ווען אין אונ״אָ איז אַן אַנטשיידנדיקע. איינע פון די דאָזיקע דעלעגאַציעס איז די אַמעריקאַנער.

— פאַרוואָס האָבן זיי זיך נישט געטראָפן מיט דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע?

— איך געדענק, אַז שרת האָט זיך נישט איינמאָל געטראָפן מיט דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע, באַזונדערס מיט אַנדריי גראָמיקאָ, דעם עיקרדיקן וואָרטזאָגער פון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע אין אונ״אָ.

די דאָזיקע רייד צינדן אָן דעם צאָרן ביים אויספאָרשער. מיט צוויי־דריי שפּרונג דעררייכט ער מיך. זיין פּנים איז רויט פון כּעס. ער ווילדעוועט. ער שיקט מיר זיינע פויסטן. ער הייבט מיך אָן שטיקן. אין באַליידיקונג יאָגט די צווייטע. ער ליאַרעמט: „ווידער וואָגט איר באַליידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד? וויאַזוי וואָגט איר אויסטראַכטן אויף פּסס״ר, אַז אירע פאָרשטייער האָבן פאַרהאַנדלט מיט ציוניסטישע פירער וועגן אויפשטעלן אַ יידישער מדינה? וויאַזוי וואָגט איר אויסטראַכטן דעם דאָזיקן נבזהדיקן ליגן, אַז שרת האָט זיך געטראָפן מיט גראָמיקאָן? פאַר דעם דאָזיקן שקר וועט איר די נאַכט פאַרברענגען אין קאַרצער.

די נאַכט האָב איך פאַרברענגט אין קאַרצער.

דער אויספאָרשער האָט מיר גורם געווען אַן איבעראַשונג: ער דערמאָנט נישט מער דעם „פּלאַן מאָרגענטאַו—עטשעסאָן״. דער פּלאַן האָט זיך ווי אַראָפּגעלאָזט אין די טיפע וואַסערן. „אויבן״, אינעם ראָט פון די דראָטנציער, וואָס גרייט צו די קאָמעדיע פונעם סלאַנסקי־פּראָצעס האָט מען, ווייזט אויס, מוותּר געווען אויף דעם דאָזיקן „פּראָגראַם״, ווי עפּעס צווייפלהאַפטס. טאָקע?

דער אויספאָרשער קערט זיך אָבער אום צו אַן אַנדערן ענין, וואָס כ'האָב געמיינט, אַז ר'איז שוין פון לאַנג „אויסגעשעפּט" געוואָרן: מיינע געשפּרעכן מיט ד"ר בעבלער און פיאַדע אין בעלגראַד. ווייזט אויס, אַז עמעץ פון די מער פיפיקע עלטסטע פון די פעלשונגען, האָט געפרעגט זיך זעלבסט און זיינע חברים: „וויאַזוי וועט די עפנטלעכע מיינונג גלייבן, אַז פיאַדע און ד"ר בעבלער האָבן פאַר אורנען אַנטפּלעקט אַזעלכע וויכטיקע מדינה־סודות, ווי סלאַנסקיס אידענטיפיצירן זיך מיטן פאַראַט פון טיטאָ און די פּלענער פון סלאַנסקין אַדורכצופירן אַ טיטאָאיסטישע איבערקערעניש אין טשעכאָסלאָוואַקיע? די באַקאַנטשאַפט מיט אורן איז דאָך אינדעראמתן געווען זייער אַן אויבערפלעכלעכע. אין אַזעלכע באַדינגונגען דערציילן נישט פּאָליטיקער אַזעלכע וויכטיקע סודות. מען דאַרף אויסגעפינען סיבות וואָס לייגן זיך אויפן שכל, וואָס זאָלן קלאָר מאַכן פאַרוואָס האָבן זיי דעם ציוניסט אורן דערציילט סודות פון דעם כאַראַקטער". און דער פעלשער־שטאַב האָט באַשלאָסן — וועלכע זענען די סיבות וואָס לייגן זיך אויפן שכל. אויף מיין שטענדיקן אויספאָרשער איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע אויסצופרעסן פון מיר מיין הסכמה.

— איר האָט בשעתו אונטערגעשריבן די פּראָטאָקאָלן פון אייערע געשפּרעכן מיט פיאַדע און בעבלער אין יאָר 1948. זיי האָבן אייך אויפגעדעקט וויכטיקע סודות וועגן פאַרברעכערישן פּלאַן פון סלאַנסקין אַדורכצופירן אַ טיטאָאיסטישע איבערקערעניש אין טשעכאָסלאָוואַקיע. וויאַזוי דערקלערט איר דאָס פאַר זיך זעלבסט, אַז אייך — טראָץ דער פאַרהעלטנישמעסיק קורצער באַקאַנטשאַפט — האָבן זיי אַנטדעקט אַזעלכע וויכטיקע מלוכהשע סודות?

— ריכטיק, כ'האָב געחתמעט אונטער די דאָזיקע פּראָטאָקאָלן. נאָר איך האָב אייך געזאָגט בעתן אונטערשרייבן און הונדערט מאָל בעת די אויספאָרשונגען — אַז דאָס אַלץ איז נישט אמת. מיט פיאַדען האָב איך זיך בכלל נישט געטראָפן נאָכן ריס מיט די יוגאָסלאַוון. אמת, כ'האָב זיך באַגעגנט מיט ד"ר בעבלער. אָבער ער האָט בכלל נישט דערמאָנט סלאַנסקיס נאָמען. דעריבער האָב איך נישט וואָס צו ענטפערן אויף אייער פראַגע.

— נישט וויכטיק וואָס איר האָט געזאָגט. נאָכדעם ווי איר האָט געחתמעט, איז דאָס אמת. וויאַזוי דערקלערט איר זיך דאָס אַנטדעקן אייך אַזעלכע וויכטיקע סודות?

— מיין מיינונג איז אַן אַנדערע. נישט־אמת בלייבט נישט־אמת. איך נאָכדעם ווי כ׳בין געצוווּנגען געווען אים אונטערצושרייבן. וואָס שייך אייער פראַגע: אפילו ווען ס׳וואָלט געווען אמת, אַז סלאַנסקי האָט געהאַט בדעה אַדורכצופירן אַ „טיטאָיסטישע איבערקערעניש״ אין טשעכאָסלאָוואַקיע — בין איך זיכער, אַז פיאַדע און בעבלער וואָלטן מיר נישט דערציילט אַ מלוכהשן סוד פון אַזאַ חשיבות.

— אָבער זיי האָבן עס אייך פאַרט דערציילט. איר האָט אויך אויף דעם אונטערגעשריבן. די פראַגע איז: וואָס האָט זיי באַוויגן צו דערציילן אייך דעם דאָזיקן סוד? וויאַזוי וועט איר אַליין זיך דערקלערן די זאַך?

— איך האָב נישט דערפאַר קיין שום אויפקלערונג, פאַרוואָס זיי האָבן מיר באַדאַרפט אַנטפּלעקן מלוכהשע סודות.

— רעגט מיך נישט אויף מיטן אופן פון אייער רעדן, אורן! די אויספאָרשונג איז אויפן גרונט פון דעם, וואָס ס׳איז געשריבן און אונטערגעחתמעט אין די פּראָטאָקאָלן. איך וועל זיך באַמיען אייך העלפן. איר זענט אַ ייד. אויך פיאַדע איז אַ ייד. פיאַדע האָט אייך דערציילט דעם סוד אויפן גרונט פון אייער נאָענטקייט אַלס יידן. לייגט זיך נישט אויפן שכל אַזאַ אויפקלערונג?

— ניין. פיאַדע האַלט זיך אַליין פאַר אַ זון פון דער יוגאָסלאַווישער פעלקער־משפחה. ער איז בלויז פון יידישן אָפּשטאַם. דאָס איז נישט קיין גענוגנדיקע סיבה, אַז פיאַדע זאָל אַ ישראלדיקן ייד דערציילן מלוכהשע סודות. ווען איך האָב זיך אויף אַן אמת באַגעגנט מיט אים — אין יאָר 1947 — האָב איך פון אים נישט געהערט קיין איין מלוכהשן סוד. איך האָב זיך אויך געטראָפן מיט אַנדערע פאָליטיקער פון יידישן אָפּשטאַם און זיי האָבן מיר נישט דערציילט קיין שום מלוכהשע סודות — איך בין אויסן ראַקאָשי אין אונגאַרן, אַנאַ פּאַוקער אין רומעניע, יאַקוב בערמאַן אין פּוילן.

— פונדעסטוועגן לייגט זיך יאָ אויפן שכל. פיאַדע איז נישט נאָר אַ ייד. ער איז אויך אַ ציוניסט. ער האָט אַפילו משפיע געווען אויף סלאַנסקין אין אַ ציוניסטישער ריכטונג. ווען ער האָט שרתן געשיקט מיטן רעקאָמענדאַציע־בריוו צו סלאַנסקין. וועלן מיר דעריבער פעסטשטעלן, אַז פיאַדע האָט פאַר אייך אַנטפּלעקט סלאַנסקיס סוד, ווייל אירביידע זענט יידן. און וואָס האָט באַוויגן ד״ר בעבלער צו דערציילן אייך דעם סוד וועגן סלאַנסקין. איז ד״ר בעבלער אויך אַ ייד?

— איך נעם אָן, אַז ד"ר בעבלער איז נישט פון יידישער אָפּשטאַמונג.

— ער איז זיכער אַן אימפּולסיווער מענטש. ווען איר האָט גע־שמועסט, האָט ער גערעדט מיט אַ סך געפיל. נישט אַזוי?

— ניין. זיין אופן רעדן בעת אַלע אונדזערע געשפּרעכן, וואָס מיר האָבן געהאַט, איז געווען דורכויס רויק און אָפּגעמאָסטן ביז גאָר. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטש וואָס איז נישט אימפּולסיוו, נאָר הערשט אי־בער זיך ווי אַ געניטער דיפּלאָמאַט.

— מיר איז באַוווּסט, אַז ער האָט גערעדט מיט אייך אויף אַ זייער געפילפולן און אימפּולסיוון אופן. דערפאַר האָט ער קיין סך נישט איבער־געלייגט און דערציילט וועגן דעם פאַרברעכערישן פּלאַן פון סלאַנסקין. נישט אַזוי?

— ניין. ער האָט מיט מיר יעדעס מאָל גערעדט שטיל און דורכגע־טראַכט. און ער האָט בכלל נישט דערמאָנט דעם נאָמען סלאַנסקי.

— אורן, דער עצם־ענין איז שוין פון לאַנג פאַרענדיקט און מיר וועלן זיך צו אים נישט אומקערן. ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט וועלן מיר צונויפשטעלן אַ ביילאַגע צום פּראָטאָקאָל וועגן אייערע געשפּרעכן מיט פּיאַדען און בעבלערן, און דאָרט אויפקלערן, וואָס האָט זיי באַוויגן צו אַנטפּלעקן פאַר אייך די פּרטים בנוגע סלאַנסקין.

ווייזט אויס, אַז דער שטאַב פעלשער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער קינדערישער אויפקלערונג בנוגע דער אויסגעטראַכטער אויפפירונג פון פּיאַדע און בעבלער. דער אויספאָרשער האָט אַקוראַט ווי פאַרגעסן צונויפ־צושטעלן די ביילאַגע צום פּראָטאָקאָל.

וויאַזוי מען האָט פון מיר „געמאַכט" אַ בריטישן שפּיאָן

אויגוסט. סעפּטעמבער. די שטיקנדיקע היץ איז פאַריבער. דאָס וועטער איז געוואָרן האַרבסטיק. אויך מיין שכנס טעג און נעכט זענען אָנ־געפּראָפּט מיט אויספאָרשונגען. די אויספאָרשער האָבן באַשלאָסן פון אים „מאַכן" — פאַר יעדן פּרייז — איינעם פון די צענטראַלע געשטאַלטן פון אונטערגרונט. ווייל אויפן פּראָצעס, וואָס זיי גרייטן קעגן מיין שכן און

אַנדערע חברים פֿון זיין אָרגאַניזאַציע, מוז דערשיינען ווינציקסטנס אין צענטראַלע פיגור. דאָס איז אויך נייטיק, אויף צו „דערווייזן" די טאַלאַנט־פולע טעטיקייט פון דער זיכערהייט־פּאָליציי — אַז זי פאַנגט נישט נאָר קליינע פישעלעך, נאָר אויך לויתנס.

היות זיי איז נישט געלונגען צו כאַפּן קיין קאַרפּן־קאָפּ — מוזן זיי וועמען פון די קלענערע פישלעך דערהייבן צו דער מדרגה פון אַ לויתן. צו דער אויפגאַבע האָבן זיי אויסגעקליבן מיין שכן. וויאַזוי מאַכן זיי דאָס? אויף צוויי וועגן: אויספּרעסן אַ „ווידוי" פונעם באַשולדיקטן מיט די אָנגענומענע מיטלען פון פיזישע און גייסטיקע פּייניקונגען; אויספּרעסן פאַלשע עדות פון די אַנדערע חברים פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע — ממש מיט די זעלבע מיטלען. מיין שכן איז זיך מודה אין אַלע אמת־דיקע אויפגאַבן וואָס ער האָט דערפילט אין זיין אָרגאַניזאַציע. מען פירט אים אָבער אַדורך פאַרשידענע קאָנפראָנטאַציעס מיט אַנדערע מיטגלידער פון אונטערערד — צווישן זיי אַזעלכע, וואָס ער קען זיי נישט בכלל — און די „זאָגן עדות", אַז ער איז געווען איינער פון די צענטראַלע פּערזענלעכ־קייטן. מיין שכן איז זיכער, אַז אויב ער ווערט געבראַכט צום פּראָצעס אַלס ראש פון די באַשולדיקטע, דערוואַרט אים טויטשטראָף: די תליה. אונטערן שרעקלעכן דרוק פון ליגנערישע עדות און שווערע אויספאָרשונגען וואָס ער איז זייער קרבן העכער אַ יאָר צייט, איז ער זיך „מודה" אין כל־המינים טעטיקייטן, וואָס אויף זייער יסוד וועט מען אים אויפן פּראָצעס דערהייבן צו אַ מנהיג פון דער אונטערערד און נאָכן פּראָצעס — צו דער תליה.

ער איז נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר. ער עצהט מיר נישט צו קאַפּיטו־לירן פאַרן אויספאָרשער. אַז איך דערצייל אים יעדעס מאָל וועגן מיין חתמע־נען די פּראָטאָקאָלן פולע מיט פאַלשקייטן, זאָגט ער בלויז: „אָרעמער מרדכי". ער גיט צו: „איך וועל זיי אַלץ אונטערשרייבן. אויך דו. זיי זענען אויסגעפּאַשעטע אָקסן און מיר קראַפּטלאָזע פליגן". זיינע אויספאָרשער זענען פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט מענטשלעכער ווי מיינע. די גאַנצע צייט באַקומט ער „דאָפּלטע שפּייז", די גאַנצע צייט איז אים דערלויבט צו ריי־כערן 7 סיגאַרעטן אַ טאָג. ביי יעדער מאָלצייט לייגט ער מיר פאַר אַ ביסל פון זיין שפּייז. אָפּטמאָל ענטפער איך אויף זיין גוטהאַרציקייט. אַזוי ווי מען האָט ביי מיר צוגענומען די דערלויבעניש צו רייכערן, טיילט ער מיר צו פון יעדן סיגאַרעט זיינעם עטלעכע „ציי". דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן. נאָר

ער טוט עס אַזוי, אַז די וועכטער וואָס קוקן אַריין דורכן אונטערקוק־פּענצ־טערל אין דער טיר, זאָלן אים נישט כאַפּן ביי דער דאָזיקער עבירה. ווען ער גיט מיר דעם סיגאַרעט צו פאַרציען זיך — שטעלט ער זיך אַוועק ביי דער טיר אַזוי, אַז זיין קאָפּ פאַרשטעלט דאָס פענצטערל.

מיין שכן איז בקי אין די געזעצן פון דער מדינה. ער דערקלערט מיר, אַז בעת זיין טעטיקייט אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג האָט ער גענומען אין באַטראַכט די מעגלעכקייט, אַז מען וועט אים כאַפּן. דערפאַר האָט ער אויך אַן ערנסטן אופן זיך פאַראינטערעסירט מיט די פּאַראַגראַפן פון שטראָף־קאָדעקס. ער דערקלערט מיר, וואָס לויט זיין מיינונג דערוואַרט מיך, לויטן גאַנג פון די אויספאָרשונגען. זיי האָבן באַשלאָסן פון מיר צו מאַכן אַ „מלוכה־פאַררעטער" און אַ „שפּיאָן". יעדער איינער פון די צוויי פּאַראַגראַפן — דער אורטייל וועט זיין אויפן יסוד פון איינעם פון זיי — פאָדערט אַ שטראָף פון 1 יאָר תפיסה ביז טויט־אורטייל איינשליסלעך. נעמענדיק אין אַכט וואָס איך בין אַ פרעמדער בירגער, נעמט ער אַרויס פון חשבון דעם טויט־אורטייל. ער פילט שטאַרק מיט מיט מיין לאַגע. „מילא — זאָגט ער — איך ווייס פאַרוואָס איך לייד. איך האָב געזינדיקט קעגן רעזשים מיט אַ קלאָרן באַוווסטזיין. איך האָב געזינדיקט — לויטן עקזיסטירנדיקן געזעץ. אָבער דו, נישט נאָר וואָס האָסט נישט געזינדיקט קעגן רעזשים; ביסט אַפילו זייערער אַ פריינד. וואָס האָבן זיי אָנגעטאָן דיר און דיין משפחה! וואָס דיך דערוואַרט נאָך!".

פון אים לערן איך עפּעס, וואָס זעט מיר אויס צו זיין זייער וויכטיק. פון זיינע רייד קומט אויס, אַז לויטן געזעץ, דאַרף זיך די אויספאָרשונג געפינען אין רשות פון באַשולדיקער, דאָס הייסט — דעם גענעראַל־פּראָ־קוראָר; אָבער דאָס געזעץ דערלויבט דעם גענעראַל־פּראָקוראָר איבערגעבן „באַשטימטע טיילן פון דער אויספאָרשונג" דער זיכערהייטס־פּאָליציי. פּאַקטיש אָבער ווערט די גאַנצע אויספאָרשונג אָדורכגעפירט — אין קעגנ־זאַץ צום געזעץ — דורך דער זיכערהייט־פּאָליציי. בלויז כדי צו האַלטן ווי נישט איז די פאָרם פון געזעץ, איז אָנגענומען, אַז מיטן פאַרענדיקן די אויספאָרשונג דורך דער פּאָליציי, ברענגט מען דעם געפאַרשטן פאַרן גע־נעראַל־פּראָקוראָר אָדער זיין פאַרשטייער. דער אויספאָרשער „גייט אַדורך" מיטן געפאָרשטן איבער די פּראָטאָקאָלן וואָס זענען צוזאַמענגעשטעלט גע־וואָרן דורך די „אויספאָרשער" פון דער פּאָליציי. דעמאָלט ווערט דעם גע־

פאָרשטן געגעבן די מעגלעכקייט צו פאָדערן אויסבעסערונגען אין די פּראָטאָקאָלן און אפילו דעקלאַרירן, אַז באַשטימטע פּונקטן אין זיי זענען נישט אמת און אַז געחתמעט האָט ער אונטער דרוק, דראָונגען אָדער טעראָר. נאָר וואָס? אַז דער געפאָרשטער לייקנט אָפּ לעבנסוויכטיקע ענינים אין פּראָטאָקאָל — גיט איבער דער פּראָקוראָר דעם געפאָרשטן צו אַ ווייטערדיקער „אויספאָרשונג" אין די הענט פון דער פּאָליציי. אין אַזאַ פאַל רעזיגנירט דער געפאָרשטער פון זיין אַפּלייקענונג — כדי זיך נישט אומצוקערן אין גיהנום פון די פּאָליצייאישע אויספאָרשונגען. און אויב ער האַלט זיך פאָרט ביי זיין מיינונג — ווערט ער צוריקגעשיקט צו פּאָליצייאישע אויספאָרשונגען און אין אייניקע וואָכן אָדער חדשים אַרום ווערט ער ווידער געבראַכט פאַרן פּראָקוראָר און דאַן, פאַרשטייט זיך, האַלט ער זיך שוין אָפּ פון פאָדערן מען זאָל אויסמעקן זיינע „ווידויים".

אפשר וועל אויך איך קאָנען באַנייען מיין געראַנגל, ווען איך וועל געבריינגט ווערן פאַרן גענעראַל־פּראָקוראָר האַרט פאַרן פּראָצעס? אָבער מיר וועט נישט זיין גענוג די פאָדערונג אויסצומעקן באַשטימטע פּונקטן אין די פּראָטאָקאָלן. איך וועל דאַרפן פאַרלאַנגען אינגאַנצן בטל מאַכן די פּראָטאָקאָלן און פונדאָסניי אַדורכפירן אַן אויספאָרשונג. נאָר וואָס וועל איך טאָן, אויב דער פּראָקוראָר וועט מיך צוריקשיקן צו די אינקוויזיטאָרן און פּראָפעסיאָנעלע פעלשער צו אַ נייער אויספאָרשונג? נאָכאַמאָל אַדורכגיין די שבעה מדורי־גיהנום פון פּאָליצייאישער „אויספאָרשונג"? לאָמיר וואַרטן און זען. פאָרלויפיק, שיינט מיר, האָבן זיי נישט בדעה מיך צו שטעלן פאַרן געריכט. אַלע סימנים זאָגן עדות, אַז זיי גרייטן מיך צו צום פּראָצעס פון סלאַנסקי און קלעמענטיס. אמת, זיי זאָגן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אַז זיי האָבן נישט קיין אינטערעס אין מיר. נאָר איך גלייב נישט די שווינדלער. וועלן זיי טאַקע פון מיר „מאַכן" אַ „שעדיקער" אין זייער רעזשים און אַ „שפּיאָן", כדי מיך אַרויסלאָזן אויף דער פריי, אַהיים?

נאַכט. שוין אייניקע טעג און נעכט ווי איך ראַנגל זיך מיט מיינע אויספאָרשער. עפּעס וואָס אינעווייניק לאָזט מיך נישט קאַפּיטולירן אָן אַ קאַמף. איך ווייס נישט פונוואַנען זענען מיר צוריקגעקומען און אַרויסגעשפּראָצט די כוחות זיך אַנטקעגנצושטעלן די אויספאָרשער. עס בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז במשך עטלעכע טעג רוק איך זיך נישט אַוועק פון דעם תקיפותדיקן ענטפער: ניין. ניין. ניין.

„אויבן", אין ביוראָ פונעם הויפּט־רעזשיסער פון פּראָצעס, איז דאָך באַשלאָסן געוואָרן צו „מאַכן" פון מיר אַ בריטישן שפּיאָן. געגויער: אַ געדונגענעם אַגענט פון דער בריטישער „אינטעלידזשענס סערוויס". און נישט סתם קיין אַגענט, נאָר אַ לאַנגיאָריקער אַגענט. זיי האַלטן, אַז אויב זיי וועלן מיך פאָרשטעלן אַלס בריטישן שפּיאָן, „באַגרענעצט" בלויז צו דער תקופה פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס — וועט דאָס נישט אַרויסרופן קיין איבעריקן צוטרוי. אַנדערש אָבער איז, ווען כ׳וועל פאָרגעשטעלט ווערן ווי אַ שפּיאָן, וואָס אַרבעט שוין לאַנגע יאָרן אין דינסט פון דעם „אינטעלידזשענס סערוויס".

איך טענה אַנטקעגן דעם: איז נישט גענוג וואָס איר האָט מיך „געמאַכט" פאַר אַ שפּיאָן לטובת ישראל און מפּ"ם? במילא וועט איר מיך נישט קאָנען פאַרמשפּטן צוויי מאָל אויף אייביקער תפיסה אָדער אויפהענגען צוויי מאָל. איך האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט קיין שום שפּיאָנאַזש. און אויב עס איז מיר באַשערט פאָרגעשטעלט צו ווערן אַלס שפּיאָן, איז גענוג „שפּיאָנאַזש" לטובת מיין פאָטערלאַנד. איר האָט מיך דערפירט דערצו, אַז איך האָב שוין משלים געווען צו זיין אַ „ישראלדיקער שפּיאָן" אין געגנדזנפּיסלעך. נאָר בשום אופן וויל איך נישט זיין קיין „בריטישער שפּיאָן".

דער אויספאָרשער ענטפערט:

— ס׳וועט אייך נישט העלפן קיין שום זאַך. איר זענט געווען אויך אַ בריטישער שפּיאָן און נישט נאָר אַ בריטישער. אַז ס׳וועט קומען דער מאָמענט, וועלן מיר פאָרשן אייערע פאַרבינדונגען מיטן שפּיאָנאַזש־דינסט פון אַנדערע לענדער. איצט באַשעפטיקן מיר זיך מיט אייער אַרבעט אַלס בריטישער שפּיאָן. איך וועל אייך פרעגן עטלעכע פראַגן. אינעם פּאַספּאָרט, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן צוזאַמען מיט אייערע פּאַפּירן, איז דאָ אַן אַריינפאָר־וויזע קיין ענגלאַנד. נאָך וואָס האָט איר געהאַט בדעה צו פאָרן קיין ענגלאַנד, איידער איר זענט אַרעסטירט געוואָרן?

— אויף מיין פּאַספּאָרט זענען פאַראַן נאָך אַריינפאָר־וויזעס קיין שווייץ און פראַנקרייך. לויט דעם קאָנט איר טענהן, אַז איך האָב זיך באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש אויך לטובת פראַנקרייך און שווייץ. פאַרנדיק קיין אייראָפּע האָב איך געהאַט בדעה צו באַזוכן אויך פראַנקרייך און ענגלאַנד, באַזונדערס, אַז אין דעם רייזע־ביוראָ אין תל־אביב איז מיר קלאָר

געוואָרן, אַז אין די ראַמען פון אַ לאַנגן פלי — ווי לוד—פּראַג — איז אַ צוגאָב־פלי קיין פּאַריז און לאָנדאָן אַ גאָר ביליקע זאַך, אַ פראַגע פון עט־לעכע פונטן. אַלס רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג האָב איך מיין רייזע קיין בער־לין געוואָלט אויסנוצן אויף אַ באַזוך אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. אין ענגלאַנד האָב איך פון דער נאָענט געוואָלט שטודירן די סיבות פונעם וואַל־דורכפאַל פון דער לייבאָר־פּאַרטיי און טשערטשילס קומען צו דער מאַכט. אין פּאַריז האָט דעמאָלט די פול־פאַרזאַמלונג פון אונ״אָ באַהאַנדלט צווישן אַנדערן דעם סכסוך צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער. איך האָב געוואָלט באַזוכן די צוויי לענדער און שרייבן אַ ריי אַרטיקלען אין מיין צייטונג. דאָס איז געווען די סיבה וואָס איך האָב געוואָלט באַזוכן אויך ענגלאַנד און פראַנקרייך.

— דאָס זענען סתם מעשיות. אין לאָנדאָן האָט איר געוואָלט באַזוכן די אַמטן פון „אינטעלידזשענס סערוויס״.

— און אין פּאַריז — דעם אַמט פון פראַנצויזישן שפּיאָנאַזש־דינסט!

— וואָג איך צו זאָגן מיט חוצפּה.

— שווייגט, שפּיאָן, מנוול, פאַרברעכער! איר ווערט איצט נישט געפאָרשט וועגן עניינים פון פראַנקרייך, נאָר אין דער פראַגע פון אייער אַרבעט פאַרן ענגלישן שפּיאָנאַזש־דינסט. וועמען האָט איר געהאַט בדעה צו באַזוכן אין ענגלאַנד?

— וועגן דעם וואָלט איך באַשלאָסן נאָכן אַהינקומען — באַראַטנדיק זיך מיט מיינע חברים אין לאָנדאָן.

— ווער זענען אייערע חברים אין לאָנדאָן?

— די מפ״ם־חברים אין ענגלאַנד.

— וועמען נאָך קענט איר אין ענגלאַנד?

— די מיטגלידער פון דער אָנפירונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און באַזונדערס דעם לייבאָר־דעפּוטאַט פון בריטישן פּאַרלאַמענט, סידניי סיל־ווערמאַן. איך וואָלט זיך מיט אים אָן שום ספק געוועו געטראָפן.

— סילווערמאַן איז אַ באַקאַנטער אימפּעריאַליסט און אַן אַלטער אַגענט פון דער „אינטעלידזשענס סערוויס״. איר, אַלס אַגענט פון דעם זעלבן שפּיאָנאַזש־דינסט, זענט איר זיכער גוטע פריינד.

— סילווערמאַן איז איינער פון די סאַמע פאַרגעשריטענע פּאַרלאַ־מענט־דעפּוטאַטן פון לייבאָר. מיר זענען באמת פריינד — ווי יידן, ציוניסטן,

סאָציאַליסטן, ווי מיטגלידער אין דער אָנפירונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. איך שעץ אים זייער.

— איר זאָגט סתם ליגן. איר ווייסט אויסגעצייכנט, אַז ער איז אַן אויסגעשפּראָכענער שפּיאָן אין דינסט פון „אינטעלידזשענס סערוויס".

— איך ווייס שוין אייער לויטערן אמת, אַז יעדער פּאָליטישער עסקן וואָס איז נישט קיין קאָמוניסט, יעדער זשורנאַליסט נישט קיין קאָמוניסט, יעדער פּראָגרעסיווער אינטעלעקטואַל, יעדער ציוניסט, יעדער ייד וואָס איז נישט קיין קאָסמאָפּאָליט און פּאַראַט נישט זיין פאָלק — איז אַ שפּיאָן. און יעדער וואָס האָט בדעה צו באַזוכן לאָנדאָן — איז אַן אַגענט פון דער „אינטעלידזשענס סערוויס".

— רעדט נישט קיין דעמאַגאָגיע און זייט נישט חוצפּהדיק. און מיט דעם דאָזיקן מענטש וואָלט איר זיך געוועט געטראָפן ביים קומען קיין לאָנדאָן? — פרעגט ער און ציט אַרויס פון שופלאָד אַ בילד און ווייזט דערויף אָן. איך קוק אויפן בילד און ענטפער:

— ס'קאָן זייער זיין, אַז כ'וואָלט זיך מיט אים געטראָפן.

— זעט איר וויאַזוי כ'האָב אייך געכאַפּט ביי אַ ליגן? פאַרוואָס האָט איר פאַר מיר אויסבאַהאַלטן, אַז איר קענט דעם דאָזיקן שפּיאָן? פאַרוואָס האָט איר פאַרהוילן, אַז איר שטייט מיט אים אין פאַרבינדונגען?

— איר האָט מיך נישט געכאַפּט ביי קיין שום ליגן. איך קען אים נישט און האָב זיך מיט אים קיינמאָל נישט געטראָפן. איך ווייס ווער דאָס איז, נאָר מיר האָבן זיך קיין איין מאָל נישט באַגעגנט.

— איר זאָגט ליגן. ווער איז ער?

— קוני זיליאַקוס, פון די לייבאָריסטישע פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן.

— ציוניסטישער שווינדלער. אויפן ערשטן בליק האָט איר דער־קענט, אַז דאָס איז זיליאַקוס. און איר וואַגט זאָגן אַז איר קענט אים נישט בכלל? ווי איז דאָס מעגלעך?

— פאַרוואָס איז דאָס נישט מעגלעך? איך האָב זיך, צום ביישפּיל, קיינמאָל נישט געטראָפן מיט פּיקאַסאָ און קען אים נישט פּערזענלעך. נאָר באַווייזט מיר זיין בילד און כ'וועל גלייך זאָגן אַז דאָס איז פּיקאַסאָ. פאַראַן ביי מיר אין שטוב דאָס בוך פון זיליאַקוס „איך האָב אויסגעקליבן דעם שלום". און אויפן שערבלאַט פון בוך געפינט זיך זיין בילד. לייענענדיק דאָס בוך, האָב איך זיך טאָג־טעגלעך אָנגעשטויסן אויף זיליאַקוסעס בילד.

אויסער דעם איז זיין בילד זייער אָפט געבּרענגט געוואָרן אין דער בּריטישער פּרעסע. ער איז זייער אַקטיוו אין ענגלאַנד און בשעתו האָט מען אים אויסגעשלאָסן פון דער לייבּאָר צוליב זיין לינקשאַפט. און נאָך עפּעס: אַלס דעלעגאַט פון ישראל, האָב איך זיך באַטייליקט אינעם גרינדונגס־קאָנגרעס פון דער אַלוועלטלעכער שלום־באַוועגונג (פּאַריז, 1949). זיליאַקוס האָט דאָרט געהאַלטן איינע פון די סאַמע בעסטע רעדעס. פאַר דער גאַנצער צייט פון דער רעדע האָב איך געזען זיין פּנים. דעריבער האָב איך לויטן בילד גלייך דערקענט זיינע געזיכטס־שטריכן. אָבער כ׳האָב זיך מיט אים קיינמאָל נישט געטראָפן.

— איך קענט אים זייער גוט. נישט איינמאָל האָט איר זיך באַגעגנט. יעדן שפּיאָן — באַצייכנט איר אַלס לינקן סאָציאַליסט. אונדז איז באַוווסט, אַז ער איז אַן אַלטער, צענטראַלער שפּיאָן פון דער „אינטעלידזשענס סערוויס״. אויסער דעם איז ער באַקאַנט אַלס געשוואוירענער טיטאָיסט און דערפאַר איז ער אַ פאַרעטער פון סאָציאַליזם. דערציילט מיר — וויפל מאָל, ווען און ווו איר האָט זיך געטראָפן?

— מיר איז באַוווסט פון דער פּרעסע, אַז ער האָט נישט איינמאָל באַזוכט ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס און איז שטענדיק ביי אייך אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד אַלס פּראָגרעסיווער סאָציאַליסט. נאָר איר האָט געענדערט אייער באַציונג צו אים, נאָכדעם ווי ער האָט באַזוכט טיטאָן און אָנגענומען די יוגאָסלאַווישע ווערסיע בנוגע דעם ריס צווישן קאָמוניסטישן לאַגער און די יוגאָסלאַוון. זינט דאַן שטעמפּלט איר אים אַלס פאַרעטער פון סאָציאַליזם און אַלס בּריטישן שפּיאָן. מיין פּאַרטיי האָט נישט אָנגענומען דעם יוגאָסלאַווישן שטאַנדפּונקט. נאָר איך מיין נישט, אַז דער וואָס נעמט אָן די יוגאָסלאַווישע אויפקלערונג וועגן ריס, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פאַרעטער פון סאָציאַליזם און אין אַ מערבדיקן שפּיאָן. נאָר צום עצם־ענין האָב איך נישט וואָס צו דערציילן וועגן מיינע געשפּרעכן מיט זיליאַקוסן. איך האָב זיך מיט אים קיינמאָל נישט געטראָפן. כ׳וועל נישט אויסבאַהאַלטן, אַז זייענדיק אין ענגלאַנד אין יאָר 1947, האָב איך געהאַט בדעה מיט אים זיך צו באַגעגענען, נאָר צוליב טעכנישע סיבות איז די זאַך נישט צושטאַנדגעקומען.

— אייער ליגנערישע פילאָזאָפיע אינטערעסירט מיך נישט. איר קענט אים זייער גוט. דערציילט וועגן אינהאַלט פון אייערע באַגעגענישן.

אויך ער, דער דאָזיקער פּאַרעטער, האָט אייך פיל געהאָלפן אין אויפשטעלן מדינת ישראל. דערציילט וועגן אייערע צוזאַמענטרעפן.

— אויב זיליאַקוס האָט אונדז טאַקע געהאָלפן אויפשטעלן די מדינה, זאָגט דאָס בלויז עדות צו זיין גונסטן. אויך די סאָציאַליסטישע לענדער, מיטן ראַטנפאַרבאַנד בראש, האָבן אונדז פיל געהאָלפן דעריין. נאָר צום באַדויערן האָב איך זיך מיט אים נישט געטראָפן און כ׳האָב נישט וואָס צו דערציילן.

— איך וואָרן אייך נאָכאַמאָל נישט צו באַליידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד. איר, ווייזט אויס, לעכצט זייער נאָכן קאַרצער. דערציילט וועגן אייערע געשפּרעכן מיטן שפּיאָן זיליאַקוס. און שעדיקט נישט אינעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג.

— איך האָב זיך קיינמאָל נישט געטראָפן מיטן סאָציאַליסט זיליאַקוס.

— צו דער פראַגע פון אייערע געשפּרעכן מיט אים וועלן מיר זיך נאָך אומקערן. וואָס איז אייך באַוווּסט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט סלאַנסקין און קלעמענטיסן בעת זיין באַזוך אין פּראָג?

— מיר איז נישט באַוווּסט, אַז ער האָט זיך געטראָפן מיט סלאַנסקין און קלעמענטיסן. וועגן דעם האָב איך נישט געלייענט אין דער פּרעסע. איך געדענק נאָר, אַז ער האָט באַזוכט די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. איך האָב אָבער נישט געלייענט מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן.

— איר האָט נישט באַדאַרפט וועגן דעם לייענען אין די צייטונגען. זיליאַקוס אַליין האָט אייך דערציילט וועגן זיינע צוזאַמענטרעפן.

— איך האָב קיינמאָל נישט גערעדט מיט זיליאַקוסן.

— פונוואַנען איז אייך באַוווּסט, אַז ער האָט זיך געטראָפן מיט טיטאָן? פאַרוואָס איז אייך נישט באַוווּסט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט די פאַרעטער סלאַנסקי און קלעמענטיס? אייערע ליגנס זענען בולט פאַר אַלעמען!

— אין אַן ענגלישער סאָציאַליסטישער וואָכנשריפט האָב איך געלייענט 2—3 אַרטיקלען פון זיליאַקוסן וועגן זיין באַזוך אין יוגאָסלאַוויע און וועגן זיין געשפּרעך מיט טיטאָן. איך האָב נישט געלייענט קיין שום אַרטיקל פון זיליאַקוסן וועגן זיין באַזוך אין טשעכאָסלאָוואַקיע. איך נעם אָן, אַז אויב ער האָט באַזוכט טשעכאָסלאָוואַקיע — האָט ער מסתמא זוכה געווען אויפגענומען צו ווערן ביים גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאַ־

מוניסטישער פּאַרטיי און ביים אויסערן־מיניסטער און אפשר אויך ביים פּרעמיער אַליין. אַזוי שטויס איך זיך אָן. נאָר מיר איז וועגן דעם גאָרנישט באַוווסט. איך האָב נישט געלייענט און נישט געהערט וועגן דעם קיין שום זאַך.

— הייסט עס, איר זאָגט זיך אָפּ צו דערציילן. לאָמיר דערווייל אָפּלאָזן אויך דעם ענין. וויפל מאָל זענט איר געווען אין ענגלאַנד ? ווען, וואָס האָט איר דאָרט געטאָן ? מיט וועלכע פּאָליטיקער האָט איר זיך געטראָפן ?

— כ׳בין דאָרט געווען איין־ניקע מאָל פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָנהייבנדיק פון יאָר 1936/7, צוויי מאָל בעת דער מלחמה און איי־ניקע מאָל נאָכן קריג. אַ לענגערע צייט בין איך אין דער פּאַרטיי געווען סעקרעטאַר פאַר אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

— גענוי, וויפל מאָל זענט איר געווען אין ענגלאַנד ?

— ניין אָדער צען מאָל.

— און איר וואָגט זאָגן, אַז איר זענט נישט געווען פאַרבונדן מיטן „אינטעלידזשענס סערוויס״ ? !

— איך דאַרף נישט קיין שום העזה כדי דאָס צו זאָגן. אויב אַ טשע־כאָסלאָוואַקישער פּאָליטיקער פאָרט אָפּ קיין ניו־יאָרק אָדער מאָסקווע — מיינט דאָס נישט, אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער אָדער אַ סאָוויעטישער שפּיאָן. אין ענגלאַנד איז פאַראַן נישט נאָר דער „אינטעלידזשענס סערוויס״. פאַראַן דאָרט אַן אַרבעטער־באַוועגונג מיט אַ מעכטיקער השפעה. פאַראַן דאָרט אַ ציוניסטישע באַוועגונג. ביזן יאָר 1948 האָט ענגלאַנד געהערשט איבער ארץ־ישראל און דער בריטישער פּאַרלאַמענט פלעגט באַהאַנדלען און אַנט־שיידן אין אונדזערע ענינים. מיר האָבן דאָרט אַ שוועסטער־פּאַרטיי פון מפ״ם. פאַראַן דאָרט אַ וואָגיקע פּרעסע. פאַראַן דאָרט די אינסטאַנצן פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. דאָרט איז פאָרגעקומען דער גרינדונגס־קאָנגרעס פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אין די דאָזיקע שטחים בין איך געווען טעטיק בעת מיינע פאַרשידענע באַזוכן אין ענגלאַנד. אויסער דעם : נישט ווייניקער ווי איך האָב באַזוכט אין לאָנדאָן, בין איך אויך געווען אין פּאַריז. וועט איר דערפון אַרויסדרינגען, אַז כ׳האָב זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש אויך לטובת פראַנקרייך ?

— זאָגט נישט מיר צו שטעלן פראַגן. איר דאַרפט ענטפערן אויף פראַגן און נישט מערער. מיט וועמען פלעגט איר זיך טרעפן אין לאָנדאָן ?

— איך האָב זיך געטראָפן מיט מענטשן פון דער בריטישער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט ציוניסטישע מנהיגים, מיט צענטראַלע טוער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, מיט סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן, מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון מפ״ם אין ענגלאַנד. איך האָב זיך באַטייליקט אין פאַרשידענע קאָנפערענצן און צוזאַמענקונפטן.

— זיכער האָט איר זיך געטראָפן מיט די רעפאָרמיסטישע און רעאַקציאָנערע מנהיגים פון לייבאָר. וויאַזוי הייסן זיי?

— אין די דרייסיקער יאָרן האָב איך זיך געטראָפן מיט אָנפירנדיקע חברים פון דער אומאָפּהענגיקער לייבאָר. דאָס איז געווען אַ לינק־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זייערע נעמען: מעקסטאָן, בראָקוויי, מעק־גובערן, סטיפאַן און אַנדערע. אויך האָב איך זיך געטראָפן מיטן קאָמוניסטישן פירער גאַלאַקער און אַנדערע. דאָס איז געווען פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

— ווער זענען עס די ציוניסטישע מנהיגים מיט וועמען איר פלעגט זיך טרעפן אין לאָנדאָן?

— ד״ר וויצמאַן, וואָס איז דאַן געווען פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און היינט דער פּרעזידענט פון מדינת ישראל; ד. בן־גוריון, היינט פּרעמיער פון מדינת ישראל; שערטאָק (שרת), היינט איר אויסערן־מיניסטער און אַנדערע.

— מיט וועלכע סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן האָט איר זיך געטראָפן אין לאָנדאָן און וואָס האָט איר פון זיי געוואָלט?

— דאָס איז געווען אין יאָר 1945. כ׳בין דעמאָלט אויפגענומען געוואָרן דורכן סאָוויעטישן געזאַנדטן גוסיעוו. כ׳האָב מיט אים געשמועסט וועגן ארץ־ישראל־פּראָבלעמען. אויסער דעם האָב איך אים איבערגעגעבן אַ בוך, אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַרלאַג פון אונדזער באַוועגונג: די העברעישע איבערזעצונג פון סטאַלינס „פּראָבלעמען פון לעניניזם" און איך האָב אים געבעטן אַריבערצופירן עס אַלס מתנה צום מחבר. מיטן ערשטן ראַטגעבער פון דער געזאַנדשאַפט האָב איך אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע ריי ברייטע געשפּרעכן וועגן פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק און ארץ־ישראל־פּראַגן.

— דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען בלויז מאַסקירונג. אייער עיקרדיקע טעטיקייט אין לאָנדאָן איז געווען אין אַ גאָר אַנדערן שטח. וועגן דעם ווילט איר נישט דערציילן. מיט טשערטשילן (ער זאָגט אַרויס כורכיל) און עטלין האָט איר זיך אָן שום ספק געטראָפן. נישט אַזוי?

— נײן.

— וואָס איז מיט הערבערט מאָריסאָן. אים קענט איר דאָך אוודאי?

— איך קען אים נישט, הגם מיר האָבן צווישן זיך אויסגעטוישט עטלעכע ווערטער אויף איין קבלת־פּנים וואָס דער לאָנדאָנער שטאָט־ראַט האָט איינגעאָרדנט פאַר די דעלעגאַטן פונעם קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען (פעברואַר 1945). ער איז דאַן געווען צווישן די גאַסטגעבער. מיט אונדזער דעלעגאַציע האָט ער געשמועסט אייניקע מינוטן, אַזוי־ווי מיט די אַנדערע דעלעגאַציעס.

— דאָס הייסט, איר האָט זיך געטראָפן מיט מאָריסאָנען. פאַרוואָס לייקנט איר און זאָגט, אַז איר קענט אים נישט? וועגן וואָס האָט איר געשמועסט?

— אַ העפלעכקייטס־געשפּרעך אין געציילטע מינוטן וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען צווישן מאָריסאָנען און דער ארץ־ישׂראלדיקער דעלעגאַציע, וואָס איך בין געווען איינער פון אירע פינף מיטגלידער, קאָן נישט באַצייכנט ווערן אַלס באַקאַנטשאַפט צווישן מיר און מאָריסאָנען. אויסער דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף, האָב איך מיט אים נישט געשמועסט קיין איין מאָל. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז מיט יאָרן צוריק האָט ער באַזוכט ארץ־ישׂראל און געפרעגט אונדז עטלעכע פראַגן וועגן דער אַנטוויקלונג אין פאַרשידענע שטחים אין אונדזער לאַנד. דאָס איז אַלץ.

— מיר איז באַוווּסט, אַז מיטן דאָזיקן געשוווירענעם שונא פון ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס האָט איר אָנגעהאַלטן די סאַמע ענגע באַציִונגען. זיכער ווייסט איר אויך, אַז דער וואָס איז אַמאָל געווען אינערן־מיניסטער האָט אַ באַשטימטע שייכות צו דער „אינטעליגענס סערוויס". ווער שטייט אין שפּיץ פון „אינטעלידזשענס סערוויס"?

— נאָכן דערמאָנטן צוזאַמענטרעף, אויפן קבלת פּנים, האָב איך זיך מיט אים נישט באַגעגנט קיין איין מאָל. דאָס איז נישט קיין חטא אָדער אַן עבירה צו טרעפן זיך מיט וועמען פון די לייבאָר־מנהיגים, נאָר איך האָב זיך מיט אים נישט געטראָפן. איך האָב אייך דערציילט, אַז כ'פלעג זיך טרעפן מיט די לינקע לייבאָריסטן.

— איר זאָגט ליגן. ווער שטייט בראש פון „אינטעלידזשענס סערוויס"? נישט מאָריסאָן?

— איך האָב זיך דערמיט נישט פאַראינטערעסירט. שפּיאָנאַזש־ענינים זענען קיינמאָל נישט געווען אין תחום פון מיין פאַראינטערעסירונג. נאָר מיר

שײַנט, לויט װי כ׳האָב געלײענט אין טשערטשילס „זכרונות״, אונטערליגט די „אינטעלידזשענס סערװיס״ דער קאָמפּעטענץ פון פּרעמיער און נישט פון אינערן־מיניסטער.

דער אויספאָרשער הערט פון מיר נישט אויף צו פאָדערן כ׳זאָל אים דערצײלן װעגן די באַגעגענישן מיט הערבערט מאָריסאָן בעת מײנע פאַרשידענע באַזוכן אין לאָנדאָן נאָכן יאָר 1945. איך טענה מײנס: כ׳האָב זיך מיט אים נישט געטראָפן, אפילו קײן אײן מאָל.

דער אויספאָרשער פאַרלאַנגט פון מיר אײן מאָל, צװײ מאָל, צענדליקער מאָל, אָנצורופן נעמען פון פאַרשידענע פּערזענלעכקײטן, מיט װעמען כ׳האָב זיך באַגעגנט בעת מײנע פאַרשידענע באַזוכן אין לאָנדאָן. איך שטרענג אָן מײן זכרון און ענטפער אים. אײנמאָל, צװײ מאָל, צענדליקער מאָל. ער האָפט, װײזט אויס, אַז כ׳װעל אים צוליב טאָן און אַרײננעמען אין דער רשימה אויך מאָריסאָנען.

צום סוף װענדט אָן דער אויספאָרשער אַן אַנדערע ליניע: ער שטעלט שוין נישט פעסט מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקײט, אַז מאָריסאָן איז געשטאַנען בראש פון „אינטעלידזשענס סערװיס״ בעת אונדזערע צוזאַמענטרעפן; נאָר אַז איך האָב מיט אים געהאַט פאַרבינדונגען, װײל ער איז געװען אַ שונא פון ראַטנפאַרבאַנד און פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס; אַז איך פלעג זיך מיט אים טרעפן נאָך יעדן באַזוך מײנעם אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס (1945/6, 1947, 1948); אַז איך פלעג אים איבערגעבן װיכטיקע ידיעות װעגן די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס; אַז ער פלעגט מיר דערצײלן װיכטיקע סודות פון די אימפּעריאַליסטישע אונטערגראָבונגען אין די לענדער פון סאָציאַליזם; אַז די פאַרבינדונגען צװישן אונדז בײדע זענען געװען זײער ענגע. טאָג און נאַכט צאַפּט פון מיר דער אויספאָרשער דאָס בלוט: דערצײלן אים װעגן אינהאַלט פון די געשפּרעכן און באַגעגענישן מיט מאָריסאָנען. באַגעגענישן און געשפּרעכן, װאָס זענען קײנמאָל נישט פאָרגעקומען.

די טעג און נעכט זענען אָנגעפּראָפּט מיט אויספאָרשונגען. איך טרינק זיך ממש אין אַן אָקעאַן פון אויספאָרשונגען. אַ נײער אויספאָרשער דערשײנט אויף דער בינע. פון זײן אויפפירונג איז קענטיק, אַז אויך ער איז „פריש פון אויװן אַרויס״. אַ נײער אויספאָרשער, װאָס האָט זיכער ערשט פאַרענדיקט אַ קורס פאַר סאַדיסטן־אויספאָרשער. בײ מײנע אויספאָרשער

נעמט ער פּראַקטיק. „אויף מיין באַרד" לערנט ער זיך שערן פּראַקטיש. ער לערנט זיך זידלען, שטיקן, דראָען און אַראָפּלאָזן די פויסטן. אויך זיינע הענט זענען די הענט פון אַן אַרבעטער. אַן אַרבעטער, וואָס איז אויסגעשולט געוואָרן אויף צו זיין אַ סאַדיסט. אַן אַרבעטער, וואָס האָט, ווייזט אויס, געאַרבעט ביים גיסן שטאָל און איז איצט איבערגעפירט געוואָרן אין דער פאַבריק וואָס פּראָדוצירט „אמתדיקע ווידויים".

מיין אויספאָרשער איז געשטיגן אין ראַנג. ער איז געוואָרן לייטע־נאַנט אין דער סאַדיסטן־אַרמיי. אויפן פייניקן אומשולדיקע מענטשן מאַכט ער אַ קאַריערע. פאַר אויספּרעסן אונטערשריפטן האָט ער באַקומען אַ „שטערן". פאַר מיינע ליידן איז ער געשטיגן אין ראַנג. ער הערט נישט אויף שיקלען צום „שטערנדל". ער וויל פון מיר נאָך אונטערשריפטן פאַר נאָך פעלשונגען. דאָס הייסט — נאָך „שטערנדלעך". ער האָפט, מסתמא, צו שטייגן און צו שטייגן. אין מיינע הענט האַלט איך זיינע שטערנדלעך. אויב איך וועל מאַכן אַ סך „ווידויים", דאָס הייסט, חתמענען די פעלשונגען, וואָס ער ברענגט מיר פון זיינע שעפן, וועט ער שטייגן און שטייגן. קאָן זיין, ער וועט דערגיין צום ראַנג פון אַ קאָלאָנעל. אַ קאָלאָנעל צו פּראָדוצירן „ווידויים".

עס באַנייען זיך פאַר מיר די נעכט פון געשפענסט און שוידער. די אָפיצירן־אויספאָרשער באַזוכן מיך זייער אָפט אין די נעכט. זיי מאָביליזירן זיך, כדי צו העלפן מיין שטענדיקן אויספאָרשער אַ ריר געבן די אויספאָר־שונג פונעם פאַרגליווערטן פונקט. זיי שטוינען. ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז „זיי האָבן מיט מיר געענדיקט". כ'האָב שוין געחתמעט פיל שקרים. און אָט האָב איך זיך פאַרעקשנט. איך וויל נישט זיין קיין „בריטישער שפּיאָן". איך האָב שוין משלים געווען דערמיט, אַז אין דער קאָמעדיע, וואָס זיי נייען צונויף, וועל איך שפּילן די ראָל פון אַ „ישראלדיקן שפּיאָן", „אַ שפּיאָן פאַר מפּ"ם", אַ „ציוניסטישער שעדיקער אינעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים". איך זאָג זיך אָבער אָפּ צו שפּילן די ראָל פון אַ „בריטישן שפּיאָן". איך דערקלער מיין אויספאָרשער, אַז די צושויער פון דער קאָמעדיע וועלן דאָך באַזיצן אַ באַשטימטן קריטישן חוש. וועט דאָך יעדער איינער פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ שווינדל. ניין. דאָס האַלט זיי נישט אָפּ. זיי באַשטייען אויף דעם, אַז איך זאָל שפּילן די ראָל פון אַ בריטישן שפּיאָן. אַלע מאָל שטרייכן זיי אונטער: אַן אַלטער בריטישער שפּיאָן. אויף צענדליקער אויספאָרשונ־

גען טריפֿן זיי מיר אַריין פֿאַרשידענע פֿראַגמענטן פֿון מיין „טעטיקייט״ לטובת דעם „אינטעלידזשענס סערוויס״: אַז צו דער אַרבעט אין שפּיאָנאַזש־דינסט בין איך „דעראָבערט״ געוואָרן אין יאָר 1934 אין ארץ־ישראל, פֿאַר מיין אַרויספֿאָרן אין פֿאַרטייאישער שליחות קיין דייטשלאַנד. איך „האָב זיך פֿאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש״ אין נאַציסטישן דייטשלאַנד. און, ווייזט אויס, כדי מיר זיסער מאַכן די ביטערע פּיל פֿון שפּיאָנאַזש לטובת די ענגלענ־דער — האָבן זיי עס זיס איינגעוויקלט: מיין ערשטע טעטיקייט פֿאַרן ברי־טישן שפּיאָנאַזש איז געווען קעגן נאַצי־דייטשלאַנד. אין יאָר 1940 בין איך געווען אין זשענעווע אין שליחות פֿון דער באַוועגונג. און ווי באַוווּסט, איז זשענעווע אין דער צייט פֿון קריג געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער צענטער פֿאַר שפּיאָנאַזש. כ׳האָב זיך, אויך דאָרט, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש פֿאַרן „אינטעלידזשענס סערוויס״. אין יאָר 1945 האָט זיך גע־ענדיקט די מלחמה. דער נאַציזם איז צעשמעטערט געוואָרן. עס זענען אויפֿגעשטאַנען די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיעס. די פּסיכאָלאָגן פֿון דער זיכער־הייטס־פּאָליצײַ אין דער נייער טשעכאָסלאָוואַקיע באַפֿעלן מיר איבערגיין פֿון שפּיאָנאַזש קעגן די נאַציס צו שפּיאָנאַזש קעגן... די פֿאָלקס־דעמאָ־קראַטיעס. פֿון שפּיאָנאַזש קעגן די פֿיינד פֿון סאָציאַליזם צו שפּיאָנאַזש קעגן סאָציאַליזם. זיי זאָרגן זיך נישט פֿאַר די צוּשויער וואָס וועלן קומען זען די קאָמעדיע. זיי זאָרגן זיך פֿאַר דער קאָמעדיע גופא. אין טשעכאָסלאָ־וואַקיע און אין אַנדערע לענדער פֿון סאָציאַליסטישן לאַגער וועט מען במילא נישט לאָזן שרייבן קריטישע אָפּשאַצונגען איבער דער קאָמעדיע. און אויף דער קריטיק וואָס וועט פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן אין דער גאַנצער וועלט, אויסער די סאָציאַליסטישע לענדער, וועלן זיי פֿייפֿן. די קריטיקער וועלן געשטעמפּלט ווערן ווי העצער. די וואָס וועלן אָנווייזן אויפֿן שווינדל, וועלן געשטעמפּלט ווערן אַלס שונאים פֿון סאָציאַליזם.

און אַזוי האָט מען מיך „געמאַכט״ פֿאַר אַ שפּיאָן קעגן די פֿאָלקס־דע־מאָקראַטיעס. יעדער באַזוך אין די דאָזיקע לענדער איז בלויז אויסן געווען צו באַדינען די „אינטעלידזשענס סערוויס״. כדי צו ברענגען וויכטיקע ידיעות צו הערבערט מאָריסאָן אין לאָנדאָן. און פֿאַרשטייט זיך, אויך צו דער ישראל־רעגירונג. אויך צו מפ״ם. וואָס האָב איך „געטאָן״ פֿאַרן „אינ־טעלידזשענס סערוויס״ בעת מיינע קורצע באַזוכן אין די פֿאָלקס־דעמאָקראַ־טיעס? אויך פֿאַר דער דאָזיקער פֿראַגע האָבן די פֿעלשער געזאָרגט. אויך דאָס טריפֿן זיי מיר איין ביסלעכווייז: איך פֿלעג אין די דאָזיקע לענדער

זיך צוהערן צום ראַדיאָ, פלעג לייענען די צייטונגען און איבערגעבן די ידיעות צום „אינטעלידזשענס סערוויס״. איך פרעג: וויאַזוי האָב איך געקאָנט אַדורכפירן אַזעלכע אויפגאַבן, אַז כ׳האָב נישט געוווּסט די שפּראַכן פונעם רוב פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער? צוויטנס: איז דען אין די בריטישע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייערשאַפטן נישטאָ פאַראַן ווער עס זאָל איבערזעצן אויף ענגליש די וויכטיקסטע ידיעות וואָס דערשיינען אין דער פּרעסע און ראַדיאָ, אַז זיי זאָלן זיך דאַרפן נייטיקן דווקא אין אַ מענטש פון ישראל, וואָס „איינמאָל אין אַ יובל״ באַזוכט ער די לענדער, כדי צו וויסן וואָס ס׳דערציילט די פּרעסע און וואָס דער ראַדיאָ לאָזט הערן אין יענע מדינות? דריטנס: ידיעות פון דער פּרעסע און ראַדיאָ — זענען עס סודות פון דער מדינה וואָס זייער פאַרעפנטלעכן ווערט באַטראַכט ווי שפּיאָנאַזש? אָבער מיינע אויספאָרשער גייען איבער צום טאָג־אָרדענונג איבער אַזעלכע קשיות. עס וועט מיר גאָרנישט העלפן. איך דאַרף זיין אַ בריטישער שפּיאָן דער העכערער אינטערעס פון פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם פאָדערט, אַז מרדכי אורן פון ישראל זאָל שפּילן נישט נאָר די ראָל פון אַ ישראלדיקן שפּיאָן, נאָר אויך די ראָל פון אַ בריטישן שפּיאָן.

די אויספאָרשונגען — די זעלבע האַרבסטע. צענדליקער אויספאָרשונגען בייטאָג און ביינאַכט. כ׳גיי ווידער אַרום אין קאַמער ווי אַ שיכור. מען לאָזט מיך נישט צוטאָן קיין אויג. מיינע פיס זענען ווידער שרעקלעך אָנגעשוואָלן פונעם אומאויפהערלעכן שטיין אויף אַכטונג. פונעם אויספאָרשערס פּויסט־איבונגען טוען וויי אַלע טיילן פון קערפּער. אַ מבול זידלערייען. אומאויפהערלעכע רייד וועגן דער תליה. אָדער: אויב כ׳וועל זיי נישט נאָכגעבן, וועלן זיי מיך אַריינוואַרפן אין איינעם פון די תפיסה־קעלערן. דאָרט וועל איך פאַרפוילט ווערן און זיי וועלן מיך נישט דאַרפן משפּטן און אויפהענגען. יעדע נאַכט קערן זיי זיך אום צום קאַשמאַר בעקעלמאַן.

מיך מאַטערט זייער דער פאַקט, אַז זינט דעם קורצן גרוס וואָס כ׳האָב באַקומען פון דער היים אין חודש יוני, איז נישט געקומען מער קיין שום בריוו. איצט איז שוין סעפּטעמבער. מיינע אויספאָרשער גיבן מיר ווידער אָנצוהערן וועגן אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן ביי מיר אינדערהיים. שווערע גייסטיקע פּיין איז מיר גורם דער פאַקט, אַז טראָץ מיינע

אומאויפהערלעכע אַנשטרענגונגען, געלינגט מיר נישט צו דערמאָנען זיך דעם אויסזען פון מיין טאָכטער און זון. און די סאַדיסטן זאָגן זיך אָפּ צו ווייזן מיר די פאַמיליע־בילדער, וואָס געפינען זיך ביי זיי אין שאַנק, דאָ אין אויספאָרש־ביוראָ.

טעג און נעכט האַלט איך זיך ביי מיין ווידערשטאַנד. איך וויל נישט שלום מאַכן מיט נאָך איין חוזקדיקער פעלשונג פון מיין איך. איך וויל נישט „זיין" אַ בריטישער שפּיאָן. גענוג מיר צו „זיין" אַ ישראלדיקער שפּיאָן.

נאָר סוף־סוף ברעכן זיי מיך איין. איך וויל נישט אַראָפּ פון זינען. איך חתמע אונטער אַ גאַנצע ריי פּראָטאָקאָלן. „כ'בין געוואָרן" אַ בריטישער שפּיאָן. אַן אַגענט פון „אינטעלידזשענס סערוויס". אַן אַלטער אַגענט. פון יאָר 1934 ביזן יאָר 1951. אַ סטאַזש פון 17 יאָר „שפּיאָנאַזש לטובת די ענגלענדער".

בעתן צונויפשטעלן די פּראָטאָקאָלן, צווינגען זיי מיך אויסטראַכטן נעמען פון פאַנטאַסטישע מענטשן, וואָס האָבן מיך, כלומרשט, געוואָרבן פאַרן דינסט אין „אינטעלידזשענס סערוויס" און זיי האָב איך כלומרשט איבערגעגעבן די שפּיאָנאַזש־ידיעות, נאָך יעדן אומקערן זיך פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

אַלזאָ, איך בין אויך אַ „בריטישער שפּיאָן", וואָס איז טעטיק קעגן די לענדער פון סאָציאַליזם. די ראַדיאָ־כוואַליעס וועלן זיכער איבערפירן פאַר דער גאַנצער וועלט די דאָזיקע סענסאַציאָנעלע אַנטפּלעקונג. ווען עס וועט פאַרגעשטעלט ווערן דער פאַרס וואָס וועט גערופן ווערן פּראָצעס סלאַנסקי—קלעמענטיס. אויך אין ישראל. וויאַזוי יועט ישראל רעאַגירן אויף דער דאָזיקער אַנטפּלעקונג? וועט זי לאַכן צי וויינען? זי וועט זיך כאַפּן צו פאַרשטיין וואָס מען האָט מיר געטאָן? וועט זי לערנען פון די „ווידויים", אַז איך בין אין די הענט פון פאַרברעכער? אַז איך בין אַ קרבן פון אַ פּלאַנירטן און צינישן פאַרברעך? אַז די „ווידוי" איז אַ שווינדל, אַ רעזולטאַט פון פיזישן און גייסטיקן טעראָר? אַז אַלע „ווידויים" וואָס וועלן געהערט ווערן אויף דעם פּראָצעס זענען בלאָף, אַ רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן טעראָר? אַז דער פּראָצעס אינגאַנצן איז אַ טייוולאָנישער שווינדל?

גייסטיקע שפּייז פון... אַריזאָנאַ

ווייזט אויס, אַז צווישן די עלטסטע פון דער כּנופיה וואָס דיריגירן איבער די אויספאָרשונגען און איבערן צוגרייטן דעם סלאַנסקי־פּראָצעס, זענען אויך פאַראַן מענטשן וואָס זענען נישט אומוויסנדיק און גרינגשעצן נישט אַזוי דעם אינטעלעקטועלן ניוואָ פון די פּאָטענציעלע צושויער, וואָס וועלן זיך צוקוקן צום אויבנדערמאָנטן שפּאַסיקן ספּעקטאַקל: דאָס הייסט, די טשעכאָסלאָוואַקישע עפנטלעכע מיינונג גופא, וואָס מען וועט איר טאַקע נישט דערלויבן אַרויסברענגען אירע ספקות און קריטישע מיינונג, און די אינטערנאַציאָנאַלע עפנטלעכע מיינונג, פון וועמען די טשעכאָסלאָוואַקישע צענזור וועט נישט קאָנען אויסבאַהאַלטן צו דערגיין אַלע שווינדלערייען וואָס אינעם פּראָצעס, און צו פאַרשטיין, אַז די פאָרשטעלונג אין פּראַג איז נישט קיין ערנסטע דראַמע, נאָר אַ קאָמעדיע, אויסרעזשיסירט אָן טאַלאַנט און אָן בילדונג.

ווייזט אויס, אַז ביי דער באַראַטונג פון די רעזשיסערן וועגן מיין ראָל אינעם ספּעקטאַקל, האָט זיך ווינציקסטנס געפונען איינער, אַ מער קליגערער פון זיינע חברים, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אויפן דאָזיקן גריל־צנדיקן פּסיכאָלאָגישן נישט־אמת: ביזן יאָר 1945 בין איך אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטי־פאַשיסט, וואָס „באַשעפטיקט זיך מיט שפּיאָנאַזש" קעגן גרעסטן פיינט פון סאָציאַליזם — די נאַציס, און פון יאָר 1945 און ווייטער דריי איך כּלומרשט אויס דעם באַגנעט קעגן סאָציאַליזם. דאָס איז אַ האַר־בער פּגם ביים אויספאָרמירן מיין ראָל אין דער פאָרשטעלונג. דאָס קאָן אַרויסרופן אומצוטרוי ביי די צושויער. מען דאַרף עפּעס פעסטשטעלן, וואָס זאָל דערקלערן דעם דאָזיקן איבערגאַנג פון אַנטי־פאַשיזם ביז אַנטי־סאָ־ציאַליזם.

— אורן, אין גרונט פון דער זאַך האָבן מיר פאַרענדיקט דעם עיקר־דיקן עטאַפּ פון אונדזערע אויספאָרשונגען. עס איז אָבער געבליבן איין נישט־קלאָרער פּונקט, וואָס מען דאַרף קלאָר מאַכן. פון יאָר 1934 ביזן יאָר 1945 האָט איר זיך באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש קעגן די נאַציס אין דייטשלאַנד גופא, אין שווייץ, דאָס הייסט, קעגן געשוווירענעם פיינד פון סאָ־ציאַליזם. און פּלוצים, אין יאָר 1945, זענט איר געוואָרן אַ שפּיאָן קעגן סאָציאַליזם גופא. פאַרשידענע מענטשן וועלן נישט פאַרשטיין די לייכטקייט

פון דעם דאָזיקן איבערגאַנג. אויך מיר איז עס אומפאַרשטענדלעך. וואָס האָט אייך דערצו באַוויגן? מיט וואָס דערקלערט איר פאַר זיך גופא דעם דאָזיקן איבערגאַנג?

— פון אייערע הונדערטער אויספאָרשונגען איז אייך זיכער באַוווּסט, אַז כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש, אפילו נישט קעגן נאַצי־דייטשלאַנד, און ווער שמועסט נאָך קעגן די פאָלקס־דע־מאָקראַטישע לענדער. איר ווייסט אויסגעצייכנט, אַז איך האָב בלויז גע־חתמעט די פּראָטאָקאָלן. אָבער ביי יעדן אונטערשרייבן האָב איך אייך גע־זאָגט — אַז איך חתמע טאַקע, נאָר דער אינהאַלט פון די פּראָטאָקאָלן איז נישט אמת. איר ווייסט אויך אויסגעצייכנט, וויאַזוי איר האָט מיך דערפירט צו דעם, כ׳זאָל אונטערשרייבן די דאָזיקע פּראָטאָקאָלן. אַלזאָ, די סתירה אויף וועלכער איר ווייזט אָן, איז זייער אַ הארבע. נאָר אין אייערע פּראָטאָ־קאָלן זענען אַזעלכע סתירות פאַראַן אַ וועלט. מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט איר זיך נישט ווייניק געגעבן די מי צו מאַכן פון מיר אַ מיטאַרבעטער מיטן געסטאַפּאָ־שעף, הימלער, און איצט דערשיין איך ווי אַ שונא פון די נאַציס און אַן אַנטי־נאַצישער שפּיאָן. איך בין טאַקע אַ שונא פונעם נאַציזם, הגם כ׳האָב זיך נישט פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש קעגן אים. איך האָב ווי־אַמבעסטן געקעמפט קעגן בריטישן אימפּעריאַליזם. און איצט האָט איר בדעה מיך פאַרצושטעלן אַלס אַן אַגענט פון בריטישן „אינטעלידזשענס סערוויס״. איך האָב געטאָן דאָס בעסטע וואָס כ׳האָב געקאָנט, כדי צו פאַר־טיפן דאָס געפיל פון ברידערלעכקייט ביי די מאַסן אַרבעטנדיקע אין ישראל צום ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, און אָט בין איך מיט אייערע הענט „געמאַכט״ געוואָרן פאַר אַ „געשוווירענעם שונא״ פון די סאָציאַליסטישע לענדער. צום גרויסן באַדויערן קאָן איך אייך נישט דער־קלערן די לייכטקייט פון מיין אַריבערגאַנג פון אַנטי־נאַצישן שפּיאָנאַזש צו אַנטי־סאָציאַליסטישן שפּיאָנאַזש. איך האָב נישט געקאָנט, דעריבער, איבערגיין פון דעם צו דעם. זאָגט אייערע שעפן, זאָלן זיי זיך באַמיען ליקווידירן די דאָזיקע סתירה. אגב: אפילו ווען זיי וועלן ליקווידירן די דאָזיקע סתירה — וועט ישראל און די וועלט פּלאַצן פון געלעכטער, הערנ־דיק אָט די פאַנטאַסטישע אַנטפּלעקונגען, אונטער וועלכע איך בין אונ־טערגעחתמעט.

— אורן, איר הייבטווידער אָן צו זיין נישט קלוג. מיר האָבן גע־מיינט, אַז איר האָט גובר געווען דעם נאַרישן, עקשנותדיקן צוגאַנג. מיר

טראַכטן וועגן געבן איך עטלעכע פאַרלייכטערונגען: רייכערן, פאַרבעסערט עסן, שפּאַצירן אויף דער פרישער לופט, לייענען. פאַרערגערט זיך נישט דעריבער אַליין די לאַגע. מיר דאַרפן אויפקלערן דעם קליינטשיקן פרט און ליקווידירן דאָס וואָס זעט אויס ווי אַ סתירה צווישן די צוויי עטאַפּן פון אייער טעטיקייט אַלס שפּיאָן. מיר, בעצם, האָבן אַן אויפקלערונג פאַר אייער איבערגאַנג פון שפּיאָנאַזש קעגן די נאַציס ביז שפּיאָנאַזש קעגן זייערע שונאים. איר האָט דאָס געטאָן אונטערן דרוק פון דעם „אינטעליגענס סערוויס". נאָכדעם ווי דער נאַציזם איז צעשמעטערט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, האָט דער „אינטעלידזשענס סערוויס" אויף איך אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע צו שפּיאָנירן קעגן די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. ער האָט איך געדראָט, אַז אויב איר טוט דאָס נישט — וועט ער אַנטפּלעקן אין ישראל, אַז איר האָט זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש. דאָס וואָלט צונישט געמאַכט אייער גאַנצע פּאָליטישע קאַריערע. דאָס איז אַלזאָ די אויפקלערונג.

איך שמייכל:

— איר באַמיט זיך צו ליקווידירן איין סתירה, אָבער פּאַקטיש באַשאַפט איר צוויי נייע סתירות. וואָלט איך באמת זיך געוועזן באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש קעגן די נאַציס — וואָלט איך זיך בכלל נישט געוועזן דערמיט געשעמט און כ'וואָלט נישט מורא געהאַט, טאָמער וועט דאָס אַנטדעקט ווערן. איך וואָלט דאָס באַטראַכט פאַר זיך ווי אַ גרויס זכות. צווייטנס: איר טענהט די גאַנצע צייט, אַז איך בין אַ געשוווירענער שונא פון סאָציאַליזם. איך וואָלט דעריבער גערן זיך באַדאַרפט באַשעפטיקן מיט שפּיאָנאַזש קעגן די לענדער פון סאָציאַליזם און נישט אונטערן דרוק פון „אינטעלידזשענס סערוויס". דער אמת איז אָבער דער, וואָס דער גאַנצער ענין איז אַן אויסגעטראַכטער. איך האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש. ריכטיק, כ'האָב געחתמעט. איך האָב בלויז געחתמעט, אַז כ'האָב זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש. אָבער איך האָב זיך נישט באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש.

— זייט נישט חוצפּהדיק און רעגט זיך נישט אויף. איך שטעל נישט וועגן דעם צונויף קיין פּראָטאָקאָל און איר דאַרפט נישט אונטערשרייבן, אַז איר האָט שפּיאָנירט קעגן אונדז אונטערן דרוק פון „אינטעלידזשענס סערוויס". בלויז דאָס האָב איך געוואָלט, אַז די אויפקלערונג זאָל אייך זיין קלאָר.

— איך בין אויך גרייט צו חתמענען. נאָך איין אויסטראַכטעניש גיט גאָרנישט צו און נעמט נישט אַראָפּ. במילא וועט דער אמת אַנטדעקט ווערן מיט דער צייט.

•

איינציקע טעג האָט מען מיך נישט גערופן צו קיין אויספאָרשונגען. מען האָט מיר צוריקגעגעבן די דערלויבעניש צו רייכערן: 6 סיגאַרעטן אַ טאָג. איך באַקום אַ שפּייז־צוגאָב: אַ שטיקל ברויט, באַשמירט מיט פּוטער אַלס צווייטן פרישטיק און דאָסזעלבע אַלס צובייס 4 נאָכמיטאָג. אָפּטמאָל אויך אַ שאָל מילך אָדער קעז. איינציקע נעכט בין איך געשלאָפן אָן שטערונגען. עס ווערט מיר געגעבן צייט נאָכצודענקען נאָך מיין גורל — דעם גורל פון אַן אַרעסטאַנט, וואָס זיי דאָרט „אויבן" האָבן מצליח געווען איינצוברעכן און דערפירן צום אונטערשרייבן. איך פאַרשטיי, אַז דער פּראָצעס פון סלאַנסקי, קלעמענטיס און זייערע חברים דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט. מיינע אויספאָרשער גרייטן מיך צו צום אויפטריט בעת דער פאַרשטעלונג פונעם פּראָצעס. שוין דריי־פערטל יאָר זינט מיין אַרעסט — האָב איך נישט געזען מיין פּנים אין שפּיגל. קאָן זיין, אַז מיין פּרצוף איז נישט צום דערשיינען אויף אַן עפנטלעכן פּראָצעס. די צושויער פונעם ספּעקטאַקל דאַרפן נישט וויסן, אַז מען האָט מיך צען חדשים אויסגעהונגערט. מען דאַרף פאַרבעסערן מיין אויסזען.

איך ווער גערופן צום אויספאָרשער. ער וויל פון מיר בלויז עטלעכע ביאָגראַפישע דאַטעס. אים אינטערעסירט צו וויסן, וויאַזוי איך פיל זיך, ווען מיר איז דערלויבט צו רייכערן און באַקומען אַ שפּייז־צוגאָב. ער גיט מיר אָנצוגעהערן, אַז מסתמא פאַרשטיי איך, דאָס מען גרייט מיך צו צום דערשיינען אויפן פּראָצעס. ער ענטפערט, אַז וועגן דעם וועט מיט מיר שמועסן זיין שעף. איך בין אינטערעסירט צו וויסן, צי ס'איז פאַר מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון דער היים. ער ענטפערט: ניין. איך גלייב אים נישט. איך בעט אַ דערלויבעניש צו שפּאַצירן אויף דער פרישער לופט, אין תפיסה־הויף. דאָס וועט מיר בקרוב געגעבן ווערן. איך בעט אַ דערלויבעניש צו לייענען. ער פרעגט, אַ וואָסערע ביכער איך וואָלט געוואָלט לייענען. אַלזאָ, כ'וואָלט געוואָלט לייענען וועלכע ס'איז לייכטע, שפּאַנענדיקע ראָמאַנען. נאָר כדי צו רייצן דעם אויספאָרשער רוף איך אָן די טיטולן פון איינציקע ביכער פון מאַרקס און ענגעלס, נישט דערמאָנענדיק די נעמען פון די מחברים. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער קאָמוניסטישער אויספאָרשער

ווייסט נישט, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן געשריבן די ביכער, וואָס איך בעט. צום סוף זאָגט ער מיר, אַז אַזעלכע ביכער ווערן נישט געהאַלטן אין תּפיסה. דאָ זיצן פאַרברעכער און פיינד פון סאָציאַליזם. וואָס פאַרא אינ־טערעס קאָנען זיי האָבן אין די שריפטן פון מאַרקס און ענגעלס? ער שטוינט, וואָס איך וויל לייענען זייערע ביכער. איך בעט אויך דעם „קורצן קורס געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּסס״ר״. ער גייט צו צום שאַנק און נעמט פון דאָרט אַרויס דאָס בוך, דערקלאַרירנדיק מיט שטאָלץ, אַז דאָס איז זיין פּריוואַט אייגנטום. ער זאָגט זיך אָבער אָפּ מיר צו געבן.

— איר דאַרפט נישט לייענען אַזעלכע ביכער.

— כ׳האָב עס שוין פון לאַנג געלייענט. נאָר איך וויל עס נאָכאַמאָל לייענען.

— וואָס אינטערעסירט אייך אַזוי אין דעם דאָזיקן בוך?

— איך וואָלט געוואָלט — נאָכדעם וואָס איך בין דאָ אַדורכגעגאַנ־גען — פונדאַסניי איבערלייענען די קאַפּיטלען וועגן די מאָסקווער פּראָצעסן און די „אמתדיקע ווידויים״ פון די פירער פון קאָמוניזם, וואָס זענען דער־הרגעט געוואָרן.

ער זאָגט מיר אָפּ צו געבן דאָס בוך און פאַרזיכערט ביי דער נאָענט־סטער געלעגנהייט עפּעס, וואָס וועט מיך זייער אינטערעסירן. דאָסמאָל טוט ער מיר צוליב און ווייזט מיר די בילדער פון מיין בני־בית. איך באַ־פריי מיך פון אַ שווערער גייסטיקער דעפּרעסיע.

דער אויספאָרשער האַלט וואָרט מיטן געבן מיר עפּעס צו לייענען. היינט האָט ער מיך גערופן צו זיך: „כ׳האָב געפונען עפּעס, וואָס וועט אייך אינטערעסירן״. ער דערלאַנגט מיר אַן אילוסטרירטע צייטונג אין דער ענג־לישער שפּראַך: אַן אַמעריקאַנער צייטשריפט וואָס דערשיינט אין אַריזאָנאַ. דער נומער איז געווידמעט דער ווייַנאַכט 1951. די צייטונג איז פול מיט בילדער פון ישו הנוצרי, זיינע אַפּאָסטאָלן און כל המינים הייליקע. די מיינסטע אַרטיקלען זענען געווידמעט דעם געבורט־יום־טוב, דעם קריסטנטום, ישון. אַ צייטונג פאַר פרומע קאַטאָליקן צווישן די פאַרמער אין אַריזאָנאַ.

אַנשטאָט אַ מאַרקסיסטיש בוך איז מיר געגעבן געוואָרן — אין תּפיסה פון אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישער מדינה — אַ קאַטוילישע צייטשריפט.

אָנגעפּראָפּט מיט בילדער פון הייליקע און באַנאַלע אַרטיקלען וועגן קריסטמעס.

איך בין זייער דורשטיק נאָך אַ געדרוקט וואָרט. אַ גאַנצן טאָג בין איך פאַרזונקען אין דער דאָזיקער ווערטלאָזער צייטונג. נאָך אַ ביסל וועל איך זי אינגאַנצן קענען פון אויסנווייניק.

מען צווינגט מיר אויף עדות-זאָגן

דער אויספאָרשער האַלט אין האַנט אַ טעקע מיט אַקטן. ער ווייזט דערויף אָן און זאָגט:

— עס איז געקומען די שעה פון אַנטשיידונג. אייער צוקונפט איז אָפּהענגיק פון דעם דאָזיקן דאָקומענט. ער אַנטהאַלט אַלע אייערע דערקלע־רונגען, וואָס איר וועט זיי דאַרפן עדות זאָגן אויפן פּראָצעס פון סלאַנסקין. דאָס עדות זאָגן האָב איך באַאַרבעט אויפן יסוד פון אונדזערע אויספאָרשונ־גען, במשך 9 חדשים פון אייער אַרעסט. אייער אויפפירונג וועט באַשטימען אייער גורל — צום לעבן אָדער צו עפּעס אַנדערש. איך וועל פאַרלייענען דעם אינהאַלט פון אייער עדות זאָגן. הערט זיך צו מיט דער מאַקסימאַל־סטער אויפמערקזאַמקייט. נאָך היינט וועט דאָ קומען דער אָפיציר־אויס־פאָרשער, דער ממונה איבער מיר און מיט אייך שמועסן איבער דער דאָזיקער פראַגע. איך חזר איבער דאָס וואָס כ'האָב געזאָגט פריער. פון דעם דאָזיקן דאָקומענט און פון אייער אויפפירונג איז אָפּהענגיק אייער גורל.

דער אויספאָרשער לייענט מיר איבער דעם אינהאַלט פונעם „עדות זאָגן", וואָס פאַרנעמט זיך מיט סלאַנסקין, קלעמענטיסן, מיט מיין „פאַר־ברעכערישער" ציוניסטישער טעטיקייט, מיט מיין שפּיאָנאַזש־אַרבעט לטובת ישראל, מפ"ם און דעם בריטישן „אינטעלידזשענס סערוויס". אַ דאָקומענט וואָס איז אינגאַנצן שקר וכזב. די האָר אויפן קאָפּ שטעלן זיך מיר אויף. וויאַזוי איז מעגלעך אַריינצושטופּן אַזויפיל פעלשונגען אין איין דאָקו־מענט? דאָס „עדות זאָגן" איז געשריבן אין דער פאָרם פון פראַגן און ענטפערס. די ענטפערס זענען גענומען פון די פּראָטאָקאָלן פון די אויס־פאָרשונגען — נאָר מיט פאַרשאַרפטער פאַלסיפיקאַציע און פאַרדרייונג. אויסער דעם זענען דאָרט פאַראַן נייע שקרים, וואָס געפינען זיך נישט אין

די פּראָטאָקאָלן, וואָס כ׳בין געווען געצווינגען אונטערצושרייבן. די פּראַגן אין זייער איצטיקער פאָרמולירונג זענען מיר קיינמאָל נישט געשטעלט געוואָרן. איך מאַך זיך תמעוואַטע און פרעג דעם אויספאָרשער, ווען זענען מיר געשטעלט געוואָרן די פּראַגן, וואָס דערשיינען איצט אין מיין עדות־זאָגן. דער אויספאָרשער כאַפּט זיך בנוגע דעם מיין פון דער פּראַגע און ענטפערט תמימותדיק:

— די דאָזיקע פּראַגן האָט מען אייך נאָך נישט געפרעגט. אָבער זיי וועלן געשטעלט ווערן דורכן פאָרזיצער פון געריכט און די פּראָקוראָרן בעתן עדות־זאָגן.

אַזוי גרייט מען צו „עדות״ — „אמתדיק עדות־זאָגן״ — צום סלאַנסקי־פּראָצעס. איך שטויס זיך אָן, אַז אַזעלכע „אמתן״ ווערן איצט מאַסנוויז פאַבריצירט אין די דערבייאיקע פּאָרש־ביוראָען. עס דערנענטערט זיך דער פּראָצעס. אויף אַ פיבערהאַפטן אופן גרייטן זיי איצט די „ווידויים״ פון סלאַנסקין, קלעמענטיסן און זייערע שותפים צום גורל. אויך דאָס עדות־זאָגן קעגן זיי. בייטאָג און ביינאַכט דערטראָגן זיך צו מיר דורכן אָפענעם פענצטער אין דער אויספאָרשונג־ביוראָ און דורך דעם אָפענעם פענצטער פון מיין קאַמער די קוויטשערייען פון די אויספאָרשער. זיי זענען באַשעפטיקט מיטן פּראָדוצירן „ווידויים״ און דאָס „עדות־זאָגן״. די מאַשינען אַרבעטן „מיטן פולן דאַמף״ און אין דריי שיכטן. אַרעסטאַנטן מיט דערשעפּטע כוחות און איינגעבראָכענעם ווילן שרייבן אונטער פּראָטאָקאָלן, אין וועלכע ס׳איז נישטאָ קיין קערנדל אמת. אַרעסטאַנטן, וואָס וועלן אויפן פּראָצעס דערשיינען אַלס באַשולדיקטע. אַרעסטאַנטן וואָס דערווייל זענען זיי געצווונגען צו דערשיינען אַלס עדות. סלאַנסקי און זיינע חברים זענען געווען טרייע קאָמוניסטן. דאָ מאַכט מען פון זיי „פאַרעטער״, „שפּיאָנען״, „ציוניסטישע אַגענטן״. די מאַשינען אַרבעטן. אין דער מאָדערנער פאַבריק צו פּראָדוצירן ליגנערישע ווידויים און פאַלשע עדות. אַ פאַבריק וואָס טראָגט דעם נאָמען תפיסה רוזין. אין דער פּעריפעריע פון פּראָג, דער הויפּטשטאָט פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע.

אָקטאָבער 1952.

עס קומט אַריין אַן אָפיציר־אויספאָרשער אין הויכן ראַנג. ערשט נישט לאַנג האָט דער אויספאָרשער פאַרענדיקט לייענען די פאָרשריפט פון מיין „עדות־זאָגן״. דער אָפיציר הייבט אָן דעם שמועס:

— אורן, איר האָט איצט געהערט דעם נוסח פון אייער עדות־זאָגן. גאָכדעם ווי איר וועט אָפּגעבן דאָס עדות־זאָגן, וועלן מיר אייך אַלץ מוחל זיין וואָס איר האָט קעגן אונדז געטאָן און דערלויבן זיך אומקערן אַהיים. איך דאַרף אייך אין אייניקע ווערטער דערקלערן די אומשטענדן, אין וועלכע איר וועט דאַרפן אָפּגעבן דאָס עדות־זאָגן. זיכער איז אייך קלאָר פונעם גאַנג פון די אויספאָרשונגען, אַז מיר קליבן זיך אַוועקשטעלן פאַרן געריכט אונדזערע סאַמע האַרבסטע שונאים, אַ כנופיה פאַרעטער, וואָס האָט געגרייט אַ פאַרשווערונג קעגן אונדזער רעזשים, האָט געשעדיקט די ווירטשאַפט פון דער מדינה, האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיטן פאַרעטער טיטאָ, מיטן אינטערנאַציאָנאַלן ציוניזם, מיט די מערב־גרויסמאַכטן און זייערע שפּיאָנאַזש־דינסטן, כדי אומצוּוואַרפן דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים, לויטן נוסח פון דער פאַשיסטישער טיטאָ־איבערקערעניש און צוריקשטעלן אין אונדזער לאַנד דעם קאַפּיטאַליזם — איך מיין די פאַרעטער סלאַנסקי, קלעמענטיס און זייערע חברים. די דאָזיקע הינט וועלן פאַר זייערע פאַרברעכנס, אָן שום ספק, פאַרמשפּט ווערן צו תליה. אייער עדות זאָגן איז אונדז נייטיק אין דעם פּראָצעס. מיטן דאָזיקן פּראָצעס בין איך זיכער, וועט איך דערמעגלעכט ווערן צוריקצוקומען אַהיים. ווי כ׳האָב אייך שוין איינ־מאָל געזאָגט, האָבן מיר נישט אין אייך קיין אַנדערן אינטערעס, אויסער דעם, אַז איר זאָלט עדות זאָגן אויפן פּראָצעס. דאָס וועט דרך־אגב, זיין אַן עפנטלעכער פּראָצעס. ער וועט פאָרקומען אין אַ קורצער צייט אַרום.

מעשה תם מאַך איך אויפמערקזאַם דעם אָפיציר־אויספאָרשער, אַז כ׳האָב נישט געהערט וועגן אַזאַ מאָדנע פירונג פון צוגרייטן עדות:

— איך פאַרשטיי, אַז אַן עדות דערשיינט פאַרן געריכט, אַז די ריכ־טער, דער פּראָקוראָר און די פאַרטיידיקער פון באַשולדיקטן שטעלן אים אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן פראַגן, וואָס זיי האַלטן פאַר נייטיק און דער עדות גיט אמתדיקע ענטפערס, לויט זיינע בעסטע ידיעות און געוויסן. דאָ איז אַלץ גרייט. די פּאָליציי שרייבט אָן פאַר די ריכטער און פּראָקוראָרן זייערע פראַגן און דעם עדות — זיינע ענטפערס. דער עיקר — ענטפערס וואָס זענען נישט קיין ריכטיקע. זיכער איז אין שטראָף־קאָדעקס פאַראַן אַ פּאַ־ראַגראַף, וואָס באַשטימט אַ שטראָף פאַר פאַלשע עדות.

— די פירונג וועגן וועלכער איר רעדט איז אָנגענומען אין די קאַ־פּיטאַליסטישע לענדער. די דאָזיקע פירונג דערמעגלעכט דעם עדות צו באַהאַלטן דעם אמת. די פּראָצעדור ביי אונדז איז אויסן צו פאַרזיכערן דאָס

אויפדעקן דעם אמת. אייער עדות־זאָגן שטיצט זיך אויף די פּראָטאָקאָלן, וואָס איר האָט אונטערגעשריבן.

— וואָס איר האָט מיך געצוווּנגען זיי אונטערצושרייבן. אָבער איך איז באַוווּסט, אַז מיט יעדער אונטערשריפט האָב איך געמאָלדן, אַז אַלץ, פון אָנהייב ביזן סוף, איז אויסגעטראַכט. איך בעט מיר געבן אַ מעגלעכקייט צו זען זיך מיט אַן אַדוואָקאַט אָדער אַריינבליקן אין אייער קאָדעקס, כדי וויסן צי איך מעג זאָגן ליגנערישע עדות. אפשר דערוואַרט מיך אַ שטראָף פאַר אַזאַ עבירה?

— מען וועט אייך נישט לאָזן רעדן מיט אַן אַדוואָקאַט. עס איז אויך נישט נייטיק צו אינטערעסירן זיך מיט אונדזער שטראָף־קאָדעקס. מיר פירן זיך לויטן געזעץ. וואָס שייך דעם עדות זאָגן: איר ווייסט אויסגעצייכנט, אַז דאָס עדות־זאָגן איז אמתדיק. אַלנפאַלס, מיר נעמען אויף זיך די אחריות פאַרן אמת וואָס אין אייערע עדות־זאָגן. איך האָב אייך שוין נישט איינמאָל געזאָגט, אַז סלאַנסקי און קלעמענטיס האָבן אין גאַנג פון די אויספאָרשונ־גען זיך מודה געווען און וועלן אויך אין געריכט זיך מודה זיין, אַז אייער עדות־זאָגן איז אמת.

ווידויים, וואָס זענען מן־הסתמא דערגרייכט געוואָרן מיט די זעלבע מיטלען, מיט וועלכע מען האָט מיך געצווינגען אונטערצושרייבן מיינע פּראָטאָקאָלן. איך פרעג ווייטער מעשה תם:

— וואָס וועט זיין, אויב סלאַנסקיס און קלעמענטיסעס אַדוואָקאַטן וועלן מיר שטעלן פראַגן, וועט מיר דערלויבט זיין צו ענטפערן לויט מיין אייגענעם פאַרשטאַנד? דעמאָלט, וועט אָן שום ספק, זיך אויפדעקן די ווערט פון מיין עדות־זאָגן.

— זאָרגט זיך נישט. סלאַנסקי און קלעמענטיס וועלן אויפן פּראָצעס זיך מודה זיין אין אַלץ וואָס עס איז געשריבן אינעם באַשולדיקונגס־אַקט קעגן זיי און אויך אין אייערע עדות־דערקלערונגען. און ווייל עס איז אַזוי, וועלן זייערע פאַרטיידיקער נישט שטעלן קיין שום פראַגן.

אַלץ איז פּלאַנירט און צוגעפּאַסט. אַלץ איז גרייט מיט תכלית: די ווידוי פון די באַשולדיקטע און די רייד פון די עדות מצד דער באַשולדי־קונג, די פראַגן פון די ריכטער און פּראָקוראָרן, לויט ווי זיי זענען פאָרמו־לירט געוואָרן דורך די „אויספאָרשער" פון דער זיכערהייט־פּאָליציי. נישטאָ קיין עדות מצד דער פאַרטיידיקונג. די אַדוואָקאַטן גופא זיצן מיט פאַר־

שטאַפּטע מיילער, נאָכדעם ווי די באַשולדיקטע זענען זיך אין אַלץ „מודה״. אַלץ וועט „קלאַפּן״. אַ ציניש, טייוולאַניש שפּיל.

איך רעקלאַמיר נאָך אַלץ:

— איך בין אַ בירגער פון אַ פרעמדער מדינה, אויסער דעם קען איך נישט בכלל סלאַנסקין. דער פּראָצעס איז אייערס אַן אינערלעכער ענין. פאַר מיין אַרעסט האָט איר באַשולדיקט מדינת ישראל אין אַריינמישן זיך אין אייערע אינערלעכע ענינים. אייער פּרעמיער האָט דאָס דערקלערט אין אַן עפנטלעכער רעדע אין יאָר 1951. דאָס איז נישט געווען אמת. און נאָך עפּעס: איך בין איבערצייגט, אַז אויף דעם דאָזיקן פּראָצעס וועט איר משפּטן אומשולדיקע מענטשן. נאָך וואָס צווינגט איר מיך, אַ פרעמדן בירגער, אַן איינוווינער פון מדינת ישראל, אַריינמישן זיך אין אייערע אינערלעכע ענינים?

— איר קענט פּערזענלעך סלאַנסקין, און צו דעם וועלן מיר זיך נאָך אומקערן. אָבער אפילו ווען איר קענט אים נישט פּערזענלעך — זענט איר אויף אַן אָביעקטיוון אופן געווען אַ שותף צו דעם פאַרעטערישן פאַרשווערונגס־צענטער, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען סלאַנסקי און אין אייער רשות געפינען זיך וויכטיקע ידיעות וועגן די פינצטערע פּלענער פון סלאַנסקין. אונדזער געזעץ דערלויבט צווינגען יעדן מענטש, וואָס באַזיצט ידיעות וועגן פאַרעטער און פאַרברעכער, אַז ער זאָל עדות זאָגן אויפן פּראָצעס.

— איך וויל זען דעם פּאַראַגראַף אין געזעץ וואָס דערלויבט אייך צווינגען מענטשן — און דערצו נאָך פרעמדע בירגער — צו זאָגן ליגנערישע עדות.

— איך רעד וועגן אמתדיקן עדות־זאָגן. אייערע פּראָטאָקאָלן אַנטהאַלטן דעם אמת און נאָר דעם אמת. אַ באַווייז: איר האָט זיי אונטערגעשריבן. סלאַנסקי און קלעמענטיס זענען זיך מודה, אַז אייערע רייד זענען אמתדיקע. בשעתו האָב איך אייך געוויזן אויסצוגן פון זייערע פּראָטאָקאָלן.

— אויך איך שטויס זיך אָן, אַז סלאַנסקי און קלעמענטיס וועלן זיך „מודה זיין״. אַנדערש וואָלט איר זיי נישט געמאַכט קיין עפנטלעכן פּראָצעס. אָבער איך עצה אייך נישט צו צווינגען מיך עדות צו זאָגן. אין מיין כלומרשטן עדות־זאָגן ווערן דערמאָנט פּערזענלעכקייטן פון פאַרשידענע לענדער. אין ליכט פון די פאַקטן, וועלן זיי פאַר דער וועלט דעמאַסקירן

דעם גאַנצן שווינדל וואָס אין מיינע „עדות־דערקלערונגען". הערבערט מאַ־ריסאָן וועט דערקלערן, און מיט רעכט, אַז ער קען מיך בכלל נישט און אַלע מיינע געשפּרעכן מיט אים זענען אויסגעטראַכטע. פּיאַדע וועט דער־קלערן, אַז ער האָט זיך מיט מיר נישט געטראָפן אין יאָר 1948, נאָכן ריס. שרת וועט אייך אויסשטעלן צו לייטיש געלעכטער און דערקלערן, אַז ער האָט נישט באַקומען פון פּיאַדען קיין שום רעקאָמענדאַציע־בריוו צו סלאַנ־סקין און אַז ער האָט זיך מיט אים בכלל נישט געטראָפן. אבריאל וועט אויפדעקן, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין פאַרבינדלער צווישן פּיאַ־דען און סלאַנסקין. מיין פּאַרטיי אין ישראל וועט לאַכן פון מיין „ווידוי", אַז איך בין אַ מערבדיקער שפּיאָן, אַ ישראלדיקער שפּיאָן און אַ שונא פון סאָציאַליזם. זי וועט אַנטפּלעקן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס זענען אויפ־געצוווּנגענע שקר־ווידויים, וואָס זענען פון מיר אויסגעפּרעסט געוואָרן מיט פּייניקונגען. זי וועט דערציילן וועגן מיין פּיליאַריקער טעטיקייט אינערהאַלב דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־לאַגער. מיינע חברים וועלן פאַרעפנטלעכן דעם אָריגינאַל פון קלעמענטיסעס דעקלאַראַציע און זי אַנטקעגנשטעלן דער געפעלשטער דעקלאַראַציע, וואָס איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין איינעם פון די פּראָטאָקאָלן. און נאָך און נאָך און נאָך. פון דעם אינהאַלט פון מיין עדות־זאָגן, וועט די וועלט לערנען וועגן דעם ווערט פון די איבעריקע עדות־דער־קלערונגען, וועגן די ווידויים, וועגן דעם ווערט פון סלאַנסקי־פּראָצעס.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אַלע — וואָס זענען אונדזערע שונאים — וועלן אָפּלייקענען פיל פאַקטן, וואָס דער פּראָצעס וועט אויפ־דעקן. זיי וועלן זיך זעלבסט ריינוואַשן אין די אויגן פון דער פּראָגרעסיווער וועלט. אויסער דעם וועלן זיי וועלן באַפלעקן דעם אַפּאַראַט פון צדק אין די לענדער פון סאָציאַליזם. מיר זענען גרייט דערצו און וועלן פייפן אויף דער דאָזיקער רעאַקציאָנערער העצע קעגן אונדז, וואָס דערוואַרט אונדז נאָכן אַדורכפירן דעם פּראָצעס. איך זע, עס קומט אייך שווער אָן צו טאָן דאָס וואָס מ'האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט. איך וויל אייך וואָרענען. דאָס אויפפירן זיך אין איצטיקן עטאַפּ וועט חתמענען אייער גורל אויף לעבן אָדער אויף טויט. כ'וועל אייך זאָגן אָפנהאַרציק: מיר באַטראַכטן נאָך איצט צוויי מעגלעכקייטן. די ערשטע: אַוועקשטעלן אייך פאַרן געריכט אַלס באַשול־דיקטן ווי אַ שותף צו סלאַנסקיס פאַרשווערונגס־צענטער און דעמאָלט דערוואַרט אייך סלאַנסקיס גורל און פון זיינע חברים — די תליה. די צווייטע מעגלעכקייט איז: אַז איר זאָלט דערשיינען נישט ווי אַ באַשול־

דיקטער, נאָר ווי אַן עדות, וואָס וועט אָפּגעבן די דערקלערונגען וואָס זענען דאָ פֿאַר אייך געלייענט געוואָרן. מיט אייער אויפטרעטן אַלס עדות העלפֿט איר אונדז גובר זיין די סאַמע ערגסטע שונאים אונדזערע. נאָכן אָפּגעבן די עדות־דערקלערונגען, וועט איר זיך קאָנען אומקערן אַהיים. נאָך אין אַ 4—6 וואָכן ארום קאָנט איר זיין צוריק אינדערהיים. אויב איר וועט וועלן, קאָנען מיר טעלעגראַפֿיש איינלאַדן אייער פֿרוי זי זאָל קומען קיין פּראָג און אייך אויפֿנעמען ביים אַרויסגיין פֿון דעם דאָזיקן הויז.

— איר קאָנט מיך נישט סתם צוטשעפּען אַלס באַשולדיקטן צום סלאַנסקי־פּראָצעס. איך האָב נישט געלעבט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. איך האָב נישט געהאַט קיין שום פֿאַרבינדונגען מיט סלאַנסקין. אויך דאָס קאָן דער וועלט אויפֿדעקן דעם ווערט פֿון דעם דאָזיקן משפּט.

— סטאַלין האָט געזאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ אויפֿגאַבע, וואָס קאָ־מוניסטן זאָלן זי נישט קאָנען אַדורכפֿירן. אויב מיר וועלן באַשליסן צו משפּטן אייך צוזאַמען מיט סלאַנסקין — וועט דאָס געטאָן ווערן אַזוי, אַז ס׳וועט יאָ אַרויסרופֿן צוטרוי. כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, אַז אויף דער יללה פֿון דער רעאַקציע אין ישׂראל און אויף דער וועלט וועלן מיר פֿייפֿן.

— מיר איז שווער צו גלייבן, אַז אויב כ׳וועל אָפּגעבן די דאָזיקע עדות־דערקלערונגען וועט איר מיך לאָזן צוריק אַהיים. איר וועט דאָך פֿאַרדעכטיקן — און מיט רעכט — אַז קומענדיק אַהיים וועל איך אויפֿדעקן וואָס איר האָט מיר געטאָן, וויאַזוי עס זענען באַשאַפֿן געוואָרן מיינע פּראָ־טאָקאָלן, וואָס איז געווען די ווערט פֿון מיין עדות־זאָגן. איר נעמט דאָך נישט אָן, אַז מיט מיין צוריקקומען אַהיים וועל איך דערקלערן, אַז כ׳בין טאַקע געווען אַ בריטישער און ישׂראלדיקער שפּיאָן, אַז כ׳האָב געווירקט קעגן אייער רעזשים און אַז מיין עדות־זאָגן איז געווען לויטער אמת. אויב אַפֿילו איך וועל דאָס זאָגן, — וועט מען מיר נישט גלייבן. דעריבער קאָן איך נישט גלייבן, אַז נאָך מיין עדות־זאָגן וועט איר מיך אַרויסלאָזן אויף דער פֿריי און לאָזן מיך אַהיימפֿאָרן.

— מיר האָבן דאָס אַלץ באַטראַכט. מיר פֿאַרלאָזן זיך אויף אייך, אַז מיטן צוריקקומען אַהיים, וועט איר נישט צוטראַכטן כל־מיני באָבע־מעשׂיות — נאָכדעם ווי מיר האָבן אייך מוחל געווען און צוריקגעלאָזט אַהיים. און אויב איר וועט דאָך זיך אָנשליסן אינעם כאָר העצער קעגן אונדז — וועלן מיר פֿייפֿן אויך אויף אייער העצע, ווי אויף דער העצע פֿון די

איבעריקע שונאים אונדזערע. אָבער מיר גלייבן, אַז איר וועט נישט זיין אומדאַנקבאַר. איר קאָנט זיך דעריבער פאַרלאָזן אויפן וואָרט פון אַ טשע־באָסלאָוואַקישן אָפיציר. מיטן עדות־זאָגן אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס קערט איר זיך אום אַהיים. פאַרלאָזט זיך אויך אויף מיין וואָרט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: אויב איר ווערט צום סלאַנסקי־פּראָצעס געברענגט אַלס באַשול־דיקטער — איז אייער אורטייל אַ געחתמעטער. איר וועט ענדיקן אויף דער תליה. פון דאָרט איז נישטאָ קיין צוריק.

איך שווייג.

— איך יאָג אייך נישט. מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועלן מיר זיך ווידער זען. נאָר געדענקט: עס וואָרט אויף אייך אייך אויטאָבוס בקרוב אַהיימצופירן. זעט איר זאָלט אים נישט פאַרשפּעטיקן. דער אויטאָבוס קאָן אייך אַנטלויפן פון אונטער דער נאָז. און דעמאָלט — זענט איר אַ פאַר־לוירענער.

נעכטן און היינט האָט מען מיך נישט גערופן אין אויספאָרש־ביוראָ. די אינקוויזיטאָרן האָבן ווייזט אויס, באַשלאָסן מיך צו לאָזן מיט זיך אַליין. מיין שכן ווערט גאַנצע טעג און דעם רוב שעהן ביינאַכט געהאַלטן אין דער אויספאָרשונג.

איך דאַרף מאַכן אַ דעצידירנדיקע אַנטשיידונג. דאַרף איך טאַקע אַנטשיידן? נאַרישקייטן. זיי האָבן שוין אַנטשידן. די ברירה וואָס זיי האָבן פאַר מיר געשטעלט — פאַלשע עדות זאָגן מיט אַ צוגאָב פון זעלבסטבאַ־שולדיקונג און פרייהייט, אָדער אַרויפגיין אויפן עשאַפאָט — כדי איך, כלומרשט, זאָל קאָנען דעצידירן און אויסקלויבן, איז אַ תחבולה פון שווינדל, זיי ווייסן, אַז זיי האָבן מיך איינגעבראָכן. אַז איך קאָן זיך איצט מער נישט האַלטן. דער אָפיציר זאָגט ליגן, דערקלערנדיק, אַז מען וועט מיך אָפּלאָזן אַהיים נאָכן „עדות־זאָגן". וויאַזוי וועלן זיי מיך קאָנען שיקן אַהיים — קיין אויסלאַנד — אַ קאָנטעררעוואָלוציאָנערן דיווערסאַנט און אַ מערבדיקן שפּיאָן, אָן אַ פּראָצעס און אָן אַ באַפרייונגס־אורטייל? מיין „עדות־זאָגן" — דאָס הייסט, זייערס — איז נישט צונויפגעשטעלט ווי עדות פון אַ פריינד, וואָס קומט זיי העלפן אין שטעמפּלען זייערע שונאים. ניין, דאָס איז פאָרמולירט ווי דאָס עדות־זאָגן פון אַ געשוווירענעם שונא, וואָס איז דירעקט און אומ־דירעקט אַ שותף צו די „פאַרברעכנס" פון סלאַנסקין און קלעמענטיסן און

איז צוזאַמען מיט זיי ראוי צו איין שטראָף. זיי וועלן מיך נישט שיקן אַהיים. אויך מיר וועלן זיי מאַכן אַ פּראָצעס. טעאָרעטיש — נישט אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס. אָבער פּראַקטיש צווינגען זיי מיך שוין אויף דעם פּראָצעס דער־קעלן אויך וועגן מיינע פאַרברעכנס, אַז איך אַליין זאָל אויפטרעטן אין דער ראָל פון אַ פּראָקוראָר־באַשולדיקער, וואָס לייענט קעגן זיך דעם באַ־שולדיקונגס־אַקט. טעאָרעטיש גענומען וועט מיין פּראָצעס פאָרקומען באַ־זונדער. די האַרבקייט פון מיינע „פאַרברעכנס" איז אַזעלכע, אַז די שטראָף דאַרף זיין — עשאַפאָט. אויך די באַדערפעניש צו פאַרווישן זייערע פאַר־ברעכנס, שטיל מאַכן אַ מענטש וואָס ווייסט צופיל וועגן זייערע חטאים, ווייל מען האָט אים ביי די אויערן אַריינגעשלעפּט אין דער קיך, ווו מען האָט געקאָכט דעם סלאַנסקי־פּראָצעס און אויף אים אויפגעצוווּנגען אַזאַ ראָל אין דער דאָזיקער שווינדל־פאָרשטעלונג — אויך דער שיקול־הדעת וועט זיי, ווייזט אויס, פאַרפליכטן נישט צו שיקן מיך אַהיים, נאָר גאָר ליק־ווידירן אָדער שטיל מאַכן אויף פיל יאָרן. איך האָב מורא, אַז מיין אורטייל איז אַ געחתמעטער — צי כ'וועל יאָ אָדער נישט עדות־זאָגן אויפן פּראָצעס.

אין די לעצטע וואָכן זע איך זיך אויס אין מיינע אויגן ווי עמעץ אַנדערש. ווי אַ מענטש, וואָס זיין ווילן איז פּאַראַליזירט. אפילו ווען איך ראַנגל זיך מיט מיינע פייניקער, ווייס איך, אַז אין דער אונטערשטער שורה וועל איך טאָן זייער רצון. דער כוח פון טראַכטן, דער כוח פון אינטעלעקט. איז כלומרשט אומבאַרירט, אָבער דער כוח פון מיין ווילן איז פּאַראַליזירט. זייער מאָדנע. דער יצר אָפּצוהיטן מיין קיום האָט מיך באַדאַרפט פאַרפליכטן צו שטיין ביזן סוף און אָפּזאָגן זיך צו געבן עדות־דערקלערונגען, וואָס פּאַקטיש זענען זיי אויך אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן מיר אַליין. אַ באַשול־דיקונגס־אַקט, וועמענס סוף עס איז — אומקום. איך זע דאָס קלאָר, נאָר מיין כוח פון ווילן איז פּאַראַליזירט. איך וועל עדות זאָגן. נישט דערפאַר וואָס איך גלייב אינעם אָפּיצירס רייד וועגן דער אויסזיכט צו באַפרייען מיך נאָכן סלאַנסקי־פּראָצעס. איך גלייב נישט דעם ליגן־מייסטער. איך וועל עדות־זאָגן, כדי דער קאָשמאַר זאָל זיך איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל פאַרענדיקן. איך זאָל נישט אַראָפּ פון זינען. איך זאָל זיך שוין מער נישט אומקערן צום שווידערלעכן רעזשים פון אויספאָרשונגען בייטאָג און ביינאַכט. בעסער פון דעם איז אפילו דער עשאַפאָט — ער זאָל מיך אויסלייזן פון דעם דאָזיקן רעזשים, פון די פיזישע און גייסטיקע פייניקונגען, צו וועלכע עס נעמט נישט קיין סוף.

איך בין איבערצייגט, אַז סלאַנסקי, קלעמענטיס און די איבעריקע באַשולדיקטע, זענען אומשולדיק. וויאַזוי זאָל איך געבן מיין האַנט צו אַ טאַט, וואָס וועט זיך ענדיקן מיט מאָרד פון אומשולדיקע מענטשן, אַ קאַלט־בלוטיקער, צינישער, פּלאַנירטער מאָרד, וואָס וועט מאַסקירט ווערן דורכן אורטייל פון אַ פּראָצעס, וואָס איז אינגאַנצן שווינדל און ליגן.

אָבער וואָס וועל איך פּועלן, אויב, לאָמיר זאָגן, כ׳וועל נישט עדות זאָגן? וועלן דאָך סלאַנסקי און קלעמענטיס גופא במילא זיך „מודה זיין" אויפן פּראָצעס אין אַלע אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס, וואָס דרינגען אַרויס פון מיין „עדות־זאָגן". זיי האָבן זיך „מודה געווען" אינעם גאַנג פון דער אויס־פאָרשונג. כ׳האָב אַליין געלייענט אויסצוגן פון זייערע אויספאָרשונגען, גע־חתמעט מיט זייערע הענט. און נאָך: לאָמיר אָננעמען, אַז כ׳וועל נישט עדות זאָגן. איז דאָך נישט קיין ספק, אַז די רעזשיסערן פונעם פּראָצעס וועלן ברענגען פאַרן געריכט אַ וועלט פאַלשע עדות. עס איז נישט אָנצונע־מען, אַז מיט מיין „עדות" וועט דער סלאַנסקי־פּראָצעס זיך אויפהייבן אָדער פאַלן. איך קען סלאַנסקין בכלל נישט. מען וועט ברענגען קעגן אים עדות, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געאַרבעט, מיט וועמען ער האָט זיך לכל הפּחות געטראָפן, געקענט. מיין „עדות־זאָגן" איז נישט קיין באַשטימענדי־קער פאַקטאָר. אויך אָן דעם וועט ער גיין אויפן עשאַפאָט, ער און זיינע חברים. מיין אָפּהאַלטן זיך פון עדות־זאָגן — אויב דאָס וואָלט מיר געגעבן געוואָרן — קאָן בשום אופן נישט ראַטעווען סלאַנסקין און קלעמענטיסן פונעם גורל וואָס זיי דערוואַרט און אפילו נישט אויסבעסערן מיט עפּעס זייער לאַגע. מיין געוויסן באַרויקט זיך עטוואָס, ווען איך מאַך זיך אַליין קלאָר, אַז כ׳געפין זיך אין אַ צוואַנגס־לאַגע, וווּ עס הערשט דער ווילן פון אַנדערע, און נישט מיינער. און אין דער מאָס ווי מיין עדות־זאָגן קאָן מיט זיך ברענגען וועלכן ס׳איז שאָדן פאַר אומשולדיקע מענטשן — איז עס אָבער נישט זוייניקער געוועגדט קעגן מיר זעלבסט. און נאָך עפּעס: די אויסצוגן פון סלאַנסקיס און קלעמענטיסעס „ווידויים", וואָס זענען פאַר מיר געלייענט געוואָרן, אָדער איך אַליין האָב זיי געלייענט אין גאַנג פון די אויספאָרשונ־גען, אַנטהאַלטן אויך רייד, וואָס שטעלן מיך פאַר אַלס פאַרעטער, ציוניס־טישער דיווערסאַנט, מערבדיקער שפּיאָן.

איך דאַרף נישט ליידן פון געוויסנס־יסורים, אויב כ׳וועל זאָגן די פאַלשע דערקלערונגען, וואָס זיי ווילן אַריינלייגן אין מיין מויל. מיך פּייניקט דאָס בילד פון דער שרעקלעכער צעפּוילטקייט, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אויפן

קערפּער פון אַ מדינה, וועלכע איז אַ טייל פון דער וועלט פון רעוואָלוציע. יענע מוראדיקע מאָראַלישע געפאַלנקייט. סלאַנסקין צווינגט מען אויף זיך מודה צו זיין און באַשולדיקן דעם ציוניזם און ציוניסטן. מיר צווינגט מען אויף עדות צו זאָגן קעגן סלאַנסקין און זיך אַליין באַשולדיקן. דאָס זעלבע מיט אַנדערע באַשולדיקטע און עדות. אַלע ראָלן זענען פאַנאַנדערגעטיילט און קאָאָרדינירט. די באַשולדיקטע, די עדות, די ריכטער, די באַשולדיקער און פאַרטיידיקער, דער יוסטיץ־מיניסטער און אינערן־מיניסטער און קודם־כל די אינקוויזיטאָרן־אויספאָרשער — אַלע ווייסן, אַז דער גאַנצער פּראָצעס איז שקר וכזב.

אָבער אַלע וועלן שפּילן זייער ראָל, גלייך דער פּראָצעס וואָלט זיין כולו אמת. איך באַמי זיך צו באַפרייען פון דער צוואַנגס־לאַגע, אין וועלכער כ׳געפין זיך. עס געלונגט נישט. איך פיל זיך אַליין צוגעשמידט — און די יוגנט־דערינערונג דערמאָנט מיך: „צוגעשמידט צום פעלדז". איך בין צוגעשמידט, און שרעק־געשפּענסטער אין געשטאַלט פון אויספאָרשער, וואָס טראָגן די אָפּצייכענונגען פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער קאָמוניסטישער פאַרטיי — זויגן מיין בלוט.

איך וועל טאָן זייער רצון. איך וועל פאַלש עדות זאָגן קעגן סלאַנסקין און קלעמענטיסן און קעגן זיך אַליין.

דאָס דאָזיקע עדות־זאָגן וועט זיך אַנטפּלעקן ווי אַ פּאַסטקע, וואָס זיי שטעלן אָווועק פאַר זיך אַליין. דאָס עדות־זאָגן וועט זוכה זיין צו אַ ברייטער פאַרעפנטלעכונג אין דער וועלט, אין ישראל. אין מיין באַוועגונג וועט מען נישט גלייבן אין די באַשולדיקונגען קעגן מיר. עס וועט דאָרט הערשן אַבסאָלוטע זיכערקייט, אַז אַלץ איז אויסגעטראַכט, אַלץ איז שקר וכזב. און דווקא מיין „עדות־זאָגן" קאָן עפענען די אויגן, קאָן דינען אַלס ביטער געשריי קעגן דער שוידערלעכער צעפּוילטקייט.

דער אָפיציר־אויספאָרשער באַזוכט מיך אָפט. איך ראַנגל זיך נאָך אַלץ. נאָכוואָס? איך ווייס נישט. איך ווייס, אַז כ׳וועל טאָן זיין רצון און עדות זאָגן אויפן פּראָצעס. פונדעסטוועגן פאַרענדיק איך יעדעס געשפּרעך מיטן אָפיציר, זאָגנדיק: כ׳וועל נישט זאָגן קיין עדות־שקר. און יעדעס מאָל רעאַגירט ער: איר ווייסט, אַז איר וועט יאָ עדות־זאָגן. דאָסמאָל איז ער גערעכט. דער צינישער אינקוויזיטאָר ווייסט דעם געמיט־צושטאַנד פון זיין ווילנלאָזן און קראַפטלאָזן קרבן. אַן אויפגערעגטער דערקלער איך, אַז וועגן ציוניזם וועל איך נישט רעדן לויטן לעכערלעכן נוסח ווי ער איז

אַרויסגעבערענגט אין מיין „עדות־זאָגן". איך בין געבליבן אַ ציוניסט. איך בין גרייט עדות צו זאָגן וועגן ציוניזם אין ציוניסטישן גייסט. אויך וועל איך נישט עדות זאָגן, אַז מפּ"ם איז אַ רעאַקציאָנערע פּאַרטיי. מפּ"ם איז געווען און איז אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי. דער אָפיציר זאָגט צו זיך איבערצולייגן מיינע רייד. צומאָרגנס גיט ער מיר צו וויסן, אַז זיי וועלן, ווייזט אויס, זיך באַנוגענען מיט מיין עדות זאָגן אין דעם ענין סלאַנסקי און מוותר זיין אויף די טיילן, וואָס זענען געווידמעט דעם ציוניזם, מפּ"ם און קלעמענטיסן. איך באַמערק אים, אַז אויך דער טייל געווידמעט סלאַנסקין איז שקר פון אָנהייב ביזן סוף. איך וואָרן נאָכאַמאָל, אַז אַלע פּער־זענלעכקייטן וואָס ווערן דערמאָנט אין מיין „עדות זאָגן" און זיצן אין אויס־לאַנד (שרת, אבריאל, פיאַדע, בעבלער, ה. מאָריסאָן, זיליאַקוס) און אויך מיינע פּאַרטיי־חברים, וועלן מיט רעאַלע פאַקטן צונישט מאַכן די פעלשונ־גען, וואָס מען לייגט מיר אַריין אין מויל און פון דעם כאַראַקטער פון מיין „עדות־זאָגן" וועט מען אָפּלערנען דעם כאַראַקטער פון גאַנצן פּראָצעס. דער אָפיציר ענטפערט: „דאָס איז נישט וויכטיק. כ'האָב אייך שוין איינמאָל געזאָגט: די הינט וועלן בילן און דער קאַראַוואַן וועט ווייטער גיין זיין וועג". נאָך יעדן געשפּרעך חזרט ער איבער זיין וואָרענונג: „אורן, אייער אויטאָבוס אַהיים וואַרט נאָך אַלץ. זעט אים נישט צו פאַרשפּעטיקן. אויב ער אַנטלויפט אייך פון אונטער דער נאָז — זענט איר אַ פאַרלוירענער". און איך טראַכט זיך יעדעס מאָל אין האַרץ: „נבזהדיקער שווינדלער".

עס זענען פאַריבער צוויי וואָכן פון אומאויפהערלעכן דרוק מצד דעם אָפיציר־אויספאָרשער, בייטאָג און ביינאַכט. אַ געראַנגל אָן אַ צוועק. גייס־טיקע יסורים און פיזישע ליידן אָן אַ טעם. נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק האָב איך געוווסט, אַז כ'וועל עדות זאָגן. דאָס מאָל פאַרענדיקט זיך דאָס געשפּרעך מיט אַ קורצער דערקלערונג: „איך וועל עדות זאָגן".

דער אָפיציר באַפעלט דעם אויספאָרשער ער זאָל מיך לאָזן שלאָפן אין די ווייטערדיקע נעכט. ער פאַרלאָזט דאָס פאָרש־ביוראָ. אַ פיאַווקע, וואָס ווערט צעפּלאַצט פון אַ שפע בלוט, אויסגעזויגן פון מיין גוף.

אָנהייב נאָוועמבער 1952. אַ שרעקלעכע קעלט אין קאַמער. די זון האָט אויפגעהערט באַזוכן מיין קאַמער. זי הייבט ווידער אָן ווערן טריב און פינצ־טערלעך. ביידע — דער שכן און איך — מאַכן איבערמענטשלעכע אָנ־

טשרענגגונגען גובר צו זיין די קעלט. איך בין געשלאָפן עטלעכע נעכט. אייניקע טעג האָט מען מיך נישט גערופן צו קיין אויספאָרשונגען. דער קאָמפּלעט רעזשיסערן פונעם פּראָצעס, שטעלן אוודאי צונויף די ענדגיל־טיקע פאָרמולירונג פון די ליגנס וואָס וועלן הייסן „דאָס עדות־זאָגן פון מ. אורן״. צום פינפהונדערטסטן מאָל לייען איך די אַרטיקלען וועגן ישו און די אַפּאָסטאָלן, הגם איך קען זיי שוין לאַנג פון אויסנווייניק. איך זעץ איבער מיין שכן אַלע אַרטיקלען אויף טשעכיש. נישט איינמאָל האָב איך געבעטן מיין אויספאָרשער, אַז די קאַטוילישע אילוסטרירטע צייטונג וועגן ישו, די אַפּאָסטאָלן און דעם ווייַנאַכט־יום־טוב, זאָל ער מיר אויסטוישן אויף אַ בוך אין תחום פון מאַרקסיזם אָדער פון בעלעטריסטיק. ער ענטפערט: געדולד. נאָכן פּראָצעס. דער אויספאָרשער פילט נישט בכלל, אַז ער דעקט אויף דעם שווינדל פון זיין שעף, וואָס האָט מיר געזאָגט — און איך האָב אים נישט געגלייבט — אַז נאָכן פּראָצעס גיי איך אַהיים. מיין שכן בעט מיך, איך זאָל אים לערנען דעם העברעישן אלף־בית. איך טו אים צוליב. איך האָב געבעטן דעם אויספאָרשער מיר אויסטוישן די זומערדיקע אַרעסטאַנטן־קליי־דונג אויף ווינטערדיקע, אָדער מען זאָל מיר ווינציקסטנס דערלויבן אָנטאָן מיין סוועטער, וואָס איז מיר צוגענומען געוואָרן בעת מיין אַרעסט. אויך אויף דעם ענטפערט דער אויספאָרשער: געדולד. ער זאָגט: נאָכן פּראָצעס. ער אַנטפּלעקט ווידער דעם שווינדל פון אָפּיצירס צוזאָג וועגן מיין אומ־קערן זיך אַהיים נאָכן פּראָצעס.

דער אויספאָרשער לייענט פאַר דעם ענדגילטיקן נוסח פון מיין „עדות־זאָגן״. מען האָט פון דאָרט אַרויסגענומען דעם טייל, וואָס באַצייכנט מפ״ם אַלס רעאַקציאָנערע פּאַרטיי. פאַראַן דאָרט דריי טיילן: וועגן סלאַנסקין, וועגן קלעמענטיסן און וועגן ציוניזם. איך זאָג אים, אַז אויף ציוניזם וועל איך נישט עדות זאָגן אין אַזאַ לעכערלעכן גייסט, נאָר לויט מיין אויפפאַסונג פונעם ציוניזם, אַלס נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק. ער דערמאָנט מיך די ווערטער פונעם הויכן אָפּיציר, אַז ווייזט אויס, דאָס כ׳וועל עדות זאָגן נאָר בנוגע סלאַנסקין.

איך דאַרף חתמענען דעם נוסח פונעם עדות־זאָגן. צוליב מיר האָט מען עס אָפּגעהאַלטן. פריער מוז ער מיר פאָרלייענען צוויי פּאַראַגראַפן פו־נעם קאָדעקס. פון זיין שופלאָד שלעפּט ער אַרויס אַ גראָב בוך. דאָס בוך פון געזעצן, וואָס איך האָב געגאַרט אַריינצוקוקן אין אים זינט מיין אַרעסט. ער עפנט דאָס בוך און אויף אַ פייערלעכן אופן לייענט ער די צוויי פּאַ־

ראַגראַפן, איינעם וועגן דעם חוב פונעם אויספאָרשער אויפצוקלערן דעם עדות זיינע פליכטן אַלס עדות. דער צווייטער — וועגן דעם חוב פונעם עדות צו זאָגן... אמת און וועגן דער שטראָף וואָס דערוואַרט אים פאַרן זאָגן ליגן.

ממש אַ רעקאָרד פון ציניזם און מאָראַלישער גענגסטעריי. אַ גאַנץ יאָר צאַפּט מען פון דיר דאָס בלוט, מען הונגערט דיך אויס, מען רויבט דיר צו דעם שלאָף, מען שלאָגט און מען דערנידעריקט דיך, מען צעברעכט דיר די ביינער און דעם גייסט, כדי דיך צו דערפירן צו ליגנערישע עדות־זאָגן קעגן זיך און קעגן אַנדערע. צום סוף ברעכט מען דיך איין. ביסט גרייט אונטערצושרייבן די ליגנס, וואָס די אינקוויזיטאָרן האָבן אויסגע־טראַכט און אויפגעהויבן צו דער מדרגה פון אמת. און איצט,ביים שוועל פון חתמענען — האָבן זיי, די פעלשער וואָס צווינגען דיך אויף אַ ליגנעריש עדות־זאָגן — נאָך אַ קופּערנעם שטערן דיר פאַרצולייענען דאָס געזעץ וואָס פאַרפליכטעט דעם עדות צו זאָגן אמת, נאָר דעם אמת. און פאַרשטייט זיך, אַז מיט דעם צערעמאָניאַל איז מען נישט אויסן דיך אָפּצוהאַלטן פון אונ־טערשרייבן. פאַרקערט, זיין כוונה איז אויסצונוצן אויף אַ מאַקיאַוועליסטישן אופן דאָס געזעץ, כדי די ליגנס וואָס דאַרפסט חתמענען, צו געבן דעם כאַראַקטער פון אמת. דוכט זיך, אַז אינעם הערב פון דער טשעכאָסלאָוואַ־קישער רעפּובליק איז אויסגעקריצט די דערהויבענע לאָזונג: „דער אמת וועט זיגן". און אָט לגבי די אומשולדיקע קרבנות וועגדעט מען אָן אַן אַנ־דערע ליניע: זאָגט שקר, ליגנערט, אויב איר וועט וואַגן זאָגן דעם אמת — איז אייער סוף די תליה.

אַ ריזיקע איבערלעבונג. דער אויספאָרשער האָט מיך היינט צום ערשטן מאָל אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַציר אויף דער פרישער לופט במשך 20 מינוט, אין איינעם פון די תפיסה־הייף. אויף מיין „זומער־פּידזשאַמע" האָב איך אַרויפגעצויגן אַן אַלטן, ציווילן ווינטער־מאַנטל; כ'האָב אָנגעטאָן לאַנגע שטיוול און אַ היטל. אינדרויסן הערשט אַ ווינטערדיקע קעלט. דער הויף איז אַרומגערינגלט מיט מויערן. דאָס ערשטע מאָל זינט מיין אַרעסט -- מיט 9 חדשים צוריק — אַז איך אָטעם פרישע לופט, אַז איך זע דעם הימל נישט דורך דער בלינדער שויב פונעם פענצטער אין קאַמער, אַז איך זע וואָלקנס. אין קאָפּ שווינדלט אַ ביסל. עס באַפאַלט מיך ווי אַן אָנגענעם געפיל פון שכרות. איך שפּאַציר לענגאויס די מויערן פון הויף —

און ביי מיין זייט דער אויספאָרשער. איך פאַרשטיי, אַז דער טאָג פון פּראָ־צעס איז זייער נאָענט. מיין שכן האָט מיר געזאָגט אין די לעצטע טעג, אַז מיין פּנים איז געל ווי וואַקס. אין געריכט טאָר איך נישט דערשיינען מיט אַ געל געזיכט. עס דאַרף איינזאַפּן אַביסל פרישע לופט. זיך אויפפרישן. דער אויספאָרשער איז מיך מכבד מיט אַ סיגאַרעט. ער זאָגט מיר אָן די בשורה, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט מען מיך פון צייט צו צייט אַרויס־נעמען צו אַזאַ שפּאַציר. איך הייב אויף דעם קאָפּ און ווער דערשטוינט פונעם אויסזען פון מיין תפיסה־געביידע. אייגנטלעך זע איך מער נישט ווי איין פליגל. אַ הויכע גראָע געביידע. ניין שטאָק. ענגע רייען פון קליינע פאַרקראַטעוועטע פענצטער. אין גייסט זע איך די הונדערטער און טויזנטער אַרעסטירטע, דערשעפּטע און צעפּרעסענע פון יאוש, וואָס פּייניקן זיך הינ־טער די דאָזיקע פאַרקראַטעוועטע פענצטער. אָט דאָרט, אין עק פליגל, אָן ענגע ריי גרויסע פענצטער, זייערע שויבן ביז דער העלפט געפאַרבט אויף ווייס. די פענצטער פון די גיהנום־ביוראָען. דאָרט פּראָדוצירט מען איצט פיבערהאַפט „אמתדיקע ווידויים" און אמתדיקע „עדות" אָן אַ שיעור. אַ פינצטערער בנין. אָן עפּאָס פון ליידן, פיזישע און גייסטיקע ליידן וועבט זיך צווישן די מויערן פון דעם דאָזיקן ריזן־בנין. איצט פליט אויבן אָן עראָפּלאַן אין אַ גרויסער הייך. נישט איינמאָל פלעג איך פון עראָפּלאַן אַראָפּקוקן אויף דער דאָזיקער סביבה, נישט וויסנדיק דעם מיין פון דעם בנין. איצט קוק איך פון אונטן אַרויף, פון דעם דאָזיקן בנין. און איך ווייס וואָס ער באַדייט. אַ טייל פון אַ בליענדיקער אינדוסטריע אין דער טשעכאָ־סלאָוואַקישער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. אַ פאַבריק פאַר פאַלשע ווידויים, ליג־נערישע עדות, שווינדלערישע פּראָצעסן.

טעג און אָוונטן פאַרברענג איך אויף לערנען מיין ראָל צו דער פאָר־שטעלונג. די נעכט זענען הייליק פאַרן שלאָפן. יעדן טאָג, יעדע נאַכט, ווער איך גערופן צום אויספאָרשער. איך דאַרף פאַרלייענען מיין ראָל — דאָס הייסט, זייער פאַלשע עדות — איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל. אינמיטן לייענען שטעלט מיר דער אויספאָרשער די פאַרצייכנטע פראַגן אינעם עדות־זאָגן און איך ענטפער די פאַרשריבענע דאָרט ענטפערס. ביי אַ צוויי־וואָכן ציט זיך דאָס „לערנען". בעת איינער פון די דאָזיקע „אויספאָרשונגען" קומט אַריין דער אָפיציר־אויספאָרשער, דער ממונה איבער מיינע אויס־פאָרשער און איבער די שקרים, וואָס מען האָט מיר אַריינגעלייגט אין מויל. ער עפנט נישט דאָס מויל, נאָר הערט זיך צו אויפמערקזאַם צום גאַנג פון

דער רעפּעטיצע. איז דאָס די גענעראַל־פּראָבע פאַרן אויפטרעטן אויף די ברעטער פון דער בינע? דער רעזשיסער ווייזט אַרויס צופרידנקייט.

אין אָוונט, איך בין דאָ אין קאַמער. אויך מיין שכן. די טיר עפנט זיך. עס קומט אַריין דער וועכטער־פריזירער אין באַגלייטונג פון אַ צווייטן וועכטער. דער פריזירער שערט און ראַזירט מיך אָפּ. ער אַרבעט איבער מיר אַ לאַנגע צייט, נישט ווי געוויינלעך. דאָס איז נישט די איינגעשטעלטע שעה אויף צו שערן אַרעסטירטע. איך און מיין שכן פאַרשטייען — מאָרגן דערשיין איך אויפן פּראָצעס. דער עקזאַמען אין דער פאָרש־ביוראָ איז געווען — די גענעראַל־פּראָבע. אָבער פאַרוואָס זאָגן זיי מיר נישט דאָס בפירוש?

נאָך אַ ביסל וועט קלינגען דער גלאָק צום שלאָפן גיין. איך ווער אַרויסגערופן אין אויספאָרשונג־ביוראָ. עס געפינען זיך דאָרט מיין אויס־פאָרשער און דער אָפיציר. דער אָפיציר מאַכט מיר אַ קאָמפּלימענט פאַר דער „שיינער פריזור". איך באַמערק אים, אַז איך פאַרשטיי, אַז מאָרגן גיי איך אין געריכט. ער ענטפערט, אַז אים איז דאָס נישט באַוווּסט. דער „שעף" וועט אייך וועגן דעם צוויסן טאָן. דער אָפיציר הייבט אָן:

— כ'האָב אייך בשעתו געזאָגט, אַז נאָכן עדות זאָגן וועט איר זיין אַ פרייער מענטש אַהיימצופאָרן. איר קאָנט איצט צוויסן געבן אַהיים דורך אַ טעלעגראַם. אַנהייב דעצעמבער — דאָס וועט שוין זיין נאָכן פּראָצעס — ווערט איר באַפרייט און וועט קאָנען פאָרן אַהיים. עס איז אייך דערלויבט איינצולאַדן אַהער אייער פרוי. מיר וועלן זיך באַמיען זי זאָל אָן שוועריקייטן באַקומען אַן אַריינפאָר־וויזע אין אונדזער לאַנד.

איך גיב אָנצוגעהערן דעם אָפיציר, אַז מיר איז שווער צו גלייבן אין זיינע רייד. אין האַרץ בין איך זיכער, אַז דאָס איז אַ גראָבער שווינדל. און זיין אויפגאַבע איז מיר קלאָר. דערוועקן אין מיר דאָס געפיל, אַז דאָס באַ־פרייען איז אָפּהענגיק אין דער קוואַליטעט פון מיין עדות זאָגן. אַז כ'זאָל זיך נישט אין דער לעצטער מינוט צוריקציען. דער אָפיציר באַמיט זיך מיך איבערצוצייגן, אַז דער ענין טעלעגראַם איז נישט קיין שווינדל. איך זאָל זיך פאַרלאָזן אויפן ערן־וואָרט פון אַן אָפיציר פון דער טשעכאָסלאָוואַ־קישער זיכערהייט־פּאָליציי. איך פאַרלאָז זיך נישט אויפן וואָרט פון אַטאַ־דעם און פון זיינס גלייכן.

צום סוף באַשליס איך אין האַרצן: כ'וועל דאָך אַזוי אויך עדות זאָגן אויפן פּראָצעס, אָן דעם דאָזיקן לאָקנדיקן און פאַלשן צוזאָג. די טעלעגראַמע

וועט אָן שום ספק נישט געשיקט ווערן אַהיים. עס וועט אָבער גאָרנישט שאַטן, אויב איך וועל צונויפשטעלן אַ טעלעגראַם אַהיים. דער אָפיציר גיט מיר פּאַפּיר און אַ פעדער. איך שטעל צונויף אין דייטש אַ טעלעגראַם צו מיין פרוי:

אַנהייב דעצעמבער וועט מען מיך לאָזן אומקערן אַהיים. באַמי זיך צו קומען קיין ציריך און מיר וועלן צוזאַמען פאָרן אַהיים.
מרדכי אורן

דער אָפיציר זאָגט, אַז די טשעכאָסלאָוואַקישע געזאַנדשאַפט אין תל־אביב וועט באַקומען אַ דרינגענדיקע אָנווייזונג צו געבן מיין פרוי אַן אַריינפאָר־וויזע קיין טשעכאָסלאָוואַקיע — אין פאַל ווען זי באַשליסט צו קומען קיין פּראָג. ער גיט צו, אַז די טעלעגראַמע וועט אַרויסגעשיקט ווערן נאָך היינט ביינאַכט, נאָר אויף מיין חשבון, דאָס הייסט אויפן חשבון פון מיין געלט וואָס ליגט אין דעפּאָזיט אין תפיסה־קאַנצעלאַריע. טראָץ די אַלע פאַרמאַסקירטע תחבולות בין איך איבערצייגט, אַז דאָס אַלץ איז אַ פשוטער שווינדל.

— מיר דאַרפן זיך קלאָר מאַכן נאָך איין וויכטיקן פּרט — זאָגט דער אָפיציר. — הגם אייער עדות־זאָגן גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז איר קענט נישט סלאַנסקין. די דאָזיקע זאַך שוואַכט אָפּ, אָן שום ספק, די באַגלויבטקייט פונעם עדות־זאָגן. נאָך וואָס לייקנט איר אָפּ אייער פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט? סלאַנסקי האַלט זיך ביי דעם, אַז איר זענט גוטע באַקאַנטע. איך די אָנגעשטעלטע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּטיילונג פון דער אָנפירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען טענהן, אַז איר פלעגט זיך טרעפן מיט סלאַנסקין. איר דאַרפט זיך מודה זיין, אַז איר קענט אים פּערזענלעך. מיר וועלן אויף שנעל צוזאַמענשטעלן אַ קליינעם פּראָטאָקאָל אין דער פראַגע.

איך באַמערק, אַז כ׳בין מיט אים מסכים, דאָס מיין עדות־זאָגן קעגן סלאַנסקין וועט אַרויסרופן אַ מאָדנעם איינדרוק, באַזאַמען מיטן פאַקט, אַז כ׳קען בכלל נישט סלאַנסקין. נאָר צו מיין פרייד — איז מיין עדות־זאָגן אָנגעשטאָפּט מיט פיל אויסגעטראַכטע זאַכן, וואָס באַווייזן, אַז דאָס עדות־זאָגן איז נישט קיין אמתדיקס, נאָר אויפגעצוווּנגען. איך בין נישט גרייט זיך „מודה" צו זיין אין מיין באַקאַנטשאַפט מיט סלאַנסקין. איך גלייב נישט, אַז סלאַנסקי טענהט, אַז ער קען מיך. און אויב ער זאָגט אַזוי — איז נישט פון זיין פרייען ווילן. און נאָך עפּעס: קיינער פון דער אָנפירונג פון די פּראָ־

פּעסיאָנעלע פּאַריינען האָט נישט געהערט פון מיר, אַז איך פּלעג זיך באַ־געגענען מיט סלאַנסקין, ווייל איך האָב זיך מיט אים נישט באַגעגנט.

דער אָפיציר רופט מיר אָן דעם נאָמען פון אָן אָנגעשטעלטער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּטיילונג פון די טשעכאָסלאָוואַקישע פּראָפעסיאָ־נעלע פּאַריינען און זאָגט, אַז זי האָט פאַר אים עדות געזאָגט, אַז זי האָט פון מיר געהערט וועגן מיינע באַגעגענישן מיט סלאַנסקין. איך ענטפער, אַז די דאָזיקע חברטע פלעגט מיר העלפן אין פאַרשידענע פּראַקטישע ענינים (וויזעס אדג״ל). מיט איר האָב איך נישט געשמועסט וועגן מיין פּאָליטישער טעטיקייט. דער אָפיציר דריקט און דריקט. איך פיל, אַז נאָך אַ ביסל, וועל איך זיין גרייט צו חתמענען וועגן מיין פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט מיט סלאַנסקין. און דאָ קומט פאַר עפּעס איבעראַשנדיקס, דער אָפיציר איז מוותר. ווייזט אויס, אַז ער האָט מורא צופיל איבערציען די סטרונעס — קוים וועט קאַליע ווערן דער ענין פון מיין „עדות־זאָגן״. ער קוקט אויפן זייגער. מיט אַ שעה צוריק האָט געקלונגען דער גלאָק צום שלאָפן גיין. ער זאָגט:

— איר ווילט זיך נישט מודה זיין? גוט. איך וועל נישט דריקן אין דער פראַגע. שרייבט אונטער דעם פּראָטאָקאָל, אַז איר קענט נישט סלאַנ־סקין.

איך חתמע. ווייזט אויס, אַז דאָס איז נייטיק, כדי בטל מאַכן סלאַנ־סקיס „מודה זיין״, אַז ער קען מיך פּערזענלעך.

איך קום צוריק אין קאַמער און גיי אַרויף אויפן געלעגער.

דער וועכטער וועקט מיך אויף. איך בין זייער ווייניק געשלאָפן. אין קאָרידאָר גיט מיך דער וועכטער איבער עמעצן אַנדערש. מיינע אויגן זענען פאַרבונדן, נאָר לויטן אופן פון גיין מערק איך, אַז דאָס איז מיין שטענדיקער אויספאָרשער. ער ברענגט מיך פאַרן „שעף״. ווידער זוך איך אויף די ווענט דעם פּאָרטרעט פונעם פּרעזידענט פון דער טשעכאָסלאָוואַ־קישער רעפּובליק, נישטאָ. אויף דער צענטראַלער וואַנט הענגט דער ריזי־קער פּאָרטרעט פון סטאַלינען. אויפן פּאָן פון דעם פּאָרטרעט זיצט דער „שעף״.

ער נעמט מיך אויף פיין. אַלע דריי זיצן מיר אויף געבעטע פּאָטעלן, אַרום אַ קליין, קיילעכדיק טישל. ער איז מיך מכבד מיט אַ סיגאַרעט. ער פאַרענטפערט זיך פאַרוואָס מען האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף אינמיטן

דער נאַכט, ווייל מען האָט אים ערשט צווייסן געגעבן, אַז מאָרגן דאַרף איך עדות־זאָגן אינעם סלאַנסקי־פּראָצעס. ער קוקט אויפן זייגער און פאַרבע־סערט זיינע רייד:

— מען קאָן זאָגן, אַז איר וועט נאָך היינט עדות זאָגן, ווייל עס איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. איך בין געוועזן געצוווּנגען איך אויפצוועקן, כדי אויפקלערן עטלעכע ענינים, איידער איר דערשיינט אויפן פּראָצעס. וויאַזוי־פילט איר זיך ערב דעם עדות־זאָגן?

— ווי אַ מאַן, וועמען מען צווינגט פאַלש עדות־זאָגן.

— דאָס עדות־זאָגן איז אמת. איר וועט עדות זאָגן בלויז אין ענין סלאַנסקי. עס וועלן אייך געשטעלט ווערן בלויז פראַגן, וואָס געפינען זיך אין די פאָרמולאַרן פון אייערע עדות־דערקלערונגען. די אַדוואָקאַטן וועלן גאָרנישט פרעגן. סלאַנסקי איז זיך אין אַלץ מודה וואָס ס׳איז געשריבן אין אייער עדות־זאָגן. ער וועט דאָס אויך באַשטעטיקן אויפן פּראָצעס. אייער עדות־זאָגן איז נישט געוואָרן אויפגעצוווּנגען. אויסער דעם איז אייך באַוווּסט, אַז נאָכן פאַרענדיקן דעם פּראָצעס גייט איר אַהיים. מיט אייער עדות זאָגן אויפן פּראָצעס עפנט איר פאַר זיך זעלבסט די טויערן פון תפיסה. אויף מיין טיש ליגט אייער טעלעגראַם צו דער פרוי. זי וועט געשיקט ווערן במשך דעם היינטיקן טאָג.

— נישט איינמאָל האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף אויסקלייבן צווישן דעם דאָזיקן עדות־זאָגן און אומקום. במשך דעם דאָזיקן יאָר האָט איר מיך איינגעבראָכן. איר ווייסט אויסגעצייכנט מיט וואָסערע מיטלען. איר האָט מיך אָבער נישט אויף אַזויפיל איינגעבראָכן, אַז איך זאָל זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע אויפגעצוווּנגענע עדות־זאָגן איז מיינס און איז אמתדיק. איך גלייב נישט, אַז איר וועט מיך לאָזן אַהיים. אַז איר וועט שיקן די טע־לעגראַמע צו מיין פרוי, ווייל אין דעם עדות־זאָגן צווינגט איר מיר אויף כ׳זאָל אויך מיך אַליין באַשולדיקן אין פאַרברעכערישער טעטיקייט און שפּיאָנאַזש קעגן אייער רעפּובליק. דערפאַר גלייב איך נישט, אַז איר וועט מיך אָפּלאָזן אַהיים מיטן פאַרענדיקן דעם פּראָצעס.

— די טעלעגראַמע ווערט היינט געשיקט קיין ישראל. איר וועט צו־ריקקומען אַהיים. ריכטיק, אין אייער עדות־זאָגן באַשולדיקט איר אויך זיך. אָבער דאָס איז פאַר אייער טובה ווען. די אָפענע זעלבסטבאַשולדיקונג זאָגט עדות דערויף, אַז איר האָט חרטה אויף אייער פיינדלעכער טעטיקייט

און אַז איר ווערט אונדזער אַ פריינד. דערפאַר וועל איך אייך דערלויבן זיך אומצוקערן אַהיים. נאָר דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, איז אַ באַדינג פון דעם אַז איר וועט אָנשטענדיק עדות זאָגן, דאָס הייסט, לויטן עדות־פאָרמולאַר וואָס איז אייך באַקאַנט.

ער ציטירט פון אויסנווייניק די פראַגן און די ערשטע פונקטן פון די ענטפערס פון מיינע „עדות־דערקלערונגען". מיך וווּנדערט וואָס ער קען מיין „עדות־זאָגן" פון אויסנווייניק. ווייזט אויס, אַז דאָס איז די פּרוכט פון זיין אַרבעט. דאָס זענען זיינע עדות־דערקלערונגען.

— און נאָך איין וואָרט, אַ וואָרענונג: איך האַלט אייך אין מיינע הענט. איך אַנטשייד דאָ. איך פאַרלאָז זיך אויף אייער אָנשטענדיקייט. נאָר זייט וויסן: אויב ס'וועט עפּעס נישט זיין אין אָרדענונג אין אייער עדות־זאָגן — זענט איר אַ פאַרלוירענער. איר וועט מערער נישט זען אייער משפּחה און דאָס היימלאַנד. איך באַדויער, נאָר ס'איז געווען מיין פליכט צו זאָגן אייך דאָס דאָזיקע שווערע וואָרענונגס־וואָרט. איצט גייט שלאָפן. איך וועל אייך זען היינטיקן אָוונט אין געריכט.

דער אויספאָרשער פאַרבינדט מיר די אויגן. מיין לעצטער בליק פאַלט אויפן ריזן־פּאָרטרעט פון סטאַלינען. איך דערמאָן זיך אין די מאָס־קווער פּראָצעסן פון די דרייסיקער יאָרן. די „ווידויים" און „עדות" פון די גרעסטע און עלטסטע באָלשעוויקעס און זייער לעצטן גורל.

די פאָרשטעלונג: „סלאַנסקי־פּראָצעס"

איך האָב נישט צוגעטאָן קיין אויג. כ'האָב געקלערט איבער די פּרטים פונעם געשפּרעך מיטן הויפּט־רעזשיסער פון סלאַנסקי־פּראָצעס. זיין אומפאַרמאַסקירטע דראָונג: דו דאַרפסט שפּילן אין אַ פאַרס. אויב נישט — ביסטו אַ פאַרלוירענער. אויך אַן דער דאָזיקער דראָונג — וועל איך שפּילן אין דעם פאַרס. איך קאָן שוין נישט שטיין מערער קעגן זיי. מיין ווילנס־קראַפט איז צעשטערט. מיין האַלטונגס־קראַפט — אַ צעבראָכענע. איך אַליין פיל זיך ווי אַ געפאַנגענער פון אַ מין פאַטום, וואָס איז געוואָרן מיין באַפעלער. נייַן, זיי וועלן מיך נישט אַהיימשיקן. אַלע זייערע צוזאָגן

אין דעם ענין זענען בלויז שווינדל. אפשר וועט נעמען אַ סוף צו די קאַש־מאַרן פון די אויספאָרשונגען, ווייל זיי קאָנען מיך משוגע מאַכן אויב זיי הערן נישט אויף. איך וויל נישט אַראָפּ פון זינען.

איך שטוין איבער די רעזשיסערן פון פּראָצעס, וואָס גלייבן, אַז מיינע „עדות־דערקלערונגען" וועלן צוגעבן אַ ברעקל באַגלויבטקייט דעם פּאַרס פון פּראָצעס. איך בין טיף איבערצייגט, אַז אין ישראל וועט מען פאַרשטיין, אַז אַלע פאַקטן אין מיין „עדות־זאָגן" זענען פאַלשע, אַז מיין עדות איז אַן אויפגעצוווּנגענער שקר. אַז דער גאַנצער פּראָצעס איז שקר. איך וויל נישט פאַרלייקענען: אויך אַן דער דאָזיקער טריסט, וואָלט איך געשפּילט די ראָל, וואָס די אינקוויזיטאָרן צווינגען מיר אויף. איך וויל זיך שוין מער נישט פּייניקן. איך וויל נישט „זיין פאַרלוירן". נאָר עס פאַר־לייכטערט מיר די אויסזיכט, אַז מיין ליגנערישע עדות־זאָגן, וועט זיין אַ שטיקל צושטייער צו אַנטפּלעקן דעם אמת וועגן פאַרברעכערישן כאַראַקטער פון גאַנצן פּראָצעס. יאָ, איך וועל שפּילן מיין ראָל.

באַלד נאָכן פרישטיק קומט אין מיין קאַמער אַ וועכטער־באַאַמטער און דערלאַנגט מיר אַ שטיקל פּאַפּיר; דאָרט איז געשריבן — מיט דער שרייבמאַשין — אַז כ׳בין מסכים, אַז די הוצאות פאַר אַפּשיקן מיין טעלע־גראַם צו רעגאַ אורן, מזרע (ישראל) זאָלן געדעקט ווערן פון מיין געלט (דאָלאַרן) וואָס איז אין דער קאַסע פון תפיסה. איך שרייב אונטער — מיטן קלאָרן באַוווּסטזיין, אַז דאָס איז נאָך אַ רינג אין דער קייט פון שווינדל. זיי באַמיען זיך, ווייזט אויס, מיך שטאַרק איבערצוצייגן, אַז מיין טעלעגראַם וועט געשיקט ווערן אַהיים. ביזן דערשיינען אויפן פּראָצעס, ווילן זיי אין מיר שטאַרקן די האָפענונג פון מיין נאָענטער באַפרייונג. און איך ווייס, אַז מיין טעלעגראַם וועט נישט געשיקט ווערן. און אַז מיטן פאַרענדיקן דעם פּראָצעס וועל איך נישט באַפרייט ווערן.

מיין אויספאָרשער ברענגט מיך אין דער תפיסה־קאַנצעלאַריע. דאָרט איז אָנגעגרייט מיין טונקעלע מאַרינאַרקע, מיין וועש, דער קראַוואַט, אַלץ ריין און אויסגעפּרעסט. די שיך גלאַנצן. איך דאַרף אַלץ אָנמעסטן. דער אויספאָרשער דערנענטערט מיך צו אַ גרויסן שפּיגל וואָס הענגט אויף דער וואַנט. איך האָב מורא צו קוקן אין שפּיגל. ניין, דאָס בין נישט איך. נישט מיין פּנים איז עס, נאָר עמעצן אַנדערש, אויף וועמען ס׳איז אַדורכגעגאַנגען 11 חדשים פיזישע און גייסטיקע ליידן.

דער אויספאָרשער פירט מיך אַרויס אויפן תפיסה־הויף. דער שפּאַציר דויערט עפּעס מערער ווי צוואַנציק מינוט. ער באַציט זיך צו מיר מיט געקינצלטער העפלעכקייט.

נאָכמיטאָג קום איך צוריק אין קאַנצעלאַריע, כדי אָנצוטאָן מיינע בגדים. איך אַליין פיל זיך ווי אַ שוישפּילער וואָס טוט זיך איבער און גרימירט זיך אין זיין גאַרדעראָב הינטער די קוליסן. דער אויספאָרשער מעסט מיך מיט זיינע בליקן פון אַלע זייטן. ער דערלאַנגט מיר שאָפערן־ברילן, באַדעקטע מיט שוואַרצער לייוונט. דאָסמאָל וועל איך אויף מיינע אויגן פאַרלייגן אַ פּאָר ברילן, און נישט די טראַדיציאָנעלע „שמאַטע". דער אויספאָרשער און אַ וועכטער פירן מיך דורך אומצאָליקע טירן. צום סוף — אַ קליינער אויטאָ. איך אינדערמיטן. פון רעכטס — מיין אויספאָרשער, פון לינקס — דער וועכטער. די מאַשין רירט פון אָרט. לויט ווי מיין שכן האָט מיר געזאָגט, קומען פאָר די גרויסע פּראָצעסן אין די זאַלן פון דערבייאיקן העכסטן געריכט, פאַרבונדענע מיט אַן אונטערערדישן קאָרידאָר מיט דער תפיסה פּאַנקראַץ. די נסיעה דויערט אַ 15—20 מינוט. די מאַשין שטעלט זיך אָפּ. דער אויספאָרשער נעמט אַראָפּ די ברילן פון מיינע אויגן. מיר געפינען זיך אין אַ ליידיקן הויף, אַרומגערינגלט מיט מויערן. די מאַשין פון וועלכער מיר זענען אויסגעשטיגן, זעט אויס אַ פּרעכטיקער פּריוואַט־אויטאָ. אויפן וועג זאָגט מיר דער אויספאָרשער: „דער שעף גיט אייך אָפּ כבוד. איר פאָרט אין אַ מאַשין, וואָס פירט זייער וויכטיקע מענטשן". איז ער אויסן געווען מיר צו געבן אָנצוגעהערן, אַז דאָס איז די מאַשין פון „שעף" גופא? אַ זייער צווייפלהאַפטער כבוד — צו פאָרן אין אויטאָ פון גרויס־אינקוויזיטאָר, דעם שעף פון דער כנופיה וואָס רעזשיסירט שקרים־פּראָצעסן.

דער אַדמיניסטראַציע־אָפיציר, וואָס כ'האָב אים נישט איינמאָל געזען אין מיין תפיסה, איז דאָ פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אָרגאַניזירן די ענינים פון הינטער די קוליסן. ער גיט אַ ווונק צו גיין נאָך אים. איך טו אַזוי. פון רעכטס מיין אויספאָרשער און פון לינקס מיין וועכטער.ביידע אין אויסגעפּוצטע מונדירן. זיי ווייסן, אַז זיי האָבן זוכה געווען צו זיין אויף דער פּרעמיערע.

טויערן און טירן. דאָס איז נישט קיין געריכט, נאָר אַ תפיסה. פּאַנקראַץ. מיר קומען אַריין אין אַ קאַמער. נאָכדעם ווי ביידע באַגלייטער גייען מיט מיר אַריין אינעווייניק, לאָזט מען די טיר האַלב אָפן. אין קאַמער — דריי בענקלעך. דער אויספאָרשער מעלדעט מיר, אַז איך קאָן רייכערן,

נישט בעטנדיק קיין דערלויבעניש. מיך אינטערעסירט די באַוועגונג אין קאָרידאָר. אין איינציקע מינוטן אַרום גייען פאַרביי פאַר דער טיר דריי מענטשן. דער אין ציווילער קליידונג אינדערמיט, פון רעכטס און פון לינקס — צוויי מונדירטע באַגלייטער. דאָס מיינט — אַן „אמת־עדות", אַרומגע־רינגלט מיט צוויי „אמת"־היטער. אַכט אָדער צען אַזעלכע דריילינגס גייען פאַרביי מיין קאַמער און ווערן פאַרשלונגען אין די דערבייאיקע קאַמערן. עדות, וואָס זענען אַזיווי איך געבראַכט געוואָרן פון די תפיסה־קאַמערן און ברענגען פון דאָרט, דעם... סאַמע ריינסטן אמת.

אין אָוונט. דער וועכטער וועמען איך קען פון תפיסה דערלאַנגט מיר אַ „פייערלעכן" אָוונטברויט: אַ יויך, געבראָטענע לעבער און גריצ־וואַרג, זעמל, טיי — כיד המלך. דער אויספאַרשער און וועכטער טראָגן זיך אָפּ אויף אַ צייט. וויזט אויס, אַז זיי עסן אין רעסטאָראַן פאַר די תפיסה־אָנגעשטעלטע.

איך האָב דעם כבוד צום באַזוך פון אַ גאַסט: דער אָפיציר, וואָס איז ממונה איבער דער כנופיה אויספאָרשער. אַ פּראָפּעסיאָנעלער מנוול. דאָס־מאָל איז ער סאַמע העפלעכקייט, וואָס איר צביעות שלאָגט אַרויס פון די שפּאַרעס. ער באַמיט זיך מיט מיר צו שמועסן, גלייך מיר וואָלטן געווען אַלטע גוטע פריינד. ער „זאָגט אָן" אַ גוטע בשורה: מיין טעלעגראַם אהיים איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פאַרמיטאָג. איך ענטפער נישט אויף די דאָזיקע שווינדל־רייד. ער אינטערעסירט זיך מיט מיין געזונט און וויאַזוי איך פיל זיך, און וואָס מאַכט מיין פורונקל, וועלכן מען האָט נעכטן אָפּערירט. נאָך אַ וויזיט: דער „שעף" אַליין. ער רעדט מיט מיר דייטש און רוסיש. ער באַמערקט, אַז סלאַנסקי איז היינט אַ גאַנצן טאָג געפאָרשט געוואָרן במשך דעם פּראָצעס. ער האָט זיך מודה געווען אין אַלע פּונקטן פון דער באַשול־דיקונג, אויך אין די וואָס פאַרנעמען זיך מיט מיין „עדות־זאָגן". ער פליס־טערט מיר אין אויער: „איך האָב גערעדט מיט די אַדוואָקאַטן. זיי וועלן אייך נישט מאַטערן מיט קיין פראַגן". שמועסנדיק מיט אים ביינאַכט, האָב איך זיך געמאַכט תמעוואַטע און געזאָגט, אַז אויב סלאַנסקיס אַדוואָקאַטן וועלן נאָר וועלן, — וועלן זיי אַוועקהרגענען מיין גאַנץ עדות־זאָגן, נישט איבערלאָזנדיק דאָרט אַ שטיין אויף אַ שטיין. אַ סברה, אַז ער מיינט, דאָס איך האָב מורא, קוים וועלן די אַדוואָקאַטן וואָגן דאָס צו טאָן. דעריבער איז ער געקומען מיך באַרויקן: שרעקט זיך נישט, די פּאַרטיידיקער וועלן אַראָפּשלינגען אַלע פאַלשקייטן וואָס מיר האָבן איך אַריינגעלייגט אין מויל.

ווייל ביי אונדז איז נישט די אויפגאַבע פון די אַדוואָקאַטן צו פּאַרטיידיקן די אומשולדיקע, נאָר העלפן דער פּראָקוראַטור אין זייער פּאַראורטיילונג. „יאָ — גיט צו דער פּראָפעסיאָנעלער שווינדלער — אייער טעלעגראַם איז שוין אינדערהיים. איך בין זיכער, אַז אייער פרוי וועט נישט הערן אייער עצה — וואַרטן אויף אייך אין ציריך. זי וועט זיכער קומען אַהער. אגב, פּאַרוואָס ווילט איר נישט זי זאָל קומען אייך באַגעגענען אין פּראָג ?״

איך זאָג אים מיין מיינונג וועגן דאָזיקן גאַנצן שפּיל מיט דער טע־לעגראַם. און אפילו ווען דאָס זאָל נישט זיין קיין שפּיל און זיי וואָלטן באמת געהאַלטן ביים באַפרייען מיך — וואָלט איך מורא געהאַט צו ברענגען מיין פרוי קיין פּראָג, וויל „איר קאָנט זי אַרעסטירן אומשולדיקערהייט אַזוי ווי איר האָט מיך אַרעסטירט״. דער „שעף״ רעאַגירט מיט אַ הילכיק געלעכ־טער : „נישט קיין שלעכטער וויץ״.

זיין פּנים־מאַסקע ווערט ערנסט : „איר גייט אַהיים. וואָס איז מיטן פּאַספּאָרט ?״

— זיין גילטיקייט האָט זיך שוין פון לאַנג אויסגעלאָזט.

דער שעף ווענדט זיך צו מיין אויספאָרשער, וואָס איז אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע : „פּאַרבינדט זיך מאָרגן מיט דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט און פאַרנעמט זיך מיטן פאַרלענגערן דעם פּאַספּאָרט, ער זאָל נישט נאָכאַ־מאָל אַרעסטירט ווערן — צוליב אַן אומגילטיקן פּאַספּאָרט״.

ער ווייסט וויאַזוי צו שפּילן.

די צייט קריכט לאַנגזאַם. דוכט זיך, אַז ס׳זענען שוין פּאַריבער אַ פיר־פינף שעה זינט מען האָט מיך אַהערגעבראַכט. דער אָפיציר־אָרגאַניזאַ־טאָר גיט אונדז אַ ווונק צו פאַרלאָזן די קאַמער און אַרויסגיין אין קאָרידאָר. מיר שטעלן זיך אַוועק אַנטקעגן אונדזער קאַמער. איך אינדערמיט. פון די דערבייאיקע קאַמערן גייען אַרויס ענלעכע דריילינגס : דער אַרעסטאַנט־עדות אין ציווילער קליידונג און צוויי באַגלייטער אין מונדירן. דער אָרגאַ־ניזאַטאָר האָט אויסגעשטעלט די דריילינגס לענגאויס דעם קאָרידאָר, לויט אַ באַשטימטער אָרדענונג. אַ זעקס־זיבן דריילינגס גייען פאַרביי נעבן מיר. איך קוק זיך צו זיי צו אויפמערקזאַם. נייך, דאָס זענען נישט קיין עדות פון פרייען ווילן. דאָס זענען עדות־אַרעסטאַנטן, בלייכע געזיכטער, געלע איינ־געפאַלענע, איינגעדאַרטע קערפּערס. זייער אויסזען זאָגט עדות, אַז איבער זיי איז אַדורך דאָס וואָס איבער מיר, ביז זיי זענען געוואָרן עדות. זייערע אויגן פליסטערן טיפן טרויער. זייערע געזיכטער דערציילן אַ לאַנגע גע־

שיכטע פון פיזישע ליידן, גייסטיקע יסורים און פייניקונגען. אָט איז נאָך אַ דריילינג. איז דאָס נישט ד״ר גאָלדשטיקער וואָס איז געווען טשעכאָ־סלאָוואַקישער אַמבאַסאַדאָר אין ישראל? הינטער אים שטעלט זיך אויס נאָך אַ דריילינג: אינדערמיט — אַ יונגע פרוי, אַן עדות־אַרעסטאַנטין.

אַלע דריילינגס זענען שוין אויסגעשטעלט. אויפן באַפעל פונעם אָפיציר־אָרגאַניזאַטאָר רירן מיר פון אָרט. מיר שפּאַנען אין אַ באַלויכטע־נעם טונעל, ווייזט אויס, אַז ער פירט אין געריכט־זאַל. יעדע עטלעכע שריט שטויסן מיר זיך אָן אויף צוויי פּאָליציאַנטן (פון יעדער זייט איינער), באַ־וואָפנטע מיט מאַשינגעווער. אייניקע פּרצופים זענען מיר קענטלעך פון מיין תפיסה — רוזין. אַ שטאַרקער אָפּקלאַנג טראָגט זיך פון די טריט פון די עדות און זייערע באַגלייטער. אַלע, ווייזט אויס, זענען געברענגט געוואָרן פון רוזין. צווישן די באַגלייטער פון די עדות וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַר מיר, האָב איך געקאָנט אידענטיפיצירן אייניקע וועכטער וואָס פלעגן היטן אינעם קאָרידאָר, ווו ס׳געפינט זיך מיין קאַמער. מיר שפּאַנען און שפּאַנען. אַ געגנוג לאַנגער טונעל. די צאָל באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן אין אונדזער מאַרש, האַלט זיך אין איין פאַרגרעסערן. די סאַמע בעסטע שמירה. ווער ווייסט וויפל הונדערטער פּאָליציאַנטן שטייען אינדרויסן, כדי אָפּצוהיטן די פּאַרס־פאַר־שטעלונג, וואָס הייסט סלאַנסקי־פּראָצעס? מיר מאַרשירן און מאַרשירן. מענטשן וואָס האָבן הינטער זיך אַ יאָר און מערער פּייניקונגען פון די אויספאָרשונגען און פאַר זיי — אויפגעצוווּנגענע ליגנערישע עדות־זאָגן, אַ רעזולטאַט פון פיזישן און גייסטיקן טעראָר — אויפגעצוווּנגענע ליגנע־רישע עדות־זאָגן, וואָס דאַרף פאַראורטיילן אומשולדיקע קאָמוניסטישע מנהיגים. איז דאָס טאַקע ד״ר גאָלדשטיקער — דער דריטער פאַר מיר? דאָס איז ער.

מיר גייען אַרויף אויף טרעפּ. צום סוף דערגייען מיר צו אַ שיינעם, ברייטן קאָרידאָר. דער קאָרידאָר פון געריכט. אין עק קאָרידאָר פּראָוויזאָ־רישע קאַמערן, צונויפגעקלאַפּטע פון דיקטן (דריי „ווענט״ פון דיקט, אָן אַ דאַך). אין יעדער קאַמער דריי בענקלעך: פאַרן עדות און זיינע צוויי באַ־גלייטער. דער אָפיציר־אָרגאַניזאַטאָר ווייזט אָן יעדן דריילינג זיין קאַמער — ווייזט אויס, לויטן סדר פון עדות אויפטרעטן אין געריכט. כ׳האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט צו כאַפּן אַ בליק אויף אייניקע פון די עדות. יאָ, אַלע אַרעס־טאַנטן. אָט דאָרט איז ד״ר גאָלדשטיקער. איצט האָב איך שוין נישט קיין

שום ספק. הינטער יענער זייט וואַנט, וווּ עס געפינען זיך אונדזערע קאַמערן, קומט פאָר דער פּראָצעס. די טירן פון געריכט-זאַל עפענען זיך, ווייזט אויס, זייער אָפט. פון צייט צו צייט כאַפּן אויף מיינע אויערן טיילן פון רעדעס דורכן הילכער. דער אויספאָרשער מאַכט מיר אויפמערקזאַם, אַז דאָס עדות-זאָגן האָט זיך איצט אָנגעהויבן.

אין קאָרידאָר — אַ גרויסע באַוועגונג. נישט ווייט פון אונדזערע קאַמערן געפינען זיך די קלאָזעטן. פאַר מיין קאַמער (וואָס איז אָפן צום קאָרידאָר), גייען פאַרביי צענדליקער און הונדערטער מענטשן פון פּובליקום וואָס איז געקומען זען די פאָרשטעלונג.

ווער איז דאָס פּובליקום? דער רוב — מונדירטע לייט פון דער זיכערהייט-פּאָליציי. אַ מינדערהייט ציווילע. למען האמת: מענטשן אין ציווילער קליידונג. פיל פון זיי דערקען איך אַלס אויספאָרשער און וועכטער. באַקאַנטע פון מיין תפיסה. איך שטויס זיך אָן, אַז די מיינסטע איבעריקע „בירגער", וואָס איך קאָן נישט אידענטיפיצירן, זענען אויך אויספאָרשער און וועכטער און אָנגעשטעלטע אין דער זיכערהייט-פּאָליציי פון מיינער און אַנדערע תפיסות, נאָר זיי ווילן ליבערשט טראָגן ציווילע קליידונג. פון די דאָזיקע „ציוויליסטן" וועט מען זיכער הערן דעם אויסברוך פון „ספּאָנטאַנע" אויסגעשרייען: „סלאַנסקין אויף דער תליה!" „קלעמענטיסן אויף דער תליה!" „אַ טויט די פאַרעטער!". אין דער היגער פּרעסע וועט מען הסתמא געשריבן ווערן, אַז אַזעלכע אויסרופן זענען געקומען פון די אַנגעוועזנדיקע אויפן פּראָצעס „מאַסן אַרבעטער".

אָט איז דער הויפּט-דאָקטאָר פון דער רוזינער תפיסה — אין מונדיר פון אַן אָפיציר. אָט איז די דאָקטאָרין פון מיין תפיסה — אין אָפיצירן-מונדיר. אָט איז נאָך אַ „ציווילער" — איינער פון מיינע אָפיצירן-אויספאָרשער. אָט שפּאַצירן צוויי „ציוויליסטן". זיי זענען פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך — און דאָס זענען צוויי מיר באַקאַנטע וועכטער פון רוזין. אַ שיין געקליידעטע פרוי קומט צו צו אונדזער קאַמער און פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט מיין אויספאָרשער. צום סוף דערקען איך זי — אַ סערזשאַנטין אין דער זיכערהייט-פּאָליציי, וואָס דינט אין רוזין. דאָס האָט זי איבערגעשריבן אויף דער מאַשין דעם פּראָטאָקאָל פון מיין „עדות-זאָגן". דרך-אגב: אין איר פּראָטאָקאָל האָב איך אַנטדעקט אייניקע גראַמאַטישע פעלערן, נאָר צו איר לויב דאַרף געזאָגט ווערן: ווייניקער גרייזן ווי כ'פלעג געפינען אינעם שרייבן פון אויספאָרשער. דאָס איז, אַלזאָ, דער רוב פון פּובליקום, וואָס איז

געקומען זען די פאָרשטעלונג: מענטשן פון דער זיכערהייט־פּאָליציי אין מונדירן, אַ טייל אין ציווילער קליידונג.

כמעט די גאַנצע צייט דערטראָגן זיך צו מיינע אויערן פראַגמענטן פון די עדות־דערקלערונגען אין געריכט־זאַל. ערשט די רגע האָט מיר דער אויספאָרשער געזאָגט, אַז באַלד וועט קומען מיין ריי. מיין געשפּאַנטקייט ווערט שטאַרקער. איך פאַררייכער איין סיגאַרעט נאָכן צווייטן. אין קאָרידאָר פילט זיך אַ גרויסע באַוועגונג. אַ טייל פון „פּובליקום”, וואָס איז, ווייזט אויס, מיד געוואָרן פונעם כסדרדיקן צוהערן זיך, פאַרווילט זיך מיט שפּאַצירן איבערן לאַנגן קאָרידאָר. איך פאָלג נאָך צענדליקער און הונדערטער מענטשן. פון צייט צו צייט דערקען איך נאָך פּרצופים פון די מיר באַקאַנטע אין תפיסה: פּאָליציאַנטן, וועכטער, אויספאָרשער. אויספאָרשער, וועכטער, פּאָליציאַנטן. אין מונדירן. אין ציווילער קליידונג. פון געריכט־זאַל דערמאָגט זיך צו מיינע אויערן אַ געדעמפּטער אָפּקלאַנג פון רעדעס. לאַנגע מאָנאָלאָגן פון די „עדות”. יעדער מאָנאָלאָג איז פול מיט ליגנס און פעלשונגען. נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע פאַקטן. נישט־צושטאַנדגעקומענע געשפּרעכן. פאַנטאַסטישע באַשולדיקונגען. נעמען פון מענטשן, וואָס האָבן גאָרנישט עקזיסטירט אין דערווירקלעכקייט. אומזיסטיקע באַשולדיקונגען אויף זיך אַליין, אויף אַנדערע. אַזוי וועט אויך זיין מיין „עדות־זאָגן”. אַזאַ, איז אָן ספק, דאָס עדות־זאָגן פון געפּייניקטע מענטשן, וואָס זענען צוזאַמען מיט מיר געברענגט געוואָרן פון די תפיסה־לעכער צום עדות־שטענדער און לאָזן איצט הערן „זייערע רייד”. — אַזוי איינער נאָכן אַנדערן. דער „שעף” האָט היינטיקע נאַכט געהאַט, ווייזט אויס, אַ סך אַרבעט. אָן שום ספק, אַז ביינאַכט האָט ער באַפוילן אויפוועקן פון שלאָף יעדן איינעם פון די דאָזיקע עדות, פּונקט ווי מען האָט מיך אויפגעוועקט — כדי זיי אויפצוקלערן, אַז זייער עדות־זאָגן איז פון פרייען ווילן און אַז די ברירה וואָס ווערט זיי געגעבן אין זייערע הענט איז, אָדער עדות־זאָגן, אָדער ליקווידאַציע. און איצט גיבן זיי אָפּ זייערע דערקלערונגען. דער אָפיציר פון דער אויספאָרשונג האָט מיר בשעתו געזאָגט, אַז דער פּראָצעס וועט זיין אַן עפנטלעכער. דאָס הייסט — אַ מאָנסטער־פּראָצעס. דער גאַנג פון פּראָצעס וועט איבערגעפירט ווערן, ווייזט אויס, דורכן ראַדיאָ איבערן גאַנצן לאַנד, אין אַלע וועלט־טיילן. וויפל פעלשונגען וועט די פאָלקס־דעמאָקראַטישע טשעכאָסלאָוואַקיע פאַנאַנדערבלאָזן היינטיקן אָוונט — אין די אויערן פון דער וועלט — דורך די עדות־אנוסים, וואָס וועלן באַווייזן אויפצוטרעטן?

„מיין עדות־זאָגן" איז צוזאַמענגעשטעלט פון בערך אַ הונדערט און דרייסיק שקרים. און עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז די עדות וואָס זענען נישט קיין פרעמדע בירגער — האָבן אויף זיך אַרויפגעלייגט אַ פיל גרעסערע נאָרמע פון שקרים... די עדות היינטיקן אָוונט זענען אַ צען. איצט מאַך אַ חשבון...

דער אָפיציר־אָרגאַניזאַטאָר גיט צו וויסן מיין אויספאָרשער, אַז נאָך אין איניקע מינוט וועט מען מיך רופן צום עדות־שטענדער. איך דאַרף זיין גרייט. דער אָפיציר־אויספאָרשער. דער ממונה איבער מיין אויספאָרשער און דער שעף קומען צו מיר צו און ווינטשן דערפאָלג. איך שטיי ביי דער טיר פון געריכט־זאַל. דער פאָרזיצער פון געריכט פאַרבעט „דעם עדות מרדכי אורן" צוגיין צום עדות־שטענדער.

איך שטיי ביים שטענדער. מיטן אַריינקומען אין זאַל דורך אַ זייטי־קער טיר, האָב איך אַרומגענומען מיט אַ האַלב־געכאַפּטן בליק דעם גרויסן זאַל און דאָס פּובליקום וואָס האָט אים פאַרפולט איבער די ברעגעס. אין זכרון האָט זיך איינגעקריצט אַ פאַרנעפּלט בילד פון אַ מאַסע מענטשן מיט אָן איינהייטלעכן פּרצוף. איך שטיי ביים שטענדער, אויסגעדרייט מיטן רוקן צום פּובליקום. דער שטענדער איז אויף אַן עטוואָס העכערן פּאָדיום. אַנט־קעגן מיר — אויף דעם זעלבן פּאָדיום — זיצן די ריכטער פון העכסטן מלוכהשן געריכט. פינף ריכטער, דערונטער איין גענעראַל. לינקס: די פאַר־שטייער פון דער הויפּט־פּראָקוראַטור — פיר מענטשן. רעכטס — פינף פאַרטיידיקער. אַלע אין אָפיציעלע טאָגעס. אַ גרופּע סטענאָגראַפיסטינס. אַ קאָמפּלעט ראַדיאָ־טעכניקער. איך זע די אויפנעם־לעמטעס אין זייער מאָנאָ־טאָנעם דרייען זיך. איבער מיין פּנים איז אויסגעוואַקסן אַ וואַלד מיקראָפאָ־נען, וואָס דערמאָנען מיר אויסגעקרומטע פּרצופים פון שדים וואָס רייסן זיך צו מיר. היינט — האָט מיר פריער געזאָגט דער „שעף" — איז דער „סלאַנ־סקי־טאָג" אין פּראָצעס. איך שטויס זיך אָן, אַז הינטער מיר, 2—3 מעטער ווייט, זיצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק רודאָלף סלאַנסקי. איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען. אויך דאַסמאָל — ביים אַריינקומען אין זאַל — האָב איך אים נישט געזען. נאָר די גאַנצע צייט פיל איך, אַז הינטער מיר זיצט אַן אומשולדיקער מענטש, וואָס ווייסט, אַז נאָך אין עטלעכע טעג אַרום גייט ער אויפן עשאַפאָט. נאָר ביז דעמאָלט דאַרף ער אַדורכגיין די שבעה מדורי גיהנום פון פאַרקריפּלען זיין געשטאַלט, פון באַשמוצונג, דערנידעריקונג. בלויז נאָך דעם אַלעמען וועט מען אים לאָזן אַרויפגיין אויף דער תליה. אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע הענגט מען נישט קיין

אומשולדיקע מענטשן. דער פּראָצעס וועט זיי פריער שטעמפּלען, אַלס פאַר־רעטער, שפּיאָנען, געשוואוירענע שונאים פון סאָציאַליזם.

איך זע נישט דאָס פּובליקום. מיינע אויערן כאַפּן נאָר אויף זיין גערויש.

דער געריכטס־פּאָרזיצער שטעלט אייניקע פראַגן וועגן מיין אידענ־טישקייט, בירגערשאַפט אדג״ל. דאָס פּובליקום רעאַגירט מיט אַ פּאָר־שטאַרקטן רויש, ווען עס דערהערט, אַז ביים עדות־שטענדער געפינט זיך אַ פרעמדער בירגער, אַן אונטערטאַן פון מדינת ישראל. ווי גרויס איז אונ־דזער זיכערהייט־פּאָליציי, וואָס אין זכות פון איר וואַכזאַמקייט און פעיקייט — ווערן אפילו בירגער פון פרעמדע מדינות אונדז אַנטפּלעקן די פאַרברע־כנס פונעם פאַרעטער רודאָלף סלאַנסקי.

דער פאָרזיצער הייבט אייגנטלעך אָן „פאַרשן דעם עדות״, דאָס הייסט שטעלן פראַגן, וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן דורך דער זיכערהייט־פּאָליציי. ער האַלט פאַר זיך אַן אָפּשריפט פונעם פאָרמולאַר, ווו ס׳איז פאַרשריבן מיין עדות־דערקלערונג. ער ווייסט, אַז איך וועל ענטפערן די ענטפערס, פאַרשריבענע אין דעם דאָקומענט גופא.

דער פאָרזיצער: וואָס ווייסט איר וועגן רודאָלף סלאַנסקי?

מיין ענטפער: אײדער כ׳וועל דערציילן וואָס מיר איז באַוווסט וועגן רודאָלף סלאַנסקי, מוז איך זאָגן וועגן זיך אייניקע ווערטער. בעת איך בין אין דעצעמבער 1951 אַרעסטירט געוואָרן, בין איך געווען אַ מיטגליד אין פאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און אַן אַקטיווער ציוניסטישער טוער אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אין דער לעצטער צייט, פאַר מיין אַרעסט, בין איך געווען אַ מיטגליד אין נאַציאָנאַלן קאָמיטעט (וועד לאומי), מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט און פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון אַ ציוניסטישער פּאַרטיי און אויך סעקרעטאַריאַט־מיטגליד אינעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער הסתדרות. ווי אַ מיטגליד פונעם ציוניסטישן צענטער, האָב איך ביז מיין אַרעסט זיך פאַרנומען מיט ציוניסטישער טעטיקייט אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, ווו איך פלעג פאָרן אין שליחות פאַר שפּיאָנאַזש־צוועקן. איך האָב געמוזט פאַרבינדן מיין ציוניסטישע טעטיקייט מיט שפּיאָנאַזש־אַרבעט, ווייל פון יאָר 1934 בין איך געווען אַן אַגענט פון בריטישן שפּיאָנאַזש־דינסט „אינטעלידזשענס־סערוויס״. כדי צו דערפילן מיינע פליכטן כלפי דעם דאָזיקן שפּיאָנאַזש־דינסט, פלעג איך אַדורכפירן

שפּיאָנאַזש־שליחותן אין אַ ריי לענדער. מיין טעטיקייט אַלס שפּיאָן האָב איך אָנגעהויבן אין נאַצישן דייטשלאַנד, אין די יאָרן 1934 און 1935. איך האָב ממשיך געווען מיט דער טעטיקייט אין יאָר 1940 אין שווייץ. און פון יאָר 1945 ביז מיין אַרעסט, האָב איך זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, פאַקטיש אין פּוילן, אונגאַרן, רומעניע, בולגאַריע, אין דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק און אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע. אין די דאָזיקע לענדער האָב איך אויסער דער שפּיאָנאַזש־טע־טיקייט, דערפילט אויך שליחותן פון אינטער־נאַציאָנאַלע ציוניסטישע צענ־טערס און זיך באַמיט צו דעראָבערן, פאַר צוזאַמענאַרבעט מיט די ציוניסטן, פּערזענלעכקייטן וואָס פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין די רעגירונגען און אין די הערשנדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען. מיין טענדענץ איז געווען, זיכערן אין די דאָזיקע לענדער אַ געזעצלעכן מעמד פאַר דער טעטיקייט פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און מאַקסימאַלע הילף אין אָרגאַניזירן און שטאַרקן דעם קאַפּיטאַליסטישן קאָנטאַקט מיט ישראל. כדי דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבן, האָב איך זיך פאַרמאַסקירט אַלס פּראָגרעסיווער עסקן, אַן אָנהענגער פון שלום און אַ פריינד פון ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס — איינשטעלונגען וואָס זענען תמיד געווען קעגנזעצלעך מיין אמתן באַוווסטזיין און אָנשויונגען. אין שליחות פון ציוניזם און דעם ברי־טישן שפּיאָנאַזש־דינסט „אינטעלידזשענס־סערוויס״, בין איך איינמאָל אויך געקומען אין דער טיטאָיסטישער יוגאָסלאַוויע. אין גאַנג פון מיינע געשפּרעכן מיט די דאָזיקע טוער, איז מיר אַנטדעקט געוואָרן, אַז סלאַנסקי, דער גענע־ראַל־סעקרעטאַר פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַרבעט מיט מיט דער טיטאָיסטיש־פאַשיסטישער כנופיה און אַז ער ווענדט אָן אין טשעכאָסלאָוואַקיע אַ פּאָליטיק וואָס איז ענלעך צו דער פּאָליטיק פון טיטאָן.

(אין דעם מאָמענט דערגייט צו מיינע אויערן אַ שטאַרק גערויש. מיינע דערקלערונגען פאַרנעמען אייניקע זייטלעך. אין דעם מאָמענט, האָט, ווייזט אויס, זיך געענדיקט אַ זייטל. דער אַלגעמיינער רויש איז געקומען דערפון, וואָס ניין מענטשן בלעטערן איבער מיט איינמאָל דאָס געענדיקטע זייטל. עס ווערט קלאָר, אַז די קאָפּיעס פון מיין עדות־זאָגן זענען פאַרטיילט געוואָרן צווישן די ריכטער און די באַשולדיקער און זיי ליגן פאַר זיי אויפן טיש. זיי הערן זיך צו צו מיינע דערקלערונגען, און דאַך פאָלגן זיי נאָך נאָך מיינע רייד פונעם געשריבענעם. די הויכגעשעצטע ריכטער און די חשובע

פראָקוראָרן ווייסן דעריבער נישט נאָר וואָס מיך צו פרעגן. זיי ווייסן אויך פון פריער די ענטפערס, וואָס זיי וועט געבן דער „דורך זיי געפּאַרשטעטער" עדות. אַ פאַרפולקאָמונג פון געזעצמעסיקייט, יורידישער ריינקייט און מאָראַל !).

פראָקוראָר : פונוואַנען איז אייך דאָס באַוווּסט ?

מיין ענטפער : דער ערשטער מענטש וואָס האָט מיר דערציילט וועגן דער פאַרעטערישער ראָל פון רודאָלף סלאַנסקי אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז געווען דער יוגאָסלאַווישער וויצע אויסערן־מיניסטער ד"ר עלעש בעבלער. דאָס האָט מיר אויך באַשטעטיקט דער אידעאָלאָג און טעאָרעטיקער פון דער פאַשיסטיש־טיטאָיסטישער כנופיה, משה פּיאַדע, וואָס האָט פּערזענלעך באַזוכט טשעכאָסלאָוואַקיע. דאָס צווייטע מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט פּיאַדען אין דער צווייטער העלפט 1948, נאָך מיין געשפּרעך מיטן וויצע אויסערן־מיניסטער בעבלער. בעת מיין שמועס מיט פּיאַדען האָבן מיר געענוי אַנאַליזירט דעם באַשלוס פון אינפאָרם־ביוראָ וועגן דער לאַגע אין יוגאָסלאַוויע. פּיאַדע האָט זיך באַנוצט מיט זייער גראָבע באַשמוצונגס־ווער־טער וועגן כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן דאָקומענט. ער האָט געזאָגט, אַז די טיטאָיסטן האָבן פאַרבינדעטע אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. אַזוי רעדנדיק, האָט ער דערמאָנט די נעמען פון רודאָלף סלאַנסקי אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע און גאָמולקאַ אין פּוילן.

פראָקוראָר : דערציילט אונדז, ביטע, נאָך איינצלהייטן וועגן דעם דאָ־זיקן געשפּרעך אייערן מיט פּיאַדען.

מיין ענטפער : איך האָב זיך געטראָפן מיט פּיאַדען אין זיין ביוראָ אין פאַרלאַמענט־בנין. איך האָב אים געבעטן מיר אויפקלערן אַ צאָל פּרטים אין שייכות מיטן באַשלוס פון אינפאָרם־ביוראָ. פּיאַדע האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין דעם פאַראַט פון די טיטאָיסטן פון זיין שטאַנדפּונקט, רעדנדיק אין אַ באַליידיקנדיקער פאָרם וועגן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, אינפאָרם־ביוראָ, ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער.

פראָקוראָר : וואָס האָט אייך געזאָגט פּיאַדע וועגן זיינע פאַרבינדונגען מיט סלאַנסקין ?

מיין ענטפער . וועגן זיינע פאַרבינדונגען מיט סלאַנסקין האָט מיר פּיאַדע געזאָגט אָט־וואָס : ער קען סלאַנסקין פון פאַרשידענע זיצונגען און צוזאַמענטרעפן ; אים איז באַקאַנט זיין פּאָליטישע מענטאַליטעט און ער ווייסט וועגן זיינע באַציונגען אַדורכצופירן אין טשעכאָסלאָוואַקיע די פּאַ־

ליטיק, וואָס די טיטאָיסטן האָבן אַדורכגעפירט אין יוגאָסלאַוויע. פּיאַדע האָט נאָך צוגעגעבן, אַז פּאַר סלאַנסקין איז פּאַראַן נאָר איין וועג: שטיצן די טיטאָיסטישע שטעלונג. דאָס גילט אויך וועגן גאָמולקאַן אין פּוילן. איך האָב געפרעגט פּיאַדען: קאָן דאָס מעגלעך זיין, אַז אַזעלכע מענטשן ווי סלאַנסקי אין טשעכאָסלאָוואַקיע און גאָמולקאַ אין פּוילן זאָלן גיין באַזאַמען מיט טיטאָן — בעת אויף דער זיצונג פון אינפאָרם־ביוראָ האָבן זיי זיך אידענטיפיצירט מיטן באַשלוס, וואָס האָט געשטעמפּלט טיטאָן? האָט פּיאַדע מיר אַנטדעקט, אַז די הסכמה פון סלאַנסקין און גאָמולקאַן צום באַשלוס פון אינפאָרם־ביוראָ שפּיגלט נישט אָפּ זייער אמתדיקע שטעלונג.

(אַ רויש פון קאָלעקטיוון איבערבלעטערן מיינע פאַרשריבענע עדות־דערקלערונגען, דורך די מיטגלידער פון העכסטן געריכט און די בכבודיקע פאַרשטייער פון דער גענעראַל־פּראָקוראַטור).

פּאָרזיצער: איז איך באַוווּסט מיט וועמענס הילף פּיאַדע האָט אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט סלאַנסקין?

מיין ענטפער: יאָ. פּיאַדע האָט מיר געזאָגט, אַז ער האַלט אָן קאָנטאַקטן מיט סלאַנסקין דורך דער פאַרמיטלונג פון ישראל־געזאַנדטן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אהוד אבריאל־איבראל. דאָס האָט פאַר מיר באַשטעטיקט אבריאל זעלבסט, ווען איך בין אין יאָר 1948 געקומען פון יוגאָסלאַוויע קיין טשעכאָסלאָוואַקיע און אים איבערגעגעבן בעבלערס בקשה, אַז ער (אבריאל) זאָל קומען קיין יוגאָסלאַוויע אין שייכות מיטן איינשאַפן געווער.

פּאָרזיצער: האָט זיך פּיאַדע אינטערעסירט אין דער פראַגע פון אייער באַקאַנטשאַפט מיט רודאָלף סלאַנסקי?

מיין ענטפער: יאָ. פּיאַדע האָט מיך געפרעגט, אויב איך קען סלאַנסקין פּערזענלעך, ווייל ער האָט מיך געבעטן איבערצוגעבן סלאַנסקין, נאָר אין זיינע הענט, באַשטימטע דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער שטעלונג פון די טיטאָיסטן לגבי דעם באַשלוס פון אינפאָרם־ביוראָ. איך האָב אָנגעוויזן אויף דעם, אַז איך קען נישט סלאַנסקין פּערזענלעך און דערפאַר האָב איך נישט געענטפערט אויף פּיאַדעס בקשה. בעת מיין באַזוך ביי אבריאלן אין פּראַג, האָט ער מיר דערציילט, אַז אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז דערלויבט געוואָרן עמיגראַציע פאַר מענטשן פון יידישער נאַציאָנאַליטעט. אויף מיין פראַגע, ווער עס האָט אַנטשידן אין דעם ענין — האָט מיר אבריאל געענטפערט, אַז זעלבסטפאַרשטענדלעך אין דעם ענין האָט אַנטשידן דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער קאָמוניס־

טישער פּאַרטיי, רודאָלף סלאַנסקי, און ער האָט אויך אַנטשידן אין אַנדערע פראַגן אויפן געביט פון דערלאַנגען הילף פאַר ישראל. אויף אַן אַנדערער פראַגע האָט מיר אבריאל געענטפערט, אַז ער אַליין האָט פאַרהאַנדלט מיט סלאַנסקין אין די דאָזיקע ענינים.

פאָרזיצער: ווייסט איר עפּעס וועגן די פאַרברעכערישע פאַרבינדונ־גען פון סלאַנסקין מיט אַנדערע פּערזענלעכקייטן?

מיין ענטפער: מיר איז באַוווּסט, אַז דורך דער פאַרמיטלונג פון אבריאל־איבראַל האָט סלאַנסקי געהאַט פאַרבינדונגען מיטן ישראלדיקן אויסערן־מיניסטער שרת.

פאָרזיצער: ווער האָט אייך דאָס געזאָגט?

מיין ענטפער: די זאַך איז מיר באַוווּסט געוואָרן פון אבריאלן אין יאָר 1948. דערנאָך האָב איך געהערט וועגן דעם אויך פונעם געוועזענעם ערשטן סעקרעטאַר פון דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט אין פּראַג, בנשלום (פרידל). אויסער דעם איז מיר באַוווּסט, אַז שרת האָט זיך פּערזענלעך גע־טראָפן מיט סלאַנסקין.

פּראָקוראָר: ווער האָט אייך דאָס געזאָגט?

מיין ענטפער: דאָס האָט מיר געזאָגט שרת גופא, ווען מיר זענען צוזאַמען געפלויגן אין יאָר 1947 פון בעלגראַד קיין פּראַג, צו דער אייראָ־פּעיִשער ציוניסטישער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַרלסבאַד. (אַ רויש פונעם קאָלעקטיוון איבערבלעטערן מיינע פאַרשריבענע עדות־דערקלערונגען). שרת האָט מיר דאַן געזאָגט, אַז אין יוגאָסלאַוויע האָט ער פאַרהאַנדלט מיט פּיאַדען און בעבלערן, אַז מיט זיין אָנקומען קיין פּראָג וועט ער זיך טרעפן מיט סלאַנסקין; אַז ער פירט מיט זיך אַ רעקאָמענדאַ־ציע־בריוו פון פּיאַדען צו סלאַנסקין. אין דעם בריוו בעט פּיאַדע פון סלאַנ־סקין צו זאָרגן פאַרן דערפאָלג פון די אונטערהאַנדלונגען. מיר איז נישט באַוווּסט, ווען און ווו עס זענען פאָרגעקומען די פאַרהאַנדלונגען צווישן שרתן און רודאָלף סלאַנסקי.

פאָרזיצער: אין אייערע נסיעות האָט איר אויך אָנגעשפּאַרט אין ענגלאַנד. מיט וועמען האָט איר זיך דאָרט געטראָפן?

מיין ענטפער: אין יאָר 1945 האָב איך זיך געטראָפן אין לאָנדאָן מיטן מיניסטער פון דער לייבאָר־רעגירונג, מאָריסאָן. אונדזער באַקאַנט־שאַפט האָט זיך פאַרטיפט און דערנאָך האָבן מיר אָנגעהאַלטן ענגע פאַרבינ־דונגען. אונדזער ענגע באַקאַנטשאַפט איז מעגלעך געווען אַדאַנק דעם, וואָס

מאַריסאָן איז פון די אָנפירנדיקסטע חברים פון לייבאָר און אַן ענטוזיאַס־טישער אָנהענגער פון ציוניזם. בעת מיינע געשפּרעכן מיט אים אין די יאָרן 1946/47, פלעג איך אים דערציילן וועגן די מסקנות פון מיינע באַאָבאַכטונגען אין די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. ער האָט זיי באַצייכנט אַלס גאָר אינטערעסאַנטע פאַר אים. ער גופא האָט מיך געפרעגט איבער פאַרשידענע פּראָבלעמען פון די דאָזיקע מדינות, וועגן פּערזענלעכקייטן וואָס שטייען ביי דער מאַכט, פראַגן פון נאַציאָנאַליזאַציע, די השפּעה פון די קאָמוניסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען אדג״ל.

בעת אונדזער געשפּרעך אין יאָר 1947, האָט מיר מאַריסאָן דערציילט, אַז אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער געפינען זיך אייניקע מענטשן, וואָס וועלן קעמפן קעגן נייעם רעזשים און אַז אין דעם קאַמף וועלן זיי געניסן פון דער פולער אונטערשטיצונג מצד די מערבדיקע אימפּעריאַליסטן. פון דעם שמועס מיט מאַריסאָנען איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די אימפּעריאַליסטן גרייטן אַ נייע וועלט־מלחמה, אַ זאַך, וואָס מאַריסאָן אַליין האָט באַשטעטיקט אין גאַנג פון אונדזער שמועס, רעדנדיק וועגן די פּלענער אומצוברענגען דעם ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט געזאָגט, אַז טשעמבערלען האָט געוואָלט פאַרניכטן דעם ראַטנפאַרבאַנד מיט דער הילף פון פרעמדע כוחות, דאָס הייסט — מיט דער הילף פון היטלערן און די פאַשיסטן, — אַ וועג וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ טעות. די אויפגאַבע צו שטירצן דעם ראַטנפאַרבאַנד איז איצט אַרופגעלייגט בלויז און אויסשליסלעך אויף די פּלייצעס פון די מערבדיקע אימפּעריאַליסטן. ביי דער געלעגנהייט האָט מאַריסאָן אויף אַ ווולגאַרן אופן אָנגעגריפן דעם ראַטנפאַרבאַנד און באַליידיקט זיין שלום־פּאָליטיק.

פאָרזיצער: האָט אייך מאַריסאָן עפּעס געזאָגט וועגן זיליאַקוסן?

מיין ענטפער: יאָ. אין איינעם פון די געשפּרעכן האָט מאַריסאָן דערמאָנט זיליאַקוסעס באַזוכן אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. אויך קוני זיליאַקוס איז איינער פון די בולטסטע פּערזענלעכקייטן אין דער לייבאָר־פּאַרטיי (אַ רויש, ווי פריער, אויף די טישן פונעם געריכט און פון די פאַרשטייער פון דער גענעראַל־פּראָקוראַטור). מאַריסאָן האָט מיר געזאָגט, אַז זיליאַקוס איז אַ פאַרברענטער פאַרטיידיקער פונעם בריטישן אימפּעריאַליזם און אַ געשוווירענער שונא פונעם ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. זיליאַקוס האָט אויסגענוצט זיין געקינצלטע פּאָפּולאַריטעט אַלס אָפּאָזיציע־מענטש, ווי אַ מיטל צו קאָנען באַזוכן דעם ראַטנפאַרבאַנד

און די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע ווען אים געפעלט און טאָן דאָרט פאַר די אינטערעסן פונעם בריטישן אימפּעריאַליזם. נאָכמער: מאָריסאָן האָט מיר אַנטדעקט, אַז זיליאַקוס האָט זיך דירעקט באַטייליקט אינעם צוגרייטן דעם פאַשיסטישן קער אין יוגאָסלאַוויע, פאַר די אינטערעסן פונעם אימפּעריאַליסטישן לאַגער.

פאָרזיצער: וואָס האָט אײַך מאָריסאָן געזאָגט אויף אַ ממשותדיקן אופן וועגן זיליאַקוסן אין שייכות מיטן צוגרייטן דעם קער אין יוגאָסלאַוויע?

מיין ענטפער: מאָריסאָן האָט מיר געזאָגט, אַז זיליאַקוס האָט אים שוין אין יאָר 1947 דערציילט אויף אַ דיסקרעטן אופן, אַז אין יוגאָסלאַוויע וועט פאָרקומען אַ גרויסער פּאָליטישער קער, אַז טיטאָ און זיין כנופיה געפינען זיך שוין מיט איין פוס אינערהאַלב דעם אַנגלאָ־אַמעריקאַנער בלאָק און אַז דער גאַנצער וועלט דערוואַרט אַ גרויסע איבעראַשונג, ווען טיטאָ וועט לחלוטין אַריבערגיין אין דעם לאַגער — וואָס לויט מאָריסאָנס רייד איז אויסגעקומען, אַז דאָס וועט געשען אינגיכן. נאָכמער: מאָריסאָן האָט מיר אַנטפּלעקט, אַז זיליאַקוס האָט באַוויזן זיך איינצושאַפן טרייע פריינד פון הויכגעשטעלטע פערזענלעכקייטן אין דער פּאַרטיי און רעגירונג אויך אין אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער — פאַקטיש אין בולגאַריע, אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע.

פאָרזיצער: בעת איר זענט פאַרהאַלטן געוואָרן דורך פאָרשטייער פון דער זיכערהייט־פּאָליציי זענען ביי אײַך קאָנפיסקירט געוואָרן נאָטיצן מיט ידיעות וועגן רודאָלף סלאַנסקי. וויאַזוי האָט איר באַקומען דעם דאָזיקן מאַטעריאַל?

מיין ענטפער: די דאָזיקע ידיעות וועגן רודאָלף סלאַנסקי האָב איך פערזענלעך דערהאַלטן בעת מיין זיין אין פּראַג אין יאָר 1951, אויפן וועג קיין בערלין, אַדאַנק מיינע פאַרבינדונגען מיט אייניקע מענטשן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. דער ענין איז אַזאַ: אויסער מיינע אויפגאַבן אין שליחות פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, און אויסער מיין טעטיקייט אינעם בריטישן „אינטעלידזשענס סערוויס", האָב איך זיך אויך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש־טעטיקייט פון דער ישראלדיקער רעגירונג. די ידיעות וועגן דער פּרשה סלאַנסקי האָב איך אַרויסבאַקומען אין איינקלאַנג מיט דער פערזענלעכער אָנווייזונג פון אויסערן־מיניסטער שרת, וואָס איז צו מיר דערגאַנגען דורך דער פאַרמיטלונג פון ישראלדיקן געזאַנדטן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אבריאל־אברהאל. דעם פאַקט וואָס ער

האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט די דאָזיקע אויפגאַבע, דערקלער איך דערמיט, אַז די ישראל־רעגירונג איז געווען באַזאָרגט צוליבן אַרעסט פון רודאָלף סלאַנסקי און איז געווען פאַראינטערעסירט צו באַקומען קאָמפּעטענטע ידיעות וועגן דער זאַכלאַגע אין שייכות מיט סלאַנסקין (דער באַקאַנטער געראויש פון איבערבלעטערן).

די דאָזיקע אויפגאַבע איז אויף מיר אַרויפגעלייגט געוואָרן דערפאַר, ווייל איך בין פיל מאָל געווען אין טשעכאָסלאָוואַקיע און איך האָב דעריי־בער פאַרבינדונגען מיט פאַרשידענע קרייזן — אַ זאַך וואָס דערמעגלעכט מיר צו דערגרייכן ידיעות פון דעם כאַראַקטער. דערפאַר האָב איך גערנ־וויליק גענומען אויף זיך דעם באַפעל פון שרתן און אָנגענומען געוויסע שריט, כדי באַקומען ידיעות וועגן אַרעסט פון רודאָלף סלאַנסקי. געוויסע ידיעות האָב איך באַקומען. אָבער מיר איז נישט געלונגען צו דערגרייכן נאָך ידיעות, ווייל כ׳בין אַרעסטירט געוואָרן.

עס האָבן זיך אויסגעלאָזט די פראַגן און די ענטפערס. אין די לעצטע מינוטן פון מיין רעדן האָב איך דערפילט אַ געוויסע צערודערטקייט ביים טיש פון די פּראָקוראָרן. זיי סודען זיך. איינער ווייזט דעם צווייטן די אָפּ־שריפט פון מיינע עדות־דערקלערונגען און ווייזט אויף אַ באַשטימט אָרט. אַ קליינע מיספאַרשטענדעניש? יאָ, אַ קליינע נישט־איינשטימיקייט צווישן געשריבענעם, ד. ה. צווישן דעם וואָס כ׳האָב באַדאַרפט זאָגן און דעם וואָס כ׳האָב פאַקטיש געזאָגט. אַ טעות פונעם אַרטיקל, אָדער עמעץ האָט בייזוויליק עפּעס קאַליע געמאַכט? מען דאַרף שנעל פאַרריכטן די זאַך.

פּראָקוראָר: איר האָט איצט געזאָגט, אַז די אָנווייזונגען פונעם אויסערן־מיניסטער שרת האָט איר באַקומען דורך דער פאַרמיטלונג פונעם ישראל־געזאַנדטן אין טשעכאָסלאָוואַקיע אבריאל. איז דאָס נישט געווען קיין טעות? האָט איר נישט געמיינט דעם ד״ר קובאָווי?

מיין ענטפער: אַלזאָ, מיין כוונה איז געווען ד״ר קובאָווי.

מיט דעם ענדיקט זיך די פּרשה פון מיין עדות־זאָגן, דאָס הייסט, די פאַלשע עדות פון דער זיכערהייט־פּאָליציי, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין מיין מויל אין איינקלאַנג מיט די כללים פון דער העכסטער יורי־דישער מאָראַל.

דער פאָרזיצער פרעגט די פאַרשטייער פון דער פּראָקוראַטור צי זיי ווילן עפּעס צוגעבן און מיך פאַרשן. דער פּראָקוראָר גיט אַ נעגאַטיוון ענטפער, ווייל דאָס, וואָס ס׳איז נייטיק דעם פּראָקוראָר, איז שוין געזאָגט

געוואָרן. דאָס איז אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר צוגעגרייט געוואָרן דורכן עפּעק־טיוון אַפּאַראַט פון דער זיכערהייט־פּאָליציי. נאָך פראַגן קאָנען בלויז שטעלן אין געפאַר און אפילו גענצלעך אונטעררייסן דעם שקרים־בנין פון עדות־זאָגן, וואָס איז נאָר־וואָס געהערט געוואָרן און עס איז אין אים אַריינגעלייגט געוואָרן אַזויפיל אינקוויזיטאָרישע מי. נייִן, „נישטאָ נאָך קיין פראַגן".

די פּראָצעדור פּאַרפּליכטעט, אַז איצט זאָל איך געפּאַרשט ווערן דורך סלאַנסקיס פּאַרטיידיקער. מיין „עדות־זאָגן" איז געגייט מיט אַזעלכע גראָבע שטעך, אירע ליגנס זענען אַזעלכע בולטע, אַז מיט צוויי־דריי פראַגן קאָן מען אַלץ צונישט־מאַכן. אפילו נישט־אָנווענדנדיק זייער יורידישע בילדונג ווייסן די פּאַרטיידיקער, אַז אין דאָזיקן „עדות־זאָגן" איז נישטאָ קיין קערנדל אמת.

דער פּאָרזיצער ווענדעט זיך צו די פינף אַדוואָקאַטן. ער פרעגט זיי צי זיי ווילן פּאַרשן דעם „עדות", אים שטעלן פראַגן. זיי זיצן ערנסטע. די אַמטלעכע טאָגעס גיבן זיי צו אַ ברעקל הדרת־כבוד. זיי זיצן — גלייך דאָס האָלט באמת געווען אַ פּראָצעס, ווען זיי ווייסן אין האַרץ, אַז דאָס איז אַן אויסרעזשיסירטע קאָמעדיע. אַלע זיצן דאָ, ווי איבערן אמת און ווייסן ביי זיך, אַז דאָס איז אַ רעוויע פון פעלשונגען, פּראָדוצירטע אויפן סיסטעם פון דעם לויפנדיקן באַנד אין די פינצטערע קאַמערן פון דער תפיסה רוזין. ביי די פינף ספינקסן — איז אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. אַזוי פּאַרטיידיקן זיי דעם באַשולדיקטן. איז אָנצונעמען, אַז זיי האָבן אַליין, מיטן פרייען ווילן, גענומען אויף זיך די אויפגאַבע פון סלאַנסקיס פאַלשע פּאַרטיידיקער? אדרבה, וואַרשיינלעך, אַז אויך זיי ווירקן אונטערן דרוק, וואָס האָט געבוירן דעם „ווידוי" פון סלאַנסקין, די „אמתדיקע עדות" פון מיר, דעם גאַנצן פּאַרס פון דאָזיקן פּראָצעס.

די פינף טשעכאָסלאָוואַקישע ספינקסן אין זייערע טונקעלע טאָגעס זיצן פאַרשוויגענע, ערנסטע, שטומע. די זיכערהייט־פּאָליציי האָט פון זיי צוגענומען די פעיקייט צו רעדן. אַ געפּעלשטער פּראָצעס קאָן נישט געמאָלט זיין אָן פאַלשע אַדוואָקאַטן.

לויט דער פּראָצעדור איז אויך דעם באַשולדיקטן דערלויבט צו פּאַרשן דעם עדות. ער, סלאַנסקי, זיצט הינטער מיר אויף אַ געוויסן מרחק, אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. איך האָב אים נישט געזען, נאָר איך פיל זיין אומאויפהערלעכן בליק אויף מיין פּלייצע — דעם בליק פון אַ געפּיי־

ניקסן מענטש, וואָס ווייסט, אַז ער איז פאַרמשפּט צום טויט, נאָך איידער מען האָט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל.

אויך ער, „דער באַשולדיקטער", קאָן מיט עטלעכע פראַגן חרוב מאַכן דעם גאַנצן בנין פון מיין עדות־זאָגן. אויך ער ווייסט, אַז מיין עדות־זאָגן איז נישט מער ווי אַ שווינדל פון אַ כנופיה זיינע־מיינע פייניקער, וואָס ווילן אונדזער אומקום. וויאַזוי וועט ער מיר היינט שטעלן פראַגן, וויאַזוי וועט ער מיך דאָ היינט פאָרשן — אַז ער איז מיר פאַרלאָפן דעם וועג און זיך „מודה" געווען אין אַלץ, בעת ער איז היינט געפאָרשט געוואָרן?

פאָרזיצער: באַשולדיקטער סלאַנסקי, ווילט איר עפּעס באַמערקן צו די רייד פון עדות, שטעלן אים פראַגן?

„דער באַשולדיקטער" זיצט הינטער מיר, עטלעכע מעטער וויט.

זיין ענטפער איז אַ קורצער, פון איין וואָרט: ניין. דאָס דאָזיקע וואָרט, גלייך ווי עס וואָלט געזאָגט: וואָס פאַרא זין האָט עס. כ'וועל פרעגן שאלות? אַלע ווייסט איר, אַז אַלץ איז דאָ שקר וכזב. אַלץ איז פון פאָרויס צוגעשניטן. עס האָט נישט קיין צוועק מיין פרעגן. מיין גורל איז אַ גע־חתמעטער.

אַ געפּילפּול גערויש פונעם „פּובליקום". אַ שטילקייט. מען שרייט נישט: „סלאַנסקי אויפן עשאַפאָט!" פיל פונעם „פּובליקום" ווייסן אָן שום ספק, אַז זיי קוקן זיך צו צו אַ קאָמעדיאַנטישן ספּעקטאַקל. פאַראַן דאָ פיל אויספאָרשער, וואָס ווייסן די סודות פון פּראָדוצירן „ווידויים" און „עדותן". אויך די כנופיה מיינע אויספאָרשער געפינט זיך דאָ און קוקט זיך צו צו דער פאָרשטעלונג, די פּרוכט פון זייער שמוציקער אַרבעט. זיי האָבן געהערט מיין „עדות־זאָגן", דאָס הייסט — זייער עדות־זאָגן. זיי ווייסן וויפל ליידן און יסורים זענען פאָרויסגעגאַנגען ביז עס איז דער־מעגלעכט געוואָרן די דאָזיקע קורצע סצענע אין דער פאָרשטעלונג. דאָס גערויש פון „פּובליקום", שטילט זיך איין. די אויפנעם־לענטעס פון די פילמען באַוועגן זיך, די שדישע פּרצופים פון די מיקראָפאָנען ווילן זיך נאָך אַלץ כאילו אַרויפוואַרפן אויף מיר.

פאָרזיצער: עדות אורן, איר מעגט אַוועקגיין. דער וויטערדיקער עדות ד"ר יאַראָמיר קאָפּעצקי.

איינער פון די געריכט־אָנגעשטעלטע פירט מיך צו צו דער טיר, ווו כ'בין אַריינגעקומען. איך קוק נישט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, הגם כ'האָב אַ מעכטיקן ווילן צו זען, ווינציקסטנס איינמאָל, דעם מענטש

קעגן ווען כ׳האָב עדות געזאָגט, נישט קענענדיק אים. איך קוק נישט אויפן „פובליקום״. כ׳האָב עס גענוג געזען אין קאָרידאָר: מונדירטע פּאָליציאַנטן און אָן מונדירן. גאָר איך פיל, אַז די אויגן פונעם „פובליקום״ באַגלייטן מיך ביים פאַרלאָזן דעם זאַל. ביי דער טיר טרעף איך זיך מיטן קומענדיקן עדות, וואָס איז פאַרבעטן געוואָרן פאַרן געריכט, ד״ר יאַראָמיר קאָפּעצקי. זיין פּנים געל־בלייך. אויסגעדאַרט. אָן אַרעסטאַנט פון דער תפיסה רוזין.

זיכער אַ „שפּיאָן״ און אַ „שונא פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע״ אַזוי ווי איך. אויך פון זיין מויל וועט מען הערן עדות־זאָגן וואָס איז כולו אמת. דער אמת נוסח פּראָג פון דער תקופה פונעם זיך בויענדיקן סאָציאַליזם.

מיטן איבערטרעטן די שוועל פון דער טיר געפין איך זיך שוין ווידער אין די באַגלויבטע הענט פון מיינע צוויי באַגלייטער: מיין אויספאָרשער און תפיסה־וועכטער פון דער צווייטער זייט.

דער אויספאָרשער טוט מיר אָן די טו־קעלע ברילן. די מאַשין, גלייך זי וואָלט זיך געגליטשט באַרג־אַראָפּ. דער נעגער וואָס האָט זיינס געטאָן, גייט צוריק פון געריכט אין תפיסה. פון פּאַנקראַץ קיין רוזין.

די צייט איז שוין אוודאי נאָענט צו האַלבער נאַכט. אין תפיסה־קאַנצעלאַריע טו איך צוריק אָן מיינע אַרעסטאַנטישע שמאַטעס. דער עדות ווערט צוריק אַרעסטאַנט. איך גיי אַריין אין מיין קאַמער. מיין שכן שלאָפט אַ האַרטן שלאָף.

איך קאָן נישט איינדרימלען. מיר געלונגט נישט זיך אָפּצורייסן פון דעם וואָס כ׳האָב אַדורכגעמאַכט דעם היינטיקן טאָג: מיין עדות־זאָגן אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס. די דאַטע פון 20־טן נאָוועמבער 1952 וועט בלייבן איינגעקריצט אין מיין האַרץ ביזן לעצטן טאָג פון לעבן. איך זע זיך נאָך אַלץ שטיין פאַרן עדות־שטענדער. אַ ריזיקער געריכט־זאַל. אַ בלענדנדיקע באַלייכטונג. אַ וואַלד מיקראָפאָנען. דאָס אויפגערודערטע גערויש פונעם „פובליקום״ — הונדערטער פּאָליציאַנטן און אויספאָרשער מיט און אָן מונדירן. די ציניש פּרצופים פון די ריכטער פון העכסטן געריכט און די פאַרשטייער פון דער פּראָקוראַטור. דער רויש פונעם קאָלעקטיוון איבערמישן די זייטלעך פון מיינע עדות־דערקלערונגען, וואָס ליגן פאַר זיי. די „אַדוואָקאַטן״ — ספינקסן מיט פאַרשטאָפּטע מיילער. און אויף מיין רוקן — דער בליק פון מיר אומבאַקאַנטן סלאַנסקי. וויפל מאָל בין איך געווען גע־צוווּנגען צו טראַכטן וועגן סלאַנסקין במשך פון דעם דאָזיקן יאָר, זינט מיין

אַרעסט. פון צופיל טראַכטן וועגן אים, זע איך פאַר זיך אַ מאַן אָן אַ געזיכט. איך ווייס נישט וויאַזוי ער זעט אויס. לאָ־די וואָס כ׳האָב אים קיינמאָל נישט געזען; עס איז מיר נישט אפילו אויסגעקומען צו זען זיין בילד אין דער פּרעסע. און טראָץ אַלעמען בין איך געווען געצוווּנגען עדות צו זאָגן קעגן אים. איך פיל זיך אַליין דערנידעריקט ביז גאָר. האָב איך טאַקע נישט געקאָנט זיי קאַליע מאַכן דעם גאַנצן שפּיל? פאַרוואָס, אייגנטלעך, האָב איך נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון מיין געפינען זיך ביים עדות־שטענ־דער, כדי פאַר דער גאַנצער וועלט אַנטפּלעקן דעם שווינדל פון מיין עדות־זאָגן און דעם שקר פון גאַנצן פּראָצעס? האָב איך טאַקע געהאַט די מעגלעכ־קייט דאָס צו טאָן? פאַר וועמען וואָלט איך געווען אַנטדעקט דעם אמת? דער געריכט־זאַל איז נישט געווען פאַרבונדן מיט דער וועלט. זיי זענען נאָך נישט אַזעלכע טפּשים. דער גאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען, איז אָן שום ספק, פריער געדעקט געוואָרן אינערהאַלב דעם זאַל און אין די „לאַבאָראַ־טאָריעס" — איידער זיי זענען איבערגעפירט געוואָרן אויף די כוואַליעס פון עטער איבער גאַנץ טשעכאָסלאָוואַקיע און אויף דער וועלט. די באַ־שולדיקטע און די עדות רעדן נישט צו דער וועלט. זיי רעדן צום פּובליקום, וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון זיכערהייט־פּאָליציאַנטן און אויספאָרשער. פאַר זיי — איז נישטאָ קיין באַדערפעניש צו אַנטדעקן דעם אמת. זיי קענען אים שוין צו גוט. זיי אַלע האָבן עס פּראָדוצירט די „ווידויים" און די "עדות־דערקלערונגען". נאָכמער: דער פאָרזיצער וואָלט גלייך געווען אי־בערגעריסן דעם עדות צי דעם באַשולדיקטן, וואָס גיט נישט דעם אָנגע־שריבענעם ענטפער, לויטן פריער צוגעגרייטן דאָקומענט. „דאָס פּובלי־קום", ד. ה. די הונדערטער פּאָליציאַנטן און אויספאָרשער, וואָלטן געהאָלפן דעם פאָרזיצער דורך אַן אָרגאַניזירטער, פּאַרטייבנדיקער יללה. דער פאָר־זיצער וואָלט איבערגעריסן די אויספאָרשונג אונטער אַ געוויסן אויסרייד און דער עדות אָדער דער באַשולדיקטער וואָלט זיך אומגעקערט צו דער וויטערדיקער „באַהאַנדלונג" פון די אינקוויזיטאָרן. דער אינצידענט וואָלט געבליבן אין דער ראַם פון „אנשי־שלומנו". קיין שום סימן פון דעם אינ־צידענט וואָלט נישט דערגאַנגען צו דער פּרעסע, ראַדיאָ, צו דער עפנטלע־כער מיינונג אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין דער וועלט.

אַזאַ „העלדנטאַט" וואָלט נישט געהאַט קיין שום צוועק. איך בין נישט זיכער, צי זיי וואָלטן אָפּגעהיטן די דראַגינג, אַז זיי וועלן מיך ליקווי־דירן, אויב כ׳וועל זיי קאַליע מאַכן די שפּיל. עס אונטערליגט אָבער נישט

קיין ספק, אַז עס וואָלט באַניַיט געוואָרן דער קאַשמאַר פון די סאַדיסטישע אויספאָרשונגען און נאָך אַ טאָג־צוויי וואָלט איך זיך אומגעקערט צום עדות־שטענדער. איך בין געקומען אַהין אָן אַ ווילן און פּאַראַליזירט אין דער פעיקייט צו באַשליסן. און אפשר האָט פּאַרט אַנטשידן זייער דראָונג — אַז אויב איך טו נישט זייער רצון, וועלן זיי מיך ליקווידירן? די דאָזיקע אומ־אויפהערלעכע דראָונג האָט אָן שום ספק געהאַט איר השפעה, באַזונדערס ווען איבער מיין קאָפּ האָט כמעט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר געהאָנגען די דאַמאָקלעס־שווערד. נאָר ווען כ׳בין שוין געוואָרן איינגעבראָכן און באַ־שלאָסן צו טאָן זייער ווילן — האָב איך דאָס געטאָן מיט אַ זיכער געפיל, אַז איצט וועלן זיי האָבן אַ ממשותדיקע סיבה מיך צו ליקווידירן, כדי איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל מיך שטיל צו מאַכן.

נאָכמער: מיר שיינט, אַז איין פּאָזיטיווער שיקול־הדעת האָט מיך געשטויסן אָפּצוגעבן די אויפגעצוווּנגענע עדות־דערקלערונגען. די פּעל־שונגען זענען אַזעלכע נאַרישע, פאַנטאַסטישע און לייגן זיך אַזוי נישט אויפן שכל, דאָס זיי וועלן עפענען די אויגן פון דער וועלט, און אין דער ערש־טער ריי די אויגן פון ישראל, וועגן דעם צוואַנגס־כאַראַקטער פון מיין עדות־זאָגן און פון דעם דאָזיקן שווינדלערישן פּראָצעס. „מיינע" פאַלשקייטן וועלן אויפדעקן דעם אמת וועגן אינהאַלט פון גאַנצן פּראָצעס.

ווען כ׳האָב געוואַרט אין געריכט אויף מיין ריי, האָב איך געפרעגט מיין אויספאָרשער, צי מען וועט מיר דערלויבן צו בלייבן אין געריכט־זאַל, נאָכן אָפּגעבן מיינע דערקלערונגען. ער האָט מיר געזאָגט: ניין, איך איז דערלויבט אַנוועזנדיק צו זיין אויפן פּראָצעס נאָר בעתן אָפּגעבן די עדות־דערקלערונגען.

דער פּראָצעס וועט זיך נאָך ציען. ווייזט אויס, אַז ערשט היינט האָט ער זיך אָנגעהויבן. אַן אינטערעסאַנטער ספּעקטאַקל, זיין נאָמען: סלאַנסקי־פּראָצעס; מחבר פון דער פּיעסע — די זיכערהייט־פּאָליציי; רעזשי — די זיכערהייט־פּאָליציי; אַרטיסטן — סלאַנסקי, קלעמענטיס און זייערע חברים; עדות וואָס דער רוב פון זיי איז געבראַכט געוואָרן פון תפיסה — זענען צוגעגרייט געוואָרן דורך דער זיכערהייט־פּאָליציי. די באַשולדיקטע און עדות ענטפערן דאָס וואָס עס האָט אַריינגעלייגט אין זייערע מיילער — די זיכערהייט־פּאָליציי. דער אורטייל וואָס וועט ווערן אַרויסגעטראָגן, איז באַשטימט געוואָרן דורך דער זיכערהייט־פּאָליציי. דאָס פּובליקום — די

זיכערהייט־פּאָליציי. די פאַרשטאַרקטע שמירה איבערן גאַנג פון דער פאַר־שטעלונג — די זיכערהייט־פּאָליציי.

זיכער, די פּאָליציי איז נישט מער ווי דער אויספיר־כוח. דער מוח איז נישט בלויז דער מוח פון דער פּאָליציי. אויך די שקרים־פּראָצעסן אין מאָסקווע אין די דרייסיקער יאָרן זענען נישט געבוירן געוואָרן אין די מוחות בלויז פון יאַגאָדאַ און יעזשאָוו, ווייל זיי גופא זענען אין דער אונ־טערשטער שורה געפאַלן אַ קרבן פון די דאָזיקע בלוטיקע פּראָצעסן. דער מוח איז אַ קאָלעקטיווער, פאַרברעכערישער מוח פון דער זיכערהייט־פּאָ־ליציי, פּראָקוראַטור און אַ באַשטימטע כנופיה אין דער פּאַרטיי־פירונג.

מען האָט מיך טאַקע „באַרויקט" אייניקע מאָל, אַז סלאַנסקיס פאַר־טיידיקער וועלן מיך נישט באַלעסטיקן מיט קיין שאלות. אָבער ווען כ'האָב זיך וועגן דעם איבערצייגט ממש — בין איך געפּלעפט געוואָרן פון שטוי־נונג. מיין שכן האָט מיר בשעתו אויפגעקלערט, אַז דאָס געריכט דערלאַנגט דעם באַשולדיקטן אַ באַגרענעצטע ליסטע אַדוואָקאַטן, פון וועלכער ער קאָן זיך אויסקלויבן זיין פאַרטיידיקער. די אויפגאַבע פון פאַרטיידיקער — צו באַשיצן דעם באַשולדיקטן. אינדערעמתן — איז די נשמה פון דער געריכטלעכער פּראָצעדור אין אונדזערע טעג דער פרייער געראַנגל צווישן דער באַשולדיקונג און פאַרטיידיקונג. פון דעם איז אָפּהענגיק דער גאַנצער מהלך פונעם פּראָצעס. פון דעם איז אָפּהענגיק דער אורטייל — צום גוטן אָדער צום שלעכטן. אָט דערשיינט ביים שטענדער אַן עדות, וואָס אַ קליין קינד קאָן צונישט־מאַכן אַלע זיינע דערקלערונגען און דעמאַסקירן דעם שווינדל. אָבער סלאַנסקיס אַדוואָקאַטן זענען מוותר, גענויער — זענען געצוווּנגען מוותר צו זיין פון אויספאָרשן דעם עדות. זיי מיסברויכן מיט זייער אַמט. זיי מיידן אויס צו ראַנגלען זיך מיט דער פּראָקוראַטור. אויך פון פאָרמעלן שטאַנדפּונקט איז דאָס אַ קאַריקאַטור פון אַ פּראָצעס. נאָר דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע אַדוואָקאַטן מיט די פאַרשטאָפּטע מיילער זיצן אין זייערע טונקעלע טאָגעס אין געריכט־זאַל, גלייך ווי אָנגעגורטע צום קאַמף, וואָס זיי וועלן בכלל נישט פירן — אויס צוואַנג אָדער אויס אייגנ־וויליקן אָנטייל אינעם אָדורכפירן דעם יורידישן פאַרברעכן — דער דאָ־זיקער פאַקט פאַרוואַנדלט די קאַריקאַטור אין אַ פאַרס.

וועט מיין עדות־זאָגן טראַנסמיטירט ווערן איבער דער גרויסער וועלט? וויאַזוי וועט מען אויף דעם רעאַגירן אין ישראל? וואָס וועט זאָגן מיין פרוי, וואָס וועלן זאָגן די חברים פון מיין באַוועגונג, הערנדיק מיינע

פאַנטאַסטישע ווידוי־ים, אַז כ׳האָב זיך באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש לטובת דער ישראל־רעגירונג און דעם בריטישן „אינטעלידזשענס־סערוויס״? אַז כ׳בין שטענדיק געווען אַ פיינד פון ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָ־קראַטיעס? אַז זינט 1945 בין איך געזעסן נישט אין ארץ־ישראל, נאָר אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער און זיך דאָרט פאַרנומען מיט שפּיאָ־נאַזש? אַז כ׳בין געווען אַ מיטגליד נישט אין דער ציוניסטישער און סאָ־ציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי מפ״ם, נאָר אין סתם אַ ציוניס־טישער פּאַרטיי? אַז אין יאָר 1951 בין איך נישט געפאָרן קיין בערלין צו דער וועלט־קאָנפערענץ אין שליחות פון מפ״ם, נאָר קיין פּראַג, אין אויפ־טראַג פון אויסערן־מיניסטער שרת, צוליב שפּיאָנאַזש־צוועקן? וויאַזוי וועלן רעאַגירן ד״ר בעבלער און משה פּיאַדע אין בעלגראַד, הערבערט מאָריסאָן און קוני זיליאַקוס אין לאָנדאָן, מ. שרת, א. אבריאל, ר. בנשלום אין ישראל און ד״ר קובאָווי אין דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט אין פּראַג, הערנדיק די אויסגעטראַכטע אַנטפּלעקונגען — פאַרבונדענע מיט זייערע נעמען — וואָס זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין מיין מויל? איך בין זיכער, אַז זיי וועלן פאַרשטיין וואָס ס׳איז געשען; וואָס עס איז די ווערט פון דעם פּראָצעס, אויף וועלכן מיר איז באַשערט געווען צו זיין דער פונאַנ־דערטראָגער פון נישט מיינע שקרים.

פאַרוואָס שרייבט מען מיר נישט פון דער היים? פאַרוואָס איז נישטאָ קיין ענטפער אויף מיין בריוו פון מיטן יוני? היינט איז שוין דער 20־סטער נאָוועמבער. זינט כ׳האָב געשריבן מיין בריוו זענען שוין אַריבער העכער 5 חדשים. וויאַזוי האָט מען אין דער היים און אין דער באַוועגונג אויפגענומען די „ווידוי״ אין מיין בריוו, אַז כ׳בין באַגאַנגען חטאים קעגן טשעכאָסלאָוואַקיע? מאָרגן־איבערמאָרגן וועט מען זיכער לייענען אין דער ישראל־פּרעסע די „ווידוי״ פון מיינע עדות־דערקלערונגען. וועט די באַ־וועגונג גלייבן מיר, אָדער דער „ווידוי״, די רעזשיסערן פונעם סלאַנסקי־פּראָצעס? איך בין זיכער אַז זי וועט מיר גלייבן. און נישט דער„ווידוי״.

במשך אַלע יאָרן האָבן מיר נאָך געהאַט האַרבע ספקות בנוגע דער ווערט פון די מאַנסטער־פּראָצעסן אין די לענדער פון סאָציאַליזם. מיר האָבן נישט געגלויבט, אַז בראש פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די קאָ־מוניסטישע פּאַרטייען זענען אַלע יאָרן געשטאַנען פאַרמאַסקירטע שפּיאָנען, געשוווירענע פיינד פון סאָציאַליזם, פאַשיסטן און טעראָריסטישע מערדער. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָבן מיר זיך אָפּגעהאַלטן — צוליב זייער וואָ־

גיקע פּאָליטישע מאָטיוון — צו ברענגען צום אויסדרוק אונדזערע האַרבע ספקות. נישט וועלנדיק — אָביעקטיוו — אַריינפלעכטן זיך אינעם כאַר פּראָפעסיאָנעלע העצער קעגן דער וועלט פון רעוואָלוציע, האָבן מיר פּאַקטיש אָנגעווענדט אַ ליניע פון „נישט אַריינמישונג" אינעם שטח פון געזעץ און משפט אין די דאָזיקע לענדער. מיין באַוועגונג וועט איצט אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר אַ האַרבן פּאָליטישן און מאָראַלישן עקזאַמען. אין דער מאָס ווי איך קען מיין באַוועגונג — זייענדיק בלוט פון איר בלוט און פליישׁ פון איר פלייש — און דעם חומר פון וועלכן עס איז געקנעטן איר מאָראַלישע סובסטאַנץ, בין איך אַבסאָלוט זיכער, אַז די באַוועגונג וועט מיך נישט מפקיר זיין. זי וועט דערקלערן איר גלויבן אין מיר און נישט אין דער כנופיה מיינע פּייניקער און אין דעם שקרדיקן פאַרס וואָס הייסט סלאַנסקי־פּראָצעס. ניין, מיין באַוועגונג וועט מיך נישט מקריב זיין. זי וועט מיך נישט וואַרפן פאַר די וועלף. זי וועט אַלץ טאָן, כדי מיך אַרויסשלעפּן פון זייערע נעגל. איך שטרענג זיך זייער אָן נישט טראַכטן מער וועגן מיינע עדות־דערקלערונגען. איך באַמי זיך איינצודרימלען — אָן דערפאָלג.

און וואָס איז מכוח זייער צוזאָג — מיך אַהיים לאָזן נאָכן ענדיקן דעם פּראָצעס? וואָס איז מיט דער טעלעגראַמע, וועלכע מען האָט מיר געצעהט צו שיקן, די בשורה־דעפּעשע, אַז אין צוויי וואָכן אַרום קום איך צוריק אַהיים? און אפשר, פאַרט, איז עס נישט קיין שווינדל? אפשר באַגרייף איך נישט די געזעצן פון זייער פאַרפּלאָנטערטער לאָגיק? ניין. דאָס איז אַ בלאָף. די טעלעגראַמע איז בכלל נישט געשיקט געוואָרן. דאָס זאָגן מיר מיין שכל און די געפילן צוזאַמען. מאָרגן־איבערמאָרגן וועלן זיי זיך מודה זיין אין דעם שווינדל. אויפן פּראָצעס האָב איך נישט באַר עדות געזאָגט. אין די דערקלערונגען האָב איך אויך געלייענט אַ האַרבן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן זיך.

ניין, זיי וועלן מיך נישט לאָזן צוריק אַהיים. זיי גרייט דאָ צו זיצן אַ לאַנגע צייט.

איך קאָן נישט איינדרימלען. אין קאָרידאָר פילט זיך די באַוועגונג צום אָנהייב פון אַ נייעם טאָג. באַלד וועט מען הערן דעם פרימאָרגן־קלונג.

מרדכי אורן

נאָכן פּראָצעס

צוויי וואָכן זענען אַריבער זינט כ'בין אויפגעטראָטן אַלס עדות אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס. איך וועל נישט געראָפן צו קיין אויספאָרשונגען. כ'האָב זיך נאָך אַלץ נישט באַרויקט. איך שלאָף גאַנצע נעכט. דאָס עסן וואָס איך באַקום, איז שוין נישט קיין הונגער־באַשפּייזונג. דוכט זיך, אַז דער אויסהונגערונג־סיסטעם איז בטל געוואָרן נישט נאָר לגבי מיר, נאָר בכלל. איך באַקום נאָך אַלץ דעם שפּייז־צוגאָב, וואָס מען האָט מיר צוגעטיילט פאַרן אויפטרעטן אויפן פּראָצעס. אָן שום ספק וועט ער אינגיכן בטל ווערן.

איך רייכער. מען האָט מיך היינט אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַציר אין תפיסה־הויף. דאָסמאָל האָט מיך אַרויסגעפירט אויפן שפּאַציר נישט מיין אויספאָרשער, נאָר די סערזשאַנטין פון דער זיכערהייט־פּאָליציי, וואָס האָט בשעתו געשריבן דעם פּראָטאָקאָל פון מיינע עדות־דערקלערונגען און וואָס כ'האָב זי געזען אין קאָרידאָר פון געריכט. פון איר איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער פּראָצעס האָט געדויערט אַ וואָך צייט. אַז דער רוב באַשולדיקטע זענען געהאַנגען געוואָרן. זי פרעגט, וואָס מען שרייבט מיר פון דער היים. איך ענטפער, אַז פאַר אַ יאָר צייט פון מיין זיין דאָ, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון דריי שורות: אַ גרוס פון מיין פרוי און די קינדער. איך בין זיכער, אַז מען שרייבט מיר. נאָר מען גיט מיר נישט די בריוו. און אַז מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָבן זיי מיר דערלויבט אָנצושרייבן איין בריוו אַהיים. איך זאָג איר, אַז די אַרעסטאַנטן פון די צאַרישע טורמעס איז דערלויבט געווען זיך איבערצושרייבן מיט זייערע משפחות מיט מערער פרייהייט, כמעט אָן באַגרענעצונגען. זי פרעגט, צי איך האָב נאָך פאַרלאַנגען. איך פאַרשטיי, אַז מען האָט אויף איר אַרויפגעלייגט אויפצונעמען ביי מיר ווונטשן. איך בעט ווינטער־קליידער, אָדער ווינציקסטנס מיין פּולאָווער וואָס אין טשעמאָדאַן, ביכער צום לייענען, אַ דערלויבעניש צו שרייבן אַ בריוו אַהיים. מיט אַ ביסל אַ סאַרקאַסטישן טאָן זאָג איך איר, אַז לויט דעם וואָס מ'האָט מיר צוגעזאָגט, דאַרף איך זיך שוין איצט געפינען אויפן וועג אַהיים. נאָר פון אָנהייב איז מיר געווען קלאָר, אַז די דאָזיקע צוזאָגן זענען ווייט פון אמת, ממש אַזוי ווי מיין עדות־זאָגן אויפן פּראָצעס, וואָס זי האָט עס בשעתו פאַרצייכנט אויף דער שרייבמאַשין. איך בין נישט איבערראַשט, וואָס ס'איז נישטאָ קיין ענטפער אויף מיין טעלעגראַם צו דער פרוי. זי איז בכלל נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן און מיין פרוי איז נישט געווינט צו

ענטפערן אויף טעלעגראַמעס, וואָס זי באַקומט נישט. די סערזשאַנטין פּאַרזיכערט מיר איבערצוגעבן מיינע פּאַרלאַנגען דעם ממונה איבער איר. זי זאָגט, אַז מיין שטענדיקער אויספאָרשער איז אַרויסגעפאָרן אויף אורלויב. קאָן זיין, אַז דאָס איז אמת. אים קומט באמת אַן אורלויב. סאַדיזם איז אַ פּראָפעסיע וואָס מאַכט מיד און אויספאָרשונגען נוסח רוזין זענען אַ שווערע, פיזישע אַרבעט.

די סערזשאַנטין האָט צוגעזאָגט און געהאַלטן וואָרט. היינט האָט דער וועכטער געבראַכט אין קאַמער מיין פּולאָווער. ס'איז שוין העלפט דעצעמבער, שניי. אין קאַמער — אַן אומדערטרעגלעכע קעלט. ער האָט מיר אויך געבראַכט אַ בוך. איך בין אַנטוישט צוליב צוויי מאָטיוון: דאָס בוך איז מיר באַקאַנט, עס איז אין ענגליש — איצט איז מיר ליבער טשעכיש, כדי קאָנען לערנען די געזעצן פון דער שפּראַך, גראַמאַטיק און סינטאַקס — „די מוטער" פון מאַקסים גאָרקי — אַ סאָוויעטישע אויסגאַבע. טראָץ מיין אַנטוישונג — בין איך צופרידן. סוף־כל־סוף עפּעס צו לייענען. פאַר אַ גאַנץ יאָר האָב איך נאָר געלייענט לעכערלעכע פּראָטאָקאָלן פון מיינע אויספאָרשונגען און די קאַטוילישע צייטונג פון אַריזאָנאַ, געווידמעט ישוע, די אַפּאָסטאָלן און דער ווייַנאַכט. זינט מען האָט מיר דערלויבט צו רייכערן, פלעג איך אויך לייענען די רעקלאַמע־אויפשריפטן אויף די שאַכטלען שוועבעלעך. דאָס איז געווען מיין גייסטיקע שפּייז במעט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. סוף־כל־סוף האַלט איך אַ בוך אין מיינע הענט. כדי דערציען אַזאַ געשוווירענעם שונא פון סאָציאַליזם ווי איך, האָט מען מיר, ווייזט אויס, געשיקט גאָרקיס „מוטער". ווידער פיל איך זיך ווי אַ מענטש, אַ יאָר האָב איך געלעבט אין דזשונגל. אַ בוך אין מיין האַנט — איך פיל, גלייך עס באַנייט זיך מיין צובונד צו דער וועלט פון מענטש, די וועלט פון זיין גייסטיקער יצירה. איך פאַרזינק גלייך אין די בלעטער פון בוך. מיט תאווה זאַפּ איך איין יעדעס וואָרט, יעדן זאַץ, ווי אַ שפּראַצונג אין סטעפּ, וואָס טרינקט יעדן טראָפּן רעגן, נאָך אַ יאָר טריקעניש און היץ.

היינט איז פאַר מיר אַ יום־טוב. ווער וועט זיך היינט צו מיר גלייכן? מען האָט מיך גערופן צום אויספאָרשער. איך האָב אים נישט געזען דריי וואָכן. ער דערלאַנגט מיר צוויי בריוו פון מיין פרוי און בילדער פון מיין טאָכטער און זון. די בריוו זענען געשריבן געוואָרן אין אויגוסט און סעפּ־טעמבער — מיט דריי־פיר חדשים צוריק. עטלעכע טרערן פון גליק רייסן

זיך אַרויס פון מיינע אויגן. דער אויספאָרשער איז באַשעפטיקט ביי זיין אַרבעט און ער לאָזט מיך באַהעפטן מיט די בריוו און בילדער. אָט לייען איך די בריוו און אָט קוק איך אויף די בילדער. איינמאָל, צוויי מאָל. אומ־צייליקע מאָל. מיר געלונגט צו לעשן מיין דורשט. ממשותדיקע בריוו, נישט אַ בריוו פון דריי שורות ווי דער ערשטער, וואָס כ׳האָב דערהאַלטן מיט אַ האַלב יאָר צוריק. קורצע בריוו, געשריבן אין דייטש און באַשעפטיקן זיך נאָר מיט דעם וואָס עס קומט פאָר אינדערהיים. אַז זיי זאָלן אַזוי שרייבן — בין איך געווען געצווּוּנגען צו בעטן אין מיין בריוו אַהיים.

מזרע 31.8.1952

טייערער מרדכי,

דערהאַלטן דיין בריוו. ווּעסט זיכער גוט פאַרשטיין, ווי מיר האָבן זיך געפרייט, לייענענדיק אַז ביסט געזונט און אַז האָפּסט אינגיכן צו זיין מיט אונדז. מיר הערן נישט אויף וואַרטן אויף דיין קומען.

די דאָזיקע האָפענונג לאָזט אונדז קיינמאָל נישט אָפּ. אַלע זענען מיר געזונט. די קינדער גייט גוט. פּועה איז אינצווישנצייט געוואָרן אַ גרויס מיידל. זי לערנט זיך גוט, טאַנצט שיין. זי איז אויך אַ גוטע ספּאָרטלערין. דאָס קינד איז באַצויבערנדיק. דער ערשטער מילך־צאָן איז אים אַרויסגע־פאַלן. ער בענקט נאָך דיר.

איך אַרבעט ווייטער אַלס לערערין. היי־יאָר איז דער שניט געווען אַ באַזונדערס גוטער. די חברים אין קיבוץ אַרבעטן שווער, כדי ברענגען אַהיים די גערעטעניש. עס פילט זיך אַ שטאַרקער מאַנגל אין אַרבעטס־הענט.

אין צווישן־צייט זענען געבוירן געוואָרן פיל קינדער. דער גרויסער עס־זאַל וועט אויסגעענדיקט ווערן ערשט אין ווינטער. מיר בויען אַ שווים־באַסיין אויף דער באַזע פון מאָביליזאַציעס צו דער אַרבעט. שוין אייניקע חדשים ווי איך וווין אין אונדזער נייער דירה. אויך זי וואַרט אויף דיין קומען. צוזאַמען מיט די קינדער האָבן מיר פאַרפלאַנצט אַ בלומען־גערטנדל ביי אונדזער שטוב. פּועה באַגיסט איצט די יונגע ביימעלעך. דער לעצטער חודש איז געווען גאָר אַ הייסער. איך שרייב זיך איבער מיט דיין ברודער און קרובים.

נעם פון אונדז צו די סאַמע האַרציקסטע גרוסן און קושן —

רעגאַ, פּועה און משה

מזרע, 29 סעפּטעמבער 1952

טייערער מרדכי,

ראש־השנה איז שוין הינטער אונדז. מיטן גאַנצן האַרצן ווינטשן מיר דיר אַ גוט יאָר. די לימודים אין די שולן זענען שוין באַנייט געוואָרן. פּועה לערנט פיזיק און געניסט פונעם לערנען. דאָס קינד, אַזויווי דו זעסט אויפן בילד, אויך ער רייסט זיך צום לערנען. מיר זענען געזונט. דער זומער גייט אַוועק. אַלע געזעצגעבונגען זענען כמעט אינדערהיים. די צווייטע וואָך וועט פאַרקומען דער יובל־ראַט פון אונדזערע קאָלעקטיוויזירטע ווירטשאַפטן. מיר וואַרטן אויף דיין קומען. אונדזער האָפענונג, אַז וועסט אינגיכן זיין צווישן אונדז. די לאַגע אין דער אַרבעט איז עטוואָס פאַרלייכטערט געוואָרן. די צאָל שילער אין שול איז דאָס יאָר קלענער ווי ביז איצט. מיר זענען איצט פאַרנומען מיט די וואַלן צו די אינסטאַנצן. דעריבער קומען פאָר פיל בירורים. דאָס לעבן ביי אונדז איז נאָרמאַל.

האַרציקע גרוסן און קושן.

רעגאַ און די קינדער

ביי געלייגט: בילדער פון די קינדער.

אַלזאָ, מיין בריוו מיט דער „ווידוי", איז יאָ אָנגעקומען אַהיים. פאַרוואָס איז אין בריוו נישטאָ קיין רמז, אַז זיי גלייבן נישט אין דער „ווידוי" וואָס אין בריוו? צום אומגליק ווערט מיר קלאָר, אַז אין דער היים האָבן זיי מיט ערנסטקייט אויפגענומען אַן אַנדערן זאַך, וואָס זיי האָבן אויף מיר אויפגעצוווּנגען אין מיין בריוו אַהיים — דער זאַך ווו עס ווערט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז אינגיכן וועל איך זיך אומקערן אַהיים. די אומגליקלעכע ווייסן נישט בכלל, אַז זייער האָפענונג איז אַן אומזיסטיקע.

דער אויספאָרשער נעמט פון מיר צו ביידע בריוו און די בילדער. איך בעט אים זיי איבערלאָזן ביי מיר אויף עטלעכע טעג. ער זאָגט אָפּ. דאָס איז קעגן די פאַרשריפטן. אויב כ'וועל זיך גוט אויפפירן, וועל איך פון צייט צו צייט קאָנען זען די בילדער — דאָ, אין אויספאָרשונג־ביוראָ. „איר האָט זיך אויסגערוט עטלעכע וואָכן. אין אייניקע טעג אַרום וועלן מיר באַנייען אונדזערע אויספאָרשונגען".

איך מאַך זיך תמעוואַטע און פרעג, צי ס׳איז געקומען אַן ענטפער אויף מיין טעלעגראַם צו דער פרוי, געשיקט מיט דריי וואָכן צוריק. ער מאַכט דעם אַנשטעל, אַז ער ווייסט נישט וועגן אַ וואָסער טעלעגראַם עס רעדט זיך. איך דערמאָן אים דעם ענין. איך פרעג אים, וואָס איז מכוח דעם ערן־וואָרט פון זיין ממונה בנוגע מיין באַפרייונג — די צייט פון מיין באַפרייונג איז שוין פאַריבער און איך זיץ נאָך דאָ, און איר זאָגט מיר אָן, אַז אינגיכן וועט באַנייט ווערן מיין אויספאָרשונג. איך בין דעריבער געערעכט געוועזן אין מיין אָפּשאַצונג, אַז דאָס איז געווען אַ שווינדל.

— עס איז בכלל נישט גערעדט געוואָרן אַז איר וועט באַפרייט ווערן. און רעדט נישט דאָ קיין פּראָוואָקאַטאָרישע רייד. פאַרגעסט נישט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ קאַרצער. מאָרגן וועט איר קאָנען שרייבן אַהיים.

דער עיקר: צוויי אַנטציקנדיקע בריוו זענען געקומען פון דער היים. זיי זענען געזונט. אין עמק קומט פאַר דער שניט. מען בויט. נעבן מיין שטוב פלאַנצט מען ביימער און אַ בלומען־גערטנדל. די קינדער לערנען. גלייך איך וואָלט באַקומען אַ דערמונטערנדיקע איינשפּריצונג פון כוח. זי וועט מיר זיין געבנוג אויף חדשים, דאָס איז דער עיקר. זאָל איידך, סאַדיסטן, דער טייוול נעמען, מיט אייערע גרויסע און קליינע שווינדלערייען. דער עיקר זענען די צוויי זיסע בריוו און די בילדער.

מלא שמחה קער איך זיך אום אין דער פינצטערער קאַמער.

איך בין נישט מסוגל צו לייענען אַ בוך. איך באַהעפט זיך מיט מיין היים. איך קען די בריוו פון אויסנווייניק. איך לייען זיי נאָך אַלץ — פון זכרון — אָן אַ סוף. זייער אינהאַלט מוז איך דערציילן מיין שכן. די קאַמער ווערט פול מיט פרייד. אַ גרויסער יום־טוב הײַנט פאַר מיר, אָבער פאַרוואָס איז נישטאָ אין די בריוו קיין רמז פון אַ רעאַגירונג אויף דער „ווידוי" אין מיין בריוו? איז זיך פאַרצושטעלן, אַז אין דער היים גלייבט מען אין מיין מודה זיין, אַז „כ׳האָב געזינדיקט קעגן דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק?" איך מוז עפּעס וועגן דעם געבן אָנצוגעהערן אין בריוו, וואָס כ׳וועל מאָרגן אָנשרייבן. וועט מען מיר דערלויבן צו געבן דעם רמז?

מען האָט מיך נישט גערופן צום אויספאָרשער, כדי שרייבן מיין בריוו אַהיים. גאַנצע טעג פאַרברענג איך אין קאַמער. גאָרקיס „מוטער" לייען איך שוין צום דריטן און פערטן מאָל.

איך שלאָף גאַנצע נעכט. הגם איך בין אָנגעטאָן אין פּולאָווער, לייד איך זייער פון דער קעלט. מיין שכן ווערט געפּאַרשט גאַנצע טעג. די מיינ־סטע צייט בין איך איינער אַליין אין קאַמער. איך לייען. איך טראַכט נאָך אַלץ וועגן אינהאַלט פוןביידע בריוו פון דער היים.

עס באַפאַלן מיך שטאַרקע בענקשאַפטן נאָך דער היים: צו מיין משפחה, דעם עמק, דעם פּאַטערלאַנד. בענקשאַפטן ביז וויטיק.

די דאָזיקע בענקשאַפטן דערוועקן אין מיר אַ האַרץ־נאָגעניש, וואָס האָט זיך זיין אייגענעם ניגון. אויך ווערטער — קליינע פּזמונים און מעלאָ־דיעס — אָנשטאָט טרערן פון בענקשאַפט:

„Aus meinen grossen Schmerzen / Mach ich die kleinen Lieder".

(פון מיינע גרויסע שמערצן / מאַך איך מיינע קליינע לידער. — היינע).

...בא אביב לעמק
שמש בו זורחת,
אך יגון בבית
אין בו אור של נחת. —

...בני — העוד ישב הוא
לי על הברכיים?
אימתי אשקה
את עיניו השתיים? — — —

...אל ילדי נכספתי —
אין בכך כל פלא.
מחמדי בעמק,
ואני בכלא. *)

*) פריי איבערגעזעצט — געקומען דער פרילינג אין עמק / עס שיינט אין אים די זון, / אָבער אין שטוב איז טרויער / נישטאָ דאָרט קיין ליכט פון נחת. / מיין זון, צי וועט ער נאָך זיצן מיר אויף די קני? / ווען וועל איך קושן די אויגן זיינע צוויי? / איך בענק צו מיין קינד / ס'איז נישט קיין וווּנדער. / מיינע טייערע אין עמק, / און איך אין תפיסה.

דער אויספאָרשער דערלאַנגט מיר אַ בויגן פּאַפּיר. נאָר פריער פרעגט ער, וואָס איך האָב בדעה צו שרייבן אַהיים. איך ענטפער, אַז איך וויל שרייבן מיין משפחה, אַז כ׳בין געזונט. אַז איך עס צו דער זאַט, אַז איך לייען ביכער. אַז אין קעגנזאַץ צו דעם וואָס כ׳האָב געשריבן אין ער־שטן בריוו, בין איך נישט באַגאַנגען קיין שום עבירה קעגן טשעכאָסלאָ־וואַקיע. אַז מיינע דערקלערונגען די לעצטע צייט אין פּראָג זענען נישט קיין אמתדיקע. אַז איך בין אומשולדיק. אַז ס׳איז נישט ריכטיק וואָס כ׳האָב געשריבן אין לעצטן בריוו, אַז אינגיכן קום איך אַהיים.

דער אויספאָרשער נעמט פון מיר צו דאָס פּאַפּיר און פסקנט:

— איר וועט נישט שרייבן דעם בריוו. מיר וועלן אייך נישט דער־לויבן שרייבן ליגנס דער משפחה.

דער אויספאָרשער באַנייט די אויספאָרשונג. ער שטעלט מיר צענד־ליקער פראַגן בנוגע מפ״ם, איר פּראָגראַמאַטישער פּלאַטפאָרם, אָרגאַניזאַ־ציאָנעלן בוי, אינסטאַנצן, פּערזענלעכער צוזאַמענשטעל פון צענטראַלן סעקרעטאַריאַט, די אויפגאַבן פון סעקרעטאַריאַט און פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע, די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען אין יעדער פון די צוויי אינסטאַנצן.

זיין נאַרישע טעזע איז די, אַז מפ״ם איז נישט קיין פּאָליטישע פּאַר־טיי, נאָר אַ שפּיאָנאַזש־אַגענטור, אַ הילפס־אַגענטור פונעם ישראלדיקן שפּיאָנאַזש־דינסט. אַלע מיטגלידער פון צענטראַלן סעקרעטאַריאַט פאַר־נעמען זיך מיט שפּיאָנאַזש. ישראל גלילין טיילט ער צו דעם טיטל גענע־ראַל. מיינע ענטפערס אויף דעם זעען אויס צו זיין חוצפּהדיקע. דאָס צווייטע בינטל פראַגן באַשעפטיקט זיך מיט די באַציונגען צווישן מפא״י און מפ״ם. מפ״ם ווערט צוריק אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, נאָר דער אונטערשיד צווישן איר און מפא״י איז דער אונטערשיד פון איין אות (אין טשעכישן אויסלייג).

איך האָב נישט בדעה אַריינצוגיין אין אַ זאַכלעכן וויכוח מיט דעם דאָזיקן פּאָליטישן אַנאַלפאַבעט וועגן פּאַרטייאישע באַציונגען אין ישראל. איך באַנוגן זיך מיט אַ באַמערקונג: דער אונטערשיד צווישן קפּ״ד און ספּ״ד אין דייטשלאַנד (די קאָמוניסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען) איז אויך — לויט זיין אויפפאַסונג — פון איין אות. דער אונטער־שיד צווישן מפא״י און מק״י איז — צוויי אותיות.

דער דריטער קנופּ פּראַגן איז נוגע מיינע באַציונגען מיט דער ישׂראל־געזאַנדשאַפט אין פּראַג. ער קערט זיך צוריק צו די פּראַגן פון דער תּקופה, וואָס אין אָנהייב פון די אויספאָרשונגען. פאַרוואָס פלעג איך באַזוכן די געזאַנדשאַפט און די דירה פון געזאַנדטן? מיט וואָס פאַרנעמען זיך די אָנגעשטעלטע? זיין נאַרישע טעזע איז די, אַז די ישׂראל־רעגירונג האָט מיך געשיקט אונטערזוכן און קאָנטראָלירן די שפּיאָנאַזש־טעטיקייט פון דער ישׂראלדיקער געזאַנדשאַפט אין פּראַג. אויף זיינע אָנצוגעהערענישן, רעאַגיר איך מיט אַן אומגעצוימטן געלעכטער. ער ענטפערט דערויף מיט זידלע־רייען, מיט דראָונגען, אַז ער וועט מיר צונעמען די דערלויבעניש צו ריי־כערן און לייענען. אַז ער וועט מיר אָוועקנעמען דעם שפּייז־צוגאָב און שיקן מיך אין קאַרצער. איך באַמערקט אים, אַז ער זאָל טאָן ווי ער פאַרשטייט.

אין מיר קומט פאָר אַן ענדערונג. גלייך, אויף אַן אויטאָמאַטישן אופן, אַן אַ פריערדיקן טראַכטן. איך אַליין בין איבערראַשט פונעם אויפפירן זיך בעת דער אויספאָרשונג אינדערפרי, פון מיינע שאַרפע ענטפערס, פון דעם רייצנדיקן קלאַנג פון די ווערטער. איך פיל זיך ווי אַ באָקסער נאָך אַ נאָק־אַוט, וואָס האָט באַשלאָסן צו שטעלן זיך אויף די פיס און אָנזאַמלען כּוח, כּדי זיך גרייטן צו נאָך אַ רונדע. ביז איצט שטייט ער נאָך נישט פעסט אויף זיינע פיס. ער באַמיט זיך נאָך אַלץ אויסגלייכן דעם רוקן און קומען צו זיך, נאָך די אַריינגעכאַפּטע קלעפּ. אָבער ער גרייט זיך שוין אַליין צום ווייטערדיקן פאַרמעסט.

איך קום צו זיך פון פיזישן, גייסטיקן און זעלישן שטאַנדפּונקט. איך הייב אָן שטוינען, וויאַזוי איז זיי געלונגען מיך איינצוברעכן. איך פיל, אַז מיין ווילן קערט זיך צו מיר צוריק. איך שפּיר שוין נישט קיין אָפּגעלאָזנ־קייט און אַפּאַטיע. וואָס איז געשען? פונוואַנען איז געקומען מיין דערוואַ־כונג? צי טאָקע פון די לעבנס־באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך געענדערט די לעצטע וואָך? פון דעם נאָרמאַלן עסן? פון דעם אומגעשטערטן שלאָף במשך איניקע וואָכן? פון די שפּאַצירן אויף דער פרישער לופט? פון רייכערן? לייענען ביכער? פון די בריוו פון דער היים? איניקע וואָכן אָן אויספאָרשונגען און אָן דערנידעריקונג?

יאָ, איך פיל אין זיך ווילן און כּוח צו באַנייען דעם געראַנגל. נאָר איך ספק נישט, אַז זיי וועלן כּלפּי מיר באַנייען דעם שווידערלעכן רעזשים,

הינטער וועמענס צייכנס כ׳האָב געלעבט דאָס דאָזיקע יאָר. ווידער הונגער, באַרויבטער שלאָף, דערנידעריקונגען, נישט לאָזן רייכערן. אָפּשניידן די בריוו־פאַרבינדונג מיט דער היים. וועל איך איצט קאָנען אויסהאַלטן דעם באַנייטן, קאָשמאַרנעם עקזאַמען? יאָ, אַ שווידער נעמט מיך אַרום ביים דערמאָנען זיך די תקופה וואָס איז איבער מיר אַריבער. נאָר איך מוז באַנייען מיין געראַנגל. אין דער מאָס ווי עס האָבן זיך צו מיר אומגעקערט די כוחות, און עס קומען צוריק צו מיר דער כוח פון ווילן און דער כוח פון אַנטשיידונג — אין דער מאָס קאָן איך נישט נישט ראַנגלען זיך מיט זיי, נישט פּרווון באַנייען דעם קאַמף פאַר מיין אמת און דעם אמת פון מיין באַוועגונג און דעם ציוניסטישן ווערק. און אויך פאַר מיין כבוד אַלס מענטש און פּאַרטיי־מענטש.

ווייַנאַכט 1952. אַ פייערלעך מאָלצייט. יעדער אַרעסטאַנט באַקומט אַ געפלאָכטענע יום־טוב־חלה. אַן אויסגעצייכנטע שאָל טיי, אויפן אָרט פון דער געשמאַקלאָזער „קאַווע", אַ שטיקל פלייש. נאָר איך בין איינזאַם. נעכטן איז פון מיר אַוועק מיין שכן. פלוצים האָט אים דער וועכטער גערופן גיין מיט אים, נאָכדעם ווי ער האָט אים באַפוילן צונויפנעמען מיט זיך אַלע זאַכן. אין מאָמענט ווען מיר האָבן זיך צעשיידט, האָט ער נאָך באַוויזן מיר אַ פליסטער צו טאָן: „וויזט אויס, אַז איך גיי צום פּראָצעס". ער האָט נאָך אויך באַוויזן צו ווינטשן מיר אַלדאָס גוטס און אַ שנעלן צוריקקער אַהיים.

צו די ווייַנאַכטן האָב איך באַקומען אַ ניי בוך, דאָס דריטע לויט דער ריי. יעדע וואָך באַקום איך אַ בוך. כ׳האָב ווידער באַקומען „די מוטער" פון גאָרקי — אין דער טשעכישער שפּראַך. דער אַרעסטאַנט איז נישט פריי זיך אויסצוקלויבן דאָס בוך, אין וועלכן ער איז פאַראינטערעסירט. דער וועכטער ברענגט מיר דאָס בוך אין קאַמער — ווייזט אויס, לויטן אויסוואַל פונעם ביבליאָטעקאַר. מיין בקשה צו געבן מיר אַן אַנדער בוך, איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. מילא, כ׳וועל עס ווידער לייענען. אַזוי וועל איך לערנען די טשעכישע שפּראַך, איר גראַמאַטיק און סינטאַקס.

לויט מיינע אויסרעכענונגען — איז מאָרגן זייער ניי־יאָר: דער ערשטער יאַנואַר 1953. היינט ביינאַכט — די סילוועסטער־נאַכט. שוין אַ וואָך צייט האָט מען מיך נישט גערופן צו קיין אויספאָרשונג. איך שלאָף

אַלע שעהן אין דער נאַכט. איך בין שוין נישט דורשטיק נאָכן שלאָף. דוכט זיך, אַז דאָס עסן איז איצט נאָרמאַל לויטן כמות. איך באַקום נאָך אַלץ די צוגאָבן, וואָס זענען מיר געגעבן געוואָרן האַרט פאַרן סלאַנסקי־פּראָצעס. עס רופט ביי מיר אַרויס שטוינונג דער פאַקט, וואָס מען האָט זיי נאָך נישט בטל געמאַכט. עס זענען שוין פאַריבער זעקס וואָכן זינט כ׳בין דערשינען אויפן פּראָצעס. און נאָך עפּעס: מיין פּירוגג בעת די אויספאָר־שונגען ווערט ווידער „דעסטרוקטיוו" און „שעדיקעריש" — לויט די באַ־צייכענונגען פונעם אויספאָרשער. פאַרוואָס עפּעס פירט ער נישט דורך זיינע דראָונגען אָפּצושאַפן דעם שפּייז־צוגאָב? איך רויכער. יעדע וואָך באַקום איך אַ בוך. שוין צוויי וואָכן ווי איך בין אַליין. די איינזאַמקייט דריקט זייער, באַזונדערס ווען כ׳ווער נישט גערופן צו קיין אויספאָרשונ־גען. מען זאָל מיר ווינציקסטנס געבן יעדן טאָג אַ בוך. איך באַקום אָבער איינמאָל אין וואָך. דאָסמאָל האָב איך אַ נייעם צוגאַנג צו אַ בוך: אַ גוט בוך איז אַ דיק בוך — 400—500 זייטן. אַ דין בוך איז שלעכט.

יעדן דאָנערשטיק — ווען מען טוישט די ביכער — בין איך פול מיט שפּאַנונג און געבעט: הלוואי זאָל איך באַקומען אַ דיק בוך. צום באַ־דויערן, היינטיקע וואָך האָב איך באַקומען אַ דין ביכל פון 120 זייטן. פון אַ פראַנצויזישן שרייבער. כדי זיך אַביסל צו באַפרייען פון דער דריקנדיקער איינזאַמקייט, לייען איך דאָס דאָזיקע בוך יעדן טאָג פונדאָסניי.

היינטיקע נאַכט איז — די סילוועסטער־נאַכט. געגוי מיט אַ יאָר צוריק האָט מען מיך אַראָפּגענומען פון דער באַן, וואָס האָט מיך געפירט קיין ווין. מען האָט מיר געזאָגט, אַז זיי דאַרפן עפּעס אויפקלערן אַ קליינעם פאַרמעלן ענין. אַז דאָס איז אַן ענין פון אַ שעה־צוויי. דערנאָך האָבן זיי געזאָגט, אַז דאָס איז אַן ענין פון אַ טאָג־צוויי, פון אַ וואָך, און אָט דער „קליינער, פאַרמעלער ענין" קלערט זיך שוין אויף אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. וויפל נאָך יאָרן פון אויפקלערונג דערוואַרטן מיך? פון קאַלענדאַרישן שטאַנדפּונקט איז בלויז איין יאָר אַריבער זינט מיין אַרעסט. נאָר מיין געפיל איז, אַז דעם גיהנום אויף דער ערד האָב איך דורכגעמאַכט פיל יאָרן. וואָס בין איך נישט דורכגעגאַנגען פאַר דעם דאָזיקן יאָר? איך בין פול מיט שטוינונג, וויאַזוי איך האָב אַדורכגעמאַכט דאָס דאָזיקע יאָר, פול מיט קאָשמאַרן — און איך לעב נאָך, און איך בין נישט אַראָפּ פון זינען. נאָך מער, איך הייב זיך אָן צוריקכאַפּן. איך קלאַמער זיך ווידער אין דער שפּיז, וואָס מען האָט אַרויסגעשלאָגן פון מיינע הענט.

דאָס נאַכטיקע געשפּרעך

די טעג לויפן איינער גראָער פונעם צווייטן. דאָ און דאָרט ווער איך גערופן צו אַן אויספאָרשונג וואָס דויערט אַ שעה־צוויי. אָפּטמאָל בייטאָג, אָפּטמאָל ביינאַכט. קיין שום אויספאָרשונג פאַרענדיקט זיך נישט מיטן צונויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל, אין וועלכן עס זאָלן נישט זיין קיין פעלשונגען. דער אויספאָרשער ווייסט, אַז כ׳וועל מערער נישט חתמענען אונטער כזבים. ער זידלט זיך נאָך אַלץ. ער האָט אָבער אויפגעהערט צו באַנוצן זיינע פויסטן. זייער זעלטן באַפעלט ער מיר צו שטעלן זיך אויף אַכטונג. קיין איינער פון די אָפּיצירן־אויספאָרשער, וואָס פלעגן מיך אָפּט באַזוכן ביזן סלאַנסקי־פּראָצעס, באַווייזט נישט מער זיין פּרצוף. וואַרשיינלעך האָט מען עטוואָס נאָכגעלאָזט דעם פּאַסעק אין תחום פונעם פּאַרש־סיסטעם.

איך גיי איבער אין אַ קעגנאָנגריף. נאָך יעדער אויספאָרשונג, ווען דער אויספאָרשער גרייט זיך צונויפצושטעלן אַ פּראָטאָקאָל, מעלד איך אים, אַז כ׳וועל נישט חתמענען קיין שום פּראָטאָקאָל, ווי ס׳איז פאַראַן וועלכע ס׳איז פאַרקריפּלונג פון אמת. — נישט נאָר וואָס כ׳וועל נישט חתמענען אונטער נייע ליגנס, נאָר איך מעלד, דאָס איך מאַך בטל די אונטערשריפטן אויף די אַלטע ליגנס. איך פאָדער צונויפשטעלן פונדאָסניי אַ פּראָטאָקאָל אויפן אָרט פון די געפעלשטע, וואָס כ׳האָב אונטערגעחתמעט אין משך פון פאַריקן יאָר. די דאָזיקע פּראָטאָקאָלן, ווי מיינע אונטערשריפטן זענען אַ רעזולטאַט פון צוואַנג, באַטראַכט איך פאַר אינגאַנצן בטל־געוואָרענע.

דער אויספאָרשער שטעלט פעסט, אַז ער וועט נישט אָנשרייבן קיין נייעם פּראָטאָקאָל אויפן אָרט פון די אַלטע. אויב כ׳וועל וועלן עפּעס ענדערן אין די אַלטע פּראָטאָקאָלן, קאָן איך דאָס טאָן פאַרן פּראָקוראָר, האַרט פאַר מיין פּראָצעס, אָדער אויפן פּראָצעס גופא.

די אויספאָרשונגען רירן זיך נישט פון זייער טויטן פונקט. דער אויספאָרשער שרייט און זידלט מיך. עס גייען פאַריבער וואָכן און אים געלונגט נישט צו פאַרענדיקן קיין שום אויספאָרשונג מיט וועלכן ס׳איז פּראָטאָקאָל וואָס זאָל אַנטהאַלטן פעלשונגען אָדער ליגנס, אין וועלכע ער נייטיקט זיך אַזוי שטאַרק.

צום סוף דראָט ער און פאַרווירקלעכט אפילו זיין דראָונג. נעכטן האָט מען מיר אויפגעהערט ברענגען דאָס ברויט מיט פעטס אָדער מיט

שינקע. היינט פרעגט ער מיך ווי אַזוי איך פיל זיך אַן דעם שפּייז־צוגאָב.

— צווישן דער באַרימטער פּראַגער שינקע און דעם ירושלימער אמת, האָב איך אויסגעקליבן דעם אמת פון ירושלים.

דער אויספאָרשער גיט אָנצוגעהערן, אַז אויב ס׳וועט נישט פאָר־קומען קיין ענדערונג אין מיין סאַבאָטירנדיקן צוגאַנג לגבי דער אויספאָר־שונג, וועט ער מיר צונעמען די דערלויבענישן פון רייכערן און לייענען. אויסער דעם באַשולדיקט ער מיך אין רעדן אין אַ חוצפּהדיקן, באַליידיקנ־דיקן און פּראָוואָצירנדיקן טאָן. אַלע עטלעכע טעג פרעג איך מעשה תּם, צי ס׳איז געקומען אַן ענטפער פון מיין פרוי אויף דער טעלעגראַם פון דעצעמבער וועגן מיין באַפרייונג.

פון צייט צו צייט פאַרלאַנג איך צו זען דעם אָפיציר־אויספאָרשער „מיטן ערן־וואָרט". ער זעט אין דעם באַליידיקנדיקע רייד.

די העלפט פעברואַר 1953. נאָך האַלבער נאַכט. דער וועכטער וועקט מיך אויף און ברענגט מיך אין דער אויספאָרשונג־קאַנצעלאַריע. דער אויס־פאָרשער גיט מיר צו וויסן, אַז דער „שעף" וויל מיך זען און שמועסן וועגן מיין חוצפּהדיקער און סאַבאָטירנדיקער אויפפירונג בעת די אויספאָרשונגען.

דער „שעף" זיצט ביים שרייבטיש, אויפן פאָן פון סטאַלינס ריזן־פּאָרטרעט. איך האָב נישט געזען דעם „שעף", זינט מיין אויפטריט אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס:

— אורן, איך הער פון אייער אויספאָרשער דאָס איר זענט זייער חוצפּהדיק בעת די אויספאָרשונגען. איר לאָזט פאַלן באַליידיקונגס־ווערטער אויפן אַדרעס פון אונדזער זיכערהייט־פּאָליציי. איר פירט זיך אויף אויף אַ פּראָוואָקאַטיוון אופן. אַזוי וועט דאָס נישט גיין. זיכער פילט איר, אַז מיר פירן זיך מיט אייך מיט ווייניקער האַרבקייט ווי פאַראַיאָרן. איר עסט צו דער זעט, שלאָפט אין די נעכט, רייכערט, לייענט ביכער. איר מוזט זיך צוריק אויפפירן אַזוי ווי אין דער תקופה פון פּראָצעס. דאָס וועט זיין פאַר אייער טובה וועגן.

— הער שעף, איך פיל, אַז מיין לאַגע איז געוואָרן לייכטער. אָבער עס איז נישט אמת, אַז איך בין חוצפּהדיק. דער אמת איז דער, אַז איך זאָג זיך אָפּ אונטערצושרייבן פּראָטאָקאָלן, אין וועלכע ס׳איז נישטאָ קיין אמת. אויף מיין אויפפירונג אין דער צייט פון פּראָצעס און איבערן דערשיינען אויפן פּראָצעס גופא, באַדויער איך. מיין אויפפירונג דעמאָלט איז געווען אַן

אויפגעצווונגענע. איך מעלד וועגן בטל מאַכן מיינע עדות אונטער די פּראָ־טאָקאָלן, וואָס זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן ביזן פּראָצעס. איך פאָדער, אַז אויף זייער אָרט זאָל אָנגעשריבן ווערן אַ נייער פּראָטאָקאָל, באַזירט אויפן אמת. דער וואָס האָט נישט ליב דעם אמת, זעט אין אים טיילמאָל עפּעס, וואָס באַליידיקט און פּראָוואָצירט. אָבער איך בין נישט אויסן וועמען באַליידיקן אָדער טרעפן.

— ביי אונדז ענדערט מען נישט קיין אונטערגעחתמעטע פּראָטאָקאָלן. אַז אַנשטענדיקער מענטש דאַרף האַלטן בכבוד זיין אונטערשריפט.

— איך האָב אונטערגעשריבן אונטערן צוואַנג און דרוק, נאָך אַ לאַנגן פּעריאָד פון ליידן און פּיין. איך האָב געחתמעט אונטער רייד וואָס זענען נישט קיין אמתדיקע. קיין שום אַנשטענדיק געריכט אין דער וועלט וועט נישט שעצן די דאָזיקע אונטערשריפטן, נאָר באַשטראָפן די מענטשן, שולדיקע אין די דאָזיקע אַנטי־געזעצלעכע צוואַנגס־מיטלען. איך בעט צו־נויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל וועגן בטל מאַכן מיין אונטערשריפט.

— עס איז נישט אין אונדזער קאָמפּעטענץ בטל צו מאַכן אונטער־געשריבענע פּראָטאָקאָלן. דאָס איז אויך נישט וויכטיק. אַז ס׳וועט קומען די צייט, וועלן מיר אייך ברענגען פאַרן געריכט און דאָרט וועט אַלץ באַ־שלאָסן ווערן. ווען איך האָב אייך געזען דאָס לעצטע מאָל, זענט איר געווען אַלס עדות. איצט זענט איר אַ געפאַרשטער וואָס וואַרט אויף זיין פּראָצעס. אייער טובה פאָדערט עס, איר זאָלט זיך גינסטיק אויפפירן און העלפן אייערע אויספאָרשער מיט דער מאַקסימאַלסטער שנעלקייט צו פאַרענדיקן די אויספאָרשונג.

— צום באַדויערן, קאָן איך נישט מיט אייך מסכים זיין, אַז מיין לאַגע האָט זיך געענדערט. אויך אין דער צייט פון מיין דערשיינען אַלס עדות, האָב איך גוט געוווּסט — אין קעגנזאַץ צו אייערע צוזאָגן און צו דעם שפּיל פון שיקן אַ טעלעגראַם צו מיין פרוי — אַז כ׳וועל נישט גיין אַהיים, נאָר ווייטער דאָ וואַרטן אויף מיין פּראָצעס. איך האָב פון אָנהייב אָן גע־וווּסט, אַז דאָס איז נישט אמת. לויט מיין מיינונג, דאַרף מען פאַרענדיקן די אויספאָרשונג דורך אַ פּראָטאָקאָל וואָס מאַכט בטל די פריערדיקע אויס־פאָרשונגען און וואָס זאָל זיך שטיצן אויפן ריכטיקן אמת. איך וויל האָפן, אַז מיין פּראָצעס וועט ווי אַמשנעלסטן פאָרקומען.

— לאָמיר איצט איבערגיין צו אַן אַנדערן ענין. איז אייך באַקאַנט דער נאָמען משה סנה ?

— יאָ. דעם נאָמען האָב איך איינציקע מאָל דערמאָנט בעת די אויס־פאַרשונגען. ער איז אַ מיטגליד אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע און אין צענטראַל־קאָמיטעט פון מפּ"ם. אין די פּראָטאָקאָלן האָט אים דער אויס־פאָרשער איינציקע מאָל באַצייכנט אַלס מערבדיקן שפּיאָן אַזויווי מיך, אַלס שונא פון סאָציאַליזם ווי איך, אַלס איינעם וואָס האָט צוזאַמען מיט קלעמענטיסן געגרייט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען ווי איך. דאָס איז,פאַרשטייט זיך, נאַריש און לעכערלעך כלפּי סנה, ממש ווי ס'איז נאַריש און לעכערלעך כלפּי מיר.

— איז סנה אַ פאַרשטענדיקער מענטש?

— אָן שום ספק, אַנישט וואָלט ער נישט דערוויילט געוואָרן אין די העכסטע אינסטאַנצן פון אונדזער פּאַרטיי.

— איז ער אין אַזאַ מאָס פאַרשטענדיק, אַז איר זענט גרייט צו סאָלידאַריזירן זיך מיט זיין פּאָליטישער שטעלונג?

— סנה איז טאָקע אַ פאַרשטענדיקער מאַן. נאָר איך בין נישט גרייט זיך אָנצושליסן אין זיין פּאָליטישער שטעלונג. ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַ בורזשואַז־ליבעראַלער ציוניסט און ערשט אין יאָר 1948 איז ער דערגאַנגען צו דער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויונג און זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער פּאַרטיי. איך בין אים פאָרויסגעגאַנגען אין סאָציאַליזם מיט צוואַנציק און מערער יאָרן. אויסער דעם בין איך נישט געוואוינט נאָכצוגיין נאָך די אָדער אַנדערע מענטשן. איך גיי מיט מיין באַוועגונג און אירע פּרינציפּן. פאַראַן ביי מיר אַן אייגענער קאָפּ און אייגענע געדאַנקען. איך נייטיק זיך נישט אין סנהס וועגווייזעריי.

איך פאַרשטיי, אַז עפּעס ערנסטס איז געשען מיט סנה. אַנדערש וואָלט דער „שעף" מיר נישט פאַרגעלייגט צוצושטיין צו סנהן.

— אורן, לייענט נאָר דאָס — זאָגט מיר דער „שעף" און דערלאַנגט מיר אַן עקזעמפּלאַר פון „רודע פּראַוואָ" (אָפיציאָז פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי). די דאַטע — איינער פון די פעברואַר־טעג 1953. דער „שעף" ווייזט אָן אויף אַ ידיעה פון אַ 20 שורות. עס ווערט דאָרט דערציילט וועגן סנה'ס פאַרלאָזן מפּ"ם, וועגן אויפשטעלן אַ באַזונדערע פּאַרטיי אונטער זיין אָנפירונג און וועגן אויפרוף פון דער נייער פּאַרטיי, וואָס שטעמפּלט דעם ציוניזם און אימפּעריאַליזם און רופט די אַרבעטער פון ישראל מיטצואַרבעטן מיט דער ישראלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך גיב צוריק דעם „שעף" די צייטונג.

— וואָס זאָגט איר אויף דעם, אורן ?

— אין די פּראָטאָקאָלן וואָס כ'האָב אונטערגעשריבן, האָט איר באַצייכנט סנהן אַלס מערבדיקן שפּיאָן און פאַרעטער פון סאָציאַליזם. דע־מאָלט איז דאָס נישט געווען אמת. איצט, ווייזט אויס, האָט זיך סנה אַנט־פּלעקט אַלס אמתדיקער פאַרעטער, אַלס דער, וואָס פאַראַט זיין פאָלק און זיין נאַציאָנאַלן רענעסאַנס.

— און איר זענט נישט גרייט צוצושטיין צו סנהן ? מיט זיין לעצטן שריט באַווייזט ער, אַז ער האָט חרטה אויף זיינע פריערדיקע פאַרברעכנס און אַז ער גייט אַרויף אויפן ריכטיקן וועג.

— אַוודאי שליס איך זיך נישט אָן צו פאַרעטער. איך וועל נישט פאַראַטן מפּ״ם, נישט אירע סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן און נישט אירע נאַציאָנאַל־ציוניסטישע איינשטעלונגען.

— אַ שאָד וואָס איר האָט אַזאַ שטאַנדפּונקט. אַ מער פאַרשטענדיקע איינשטעלונג אייערע וואָלט אויף אַן אַנטשיידנדיקן אופן געענדערט אייער לאַגע. דאָס וואָלט זייער דערנענטערט דעם טאָג פון באַפרייונג. טראַכט וועגן דעם.

— איך דאַרף נישט טראַכטן וועגן דעם. כ'וועל נישט פאַראַטן.

איך קער זיך אום אין קאַמער אין די קליינע נאַכט־שעהן.

„כ'האָב אָרגאַניזירט אַ ציוניסטישע אונטערערד" אין ראַטנפאַרבאַנד

דער אויספאַרשער דערלאַנגט מיר אַ נייעם בריוו פון דער היים, פון חודש אָקטאָבער, אַלע זענען געזונט. די קינדער לערנען גוט. עס דערנענ־טערן זיך זייערע געבורטס־טעג (נאָוועמבער און דעצעמבער). מיין פרוי־ האָפט, אַז ביז דער צייט וועל איך זיך אומקערן צו דער משפחה. אויף אַ וואָסער גרונט איז די דאָזיקע האָפענונג? ווייזט אויס, אויפן סמך פון מיין בריוו און דער דאָרט אויסגעדריקטער האָפענונג, אַז כ'וועל שנעל קומען אַהיים. נאָר אין דעם בריוו איז נישט פאַראַן קיין שום רעאַגירונג אויף דער „ווידוי"

וואָס אין מיין בריוו. איך האָב זיך געפּרייט צו באַקומען אַ ידיעה פון דער היים, וואָס איז איינגעהילט אין צער און טרויער. און טאָמער גלייבט מען אין מיין היים און אין דער באַוועגונג אין די אמתן פון מיין „ווידוי״? קוים האָבן זיי נישט געננוג פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַן אויפגעצוווונגע־נער ווידוי? אַז דאָס איז געווען דער איינציקער וועג זיי איבערגעבן אַ סימן פון לעבן?

דער אויספאָרשער לאָזט מיך נישט לאַנג באַהעפטן מיטן בריוו. ער פרעגט מיך צי איך וויל ענטפערן. מיין תשובה: יאָ. ער פרעגט וואָס כ׳וועל שרייבן. איך ענטפער, דאָס כ׳האָב בדעה צו שרייבן, אַז כ׳בין געזונט און אַז כ׳בענק נאָך זיי. אַז כ׳בין אומשולדיק — אין קעגנזאַץ צו דעם וואָס כ׳בין געווען געצוווּנגען עפנטלעך צו שרייבן אין ערשטן בריוו ביי אַן אַנדע־רער געלעגנהייט. דער אויספאָרשער ענטפערט, אַז ער קאָן מיר נישט דער־לויבן שרייבן אַהיים „שקרים״. עס הויבט זיך אָן אַ שאַרפער מיינונגס־אויסטויש וועגן אמת און שקר. נאָך אַ גרויסן אינעווייניקסטן געראַנגל גיב איך צו וויסן דעם אויספאָרשער: אַזויווי ער פאַרווערט מיר צו שרייבן אַהיים דעם אמת, שרייב איך נישט קיין פולן בריוו, נאָר כ׳וועל זיך באַ־גנוגענען מיטן באַשטעטיקן דעם דערהאַלט פון די בריוו און צוגעבן גרוסן אַהיים.

אויף אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר וועלכן ס׳דערלאַנגט מיר דער אויספאָר־שער, שרייב איך אָן אין דייטש בלויז איניקע שורות:

רעגאַ און טייערע קינדער:

באַקומען אייערע דריי בריוו און די בילדער. זיי האָבן מיר פאַרשאַפט פיל פרייד און גליק. איך בין פולקאָם געזונט. איך בענק נאָך אייך אַן אויפ־הער. איך באַגער אייער געזונט און קוש אייך פון גאַנצן האַרץ.
אייער מרדכי

אויך דאָסמאָל דערלויבט מיר נישט דער אויספאָרשער צוצוגעבן אַ גרוס צו די קרובים: ווידוי, כזב, כפוי. *)

מיין שלאַכט וועגן אמת און שקר וועל איך נאָך ווייטער פירן מיט די דאָזיקע ריטער פון אמת. נאָר מען דאַרף נישט גורם זיין איבעריקע

*) די ווידויים זענען פאַלש און אויפגעצוווּנגען.

יסורים מיין משפּחה, וואָס פּייניקט זיך סיי־ווי דורך אַבסאָלוטן אָפּהאַלטן פון שרייבן. זאָלן זיי ווינציקסטנס וויסן אַז כ׳לעב און בין געזונט און האָב באַקומען זייערע בריוו. דערפאַר האָב איך באַשלאָסן אָנצושרייבן בלויז ווינציקע שורות.

דער אויספאָרשער באַנייט די אויספאָרשונג:

— איצט, אורן, וועלן מיר זיך קאָנצענטרירן אַרום גאָר אַ האַרבן ענין. איך פאָדער פון אייך אַבסאָלוטע אָפנהאַרציקייט, נישט אַרויסדרייען זיך און אמתדיקע ענטפערס. עס האַנדלט זיך וועגן אייער אָנטייל אינעם אָרגאַניזירן דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, נאַציאָנאַליסטישן אונטערגרונט. וואָס איז אין דער לעצטער צייט אַנטדעקט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד. פאַראַן אין אונדזער באַזיץ אַלע באַווייזן, אַז איר, אַלס צענטראַלער שליח פון אינ־טערנאַציאָנאַלן ציוניזם, פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אָרגאַניזירן די ציוניסטישע טעטיקייט אין די לענדער פון סאָציאַליזם, באַלאַנגט צו די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַרברעכערישער ציוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישער אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד. צענטראַלע סאָוויעטישע פּערזענלעכקייטן זענען געפאַלן אַ קרבן פון די אינטריגעס פון דאָזיקן אונטערערד און אירע געהיימע טעראָר־אַקטן. אייער לעבנסוויכטיקער אינטערעס פאָדערט, אַז איר זאָלט אונדז אַנטפּלעקן דעם פולן אמת אין דער דאָזיקער פראַגע, אַ נישט וועלן מיר זיין געצוווּנגען אייך אָוועקצופירן אויף אַן אַנדער אָרט — זייער ווייט פון דאַנען — און איר וועט געפאָרשט ווערן דורך עמעצן אַנדערש. דאָרט וועט מען אָן ספק אַרויסבאַקומען פון אייך דעם אמת. נאָר איך האָף, אַז איר וועט אַרויסווייזן גענוג פאַרשטאַנד און ס׳וועט נישט זיין נויטיק דאָס צו טאָן. דערציילט אונדז, דעריבער, אַ וואָסער איז געווען אייער אָנטייל אינעם אָרגאַניזירן דעם אויבנדערמאָנטן אונטערגרונט אין ראַטנפאַרבאַנד. דערציילט אונדז פּרט נאָך פּרט: דאַטעס, נעמען פון סאָוויעטישע בירגער, די ערטער פון די באַגעגענישן, אירע אויפגאַבן און פּלענער.

איך בין נישט ווייניק דערשטוינט. איך גלויב נישט די אייגענע אויערן. „אַ ציוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישער אונטערגרונט אין ראַטנפאַר־באַנד". „אַ קאָנטעררעוואָלוציאָנערע אונטערערד". „טעראָר־אַקטן". „צענט־ראַלע סאָוויעטישע פּערזענלעכקייטן — קרבנות פונעם אונטערערדישן טעראָר". דו ביסט עס פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פונעם אונטערגרונט. איך טראַכט נאָך אַלץ צי כ׳האָב טאַקע דאָס געהערט פונעם אויספאָרשער, אָדער בין איך אַ קרבן פון מאָדנע האַלוצינאַציעס — און אָט דער־

טראָגט זיך צו מיינע אויערן דאָס קול פונעם אויספאָרשער, וואָס אײַלט מיך אונטער צו ענטפערן.

איך באַמערק, אַז כ'פאַרשטיי נישט וואָס אייגנטלעך ער וויל פון מיר. מיר שיינט, אַז כ'האָב נישט גענוי פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט. גלייך עס וואָלט מיר אָפּגענומען דאָס לשון.

— איר זענט אוודאי זייער איבעראַשט. אַ גאַנץ יאָר איז אײַך גע־לונגען פאַר אונדז אויסצובאַהאַלטן אייערע עיקרדיקע פאַרברעכנס: קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אינערהאַלב דעם ראַטנפאַרבאַנד. מאַכט נישט דעם אָנשטעל, אַז איר פאַרשטייט נישט וואָס כ'האָב געזאָגט און וועלכע זענען די פראַגן וואָס איר דאַרפט אויף זיי געבן אַן ענטפער. — ער חזרט איבער זיינע פראַגן.

וואָס פּלאַנעוועט דאָ דער אויספאָרשער? רעדט דורך זיין מויל איינע פון די ביי זיי אָנגענומענע תחבולותן פון דער אויספאָרשונג: זיך אַרויס־העלפן מיט עפּעס אַן אויסגעטראַכטער מעשה, כדי פונעם געפאָרשטן אַרויסבאַקומען דאָס מודה זיין אין עפּעס אַנדערש? אָדער טאָמער איז באמת עפּעס געשען אין ראַטנפאַרבאַנד, עפּעס וואָס איז פאַרבונדן מיט יידן, ציוניזם און די מנוולים פּלאַנירן מיך אַריינצושלעפּן אין דעם עפּעס און אין דעם פּראָצעס וואָס מיך דערוואַרט, מיך פאַרשטעלן ווי איינעם וואָס האָט נישט נאָר זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, נאָר אויך אָרגאַניזירט אַ ציוניסטישע און טעראָריסטישע אונטער־ערד אין תחום פון ראַטנפאַרבאַנד? דער אויספאָרשער לאָזט מיך נישט נאָכ־קלערן. ער טרייבט מיך אונטער צו ענטפערן:

— ענטפערט, דרייט זיך נישט אַרויס! זוכט נישט אין מוח תירוצים וויאַזוי מיך באַשווינדלען. ס'וועט אייך נישט געלונגען. ענטפערט אויף מיינע פראַגן!

דער אויספאָרשער באַנייט זיין אופן רעדן פון פאַראַיאָרן. דער קלאַנג פון זיין וואָרט ווערט ווידער גראָב, באַליידיקנדיק. אין דער תקופה ווען כ'בין באַצווינגען געוואָרן און געחתמעט זייערע פעלשונגען, האָט דער מנוול אָנגעטאָן אַ מאַסקע פון אַ העפלעכן מאַן, אַ שמייכלענדיקן און גוט־האַרציקן. איצט האָט ער אויסגעטאָן די דאָזיקע מאַסקע און ער דערשיינט אין זיין פולן גלאַנץ: ווי אַ מנוול. ער טרייבט מיך אונטער אים צו ענט־פערן, ווידער פאָכעט ער מיט זיין פויסט, די פויסט פון אַ פאַבריקס־אַרבע־טער, וועמען די פאַראומרייניקטע זיכערהייט־פּאָליציי האָט פאַרוואַנדלט

אין אַ פּויסט צו איזדיעקעווען זיך איבער אומשולדיקע מענטשן. איך ענטפער:

— איך ווייס נישט קיין זאַך וועגן אַ ציוניסטישער אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד. איך הער איצט וועגן דעם דאָס ערשטע מאָל. איך גלויב נישט אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ אונטערערד. איך הער עס ערשט פון אייך. פון אייך איז מיר אויך באַוווסט געוואָרן, אַז איך בין אַ שפּיאָן, אַ שע־דיקער אדג״ל. און איר ווייסט עס ווי איך, אַז דאָס איז נישט אמת.

דער אויספאָרשער האָקט איבער: — רעדט נישט אַרום־און־אַרום. מען האָט אייך געשטעלט קלאָרע פראַגן און איר דאַרפט אויף זיי ענטפערן.

— איך ענטפער אויף אייערע פראַגן. איך קאָן פאָרט נישט זאָגן, אַז כ׳האָב אָרגאַניזירט אַן אונטערגרונט וואָס עקזיסטירט נישט בכלל. איך גלויב נישט, אַז זי איז פאַראַן. איך גלויב צו שטאַרק אין דער מאָס פון פאָרשריט און אינערלעכער פאַרפעסטיקונג פונעם ראַטנפאַרבאַנד, אַז איך זאָל אָננעמען, אַז ס׳עקזיסטירן אין זיינע גרענעצן טעראָריסטישע אָדער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס — 35 יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דער וואָס טענהט, אַז עס ווירקן היינט אין ראַטנפאַרבאַנד אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, דער, לויט מיין מיינונג, באַליידיקט און באַשמוצט דעם ראַטנפאַרבאַנד. דערפאַר איז איבעריק צו ענטפערן אויף דער פראַגע פון מיין כלומרשטן אָנטייל אין אָרגאַניזירן די דאָזיקע אויסגעטראַכטע אונטערערד.

דער אויספאָרשער איז אויפגעקאָכט: — אורן, איר אַנטפּלעקט ווידער אייער פאַרדאַרבענעם כאַראַקטער. ווידער זענט איר יענער באַוווס־טער שווינדלער, דער זעלבער אַפּעריסט ווי פאַראַיאָרן. אייער נאַריש פּלאַפּלעריי וועגן ראַטנפאַרבאַנד אינטערעסירט מיך נישט. ווער האָט אייך בכלל דערלויבט, געדונגענער מערב־שפּיאָן, מיך לערנען אַ פּרק ראַטנ־פאַרבאַנד? אין פּסס״ר איז געכאַפּט געוואָרן אַ גאַנצע ציוניסטישע כנופיה. אַ שטאָב פון אַ נאַציאָנאַליסטישן אונטערגרונט. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז זי האָט דערמאָרדעט צענטראַלע פּערזענלעכקייטן פון דער סאָוויעטישער אָנ־פירונג. די דאָזיקע כנופיה וועט אינגיכן געשטעלט ווערן פאַרן סאָוויעטישן געריכט — און ער, מרדכי אורן, דער פּראָפעסיאָנעלער שפּיאָן, דער אויס־געשפּראָכענער יהודה איש־קריות, וואָגט פעסטצושטעלן, אַז די ציוניסטישע אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד איז אַ פּוסטע מעשה. אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס האָט איר פאַר דער גאַנצער וועלט אַליין דערקלערט, אַז איר האָט זיך באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש אין אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער,

אַז איר זענט אַ שונא פון ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. ווי־אַזוי וואַגט איר, אַזאַ פּראָפעסיאָנעלער שווינדלער, איצט אָפּלייקענען, אַז איר האָט אָרגאַניזירט אַ נאַציאָנאַליסטיש־יידישע אונטערערדישע באַוועגונג אין ראַטנפאַרבאַנד? איך זאָל שוין מער נישט הערן די נאַרישע רייד אייערע וועגן יאָ אָדער נישט עקזיסטענץ פון אַזאַ אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד. די באַווייזן וועלכע מיר באַזיצן באַשטעטיקן, אַז ס'האָט זיך אַנטדעקט אין איינעם פון די סאָציאַליסטישע לענדער אַ באַשטימטע ציוניסטישע, קאָנטררעוואָלוציאָנערע טעטיקייט — און דאָרט האָבן געשטעקט אייערע טמאדיקע הענט! קיינער פון ישראל צי פון מפ״ם איז נישט אַזויפיל אַרומגעפאָרן איבער די סאָציאַליסטישע לענדער. ענטפערט אויף מיינע ממשותדיקע פראַגן!

— דרך־אגב: כ'בין קיינמאָל נישט געווען אין ראַטנפאַרבאַנד.

— דאָס איז נישט וויכטיק, אַז איר זענט קיינמאָל נישט געווען אין ראַטנפאַרבאַנד. אויף דעם פונקט וועלן מיר נאָך אויפקלערן. אונדז איז באַוווּסט, אַז איר זענט דאָרט יאָ געווען. מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם. נאָר אפילו ווען איר זענט נישט געווען אין פסס״ר — האָט איר דאָרט אָרגאַניזירט דעם ציוניסטישן אונטערגרונט, זיצנדיק אין אַ צווייט לאַנד. פאַראַן טשעכאָסלאָוואַקישע פאַרעטער וואָס זיצן אין לאָנדאָן און פון דאָרט אָרגאַניזירן זיי און פירן אָן מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין די גרענעצן פון אונדזער לאַנד. אַלאַן דאַלעס, וועמען איר קענט אויסגעצייכנט, זיצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און פון דאָרט שטעלט ער אויף קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין די לענדער פון סאָציאַליזם, נישט באַזוכנדיק זיי. ענטפערט אויף מיינע פראַגן! ווען האָט איר איינגעשטעלט קאָנטאַקטן מיטן סאָוויעטישן יידנטום? ווו האָט איר זיך מיט זיי געטראָפן? וויאַזוי הייסן זיי? אַ וואָסערע אויפגאַבן האָט מען באַשטימט פאַרן אונטערגרונט? ווער אויסער אייך שטייט אין פאַרבינדונגען מיט די פירער פון אונטערערד? וואָס ווייסט איר וועגן די פאַרבינדונגען פון דזשאָינט מיטן אונטערערד?

איך איבערצייג זיך, אַז עפּעס האָט פאָרט פאַסירט אין ראַטנפאַרבאַנד, עפּעס וואָס איז פאַרבונדן מיט יידן, ציוניזם, דזשאָינט. גרייט מען אַ סלאַנסקי־פּראָצעס אין אַ סאָוויעטישער אויפלאַגע? די אַנטיסעמיטישע כוואַליע, וואָס האָט לעצטנס אָנגערירט טשעכאָסלאָוואַקיע, שלאָגט אויך אָן אין ראַטנפאַרבאַנד און איר אָנפירונג? מיר שיינט, אַז דאָס איז נישט סתם

קיין תהבולות פון מיין אויספאָרשער. אַלזאָ, דער אויספאָרשער — געניטער זיינע שעפן, פלאַנירן מיך אַריינצושלעפּן אין עפּעס וואָס קומט איצט פאָר אין ראַטנפאַרבאַנד. לויט די כללים פון דער פאָרש־טעכניק, שטעלט דער אויספאָרשער פעסט אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן, מיין אַנטייל אין „אָרגאַניזירן די ציוניסטישע אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד".

עפּעס האַרבע זאַכן שפּילן זיך איצט אָפּ אין ראַטנפאַרבאַנד. וואָס ? דער אויספאָרשער רייסט איבער מיין געדאַנקען־גאַנג און פאָדערט אַן ענטפער אויף זיינע פראַגן.

איך האַלט זיך ביים מייניקן : „נישטאָ קיין שום נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישער אונטערגרונט אין ראַטנפאַרבאַנד. עס לעבן טאַקע דאָרט מאַסן יידן וואָס וואָלטן מיטן גאַנצן האַרצן עולה געווען קיין ישראל. און איך גלייב, אַז ס׳וועט קומען דער טאָג און די סאָוויעטישע רעגירונג וועט זיי דערלויבן עולה צו זיין. עס איז אָבער נישט געווען קיין שום ציוניסטישער אָדער נאַציאָנאַליסטיש־טעראָריסטישער אונטערערד. פון אייערע רייד באַקומט זיך, אַז מען האָט אין ראַטנפאַרבאַנד אַנטדעקט אַזאַ אונטערגרונט־באַוועגונג. איך גלייב נישט אין דעם. קאָן זיין, אַז מען האָט „אַנטדעקט" אַן אונטערערד וואָס האָט בכלל נישט עקזיסטירט. אָט האָט איר דאָך „אַנטפּלעקט", אַז איך בין אַ „מערבדיקער שפּיאָן", אַ „שעדיקער אין דער פאָלקסדעמאָקראַטיע". איך דערקלער קאַטעגאָריש, אַז כ׳האָב קיינמאָל נישט אָרגאַניזירט קיין יידישן אונטערערד אין פסס"ר, פּונקט ווי כ׳האָב נישט אָרגאַניזירט קיין אַנדערן אונטערגרונט, אַן אוקראַאינישן אָדער ווייסרוסישן. איך ווייס נישט קיין זאַך וועגן וועלכער ס׳איז אונטערגרונט־באַוועגונג אין ראַטנפאַרבאַנד.

— ליגנער ! שווינדלער ! אַפּעריסט ! ווידער וואָגט איר צו באַליידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד ? איך וועל אייך לערנען אַ פּרשה אויפפירונג. פון מאָרגן אָן הערט איר אויף רייכערן. און אויך וועט איר אויפהערן באַקומען ביכער צום לייענען. אויסער דעם וועט איר אַ ביסל גיין אין קאַרצער. פאַרבינדט זיך די שמאַטע און מאַרש !

באַגלייט מיט אַ זידל־מאָנאָלאָג פונעם אויספאָרשער, ווער איך צוריקגעקערט אין קאַמער.

איך קאָן זיך נישט באַרויקן. איך פּרוביר לייענען. איך נעם נישט אויף קיין זאַך. ווי פון אַן אינערלעכן צוואַנג — הער איך נישט אויף צו

טראַכטן איבער דער צרה־צרורה וואָס האָט זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזט: „נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישער אונטערגרונט אין ראַטנפאַרבאַנד". וואָס איז דאָרט געשען? זיכער קומט עפּעס פאָר. די שווינדלער „פון אויבן" האָבן נישט סתם אַזוי באַשלאָסן צו מאַכן פון מיר אַן אָרגאַניזאַטאָר פון אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד. וויאַזוי וועלן זיי וואַגן מיך פאָרשטעלן בעת מיין פּראָצעס ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר פון אַ ציוניסטישן אונטערגרונט אין ראַטנפאַרבאַנד, אויב אין דער לעצטער צייט האָבן זיי דאָרט נישט אַנטדעקט אַזעלכעס? וואָס איז, אַלזאָ, געשען אין ראַטנפאַרבאַנד? האָבן זיי דאָך פאָרט נישט געקאָנט אַנטדעקן אַזאַ אונטערגרונט, ווייל ער האָט בכלל נישט עקזיסטירט. מען קאָן בלויז אויסרעזשיסירן דאָס אויפדעקן אַזאַ אונטערערד. פאַר די לערער־וועגווייזער פון די וואָס האָבן אויסרעזשיסירט דעם סלאַנסקי־פּראָצעס, פאַר די וואָס האָבן אין די דרייסיקער יאָרן געוווסט צו „דעמאַסקירן" באָלשעוויסטישע מנהיגים אַלס שותפים פון היטלערן און פון דעם מיקאַדאָ, ווי טעראָריסטן און מערדער — איז עס בלויז אַ קינדער־שפּיל צו „אַנטדעקן" אַ ציוניסטישן אונטערגרונט און אַ גאַנצע ריי אירע מאָרד־טאַטן, רעזשיסירן אַ מאָנסטער־פּראָצעס — אויב עס איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן אַדורכצופירן אַן אַטענטאַט אויפן סאָוויעטישן יידנטום, געבן אַן אויסלאָדונג דעם אַנטיסעמיטישן פערמענט און שטעמפּלען דעם „אינטערנאַציאָנאַלן ציוניזם". האָט זיך געשאַפן אַזאַ סיטואַציע אין ראַטנפאַרבאַנד? אַ וואָסער מאָנסטער־פּראָצעס שטייט איצט אויפן טאָג־אָרדענונג אין ראַטנפאַרבאַנד? פאַר מיין אַרעסט האָבן אין ישראל און צווישן דער יידישער צעשפּרייטקייט אין דער וועלט קורסירט קלאַנגען וועגן ליקווידירן דעם „יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט" אין ראַטנפאַרבאַנד און וועגן פאַרשווינדן אָדער ליקווידירונג פון די גרעסטע יידישע שרייבער און קינסטלער אין ראַטנפאַרבאַנד. איז דאָס מעגלעך — אַז מען האָט זיי נישט ליקווידירט, נאָר אַז אַלע יאָרן זענען זיי געפּייניקט געוואָרן אין די תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ביז זיי האָבן זיך „מודה געווען" אין זייערע „ציוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע פאַרברעכנס", אין פאַרשידענע מאָרד־טאַטן? ביז זיי האָבן זיך „מודה געווען", אַז זיי האָבן געבילדעט אַ „ציוניסטישן, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אונטערגרונט" און איצט וועט אויסרעזשיסירט ווערן אַ פּראָצעס? גרייט זיך טאַקע דער ראַטנפאַרבאַנד פונדאָסניי צו דעמאָנסטרירן כלפּי דער גאַנצער וועלט — נאָך 15 יאָר — זיין פעיקייט צו רעזשיסירן שווינדלערישע פּראָצעסן נישט נאָר אין די

פּאָלקס־דעמאָקראַטיעס, נאָר אויך אין דעם ראַטנפאַרבאַנד גופא? מײַן לאַגע ווערט אַלץ האַרבער. איך האָב געמיינט — נאָכן סלאַנסקי־פּראָצעס — אַז אייגנטלעך, האָבן בנוגע מיר זיך פאַרענדיקט די אויספאָרשונגען. איך בין געצוווּנגען געוואָרן צו דערקלערן זיך אַלס ישראלדיקער און בריטישער שפּיאָן, אַז מײַן ציוניסטישע טעטיקייט איז געווען איינגעשטעלט אויף צו שעדיקן דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים פון טשעכאָסלאָוואַקיע און אַנדערע לענדער פון סאָציאַליסטישן לאַגער. איז דאָס נישט גענוג מאַ־טעריאַל אויסצורעזשיסירן אַ פּראָצעס קעגן מיר? איך האָב געגלייבט, אַז גלייך נאָכן סלאַנסקי־פּראָצעס, וועט מען מיך שטעלן פאַרן געריכט. און אַט האָב איך זיך אומגעקערט צום רעזשים פון אויספאָרשונגען. איצט — אַ נייעס: „כ׳האָב אָרגאַניזירט״ אַ טעראָריסטישן אונטערערד אינערהאַלב דעם ראַטנפאַרבאַנד. דער אויספאָרשער האָט געגעבן אָנצוגעהערן, אַז אויב כ׳וועל נישט „אויפדעקן דעם אמת״ אין פּראַג — וועל איך אים אָן שום ספק אַנט־דעקן, ווען מען וועט מיך איבערוויַיזן דער נ.ק.וו.ד. אין מאָסקווע. שווערע וואָלקנס זאַמלען זיך איבער מײַן קאָפּ. דערוואַרט מיך אַ צווייט יאָר פון די שוידערלעכע אויספאָרשונגען? איך וועל נישט אויסהאַלטן די שוידער־לעכקייטן פון אַ צווייט יאָר. זיי וועלן אָן שום ספק מיך איינברעכן צום צווייטן מאָל, אָדער — דערפירן צו משוגעת.

די פּאַרש־קאַנצעלאַריע. טיפע נאַכט. שוין אַ צייט האָט מען מיך נישט געוועקט צו קיין נאַכט־אויספאָרשונגען.

— אורן, זענט איר גרייט זיך מודה צו זײַן, אַז איר זענט געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם יידיש־נאַציאָנאַליסטישן אונטערגרונט אין ראַטנפאַרבאַנד?

— ניין. כ׳בין זיכער, אַז עס האָט בכלל נישט עקזיסטירט אַזאַ אונ־טערערד. אויך פון אייך האָב איך נישט געהערט קיין ממשותדיקן פאַקט וואָס זאָל באַווייזן, אַז אַזאַ אונטערגרונט איז געווען טעטיק און אַנטדעקט גע־וואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד. איך האָב נישט אָרגאַניזירט קיין שום אונטערער־דישע באַוועגונג אין ראַטנפאַרבאַנד. פון שטענדיק האָבן מיר געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו פסס״ר.

— אָבער דער ראַטנפאַרבאַנד האָט נעגירט דעם ציוניזם. דערפאַר האָט איר אָרגאַניזירט אַן אונטערגרונט, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו שעדיקן דער סאָציאַליסטישער בויונג, מאָרדן סאָוויעטישע

מנהיגים און מיטאַרבעטן מיט אויסערלעכע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כּוחות, כּדי אַראָפּוואַרפן דעם רעזשים.

— מיר האָבן נישט אָרגאַניזירט קיין שום אונטערגרונט. מיר האָבן געגלויבט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד וועט ענדערן זיין צוגאַנג צו דער פּראַגע פון יידישן פאָלק און זיין נאַציאָנאַלער באַפרייונג — אַלס רעזולטאַט פון פּאָזיטיווע און רויקע אַנטוויקלונגען אינערהאַלב דעם ראַטנפאַרבאַנד.

— פון שטענדיק אָן האָבן יידן גורם געווען געברענטע צרות דעם ראַטנפאַרבאַנד.

— איך ווייס דאָס פאַרקערטע. אַז די יידן האָבן דערפילט די סאַמע וויכטיקסטע אויפגאַבן אין דער תקופה פון דער סאָציאַליסטישער בויונג אין ראַטנפאַרבאַנד, אויך אין דער אָנפירונג. אין פיל סאָוויעטישע ראָמאַנען דערשיינען יידן ווי די סאַמע פּאָזיטיווסטע געשטאַלטן. אַנטקעגן דעם — ווער עס האָט זיך אינטערעסירט מיט דער געשיכטע פון בירגער־קריג אין ראַטנפאַרבאַנד ווייסט, אַז דווקא די פאָלקן פון דעם טשעכישן און סלאָוואַ־קישן מיליטער האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די ווייסע גענעראַלן און גורם געווען פיל צרות די רעוואָלוציאָנערע כּוחות.

דער אויספאָרשער ברעכט אויס מיט כּעס: — דרייט זיך נישט אַרויס מיט פּלאַפּלערייען נישט צו דער זאַך. איר ווערט אויפגעפאָדערט צו ענט־פערן אויף דער פּראַגע פון אייער אַנטייל אין אָרגאַניזירן אַ יידישן אונ־טערערד אין פּסס״ר.

— איך האָב שוין געענטפערט.

— פאַרשטייט זיך, אַז איר זאָגט זיך אָפּ מודה צו זיין. לאָמיר דערי־בער צוגיין צו דער זאַך אויף אַן אַנדערן וועג. בשעתו האָט איר געזאָגט, אַז איר זענט קיינמאָל נישט געווען אין ראַטנפאַרבאַנד. האַלט איר זיך נאָך ביי דעם? — דער אויספאָרשער נעמט אַרויס פון איינער פון די טעקעס אַ בויגן פּאַפּיר און פאַרטיפט זיך אין אים.

— יאָ.

— יאָ, איר זענט געבוירן אין פּאָדהייצע. איז דאָס נישט קיין שטאָט אין סאָוויעט־רוסלאַנד?

— יאָ. זינט 1939, ווען אויפן יסוד פונעם הסכם מאָלאָטאָוו־ריבענ־טראָפּ און מיטן אַריינדרינגען פון די נאַציס קיין פּוילן, איז דער ראַטנ־פאַרבאַנד אַריינגעטרעטן אין די מזרח־געביטן פון פּוילן. די דאָזיקע אַנעק־סיע איז באַשטעטיקט געוואָרן אין יאָר 1945 דורך דעם באַפרייטן פּוילן

און דעם ראַטנפּאַרבאַנד. נאָר ווען איך בין געבוירין געוואָרן, אין יאָר 1905, האָט די שטאָט זיך געפונען אין תחום פון עסטרייך־אונגאַרן. ווען איך האָב פאַרלאָזט פּאָדהייצע אויפן וועג קיין ארץ־ישראל (1929), האָט זי נאָך אַלץ געהערט צו פּוילן. איך בין נישט געווען אין פּאָדהייצע, זינט זי באַלאַנגט צום ראַטנפּאַרבאַנד.

— איר האָט דאָך אָבער אייניקע מאָל באַזוכט פּוילן נאָכן יאָר 1945. אָן שום ספק, זענט איר אַריינגעפאָרן קיין פּאָדהייצע באַזוכן די משפּחה. נאָרט מיך נישט. זאָגט דעם אמת!

— איך האָב נישט באַזוכט פּאָדהייצע, נאָכדעם ווי כ׳האָב געוווּסט, אַז מיינע עלטערן, צוויי ברידער און אַ שוועסטער זענען אומגעקומען בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. כ׳האָב נישט געהאַט וועמען צו באַזוכן.

— און ס׳איז איך נישט איינגעפאַלן צו באַזוכן די שטאָט און צוגייען צו די קברים פון דער משפחה?

— איך האָב דאָס נישט געטאָן. אוודאי וואָלט איך אויך נישט געקאָנט געפינען זייערע קברים.

— איר זאָגט נישט אמת. איר זענט געווען אין פּאָדהייצע.

— איך בין נישט געווען. וואָלט איך באַזוכט פּאָדהייצע, וואָלט איך עס נישט אויסבאַהאַלטן. סוף־כל־סוף דאָס באַזוכן די קברים פון דער משפחה וואָס איז ליקווידירט געוואָרן דורך די נאַציס, מיינט נאָך נישט — אָרגאַניזירן אַ ציוניסטישן אונטערגרונט אין ראַטנפּאַרבאַנד. איך בין אָבער נישט געווען אין פּאָדהייצע.

— שפּיאָנען און אָרגאַניזאַטאָרן פון קאָנספּיראַציע ווייסן תמיד צו פאַרמאַסקירן זייערע פאַרברעכנס דורך געזעצלעכע האַנדלונגען. מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דער פראַגע פון אייער באַזוך אין פּאָדהייצע. לאָמיר איצט איבערגיין צו אַן אַנדערן פּונקט. אייניקע יאָרן זענט איר געווען טעטיק אין לעמבערג, די צענטראַלע שטאָט פון דער סאָוויעטישער מערב־אוקראַינע. מיט וואָס האָט איר זיך דאָרט פאַרנומען?

— איך האָב דאָרט געלערנט אין גימנאַזיע און געווען טעטיק אין דער באַוועגונג „השומר הצעיר" און „החלוץ". אָבער דאָס איז געווען אין די יאָרן 1922—1927, דאָס הייסט — 12 יאָר פאַרן איינשליסן דעם דאָזיקן שטח צום ראַטנפּאַרבאַנד. לעמבערג איז דעמאָלט געווען אַ צענטראַלע שטאָט פון אַ פּוילישער וואָיעוואָדשאַפט (מזרחדיק קליין־פּוילן).

— אָן שום ספק, אַז שוין דאַן האָט איר געזאָרגט אויפצושטעלן אַן אָנשפּאַר־פּונקט פאַר ציוניסטישער אונטערערדישער טעטיקייט אין ראַטנ־פאַרבאַנד.

— איך האָב נישט וואָס צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע.

— אוודאי. איר טוט אַלץ, כדי פאַרווישן די שפּורן פון אייער פאַרברעכערישער טעטיקייט. — דער אויספאָרשער קוקט ווייטער אינעם פּאַפּיר וואָס אין זיין האַנט. ווייזט אויס, אַז דאָרט זענען פאַרצייכנט די „באַ־ווייזן" פון מיין פאַרברעכערישער טעטיקייט: אָרגאַניזאַציע פון אַ יידישן אונטערגרונט אין ראַטנפאַרבאַנד. פאָדהייצע. לעמבערג. אַ וואָסערע נייע „באַווייזן" קעגן מיר וועט דער אויספאָרשער נאָך אַרויסברענגען?

— זיכער האָט איר זיך באַטייליקט אין פאַרשידענע ציוניסטישע קאָנגרעסן. ווער זענען עס די דעלעגאַטן פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די דאָזיקע קאָנגרעסן?

— איך האָב זיך באַטייליקט אין אייניקע קאָנגרעסן. נאָר אין קיין שום קאָנגרעס זענען נישט געווען קיין דעלעגאַטן פון פסס"ר. ווי באַוווּסט, איז די ציוניסטישע טעטיקייט אין ראַטנפאַרבאַנד פאַרבאָטן און עס עקזיס־טירט נישט דאָרט קיין שום ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

— איך מיין, פאַרשטייט זיך, די סאָוויעטישע דעלעגאַטן, וואָס זענען אין געהיים געקומען צו די קאָנגרעסן און זייער באַטייליקונג איז אויס־באַהאַלטן געוואָרן פאַר דער עפנטלעכקייט.

— דעלעגאַטן פון רוסלאַנד האָבן זיך באַטייליקט אין קאָנגרעסן, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דערנאָך איז דאָרט אָפּגעשטעלט געוואָרן די ציוניסטישע טעטיקייט.

— אונדז איז באַוווּסט, אַז אין פאַרשידענע קאָנגרעסן האָבן אָנטייל־גענומען דעלעגאַטן פון ראַטנפאַרבאַנד — אויף אַ קאָנספּיראַטיוון אופן. צום ביישפּיל — אינעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. זענט איר געווען אויף דעם קאָנגרעס?

— ניין. מיין פרוי איז דאָרט געווען אַ דעלעגאַטין. אָבער אין דעם קאָנגרעס, ווי אין אַנדערע, האָבן זיך נישט באַטייליקט קיין דעלעגאַטן פון ראַטנפאַרבאַנד.

— איר לייקנט באַוווּסטזיניק. אייער פרוי האָט אָן שום ספק אייך דערציילט וועגן אַ געהיימער ציוניסטישער דעלעגאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד.

— עמעץ האָט דאָס אויסגעטראַכט. דעלעגאַטן צו ציוניסטישע קאָנ־גרעסן ווערן דערוויילט דורך ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון די באַזונדערע לענדער. אין ראַטנפאַרבאַנד איז נישט פאַראַן קיין ציוניסטישע באַוועגונג.

— פאַראַן אָבער דאָרט אַ ציוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישער אונטער־גרונט.

— אויך דאָס איז נישט ריכטיק.

— מען האָט זי דאָך פאָרט אַנטדעקט אין דער לעצטער צייט. און באַלד וועלן אירע שפּיצן געשטעלט ווערן פאַרן געריכט.

— קאָן זיין, אַז מען האָט „אַנטדעקט" — אַ נישט־עקזיסטירנדיקע אונטערערד. אויך אַ פּראָצעס באַווייזט עס נישט שטענדיק... איך ווייס וועגן פּראָצעסן, ווו מען פאַרמשפּט מענטשן פאַר פאַרברעכנס, וואָס זיי זענען קיינמאָל נישט באַגאַנגען.

— ציוניסטישער מנוול, איך באַפעל אייך אויפהערן פּראָוואָקאַטיווע און באַליידיקנדיקע אַנצוגעהערענישן. איר רייסט זיך ממש אין קאַרצער. האָט איר זיך ווען געטראָפן מיט סאָוויעטישע בירגער?

— יאָ, בשעתו האָב איך אָנגערופן זייערע נעמען.

— חזרט דאָס איבער. אָן, חלילה, וועמען אַדורכצולאָזן. וויאַזוי הייסן זיי? ווו האָט איר זיך מיט זיי געטראָפן? אַ וואָסערע אַמטן פאַרנעמען זיי? ווען האָט איר זיי באַגעגנט?

— די ערשטע סאָוויעטישע בירגער וואָס כ'האָב געטראָפן, זענען געווען מיכיילאָוו און פּעטרענקאָ, מיטגלידער פון דער סאָוויעטישער אַמבאַ־סאַדע אין אַנקאַראַ. באַגעגנט האָב איך זיך מיט זיי אין תל־אביב, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיי זענען געקומען זיך באַטייליקן אין דער גרינ־דונגס־קאָנפערענץ פון דער פריינדשאַפט־ליגע מיטן ראַטנפאַרבאַנד. איך בין דאַן געווען פּרעזידיום־מיטגליד פון דער ליגע.

— אין יאָר 1945 האָב איך זיך אין קאַיר געטראָפן מיטן סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר אין מצרים. איך געדענק נישט זיין נאָמען.

— אין יאָר 1945 בין איך אין לאָנדאָן אויפגענומען געוואָרן דורכן סאָוויעטישן געזאַנדטן גוסיעוו. אין יענער צייט האָב איך אויך אָפּגעהאַלטן אייניקע געשפּרעכן מיטן ראַטגעבער פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע קוקין.

— אין יאָר 1947 בין איך אין פּאַריז אויפגענומען געוואָרן דורכן סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר באָגאָמאָלאָוו. כ'האָב אויך אָפּגעהאַלטן אַ גע־

שפּרעך מיטן ערשטן סעקרעטאַר פון דער אַמבאַסאַדע. זיין נאָמען געדענק איך נישט. גוסיעוו און באַגאַמאַלאָוו שיינט מיר, זענען איצט סאָוויעטישע וויצע־מיניסטאָרן פון אויסערן.

— אין יאָר 1945 האָב איך אָפּגעהאַלטן אַ געשפּרעך אין פּראַג מיטן סאָוויעטישן שרייבער איליאַ ערענבורג.

— אין יאָר 1948 האָב איך זיך באַגעגנט אין וואַרשע מיטן פאַר־טרעטער פון סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר יאַקאָוולעוו און מיט מיראַנאָוו און דלחשנאָווסקי, דוכט זיך, דער סעקרעטאַר און ראַטגעבער פון דער אַמבאַסאַדע.

אין יאָר 1948 האָב איך זיך געטראָפן אין פּאַריז מיטן פּראָפעסאָר צאַראַפּקין, פון די סאָוויעטישע פאַרשטייער אויף דער אונ״אָ־פאַרזאַמלונג, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין פּאַריז.

— אין בודאַפּעשט און אין פּראַג האָב איך אין די יאָרן 1947 און 1948 זיך געטראָפן מיט נאָך סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן. איך געדענק נישט זייערע נעמען.

— אויף וועלט־צוזאַמענקונפטן פון דער פעדעראַציע פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַריינען פלעג איך שמועסן מיט די מיטגלידער פון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע. אין בערלין האָב איך געהאַט אַ קורצן געשפּרעך מיטן ראש פון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע, קוזניעצאָוו.

— אויסער דעם האָב איך אין פאַרשידענע תקופות זיך געטראָפן אין די הויפּטשטעט פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, ווי אויך אין מערבדיקע הויפּטשטעט, מיט פאָרשטייער פון דער סאָוויעטישער נייעס־אַגענטור טאַ״ס. זיי האָבן פון מיר אויפגענומען אָפּשאַצונגען און פּאָליטישע דעקלאַראַציעס אין שייכות מיט די פאַרשידענע עטאַפּן פון געראַנגל און מיליטערישן קאַמף אין דער תקופה פון דעם באַפרייונגס־קריג אין ישראל.

— וואָס זענט איר אַזויפיל געגאַנגען צו די דיפּלאָמאַטישע פאַר־שטייער פון ראַטנפאַרבאַנד? און וועגן וואָס האָט איר מיט זיי געשמועסט? וויאַזוי איז עס געשען, אַז זיי האָבן מסכים געווען זיך צו טרעפן מיט אייך? און האָבן זיי דען נישט געוווסט, אַז איר זענט אַ שפּיאָן און אַ שונא פון די סאָציאַליסטישע לענדער?

— זיי, ווייזט אויס, האָבן גערן מיט מיר געשמועסט, ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז איך בין אַ פאָרשטייער פון אַ פּראָגרעסיווער אַרבעטער־פּאַרטיי אין ישראל. זיי האָבן בכלל נישט געאַנט, אַז אין יאָר 1951 וועט מען פון

מיר אין דער תפיסה רוזין מאַכן אַ „שפּיאָן“ און אַ „פײַנד פון סאָציאַליזם“. מיר פּלעגן שמועסן איבער פראַגן פאַרבונדענע מיט ארץ־ישראל, איבערן וועזן פון דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונגס־באַוועגונג פונעם ייִדישן פאָלק און וועגן דער פאָרם פון הילף מצד די סאָציאַליסטישע לענדער פאַר דער מלחמה אין ישראל. אַלנפאַלס, מיר האָבן נישט קיין איינמאָל גערעדט וועגן אָרגאַניזירן אַ „ציוניסטישן אונטערגרונט“ אין ראַטנפאַרבאַנד. איך פלעג אָפטער באַזוכן סאָוויעטישע פּאָליטיקער, ווי פּאָליטיקער פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, ווייל אַלס ציוניסט און רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט האָב איך צוגעשריבן אַ באַזונדערע באַדייטונג דער שטעלונג פון ראַטנפאַרבאַנד צו אונדזערע פראַגן און צו דער חשיבות פון דער פּאָליטישער און ממשות־דיקער הילף פון די סאָציאַליסטישע לענדער פאַר ישראל.

— צו וואָס באַמיט איר זיך נאָך אַלץ צו רעדן, גלייך איר וואָלט געווען אַ פרײַנד פון די סאָציאַליסטישע לענדער? איז דאָך אייער אמתדיק פּרצוף ענדגילטיק דעמאַסקירט געוואָרן. האָט איר דאָך אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס אַליין דערקלערט ווער און וואָס איר זענט.

— איך בין זיכער, אַז קיינער אין ישראל און אין דער וועלט האָט נישט געגלייבט אין מײַן „ווידוי“.

— איר האָט אַ הארבן טעות. די גאַנצע וועלט ווייסט הײַנט, אַז מרדכי אורן פון ישראל איז אַ מערבדיקער שפּיאָן און אַ געשווױרענער שונא פון סאָציאַליזם. פאַרבינדט זיך די „שמאַטע“. טראַכט וועגן דער ייִדישער אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד. מאָרגן וועלן מיר ממשיך זײַן. איך וועל אײַך נישט נאָכלאָזן, ביז איך וועל פון אײַך אַרויסציען דעם אמת. און איך וועל אים אַרויסציען.

איך גיי צוריק אין קאַמער. באַלד וועט נעמען טאָגן.

די אויספאָרשונגען ווערן אַלץ אָפטער. אין משך פון דעם טאָג ווער איך געפאָרשט עטלעכע מאָל. נישטאָ כמעט קיין נאַכט אָן אַן אויספאָרשונג. אָבער על־פּי־רוב לאָזט מען מיך פונדעסטוועגן אַ ביסל שלאָפן. דער פאַר־באָט צו רייכערן איז אַריין אין קראַפט. מען האָט אויפגעהערט מיר ברענגען ביכער. די דאָזיקע צוויי פאַרבאָטן מאַטערן מיך שטאַרק. אין קאַרצער — צו מײַן גרויסער פרייד — בין איך צוליב עפּעס נישט געשיקט געוואָרן. די טעמע פון די אויספאָרשונגען: „אָרגאַניזירונג פון דער ייִדיש־נאַציאָנאַ־ליסטישער אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד“. דער אויספאָרשער ווערט נישט

מיד צענדליקער און הונדערטער מאָל איבערצוחזרן פאַרשידענע פּראַג־מענטן פון דער אויספאָרשונג: צי כ׳האָב באַזוכט מיין געבורט־שטאָט נאָכן איינשליסן זי אין ראַטנפאַרבאַנד; צי כ׳האָב צוגעגרייט אַן אָנהאַלט־פּונקט פאַר אַן אַנטי־סאָוויעטישן אונטערערד אין לעמבערג, 12 יאָר איידער זי איז איינגעשלאָסן געוואָרן צום ראַטנפאַרבאַנד; מיינע באַגעגענישן מיט די אויסגעטראַכטע ציוניסטישע דעלעגאַטן פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן; מיינע צוזאַמענטרעפן מיט סאָוויעטישע בירגער און נאָך און נאָך.

איך זעץ פאָר דאָס ראַנגלען זיך מיט יענעם נידערטרעכטיקן בלבול אויף דעם סאָוויעטישן יידנטום, קעגן ציוניזם, קעגן זיך אַליין. מיינע ענטפערס זענען נאָך אַלץ — לויט די באַצייכענונגען פונעם אויספאָרשער — חוצפּהדיקע און פּראָוואָקאַטיווע. די אויספאָרשונג „איז אַרויף אויף אַ זאַמד־באַנק". עס גייט פאַריבער אַ וואָך, צוויי, אַ חודש. איך בין זיך נישט מודה אין אָרגאַניזירן אַן אונטערגרונט. איך וואָג זיך צו וויצלען איבער דער עצם־„אַנטפּלעקונג" פון אַן אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד.

דער אויספאָרשער וויל וויסן מיט וועלכע סאָוויעטישע יידן איך האָב געהאַט פאַרבינדונגען.

— שווער צו גלייבן, אַז אַ שפּיאָן און אַ שונא פון סאָציאַליזם ווי איר, זאָל זיך האָבן געטראָפן מיט פאַרשידענע סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן, וועמענס נעמען איר האָט דערמאָנט. נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז איר האָט זיך מיט זיי יאָ געטראָפן. ווער פון זיי איז אַ ייד אָדער פון יידישער אָפּשטאַמונג?

— מיך האָט נישט אינטערעסירט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם. איך בין נישט פון די אָנהענגער פון דער ראַסן־טעאָריע. אויב אייך אינטערעסירט דער ראַסן־אָפּשטאַם — האָט איר אַ מעגלעכקייט צו פאָרשן צי גוסיעוו האָט געהאַט אַ יידישן זיידן, אָדער באָגאָמאָלאָוו — אַ יידישע באָבע.

— מיינט איר צו זאָגן, אַז איר האָט זיך נישט געטראָפן מיט סאָ־וויעטישע בירגער — יידן?

— כ׳האָב פריער דערמאָנט דעם נאָמען פון אַ סאָוויעטישן שרייבער מיט וועמען כ׳האָב זיך געטראָפן און ער איז פון יידישער אָפּשטאַמונג: איליאַ ערענבורג. ער איז אויך געווען מיטגליד אין „יידישן אַנטי־פאַשיס־טישן קאָמיטעט" אין ראַטנפאַרבאַנד.

— איז ער אַ ציוניסט?

— לויט מיינע בעסטע ידיעות נעגירט ער דעם ציוניזם.

— וועגן וואָס האָט איר געשמועסט?

— איך האָב אים דערציילט וועגן ארץ־ישראל, וועגן אונדזערע דערגרייכונגען און אונדזער קאַמף מיטן בריטישן אימפּעריאַליזם. דאָס איז געווען אין יאָר 1945. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט געוויסע זייטן פון דער ארץ־ישראלדיקערווירקלעכקייט, באַזונדערס אין פראַגן פון קולטור, ליטעראַטור, קונסט.

— האָט זיין פאַראינטערעסירן זיך מיט אייערע פּראָבלעמען נישט באַוויזן, אַז ער איז אַ ציוניסט?

— ניין. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט ווי אַ קולטור־מענטש, ווי אַ געבילדעטער מענטש, ווי אַ שרייבער. ער לייקנט נישט זיין יידישן אָפּ־שטאַם, נאָר ער האָט זיך נישט אידענטיפיצירט מיטן נאַציאָנאַלן באַ־פרייונגס־ווערק פון אונדזער פאָלק.

— מיט אַנדערע סאָוויעטישע יידן, למשל, מיט יידישע דאָקטוירים האָט איר זיך נישט געטראָפן?

— ניין.

— פאַרוואָס דערציילט איר נישט אַז איר קענט מיכאָעלסן? האָט איר זיך דאָך געטראָפן אויך מיט אים?

— מיט אים האָב איך זיך קיינמאָל נישט געטראָפן. מיר איז באַ־קאַנט זיין נאָמען, אָבער אים גופא קען איך נישט.

— פונוואַנען איז אייך באַוווסט זיין נאָמען?

— ער איז געווען דער גרעסטער יידישער אַרטיסט אין ראַטנפאַר־באַנד. דאָס איז געווען אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אינעם קולטור־לעבן פון סאָוויעטישן יידנטום. ער האָט אויך געהערט צום „יידישן אַנטי־פאַשיס־טישן קאָמיטעט״ אין פסס״ר. זיין נאָמען איז באַרימט אין יידישן פאָלק.

— איז אייך באַקאַנט וואָס איז מיט אים היינט?

— אַ יאָר־צוויי פאַר מיין אַרעסט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז פיל מיטגלידער פון „יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט״ און די גרעסטע יידישע קולטור־טוער אין ראַטנפאַרבאַנד, זענען „פאַרשוווּנדן״. מיר שיינט, אַז אויך מיכאָעלסעס נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן צווישן די וואָס זענען נעלם געוואָרן.

— פאַרוואָס זאָגט איר נישט אויס, אַז מיכאָעלס איז געווען אַ ציו־ניסט? עס איז באַוווסט, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד פון אייער באַוועגונג

„השומר הצעיר". און איר וואַגט זאָגן, אַז איר האָט זיך נישט געטראָפן מיט אים קיין איין מאָל?

— איך האָב זיך מיט אים נישט געטראָפן. ער איז אויך נישט קיין ציוניסט. און ער האָט קיינמאָל נישט באַלאַנגט צום „השומר הצעיר". עמעץ האָט דאָס אויסגעטראַכט.

— דאָס וואָס איר זאָגט איז שקר. איר האָט זיך מיט אים געטראָפן און מיט אַנדערע סאָוויעטישע ציוניסטן. אויב איר האָט אָרגאַניזירט אָדער זיך באַטייליקט אין אָרגאַניזירן אַ יידישע אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד, זענט איר דאָך געווען געצוווּנגען אָנצוהאַלטן קאָנטאַקטן מיט אַ צאָל ציוניסטישע אַגענטן פון ראַטנפאַרבאַנד. איך וואָרן אייך נאָכאַמאָל: אויב איר וועט מיר נישט אויפדעקן דעם אמת וועגן אייערע פאַרבינדונגען מיט די פירער פון אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלן מיר אייך איבערפירן אויף אַן אויספאָרשונג אויף אַן אַנדער אָרט — גאָר ווייט פון דאַנען — און דאָרט וועט איר שנעל אַלץ אויפדעקן.

— כ'האָב נישט וואָס אויפצודעקן. טוט מיט מיר וואָס איר פאַרשטייט.

— וועלכע זענען אייערע פאַרבינדונגען מיטן דזשאָינט? וואָס איז אייך באַוווּסט וועגן דער שפּיאָנאַזש־ און דיווערסיע־טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע אין ראַטנפאַרבאַנד? מיט וועמען פון די דזשאָינט־דירעקטאָרן האָט איר זיך געטראָפן?

— מיר איז באַוווּסט, אַז דער דזשאָינט איז אַ יידישע פילאַנטראָפּישע הילפס־אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע. ער האָט זיך פאַרנומען מיט דערלאַנגען הילף פאַר יידן (שפּייז און באַקליידונג) אין דער צייט פון קריג און נאָך אים. איך גלויב נישט, אַז ער זאָל זיך האָבן באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש אָדער סאַבאָטאַזש. לויט מיינע בעסטע ידיעות, איז ער נישט געווען טעטיק אין שטח פון ראַטנפאַרבאַנד. איך האָב נישט געהאַט קיין פאַרבינדונגען מיטן דזשאָינט. נאָר דאָ און דאָרט האָב איך זיך באַגעגנט מיט פאַרשידענע דירעקטאָרן פון דער אינסטיטוציע, כדי הערן פון זיי וועגן דערלאַגע פון די יידן אין די ערטער, ווו זיי זענען געווען טעטיק.

— מיט וועמען פון די דזשאָינט־דירעקטאָרן האָט איר זיך געטראָפן? איך זאָג דעם אויספאָרשער מיט וועמען.

— וואָס האָבן זיי אייך דערציילט וועגן זייער קאָנטררעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין די לענדער פון סאָציאַליזם?

— איך האָב פון זיי געהערט וועגן זייער הילפס־טעטיקייט. זיי זענען געווען אַבסאָלוט לעגאַלע און געפירט געוואָרן ביי דער פּוילער באַשטעטיקונג פון די קאָמפּעטענטע מאַכט־אָרגאַנען. וועגן שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש־טעטיקייט האָבן זיי מיר נישט דערציילט. איך בין זיכער, אַז מיט אַזאַ סאָרט טעטיקייט האָבן זיי זיך נישט פאַרנומען.

— אויך דאָס איז אַ ליגן. זיי האָבן זיך דערמיט יאָ באַשעפטיקט. דאָס איז געווען זייער עיקר־אויפגאַבע. די פילאַנטראָפּישע טעטיקייט האָט זיי בלויז געדינט אַלס דעקמאַנטל. און אייך, דעם הויפּט־שפּיאָן און שעדיקער, האָבן זיי זיכער אַלץ דערציילט. דער דזשאָינט האָט אַ גרויסן חלק אינעם אָרגאַניזירן די ציוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד. ווען סוף־כל־סוף וועט איר אויפהערן לייקענען און זאָגן אַ וואָרט אמת ?

— איך האָב געזאָגט דעם אמת. נישט נאָר אַז איר וועט פון מיר נישט אַרויסבאַקומען מערער קיין ליגן, נאָר איך חזר ווידער איבער און דערקלער וועגן בטל מאַכן מיינע אויפגעצווונגענע אונטערשריפטן אויף אַלע ליגנס פון פאַראַיאָרן.

מיט זידלערייען פאַרענדיקט ער די אויספאָרשונג.

דער אויספאָרשער לאָזט נישט נאָך דעם ענין אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד. טאָג־טעגלעך קערט ער זיך אום צו דער טעמע. ער חזרט איבער די תחבולות פון דער אויספאָרשונג פון פאַראַיאָרן: אומקערן זיך צו איין פראַגע הונדערטער מאָל ביי איין אויספאָרשונג. שטיין אויף אַכטונג. זידלערייען. פון איין זאַך האַלט ער זיך אָפּ: שלאָגן מיט די פויסטן. אַנטקעגן דעם — סצענעס פון כעס און געמאַכטן צאָרן, דראָונגען מיטן שטריק, מיט אויספאָרשונגען דורך דער נ.ק.וו.ד. אין מאָסקווע.

צו הילף דעם אויספאָרשער דערשיינט איינער פון די אויספאָרשע־אַפּיצירן; פאַרשטייט זיך, אַז ביינאַכט:

— אורן, צו מיין גרויסער איבעראַשונג הער איך פון אייער אויספאָרשער, אַז איר האָט זיך אומגעקערט צום אַלטן שטייגער. ווידער שעדיקט איר אינעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג. וואָס איז אייך געשען? פאַראַיאָרן האָט איר געזען, אַז אייער גאַנצע אַבסטרוקציע איז געווען צוועקלאָז. זי האָט נאָר אייך געבראַכט צרות און איבעריקע ליידן. איר האָט שוין געענוג אויספּרובירט אַ שעדיקערישע ליניע לגבי דער אויספאָרשונג. אין

דער אונטערשטער שורה האָבן מיר אייך איינגעבראָכן. ווילט איר זיך מאַכן פאַרגעסן דעם נסיון און באַנייען די דאָזיקע אומגליקלעכע ליניע?

ער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ תם און פרעגט מיך: — וואָס איז די פראַגע וואָס אייך איז אַזוי שווער אויף איר צו ענטפערן?

— נישט אמת, אַז מיר איז שווער צו ענטפערן. איך זאָג זיך נאָר אָפּ מודה צו זיין, אַז כ'האָב אין ראַטנפאַרבאַנד אָרגאַניזירט אַן אונטערגרונט, וואָס עקזיסטירט בכלל נישט.

— זייט נישט אַזוי איראָניש. דער אויספאָרשער מיינט נישט אַן אונטערערד וואָס האָט נישט עקזיסטירט, נאָר די וואָס איז לעצטנס אַנט־דעקט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד און אירע שפּיצן וועלן אָט־באַלד גע־שטעלט ווערן פאַר אַ סאָוויעטיש געריכט. און אויב זי איז אַנטדעקט גע־וואָרן איז אַ סימן אַז זי האָט עקזיסטירט.

— איך בין זיכער, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז נישט געווען טעטיק קיין שום יידישער אָדער ציוניסטישער אונטערגרונט. מיין דערפאַרונג דער־לויבט מיר נישט צו גלייבן אין דעם וואָס איך הער פון די אויספאָרשער. נאָר אפילו ווען איר וועט מיר שוואַרץ אויף וויס באַווייזן, אַז אָנפירער פון אַ יידישער אונטערערד וועלן איינגיכן געבראַכט ווערן פאַרן סאָוויעטישן געריכט — וועל איך נישט זיין איבערצייגט, אַז מ'האָט טאַקע אויפגעדעקט אַן אונטערערדישע באַוועגונג. האָט איר דאָך אויך מיך געצוווּנגען צו דער־קלערן פון אַן עפנטלעכער געריכט־טריבונע, אַז כ'בין אַ מערבדיקער שפּיאָן און אַ געשוווירענער שונא פון סאָציאַליזם און נאָך אַביסל וועט איר מן־הסתם מיך שטעלן פאַר אַ געריכט און משפּטן פאַר פאַרברעכנס וואָס כ'בין קיינמאָל נישט באַגאַנגען.

— דאָס וואָס איר האָט געזאָגט אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס איז נישט אמת?

— דאָס איז אייך באַוווּסט נישט ווייניקער פון מיר. איך פאָדער צונויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל וואָס זאָל בטל מאַכן אַלץ וואָס כ'בין געווען געצוווּנגען צו חתמענען פאַרן פּראָצעס און דערקלערן פאַרן געריכט. כ'בעט אייך ברענגט מיך פאַרן געריכט און דאָרט וועל איך אויפדעקן דעם גאַנצן אמת.

— ביי אונדז איז מען נישט מבטל קיין פּראָטאָקאָלן. אויסער דעם איז אייך גוט באַוווּסט, אַז איר האָט אונטערגעשריבן אמתע זאַכן. און נאָכ־מער: סלאַנסקי אַליין האָט זיך מודה געווען אין דעם אַלעמען וואָס איר

האָט געזאָגט אין צוזאַמענהאַנג מיט אים. נאָר מיר פאַרנעמען זיך נישט איצט מיט דער פראַגע. זי איז שוין פון לאַנג פאַרענדיקט. דער פאַרעטער סלאַנסקי און זיינע חברים האָבן באַקומען אַ פאַרדינטע שטראָף. מיר פאַרנעמען זיך איצט מיט אייער אָנטייל אין אָרגאַניזירן די יידישע טעראָריסטישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד. ווילט איר בעסער געפאָרשט ווערן אויף אַן אַנדער אָרט? דאָרט וועט אייך נישט זיין גרינגער. איר דאַרפט וויסן זיין, אַז אַ ווידוי אין דעם ענין וועט נישט פאַרערגערן אייער לאַגע. אייערע פאַרברעכנס אין טשעכאָסלאָוואַקיע זענען גענוג, אַז דער אורטייל זאָל זיין דער סאַמע האַרבסטער. אייער פסק־דין וועט נישט זיין קיין האַרבערער אין רעזולטאַט פון דער פאַרברעכערישער טעטיקייט אין ראַטנפאַרבאַנד.

— איך וועל זיך נישט מודה זיין אין קיין שום ווייטערדיקן, אויסגעטראַכטן פאַרברעכן. איך פאָדער צונויפצושטעלן אַ פראָטאָקאָל וואָס זאָל אַנטפּלעקן דעם אמת וועגן די אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס אין וועלכע מען האָט מיך פאַראיאָרן געצוווּנגען „מודה" צו זיין.

— בכן, זאָגט איר זיך אָפּ מודה צו זיין אין אמת, פיין. מיר וועלן אַלזאָ דאַרפן טראַכטן וועגן איבערפירן די אויספאָרשונגען אין אַנדערע הענט און אויף אַן אַנדער אָרט.

דער אויספאָרשער פירט מיך צוריק אין קאַמער.

16 מערץ 1953

היום יש לי חג: יום־הולדת.
גלמוד אני עם תוגותי.
מאוד רחוקה המולדת,
מאוד רחוקים חביבי.

אשתי היום לא תברכני,
בתי לא תגיש לי פרחים,
ילדי היום לא יחבקני,
היום לא ישיר לי שירים. — — —

מאיש לתשורה לא פיללתי,
אני האסיר העלוב.
על כן מעצמי שי קבלתי,
זה זמר נוגה ועצוב.*)

איינער וואָס וויל מיין גוטס

געקומען אַ סוף צו מיין איינזאַמקייט. מען ברענגט מיר אין קאַמער אַ נייעם שכן. דאָסמאָל האָבן די וואָכן אבסאָלוטע איינזאַמקייט נישט גורם געווען אַזעלכע האַרבע יסורים. אין די ערשטע וואָכן האָב איך נאָך געגאָסן פון דער דערלויבעניש צו רייכערן. איינמאָל אין וואָך פלעג איך באַקומען אַ בוך צום לייענען. די קעלט האָט מיר נישט אַזוי דערקוטשעט ווי פאַראַ־יאָרן. ביז היינט טראָג איך נאָך הינטערן דינעם אַרעסטאַנטן־מאַנטל מיין פולאָווער. איך האָב נאָך נישט געפילט קיין הונגער. די צוגאָבן זענען געווען באַזונדערס נאַרהאַפטיק. כ׳האָב באַקומען דריי בריוו פון דער היים. זיי האָבן באַשטעטיקט דעם דערהאַלט פון ערשטן בריוו. אויך נאָכדעם ווי מען האָט מיר צוגענומען די דערלויבעניש צו לייענען, רייכערן און צוגאָב־עסן, האָט מיך די איינזאַמקייט נישט באַלעסטיקט אַזוי ווי פאַראַיאָרן. די מיינסטע נעכט האָט מען מיך געלאָזט אַ ביסל שלאָפן. אָפטמאָל — גאַנצע נעכט. אין משך פון דעם טאָג האָב איך זיך זייער זעלטן געפונען אין קאַמער. על־פי־רוב — אין דער כּאָרש־קאַנצעלאַריע. מען האָט מיך נישט געלאָזט זיין איינזאַם.

---

*) פרייע איבערזעצונג: כ׳האָב היינט אַ יום־טוב — מיין געבורטס־טאָג. / איינזאַם בין איך מיט מיינע זאָרגן, / גאָר חייט איז דאָס פאָטערלאַנד, / גאָר ווייט כּיינע ליבע. / מיין חייב וועט מיך היינט נישט באַגריסן, / מיין טאָכטער נישט דער־לאַנגען קיין בלומען, / מיין יינגל חעט מיך היינט נישט האַלדזן, / און חעט מיר היינט ניש זינגען קיין לידער. / כ׳האָב פון קיינעם קיין געשאַנק נישט דערוואַרט, / איך דער עלנטער אַרעסטאַנט. / האָב איך פון זיך אַ מתנה באַקומען, / אַ באַטריבט און טרויעריק געזאַנג.

דער נייער שכן זעט אויס זייער גוט, אַ הויכוווקסיקער מאַן, טונ־קעלע אויגן, שוואַרצע האָר. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז גרובן־אינ־זשעניר אין קוילנגרובן־ראַיאָן מאָראַווסקאַ־אָסטראַוואַ — מערן. ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין דער ווײַנאַכט פון יאָר 1951, אַ וואָך פאַר מיר. אַלס אינזשעניר, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איינעם פון די גרובנס, איז ער אַרעסטירט געוואָרן נאָך אַן אויפרייס אין זיין גרובן. ביים אויפרייס זענען אומגעקומען עטלעכע קוילנגרעבער.

אויף אַן עפנטלעכן פּראָצעס איז ער פאַרמשפט געוואָרן אויף 7 יאָר תפיסה פאַר סאַבאָטאַזש אויס קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון. ער דער־קלערט מיר, אַז דער אויפרייס איז געשען נאָכדעם ווי ער אַליין האָט איינ־געלאַדן אַ קאָמפּעטענטע קאָמיסיע פון מלוכהשן אויפזיכט־אַמט און זי האָט עס געפסקנט, אַז די געפאַר פון גאַזן אין דעם גרובן איז זייער האַרב און מען דאַרף ווייטער אַרבעטן. צוויי פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע זענען פאַר־משפט געוואָרן צום טויט. ער ווייסט נישט צי דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן. ער גופא איז פונדעסטוועגן דערקלערט געוואָרן אַלס שותף צו דעם סאַבאָטאַזש־אַקט, הגם ער האָט ווייטער געפירט דעם גרובן, לויטן באַשלוס פון אויפזיכט־אַמט. אייניקע וואָכן האָט ער זיך געפונען אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין מאָראַוויע. ער האָט פּרובירט פון דאָרט אַנטלויפן. מען האָט אים געכאַפּט און איצט דערוואַרט אים אַ פּראָצעס פאַר סאַבאָטירן דאָס אויספירן דעם אורטייל. דערפאַר האָט מען אים אַהערגעבראַכט. אייניקע וואָכן איז ער שוין געווען אין אַן אַנדערער קאַמער און איצט האָט מען אים געבערענגט צו מיר. אין דער צווישנצייט — דערציילט ער מיר — זענען קעגן אים באַנייט געוואָרן די אויספאָרשונגען. די כוונה פון די אויספאָרשער איז מיט זיין הילף צו פאַראורטיילן די מיינסטע הויכע באַאַמטע אינעם מיניסטעריום וואָס די קוילנגרובנס אונטערליגן זיין קאָמפּעטענץ. די אויס־פאָרשער צווינגען אים צו באַשטעטיקן אַלערליי אויסגעטראַכטע באַשולדי־קונגען קעגן זיי.

אַ נייער אַספּעקט פון גערעכטיקייט. יעטוועדער אויפרייס אין די גרובנס איז נישט אַנדערש ווי אַ צילבאַוווסטע שעדיקונג אין דער סאָציאַ־ליסטישער ווירטשאַפט, גלייך ווי אין דער קאַפּיטאַליסטישער תקופה זענען נישט געשען קיין אויפרייסן אין די גרובנס. מיינט דאָס, אַז די אינזשענירן אין יענע טעג זענען אויסן געווען צו סאַבאָטירן די קאַפּיטאַליסטישע ווירט־שאַפט? מיין שכן שרייבט אונטער פּראָטאָקאָלן, אין וועלכע ס׳ווערט דער־

ציילט וועגן באַגעגענישן, וואָס זענען בכלל נישט פאָרגעקומען, וועגן רייד מיט מיטשמועסער וואָס ער האָט זיי נישט געהערט. אויף וויפל ער האָלט זיך אָפּ פון אונטערשרייבן עפּעס פאַנטאַסטישס — פירט מען אים אַדורך קאָנפראָנטאַציעס מיט באַקאַנטע אָדער פאַך־קאָלעגן, וואָס זענען אויך אַרעס־טירט. זיי „העלפן" אים „זיך דערמאָנען" זאַכן וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז די טענדענץ איז צו באַווייזן דעם טשעכאָסלאָוואַקישן פאָלק, אַז דאָס מיניסטעריום, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קוילנגרובנס, איז אינגאַנצן צוזאַמענגעשטעלט פון... שעדיקער, שפּיאָנען און מערבדיקע אַגענטן.

דער שגעון פון מכשפות־געיעג גייט ווייטער אָן.

מיין שכן באַקומט בריוו פון דער היים. אָפּט שרייבט ער אַהיים. ער האָט זוכה געווען צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו רייכערן. ער ווייזט מיר אַרויס אַ חברישע באַציונג און איז מיך מכבד מיט אייניקע „צי" פון יעדן סיגאַרעט וואָס ער רייכערט. ער האָט נישט קיין דערלויבעניש צו לייענען. מאָדנע, וואָס ער האָט ביז איצט נישט געבעטן אַזאַ דערלויבעניש און ער זאָגט זיך אָפּ צו בעטן. ער באַקומט אויך פון דער היים פּעקלעך מיט „גוטע זאַכן".

ער ווייזט אַרויס פיל אינטערעס צו די פּראָבלעמען פון ישראל. פאַרשטייט זיך, אַז ער פרעגט אַ סך וועגן די סיבות פון מיין אַרעסט. ער פרעגט שוין צופיל. שנעל אַנטפּלעק איך ביי אים אַן אומאָנגענעמע אייגנ־שאַפט : היפּאָכאָנדריע. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אַנטדעקט ער ביי זיך אַליין סימפּטאָמען פון אַ נייער קראַנקהייט. ער באַלעסטיקט דעם תפיסה־דאָקטאָר.

שוין אין די ערשטע טעג האָט ער פון מיר פאַרלאַנגט צו אַנטדעקן אים דעם אמת, צי כ'האָב זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש אָדער נישט, צי כ'בין באַגאַנגען אַן אַנדער פאַרברעך קעגן רעזשיב אָדער נישט. ער באַ־מערקט, אַז כ'האָב נישט פאַר אים וואָס מורא צו האָבן. כ'קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן.

דער ענין פון „יידיש־נאַציאָנאַליסטישן" אונטערערד אין ראַטנפאַר־באַנד איז ווי דערטרונקען געוואָרן אין מעכטיקע וואַסערן. אייניקע מאָל שוין ווי כ'בין געפאַרשט געוואָרן וועגן פאַרשידענע פראַגן, נאָר דער ענין אונטערערד איז נישט דערמאָנט געוואָרן מיט קיין איין וואָרט. וואָס האָט

פּאַסירט ? אָן שום ספק, אַז זיי וועלן זיך נאָך צו דעם אומקערן. זיי האָבן באַ־שלאָסן מיך צו באַשטימען פאַרן אָרגאַניזאַטאָר פון „ציוניסטישן אונטער־גרונט" אין ראַטנפאַרבאַנד. זיי וועלן מיך נישט אָפּלאָזן. מען קאָן זיכער זיין, זיי וועלן זיך נאָך אומקערן מיך צו פייניקן ביז משוגעת. נאָר פאַרלויפיק האָבן זיי אין מיר ווי פאַרגעסן. אָבער דאָס באַלעסטיקט מיין מחשבה : וואָס איז געשען אין ראַטנפאַרבאַנד ? אָן שום ספק, אַז דאָרט קומט פאָר עפּעס „יידישס" ! אָט דער עפּעס — וואָס מיינט ער ? שוין באַלד אַנדערטהאַלבן יאָר ווי כ'האָב נישט געהאַט קיין צייטונג אין מיינע הענט. קאַרגע אַנדערט־האַלבן יאָר ווי כ'בין לחלוטין אָפּגעשניטן פון דער וועלט און פון דעם וואָס עס קומט פאָר. גייסטיק זע איך די וועלט אַזויווי כ'האָב זי געזען דעם 31־טן דעצעמבער 1951, אין טאָג פון מיין אַרעסט. איצט איז שוין אַפּריל 1953. גלייך מיין זייגער וואָלט געשטאַנען אַ יאָר מיט אַ האַלבן. אָבער דער זייגער אינדרויסן, דער זייגער פון דער וועלט, ער שטייט נישט. אַלע אוצרות פון דער וועלט וואָלט איך אַוועקגעגעבן פאַר אַן אַלגעמיינעם איבערזיכט פון דעם וואָס האָט פּאַסירט פאַר די 18 חדשים אין ישראל און אויף דער וועלט. מיין שכן איז אַרעסטירט געוואָרן אַ וואָך פאַר מיר. אויך ער ווייסט נישט וואָס עס קומט פאָר „אינדרויסן". אויך די אַנדערע שכנים, וואָס זענען געווען מיט מיר אין קאַמער האָבן גאָר נישט געוווּסט.

אויף מיין בקשה דערציילט מיר דער שכן וועגן פאַרלויף פון זיין פּראָצעס, וועגן די פאַרשידענע עטאַפּן פון פאַרענדיקן די אויספאָרשונג ביזן משפּט. מיטן פאַרענדיקן די אויספאָרשונג ווערט דער געפאָרשטער גע־בראַכט פאַרן פּראָקוראָר. ער פאַרשט אים לויטן רעזומע־בויגן פון די אויס־פאָרשונגען, וואָס ווערט דערלאַנגט דעם פּראָקוראָר דורך דער זיכערהייט־פּאָליציי. פאַראַן מעגלעכקייטן בטל צו מאַכן פּרטים פונעם פּראָטאָקאָל פון די אויספאָרשונגען. אָבער — גיט ער צו — די זאַך איז זייער געפערלעך. אויב עפּעס גאָר וויכטיקס פון די אויספאָרשונגען ווערט בטל — וועט מען דעם פּראָצעס אָפּלייגן און אין צווישנצייט גייסטו צוריק צו דער זיכערהייט־פּאָליציי צו אַ באַנייטער אויספאָרשונג וועגן דעם ענין. איך קלער אים אויף, אַז מיין כוונה איז צו וויסן צו געבן דעם פּראָקוראָר, אַז אַלע מיינע אונטער־שריפטן זענען אַ פּרוכט פון צוואַנג.

מיין שכן עצהט מיר דאָס נישט צו טאָן. איך וועל זיך אַליין ברענגען אַן אומגליק. אויך אויפן פּראָצעס דאַרף איך באַשטעטיקן די באַגלויבלעכ־קייט פון די אויספאָרשונגען און פון מיינע ווידויים. אַלס פרעמדער בירגער

— וועלן זיי מיר זיכער געבן אַ לייכטע שטראָף. דאָס עצהט ער מיר אַלס „פריינד".

איך אינטערעסיר זיך אין דער פראַגע פון פּאַרטיידיקער. ער קלערט מיר אויף, אַז זיי וועלן מיר באַשטימען אַ פאַרטיידיקער וואָס וועט זיך מיט מיר טרעפן איינמאָל אָדער צוויי נאָענט צום פּראָצעס. נאָר בעצם האָט דער אַדוואָקאַט אין פּאָליטישע פּראָצעסן בלויז אַ פאָרמעלע אויפגאַבע, ווייל בדרך־כלל איז זיך דער באַשולדיקטער מודה אין זיין שולד.

מיין שכן דערציילט גערן וועגן די אַרבעטס־פּראָבלעמען אין די גרובנס, געאָלאָגישע פראַגן, ענינים פון מעכאַניזאַציע, די פאַרשידענע גאַזן אין די גרובנס. וועלכע גאַזן זענען עס גורם די אויפרייסן. ער דערציילט מיר וועגן אַ גאַנצער ריי גרויסע אויפרייסן וואָס זענען די לעצטע יאָרן פּאָרגע־קומען אין די גרובנס. דערפאַר דאַרף איך אים רעפערירן אויף אַ סיסטע־מאַטישן אופן וועגן ישראל־פּראָבלעמען.

ענדע וואָך, פריי פון אויספאָרשונגען — נעם איך פון אים לעקציעס גראַמאַטיק און סינטאַקס אין טשעכיש. אגב, פון די דאָזיקע לעקציעס ווערט מיר קלאָר, אַז מיין אויספאָרשער איז זייער שוואַך אין ביידע. איך לערן מיין שכן ענגליש — אויף זיין פאַרלאַנג.

דעם גרעסטן אינטערעס ווייזט אַרויס מיין שכן אין מיינע רייזעס אין פאַרשידענע לענדער און באַזונדערס בנוגע מיין געזעלשאַפטלעכער טעטי־קייט. ער וויל וויסן אַלע פּרטים. אָפטמאָל גיט ער מיר אָנצוגעהערן, אַז אים מעג איך אַלץ דערציילן. דאָס וועט בלייבן צווישן אונדז. איך קאָן זיך פאַרלאָזן אויף זיין פריינדשאַפט.

די פרילינג־זון רייסט זיך ווידער אַריין אין דער טונקעלער קאַמער. די צווייטע העלפט אַפּריל. דער היי־יאָריקער ווינטער איז געווען אַ מער מילדער ווי פאַראַיאָרן. קאָן זיין, אַז כ'האָב זיך שוין אַביסל אַקלימאַטיזירט. אינאַוונט דערגייען צו מייע אויערן קלאַנגען פון אַ כאָר: דער „אינטערנאַ־ציאָנאַל", אַרבעטער־לידער. ווייזט אויס, אַז מען גרייט זיך צום ערשטן מאַי.

מיין שכן זאָגט מיר, אַז ער איז נישט קיין קאָמוניסט, נאָר ער שטייט אויף דער באַזע פון בויען דעם סאָציאַליזם. איך האָב נישט צו אים קיין צוטרוי. איך בין איבערצייגט, אַז מען האָט אים צוגעשטעלט צו מיר ער זאָל מיך מיט עפּעס שטרויכלען. ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

1 מאַי 1953

שוין צום צווייטן מאָל ווי מיר קומט אויס צו „פּייערן" אין תפיסה דעם ערשטן מאַי. אַ לינקער סאָציאַליסט — אין אַ תפיסה פון אַ מדינה וואָס בויט דעם סאָציאַליזם. אויך דאָס יאָר, ווי פאַראַיאָרן, דערטראָגן זיך צו מיינע אויערן געדעמפטע קלאַנגען פון „אינטערנאַציאָנאַל". פראַגמענטן פון רעדעס. אַפּלאָדיסמענטן. טיילן פון אַ גרויסן קאָלעקטיוון געזאַנג.

די איינוווינער פון רוזין פירן דורך, ווייזט אויס, נישט ווייט פון דאַנען, זייער יום־טוב־מיטינג. הונדערטער סאָדיסטן רוען זיך היינט אָפּ פון זייער מלאכה. זיי באַטייליקן זיך אין פייערלעכן מיטינג. אָן שום ספק שרייען זיי אויפן הויכן קול: „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!" זיי זענען אויסן נישט דעם זיך בויענדיקן סאָציאַליזם, אין וועלכן עס גלייבן מאַסן אַרבעטנדיקע, אַ סאָציאַליזם וואָס וועט די פאָלקס־מאַסן ברענגען שפע, גליק, פרייהייט. זיי זענען אויסן אַ סאָציאַליזם פון איזדיעקעווען זיך איבער אומשולדיקע מענטשן, פון אינקוויזיטאָרישע פּיין־פאַרשונגען, פון עפנטלעכע שקר־פּראָצעסן — אַ סאָציאַליזם פון דער אַלמעכטיקער געהיים־פּאָליציי.

דאָס זיין אָפּגעשניטן פון דער וועלט — אַנדערטהאַלבן יאָר — דריקט אויף מיר שטאַרק. וואָס זענען די מאַי־לאָזונגען פון די אַרבעטער אין ישראל? פון די אַרבעטער אין דער וועלט? וואָס זאָגט היינט מפ"ם צו דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט אין ערשטן־מאַי אויפרוף?

וואָס זאָגט זי די לענדער פון סאָציאַליזם? דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע, אין וועמענס תפיסה עס פּייניקט זיך איינער פון אירע טוער שוין אַנדערטהאַלבן יאָר, זייענדיק גאָט די נשמה שולדיק? אָדער אפשר זענען זיי שוין איבער מיר אַריבער צום טאָג־אָרדענונג? טאָמער האָט מען באַשלאָסן, אַז מיינע יסורים אין אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישער תפיסה זענען אַ זייטיקער פּרט, וואָס דאַרף נישט גורם זיין קאַליע צו מאַכן די באַציונגען צווישן מפ"ם און דער וועלט פון דער רעוואָלוציע?

מיר איז שווער צו גלייבן, אַז מיין פּאַרטיי זאָל האָבן פאַרדייעט דעם סלאַנסקי־פּראָצעס און מיינע „עדות־דערקלערונגען" דאָרט. גיכער גלייב איך צופיל אינעם מאָראַלישן און געוויסנס־מהות פון מפ"ם, אַז כ'זאָל דערלאָזן אַזאַ מעגלעכקייט. איך דערמאָן זיך אַ ידיעה, וואָס דער „שעף" האָט מיר געוויזן אין איינער פון די פעברואַר־נעכט אין „רודע פּראַוואָ" — וועגן

סנהס פּאַראַט אין ציוניזם און זיין אַוועקגיין פון מפּ״ם. איז דער באַוועג־גרונט נישט פאַרבונדן מיטן סלאַנסקי־פּראָצעס? איך דערמאָן זיך איין געשפּרעך מיט סנהן וועגן די קלאַנגען בנוגע דעם פאַרשווינדן פון די מיטגלי־דער פונעם ״יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט״ און די יידישע סאָוויעטישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד. אויף מיין באַמערקונג, אַז מען דאַרף דעם ענין אויפהייבן אין אַ פּאַסיקער פאָרם, האָט ער מיר געזאָגט: ״צוליב די דאָזיקע יעווסעקן און קאָסמאָפּאָליטן וועלן מיר זיך איינרייסן מיטן ראַטנפאַרבאַנד?״ איך נעם אָן אַלס מעגלעכקייט, אַז ביים סלאַנסקי־פּראָצעס האָט ער אָנגעווענדט די זעלבע ליניע אינערהאַלב מפּ״ם: ״צוליב מרדכי אורן וועלן מיר זיך קאַליע מאַכן אונדזערע באַציונגען מיט דער וועלט פון דער רעוואָלוציע?״

קלאַנגען פון אָרקעסטער דרינגען אַריין דורכן פענצטער. דער מיטינג אין דרויסן קומט נאָך אַלץ פאָר.

וואָס זאָגן היינט די מפּ״ם־רעדנער אויף די ערשטע־מאַי פאַרזאַמלונגען וועגן סאָציאַליזם און וועגן דער וועלט פון דער רעוואָלוציע? וואָס וואָלט איך געזאָגט, ווען מען וואָלט מיר נעכטן געגעבן אַהיימצופאָרן און אויפצוטרעטן אויף איינער פון די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען?

ס׳איז איבער מיר אַריבער אַ תקופה פון אַנדערטהאַלבן יאָר זיין ״אין סאַמע ענגסטן קאָנטאַקט״ מיט דער וועלט פון דער רעוואָלוציע און נישט נאָר מיט דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע. דער סלאַנסקי־פּראָצעס און דער משפּט וואָס דערוואַרט מיך, זענען נישט קיין טשכאָסלאָוואַקישע דערפינדונג. זיי זענען רינגען אין אַ קייט, וועמענס אָנהייב גרייכט די מאָסקווער פּראָצעסן אין די דרייסיקער יאָרן. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן די צעפוילטקייט. אירע אָפּקלאַנגען האָבן מיר דערנאָך געזען אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער: דער ראַיק־פּראָצעס אין אונגאַרן, דער קאָסטאָוו־פּראָצעס אין בולגאַריע, דאָס אַרעסטירן און שטעמפּלען גאָמולקאַן אין פּוילן. און איצט דער סלאַנסקי־ און קלעמענטיס־פּראָצעס אין טשעכאָסלאָוואַקיע. די אויספאָרשער האָבן מיר עפּעס געגעבן אָנצוגעהערן וועגן אַ פּראָצעס קעגן אַ ״ציוניסטישער אונטערערד״ אין ראַטנפאַרבאַנד. זיי האָבן אַפילו פּרובירט מיך מאַכן פאַר איינעם פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון דער דאָזיקער ״אונטערערד״. דער נאָענטסטער רינג אין טשעכאָסלאָוואַקיע וועט, ווייזט אויס, זיין מיין פּראָצעס און די פּראָצעסן פון די ציוניסטישע עסקנים, פאַר וועמען

כ׳האָב אײַנגעטערוועגירט פאַר מײַן אַרעסט. אײן פּראָצעס פון צעפּוילט־קייט פון אמת, משפט און צדק. די דאָזיקע שקר־פּראָצעסן, נישט נאָר וואָס זיי פאַראורטיילן אומשולדיקע מענטשן, זיי איזדיעקעווען זיך איבערן כבוד פון מענטש. זייערע אורטיילן זענען קאַלטבלוטיקע מאָרדן. נאָכמער — זיי דינען אַלס מיטל צו באַשווינדלען און אָפּצונאַרן די פּאָלקס־מאַסן, די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג, די גאַנצע וועלט. זיי דאָזיקע פּראָצעסן זענען אַ מעכטיקער אַפּאַראַט אָפּצושרעקן מאַסן מענטשן, צו פעלשן די עפנטלעכע מיינונג, צו דערשטיקן דעם זעלבשטענדיקן געדאַנק.

פון די אויספאָרשערס רייד האָב איך געלערנט, אַז די זיכערהייט־פּאָליציי איז אַלמעכטיק. זי שטייט איבער אַלץ: איבערן יוסטיץ־אַפּאַראַט, איבער דער גאַנצער רעגירונג, איבער דער הערשנדיקער פּאַרטיי אין דער מדינה. דאָס האָט זי פון סלאַנסקין, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי — געמאַכט אַ פאַרעטער פון סאָציאַליזם און פון אויסערן־מיניסטער קלעמענטיס — אַ פראַנצויזישן שפּיאָן. עס ווערט דעריבער קלאָר, אַז די מאַכט איז נישט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און נישט קיין פּאָלקס־דעמאָקראַטיע — נאָר די שרעק־הערשאַפט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי איבערן אַרבעטער־קלאַס און איבער דער גאַנצער מדינה.

דאָס איז נישט קיין סאָציאַליזם, דאָס איז אַ פעלשונג פון זיין וויזיע. דער סיסטעם פון אויספאָרשונגען, וועמענס קרבן איך בין געווען, האָט אין מײַן האַרץ נישט דערוועקט קיין אַסאָציאַציעס מיטן סאָציאַליזם, נאָר מיטן פאָרש־סיסטעם פון דער אינקוויזיציע־תקופה אין מיטלאַלטער און פון דער פאַשיסטישער תקופה אין אונדזערע טעג. די אויספאָרשער — כ׳האָב זיי קיינמאָל נישט געזען אַלס מענטשן וואָס דערפילן אַ סאָציאַליסטישע שליחות. איך זע זיי ווי פּראָפעסיאָנעלע יוצר־משרתים, וואָס זענען מסוגל — ביי געענדערטע אומשטענדן — צו דינען דער געסטאַפּאָ.

אויב דער ליגן — אין דער פאָרם פון די שקר־פּראָצעסן — איז דערגאַנגען צו אַזעלכע גיגאַנטישע מאַסשטאַבן אויפן געביט פון געזעץ און משפּט, טאָ אַ וואָסער גאַראַנטיע איז פאַראַן אין דעם, אַז דער לויטערער אמת הערשט אין אַנדערע געביטן? אין תחום פוןווירטשאַפטלעכער שאַפונג, עקאָנאָמישער פּלאַנירונג, אויפן געביט פון גייסטיקער, קולטורעלער שאַפונג און נאָך און נאָך?

אויף יעדן אָרט, ווו די פּאָליטישע פּאָליציי איז די אַלמעכטיקע הער־שערין — דאָרט איז דער מענטש נישט פריי. וואָכן און חדשים האָט מען זיך איבער מיר איזדיעקעוועט, כדי אויספּרעסן אויסגעטראַכטע מעשות וועגן די, מיט וועלכע כ'האָב זיך געטראָפן אין טשעכאָסלאָוואַקיע: וועגן יידן און נישט־יידן, וועגן טוער פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין טשע־כאָסלאָוואַקיע, אַריינגערעכנט איר פּאָרזיצער. דער דאָזיקער מאַן, וואָס איז אויך דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט און מיטגליד פון פּאַרטיי־צ.ק., טרעט איצט זיכער אויף אויף אַ צענטראַלער פּאַרזאַמלונג. זיכער ווייסט ער נישט, וויפל טעג און נעכט זיינע אינקוויזיטאָרן האָבן מיך געפּייניקט, כדי פון מיר אויס־צופּרעסן אַ פאַלשע ווידוי וועגן דער צוזאַמענאַרבעט פון דעם דאָזיקן אָפּע־ריסט מיט מיר. וואָלטן זיי מצליח געווען אים איינצוברעכן אַזויווי מיך אין דעם דאָזיקן פּונקט, וואָלט ער איצט זיכער געשמאַכט אין תפיסה ווי איך, אַלס אַ ציוניסטישער אַגענט, שפּיאָן, פּאַרעטער.

ניין. איך מאַך נישט קיין רעוויזיע פון מיין וועלט־אַנשויונג. איך האָב געגלויבט און גלויב ווייטער אין די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. איך אידענטיפיציר נישט די דאָזיקע כנופיה, פּאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרן רעזשיסירן דעם מאָנסטער־פּראָצעס, מיט די מאַסן אַרבעטנדיקע אין טשעכאָסלאָוואַקיע, זייערע פּאַרלאַנגען און שטרעבונגען. מיט זייער לעבן און אַרבעט פּאַרלייגן זיי אמתדיקע יסודות צו פּאַרווירקלעכן דעם סאָציאַ־ליזם. איך פּאַרזע נישט דאָס וואָס ס'איז אין טשעכאָסלאָוואַקיע אויפגעטאָן געוואָרן זינט 1945 — דאָס פּאַרלייגן פונדאַמענטן אונטערן בנין פּאַר דער סאָציאַליסטישערווירטשאַפט און געזעלשאַפט. עס איז איינגעבראָכן געוואָרן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל. דער אַרבעטער־קלאַס איז דער העגעמאָן אין דער מדינה. פּאַראַן אַ נאַציאָנאַליזירטע אינדוסטריע. די גאַנצע ווירט־שאַפט אונטערליגט פּלאַנירונג. זי שפּאַנט פּאָרויס מיט שנעלע טריט. עס זענען געשאַפן געוואָרן באַדינגונגען פּאַר אַן אומגעהויערן אויפשטייג פון לעבנס־ניוואָ פון די פּאָלקס־מאַסן. עס האַלט זיך אין פּאַרפעסטיקן דער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פון סאָציאַליזם. אָבער סאָציאַליזם מיינט אויך דעמאָקראַטיע, פרייהייט פון מענטש, פרייהייט פון געדאַנק, די מאַכט פון אמת, געזעץ, משפט אין לעבן פון דער געזעלשאַפט.

סאָציאַליזם מיינט — נישט נאָר ברויט, נאָר אויך פרייהייט און גע־רעכטיקייט.

אַנשטאָט זיי, געוועלטיקן אין דער געזעלשאַפטלעכקייט דער שווינדל, אונטערדריקונג, געזעצלאָזיקייט, פאַרברעך — און אפילו אַנטיסעמיטיזם. דאָס האָב איך דערשפּירט אויף דער אייגענער הויט.

און דאָ האָבן מיר נישט צו טאָן מיט פאַרווילדונג פון דער זיכער־הייט־פּאָליציי. די אינסצעניזירונג פון דעם סלאַנסקי־פּראָצעס זאָגט עדות אויף דער דעגענעראַציע אין די פּאָליטישע שפּיצן, אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג, אין איר גרונטיקן אויפפאַסן דעם וועג צו פאַרוויקלעכן דעם סאָציאַליזם.

דאָס איז נישט נאָר אַן אָרטיקע דערשיינונג. אויף די דאָזיקע אַנט־פּלעקונגען פון פאַרדאַרבונג שטויסן מיר זיך אָן אין אַלע לענדער פון סאָציאַליזם. דעם אָנהייב האָבן מיר געזען אין ראַטנפאַרבאַנד — אין די מאָסקווער פּראָצעסן, אין די גיגאַנטישע, בלוט־באַדעקטע רייניקונגען.

דער ראַטנפאַרבאַנד האָט געדינט פאַר אַ ביישפּיל אַלס ערשטע מדינה, וואָס האָט אַדורכגעפירט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און איז אַרויף אויפן וועג פון סאָציאַליסטישער בויונג. אָבער פון ראַטנפאַרבאַנד האָט מען אויך געלערנט די טעכניק פון שקר־פּראָצעסן. די טעכניק פון „ווידויים״. די מאָסקווער פּראָצעסן האָבן געדינט אַלס מוסטער פאַר אויסשטעל־פּראָ־צעסן אין אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

אמת איז, אַז אונדזער פּאַרטיי — און איך מיט איר — האָבן פאַקטיש מוותר געווען אין די לעצטע יאָרן, צוליב פאַרשידענע סיבות, אויף אַ קרי־טישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון דער סאָציאַליסטישער בויונג אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, אַ צוגאַנג וואָס האָט אונדז כאַראַקטעריזירט אין דער פאַרגאַנגענהייט — אין דער תקופה פון די מאָסקווער פּראָצעסן. אין די לעצטע יאָרן האָבן מיר פון דער וועלט פון דער רעוואָלוציע זיך אָפּגעגרענעצט בלויז אין איין תחום: דאָס פּראָבלעם פון יידישן פאָלק און פון ציוניסטישן ווערק. מיר דאַרפן זיך זעלבסט צוריק־קערן די פרייהייט פון משפטן און קריטיק — אפילו לגבי די סאָציאַליסטישע פאַרווירקלעכונגס־וועגן אין דער וועלט פון דער רעוואָלוציע. מיר דאַרפן אויפהייבן אונדזער שטים קעגן פעלשן די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן און באַגריפן און באַזונדערס קעגן דער פאַרדאַרבונג, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אויפן וועג פון מאַכט אין די לענדער פון סאָציאַליזם. מיר דאַרפן דאָס טאָן — נישט פאַרלייקענענדיק די פּרינציפּן פון אונדזער סאָציאַליסטיש־רעוואָלו־ציאָנערער וועלט־אָנשויונג, זייענדיק אַ טייל פון איר — אָבער ווי אַ זעלב־

שטענדיקע פון גייסטיקן און פּאָליטישן שטאַנדפּונקט — אינערהאַלב דעם אינטערנאַציאָנאַלן לאַגער פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם.

די קאַמער זינקט אין בין־השמשות, אינדרויסן איז שטיל. דער ערשטער־מאַי מיטינג האָט זיך שוין לאַנג פאַרענדיקט. מיין שכן איז פאַרזונקען אין זיינע מחשבות. רו. פון קאָרידאָר דערטראָגן זיך די אָפּקלאַנגען פון די מאָנאָטאָנע טריט פון צוויי וועכטער. אַלע עטלעכע מינוט קוקט אַריין אַן אויג דורכן אויסשפּיר־פענצטערל. דאָס אויג פונעם וועכטער.

די אויספאָרשער האָבן זיך אוודאי אומגעקערט פונעם מיטינג ווו זיי האָבן געררופן: „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם". מאָרגן וועלן זיי זיכער באַ־גייען זייער מלאכה מיט מיר: „וועט אורן, וועט איר סוף־כל־סוף מודה זיין, אַז מפ"ם איז נישט קיין אַרבעטער־פּאַרטיי, נאָר אַ שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע וואָס באַדינט דעם מערב?".

מען גרייט מיין פּראָצעס

דער חודש מאַי גייט אַוועק, עס קומט אָן יוני. עס שטאַרקט זיך די שטיקעניש אין קאַמער. איך האָב זוכה געווען צו אַ 20־מינוטיקן שפּאַציר אויפן תפיסה־הויף. דאָס איז געווען דער צווייטער שפּאַציר זינט דעם סלאַנסקי־פּראָצעס. עס זענען אַריבער זיבן חדשים זינט מיין לעצטן שפּאַציר. אויך דאָסמאָל האָב איך שפּאַצירט אונטער דער אויפזיכט פון אַ וועכ־טעריך. איך האָב זייער הנאה געהאַט פון די צוויי סיגאַרעטן, וואָס זי האָט מיר אָנגעבאָטן ביים אָנהייב פון שפּאַציר און פאַר זיין סוף. זי האָט מיך געפרעגט פאַרשידענע פראַגן וועגן ישראל, מיין משפּחה און צום סוף — וויאַזוי איך פיל זיך אין תפיסה. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך פיל זיך ווי איינער וואָס פיניקט זיך שוין אַנדערטהאַלבן יאָר אין תפיסה אומשולדי־קערהייט.

— האָט איר דאָך אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס געזאָגט באַשולדיקונגס־רייד אויף זיך אַליין.

— אַלץ וואָס כ'האָב געזאָגט, סיי אויף סלאַנסקין, סיי אויף זיך, איז אויסגעטראַכט פון אָנהייב ביזן סוף. — איך האָב איר געזאָגט מיין מיי־נונג וועגן גאַנצן פּראָצעס. זי האָט מיר געגעבן אָנצוזעהערן, אַז ווייזט אויס,

נאָך אַ ביסל וועט פאַרקומען מיין פּראָצעס. כ׳האָב איר געזאָגט, אַז כ׳וועל דאָרט אויפדעקן דעם גאַנצן אמת. כ׳האָב איר דאָס געזאָגט מיטן קלאָרן באַוווסטזיין, אַז דעם אינהאַלט פון אונדזער געשפּרעך וועט זי איבערגעבן מיינע אויספאָרשער און די ממונים איבער זיי.

ווען כ׳בין אַריינגעקומען אין דער אויספאָרש־קאַנצעלאַריע, באַפעלט מיר דער אויספאָרשער צו שטעלן זיך אויף אַכטונג. זיין פּנים איז פאַר־צאָרנט. ער דערנענטערט זיך צו מיר און נעמט מיר שרייען אין פּנים אַריין: — דאָס שטיין אויף אַכטונג איז אַ שטראָף פאַר אייער אומדיסציפּ־לינירטן אויפפירן זיך אין קאַמער. — דאָס איז סתם אַן אויסטראַכטעניש. איך פאַרשטיי, אַז כ׳ווער באַשטראָפט פאַר די ווערטער וואָס כ׳האָב געזאָגט דער וועכטערין בעתן שפּאַציר אויפן תפיסה־הויף. איך באַמערק אים, אַז ס׳איז גאָרנישט געשען אין מיין קאַמער, אַז כ׳האָב נישט געהאַט קיין שום אינצידענט מיטן קאָרידאָר־וועכטער און נישט מיטן שכן אין קאַמער. איך בעט אים מיר זאָגן ביי אַ וואָסער ענין האָב איך זיך אויפגעפירט אומדיס־ציפּלינירט. ער פאַרפּלייצט מיך מיט זידלערייען און טראַכט אויס פאַרשי־דענע נישט־געשטויגענע זאַכן: אַז איך גיב חוצפּהדיקע ענטפערס דעם וועכטער אין קאָרידאָר, אַז איך רעאַגיר נישט אויף די באַמערקונגען פונעם וועכטער און נאָך און נאָך. איך ענטפער אים, אַז קיין שום וועכטער פון די קאָרידאָר־היטער האָט מיר נישט קיינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט וועגן אומריכטיקן אויפפירן זיך. קאָן זיין, אַז דאָס באַציט זיך צו אַן אַנדערן וועכ־טער און דאָ איז געשען אַ מאָדנע מיספאַרשטענדעניש. ער חזרט איבער זיינע אויסגעטראַכטע באַשולדיקונגען, נאָר מיר איז קלאָר: זיין גרימצאָרן איז פאַרבונדן מיטן אינהאַלט פון מיין געשפּרעך מיט דער וועכטערין. צום סוף פרעגט ער מיך וועגן וואָס כ׳האָב געשמועסט מיט דער וועכטערין בעתן שפּאַציר. איך דערצייל אים, הגם ס׳איז מיר קלאָר, אַז ער ווייסט אַלץ אויס־געצייכנט. זיין כעס ברעכט אויס פונדאָסניי. צי איז מיר דען נישט באַוווסט, אַז מען טאָר נישט לאָזן פאַלן אַזעלכע רייד אויף די אָנגעשטעלטע פון דער זיכערהייט־פּאָליציי? איך ענטפער אים, אַז מיר איז נישט באַוווסט אַזאַ זאַך; אויפן שפּאַציר האָט מען מיך געפרעגט פאַרשידענע פראַגן און כ׳האָב אויף זיי געענטפערט לויט מיין בעסטן פאַרשטאַנד. — איר וועט מער נישט האָבן קיין שפּאַצירן — פסקנט דער אויספאָרשער.

עס הייבט זיך אָן די סטאַנדאַרטע אויספאָרשונג. איך שטיי אויף אַכטונג שעהן וואָס ענדיקן זיך נישט.

און ווידער זענען די אויספֿאָרשונגען אינטענסיווער. איך ווער געפֿאָרשט ביי־טאָג, אין אָונט, ביינאַכט. ווייזט אויס, אַז מען גרייט דעם פּראָצעס קעגן מיר. קלאָרער הייבן זיך אָן אָנצייכענען די גרונט־ליניעס פֿונעם באַשולדיקונגס־אַקט. דער אויספֿאָרשער קערט זיך אום צו כּל־מיני פּראָטאָקאָלן פֿון פֿאַראַיאָרן. ווייזט אויס, מען וועט מיך באַשולדיקן אין צוויי זאַכן: „סאַבאָטאַזש־טעטיקייט קעגן רעזשים”, דאָס הייסט, — מיין ציוניסטישע טעטיקייט בעת די פֿאַרשידענע באַזוכן אין טשעכאָסלאָוואַקיע און די איבעריקע פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, מיין אינטערווענץ לטובֿת די אסירי־ציון, „מיין שפּיאָנאַזש־טעטיקייט” אין דינסט פֿון מפּ”ם, דער ישראל־רעגירונג און דעם בריטישן „אינטעלידזשענס־סערוויס”.

דער אויספֿאָרשער וויל צונויפֿשטעלן נייע פּראָטאָקאָלן וואָס זאָלן אַנטהאַלטן אַ קלאָר מודה זיין אין די צוויי אויבנדערמאָנטע „פֿאַרברעכנס”. ער באַנוגנט זיך נישט מיט די אַלגעמיינע זעלבסט־באַשולדיקונגען וואָס כ׳האָב געלאָזט הערן אויפֿן סלאַנסקי־פּראָצעס. ווייזט אויס, אַז מען האָט אים באַפֿוילן צונויפֿשטעלן פּראָטאָקאָלן וואָס זאָלן אַנטהאַלטן פֿעסטע פֿאַקטן. מיינע ענטפֿערס אָבער ברענגען נישט קיין שום פֿאַקטן אויף צו באַפֿעסטיקן די צוויי אויסגעטראַכטע באַשולדיקונגען, נאָר מאַכן זיי צונישט פֿון גרונט אויס. אויך איך פֿאָדער צונויפֿשטעלן נייע פּראָטאָקאָלן — אין גייסט פֿון מיינע רייד. איך הער נישט אויף צו וואָרענען דעם אויספֿאָרשער: אַז אויפֿן פּראָצעס וועל איך אַנטפּלעקן דעם אמת בנוגע דער שווינדלערישקייט פֿון די אַלטע פּראָטאָקאָלן און דעם ווערט פֿון מיינע עדות־דערקלערונגען אויפֿן סלאַנסקי־פּראָצעס.

דער אויספֿאָרשער האָט נאָכגעלאָזט מיטן צונויפֿשטעלן נייע פּראָטאָקאָלן. ער שטעלט פֿעסט, אַז די אַלטע פּראָטאָקאָלן האָבן נאָך נישט פֿאַרלוירן זייער גילטיקייט; ער וויל זיי נאָר באַפֿעסטיקן מיט נייע פֿאַקטן. ער עצהט מיר, אַז אויף מיין פּראָצעס זאָל איך זיך נישט אָפּזאָגן פֿון די ווידויים, וואָס זענען אַנטהאַלטן אין די פּראָטאָקאָלן פֿון פֿאַראַיאָרן און פֿון מיינע עדות־דערקלערונגען אויפֿן סלאַנסקי־פּראָצעס. לויט דער איינגעשטעלטער פּראָצעדור נעמען נישט די ריכטער אין אַכט דערקלערונגען פֿון באַשולדיקטע, אין וועלכע ס׳איז פֿאַראַן דאָס בטל מאַכן זייערע עדות־דערקלערונגען בעת די אויספֿאָרשונגען. אויב כ׳וועל אַזוי טאָן — וועל איך בלויז זיך אַליין שאָדענען. די ריכטער וועלן דערין זען — און מיט רעכט — אַ כּוונה אָפּצונאַרן דאָס געריכט. דאָס קאָן בלויז האַרבער מאַכן די שטראָף

וואָס דערוואַרט מיך. איך באַמערק אים, אַז כ׳בין פעסט אַנטשלאָסן צו אַנטדעקן אויפן פּראָצעס דעם אמת; אפילו ווען מיך דערוואַרט אַ האַרבערע שטראָף.

איך פאָדער פונעם אויספאָרשער מיך ברענגען פאַרן ממונה איבער אים כדי אַרומרעדן ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו מיין פּראָצעס. ער זאָגט אָפּ. נישטאָ קיין שום באַדערפעניש אין אַזאַ געשפּרעך. אויב איך האָב וועלכע ס׳איז לאַגישע פאַרלאַנגען, איז ער גרייט זיי צו ברענגען פאַר זיינע עלטסטע. איך דעטאַליזיר מיינע פאָדערונגען: א) מיין פּראָצעס זאָל ווי ווייט מעגלעך צוגעאיילט ווערן; ב) מיינע חברים אין ישראל זאָל דער־מעגלעכט ווערן צו שטעלן מיר אַן אַדוואָקאַט; ג) עס זאָל מיר געגעבן ווערן אַ מעגלעכקייט צו ברענגען פאַרן געריכט אַ ריי עדות צו מיין פאַרטיידיקונג — פון ישראל, טשעכאָסלאָוואַקיע און פון אַנדערע לענדער; איך מיין פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּראָפ.־פאַריינען און פון דער שלום־באַוועגונג; ד) דערמעגלעכן צו ברענגען פון ישראל אַ ריי דאָקומענטן און באַווייזן צו מיין פאַרטיידיקונג; ה) מען זאָל דערלויבן אַ באַזוך פון אַ פאַרשטייער פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט אין פּראַג, כדי באַהאַנדלען מיט מיר די דאָזיקע פראַגן (אַדוואָקאַט, עדות, דאָקומענטן). איך גיב צו, אַז איך בעט דרינגלעכע באַהאַנדלונג פון מיין בקשה, ווייל דאָס איינאָרדענען די דאָזיקע ענינים וועט פאָדערן נישט ווייניק צייט. דער אויספאָרשער שמייכלט. ער דערקלערט מיר, אַז אַלץ וואָס איז נייטיק צום פּראָצעס, וועט איינגעאָרדנט ווערן דורכן געריכט גופא. אַלנפאַלס, ער וועט מיינע פאַר־לאַנגען איבערפירן צו די ממונים איבער אים. איך אַליין בין שולדיק אינעם פאַרציען דעם פּראָצעס, ווייל איך סאַבאָטיר דעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג.

איך פאַרשטיי, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום אויסזיכט אַז מען זאָל מיר דערלויבן אַ ישראלדיקן פאַרטיידיקער; מען זאָל מיר דערלויבן ברענגען עדות און דאָקומענטן פאַר מיין פאַרטיידיקונג; אַז מען זאָל מיר דערלויבן צו זען וועמען פון דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט. ווייל עס איז דאָך קלאָר, אַז אַלץ וואָס מיך דערוואַרט, איז נישט קיין פּראָצעס, נאָר אַ קאָמעדיע פון אַ פּראָצעס. אין אַזאַ „פּראָצעס" איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַן אמתדיקער פאַרטיידיקונג. אויף אַזאַ „פּראָצעס" נייטיקט מען זיך נישט אין פאַרטיי־קונגס־עדות. מען נייטיקט זיך נישט אין דאָקומענטן און באַווייזן צו פאַר־טיידיקן דעם „באַשולדיקטן". פונדעסטוועגן האָב איך געלאָזט הערן די אַלע

תמימותדיקע פּאָדערונגען. און איך וועל זיי נישט אָפּלאָזן. כ׳וועל זיי, ווי־ניקסטנס, דערמאָנען פון מאָל צו מאָל, אַז איך זע ריכטיק דעם ווערט פון דעם לעכערלעכן יורידישן פּאַרס, וועמענס קרבן איך דאַרף זיין. אַז איך זע גוט די פּאָלקס־דעמאָקראַטישע יוריסדיקציע אין איר גאַנצער נאַקעטקייט.

דער אויספאָרשער קאָנצענטרירט זיך אַרום דער פראַגע פון מיין ציוניסטישער טעטיקייט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. ער באַמיט זיך אַרויסצו־באַקומען מיין הסכמה דער עיקר אין צוויי פּונקטן: א) יעטוועדע ציוניס־טישע טעטיקייט אין די לענדער פון סאָציאַליזם איז פון גרונט אויס אַ פאַר־ברעכערישע טעטיקייט; אַז מיין ציוניסטישע טעטיקייט אין טשעכאָסלאָ־וואַקיע האָט אין זיך אַנטהאַלטן דאָס ברעכן פון געזעץ. איך מאַך צונישט די דאָזיקע צוויי ווערטלאָזע טענות. איך שטרייך אונטער דעם פּראָגרעסיוון און באַפרייערישן מהות פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון יידישן פאָלק. איך ווייז אויף, אַז די ציוניסטישע טעטיקייט אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אויך נאָכן יאָר 1945, איז געזעצלעך געווען דערלויבט — ביזן אָפּשטעלן זי — אויפן גרונט פון באַשלוסן פון די מאַכט־אָרגאַנען. מיין טעטיקייט איז נישט געפירט געוואָרן אין אונטערערד, נאָר אָפן און פאַר אַלעמענס אויגן, ביי דער הילף פון די מאַכט־אָרגאַנען. איך חזר איבער מיינע טענות און באַ־קרעפטיק זיי — אַזוי ווי כ׳האָב עס געטאָן במשך אַלע וויכוחים מיט די אויספאָרשער אין די פראַגן פון מיין טעטיקייט און די איינשטעלונגען פון אונדזער באַוועגונג. דער אויספאָרשער פסקנט, אַז איך רעד נישט צו דער זאַך און אַז ער וועט אין דער פראַגע נישט צונויפשטעלן קיין שום פּראָטאָ־קאָל. אין דער אונטערשטער שורה שטעלט ער נישט צונויף קיין שום פּראָטאָקאָל. ער פאַרשטייט, אַז כ׳וועל חתמענען נאָר אונטער פּראָטאָקאָלן וואָס אַנטהאַלטן מיין אמת און נישט זיינע פעלשונגען.

דער אויספאָרשער באַרירט פונדאָסניי דעם ענין פון מיין אינטער־ווענץ לטובת די פיר אַסירי־ציון, די ציוניסטישע עסקנים אין טשעכאָסלאָ־וואַקיע. ער דריקט אויף מיר, איך זאָל מודה זיין, אַז מיינע באַמיונגען צו דערפירן צו דער באַפרייונג איז אַ פיינדלעכער אַקט כלפּי דעם רעזשים. איך באַמערק, אַז איך האָף, אַז ס׳וועט קומען דער טאָג און טשעכאָסלאָוואַ־קיע וועט מודה זיין, אַז דאָס אַרעסטירן אומשולדיקע מענטשן איז פּוגע אין רעזשים, איז אַן איזדיעקעווען זיך איבער דער גערעכטיקייט. דאָס איז אַ

זייער אָנגענומענער מנהג אויף דער וועלט, זיך אַריינצומישן לטובת מענטשן, וואָס שמאַכטן אין תפיסה, זייענדיק אומשולדיק. די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג, פּראָגרעסיווע גייסט־מענטשן און פּאָליטישע טוער, הייבן נישט איינמאָל אויף זייער שטים פאַר באַפרייען מענטשן פון תפיסה אָדער ראַטעווען דאָס לעבן פון צום טויט־פאַרמשפּטע. דאָס איז אַ לעגיטימע, מענטשלעכע האַנדלונג און נישט קיין פאַרברעכערישע אָדער פיינדלעכע טעטיקייט כלפּי דעם אָדער יענעם רעזשים.

— פאַראַן אַן אָרט צו אינטערווענירן פאַר מענטשן וואָס שמאַכטן אין די תפיסות פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָרט איז דער צדק פאַרפוילט. דאָרט פאַרשפּאַרט מען אין די תפיסות שלום־קעמפער און קאָמוניסטן און מען שטעלט זיי צום וועגטל אויפן גרונט פון געפעלשטע פּראָצעסן.

— צו מיין גרויסן באַדויערן, הינקט אונטער דער צדק אויך אין די לענדער פון סאָציאַליזם. איך אַליין בין אַ קרבן פון דער געטראָפענער גערעכטיקייט ביי אייך. שוין העכער אַנדערטהאַלבן יאָר ווי איך פאַרזוך דעם טעם פון אייער גערעכטיקייט. און איך בין נישט דער איינציקער. אויך די פיר ציוניסטישע טוער, פאַר וועמען כ'האָב אינטערווענירט, זענען אומשולדיק. זיי זענען טרייע פּאַטריאָטן פון זייער פאָלק. צוויי פון זיי זענען מיטגלידער פון מיין באַוועגונג, דאָס הייסט, לינקע סאָציאַליסטן. לויט מיין מיינונג, איז באַרעכטיקט אַן אינטערווענץ לטובת אַרעסטירטע אומעטום, ווו די גערעכטיקייט ווערט געטראָפן — אויך אין די לענדער פון סאָציאַליזם.

— ווי איר זענט געוויינט, פאַרדרייט איר ווידער דעם מהות פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. אויב ביי אונדז ווערט עמעץ אַרעסטירט, איז אַ סימן, אַז דער מענטש איז אַ פאַרברעכער און אַ פיינד פון אונדזער רעזשים. עס איז נאָך נישט געשען, אַז עס זאָל ווער ביי אונדז אַרעסטירט ווערן לויט אַ טעות אָדער נישט בצדק.

איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז מיר איז באַוווסט אַ פאַל, אַז אַ פאָלקס־דעמאָקראַטיש לאַנד האָט אַרעסטירט עטלעכע ישראל־בירגער און זיי באַפרייט אין אַ קורצער צייט אַרום, אין רעזולטאַט פון מיין אינטערווענץ. דאָס הייסט, ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די מענטשן זענען פאַרהאַלטן געוואָרן בטעות, נישט בצדק.

אויפן פאַרלאַנג פון אויספאָרשער, דערציייל איך וואָס ס'האָט גע־מאַכט אין רומעניע.

אָנהייב 1949 זענען אין רומעניע אַרעסטירט געוואָרן זיבן שליחים פון ישראל, וואָס זענען דאָרט געווען טעטיק צווישן די דערציערישע, ציוניסטיש־חלוצישע באַוועגונגען. די שליחים האָבן אין ישראל געהערט צו פאַרשידענע אַרבעטער־פּאַרטייען. צוויי אָדער דריי פון זיי זענען געווען מיטגלידער אין די קיבוצים פון קיבוץ אַרצי. זיי זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אין די טעג, ווען ס'איז לויט דעם באַשלוס פון די מאַכט־אָרגאַנען, אָפּגעשטעלט געוואָרן די ציוניסטישע טעטיקייט. איך בין דאַן געווען אין פּאַריז און געאַרבעט אין דער אָנפירונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. לויט דער אָנווייזונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון מפ"ם און דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער הסתדרות, בין איך אַרויסגעפאָרן קיין בוקאַרעשט. די דאָזיקע נסיעה האָב איך אויך פאַרבונדן מיט דער שליחות פון דער לייטונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס צום „יידישן דעמאָקראַטישן קאָמיטעט" — די אָפּיציעלע, יידישע רעפּרעזענטאַנץ אין רומעניע. פאַר מיין אַרויספאָר קיין בוקאַרעשט, האָב איך זיך געטראָפן מיט לואי סאַיאַן, סעקרעטאַר פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אַזוי ווי די זיבן פאַרהאַלטענע זענען געווען מיטגלידער פון דער ישראלדיקער הסתדרות, האָט ער מיר צוגעזאָגט צו אינטערווענירן פאַר זייערטוועגן דורך דער פאַרמיטלונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין רומעניע.

אין בוקאַרעשט האָב איך אָפּגעהאַלטן געשפּרעכן מיט דער אָנפירונג פון יידישן דעמאָקראַטישן קאָמיטעט (בערקו פעלדמאַן און אַנדערע) און דער עיקר מיט זש. אַפּאָסטאָל — וועמען כ'האָב געקענט פון צוזאַמענקונפטן פון דער וועלט־פעדעראַציע — פאָרזיצער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין רומעניע, מיטגליד פון פּאַרלאַמענט־פּרעזידיום און מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי (קאָמוניסטישע) אין רומעניע. איך האָב מיט אים באַרירט אַלגעמיינע פראַגן. נאָר אַ באַזונדער אָרט האָב איך אָפּגעגעבן דער פאָדערונג צו באַפרייען די זיבן שליחים פון ישראל.

מען האָט מיר בכלל נישט געזאָגט, אַז מיין אינטערווענץ איז אַ פיינדלעכע האַנדלונג כלפּי דעם רעזשים. אדרבא, מען האָט מיר פאַרשפּראָכן צו טאָן אַלץ וואָס מעגלעך, כדי אויפקלערן די מיספאַרשטענדעניש און באַפרייען די אַרעסטירטע. דער עיקר בין איך באַאיינדרוקט געוואָרן פון דער אויפריכטיקייט פון ח' אַפּאָסטאָלס צוזאָגן.

אין צוויי וואָכן אַרום בערך האָב איך באַקומען אַ דירעקטע ידיעה פון בוקאַרעשט — און מיט אייניקע טעג שפּעטער אויך פון לואי סאַיאַן — אַז די זיבן ישראל־בירגער זענען באַפרייט געוואָרן און זיי קערן זיך אום קיין ישראל.

דער אויספאָרשער באַמערקט: „אונדז איז באַוווּסט, אַז נאָכן באַפרייען די זיבן ישראלים, איז אַנטדעקט געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך טאַקע פאַרנומען מיט סאַבאָטאַזש און שפּיאָנאַזש־טעטיקייט און אַז מען באַדויערט וואָס זיי זענען באַפרייט געוואָרן, אָן אַ גענוגנדיקער אויספאָרשונג. דעריבער זענט איר עס שולדיק אין דעם וואָס די זיבן פאַרברעכער זענען באַפרייט געוואָרן פון תפיסה".

— איך גלייב נישט אין דעם. איך האָב זיך געטראָפן מיטן חבר אַפּאָסטאָל אויף דער בערלינער קאָנפערענץ אין נאָוועמבער 1951. ער האָט נישט נאָר נישט געזאָגט דאָס וואָס כ'האָב איצט געהערט פון אייך, נאָר ער האָט באַוויליקט צו פאַרצייכענען ביי זיך אַ נייעם פאַל פון אַרעסטירן אונדזערע טוער אין רומעניע און צוגעזאָגט מיט דעם זיך צו פאַראינטערעסירן.

— אַלנפאַלס — דאָ איז טשעכאָסלאָוואַקיע און נישט רומעניע. אייער אַריינמישונג לטובת די פיר ציוניסטישע פאַרברעכער אין יאָר 1951 קוואַליפיצירט זיך ביי אונדז ווי אַ פאַרברעכערישע טאַט קעגן רעזשים. פאַר אייער טובה וועגן איז געוווּנטשן, איר זאָלט זיך דערין מודה זיין.

— איך בין זיך נישט מודה אין דעם. מיין אינטערווענץ איז נישט קיין פאַרברעך. זי איז געקומען, כדי פאַרמיידן אַ פאַרברעכן.

איך כאַפּ אַריין די קאַזיאָנע פאָרציע זידלערייען און קער זיך אום אין קאַמער. איך נעם אָן, אַז ס'איז אַרויס אַ שטרענגער פאַרבאָט צו באַנוצן זיך מיט די פּויסטן בעת די אויספאָרשונגען.

אייניקע זאַכן האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון פּונעם באַזוך איז בוקאַרעשט אָנהייב 1949. איך בין דאָרט אַהינגעקומען אין דער תקופה פון אַדורכפירן די גזירה קעגן דער ציוניסטישער טעטיקייט און אויפלייזן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אויך די הסתדרות האָט באַשטימט אירס אַ דעלעגאַציע, וואָס האָט באַדאַרפט אַרויספאָרן קיין רומעניע אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַרעסטירן די ישראלדיקע שליחים. די דעלעגאַציע האָט אָבער נישט באַקומען די אַריינפאָר־וויזעס קיין רומעניע. איך בין געקומען קיין בוקאַרעשט מיט אַ וויזע, וואָס כ'האָב דערהאַלטן דורך דער רעקאָמענ־

דאַציע פון זש. אַפּאָסטאָל, פּאָרזיצער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין רומעניע. אויפן פּלי־פעלד האָט מיך אָפּגעוואַרט דער סעקרעטאַר פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט מיט אירס אַ מאַשין. אין אייניקע טעג אַרום האָבן זיי מיר אַנטפּלעקט אין דער געזאַנדשאַפט, אַז זיי האָבן געהאַט אַ פאַרדאַכט, טאָמער וועל איך אַרעסטירט ווערן ביים אָנקומען קיין בוקאַרעשט. יענע טעג זענען געווען אָנגעפּראָפּט מיט אַנטי־ציוניסטישער העצע. אַ וואָך פריער זענען געהאַט אַרעסטירט געוואָרן די ישראלדיקע שליחים. אויפן פּלי־פעלד האָב איך זיך אויך געטראָפן מיטן חבר אַפּאָסטאָל. ער האָט מיר געמאָלדן, אַז כ׳וועל זיין דער גאַסט פון דער אָנפירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. עס זענען מיר צוגעטיילט געוואָרן צוויי באַגלייטער פון די פּראָפ.־פאַריינען, איינע פון זיי — אַ פרוי, ביידע יידן, יעווסעקן. צומאָרגנס נאָך מיין אָנקומען, האָט דער אָפיציאָז פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָפּגעדרוקט אַ גרויסן, אַנטי־ציוניסטישן אַרטיקל, פול מיט גיפטיקער שנאה און באַליידיקנדיקע באַשמוצונגען קעגן די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען און באַזונדערס קעגן מפ״ם, אַלס די גרויסע אַקציעס־באַזיצערין איינעם קאַפּיטאַליסטישן טרעסט „סולל־בונה״ און אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. אויף מיין בקשה האָט די יעווסעקישע באַגלייטערין מיר פאַרגעלייענט דעם אַרטיקל אין דייטשישער איבערזעצונג (ביידע באַגלייטער האָבן געקענט דייטש). פון צייט צו צייט פלעג איך אויסברעכן אין אַן אומגעצוימט געלעכטער. דאָס האָט זייער פוגע געווען מיינע צוויי באַגלייטער. זיי האָבן מיך געפרעגט דעם מיין פון די געלעכטער־אויסברוכן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז דער אַרטיקל מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ הומאָריסטישן אַרטיקל. איך האָב זיי קלאָר געמאַכט דעם ווערט פון די צען נאַרישע פעלשונגען, מיט וועלכע עס ווימלט דער אַרטיקל — אין באַצוג צו ישראל, ציוניזם, אַרבעטער־פּאַרטייען, מפ״ם.

אַ טיפע גייסטיקע איבערלעבונג איז פאַר מיר געווען דער צוזאַמענטרעף מיט דער הויפּט־אָנפירונג פון „השומר הצעיר״. מיט אייניקע טעג פריער זענען שליחים פון דער אָנפירונג אַרויסגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ — כדי זיך מטפל זיין אין שייכות מיט דער גזירה וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן קעגן דער טעטיקייט פון דער באַוועגונג. פונדעסטוועגן האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו טרעפן אויף אַ לעצטן געשפּרעך. מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער וווינונג פון איינעם פון די אָנפירנדיקע חברים. עס איז אויך געבראַכט געוואָרן די פאָן פון דער באַוועגונג. עס האָט געהערשט אַן

אַטמאָספער פון טרויער. אין די חברימס רייד איז געווען אַ טאָן פון צוריק־געהאַלטענעם פּראָטעסט קעגן דער גזירה פון די מאַכט־אָרגאַנען. עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז אַן אַדמיניסטראַטיווע גזירה קאָן אויפלייזן אַ באַוועגונג, זי איז אָבער נישט בכוח אַרויסצורייסן פון האַרץ פון די חברים די הייליקע אידעאַלן און געדאַנקען פון דער באַוועגונג, די אידעאַלן פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, חלוצישער פּאַרווירקלעכונג און רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. אַלע האָבן אויסגעדריקט דעם גלויבן, אַז די חברים פון דער באַוועגונג וועלן — אויך אין די נייע אומשטענדן — טריי בלייבן זייערע פּרינציפּן, נישט ברעכנדיק די געזעצן פון דער מדינה און אַז פריער צי שפּעטער וועלן זיי קומען קיין ארץ־ישראל. איך האָב זיי פאַרשפּראָכן, אַז אונדזער באַוועגונג וועט נישט אויפגעבן איר אידעישן געראַנגל פאַר אָנערקענען דעם ציוניזם דורך דער וועלט פון דער רעוואָלוציע און פאַר די רעכט פון די יידן אין די סאָציאַליסטישע לענדער עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. דער צוזאַמענטרעף האָט זיך פאַרענדיקט מיטן געזאַנג פון דער „התקוה" און „אינטערנאַציאָנאַל". מען האָט מיך געבעטן זאָרגן דערפאַר, אַז די פאָן פון דער באַוועגונג זאָל ווערן איבערגעפירט קיין ישראל. צווישן די חברים פון דער הויפּט־אָנפירונג, מיט וועמען איך האָב פיל געשמועסט אין יענע טעג, האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט מאַרק אַביר *) — אַ לעבנספולער און טעטיקער יוגנטלעכער. אַן אידעלער שומרישער טיפּ. איך האָב דאַן נישט געוווּסט, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט ער אַרעסטירט ווערן און אַז אין יאָר 1951, בעת אַ צוזאַמענטרעף מיט אַפּאָסטאָלן אין בערלין, וועל איך אים דאַרפן זאָגן ביטערע ווערטער וועגן אַרעסט פון אַבירן און אַנדערע חברים, און פאָדערן זייער באַפרייונג.

אַננאַ פּאַוקער — די יידישקע און „ציוניסטקע"

אַ גאַנצע אויספאָרשונג — אייניקע שעה — ווידמעט דער אויספאָרשער מיינע ידיעות וועגן אַננאַ פּאַוקער, דעם אויסערן־מיניסטער פון רומעניע. דער אויספאָרשער זאָגט פּאַוקערט (מיט אַ „ט" צום סוף). איך

*) מאַרק אַביר איז באַפרייט געוואָרן נאָך לאַנג זיצן אין תפיסה, און געשטאָרבן זומער 1957 אין פּאַריז, אויפן וועג קיין ישראל.

קלער אים אויף, אַז זי הייסט פּאַוקער. ער האָט צו מיר אַ טענה: ווי ס׳ווערט אים קלאָר פון זיינע נאָטיצן, האָב איך שוין איניקע מאָל דערמאָנט איר נאָמען. פאַרוואָס האָב איך אויסבאַהאַלטן, אַז אַננאַ פּאַוקער איז אַ יידישקע. איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז ער האָט מיך נישט געפרעגט וועגן איר נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם; אַלס קעגנער פון דער ראַסן־טעאָריע האָב איך נישט געטראַכט, אַז מיין אויפגאַבע איז אונטערצושטרייכן דעם ראַסן־אָפּשטאַם פון מענטשן, וועגן וועלכע איך רעד; אַז לויט מיין מיינונג באַטראַכט זיך נישט אַננאַ פּאַוקער אַלס יידישקע, נאָר אַלס רומענערין. איך גיב צו, אַז דאָס נישטערן אינעם ראַסן־יחוס דערמאָנט מיר אַ פינצטערע תקופה אין דער געשיכטע פון דער לעצטער צייט.

— איר האָט דערמיט אַ ביטערן טעות. אין דער לעצטער צייט איז אונדז קלאָר געוואָרן אויך אין די סאָציאַליסטישע לענדער, אַז דער יידישער אָפּשטאַם פון פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן קלערט אויף פאַרשידענע האַרבע דערשיינונגען אין די לענדער וואָס בויען דעם סאָציאַליזם. עס איז נישט קיין צופאַל וואָס דער רוב פאַרעטער וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס צום הענגען, זענען געווען יידן. איר ווילט פאַרלייקענען, אַז אַננאַ פּאַוקער איז אַ יידישקע?

איך פאַרשטיי, אַז עפּעס האָט פּאַסירט מיט אַננאַ פּאַוקער. ווייזט אויס, אַז ס׳האָט זיך „אַרויסגעוויזן״, דאָס זי איז אַ „מערבדיקער שפּיאָן״ און אַ „שונא פון סאָציאַליזם״.

— איך לייקן נישט, אַז זי איז פון יידישן אָפּשטאַם, נאָר איך בין זיכער, אַז זי איז נישט קיין יידישקע לויטן באַוווסטזיין. מיר איז באַוווסט, אַז זי איז געווען דער לעבעדיקער גייסט און די סאַמע בולטסטע געשטאַלט פונעם רומענישן קאָמוניזם אין דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער תקופה און אַז צוליב איר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט איז זי פיל יאָרן געווען פאַרשפּאַרט אין די תפיסות אין רומעניע.

— מיר שיינט, אַז איר האָט זיך מיט איר געטראָפן און געשמועסט וועגן ציוניסטישע ענינים. דערציילט אונדז איינצלהייטן וועגן אייערע באַגע־גענישן.

איך דערצייל אים וועגן דעם צוזאַמענטרעף מיט אַננאַ פּאַוקער אין בעלגראַד, זומער 1948. זי איז דאַן געקומען צו דער קאָנפערענץ פון די דונאַי־לענדער אין שפּיץ פון דער רומענישער דעלעגאַציע.

— דאָס הייסט, איר רעאַגירונג, אויף אייערע בקשות איז געווען אַ ציוניסטישע?

— אַבסאָלוט נישט. איך האָב געבעטן, אַז מ׳זאָל נישט אויפלייזן די הכשרה־גרופּן וואָס עקזיסטירן אין רומעניע, ווו יידישע יוגנטלעכע גרייטן זיך צו אַן אַרבעטס־לעבן אין ישראל. אויך האָב איך געבעטן, אַז די עליה פון יידן קיין ישראל זאָל באַנייט ווערן. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט זיך פאַרצייכנט מיינע אַרגומענטן און די צוויי פראַגן וועט זי באַטראַכטן מיט אַ פּאָזיטיווער טענדענץ. דער דאָזיקער ענטפער איז נאָך נישט קיין ציוניסטישער. ווי באַוווּסט, האָט דער ראַטנפאַרבאַנד געשטיצט דאָס אויפשטעלן אַ יידישע מדינה, די צענטראַלע פאָדערונג פון ציוניזם. האָט דען דער ראַטנפאַרבאַנד, מיט דער דאָזיקער איינשטעלונג אָנגענומען די ציוניסטישע פּרינציפּן? טשעכאָסלאָוואַקיע און די איבעריקע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס האָבן אין יענער תקופה דערלויבט די עליה פון יידן קיין ישראל, כמעט אָן באַגרענעצונגען. טשעכאָסלאָוואַקיע האָט אונדז דעמאָלט געליפערט געווער. האָבן די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס דערמיט אָנגענומען די פּרינציפּן פון ציוניזם? דער ענטפער פון אַננאַ פּאַוקער איז געווען אַ פיל מער צוריקגעהאַלטענער. פאַקטיש זענען דערנאָך אויפגעלייזט געוואָרן די הכשרה־פּונקטן און די עליה פון רומענישע יידן איז באַנייט געוואָרן בלויז אין אַ באַגרענעצטן פאַרנעם. אַננאַ פּאַוקער איז געווען אַנטי־ציוניסטיש פאַר אונדזער טרעפן זיך און אויך נאָכדעם.

— איר באַהאַלט אויס דעם אמת. די אמתע געשטאַלט פון אַננאַ פּאַוקער איז אין דער לעצטער צייט דעמאַסקירט געוואָרן אין רומעניע. וואָלט איר געווען אַ לינקער סאָציאַליסט, אַזויווי איר דערקלערט זיך, וואָלט איר צוגעגעבן וויכטיקע פאַקטן וועגן איר ציוניסטישן פאַראַט. זענט איר גרייט צו באַווייזן, דאָס איר זענט אַ לינקער סאָציאַליסט, וואָס איז אויסן די טובה פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס? זענט איר גרייט אונטערצושרייבן אַ פּראָטאָקאָל וועגן דעם ציוניסטיש־פאַרעטערישן צוגאַנג פון אַננאַ פּאַוקער?

— ניין. איך בין נישט מער גרייט צו חתמענען אונטער פאַלשע פּראָטאָקאָלן. איך חזר איבער מיין פאָדערונג צוגיפצושטעלן אַ פּראָטאָקאָל, וואָס זאָל בטל מאַכן די גילטיקייט פון יענע פאַלשע פּראָטאָקאָלן, וועלכע כ׳בין געצווינגען געוואָרן אונטערצושרייבן פריער. איך בין אַ ישראלדיקער,

לינקער סאָציאַליסט. מיין סאָציאַליזם נייטיקט זיך נישט אין אייער באַ־שטעטיקונג.

— מיר האָבן נאָך נישט געענדיקט מיט דעם ענין. מיר וועלן זיך צו דעם נאָך אומקערן.

פון צייט צו צייט קערט זיך אום דער אויספאָרשער צום „ציוניזם" פון אַננאַ פּאַוקער. ווייזט אויס, אַז די עלטסטע איבער אים באַפעלן אים דריקן אויף מיר און אויספרעסן פאַלשע אַנטפּלעקונגען וועגן דער „פאַרע־טערין" אַננאַ פּאַוקער. מנהסתמא ווילן זיי די דאָזיקע פּראָטאָקאָלן שיקן אַלס מתנה זייערע פּאַד־קאָלעגן אין רומעניע.

צום סוף לאָזט מיך אָפּ דער אויספאָרשער מיט ליידיקע הענט.

אַלזאָ, אויך אַננאַ פּאַוקער איז דערקלערט געוואָרן אַלס פאַרעטערין. דערוואַרט אויך זי אַ מאָנסטער־פּראָצעס? דער אופן ווי אַזוי כ'בין געפאָרשט געוואָרן וועגן אַננאַ פּאַוקער, זאָגט עדות וועגן אַנטיסעמיטישע שטימונגען אין די הערשנדיקע קרייזן פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. ווען דער אויס־פאָרשער האָט גענישטערט אין דער פראַגע פון אַ. פּאַוקערס יידישקייט, האָב איך זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון האַרבן געפיל, אַז איך ווער געפאָרשט דורך אַ נאַציסט מיט אַ ראַסיסטישער מענטאַליטעט. איך בין דערשיטערט געוואָרן הערנדיק פון מיין אויספאָרשער, אַז דער יידישער אָפּשטאַם פון פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן אין די סאָציאַליסטישע לענדער קלערט אויף פאַרשידענע האַרבע דערשיינונגען אין לענדער וואָס בויען דעם סאָציאַליזם. אוודאי, נאָר אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטן קאָנען דערגיין צו אַזעלכע נאַרישע ראַסיסטישע מסקנות. דאָס איז אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיטיזם. אַננאַ פּאַוקער איז אַ יידישקע און אין איר יידישקייט שטעקט דער שליסל צו איר „פאַראַט" אין סאָציאַליזם. סלאַנסקי איז געוואָרן אַ פאַרעטער, אַ שפּיאָן, אַ שעדיקער אין רעזשים — צוליב יידישקייט. דאָס איז, ווייזט אויס, די אויפקלערונג וואָס ווערט געגעבן די פאָלקס־מאַסן וועגן שורש פון „פאַראַט" פון די יידן, וואָס זענען דערגאַנגען צו די שליסל־פּאָזיציעס אין די לענדער פון סאָציאַליזם. דאָס איז אַ כפול־שמונהדיקער שווינדל. דער דאָזיקער שווינדל ווערט דערלאַנגט די פאָלקס־מאַסן אין אַן אַנטיסעמיטישער הילע. דאָס איז נישט נאָר אַן אַנטיסעמיטישע אויפקלערונג, נאָר אויך העצע צו אַנטיסעמיטיזם. אַ העצע קעגן די יידישע קיבוצים אין די לענדער פון סאָציאַליזם. אַן אַנטיסעמיטישע העצע קעגן יידישן פאָלק.

די אַנטיסעמיטישע דערקלערונגען פונעם אויספּאַרשער זענען נישט קיין פּראָדוקט פון זיין מוח אַליין. ער דינט בלויז אַלס שופר פאַר דער ווערסיע פון די מלוכהשע אָרגאַנען וואָס ער באַדינט זיי. ער איז אַ רינג אין דער קייט. ער דריקט אויס דעם אַנטיסעמיטישן קורס, וועלכער האָט, ווייזט אויס, באַהערשט אין דער לעצטער צייט דעם פּאָליטישן שטאַב פון זיין לאַנד, און נישט נאָר פון זיין לאַנד.

עס איז דעריבער מעגלעך אַנטיסעמיטיזם אין רעזשימען וואָס שטרעבן צום סאָציאַליזם. און נישט נאָר אַנטיסעמיטיזם אינערהאַלב באַשטימטע שיכטן פון פאָלק, וואָס דער נייער רעזשים האָט זיי נאָך נישט באַוויזן אויסצוּוואָרצלען, נאָר אַנטיסעמיטיזם אַלס געווער אין די הענט פון דער אָנפירונג פונעם רעזשים. דאָס איז אַלזאָ דער פאַן, אָדער אַ וויכטיקער עלעמענט אויפן פאָן, וואָס דערקלערט דעם סלאַנסקי־פּראָצעס. און נישט נאָר דעם סלאַנסקי־פּראָצעס. די אויספּאַרשונג אין דעם ענין אַנגאַ פּאַוקער באַווייזט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויך פאַרכאַפּט די אָנפירונג פונעם רומענישן קאָמוניזם. מיט אייניקע חדשים צוריק בין איך געפּאַרשט געוואָרן אין דער פראַגע פון עפּעס אַ „יידיש־נאַציאָנאַליסטישער אונטערערד" אין ראַטנפאַרבאַנד. אויב איך שטויס זיך ריכטיק אָן — ווערט געוואָרפן אַ ניי ליכט אויף די האַרבע געשעענישן אין ראַטנפאַרבאַנד אין יאָר 1948, וועמענס אָפּקלאַנגען עס זענען צו אונדז דערגאַנגען: דאָס אויפלייזן דעם „יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט" און דאָס פאַרשווינדן פון די אָנגעזעענסטע יידישע קולטור־טוער אין פסס"ר. איך דערמאָן זיך די קאָמפּאַניע קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם איבערן גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד, פון וועלכן ס'האָט זיך געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיטישער ריח. און עס איז נאַטירלעך די זאַך, וואָס ס'ווערט דערמאָנט טראָצקיס טענה, אַז אין די צוואַנציקער יאָרן, אין דער פּאָלעמיק מיט אים, האָט די „סטאַליניסטישע ביוראָקראַטיע" זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון באַנוצן זיך מיטן אַנטיסעמיטישן געווער.

סאָציאַליזם וואָס מיאוסט זיך נישט מיט אַנטיסעמיטיזם? ניין. עפּעס איז פויל אין דעם דאַזיקן קעניגרייך.

* * *

די פּראָוואָקאַטאָרישע אויפגאַבע פון מיין שכן אין קאַמער אַנטפּלעקט זיך וואָס אַמאָל מערער. ער פאַרשטייט נישט צו שפּילן זיין ראָל ווי

ס׳באַדאַרף צו זיין. טעג און נעכט לאָזט ער מיך הערן זיינע סאַמע מליצה־דיקע דעקלאַראַציעס וועגן אויפריכטיקער פריינדשאַפט. ער באַמיט זיך זייער צו געווינען מיין צוטרוי, איינברעכן מיין פאַרזיכטיקן באַגיין זיך מיט אים. יעדער סיגאַרעט וואָס ער פאַרייכערט פאַר זיך — טיילט ער גלייך־אויף־גלייך מיט מיר. אין אַ סיגאַרעט זענען פאַראַן פערצן צי. ער ריזיקירט כלומרשט און לאָזט מיר איבער זיבן צי. מיר טוישן זיך ביים פאַרציען דעם סיגאַרעט. אַז ער באַקומט פעקלעך „גוטע זאַכן״ פון דער היים, לייגט ער מיר פאַר עפּעס פון יעדער זאַך, גלייך כ׳וואָלט געווען אַ שותף צום פּעקל. און גלייכצייטיק וואַרפט ער מיר אָפּטמאָל פאַר, אַז איך גיב אים נישט צוריק קיין פריינדשאַפט קעגן פריינדשאַפט, צוטרוי קעגן צוטרוי. פאַרוואָס דערצייל איך אים נישט די סודות פון מיין טעטיקייט קעגן רעזשים פון טשעכאָסלאָוואַקיע. איך דערקלער אים, אַז כ׳האָב נישט וואָס צו דערציילן וועגן געהיימער טעטיקייט. איך האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט אַזאַ טעטיקייט. איך בין נישט קיין שונא פון רעזשים, פאַרקערט. ער האַלט זיך ביים זייניקן: איך האָב נישט צו אים קיין צוטרוי; איך באַהאַלט אויס נישט נאָר פאַר די אויספאָרשער, נאָר אויך פאַר אים — וואָס ער איז מיין טרייסטער פריינד — דעם אמת וועגן זיך און מיינע אויפגאַבן אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

ער פּרובירט אויס אַן אַנדער מיטל — גלייך ער וואָלט פאַר מיר אויפגעעפנט זיין האַרץ: אין זיין אַרבעט אַלס אינזשעניער אין די גרובנס, האָט ער געמאַכט דעם אַנשטעל פון אַ סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם און פאַרטרויונגס־מאַן פון נייעם רעזשים. אָבער מיר קאָן ער אויסזאָגן דעם אמת. ער ווייסט, אַז ער מעג זיך אויף מיר פאַרלאָזן. אינדעראמתן איז ער אַ געשוווירענער שונא פון סאָציאַליזם. ער איז טאַקע נישט טעטיק קעגן רעזשים, נאָר ער איז קעגן אים מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים. ער האָסט די קאָמוניסטן צום טויט. ער האָסט זיי ווי „אַ נעסט פון אָסעס אין געזעס״. ער דערקלערט מיר, אַז דאָס גלייכווערטל איז אָנגענומען אין זיין געבורט־ראַיאָן אין מאַראַוויע. אַ לאַנגע צייט באַשמוצט ער און זידלט דעם סאָציאַליזם, די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די קאָמוניסטישע מנהיגים אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין ראַטנפאַרבאַנד. אַז ער פאַרענדיקט פאַרבעט ער מיך אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג איבער די אַלע פראַגן. איך טו אים, אַלזאָ, צוליב און זאָג אים וואָס אין מיין האַרץ: איך גרענעץ זיך אָפּ פון אַלע זיינע אָפּשאַצונגען און שטעל אַוועק קעגן דעם מיין פּאָזיטיווע

פֿאַרבינדונג צו די סאָציאַליסטישע לענדער און זייער אויפֿטו — ביי אַ צוריקגעהאַלטענער קריטיק אין פֿאַרשידענע געביטן.

ער איז זייער אַנטוישט. ער האָט נישט דערגרייכט וואָס ער האָט באַגערט: הערן פֿון מיר אַ פֿיינדלעכע דעקלאַראַציע קעגן די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיעס און סאָציאַליזם.

ער פֿאַרענדיקט דאָס געשפּרעך: „אָן שום ספק, זענט איר אין דער מיינונג מיט מיר, נאָר איר האָט מורא דאָס צו זאָגן. ביז איצט האָט איר נאָך אַלץ נישט צו מיר דעם פֿולן צוטרוי, ווי איך צו אייך”.

ווייסט מיין שכן, אַז איך פֿאַרדעכטיק אים? אַז איך האָב אויף אים אַ חשד, אַז ער איז געשיקט געוואָרן אין מיין קאַמער אַלס פּראָוואָקאַטאָר? איך ווייס נישט. אַלנפֿאַלס, פֿון איצט אָן וועט ער שוין דאָס וויסן. נישט איך האָב אים דאָס געגעבן אָנצוגעהערן, נאָר ער אַליין האָט אָן פֿאַר־באַהאַלט, אַליין אַנטדעקט דעם סוד:

— הערט זיך איין, פֿריינד אורן — אַזוי איז ער זיך נוהג צו מיר צו ווענדן בעת איך רוף אים ביים בלויזן נאָמען — איר האָט אַ מעגלעכקייט צו העלפֿן מיר און מיין משפּחה (ער האָט אַ פֿרוי מיט צוויי קינדער) דורך עפּעס, וואָס וועט נישט פֿאָדערן קיין ספּעציעלן אָנשטרענג. איר זענט אַ פֿאַרשטענדיקער מענטש. איר וועט זיכער אַליין פֿאַרשטיין צו וואָס איך ציל. טרעפֿט מיינע כוונות.

איך פֿאַרשטיי אויסגעצייכנט וואָס ער איז אויסן. נאָר איך וויל, אַז ער גופֿא זאָל מיר אויפֿדעקן דעם סוד. איך מאַך דעם אָנשטעל פֿון אַן איבעראַשטן און פֿרעג:

— איך קאָן העלפֿן אייך און אייער משפּחה ווען איך זיץ נאָך אין תּפֿיסה? אָדער נאָכדעם ווי איך וועל זוכה זיין צוריקצוקומען אַהיים?

— ניין, נאָך זיצנדיק דאָ, אין תּפֿיסה — ענטפֿערט ער.

— איך פֿאַרשטיי נישט מיט וואָס כ׳קאָן אייך העלפֿן. איר זענט זיך אוודאי זייער טועה. איך בין דאָ הילפֿלאָז. איך קאָן זיך אַליין נישט העלפֿן. וויאַזוי וועל איך אייך העלפֿן? — איך שפּיל נאָך אַלץ די ראָל פֿון אַ תּם: אפֿשר ווילט איר נאָך דער באַפֿרייונג עמיגרירן צוזאַמען מיט דער משפּחה קיין ישׂראל און איר ווילט כ׳זאָל פֿונדאַנען שרייבן קיין ישׂראל, מען זאָל אייך צוטיילן אַריינפֿאָר־וויזעס? מיינט איר אַזאַ סאָרט הילף?

— ניין. איך האָב נישט בדעה צו עמיגרירן פון טשעכאָסלאָוואַקיע. איר קאָנט מיר העלפן באַפרייען זיך פון תפיסה. פאַרשטייט איר אַצינד וואָס איך מיין?

איך מאַך נאָך אַלץ אַן איבערראַשט פּנים. איך פאַרשטיי נאָך כלומרשט נישט.

— איר באַגרייפט היינט שווער, גוטער ברודער. איך וועל אייך זאָגן מיט וואָס איר קאָנט מיר בייהילפיק זיין. איר זענט אַ פרעמדער בירגער. נאָך אַ ביסל און איר וועט אודאי געשטעלט ווערן פאַרן געריכט. אַ וואָסערע עס זאָלן נישט זיין די פאַרברעכנס, וועט איר באַקומען אַ לייכטע שטראָף. זיכער וועלן זיי זיך באַנוגענען מיט אַ קורצן תפיסה־אורטייל, וואָס וועט זיך אויסגלייכן מיט דער צייט פון ביזאיצטיקן אַרעסט. איר וועט דעריבער גיין אַהיים. זיי וועלן נישט וועלן אַ דיפּלאָמאַטישן קאָנפליקט אין רעזולטאַט פון אַ האַרבן פּסק־דין קעגן אייך. דעריבער איז מיין בקשה: אַנטפּלעקט מיר דעם אמת וועגן אייערע פאַרברעכנס, וואָס איר האָט נאָך נישט אויסגעזאָגט די אויספאָרשער אָדער אַזעלכע, וואָס איר האָט בדעה פון זיי זיך אָפּצוזאָגן אויפן פּראָצעס. אויב מיר געלונגט ברענגען מיינע אויספאָרשער אַזאַ דערגרייכונג, לאָזט מען מיך פריי. אייך וועט דאָס נישט גורם זיין קיין שום שאָדן, איך וויס דאָס אויף זיכער. אָט דאָס מיין איך.

אַלזאָ, דער פּראָוואָקאַטאָר אַליין האָט אויפגעדעקט דעם סוד פון דער אויף אים אַרויפגעלייגטער שליחות. מיין פאַרדאַכט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ זיכערקייט. אים איז צוגעזאָגט געוואָרן באַפרייט צו ווערן פון תפיסה, אויב אים געלונגט פון מיר אַרויסצופרעסן און ברענגען די יוצר־משרתים „אינדערהייך" נייע אַנטפּלעקונגען פון מיין פאַרברעכערישער טעטיקייט, אָדער אַ ידיעה, אַז די אַלע „פאַרברעכנס" אונטער וועלכע כ'האָב געחתמעט, זענען טאַקע ממשותדיקע פאַרברעכנס, אַפילו ווען איך גרענעץ זיך פון זיי איצט אָפּ אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן.

— פונוואַנען זענט איר זיכער, אַז מ'וועט אייך באַפרייען, אויב איר דערגרייכט דאָס, אין וואָס זיי „אינדערהייך" נייטיקן זיך? איר שטויסט זיך אין דעם אָן, אָדער האָט מען אייך דאָס בפירוש פאַרשפּראָכן?

ער פאַרלירט זיך עטוואָס און הייבט אָן שטאַמלען: ר'איז זיכער מען וועט אים באַפרייען. ער האָט נישט גערעדט מיט קיינעם וועגן דעם. ער איז זיכער, אַז אינגיכן וועט פאָרקומען מיין פּראָצעס. ער אַליין פאַרשטייט.

אַז מען וועט מיר געבן אַ לייכטע שטראָף. נאָר ער האָט נישט גערעדט מיט קיינעם וועגן דעם.

מיר איז קלאָר, אַז ער זאָגט ליגן. איך בין זיכער, אַז מיין אויספאָרשער רעדט מיט אים וועגן דעם יעדן טאָג.

איך עצה אים נישט צו גלייבן קיין שווינדלער. צו מיין גרויס באַדויערן, קאָן איך אים נישט העלפן צוליב אַ פשוטער סיבה: איך האָב נישט מיט זיך די סחורה אין וועלכער ער נייטיקט זיך. איך האָב זיך נישט פאַרנומען מיט קיין שום טעטיקייט קעגן רעזשים. די פאַרברעכנס צו וועלכע מען האָט מיך געצוווּנגען מודה זיין, זענען אויסגעטראַכטע. אַלץ איז שקר וכזב. און דאָס וועל איך אויפדעקן אויפן פּראָצעס. איך בין נישט גרייט מוותר צו זיין פון אויפדעקן דעם אמת, כדי אים צו העלפן.

מיין שכן איז אין פאַרלעגנהייט. איצט איז אים קלאָר, אַז ר׳איז אַדורכגעפאַלן, אַז איך ווייס זיין סוד. איצט איז אים שווער צו שפּילן די ראָל פון מיין סאַמע בעסטן פריינד. אונדזערע באַציונגען ווערן צוריקגעהאַלטענע, אַנגעלאָדן מיט פאַרבאָרגענער שפּאַנונג.

איך דאַרף זיין פאָרזיכטיק. איך פאַרשטיי, אַז מיין פּראָצעס איז נאָענט. ווייזט אויס, אַז מיין שכן שטייט אונטער אַ כסדר פאַרשטאַרקטן דרוק פון מיין אויספאָרשער, אַרויסצושלעפּן פון מיר עפּעס זייער וויכטיקס. ער וועט אָבער נישט באַקומען פון מיר קיין שום זאַך. נאָר וואָס איך פאַרדעכטיק איצט יאָ — אַז דער פּראָוואָקאַטאָר קאָן צונויפשטעלן אַ ווידוי, וועלכע ער האָט כאילו געהערט פון מיר אין די באַציונגען פון צוטרוי און פריינדשאַפט און די געפעלשטע סחורה פאַרקויפן די אויספאָרשער. איך דאַרף זיין געוואָרנט.

כ׳בין אַ שפּיאָן פון... פראַנקאָ

דער אויספאָרשער האַלט אין האַנט אַ קליין נאָטיץ־ביכעלע. ער ווייזט עס מיר און פרעגט צי ס׳איז מיינס. איך באַשטעטיק אַז יאָ. אַ טאַשן־ביכעלע ווו איך פלעג זיך פאַרצייכענען ענינים צו דערליידיקן, דאַטעס פון צוזאַמענטרעפן, זיצונגען, געשפּרעכן.

ער פרעגט מיך צי כ׳קען מענטשן פון שפּאַניע. מיין ענטפער: ניין

— זענט איר ווען געווען אין שפּאַניע?

— אין שפּאַניע בין איך געווען אייניקע טעג, אין יאָר 1940.

דער אויספאָרשער פּאָדערט כ׳זאָל אים דערציילן גענוי נאָכוואָס כ׳בין געפאָרן קיין שפּאַניע, וויאַזוי בין איך דאָרט אַהינגעקומען, וואָס האָב איך דאָרט געטאָן אדג״ל.

אָנהייב 1940 בין איך דורך די אינסטאַנצן פון אונדזער באַוועגונג געשיקט געוואָרן קיין זשענעוו, שווייץ, כדי פון דאָרט אָנהאַלטן פאַרבינדונגען מיט אונדזער באַוועגונג, אין די מלחמה־טעג, און באַזונדערס מיט אונדזער באַוועגונג אין די לענדער וואָס אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע. צוזאַמען מיט אַנדערע שליחים פון לאַנד, האָבן מיר דאָרט אויפגעשטעלט אַן אייראָפּעישע אָפּטיילונג פון דער וועלט־צענטראַלע „החלוץ״. אין האַרבסט דעמזעלבן יאָר האָב איך זיך אומגעקערט קיין ארץ־ישראל. נאָכדעם ווי איטאַליע איז אין צווישנצייט צוגעשטאַנען צום קריג, איז מיר נישט דערלויבט געוואָרן צוריקצופאָרן אויפן געוויינלעכן וועג — דורכן מיטללענדישן ים. ס׳איז איבערגעבליבן איין מעגלעכקייט — אַהיימפאָרן אַרום אַפריקע. פון זשענעווע בין איך מיט אַן אויטאָבוס אַרויסגעפאָרן קיין באַרצעלאָנאַ, פון דאָרט מיט דער באַן קיין מאַדריד. פון מאַדריד בין איך געפאָרן מיט דער באַן קיין ליסאַבאָן, ווו כ׳בין געווען געצוווּנגען צו וואַרטן דריי וואָכן אויף אַ פּאָרטוגאַלישער שיף, וואָס איז געשווימען קיין מאָזאַמביק — אַ פּאָרטוגאַלישע קאָלאָניע אויפן דרום־מזרחדיקן ברעג פון אַפריקע. די רייזע אויפן ים האָט זיך געצויגן אַ חודש צייט. אייניקע וואָכן האָב איך געמוזט וואַרטן אין לאָרענצאָ־מאַראַקעש אויף מיין ריי אין אַ בריטישן הידראָפּלאַן, וואָס איז געפלויגן אויף דער ליניע לאָנדאָן—סינגאַפּור. נאָך אַ פּלי פון פינף טעג, דורכפליענדיק די גאַנצע לענג פון אַפריקע, האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ים כנרת. די רייזע פון זשענעוו ביז ארץ־ישראל האָט זיך געצויגן פיר חדשים און בעת דער נסיעה האָב איך זיך איין טאָג פאַרהאַלטן אין באַרצעלאָנאַ און צוויי טעג אין מאַדריד. כ׳האָב זיך פאַרנומען מיטן איינאָרדענען מיין נסיעה און ביי דער געלעגנהייט געוואָלט אָנקוקן די דאָזיקע שטעט. איך האָב זיך נישט פאַרנומען מיט קיין שום פּאָליטישער טעטיקייט. איך האָב זיך נישט געטראָפן מיט קיין שום פּערזענלעכקייט אָדער אינסטאַנצן.

איך דערצייל דעם אויספאָרשער וועגן דער דאָזיקער רייזע דורך שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

— אונדז איז באַוווּסט, אַז איר האָט דאַן אָנגעקניפּט באַציונגען מיט פּראַנקאָס שפּיאָנאַזש־דינסט. באַווייזן אויף דעם געפינען זיך אויך אין אייער נאָטיץ־ביכעלע, וואָס איר האָט באַשטעטיקט אַז ס'איז אייערס. וועגן דעם וועלן מיר רעדן ווען ס'וועט קומען די צייט. אויסער דעם, וויאַזוי וועט איר דערקלערן דעם פאַקט פון באַקומען אַן אַריינפאָר־וויזע אין פאַשיסטישן שפּאַניע? איר טענהט דאָך, אַז איר זענט אַ סאָציאַליסט און אַפילו אַ לינקער סאָציאַליסט. ווי מיר איז באַוווּסט, באַקומען אַריינפאָר־וויזעס קיין שפּאַניע נאָר אָנהענגער פון פראַנקאָס רעזשים. אויך פראַנקאָס שפּיאָנען. וויאַזוי האָט איר באַקומען די אַריינפאָר־דערלויבעניש קיין שפּאַניע?

— פּונקט ווי כ'האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש לטובת ענגלאַנד און ישראל, אַזוי בין איך נישט קיינמאָל געווען אַ שפּיאָן פון פראַנקאָן. איך פאַרשטיי, איר ווילט פון מיר „מאַכן" פראַנקאָס אַ שפּיאָן. די דורכפאָר־וויזעס איבער שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָט מיר איינגעאָרדנט אַ שווייצאַרישע טוריסטן־ביוראָ, אין וועמענס אויטאָבוס איך בין געפאָרן ביז באַרצעלאָנאַ. דאָס איז געווען אין האַרבסט 1940 — נאָך דער מפּלה פון פראַנקרייך. עס איז דאַן געווען אַ גרויסע פּליטים־באַוועגונג פון מערב־אייראָפּע קיין שפּאַניע, פּאָרטוגאַל און די דרום־אַמעריקאַנער לענדער. די שווייצאַרישע טוריסטן־געזעלשאַפטן האָבן זיך דעמאָלט פאַרנומען מיטן איבערפירן פּליטים קיין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. די דאָזיקע לענדער האָבן אַן שוועריקייטן געגעבן טראַנזיט־ און אַריינפאָר־וויזעס. די טוריסטן־ביוראָ וואָס האָט איינגעאָרדנט מיין נסיעה האָט זיך לגמרי נישט אינטערעסירט צו וויסן מיין וועלט־אַנשויונג.

— הייסט עס, איר לייקנט, אַז איר האָט אויסגענוצט אייער זיין אין מאַדריד אויף צו פאַרבינדן זיך מיטן שפּיאָנאַזש־דינסט פון פאַשיסטישן שפּאַניע?

— נישט נאָר וואָס איך לייקן עס, איך טראַכט, אַז דאָס איז אַ קאָמישע אַנטפּלעקונג.

— באַלד וועט איר זען, אַז די זאַך איז גאָרנישט אַזוי קאָמיש. אין דעם דאָזיקן נאָטיץ־ביכל אייערן איז פאַרשריבן וועגן אַ באַגעגעניש מיט עמעצן פון פראַנקאָס שפּיאָנאַזש־דינסט. דאָס איז געווען אין ווין, איידער

איר זענט דורך אונדז פּאַרהאַלטן געוואָרן. — ער בלעטערט אין ביכעלע און רופט אָן די דאַטע: דעצעמבער 1951.

— יאָ, כ׳בין טאַקע דעמאָלט געווען ביי צען טעג אין ווין. כ׳בין פּאַרבעטן געוואָרן אויף אייניקע זיצונגען פון די אינסטאַנצן פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. — אויפן פאַרלאַנג פון אויספאַרשער רעכן איך אויס אַלע מענטשן, מיט וועמען כ׳האָב זיך געטראָפן בעת מיין זיין אין ווין.

— בכוונה לאָזט איר אויס איין מענטש, געגנויער — איין פרוי. אַ שפּאַנישן שפּיאָן. — ער הייסט מיר אומצאָליקע מאָל איבערחזרן די ליסטע פון מענטשן מיט וועלכע כ׳האָב זיך געטראָפן אין ווין, נאָר יעדעס מאָל פעלט אין איר דאָסזעלבע. נישטאָ די שפּאַנישע שפּיאָנין.

דער אויספאָרשיר הייבט זיך אָן זידלען. איך רעג זיך אויף: כ׳בין נישט קיין צויבער־קינסטלער וואָס איז אימשטאַנד אויסצושאָקלען פון אַרבל אַ שפּאַנישן שפּיאָן.

דער אויספאָרשער חזרט איבער עקשנותדיק: — אין אייער טאַשך־ביכעלע זענען פאַרצייכנט די באַגעגענישן מיט דער שפּאַנישער שפּיאָנין. איך שיס אויס אין אַ געלעכטער און באַמערק:

— איך האָב זיך נישט געטראָפן מיט קיין שום שפּיאָן אָדער שפּיאָנין נישט פון שפּאַניע, נישט פון ענגלאַנד, נישט פון פראַנקרייך. וואָלט איך זיך געווען געטראָפן מיט שפּיאָנען, וואָלט איך אָן שום ספק געווען פאָרזיכטיק נישט צו פאַרשרייבן אין נאָטיץ־ביכעלע אַזעלכע באַגעגענישן. ביטע, ווייזט מיר ווו ס׳איז אין ביכעלע פאַרשריבן וועגן מיינע באַגעגענישן מיט דער שפּאַנישער שפּיאָנין.

דער אויספאָרשער זאָגט זיך אָפּ צו דערלאַנגען מיר דאָס ביכעלע. — איך וועל אייך גאָרנישט ווייזן. איר ווייסט וועגן די דאָזיקע צוזאַמענ־טרעפן, נישט זעענדיק דאָס אין אייער ביכעלע.

איך בין זיכער, אַז דאָס איז סתם אַ נידערטרעכטיקער בלבול: — ביז איר וועט מיר נישט ווייזן, אַז דאָס איז פאַרשריבן אין ביכעלע, גלייב איך נישט, אַז דאָרט איז עפּעס פאַרצייכנט. — אַלע מיינע בקשות צו ווייזן דאָס ביכעלע, ווערן אָפּגעוואָרפן.

— אורן, דערציילט וועגן אייער געשפּרעך מיט דער שפּאַנישער שפּיאָנין, וועלכע דירעקטיוון האָט איר דורך איר פאַרמיטלונג באַקומען פונעם שפּיאָנאַזש־דינסט אין מאַדריד. וועלכע ידיעות האָט איר אים איבער־

געגעבן. מאַכט נישט דעם אָנשטעל. לויט אייער נאָטיק־ביכל, האָט איר זיך מיט איר געטראָפן אייניקע מאָל. נאָך יעדער באַגעגעניש האָט איר דאָס פאַרצייכנטע אין ביכעלע איבערגעשטראָכן מיט אַ רויטן בלייער. דערציילט מיר איינצלהייטן. קיין שום אַרויסדרייען זיך וועט נישט העלפן.

— כ׳האָב נישט וואָס צו דערציילן. איך האָב אין מיין לעבן זיך נישט געטראָפן מיט קיין שפּיאָנען. כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש. אין מיין ביכעלע איז קיין שום זאַך נישט פאַרצייכנט וועגן שפּיאָנאַזש־ענינים. אויב ס׳איז עפּעס פון דעם פאַרשריבן אין מיין ביכעלע — האָט עס עמעצער געטאָן. ווייזט מיר דאָס ביכעלע און איך וועל אייך דאָס אויפווייזן.

אונטער אַ האָגל ווולגאַרע זידלערייען און דראָונגען מיטן קאַרצער ווער איך צוריקגעפירט אין קאַמער.

אַ גאַנצע וואָך גייט אָן די אויספאָרשונג אין דער פראַגע פון די אויסגעטראַכטע באַגעגענישן מיט דער שפּאַנישער שפּיאָנין. דער אויספאָר־שער זאָגט אָפּ צו ווייזן מיר דאָס נאָטיק־ביכעלע, ווו עס זענען „פאַרצייכנט" מיינע באַגעגענישן מיט דער שפּיאָנין.

די גאַנצע פרייע צייט שטרענג איך אָן מיין מוח צו רעקאָנסטרואירן אין געדאַנק יעדן טריט און שפּאַן וואָס כ׳האָב געמאַכט אין ווין. איך ווייס, אַז כ׳האָב זיך נישט געטראָפן מיט קיין שום שפּיאָן אָדער שפּיאָנין. פאַר־וואָס האָט זיך דער אויספאָרשער פאַרעקשנט נישט צו ווייזן מיר דאָס ביכעלע? דאָס איז, ווייזט אויס, אַ גראָבער אויסרייד. ער האָט מיר נישט וואָס צו ווייזן.

אויף איינער פון די אויספאָרשונגען זאָגט מיר דער אויספאָרשער, אַז ער וועט מיר העלפן זיך דערמאָנען די באַגעגענישן מיט דער שפּאַנישער שפּיאָנין. ער דערמאָנט מיך דעם נאָמען אירן. זי הייסט מאַדיטאַ. ער זאָגט זיך אָבער אָפּ מיר צו ווייזן דאָס ביכעלע. בייטאָג און אינמיטן נאַכט, בעת די אויספאָרשונגען און בעת די מאָלצייטן, טראַכט איך נאָר וועגן איין זאַך: מאַדיטאַ. איך האָב זיך נישט געטראָפן מיט קיין שום מאַדיטאַ, מיט קיין שום שפּיאָן, מיט קיין שום שפּיאָנין. איך נישטער אין מיין זכרון און באַמי זיך צו דערמאָנען יעדן ענין מיט וועלכן כ׳האָב זיך מטפל געווען בעת מיין היילן אין ווין. זיכער איז עפּעס פאַרצייכנט אין מיין ביכעלע וואָס האָט גורם געווען צו אַזאַ מיספאַרשטענדעניש. יעדע זאַך וואָס כ׳האָב באַדאַרפט

דערליידיקן, אָנשרייבן, קויפן — פלעג איך פאַרצייכענען אין ביכעלע. אַלץ, פאַרשטייט זיך, האָב איך פאַרשריבן אין העברעיש. קאָן זיין, אַז עפּעס פונעם פאַרשריבענעם איז פאַלש איבערגעזעצט געוואָרן און געגעבן אַן אָרט פאַר אַ פאַנטאַסטישער באַשולדיקונג וועגן מיטאַרבעט מיט אַ שפּיאָנין פון פראַנקאָ. איך זוך און נישטער אין זכרון. איך קוק איבער און גיי אַדורך איבער אַלע טעג פון מיין זיין אין ווין, מיט וועמען כ׳האָב געשמועסט, וואָס איך האָב געשריבן, מיט וועמען כ׳האָב גערעדט טעלעפאָניש, וואָס איך האָב געזען אין טעאַטער, קינאָ, וואָס כ׳האָב געקויפט. איך שטויס זיך נישט אָן אויף קיין שום זאַך וואָס זאָל קאָנען אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ באַגעגעניש מיט אַ שפּאַנישער שפּיאָנין וואָס הייסט מאַדיטאָ. איך בין נאָענט צו פאַר־צווייפלונג. איך הייב אָן פונדאָסניי מיינע פאָרשונגען.

דער אויספאָרשער שלעפּט מיך אויף אויספאָרשונגען בייטאָג און ביינאַכט. ער איז נישט גרייט נאָכצולאָזן. כ׳זאָל אים דערציילן וועגן מיין צוזאַמענאַרבעט מיט פראַנקאָס שפּיאָנאַזש־דינסט. איך זאָג אים, אַז כ׳בין זיכער, אַז דאָ איז געשען אַ באַדויערלעך מיספאַרשטענדעניש. ווען ער וויזט מיר דאָס ביכעלע — וואָלט זיך דער ענין איינס־צוויי אויפגעקלערט. דער אויספאָרשער זאָגט זיך אָבער אָפּ צו וויזן וואָס ס׳איז פאַרצייכנט אין ביכעלע. ער וויל מיר אפילו נישט זאָגן, אויב דאָס איז פאַרשריבן אין עברית צי אין אַן אַנדערער שפּראַך.

צום הונדערטסטן מאָל רעקאָנסטרואיר איך אין מיין זכרון אַלץ וואָס כ׳האָב געטאָן אין ווין. און אָט ליג איך אויפן געלעגער נאָך אַ לאַנגדויערנ־דיקער אויספאָרשונג, אַנטפּלעקט זיך מיר בליץ־אַרטיק דער סוד פון דער מיסטעריע. איך האָב געוואָלט קויפן מיין פרוי אַ שיינעם צינדער, כדי כ׳זאָל עס נישט פאַרגעסן, האָב איך עס צוו. אַנד. פאַרצייכנט אין ביכעלע מיט איין וואָרט: מציתה. איך האָב עס נישט באַוויזן איינצוקויפן דעם ערשטן טאָג, און וויזט אויס, אויך נישט דעם צווייטן. די דערליידיקטע ענינים פלעג איך אויסשטרייכן מיט אַ רויטן בלייער. און דאָס וואָס כ׳האָב נישט דערליידיקט — פלעג איך אויך איבערשרייבן מיטן רויטן בלייער און איבערפירן אויפן אַנדערן בלעטל פונעם צווייטן טאָג און איינשליסן אין די ענינים מיט וועלכע כ׳האָב זיך באַדאַרפט פאַרנעמען. צום סוף האָב איך געקויפט דעם „מציתה". ער איז ביי מיר קאָנפיסקירט געוואָרן, ווי אַלע זאַכן בעתן אַרעסט.

איך ווייס נישט ווער עס האָט דעם אויספאָרשער איבערזעצט מײַנע גאָטיצן פון העברעיש אויף טשעכיש. קאָן זײַן, אַז דאָס איז געווען אַ גלח, אָדער עמעץ אַנדערש וואָס איז נישט בקי אין מאָדערן העבר־עיש און ווייסט נישט דעם באַדייט פון „מציתה״. אויסערדעם האָט ער פאַרביטן די „צ״ אויף אַ „ד״ (צוליב זייער ענלעכקייט אין דער שריפט). אַזוי האָט „מציתה״ זיך פאַרוואַנדלט אין מדיתה (מאַדיטאַ). און אינעם שפּיאָנאַזש־פּסיכאָז וואָס האָט באַהערשט די טשעכאָסלאָוואַקישע זיכערהייט־פּאָליציי, איז „מציתה״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּאַנישער שפּיאָנין מיטן נאָמען מאַדיטאַ. און מיך, דעם ישראלדיקן און בריטישן „שפּיאָן״, האָבן זיי געוואָלט פאַרוואַנדלען אויך אין אַ שפּיאָן „אין דינסט פון פראַנקאָ״.

אַז כ׳האָב אַנטדעקט דעם סוד פון דער מיסטעריע וואָס האָט באַ־לעסטיקט מײַן רו אַ גאַנצע וואָך — האָב איך אינמיטן נאַכט אויסגעבראָכן אין אַ מעכטיקן געלעכטער.

דער אויספאָרשער קערט זיך אום צום ענין פון מײַן באַגעגעניש מיט מאַדיטאַ. און ווידער ברעך איך אויס אין אַ געלעכטער און קלער אים אויף, אַז אין מײַן ביכעלע איז איינציקע מאָל פאַרצייכנט, אַז כ׳דאַרף קויפן אַ צינדער (מציתה) פאַר סיגאַרעטן. און זיכער געפינט ער זיך צווישן די קאָנפיסקירטע זאַכן. אָבער נישטאָ קיין שום זכר פון אַ שפּאַנישער שפּיאָנין מיטן נאָמען מאַדיטאַ. איך לייג אים פאָר רופן אַ מער באַגלויבטן איבער־זעצער, וואָס איז בקי אין מאָדערנעם העברעיש.

דער אויספאָרשער נעמט אויף מײַנע רייד מיט אומצוטרוי און דערבײַ איז ער אויך אַ ביסל צעטומלט. ער זאָגט, אַז מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דעם דאָזיקן ענין. וואָרום אויך אָן דעם „איז זיי באַוווסט״, אַז כ׳האָב זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש לטובת דעם פאַשיסט פראַנקאָ.

אַ ישראלדיקער מיניסטער, אַן עסטרייכישער שפּיאָן און איך

איך ראַנגל זיך נאָך מיטן שפּיאָנאַזש־בלבול לטובת פראַנקאָ און אַ נײַע פּלאָג לאָזט זיך אַראָפּ אויף מײַן קאָפּ. אויך דאָסמאָל האָט קעגן מיר עדות געזאָגט מײַן נאָטיץ־ביכעלע. דער אויספאָרשער פאַרלאַנגט, כ׳זאָל אים

דערציילן וועגן מיינע פאַרבינדונגען מיטן עסטרייכישן שפּיאָנאַזש־דינסט. אין ביכעלע איז פאַרשריבן, אַז כ׳האָב זיך געטראָפן מיט אַ פאָרשטייער פון עסטרייכישן שפּיאָנאַזש־דינסט. איך גיי אַרויס פון די כלים און פון צייט צו צייט קאָן איך נישט אונטערדריקן אין זיך בייסיקע באַמערקונגען אָדער פראַגן: — איז דאָרט נישט פאַרשריבן, אַז כ׳בין אויך אַ יאַפּאַנישער, אינדיי־שער צי פיליפּינער שפּיאָן? איך בין געווען אַ שפּיאָן פון אַלע לענדער אין דער וועלט. — פאַרשטייט זיך, אַז איך כאַפּ אַריין אַ געדיכטע פּאַרציע זידלערייען:

— אין אייער ביכעלע איז פאַרשריבן, אַז איר האָט זיך באַגעגנט מיט אַן עסטרייכישן אָפיציר. דאָרט איז אויך פאַרשריבן זיין נאָמען, ראַנג און אפילו די שעה ווען איר האָט זיך געטראָפן. אונדז איז באַוווּסט, אַז ער איז אַן אָפיציר אין עסטרייכישן שפּיאָנאַזש־דינסט. דערציילט אונדז וועגן וואָס איר האָט גערעדט.

— אין ווין האָב איך זיך נישט געטראָפן מיט קיין שום אָפיציר.

— קענט איר אַ מענטש וואָס הייסט בורג?

— איך קען דעם ד״ר בורג פון ישראל.

— ווער איז ער און וואָס איז זיין אַמט?

— ער איז פון די מנהיגים פון די רעליגיעזע אַרבעטער. בעת מיין אַרעסט איז ער געווען געזונטהייט־מיניסטער אין דער ישראל־רעגירונג.

— לויטן פאַרשריבענעם אין אייער ביכעלע האָט ער זיך באַטייליקט אינעם געשפּרעך מיטן אָפיציר פון עסטרייכישן שפּיאָנאַזש־דינסט אין ווין.

— איך האָב זיך נישט געטראָפן מיט קיין שום עסטרייכישן אָפיציר אין ווין און דעם ד״ר בורג האָב איך נישט געזען אין ווין. דאָס לעצטע מאָל האָב איך מיט אים גערעדט זומער 1951 אין ירושלים, בעתן ציוניסטישן קאָנגרעס.

— פאַרדרייט מיר נישט דעם קאָפּ און באַמיט זיך נישט מיך צו באַשווינדלען. אין אייער נאָטיץ־ביכל איז דאָס פאַרשריבן. דאָרט ווערט דערמאָנט דער נאָמען בורג און אויך דער נאָמען פון עסטרייכישן אָפיציר. דערציילט אונדז איינצלהייטן און שעדיקט נישט דעם גאַנג פון דער אויס־פאָרשונג.

— איך בעט מיר ווייזן דאָס בלעטל אינעם נאָטיץ־ביכעלע, וווּ עס איז עפּעס פאַרשריבן וועגן אַזאַ צוזאַמענטרעף. זיכער דרינגט דאָס אַרויס פון אַ פעלערהאַפטער איבערזעצונג פונעם העברעישן אָריגינאַל.

ער זאָגט זיך אָפּ צו ווייזן וואָס איז פאַרשריבן אין ביכעלע. ער באַ־מערקט נאָר, אַז די נעמען פון בורג און פון עסטרייכישן אָפיציר זענען געשריבן אין דייטש.

— באַמיט זיך צו דערמאָנען. איך וועל אייך העלפן. דער נאָמען פון אָפיציר — קאָפּערניק. זיין ראַנג — הויפּטמאַן. מיט אים און ד״ר בורג האָט איר זיך געטראָפן אַ געוויסן טאָג, אַזייגער 8 אָוונט.

— איך חזר איבער און שטעל פעסט, אַז איך האָב נישט געהאַט אַזאַ באַגעגעניש. איך האָב זיך נישט פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש אין קיין שום אָרט. נישט אין עסטרייך און נישט לטובת עסטרייך. דער נאָמען קאָפּערניק איז מיר טאַקע באַקאַנט, אָבער דאָס איז נישט קיין עסטרייכישער שפּיאָנאַזש־אָפיציר, נאָר אַ גרויסער אַסטראָנאָם, וואָס האָט געלעבט מיט 500 יאָר צוריק.

דאָס ציט זיך אייניקע טעג. ווידער שטרענג איך אָן מיין מוח, כדי צו רעקאָנסטרואירן אין זכרון אַלע מיינע באַגעגענישן און טעטיקייטן אין ווין. דער אויספאָרשער דריקט און דריקט. דאַסמאָל איז עס נישט קיין מיספאַר־שטענדעניש וואָס דרינגט אַרויס פון אַ פעלערהאַפטער איבערזעצונג. וואָס קאָן דאָס זיין? ד״ר בורג אין ווין? איך האָב אים בכלל נישט געזען אין ווין. אַן עסטרייכישער אָפיציר קאָפּערניק? וואָס קומט דאָ פאָר?

צום סוף האָב איך אויך דאָ אַנטדעקט דעם סוד פונעם גרייז. צווישן די פאָרשטעלונגען וואָס כ׳האָב געזען אין ווין, איז אויך געווען די פּאָפּולערע קאָמעדיע „DER HAUPTMANN VON KOEPENIK" („דער הויפּטמאַן פאָן קעפּעניק"). די פאָרשטעלונג האָב איך געזען אין „בורג־טעאַטער" (אַזוי הייסט דאָס טעאַטער), ווייזט אויס, אַז אין מיין נאָטיץ־ביכעלע האָב איך קורץ פאַרשריבן: אַזייגער 20 — BURG — HAUPTM. KOEPENIK

אַזוי פּאַסירט עס מיט מענטשן, וואָס עס האָט זיי באַהערשט דער דיבוק: „אַלע זענען שפּיאָנען"... אַ ווינער טעאַטער פאַרוואַנדלען זיי אין אַ ישראלדיקן מיניסטער, וואָס האָט זיך צוזאמען מיט מיר באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש. דעם העלד פון אַ פריילעכער קאָמעדיע פאַרוואַנדלען זיי אין אַן עסטרייכישן שפּיאָנאַזש־אָפיציר. און אַ מענטש וואָס באַזוכט אומשולדיק דאָס טעאַטער — איז נישט אַנדערש ווי אַ שפּיאָן.

דער אויספאָרשער איילט זיך נישט אָנצונעמען מיין אויפקלערונג. ער זעט דערין אַ פּרווו פון אָפּנאַרן. פון מאָל צו מאָל קערט ער זיך אום צו דער דאָזיקער טעמע. און אפילו צום ענין פון דער שפּאַנישער שפּיאָנין מאַדיטאַ.

די אויספאָרשונג ענדיקט זיך

דער אויספאָרשער מאַכט זיינע בעסטע אָנשטרענגונגען מיך אָפּצו־האַלטן פון אַנטדעקן דעם אמת אויפן פּראָצעס. ער ווענדט אָן אַ שפּע דראָונגען. זייער אינהאַלט איז איינער: דער איינציקער וועג צו ראַטעווען דאָס לעבן, זענען די „ווידויים", וואָס זענען אַנטהאַלטן אין מיין פּראָטאָקאָל. אויב איך גרענעץ זיך אָפּ אויפן פּראָצעס פון די דאָזיקע „ווידויים" — וועט דאָס געריכט בכלל נישט באַאיינפלוסט ווערן פון דער אָפּגרענעצונג. עס וועט דערין זען אַ סימן, אַז כ'בין פאַרבליבן אַ געשוואָרענער שונא פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, אַן אומפאַרבעסערלעכער פיינד. אַזעלכע שונאים פון דעם מין זענען נישט אַנדערש ראוי, ווי נאָר אַ טויט־אורטייל.

די אויספאָרשונגען ווערן אַלץ אָפּטערע. יעדע אויספאָרשונג איז אַן אָנשטרענג מיך איבערצוציי̈גן, אַז כ'זאָל נישט אונטעררייסן די געביידע פון די אויספאָרשונג־רעזולטאַטן. איך האַלט זיך אָפּ פון פּאָלעמיזירן. איך זאָג זיך אָפּ צו ווערן איבערצייגט. איך האַלט זיך ביי מיינס: אַלע מיינע אונטער־שריפטן אונטער די פּראָטאָקאָלן זענען בטל ומבוטל. איך פאָדער אַ באַנייטע אויספאָרשונג דורכן גענעראַל־פּראָקוראָר און צוצופּאַסן אַ נייעם פּראָטאָקאָל.

אויך דער געהילף פונעם אויספאָרשער — דער פּראָוואָקאַטאָר אין מיין מחיצה — פאַרשטאַרקט זיין דרוק. איך באַמי זיך צו רעדן מיט אים נאָר ווען עס איז נויטווענדיק, וועגן זאַכן אָן אַ באַטייט. ער צאָלט מיר צוריק מיט „עקאָנאָמישן באָיקאָט". ער האָט אויפגעהערט מיך מכבד זיין מיטן טראַדי־ציאָנעלן ציען פון זיינע סיגאַרעטן. ער האָט אויפגעהערט מיר געבן פון די „גוטע זאַכן", וואָס ער באַקומט נאָך אַלץ. איך הייב אָן צווייפלען, צי ער באַקומט זיינע פּעקלעך פון דער היים. איך נעם אָן, אַז ער באַקומט זיי פון תפיסה גופא, אויפן באַפעל פון מיין אויספאָרשער. ער מיינט, אַ סברה, אַז דער דאָזיקער חרם וועט אויך מיר משפיע זיין. פון צייט צו צייט פּרובירט ער מיט מיר רעדן. אין פאַרשידענע פאָרמען גיט ער אָנצוגעהערן, אַז מיר דאַרפן באַנייען אונדזער „פריינדשאַפט". איך מאַך אים אויפמערקזאַם, דאָס כ'האָב נישט קיין שום אינטערעס אין אַזאַ סאָרט פריינדשאַפט. איך מיש זיך נישט אין זיינע ענינים, זאָל ער זיך נישט מישן אין מיינע. אין דעם ווערטער־

אויסטויש האָט זיך פון זיין מויל ווידער עפּעס אַרויסגעכאַפּט, וואָס דעמאָס־קירט זיין ראָל ביזן סוף.

ער באַמערקט, אַז פונדעסטוועגן איז ער מיין פריינד:

— ווי אַ פריינד וואָס איז אויסן אייער טובה, עצה איך אייך, נישט אָפּצוגרענעצן זיך פון אייערע פּראַקטאָקאָלן און נישט ווידערשפּעניקן דעם אויספאָרשונג־אַפּאַראַט. איך עצה אייך אויסצושטרעקן אַ האַנט אויף הסכם און שלום.

— וועמען אויסשטרעקן אַ האַנט?

— די אויספאָרשער, דער זיכערהייט־פּאָליציי — וועגן אייער דער־שיינען אויפן פּראָצעס.

— איר האָט געזאָגט, אַז איך דאַרף אייך דערלאַנגען די האַנט. דאָס הייסט, איצט גיט איר מיר צו וויסן, אַז איר געפינט זיך אין מיין קאַמער אין שליחות פון דער פּאָליציי. איך האָב דאָס געוווּסט די גאַנצע צייט. ווייסט איר וויאַזוי מען באַצייכנט אַ מענטש, וואָס האָט אויף זיך אַזאַ שליחות?

מיין שכן איז אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. ער לייקנט אָפּ דאָס וואָס ער האָט געזאָגט. ער פילט נישט אויס קיין שום שליחות. ער איז נאָר אויסן מיין טובה און גאַנצקייט. דערפאַר רעדט ער מיך צו אַנטקעגנצוקומען די פאָדערונגען פון אויספאָרשער. איך בעט אים נאָכאַמאָל ער זאָל זיך נישט זאָרגן פאַר מיין געזונט און מער נישט ווענדן זיך צו מיר אין די דאָזיקע פראַגן.

מיין שכן פאַרלירט די הערשאַפט איבער זיינע נערוון. אַ מבול גראָבע זידלערייען גיט אַ פליץ פון זיין מויל ער גיט מיר צו וויסן, אַז ער וועט נישט שווייגן. ער האָט זיך פון מיר גענוג אָנגעהערט... וועגן מיין טעטיקייט אַלס שפּיאָן, אַלס שונא פון טשעכאָסלאָוואַקיע. ער וועט מיך נישט לאָזן אָפּ־נאַרן די פּאָליציי און דאָס געריכט. ער וועט אַלעמען דערציילן וואָס ער האָט „געהערט פון מיין מויל״. ער וועט מיך נישט לאָזן פאַרלייקענען דעם אמת. ער זידלט זיך אַלץ ווייטער.

איך רעאַגיר בלויז מיט צוויי ווערטער: „נבזהדיקער פּראָוואָקאַטאָר״.

יעדן אינדערפרי פירט מען אַדורך אַ ראַפּאָרט אין יעדער קאַמער. דער וועכטער פאַרשרייבט די פאַרלאַנגען פון די אַרעסטירטע. איך בעט פאַנאַנדערצוטיילן מיך מיט מיין שכן: מען זאָל מיך אָדער מיין שכן אַריבער־פירן אין אַן אַנדערער קאַמער.

דער אויספאָרשער הייבט אָן אַ קעגן־אָנגריף. נישט נאָר וואָס ער

זאָגט זיך אָפּ עקשנותדיק צונויפצושטעלן אַ פּראָטאָקאָל וועגן מיין אָפּזאָגן זיך פון די פריערדיקע פּראָטאָקאָלן, אונטער וועלכע כ׳האָב פאַראַיאָרן געחתמעט; ער מאַכט פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען מיך צו פאַרפּלאָנטערן אין נייע בלבולים. נאָכדעם ווי ער איז אַדורכגעפאַלן אין זיינע באַמיונגען צו מאַכן פון מיר אַ שפּיאָן אין דינסט פון פראַנקאָן און מיך שטעמפּלען אַלס שפּיאָן וואָס איז פאַרבונדן מיטן עסטרייכישן שפּיאָנאַזש־דינסט, פּרובירט ער זיינע כוחות אין אַנדערע שטחים. וויזט אויס, דאָס ער נעמט אָן, אַז אונטערן דרוק פון די אויבנדערמאָנטע אויספאָרשונגען, וועל איך משלים זיין מיט די אַלטע „ווי־דויים": איך וועל משלים זיין צו זיין אַ ישראלדיקער און בריטישער שפּיאָן.

דער אויספאָרשער שטעלט פעסט, אַז איך קען גוט אַלאַן דאַלעס, דעם שעף פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־דינסט. ער פאַרלאַנגט פון מיר איינצלהייטן וועגן מיינע פאַרבינדונגען מיט א. דאַלעס. איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש. איך האָב קיינמאָל נישט געזען אַלאַן דאַלעס. דער אויספאָרשער לאָזט מיך נישט אָפּ. אייניקע טעג שטייט אַלאַן דאַלעס אין צענטער פון דער אויספאָרשונג. דער אויספאָרשער באַמערקט: נאָכדעם ווי איר וועט מיר דערציילן וועגן אייערע פאַרבינדונגען מיט אַלאַן דאַלעס, וועל איך פון אייך פאַרלאַנגען צו דערציילן מיר אויך וועגן אייערע קאָנטאַקטן מיט די שעפן פון אַנדערע שפּיאָנאַזש־צענטערן פון מערב.

איך באַמערק דעם אויספאָרשער, אַז זיינע כוונות זענען פאַר מיר קלאָר: מיך דערפירן דערצו, אַז כ׳זאָל משלים זיין מיט די אַלטע, פאַלשע ווידויים. אָבער זיין חשבון איז אַ טעותדיקער. זאָל ער מיך פאָרשן וועגן די אויסגעטראַכטע פאַרבינדונגען מיט די שפּיאָנאַזש־דינסטן אויף אַלע פינף קאָנטינענטן וויפל נאָר זיין האַרץ גלוסט — אָבער נישט נאָר וואָס ער וועט נישט דערגרייכן פון מיר קיין שום „ווידוי", נאָר איך חזר איבער נאָכאַמאָל, אַז אַלע מיינע „ווידויים" פון פריער זענען געווען אויפגעצוווּנגענע און פאַלשע. און דאָס וועל איך מיט אַ פול מויל צוויסן געבן דעם געריכט.

דער אויספאָרשער לאָזט מיך נישט אָפּ. בעת די אויספאָרשונגען בייטאָג און ביינאַכט באַמיט ער זיך אָפּצושוואַכן מיינע כוחות. ער קערט זיך אום צו דער פראַגע, וואָס האָט מיך פאַראַיאָרן דערפירט צו דער שוועל פון משוגעת:

— דערציילט אונדז סוף־כל־סוף וועגן אייערע צוזאַמענטרעפן מיט בעקעלמאַן.

מיין רעאַגירונג אויף דער דאָזיקער פראַגע באַווייזט, אַז ס׳איז ביי מיר פאָרגעקומען אַ וועזנטלעכע ענדערונג. פאַראיאָרן וואָלט איך זיך געבעטן ביי די פאַרשידענע אויספאָרשער, אַז זיי זאָלן צונויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל וועגן „מיינע באַגעגענישן מיט בעקעלמאַנען״, אַז זיי זאָלן דאָרט אַריינשרייבן וואָס זיי ווילן, אַז כ׳וועל זיין גרייט אונטערצושרייבן דעם פּראָטאָקאָל מיט פאַר־מאַכטע אויגן. דאַן בין איך געווען נאָענט אַראָפּצוגיין פון זינען. היינט איז מיין רעאַגירונג אַן אַנדערע. מיט אַ געלעכטער ענטפער איך: — איך האָב זיך קיינמאָל נישט געטראָפן מיט מענטשן, וואָס האָבן נישט עקזיסטירט.

דער אויספאָרשער קערט זיך אום צום ענין פון הערבערט מאָריסאָן. ער באַשולדיקט מיך אין שווינדל. איך דאַרף זיך מודה זיין אין דעם וואָס כ׳האָב פאַראיאָרן אויסבאַהאַלטן: אַז הערבערט מאָריסאָן איז דער שעף פון בריטישן „אינטעליגענס סערוויס״. מיין ענטפער: — אין די פּראָטאָקאָלן וועגן מיינע געשפּרעכן און פאַרבינדונגען מיט הערבערט מאָריסאָן — איז נישטא פאַראַן קיין קערנדל פון אמת. מיר איז באַוווּסט, אַז הערבערט מאָריסאָן איז אַ פּאָליטיקער און פון די מנהיגים פון לייבאָר. אויב די טשעכאָסלאָוואַ־קישע זיכערהייט־פּאָליציי וויל צוליב עפּעס באַשטימען מאָריסאָנען אַלס דעם לייטער פון דער „אינטעלידזשענס סערוויס״ — אדרבא, זאָלן זיי דאָס טאָן. נאָר איך וועל נישט זיין קיין שותף צו דער דאָזיקער פעלשונג.

פונעם גאַנג פון די לעצטע אויספאָרשונגען איז קענטיק, אַז דער אויספאָרשער איילט זיך זייער. ער שפּרינגט פון איין ענין צום צווייטן. ער באַרירט צענדליקער פראַגן, וואָס זענען פאַרצייכנט אין אַ בויגן פּאַפּיר וואָס ליגט פאַר אים. לויטן גאַנג פון די דאָזיקע פראַגן, פאַרשטיי איך, אַז ער פירט מיט מיר אַדורך אַ גענעראַל־רעפּעטיציע פון די צענדליקער פּראָטאָקאָלן, וואָס כ׳האָב פאַראיאָרן אונטערגעשריבן. פון מיין שכל האָב איך בשעתו גע־לערנט, אַז מיטן דערנענטערן זיך פונעם פּראָצעס פון געפאַרשטן, דאַרף דער אויספאָרשער צונויפשטעלן אַ רעזומע־פּראָטאָקאָל פון אַן 8—10 זייטלעך, מיטן עיקר פון די אויספאָרשונגס־פּראָטאָקאָלן. ער האָט מיר אויפגעקלערט, אַז א קורצער פּראָטאָקאָל ווערט געחתמעט דורכן געפאַרשטן און דאָס איז די באַזע פאַרן באַשולדיקונגס־אַקט. אין געריכט ברענגט מען נישט די אָריגי־נעלע פּראָטאָקאָלן פון די אויספאָרשונגען.

איך פאַרשטיי, אַז מיין אויספאָרשער זאָנדירט דעם באָדן צי כ׳וועל זיין גרייט אונטערצושרייבן אַזאַ סאָרט רעזומע־פּראָטאָקאָל. דעם אויס־

פֿאַרשער איז באַוווּסט געוואָרן, אַז כ׳וועל נישט געבן מיין אונטערשריפט אונטער אַזאַ פּראָטאָקאָל.

צום סוף ווענדט זיך צו מיר דער אויספֿאָרשער: — אורן, איר טענהט די גאַנצע צייט, דאָס איר זענט נישט קיין מערבֿדיקער שפּיאָן. איך בין גרייט אייך געבן אַ שאַנס צו באַווייזן, אַז איר זענט נישט קיין שפּיאָן. איך גיב אייך אַן אומבאַגרענעצטע צייט צו באַווייזן מיר די אמתדיקייט פֿון אייערע טענות. פּרובירט אייערע כּוחות. רעדט!

— דאָס איז נישט מיין אויפֿגאַבע צו באַווייזן, אַז כ׳בין נישט קיין מערבֿדיקער שפּיאָן. אַגבֿ: איך טענה מערער פֿון דעם: אַז כ׳האָב בכלל זיך נישט פֿאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש, און נישט נאָר מיט שפּיאָנאַזש לטובת דעם מערבֿ. איך בין נישט קיין יוריסט, נאָר איין זאַך איז מיר באַוווּסט: איר דאַרפֿט באַווייזן, אַז איך האָב זיך באַשעפֿטיקט מיט שפּיאָנאַזש. איר האָט נישט קיין שום אָנהאַלטס־פּונקט. איר שטיצט זיך אויף די ווידויים פֿון אַ כלומרשטן באַשולדיקטן — וואָס איר ווייסט אויסגעצייכנט זייער ווערט פֿון פּאָליטישן, מאָראַלישן און יורידישן שטאַנדפּונקט. דער פֿאַקט וואָס איר האָט נישט קיין באַשולדיקונגס־יסוד, איז אַ שווערער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אייך.

— מיר וועלן נישט פּאָלעמיזירן וועגן געזעצן און פּראָצעסן. איך גיב אייך די מעגלעכקייט צו באַווייזן, אַז איר האָט זיך נישט פֿאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש קעגן אונדז.

איך חזר איבער: — עס איז אייער פֿליכט צו באַווייזן, אַז כ׳האָב זיך יאָ באַשעפֿטיקט מיט שפּיאָנאַזש. ווען אַ מענטש ווערט דערמאָרדעט — טאָרט איר נישט כאַפּן מענטשן אין גאַס און פֿון יעדן איינעם פֿאָדערן צו באַווייזן, אַז ער איז נישט דער מערדער. איר דאַרפֿט עס באַווייזן, ווער ס׳איז דער מערדער. אדרבה, איר זענט נישט בכּוח אויפֿצווייזן, אַז כ׳האָב זיך ווען פֿאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש, אָדער מיט שפּיאָנאַזש קעגן אייך, דעריבער פֿאַרקריפּלט איר אייערע געזעצן און די גאַנצע געריכטלעכע פּראָצעדור און שטיצט זיך אויף „ווידויים“, וואָס איר פּרעסט אויס פֿון אייערע קרבנות. איר וואַגט מיך באַשולדיקן, אַז איך בין אַ שפּיאָן און אַז מיין גאַנצע סאָציאַליסטישע טעטיקייט איז נישט מער ווי אַ קאַמופֿלאַזש... אויף אַזאַ אופֿן קאָנט איר באַשולדיקן יעטוועדן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסט אין דער וועלט אַז זיין סאָציאַליסטישע טעטיקייט איז נישט מער ווי אַ מאַסקירונג, און אַז אינדעראמתן איז ער אַ פֿיינד פֿון סאָציאַליזם און אַ מערבֿדיקער

שפּיאָן. אויף אַזאַ אופן קאָנט איר באַשולדיקן אין שפּיאָנאַזש די סאַמע צענ־טראַלסטע פּערזענלעכקייטן אין אייער לאַנד. און איר קאָנט פון זיי אָפּלאָכן און זאָגן אַז זיי זענען נישט בכוח אויפצווייזן, אַז זיי זענען נישט קיין מערבדיקע שפּיאָנען.

— באַליידיקט נישט קיין צענטראַלע פּערזענלעכקייטן פון אונדזער מדינה! מיר פאַרנעמען זיך מיט אייך. איר האָט, אַלזאָ, נישט באַוויזן, אַז איר זענט נישט קיין מערבדיקער שפּיאָן. אויפן פּראָצעס דערוואַרטן אייך שווערע איבעראַשונגען: צענדליקער עדות און דאָקומענטן, וואָס וועלן באַווייזן דעם אמת פון אייערע ווידויים. אויב איר וועט אָפּלייקענען אייערע ווידויים — דערוואַרט אייך אַ ביטערער סוף. איר וועט מערער נישט זען אייער משפּחה און אייער פאָטערלאַנד. אויב איר אַנולירט אייערע ווידויים — וועלן די עדות און דאָקומענטן באַווייזן אייער פאַלש פּנים. און אין אַזאַ פאַל דערוואַרט נישט קיין מידת־הרחמים.

— איך וויל נישט קיין מידת־הרחמים. מיר וועט זיין גענוג מידת־הצדק. די עדות וואָס איר וועט שטעלן קעגן מיר, וועלן אוודאי זיין פאַלשע עדות און פּראָוואָקאַטאָרן. איינעם פון זיי — אָדער מערער — האָב איך שוין קענענגעלערנט אין קאַמער. אויב איר ברענגט קעגן מיר דאָקומענטן — וועלן דאָס זיין אַזעלכע, ווו דער אמת איז ענלעך צו דעם אמת וואָס אין מיינע געפעלשטע פּראָטאָקאָלן. איך באַניי מיין פאָדערונג מיר דערלויבן אַ ישראלדיקן אַדוואָקאַט; אַז מען זאָל מיר דערלויבן ברענגען עדות פון ישראל און אַנדערע לענדער און דאָקומענטן פון ישראל פאַר מיין פאַר־טיידיקונג; אַז דער פּראָצעס זאָל צוגעאיילט ווערן.

אויגוסט. נאָך אַ לענגערן איבערייס ווער איך גערופן צו אַן אויס־פאָרשונג. דער אויספאָרשער זאָגט מיר אַן „אַ וויכטיקע בשורה, וואָס וועט אייך אָן ספק זייער דערפרייען". מיין אויספאָרשונג איז פאַרענדיקט און איך דאַרף עס באַשטעטיקן מיט מיין אונטערשריפט. איך וואַרט ער זאָל מיר דערלאַנגען אַ רעזומע־פּראָטאָקאָל צום אונטערשרייבן. ער גיט מיר אָבער אַ געדרוקטן פאָרמולאַר, ווו עס זענען פאַרשריבן די צאָל זייטלעך פון מיינע אויספאָרשונגס־פּראָטאָקאָלן. נישט מער, ווי אַ קאַנצעלאַרישער פאָרמולאַר. איך מאַך אויפמערקזאַם דעם אויספאָרשער, אַז לויט ווי ס'איז מיר באַקאַנט — פאָדערט די פּראָצעדור צונויפצושטעלן אַ רעזומע־פּראָטאָקאָל און אַן אויספאָרשונג דורכן גענעראַל־פּראָקוראָר זעלבסט. דער אויספאָרשער־

שרייט אויף מיר, אַז איך זאָל אים נישט לערנען אַ פּרשה פּראָצעדור. מיין אונטערשריפט אויפן פאָרמולאַר איז נישט מער ווי אַ פאָרמעלער ענין. איז געריכט וועל איך קאָנען — אויב כ׳וועל טאַקע באַשליסן צו טאָן די דאָזיקע נאַרישקייט — זיך אָפּזאָגן פון די פּראָטאָקאָלן. איך זאָג זיך אָפּ אונטערצו־שרייבן. ער מעלדעט מיר, אַז ביזוואַנען איך וועל נישט אונטערשרייבן דעם דאָזיקן פאָרמולאַר, וועט מען מיך נישט קאָנען ברענגען פאַרן געריכט. איך וועל דאָ פוילן יאָרן־לאַנג. זיי האָבן צייט. אויב כ׳וועל אונטערשרייבן, וועט מיין פּראָצעס קאָנען פאָרקומען אין דער סאַמע נאָענטער צייט.

איך וויל נישט מען זאָל אָפּלייגן מיין פּראָצעס. איך וויל בעסער אַ שנעלע דורכפירונג פון די געריכט־פאַרהאַנדלונגען. הגם איך שאַץ אָפּ, אַז דער שקר־פּראָצעס וואָס דערוואַרט מיך, וועט אין בעסטן פאַל מיך פאַר־משפּטן אויף לאַנגדויערנדיקער תּפיסה. איך וויל בעסער דעם פּראָצעס, איידער דאָס פייניקנדיקע לעבן פון איזאָלאַציע און אָפּגעריסנקייט אין דער דאָזיקער תּפיסה. נאָכן פּראָצעס וועל איך איבערגעפירט ווערן אין אַן אַנדערער תּפיסה און קאָן זיין אין אַן אַרבעטס־לאַגער. כ׳וועל זיך געפינען אין אַ גרויסער געזעלשאַפט פון אַרעסטאַנטן. כ׳וועל נישט זיין אָפּגעריסן פון דער וועלט. כ׳וועל פירן אַן אַרבעטס־לעבן. כ׳וועל קאָנען לייענען. מען וועט מיר אוודאי דערלויבן אָפּטער צו שרייבן און כ׳וועל קאָנען באַקומען בריוו פון דער היים. אפשר וועט מען דערלויבן מיין פרוי אָדער אַ פאַר־שטייער פון דער געזאַנדשאַפט מיך צו באַזוכן פון צייט צו צייט.

אינעם פאָרמולאַר געפין איך איין רובריק: „באַמערקונגען”. איך גיב צו וויסן דעם אויספאָרשער, אַז כ׳וועל זיין גרייט אונטערצושרייבן, אויב אין דער רובריק „באַמערקונגען” וועט מיר געגעבן ווערן די מעגלעכקייט אַריינצושרייבן, אַז איך אַפּעליר קעגן מיינע אויספאָרשונגס־פּראָטאָקאָלן. ער זאָגט זיך אָפּ אנטקעגנצוקומען מיין פאַרלאַנג. נאָך אַ לענגערן ווערטער־אויסטויש, דערלויבט ער מיר צו פאַרצייכענען, אַז איך אַפּעליר קעגן אייניקע מאָמענטן וואָס אין די פּראָטאָקאָלן. פאַרן גענעראַל־פּראָקוראָר — אויב מען וועט מיך פאַר אים ברענגען ערב דעם פּראָצעס — אָדער פאַרן געריכט גופא — וועל איך אָן באַגרענעצונגען קאָנען זאָגן דעם גאַנצן אמת וועגן דעם ווערט פון די אויספאָרשונגס־פּראָטאָקאָלן. דאָס וועט מיר אוודאי אַ סך נישט העלפן. ווייל דאָס געריכט אַליין וועט וויסן דעם ווערט פון די דאָזיקע פּראָטאָקאָלן.

דער עיקר איז איצט: נישט געבן זיי קיין אויסרייד אָפּצולייגן מיין פּראָצעס. אים צואיילן — און זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין. נאָר נישט בלייבן דאָ. דאָ דערוואַרט מיך אַ לעבן פון צעפוילטקייט. אַ לעבן פון דעגענעראַציע.

נאָכן אונטערחתמענען בעט איך אַ דערלויבעניש צו שרייבן אהיים אַ בריוו. איך מוז אַריינגנבענען אַ רמז — אַן אומפאַרשטענדלעכן פאַר דער צענזור — אַז כ׳בין אומשולדיק. נאָר וויאַזוי מאַכט מען דאָס? איך וועל זיך באַנוצן מיטן פאַרטל פון אַ גרוס דער משפּחה פון מיין פרוי. דער אויספאָרשער דערלויבט מיר דאָסמאָל צושרייבן אַ גרוס דער מוטער פון מיין פרוי, אירע ברידער און שוועסטער. די לעצטע וועל איך אָנרופן ביי די נעמען: אַני, חפמי, עוון.*) דער בריוו וועט זיין געשריבן אין דייטש און דער צענזאָר פאַר דייטש וועט זיך אפשר נישט כאַפּן אויפן פאַרטל. אויב יאָ, וועל איך באַקומען אַ האַרבע שטראָף. צו מיין שטוינונג, דערלויבט אויך דער אויספאָרשער צו שיקן אַ גרוס צו יערי און צו חזן (מאיר און יעקב — ווען איך גיב אָן אַלס מיינע קרובים). אַזוי אַרום וועל איך שיקן אַ גרוס דער באַוועגונג.

„טייערע רעגאַ, משה און פועה,

מיר שיינט, אַז אין 4—5 וואָכן אַרום וועט איר פייערן אונדזער ראש־השנה. איך איל זיך דעריבער אייך שיקן מיינע האַרציקסטע ברכות צום יום־טוב. איך ווינטש אייך און אַלע אונדזערע פריינד אַ גוט געזונט יאָר, פול מיט פרייד און גליק. בקיצור: אַ יאָר פרייד און גליק.

איך בין געזונט. מיט אומגעדולד וואַרט איך, רעגאַ, אויף דיין בריוו. דיין לעצטן בריוו האָב איך באַקומען מיט דריי חדשים צוריק (אין דער העלפט מאַי). איך האָף אין די נאָענטסטע טעג צו באַקומען פון דיר אַ נייעם בריוו. איך טראַכט אַ סך וועגן אייך. איך האָף, אַז איר אַלע זענט געזונט.

אין אַנדערטהאַלבן חדשים אַרום (דעם 1־טן אָקטאָבער) וועט מיין ברודער יוליוס אַלט ווערן 50 יאָר. שיק אים איבער, ביטע, אין מיין נאָמען די בעסטע ווונטשן פאַר אים, זיין פרוי און זייער זון.

איך בעט דיך, רעגאַ, שרייב מיר אָפטער. שרייב אַ סך. אין מיינע געדאַנקען בין איך מיט אייך יעדן טאָג, אין משך פון לאַנגע שעהן — מיט

---

*) איך בין אומשולדיק.

דיר, רעגאַ, מיט פועהן און מיט משהן. איך בעט אויך פון פועה זי זאָל מיר שרייבן. און איך דערוואַרט נאָך צייכענונגען פון משהן.

וואָס מאַכט דיין טייערע מוטער? וואָס הערט זיך ביי דיינע ברידער און שוועסטער? זענען זיי אַלע געזונט? גיב זיי איבער, ביטע, מיינע האַר־ציקסטע ברכות צו ראש השנה דער מאַמען ווי אויך צו אני, חפמי עוון. איך בין זיכער, אַז דו באַזוכסט אָפט ביי מאירן און יעקבן. גיב אויך זיי איבער אַ גרוס פון מיר.

איך קוש איך אַלעמען מיט ליבע און פיל בענקשאַפט

אייער מרדכי״

איך דערמאָן דעם אויספאָרשער מיינע פאָדערונגען: דערלויבן אַ ישראלדיקן אַדוואָקאַט; דערלויבן פאַרבעטן עדות און ברענגען פון ישראל דאָקומענטן צו מיין פאַרטיידיקונג; דערלויבן מיר זען אַ פאָרשטייער פון דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט אין פּראָג, אין צוזאַמענהאַנג מיט די ענינים.

דער אויספאָרשער זאָגט, אַז ער האָט מיינע ווונטשן איבערגעוויזן די וואָס שטייען איבער אים. מיט דער צייט וועלן זיי אוודאי צוּוויסן געבן וואָס מען האָט באַשלאָסן.

דער פּראָוואָקאַטאָר ווילדעוועט

איך ווער מער נישט גערופן צו קיין אויספאָרשונגען. אין די ערשטע טעג האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט. איצט דערקוטשעט מיר ווידער די לאַנגווייליקייט. ביים אונטערשרייבן דעם פאָרמולאַר וועגן פאַרענדיקן די אויספאָרשונגען, האָב איך געבעטן ביים אויספאָרשער מיר אומצוקערן די דערלויבעניש צו לייענען ביכער, צו רייכערן, צו שפּאַצירן איבערן תפיסה־הויף. ער זאָגט אָפּ, ווייל זינט דעם סלאַנסקי־פּראָצעס „שעדיק איך אינעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג״. איך בין צעריסן מיטן אויספאָרשער. ער האָט פון מיר נישט דערגרייכט קיין שום זאַך. נאָך מער: אויפן פּראָצעס וועל איך זיך אָפּגרענעצן פון דער „ווידוי״.

איצט איז שוין אָנהייב סעפּטעמבער. ווען סוף־סוף וועט פּאַרקומען מיין פּראָצעס? וועט ער בכלל פּאַרקומען? אין די לעצטע חדשים האָט דער אויספאָרשער אינדעראמתן געוואָלט דערגרייכן בלויז איין זאַך: איך זאָל זיך נישט צוריקציען פון מיין אונטערשריפט אויף די פּראָטאָקאָלן פון די אויספאָרשונגען. ער האָט נישט דערגרייכט וואָס ר׳האָט געוואָלט. נישט איינמאָל האָט ער מיר געגעבן אָנצוגעהערן, אַז מיין אויפפירונג האלט אָפּ דאָס שטעלן מיך פאַרן געריכט. וועט מען מיך סוף־סוף ברענגען פאַרן געריכט? אָדער וועט מען מיך האַלטן דאָ — אין דער גוזעלשאַפט פון פּראָוואָקאַטאָר — ביז זיי וועלן מיך „ווייכער״ מאַכן און צוגרייטן צו אַ קאַפּיטולאַנטישן דערשיינען אויפן פּראָצעס?

צווישן מיר און שכן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע רייד. ער גייט אַרום אַן אויפגעברויזטער און צאַרנדיקער. פון צייט צו צייט וואַרפט ער מיר צו אַ בליק פול מיט האַס, גלייך ער וואָלט געוואָלט זאָגן: דו, אורן, ביסט שולדיק דערין וואָס איך פייניק זיך נאָך אַלץ דאָ. וואָלסטו דערציילט דאָס פאַרבאָרגענע אין דיין פיינדלעכער טעטיקייט קעגן רעזשים, וועגן דיין שפּיאָנאַזש־אַרבעט, וואָלסטו פאַר מיר באַשטעטיקט אַז אַלע דיינע פאַרברעכנס זענען אמתדיקע — וואָלט מען מיך איינס־צוויי באַפרייט און כ׳וואָלט זיך איצט געפונען צווישן מיין משפּחה, און נישט דאָ — צווישן די תפיסה־מויערן.

אויף מיין בקשה אונדז פאַנאַנדערצוטיילן איז נישט געקומען קיין שום רעאַגירונג. דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך, ווייל מיין שכן געפינט זיך נישט דאָ צופעליק. ער איז צו מיר געשיקט געוואָרן מיט אַן אויפגאַבע און ביז איצט האָט ער זיין אויפגאַבע נישט דערפילט. דערפאַר דאַרף ער בלייבן אין מיין קאַמער.

פאַרמיטאָג. מיין שכן זיצט אויף זיין בענקל, פאַרטיפט אין זיך. איך שפּאַציר איבער דער קאַמער, פאַרזונקען אין מיינע מחשבות. פאַרבייגייענדיק אים, פיל איך זיינע בליקן פול מיט שנאה, ווי זיי עסן זיך איין אין מיין רוקן. איך שפּאַציר ווייטער.

און פּלוצים — הינטער מיין פּלייצע — דער עכאָ פון אַ שפּרונג. און שוין פיל איך ווי צוויי גרויסע שטאַרקע הענט שטיקן מיין האַלדז. מיין שכן איז מיך באַפאַלן פון הינטערוויילעכטס. איך זע נישט זיין פּרצוף. איך פיל נאָר ווי זיינע הענט שטיקן מיין האַלדז. מיט אַ הייזעריק אומנאַטירלעך־

קול שרייט ער: „איך וועל דיך דערמאָרדן", „איך וועל דיך דערשטיקן". „וועסט נישט אַרויס אַ לעבעדיקער פון מיינע הענט". ווי נישט איז געלונגט מיר אַראָפּצונעמען איינע פון זיינע הענט פון מיין האַלדז און זיך צו אים אויסדרייען. איך בין געפּלעפט זעענדיק זיין פּנים. משוגענע אויגן, וואָס האַלטן ביים אַרויסשפּרינגען פון די לעכער. פאַרענדערטע געזיכט־ליניעס. דער מענטש „איז אַרויס פון די כלים", אַ צעווילדעוועטע חיה: „איך וועל דיך דערמאָרדן", „איך וועל דיך דערשטיקן". גראָבע באַליידיקונגען. איך זע, אַז מיין לעבן איז אין געפאַר. איך בין דערשעפט. אַנטקעגן מיר — אַ געפּאַשעטער אָקס. איך ראַנגל זיך מיט אים, אָנשטרענגענדיק דאָס לעצטע ביסל כוחות. מיר געלונגט צו באַפרייען מיין האַלדז אויך פון זיין צווייטער האַנט. איך באַמי זיך צוצוקומען צו דער טיר, כדי מיט קלאַפּן אַלאַרמירן דעם וועכטער אין קאָרידאָר. ער לאָזט מיך נישט צוקומען צו דער טיר פון קאַמער. אינעם געראַנגל פיל איך, אַז דער גרויסער פינגער פון מיין לינקער האַנט איז אויסגעלענקט. איך כאַפּ אַריין קלעפּ און גיב צוריק קלעפּ. איך באַמי זיך רעדן צו זיין פאַרשטאַנד. נאָר ער שרייט: „איך וועל דיך דער־הרגענען, איך וועל דיך דערשטיקן". זיין אויסזען זאָגט מיר, אַז דאָ האָבן נישט קיין זין דיבורים. אַ צעווילדעוועטע חיה. איך מוז זיך ראַנגלען מיט איר און ראַטעווען מיין לעבן. ער מאַכט אַלע אָנשטרענגונגען, אַז זיינע הענט זאָלן ווידער גרייכן מיין האַלדז.ביידע זענען מיר באַגאָסן מיט שוויס. איך קאָן נישט צוקומען צו דער טיר. ער האַלט מיך ווי מיט אייזערנע צוואַנגען. וויאַזוי דערגרייכן די טיר און אַלאַרמירן די וועכטער? בדרך־כלל קוקן זיי אַלע עטלעכע מינוט אַריין אין קאַמער דורכן אויסקוק־פענצטערל. וואָס איז היינט געשען די וועכטער? איך ווייס נישט ווי לאַנג עס ציט זיך אונדזער געראַנגל. מיין שכן געלונגט נישט צוצוקומען צו מיין האַלדז. צום סוף, דורכן קעגנזייטיקן שלעפּן זיך, האָבן מיר זיך דערנענטערט צו דער טיר, ווי איין קנויל. מיר געלונגט צו געבן עטלעכע שטאַרקע זעץ אין טיר.

די טיר עפנט זיך און צוויי וועכטער שפּרינגען אַריין אין קאַמער. זיי צעשיידן אונדז. ביידע אָטעמען מיר שווער. איך מעלד די וועכטער, אַז מיין שכן איז מיך באַפאַלן אָן אַ שום סיבה און די גאַנצע צייט געשריגן אַז ער וועט מיך הרגענען. זיי פרעגן אים פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן, ער ענטפערט: „כ'האָב פאַרלוירן די שליטה איבער מיינע נערוון".

אויף מיין פאַרלאַנג, ברענגט איינער פון די וועכטער דעם עלטסטן פון דער וואַך. איך דערצייל דעם אָפיציר וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און

פֿאַדער מיך אָדער מיין שכן איבערפֿירן אין אַ צווייטער קאַמער. איך וויל נישט און בין נישט מחויב צו זיין אין איין מחיצה מיט אַ מענטש וואָס איז אַראָפּ פֿון זינען און וואָס לויט זיינע רייד, האָט ער בדעה מיך צו דערמאָרדן.

מיין שכן איז זיך מודה פֿאַרן אָפֿיציר, אַז ער איז מיך באַפֿאַלן און אַז ר׳האָט פֿאַרלוירן די שליטה איבער זיינע נערוון. דער אָפֿיציר שרייט אים אָן. מיין שכן פֿאַרזיכערט, אַז דאָס וועט אַ צווייט מאָל נישט געשען. דער אָפֿיציר זאָגט מיר צו צו באַטראַכטן די פֿראַגע פֿון אונדזער צעשיידונג.

ביידע זיצן מיר אויף די בענקלעך, יעדער אין זיין ווינקל. דער וועכטער קוקט אָפֿט אַריין דורכן אויסקוק־פֿענצטערל. פֿון צייט צו צייט שיק איך אַ געגנבעטן בליק צו מיין שכן. זיין פּרצוף איז אַ שרעקלעכס. די אויגן פֿון אַ מענטש וואָס איז אַראָפּ פֿון זינען. ער האָט זיך נאָך נישט באַרויקט. דוכט זיך, אַז ס׳האָט אים באַהערשט אַ פֿיבער. ער ציטערט אינגאַנצן.

נאָכוואָס, בעצם, האָט ער דאָס געטאָן? איך האַלט נישט, אַז מען האָט אים געהייסן מיך אָנפֿאַלן. נאָר אָן שום ספֿק, אַז ער געפֿינט זיך אונטער אַ כּסדר שטייגנדיקן דרוק פֿון מיין אויספֿאָרשער. ווייזט אויס, אַז עס דער־נענטערט זיך מיין פּראָצעס. אַ סבֿרה, אַז דער אויספֿאָרשער האָט אים אַוועקגעשטעלט פֿאַר דער ברירה: אַרויסשלעפּן פֿון מיר אַ דערקלערונג, וואָס זאָל צונישט מאַכן מיין אָפּזאָגן זיך פֿון מיינע אויספֿאָרשונגס־פּראָ־טאָקאָלן, אָדער פֿוילן אין תּפֿיסה. דער אומגליקלעכער פּראָוואָקאַטאָר זעט אין מיר די שטערונג פֿאַר זיין באַלדיקער באַפֿרייונג. ער דערגייט צו פֿאַר־צווייפֿלונג. ווען ער איז מיך באַפֿאַלן און אָנגעהויבן שטיקן, האָט ער עס נישט געטאָן מיט אַ קלאָרער באַטראַכטונג און באַשלוס. ער האָט דאָס געטאָן אויס משוגעת, אין בוכשטעבלעכן זין פֿון וואָרט.

מיך שרעקט די ידיעה, אַז כ׳וועל נאָך ווער ווייסט וויפֿל צייט זיך דאַרפֿן געפֿינען אין איין מחיצה, אין אַ געשלאָסענער קאַמער פֿון 3X2 מעטער מיט א צערודערטן מענטש, וואָס וויל מיך אומברענגען.

פֿאַרנאַכט. באַלד וועט זיך הערן דער קלונג צום שלאָפֿן־גיין. איך בעט זען דעם עלטסטן פֿון דער וואַך. דער וועכטער ברענגט אים. איך מעלד אים, אַז איך וויל נישט שלאָפֿן מיט מיין שכן אין איין קאַמער. ער האָט מיר טאַקע צוגעזאָגט אַז דאָס וועט זיך נישט איבערחזרן, נאָר איך פֿאַרלאָז זיך נישט אויף זיין צוזאָג. דאָס קאָן געשען ביינאַכט צום צווייטן מאָל. איך

באַני מיין פּאָדערונג מיך אַרויסצונעמען פון דער קאַמער. דער אָפיציר ענטפערט, אַז די זאַך ליגט נישט אין זיין קאָמפּעטענץ. דאָס וועט מאָרגן אויפגעקלערט ווערן אין אַנטשפּרעכנדיקן אָרט. ער ווענדט זיך ווידער צו מיין שכן מיט אַ וואָרענונג. יענער פּאַרזיכערט, אַז מער וועט עס נישט געשען.

איך מאַך דעם גרעסטן אָנשטרענג נישט איינצודרימלען. אונדזערעביידע פּריטשעס זענען פון זיך דערווייטערט אויף 20 סענטימעטער. זיין בעטל איז ביי דער זייט פון טיר. אויב ער אַטאַקירט מיך צום צווייטן מאָל — וועט ער מיר לייכט פאַרשטעלן דעם וועג צו דער טיר. איך שלאָף נישט און בין די גאַנצע צייט גרייט. אויך מיין שכן שלאָפט נישט. ער דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. ווי דער שטייגער, שלאָפן מיר ביי פולן ליכט. איך פיל, ווי ער פּאָלגט נאָך צי כ׳האָב נישט איינגעדרימלט. איך בין איבערצייגט, אַז דאָס משוגעת האָט אים נישט נאָכגעלאָזט. ער וועבט נאָך פּלענער קעגן מיר.

די נאַכט קריכט ווי אַ שילדקרעט. איך שטויס זיך אָן, אַז אין אַ צוויי־דריי שעה אַרום וועט אויפלייכטן דער באַגינען, נישט געקוקט אויף מיינע גרויסע אָנשטרענגונגען, ווער איך אויף אַ ווײַלע אַנטדרימלט.

אַ שרעקלעכער זעץ מיט אַ פויסט אין פּנים וועקט מיך אויף. אין אַ סעקונדע שטיי איך אויף די פיס. אַנטקעגן מיר שטייט אַ געשפּענסט. וואַנזיניקע, פיבערדיקע אויגן. עס שלאָגט פון זיי אַ תאווה צו מאָרד. זיינע לאַנגע הענט ציען זיך צו מיין האַלדז. מיט אַ מאָדנע, — נישט מיין קול, שריי איך: „הילף״. ער פליסטערט און שיפּעט: „איך וועל דיך דערמאָרדן״, „דאָסמאָל ענדיק איך מיט דיר״. מיר ראַנגלען זיך. איך פיל, אַז מיין לעבן געפינט זיך אין אַ האַרבער געפאַר. איך פיר אַ פאַרצווייפלטן געראַנגל איבער מיין לעבן. איך היט מיין האַלדז. ער פאַרשטעלט מיר דעם וועג צו דער טיר. מיין געשריי נאָך הילף גרייכט נישט, ווייזט אויס, די וועכטער אין קאָרידאָר. איין האַנט זיינע ליגט שוין אויף מיין האַלדז. אין מיין לינקער האַנט פיל איך אַ שטאַרקן ווייטיק און ס׳איז מיר שווער זי צו באַנוצן. איך פיל די איבערגעוויכט פון מיין שכנס פיזישן כוח. אַן איבערגעוויכט פון אַ צעוויל־דעוועטן מענטש.

ווידער צעשיידן אונדז די צוויי וועכטער וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין קאַמער, די זעלבע צוויי, וואָס האָבן אונדז נעכטן צעשיידט. איינער פון זיי בלייבט אין קאַמער און דער צווייטער איז אַוועק נאָכן עלטסטן פון דער

וואַך. אַן אַנדערער אָפיציר. ער ווייסט וואָס ס׳האָט נעכטן פּאַסירט אין קאַמער. ער ווענדט זיך צו מיין שכן, יענער ענטפערט אים, אַז ער הערשט נישט איבער זיינע נערוון. ער ווייסט נישט וואָס ס׳איז מיט אים געשען. דער אָפיציר זאָגט עפּעס איינעם פון די וועכטער. דער טראָגט זיך אָפּ און קומט צוריק נאָך אייניקע מינוטן, אין זיין האַנט — אַ צוואַנגס־העמד.

דער אָפיציר ווענדט זיך צו מיין שכן: — נאָכדעם ווי איר הערשט נישט איבער אייערע נערוון וועט איר אָנטאָן דעם דאָזיקן מאַנטל און אים טראָגן פיר טעג. לערנט זיך הערשן איבער די נערוון.

מען הייסט אים אָנטאָן זיין אַרעסטאַנטן־קליידונג, דערנאָך טוט מען אים אָן דאָס צוואַנגס־העמד, אַזוי הייסט מען אים זיך אַוועקלייגן אויפן געלעגער.

איך פאָדער מיך איבערפירן אין אַ צווייטער קאַמער. דער אָפיציר זאָגט, אַז ביינאַכט פירט מען נישט איבער פון איין קאַמער אין דער צווייטער. און בכלל, נישטאָ קיין פרייע ערטער אין אַנדערע קאַמערן. איך בעט מיך איבערפירן אין קאַרצער, אַבי נישט בלייבן מיט אַ מענטש וואָס איז אַראָפּ פון זינען. דער אָפיציר ענטפערט, אַז דעם עניין וועט מען נאָך באַטראַכטן. איצט, ווען מיין שכן איז אָנגעטאָן אין דעם צוואַנגס־העמד, וועט ער נישט קאָנען מערער מיך אָנגרייפן.

אַלזאָ, איך מוז בלייבן אין קאַמער מיט אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָס איז געפּענטעט אין אַ צוואַנגס־העמד.

ביידע שלאָפן מיר נישט. איך זע דאָס פּנים פון אַ געפּענטעט גע־שפּענסט. ער שיפּעט מיט פיינדלעכע בליקן. ער פליסטערט: „וואַרט, וואַרט, וועסט דערפאַר טייער באַצאָלן. וועסט פונדעסטוועגן נישט אַרויס אַ לעבע־דיקער פון אונטער מיינע הענט".

פיר טעג טראָגט מיין שכן דאָס צוואַנגס־העמד. נאָר איינדערפרי, פאַר זיינע באַדערפענישן, צום אָרומוואַשן זיך און צום עסן — נעמען די וועכטער פון אים אַראָפּ דאָס צוואַנגס־העמד. אייניקע מאָל ווענדעט ער זיך צו מיר און בעט אויסרעדן מיט אים עטלעכע ווערטער. אַז מיר זאָלן באַנייען אונדזער „פריינדשאַפט". ער באַדויערט וואָס ס׳איז געשען. דאָס וועט מער נישט פּאַסירן. ער בעט מיך כ׳זאָל אים פאַרויכערן דעם סיגאַרעט, בעת ער איז געפּענטעט. איך טו אים צוליב. איך באַמערק אים נאָר, אַז כ׳בייטיק זיך נישט אין דער פריינדשאַפט פון אַ פּראָוואָקאַטאָר, פון אַ געשפּענסט.

נאָך די פיר טעג נעמט מען אים אַראָפּ דאָס צוואַנגס־העמד. ער פּאַרזיכערט, אַז אויף להבא וועט ער וויסן צו הערשן איבער זיינע נערוון. אין צוויי שעה אַרום אַטאַקירט ער מיך פונדאָסניי. נאָר ווייזט אויס, אַז אין דעם מאָמענט האָט דער וועכטער אַריינגעבליקט אינעם פענצטערל. ער שפּרינגט אַריין אינעווייניק און צעטיילט אונדז. ער בלייבט אין קאַמער און שיקט זיין חבר צום עלטסטן פון דער וואַך. באַלד קומט אָן דער אָפיציר. ער באַפעלט מיין שכן צונויפנעמען די קאַלדרעס און די וואַש־כלים. דער אָפיציר גיט מיר אָנצוגעהערן, אַז איצט וועל איך האָבן רו.

איך און דער שכן טוישן זיך אויס מיט די לעצטע בליקן. זיין בליק איז פול מיט שנאה און איך קאָן אויף אים קוקן נאָר מיט רחמנות.

דער פּראָוואָקאַטאָר גייט אַוועק, איך האָב פרייער אָפּגעעטעמט.

אַ מערדער וואָס האָט בכלל נישט געמאָרדעט

איך בין ווידער אַליין, אַ וואָך, צוויי. בעתן ראַפּאָרט בעט איך ברענגען מיך פאַרן אויספאָרשער. אין עטלעכע טעג אַרום ברענגט מען מיך אין דער פּאַרש־קאַנצעלאַריע. אַנטקעגן מיר געפינט זיך אַן אויספאָרשער, וואָס כ׳האָב אים נישט געזען קיין איין מאָל. ער פרעגט וואָס איך וויל. איך רוק אַרויס אַ ריי פאַרלאַנגען. איך וויל אַן ענטפער אויף די פראַגן וואָס זענען נוגע דעם נאָענטן פּראָצעס מיינעם: אַן אַדוואָקאַט פון ישראל, איינ־לאַדן עדות פון ישראל און פון אַנדערע לענדער, ברענגען דאָקומענטן צו מיין פאַרטיידיקונג, קאָנטאַקט מיט דער ישראל־געזאַנדשאַפט אין פּראָג אין שייכות מיט די אַלע ענינים. אַזוי ווי מיין אויספאָרשונג האָט זיך שוין פאַרענדיקט, בעט איך אַ דערלויבעניש צו לייענען ביכער, צו רייכערן און שפּאַצירן אויפן תפיסה־הויף. דער אויספאָרשער ענטפערט, אַז מיינע פאַר־לאַנגען וועט ער איבערגעבן די עלטסטע איבער אים. וואָס שייך לייענען און רייכערן, איז ער זיכער, אַז דאָס וועט מיר דערלויבט ווערן אָן באַזונדערע שוועריקייטן. איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז זינט מיין אַרעסט, דאָס הייסט אַ תקופה פון 21 חדשים, בין איך געווען אויף דער פרישער לופט זייער ווייניקע מאָל — בסך־הכל אַן אַנדערטהאַלבן שעה, מאַקסימום צוויי. אַ גאַר

אוממענטשלעכע זאַך. איך פאָדער אַ באַלדיקע אויפקלערונג פון די פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן פּראָצעס. איך באַמערקט דעם אויספאָרשער, אַז שוין אייניקע חדשים זאָגט מען מיר צו איינצואָרדענען די ענינים און איך בין נישט זוכה קיין ענטפער. מען קאָן נישט נישט געבן מיר די מינימאַלסטע מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן זיך אויפן פּראָצעס. איך בעט אַ שנעלן ענטפער וועגן די אַלע פראַגן. דער אויספאָרשער ענטפערט, אַז זיין אויפגאַבע איז צו הערן מיינע פאַרלאַנגען, ער וועט זיי איבערגעבן זיין שעף.

איך באַקום אַ נייעם שכן. אַ יונגער בחור. ער איז נאָך נישט קיין 30 יאָר אַלט. אַ סלאָוואַק. אַ פּשוטער מענטש, מיט בילדונג פון אַ פאָלקס־שול. אין תפיסה איז ער געקומען פון אַן אַרבעטס־לאַגער, ווו ער קומט אָפּ זיין „שטראָף". מיט אַ יאָר צוריק איז ער פאַרמשפּט געוואָרן אויף 12 יאָר תפיסה פאַרן באַטייליקן זיך אין אַ מאָרד. ער דערציילט מיר די גאַנצע טרויעריקע פּרשה. ער האָט נישט געמאָרדעט און זיך נישט באַטייליקט אין קיין שום מאָרד־אַקט.

ער איז געווען פּאָליציאַנט אין אַ קליין שטעטל. סתם אַ פּאָליציאַנט, נישט פון דער זיכערהייט־פּאָליציי. אויף איין פאַרוויילונג איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן די מענטשן פון דער זיכערהייט־פּאָליציי. אין דעם געשלעג איז אַ שאָפער פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן. ער איז אַוועק צו דער פּאָליציי־סטאַציע. איך האָב אים פאַרבונדן די לייכטע וווּנד און אים אַוועקגעשיקט. דער פאַרוווּנדעטער איז געווען שיכור ווי לוט. צומאָרגנס האָט מען אים געפונען אין טייך, אָן סימנים פון לעבן. מיין שכן איז זיכער, אַז דער שאָפער איז געגאַנגען אויפן ברעג פון טייך און זייענדיק שיכור, איז ער אַריינגעפאַלן אין וואַסער און דערטרונקען געוואָרן. אין די קרייזן פון דער זיכערהייט־פּאָליציי האָט מען אייניקע אַגענטן באַשולדיקט אין דערהרגענען דעם שאָפער. מען האָט זיי פאַרגעוואָרפן, דאָס זיי האָבן דעם פאַרוווּנדעטן און שיכורן שאָפער אַריינגעוואָרפן אין טייך. מיין שכן איז זיכער, אַז דאָס איז אַ בלבול. און דערפאַר האָט מען זיך אויף אים אָנגעזעצט און אים געצוווּנגען עדות צו זאָגן קעגן די אויבנדערמאָנטע פּאָליציאַנטן (צווישן זיי — איין אָפיציר, פון וועלכן זיי האָבן געוואָלט פּטור ווערן), אַז זיי האָבן דעם שאָפער אַריינגעוואָרפן אין וואַסער.

און נאָך עפּעס: מען האָט אים געצוווּנגען זיך מודה צו זיין, אַז ער גופא איז דורכן אָפיציר אויפגעפאָדערט געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין דער מאַט. ער האָט נאָכגעגעבן און געטאָן דעם רצון פון די אויספאָרשער. און

אַט האָט ער „באַקומען" 12 יאָר תּפֿיסה „פֿאַר באַטייליקן זיך אין אַ מאָרד". שוין העכער אַ יאָר ווי ער געפֿינט זיך אין אַן אַרבעטס־לאַגער. מען האָט אים געבראַכט אַהער. דער גאַנצער ענין ווערט געפּאָרשט פֿונדאָסניי. ער האָפֿט, אַז דער אמת וועט דאָסמאָל ווערן אויפֿגעקלערט און אַז אינגיכן וועט ער באַפֿרייט ווערן.

אַ זייער פּשוטער מענטש. אַ גוטהאַרציקער. אַ שאָד וואָס ער איז אַזוי פּרימיטיוו. העכער אַ יאָר האָט ער זיך געפֿונען אין אַן אַרבעטס־לאַגער. דאָרט איז דערלויבט צו לייענען צייטונגען. וואָלט ער געלייענט פּרעסע, וואָלט איך פֿון אים זיך געקאָנט לערנען אַ סך נייעס. נאָר ער לייענט נישט קיין צייטונגען. און טאָמער האָט מען אים פֿאַרבאָטן צו דערציילן מיר נייעס? נאָר פֿונעם גאַנג פֿון אונדזערע געשפּרעכן באַקום איך דעם איינדרוק, אַז ער לייענט באמת נישט קיין צייטונג און בוך.

היינט האָט מען מיר דערלויבט צו רייכערן און לייענען ביכער. ווייזט אויס, אַז שפּאַצירן אין הויף האָט מען מיר נישט דערלויבט. אויך האָט מען מיר גאָרנישט געזאָגט וועגן די ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צום פּראָצעס.

מיין שכן ווערט זייער אינטענסיוו געפֿאָרשט. אַ גאַנצן טאָג כמעט איז ער נישטאָ אין קאַמער. מיין געמיט־צושטאַנד פֿאַרבעסערט זיך זייער. דער עיקר, אַדאַנק דעם לייענען און רייכערן. מיין שכן דערציילט מיר וועגן גאַנג פֿון דער אויספֿאָרשונג. זי איז אַן אָנשטענדיקע. זיי פֿאַרצייכענען דעם אמת, אַזויווי ער דערציילט. די אויספֿאָרשער טענהן, אַז דער גאַנצער פּראָצעס איז געווען אַ סקאַנדאַל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שאָפֿער איז נישט אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין טייך, נאָר אַריינגעפֿאַלן, זייענדיק שיכור — און דערטרונקען געוואָרן. מיין שכן איז באַאיינדרוקט פֿונעם גאַנג פֿון דער אויספֿאָרשונג, אַז עטלעכע אָפֿיצירן פֿון דער זיכערהייט־פּאָליציי דערוואַרט אַ האַרבער פּראָצעס פֿאַר פֿעלשן פֿאַקטן. ער איז אין אַ גוטער שטימונג.

מיין שכן איז געקומען פֿונעם אַרבעטס־לאַגער אין ראַיאָן פֿון די אוראַניום־גרובנס. ער זאָגט, אַז דער גרעסטער רוב פֿאַרמשפּטע ווערן געשיקט אין די דאָזיקע גרובנס. ער מיינט, אַז אויב מען וועט מיך פֿאַרמשפּטן אויף תּפֿיסה — וועט מען אויך מיך דאָרט אַהינשיקן. פֿאַראַן פֿיל לאַגערן אין יענעם ראַיאָן. מיט נייגיר הער איך פֿון אים יעדעס וואָרט וועגן לעבנס־שטייגער אין די לאַגערן. ער גופֿא האָט געאַרבעט אין קיך. די אַנטשיידנדיקסטע מערהייט אַרעסטאַנטן אַרבעטן אין די גרובנס גופֿא. די לאַגערן

זענען אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט. די אַרעסטאַנטן באַוועגן זיך פריי אין פאַרצוימטן שטח. די אַרבעט איז אַ שווערע. דאָס עסן איז גוט. פאַראַן ביבליאָטעקן, ציטונגען, קלובן. דער לוין איז לויט דער פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט. פאַראַן אין לאַגער אַ קאַנטין. איינמאָל אין צוויי חדשים קאָן מען שרייבן אַהיים און באַקומען אַ בריוו פון דער היים. די משפּחה־מיטגלידער איז דערלויבט צו באַזוכן די אַרעסטירטע איינמאָל אין אַ באַשטימטער צייט. זיכער, די פּאָליציי־אויפזיכט איז אַ שטרענגע, אָבער מען קאָן לעבן.

דער באַשולדיקונגס-אַקט — אַ מגילה שקרים

סעפּטעמבער איז אַריבער. ס'איז געקומען אָקטאָבער. די טעג איז געווען ראש־השנה. איך האָב אָבער נישט געוווּסט — ווען. דאָס וועטער ווערט האַרבסטיק. אין קאַמער הייבט אָן ווערן קיל. מיין שכן איז נישטאָ אין קאַמער. ער איז אויף דער אויספאָרשונג. איך לייען גאָר אינטענסיוו. ס'נישט צו באַקומען קיין וויסנשאַפטלעך בוך. די מיינסטע ביכער וואָס איך באַקום — נישט איך קלויב זיי — זענען בעלעטריסטישע, דער עיקר — סאָוויעטישע בעלעטריסטיק. ווינציק ביכער זענען פון דער טשעכישער און סלאָוואַקישער ליטעראַטור. איך פרעג די וועכטערין, וואָס ברענגט מיר יעדע וואָך אַ בוך, צי איך קאָן באַקומען עפּעס אַ וויסנשאַפטלעך בוך אָדער פון די שריפטן פון מאַרקס און ענגעלס. זי ענטפערט מיט אַ ניין. צווישן אַנדערע, דערגרייט צו מיר אַ בוך סאָוויעטישע רעפּאָרטאַזשן פון יוליוס פוטשיק — אַ טשעכישער פּובליציסט, אַ קאָמוניסט, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך די נאַציס בעת דער אָקופּאַציע. אין דער פּאָליטישער הקדמה צום בוך געפין איך באַגייסטערטע לויב־ווערטער פאַר רודאָלף סלאַנסקי — וואָס האָט צוזאַמען מיט קלעמענט גאָטוואַלד אָנגעצייכנט די באָלשעוויסטישע ליניע פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פאַרזיכערט איר נצחון אין די געשעענישן פון יאָר 1948, אין וועלכע די אַרבעטער פון טשעכאָסלאָוואַקיע האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין לאַנד.

הייסט עס, אַז ביז איצט האָט מען נאָך נישט באַוויזן אַרויסצורייסן די בלעטער פונעם אַריינפיר צום בוך און „פאַרריכטן" די געשיכטע. ווייל לויט דער „אמתדיקער" היסטאָריע — איז סלאַנסקי פון דער מאַמעס בויך נאָך געווען אַ שונא פון אַרבעטער־קלאַס און זיך „אַריינגעשמוגלט" אין דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט קאָנטררעוואָלוציאָנערע כוונות.

שוין אייניקע וואָכן ווי כ'האָב נישט געזען קיין אויספאָרשער. בייטאָג לייען איך, טראַכט וועגן דער היים, וועגן ישראל, וועגן מיין באַוועגונג, שמועס אַביסל מיט מיין שכן. אין די נעכט שלאָף איך. איך וואַרט אויף מיין פּראָצעס. ווען וועט ער סוף־כל־סוף פאָרקומען? וועט מיין פּראָצעס זיין אַן עפנטלעכער, אָדער אַ געהיימער און געשלאָסענער? וועלן זיי וואַגן מיר אַדורכצופירן אַן עפנטלעכן משפּט? אָן שום ספק, אַז זיי ווייסן אין אַ וואָסער גייסט איך וועל דערשיינען אויף דעם דאָזיקן פּראָצעס. איך פאַרשטיי, אַז זיי וועלן מיר נישט דערלויבן קיין ישראלדיקן אַדוואָקאַט. זיי וועלן מיר אויפצווינגען זייערן אַ פאַרטיידיקער, וואָס וועט אַרבעטן האַנט־ביי־האַנט מיט דער פּראָקוראַטור און פּאָליציי. זיי וועלן מיר נישט דערלויבן צוצושטעלן עדות צו מיין פאַרטיידיקונג. עס זענען גענוג די עדות־שקר, וואָס די פּאָליציי וועט מאָביליזירן קעגן מיר. זיי וועלן מיר נישט דערלויבן צו ברענגען פון ישראל קיין דאָקומענטן פאַר מיין פאַרטיידיקונג. זיי וועלן צושטעלן דאָקומענטן: די פּראָטאָקאָלן פון מיינע אויספאָרשונגען, פולע מיט ליגנס.

איך ווער געברענגט אין דער פאָרש־קאַנצעלאַריע. דער אויספאָרשער — וועמענס פּרצוף כ'האָב נישט אָנגעקוקט אייניקע וואָכן — באַגעגנט מיך העפלעך. ער פרעגט אויף מיין געזונט. ער גיט מיר אָנצוהערן, אַז מיין פּראָצעס וועט בקרוב פאָרקומען. איך פרעג, ווען וועט איינגעאָרדנט ווערן דער ענין פון אַ ישראלדיקן אַדוואָקאַט, איינלאַדן פאַרטיידיקונגס־עדות און ברענגען דאָקומענטן צו מיין פאַרטיידיקונג. איך פאָדער אַ געשפּרעך מיטן הויפּט־פּראָקוראָר, אָדער מיטן פאָרזיצער פון געריכט. ער ענטפערט, אַז וועגן די אַלע פראַגן וועל איך קאָנען שמועסן מיטן פאָרזיצער פון געריכט, וואָס וועט מאָרגן מיך דאָ באַזוכן און פאָרלייענען מיר דעם באַשולדיקונגס־אַקט.

— אורן, איך בין אַהערגעקומען, כדי מיט אייך שמועסן וועגן אַ זייער פאַר אייך לעבנסוויכטיקן ענין. אייער אויפפירונג אויפן פּראָצעס וועט באַשטימען אייער גורל. אויב איר וועט זיך פירן ווי אַ מענטש, וואָס

איז זיך מודה אין זיינע פאַרברעכנס און האָט חרטה אויף זייער אויספירונג, האָט איר אַלע אויסזיכטן צו גיין אַהיים. נאָר אויב איר וועט בעסער וועלן זיך אַנדערש אויפפירן, אויב איר וועט צוריקציִען אייערע אונטערשריפטן, אויב איר וועט מבטל מאַכן אייערע ווידויים — זייט וויסן, אַז ס׳דערוואַרט אייך אַ ביטערער סוף. דאָס איז ס׳לעצטע מאָל וואָס איך שמועס מיט אייך פאַרן פּראָצעס. איך גיב אייך אַ גוטע עצה. נעמט זי אָן — אויב איר ווילט אַ לעבעדיקער זיך אומקערן אין היימלאַנד און צו דער משפּחה.

מיין ענטפער: אַז כ׳קאָן נישט אָננעמען זיין עצה. מיין געוויסן איז ריין. קיין שום פאַרברעכן דריקט נישט אויף מיר. איך וועל זיך נישט מודה זיין אין אויסגעטראַכטע חטאים.

— ערב דעם סלאַנסקי־פּראָצעס האָט מען מיך איינגעבראָכן מיט פיזישן און פּסיכאָלאָגישן טעראָר און כ׳האָב זיך „מודה געווען" אין פאַרשיידענע פאַרברעכנס. איך בין זיכער, אַז ישראל און די וועלט (אַריינגערעכנט די ישראלדיקע בירגער), האָבן פאַרשטאַנען, וויפל פּיין עס זענען געווען פאַר די „ווידויים". איצט בין איך נישט צעבראָכן. איצט פיל איך זיך פאַראַנטוואָרטלעך, מסוגל אויסצוטראָגן יסורים און צו זאָגן מיין אמת און נישט דעם, וואָס מען האָט אַריינגעלייגט אין מיין מויל. און אַזוי וועל איך זיך פירן, אַפילו ווען דאָס וועט פאַרערגערן מיין לאַגע. דאָך גלויב איך, אַז כ׳וועל זוכה זיין צוריקצוקומען אין מיין היימלאַנד און צו מיין משפּחה, אפילו ווען איר וועט מיך פאַרמשפּטן.

— איר דאַרפט וויסן זיין, אַז דאָס געריכט וועט אַלס אמתדיקע אָננעמען די פּראָטאָקאָלן, וואָס איר האָט אונטערגעשריבן און אייערע עדות־דערקלערונגען אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס. אייערע דערקלערונגען אויפן פּראָצעס וועט עס אויפנעמען אַלס אַ שקר, אַלס אַ מיטל אָפּצונאַרן דאָס געריכט. פאַרגעסט נישט, אַז די פּאַראַגראַפן לויט וועלכע מען וועט אייך משפּטן, פאַרפליכטן דעם סאַמע העכסטן אורטייל: טויט־שטראָף. בלויז אַ ווידוי און אויפריכטיקע חרטה קאָנען אייך ראַטעווען.

— איך האָב נישט אין וואָס זיך מודה צו זיין און חרטה האָבן. דעם געריכט און דער גאַנצער וועלט וועל איך זאָגן דעם אמת וועגן מיין אומשולד, וועגן אופן פון די אוממענטשלעכע אויספאָרשונגען, וועמענס קרבן איך בין געווען און וועגן דעם ווערט פון מיין עדות־זאָגן אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס.

— אייער פּראָצעס וועט נישט זיין קיין עפנטלעכער. מען וועט אייך נישט לאָזן רעדן צו דער וועלט און דער אורטייל וועט זיין אַזעלכער, אַז אייערע רייד וועלן נישט דערגיין צום וויסן פון דער וועלט.

— דאָס וועט נישט ענדערן מיין אויפפירונג אויפן פּראָצעס. דאָרט וועל איך זאָגן דעם אמת.

— איך וואָרן אייך צום לעצטן מאָל. פאַרגעסט נישט, אַז איר האָט אַ פרוי מיט קינדער וואָס וואַרטן אויף אייער צוריקקער אַהיים. מאַכט זיי נישט פאַר קיין אלמנה און יתומים.

איך בין נישט מסוגל צו לייענען. אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך שטיין פאַרן געריכט. דאָס וועט זיין אַ געשלאָסענער פּראָצעס. נישט ווי דער סלאַנסקי־פּראָצעס. אָבער נישט ווייניקער געפעלשט. מאָרגן קומט מען מיר פאָרלייענען דעם „באַשולדיקונגס־אַקט”. איך וועל זיך בכלל נישט קאָנען פאַרטיידיקן. מיין פאַרטיידיקונג וועלן זיי אויסליפערן אין די הענט פון איינעם פון זייערע אַדוואָקאַטן, פון יענע טיפּן, וואָס האָבן „פאַרטיידיקט” סלאַנסקין און זיינע חברים. דער אויספאָרשער האָט געזאָגט, אַז מיך דערוואַרט טויט־שטראָף. אויב כ׳וועל זיך נישט האַלטן אין מיינע „ווידויים” און אויב כ׳וועל נישט אַרויסוויזן קיין „חרטה” אויף די אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס. נישט איינמאָל האָב איך זיך געבעטן מיר צו דערלויבן אַריינקוקן אין זייער געזעץ־בוך, אומזיסט. גלייבן דעם אויספאָרשער אָדער נישט? מיר איז שווער צו גלייבן, אַז ס׳דערוואַרט מיך טויט־שטראָף פאַר די נישט באַגאַנגענע פאַרברעכנס. דאָס איז אָבער מעגלעך. אויך סלאַנסקי און זיינע חברים זענען געהאַנגען געוואָרן איבער נישט באַגאַנגענע פאַרברעכנס. נאָר וואָס? איך בין אַ פרעמדער בירגער. וועלן זיי וואַגן? דער ראַטנפאַרבאַנד האָט געוואַגט און געוואַגט. דאָרט זענען ליקווידירט געוואָרן צענדליקער מנהיגים און אַרבעטער־טוער פון פאַרשידענע לענדער. אפילו אָן אַ פּראָצעס, אין גאַנג פון די פאַרשידענע רייניקונגען. וועט אויך טשעכאָסלאָוואַקיע וואַגן? ניין, איך גלייב נישט דעם אויספאָרשער. ער איז אַ דערפאַרענער שווינדלער. אַזוי ווי זיינע אָפיצירן, וואָס האָבן פאַרן סלאַנסקי־פּראָצעס מיר צוגעזאָגט — און איך האָב נישט געגלייבט זייערע צוזאָגן — אַז נאָכן ענדיקן די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען וועט מיר דערמעגלעכט ווערן אַהיימצופאָרן. זיי האָבן דעמאָלט געזאָגט ליגן, פונקט ווי זיי טוען עס היינט. אָבער פון דער צווייטער זייט — איז פאַראַן עפּעס אַ לאָגיק אין אויספאָר־

שערס רייד. נאָכדעם וואָס זיי האָבן מיט מיר געטאָן — איז לאָגיש די זאַך, אַז זיי וועלן שטרעבן מיך איינצושטילן אויף שטענדיק אָדער אויף אַ לענגערער צייט, כ׳זאָל נישט קאָנען דער וועלט אַנטפּלעקן זייערע פאַרברעכנס. און דער וועג דערצו איז די פיזישע ליקווידאַציע באַלד, אָדער אַ לאַנגיעריקער תפיסה־אורטייל, וואָס וועט מיך ליקווידירן בהדרגה. נאָר אָן שום ספק, אַז דער דאָזיקער גורל דערוואַרט מיך אפילו, ווען כ׳וועל זיך אויפפירן אויפן געריכט לויטן רצון פון אויספאָרשער. אויב כ׳וועל זיך אין אַלץ „מודה זיין" און „חרטה האָבן" — וועלן דען די ריכטער, דער פּראָקוראָר און פאַרטיידיקער — די דאָזיקע גאַנצע כנופיה — נישט וויסן, אַז מיין אויפפירונג איז געווען אַן אויפגעצוווּנגענע? אַז מיינע פאַרברעכנס זענען אויסגעטראַכטע? אַז די ווידויים זענען פאַלשע, אַ רעזולטאַט פון אַזאַ אָדער אַן אַנדערער פאָרם פון דרוק און טעראָר? וועלן זיי דען נישט פאַרשטיין, אַז גלייך מיטן באַפרייען, וועל איך אַנטדעקן דעם אמת? דערפאַר זענען ליגנעריש די רייד פון נעם אויספאָרשער וועגן די אויסזיכטן פון מיין נאָענטער באַפרייונג, אויב מיין אויפפירונג אין געריכט וועט זיין אַ גוטע, לויט זיין אויפפאַסונג, אויב איך וועל דערשטיקן מיין אמת.

זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין. איך פיל ביי זיך די נייטיקע מאָס כוח, כדי צו דערשיינען אויפן פּראָצעס מיט מיינע אמתן. און אַזאַ געפיל פאַרפליכטעט.

די אויספאָרשונג־קאַנצעלאַריע. ביים שרייבטיש זיצט דאָסמאָל עמעץ אַנדערש. איך דערקען אים גלייך. ער איז געווען דער פאָרזיצער פון געריכט אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס. נישט קיין יונגער מענטש. ביי זיין זייט — ביי אַ קליין טישל — זיצט אַ סטענאָגראַפיסטין, אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן הינטער דעם פאָרזיצער זיצן צוויי מענטשן: מיין אויספאָרשער און איינער אין ציווילער קליידונג; מיר שיינט, אַז כ׳האָב אים שוין אַמאָל געזען; איז דאָס נישט פון סלאַנסקיס פאַרטיידיקער? כ׳בין נישט זיכער.

דער ריכטער פרעגט מיין נאָמען און געוויסע ביאָגראַפישע דאַטן. ער שטעלט זיך פאָר אַלס פּרעזעס פון העכסטן געריכט, וואָס וועט מיך משפּטן. ער גיט צו, אַז בלי ספק, געדענק איך אים פונעם סלאַנסקי־פּראָצעס. אין איינקלאַנג מיטן געזעץ, איז ער געקומען פאַר מיר לייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט וואָס ווערט קעגן מיר דערלאַנגט פאַרן געריכט און

ער ברענגט מיר אויך די איינלאַדונג צום פּראָצעס, וואָס וועט פאָרקומען אין דריי טעג אַרום, דעם ניינטן אָקטאָבער 1953.

איך פרעג אים, צי כ'האָב נישט באַדאַרפט פריער געפאָרשט ווערן דורכן הויפּט־פּראָקוראָר. מיין אויספאָרשער וואָס זיצט דאָ, האָט מיר געזאָגט, אַז לויט דער פּראָצעדור וועל איך געפאָרשט ווערן — פאַרן דער־שיינען אויפן פּראָצעס — דורכן הויפּט־פּראָקוראָר און כ'וועל קאָנען רע־קלאַמירן פאַר אים וועגן די פעלשונגען אין די פּראָטאָקאָלן פון די אויס־פאָרשונגען. דער באַשולדיקונגס־אַקט שטיצט זיך אוודאי אויף אַן אויספאָר־שונג, וואָס איז אינגאַנצן פעלשונג.

דער ריכטער ענטפערט, אַז די דאָזיקע פּראָצעדור איז טאַקע אָנגע־נומען, אָבער נישט שטענדיק. דאַסמאָל איז די זאַך נישט נייטיק. דאָס געזעץ פאָרפליכטעט נישט קיין רעזומע־אויספאָרשונג דורכן הויפּט־פּראָקוראָר. ער גיט צו, אַז כ'וועל קאָנען מאַכן מיינע באַמערקונגען נאָכן לייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט. נישט לאָזנדיק מיך מאַכן קיין ווייטערדיקע באַמערקונג הייבט ער אָן לייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט.

איין ליגן יאָגט דעם צווייטן. איין פעלשונג יאָגט די צווייטע. אַ מעכ־טיקער וואַסערפאַל פון שקרים, פעלשונגען, פאַרקריפּלונגען, נישט־געשטויגענע זאַכן, בלבולים.

אַ געפּלעפּטער זיץ איך און הער זיך צו צום פלוידער פון ליגנס וואָס פלייצט מיט אַן איינטאָניקער, לאַנגווייליקער שטים פונעם פאָרשטייער פון העכסטן געריכט פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע. אַלץ איז דאָ צונויפגעמישט אויף אַ רשעותדיקן אופן: טרומאַן און די סובווענץ פון 100 מיליאָן דאָלאַר פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אונטערגראַבונגס־אַר־בעט אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. די פאַרשווערונגען פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער רעאַקציע. די קאַלטע מלחמה. דער פּלאַן מאַרגענטאַו—עטשי־סאָן, וואָס איז אויסן אומצוּוואַרפן די רעזשימען אין די לענדער פון סאָציאַ־ליזם. דער אינטערנאַציאָנאַלער ציוניזם און ישראל — אינסטרומענטן פונעם אמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אַראָפּצוּוואַרפן דעם סאָציאַליזם. מ. אורן, אַ פאַרמאַסקירטער שליח פון דער ישראלדיקער רעאַקציע, אַ געשוווירענער שונא פון ראַטנפאַרבאַנד און פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. אונטער אַ מאַסקע פון אַ פריינד פון די סאָציאַליסטישע לענדער, האָט ער אָרגאַניזירט אין טשעכאָסלאָוואַקיע די פאַרברעכערישע ציוניסטישע טעטיקייט, מיט דער כוונה צו ברעכן דעם רעזשים, צוזאַמענאַרבעטן מיט די אינערלעכע

שונאים פון טשעכאָסלאָוואַקיע און מיט אירע פיינד פון דרויסן (פּיאַדע, קאַסטאָוו, הערבערט מאָריסאָן). אַן אַלטער אַגענט פון בריטישן „אינטעלי־דזשענס־סערוויס”. האָט אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש לטובת ענגלאַנד, ישראל און מפ״ם. מ. אורן האָט זיך מודה געווען אין זיינע האַרבע פאַרברעכנס אין גאַנג פון די אויספאָרשונגען און אין זיין עדות־זאָגן אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס. ער איז באַשולדיקט אין מלוכהשן פאַראַט (ציוניסטישע טעטיקייט) און אין שפּיאָנאַזש.

דער פלוידער פון ליגנס ציט זיך און ציט זיך. מיין אויספאָרשער סודעט זיך פון מאָל צו מאָל מיט דעם וואָס זיצט ביי זיין טיש. איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז דאָס איז מיין באַשולדיקער. דער ריכטער ענדיקט זיינע רייד. ער פרעגט צי כ׳וויל עפּעס־וואָס באַמערקן צום באַשולדיקונגס־אַקט.

— יאָ. איך וויל דערקלערן אָט־וואָס: דער באַשולדיקונגס־אַקט איז געשטיצט אויף שקרים, וואָס אייערע אויספאָרשער האָבן פון זיך אויסגע־טראַכט. נישטאָ דערין קיין איין אמתע באַשולדיקונג. דער איינציקער אמת אין דעם דאָזיקן דאָקומענט — אין דער מאָס ווי עס רעדט זיך וועגן מיר — איז דער, אַז מיין נאָמען איז מרדכי אורן. די איבעריקע זאַכן האָבן נישט אין זיך קיין קערנדל אמת. איך בין אַ טוער פון אַ ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס אין די עיקר־ליניעס — אויפן געביט פון סאָציאַליסטישער פּאָליטיק — אידענטיפיצירט זי זיך מיטן ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. איך האָב זיך קיינמאָל נישט באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש. איך בין קיינמאָל נישט געווען טעטיק קעגן נייעם רעזשים אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע. בעת מיינע פאַרשידענע באַזוכן אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס האָב איך געווירקט צו פאַרטיפן די קעגנ־זייטיקע פאַרשטענדעניש און פריינדשאַפט צווישן זיי און ישראל. די באַ־שולדיקונגען קעגן מיר זענען נישט מער ווי נאַרישע בלבולים. איך בין אַ ציוניסט און אַ רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט. און איך בין שטאָלץ דער־מיט. איך בין טריי מיין פאָלק, קעמף זיין קאַמף פאַר באַפרייונג און רענע־סאַנס, ווי אַ טשעכישער קאָמוניסט איז טריי זיין פאָלק. דער ציוניזם איז די נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק און בלויז טיפשים און שווינדלער קאָנען זען אין אים אַ מכשיר אין וועמענס הענט צו ברעכן די סאָציאַליסטישע רעזשימען אין פאַרשידענע לענדער. דער באַשולדיקונגס־אַקט איז אַ פסולער דאָקומענט. ער שטיצט זיך אויף פאַלשע ווידויים, וואָס

זענען פּראָדוצירט געוואָרן דורך די פּאָליציייִשע אויספאָרשער. די אויס־פאָרשונגען, וועמענס קרבן איך בין געווען, זענען אויספאָרשונגען פון טעראָר און פּייניקונגען, וועלכע קיין שום מענטש קאָן לאַנג נישט ביישטיין. מיינע פּראָטאָקאָלן און די עדות־דערקלערונגען אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס, זענען אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגדויערנדיקער תקופה פון ליידן און איבערמענטש־לעכע יסורים. אויב איר וועט מיך משפּטן אויפן יסוד פון דעם דאָזיקן ליגנערישן באַשולדיקונגס־אַקט — וועט איר פאַרמשפּטן אַן אומשולדיקן מענטש. איר וועט פאַרפלעקן אייער רעזשים און איר וועט דאַרפן אָפּגעבן אַ חשבון פאַר דעם.

איך האָב גערעדט שטאַרק אויפגערעגט. בעת מיין רעדן דיקטירט דער ריכטער דער סטענאָגראַפיסטין וואָס זי זאָל פאַרשרייבן פון מיינע רייד. איך קאָן נישט הערן וואָס ער דיקטירט. אַלנפאַלס, ער דיקטירט איר זייער ווייניק.

דער ריכטער באַמערקט, אַז מיין דערקלערונג וועט ער איבערגעבן דעם ריכטער־קאָמפּלעט.

— היינט, אָדער מאָרגן־איבערמאָרגן וועט אייך באַזוכן דער אַדוואָ־קאַט, וועלכן מיר האָבן באַשטימט פאַר אייערטוועגן.

— איך זאָג זיך אָפּ אָנצונעמען אַן אַדוואָקאַט, וועלכן איר האָט מיר באַשטימט. איך האָב נישט קיין צוטרוי צו אייערע אַדוואָקאַטן. איך פאָדער אַ ישראלדיקן פאַרטיידיקער, וועמען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון מפ״ם אין ישראל וועט מיר באַשטימען. איך וויל אַן אַדוואָקאַט, וואָס זאָל זיין פריי מיך צו פאַרטיידיקן. איך וויל נישט קיין אַדוואָקאַט פון דעם מין וואָס כ׳האָב געזען אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס, וואָס האָבן נישט געוואַגט בכלל אָפּצופרעגן די פאַלשע עדות־דערקלערונגען, וועלכע די אויספאָרשער האָבן אַריינגעלייגט אין מיין מויל.

— איר ווערט געמשפּט לויט אונדזערע געזעצן. אונדזער געזעץ דערלויבט נישט קיין אַדוואָקאַטן פון אויסלאַנד.

— איך בין, אַלזאָ, מוותר אויף דער „הילף״ פון אייער פאַרטיידיקער. איך וועל זיך אַליין פאַרטיידיקן.

— אויך דאָס דערלויבט נישט אונדזער געזעץ. איר מוזט אָננעמען דעם אַדוואָקאַט, וועלכן מיר האָבן אייך באַשטימט. קומט אַהער צום טיש און שרייבט אונטער די איינלאַדונג צום פּראָצעס.

דער ריכטער וויזט מיר אָן ווו אונטערצושרייבן. נאָר איך הייב אָן לייענען דעם גאַנצן פּאָרמולאַר. דער ריכטער באַמערקט, אַז איך דאַרף נישט אַלץ לייענען. מיינע אויגן שטויסן זיך אָן אויף איין זאַץ, וואָס פאַרנעמט זיך מיט איינלאַדן פאַרטיידיקונגס־עדות, מיט ברענגען באַשטעטיקונגען און דאָקומענטן, אויפן פאַרלאַנג פון באַשולדיקטן. איך מאַך אויפמערקזאַם דעם ריכטער אויפן דאָזיקן זאַץ און זאָג אַרויס מיין שטוינונג, אַז ער איז אויסן געווען צו באַהאַלטן פאַר מיר זאַכן, וואָס דאָס געזעץ פאַרפליכטעט אים צו רעדן וועגן דעם מיט מיר. איך באַמערק, אַז כ׳וואָלט במילא אים געשטעלט די דאָזיקע פראַגע. דער ריכטער איז עטוואָס פאַרלוירן און באַמערקט, אַז ער האָט פאַרגעסן מיר אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם ענין. איך האָב דעם פּאַרזיצער פון העכסטן געריכט געכאַפּט ביי אַ קליינעם שווינדל. איך פאָדער, אַז מען זאָל ברענגען עדות צו מיין פאַרטיידיקונג, לויט מיין בקשה. דער ריכטער פרעגט וועלכע עדות איך מיין. איך רוף אָן זייערע נעמען: א. זאַפּאָטאָצקי, פּרעמיער פון טשעכאָסלאָוואַקיע *); מ. שרת, אויסערן־מיניסטער פון ישראל; מ. יערי, פון די מפ״ם־פירער און פאַרזיצער פון שלום־קאָמיטעט אין ישראל; לואי סאַיאַן, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; לאָמבאַרדאָ טאָלעדאַנאָ, פּרעזידיום־מיטגליד פון דער אַלוועלטלעכער שלום־באַוועגונג און וויצע־פּאַרזיצער פון דער וועלט־פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; קוזניעצאָוו, פּאַרזיצער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין ראַטנפאַרבאַנד; זשאַק דיקלאָ, פון די אָנפירער אין דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און נאָך אַ ריי פּערזענלעכקייטן פון ישראל.

דער ריכטער ענטפערט, אַז דער רוב עדות וווינט אין אויסלאַנד. פון טעכנישן שטאַנדפּונקט, לאָזט זיך דאָס נישט אַדורכפירן. דער פּראָצעס וועט פאָרקומען אין דריי טעג אַרום.

— די דאָזיקע פאָדערונג האָב איך דערלאַנגט מיט אייניקע הדשים צוריק. איך פלעג זי איבערחזרן יעדע וואָך. דער אויספאָרשער וואָס זיצט דאָ קאָן באַשטעטיקן מיינע רייד. איך פאַרשטיי, אַז פון אָנהייב אָן האָט איר געוואָלט נישט דערלאָזן איך זאָל ברענגען עדות צו מיין פאַרטיידיקונג.

---

*) איך האָב נישט געוווּסט, אַז אין צווישנצייט איז זאַפּאָטאָצקי באַשטימט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק.

דאָס הייסט נישט לאָזן מיך פאַרטיידיקן. מיט די גאַנצע ליידן וואָס איך לייד, זיצנדיק דאָ, בין איך מסכים, אַז מיין פּראָצעס זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף עטלעכע וואָכן, כדי מיר זאָל מעגלעך זיין צו ברענגען די עדות אין וועלכע איך בין פאַראינטערעסירט. אויסער דעם פאָדער איך עס זאָל מיר געגעבן ווערן אַ מעגלעכקייט צו ברענגען פון ישראל דאָקומענטן, וואָס וועלן זיין פאַר מיר גאָר לעבנסוויכטיק פאַר מיין פאַרטיידיקונג און אָפּפרעגן די בלבולים פונעם באַשולדיקונגס־אַקט — איך מיין די אַרטיקלען וואָס כ׳האָב געשריבן, די רעדעס וואָס כ׳האָב געהאַלטן, די דעקלאַראַציעס וואָס כ׳האָב געמאַכט פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין פּאָליטישער טעטיקייט און באַזונדערס אין שייכות מיט מיין באַציונג און דער באַציונג פון מיין פּאַרטיי צום ראַטנפאַרבאַנד און צו די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

דער ריכטער שטעלט פעסט, אַז די אַלע דאָקומענטן האָבן נישט קיין שום ווערט. פּאָליטישע טעטיקייט איז נישט איינמאָל אַ מאַסקירונג פאַר אַנדערע אַקטיוויטעטן. אַלנפאַלס, דאָס אָפּלייגן דעם טערמין פון פּראָצעס קומט נישט אין באַטראַכט.

איך גיב נישט נאָך, נאָר דער ריכטער רייסט מיר איבער אויף אַ תקיפותדיקן אופן. איך באַמערק אים, אַז איך פאַרשטיי, אַז דאָס געריכט נעמט מיר פאַקטיש צו די רעכט צו פאַרטיידיקן זיך קעגן פאַלשע באַשולדיקונגען.

איך בעט, אַז דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט זאָל געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו שיקן אירס אַ פאַרשטייער צום פּראָצעס. דער ריכטער ענטפערט, אַז דער פּראָצעס וועט זיין אַ געהיימער און ס׳וועט קיינעם נישט זיין דערלויבט אין אים זיך צו באַטייליקן. ער וועט זיין געשלאָסן, כדי אויסצומיידן אַן אַנטפּלעקונג פון מלוכה־סודות.

אַלזאָ, מיר איז קלאָר, אַז איין מלוכהשער סוד קאָן זיך אַנטפּלעקן דער עפנטלעכקייט, אויב דער פּראָצעס וועט זיין אַן אָפענער און עפנטלעכער, דעם מלוכהשן סוד וועלכן איך בין עלול צו אַנטפּלעקן, — אַז דער פּראָצעס איז אַ געפעלשטער.

איך פאָדער אַן איבערזעצער פון העברעיש. דער ריכטער ענטפערט, אַז מיין קענטעניש פון דער טשעכישער שפּראַך איז גענוג. אַלנפאַלס, זיי האָבן נישט קיין איבערזעצער פאַר דער העברעישער שפּראַך.

איך מאַך אויפמערקזאַם דעם אויספאָרשער, אַז אַלס ישראלדיקער בירגער האָב איך רעכט צו פאָדערן מען זאָל מיר דערמעגלעכן רעדן אויפן

פּראָצעס אין מיין שפּראַך. אין מיין לשון וועל איך זיך פילן מער פרייער. דער דאָזיקער פּראָצעס איז אפשר עלול צו באַשטימען מיין גורל.

ער פאַרזיכערט מיר צו זאָרגן פאַר אַן איבערזעצער אין איינער פון די שפּראַכן, אין וועלכע איך בין בקי.

איך בעט דעם ריכטער געבן מיר אַן אָפּשריפט פונעם באַשולדיקונגס־אַקט. מיר שיינט, אַז איך האָב דאָס רעכט אים געגנוי צו שטודירן. איך האָב נישט אויפגענומען אַלץ ווען ער האָט פאַרגעלייענט. איך מוז שטודירן דעם דאָקומענט, כדי זיך צו קאָנען צוגרייטן צום פּראָצעס. אין שייכות דערמיט בעט איך אויך מיר געבן דעם קאָדעקס, אייניקע בייגעלעך פּאַפּיר און אַ בלייפעדער.

— איך טאָר אייך נישט געבן קיין אָפּשריפט פונעם באַשולדיקונגס־אַקט. נאָר מאָרגן אָדער אַ טאָג פאַרן פּראָצעס וועט איך באַזוכן דער אַדוואָקאַט, וואָס איז פאַר אייך באַשטימט געוואָרן. ביי אים וועט זיך געפינען אַ קאָפּיע פון באַשולדיקונגס־אַקט און אַז איר וועט וועלן, וועט איר אים קאָנען הערן לייענען נאָכאַמאָל פון אַדוואָקאַט. נישט נייטיק איר זאָלט זיך באַמיען מיטן צוגרייטן אייער פאַרטיידיקונג. די פאַרטיידיקונג געפינט זיך אין די הענט פון אייער אַדוואָקאַט. אַלנפאַלס, אינעם קאָדעקס וועט איר יאָ קאָנען אַריינקוקן. איר וועט אים באַקומען פון אויספאָרשער — צוזאַמען מיט פּאַפּיר און אַ בלייפעדער. — ער ווענדט זיך צום אויספאָרשער, ווי ער וואָלט אים געוואָלט פאַראָרדענען, אַז נאָכן פאַרענדיקן דאָס דאָזיקע געשפּרעך, זאָל ער מיר געבן דעם קאָדעקס, פּאַפּיר און אַ בלייפעדער.

אויפן ווונק פון ריכטער, באַפעלט מיר דער אויספאָרשער אָנצוטאָן דאָס האַנטעך אויף די אויגן. ער קערט מיך צוריק אין קאַמער.

אַ פאַרטיידיקער וואָס איז נישט קיין פאַרטיידיקער

אַ ביוראָ־צימער אויפן פּאַרטער. דער אויספאָרשער האָט מיך דאָ אַהערגעבראַכט. אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק שטעלט זיך פאַר מיר אַליין פאַר און זאָגט: „איך בין באַשטימט געוואָרן צו זיין אייער פאַרטיידיקער אין

אייער פּראָצעס. זיכער איז אייך באַוווּסט, אַז ער קומט פאַר איבערמאָרגן־ער איז גראָלעד. זיינע קליידער זענען אָפּגענוצט.

מיר זיצן פון ביידע זייטן טיש. ביי דער דריטער זייט זיצט דער אויספאָרשער, אַ מענטש פון דער זיכערהייט־פּאָליציי. איך פרעג דעם אַדוואָקאַט צי מיר וועלן נישט קאָנען אָפּהאַלטן אונדזער געשפרעך אין דער אָפּוועזנהייט פונעם אויספאָרשער. ער ענטפערט, אַז דאָס געזעץ דער־לויבט די אָנוועזנהייט פונעם אויספאָרשער.

איך מאַך אויפמערקזאַם דעם פאַרטיידיקער, אַז איך האָב געפאָדערט אַ ישראלדיקן אַדוואָקאַט אָדער די רעכט אַליין זיך צו פאַרטיידיקן. און איך האַלט זיך נאָך ביי דער פאָדערונג. ער זאָגט, אַז ס'איז אַ שאָד צו פאַרלירן צייט אויף די דאָזיקע ענינים. דאָס געזעץ פאָדערט אַן אָרטיקן אַדוואָקאַט און אָנערקענט נישט די רעכט פונעם באַשולדיקטן אַליין זיך צו פאַרטיי־דיקן. אויפן פּראָצעס וועל איך נישט קאָנען אַנדערש, ווי נאָר ענטפערן אויף פראַגן. אַלע טעטיקייטן פון דער פאַרטיידיקונג זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אים.

דער פאַרטיידיקער דערלויבט מיר צו לייענען די קאָפּיע פונעם באַשולדיקונגס־אַקט וואָס געפינט זיך ביי אים. אגב לייענענדיק, מאַך איך צונישט איין ליגן נאָכן צווייטן. נישטאָ אין באַשולדיקונגס־אַקט קיין איין זאַך, וווּ עס זאָל נישט זיין וווינציקסטנס איין ליגן אָדער אַ בלבול.

דער אַדוואָקאַט פאַרצייכנט זיך נישט קיין זאַך. ער ווערט נישט באַאיינדרוקט פון מיינע רייד. ער איילט מיך אונטער צו לייענען שנעלער, אַן רעדן, זיין צייט איז באַגרענעצט.

איך לייען שנעלער און באַגנוגן זיך מיט מער קאָנצענטרירטע באַ־מערקונגען אומצוואַלגערן די שקרים אין באַשולדיקונגס־אַקט.

דער אַדוואָקאַט איז זייער איבעררַאשט. אויפן סמך פון זיינע דערפאַ־רונגען האָט ער אַוודאי אָנגענומען, אַז ער דאַרף פאַרטיידיקן אַ באַשולדיקטן, וואָס וועט זיך מודה זיין אין די באַשולדיקונגען וואָס אינעם אַקט. ער גיט אַ שטאַמלענדיקן ענטפער, פון וועלכן עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט בכלל נישט געלייענט די פּראָטאָקאָלן פון די אויספאָרשונגען. ער האָט געלייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט און מיינע עדות־דערקלערונגען אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס.

— וויאַזוי וואַגט איר צו באַצייכענען אַלע באַשולדיקונגען אַלס שקרים ? איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס איר האָט געחתמעט די פּראָטאָקאָלן ?

גאָבוואָס האָט איר אָפּגעגעבן אַזעלכע עדות־דערקלערונגען? — ער שלעפּט אַרויס פון דער טעקע אַ דיק בוך אין ברוינע טאָוולען: דעם אָפיציעלן, סטענאָגראַפישן פּראָטאָקאָל פון סלאַנסקי־פּראָצעס. ער ווייזט אָן אויף אייניקע זייטלעך, וווּ עס זענען פאַרשריבן מיינע עדות־דערקלערונגען.

איך דעקלאַריר פאַר אים ווידעראַמאָל, אַז די פּראָטאָקאָלן פון מיין עדות־זאָגן אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס, זענען נישט מער ווי שקר און כזב. זיי זענען אַ רעזולטאַט פון טעראָר־אויספאָרשונגען און פּייניקונגען במשך אַ גאַנץ יאָר. איצט פיל איך אין זיך כוח און אַ פליכט צו זאָגן דאָס דעם געריכט און דער גאַנצער וועלט. איך בין זיכער, אַז ווען איר וואָלט גע־פאָרשט געוואָרן אַזוי ווי איך — וואָלט אויך איר זיך מודה געווען אין נישט באַגאַנגענע פאַרברעכנס. אויך איר וואָלט אונטערגעשריבן אויף אַלץ און עדות געזאָגט אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס אַזוי ווי איך.

פון צייט צו צייט וואַרפט דער אַדוואָקאַט נערוועזע בליקן אויף זיין האַנט־זייגערל. ער רייסט מיר איבער, ווען איך פּרובּיר אים שילדערן די אויספאָרשונגס־סיסטעם וואָס איז כלפּי מיר אָנגעווענדט געוואָרן בעתן אַרעסט.

— הער אורן, איר ווערט באַשולדיקט אין די סאַמע האַרבסטע באַ־שולדיקונגען. אויף די צוויי פּאַראַגראַפן לויט וועלכע איר ווערט געמשפּט ווערן — איז חל אַ שטראָף פון 10 יאָר תפיסה ביז טויט־שטראָף איינ־שליסלעך. איך קאָן נישט אָננעמען אייער הנחה, אַז איר זענט אומשולדיק און סתם זיך מודה געווען אין נישט־באַגאַנגענע פאַרברעכנס. אָבער זאָל זיין ווי ס׳איז, וועט דאָס געריכט אָננעמען אייערע ווידויים פון דער אויס־פאָרשונג ווי אמתדיקע — און מיט רעכט. זיי וועלן נישט אָננעמען אייער טענה, אַז איר האָט זיך מודה געווען אונטער דרוק און צוואַנג. איך האָב דערפאַרונג אין אַזעלכע פּראָצעסן. און איך קען די מענטאַליטעט פון אונדזער געריכט. ווי אייער פאַרטיידיקער ראָט איך אייך צו בלייבן אין דער ראָם פון אייערע ווידויים, ווייל אויב נישט, וועט איר נישט באַקומען דעם צוטרוי פון די ריכטער און עס דערוואַרט אייך דער סאַמע שטרענגסטער אורטייל. איר דאַרפט אַלץ טאָן, כדי באַקומען די סאַמע לייכסטע שטראָף, וואָס איז מעגלעך ביי די געגעבענע אומשטענדן.

איך פאַרשטיי אַז מיין אַדוואָקאַט האָט זיך צונויפגערעדט מיטן רע־זשיסער פון דעם פאַרס וואָס הייסט דער פּראָצעס פון שפּיאָן און שעדיקער

מ. אורן. ער איז אַ ציניִשער קאָמעדיאַנט ווי אַלע פאַרשוינען פון דער דאָזי־קער כנופיה. איך פאַרשטיי, אַז איך האָב נישט צו דערוואַרטן קיין פאַרטיי־דיקונג פון דעם דאָזיקן פאַרטיידיקער. איך דערקלער אים, אַז אין קעגנזאַץ צו זיין עצה, וועל איך אויף מיין פּראָצעס נישט דערשטיקן דעם אמת פונדעסטוועגן שטעל איך אים די פראַגע וועגן ברענגען עדות און דאָקו־מענטן צו מיין פאַרטיידיקונג און באַריר אין שייכות דערמיט די פראַגע פון אָפּלייגן דעם פּראָצעס אויף אייניקע וואָכן. איך פאָדער פון אים צו ווירקן אין דער ריכטונג. ער ענטפערט, אַז אין דער ריכטונג איז נישטאָ וואָס צו טאָן. עס האָבן אויך נישט קיין ווערט די דאָזיקע עדות און דאָקומענטן וועגן מיין פּאָליטישער טעטיקייט אין משך פון 25 יאָר. אויך סלאַנסקי האָט כלומרשט פיל יאָרן געאַרבעט פאַרן סאָציאַליזם. איצט איז קלאָר געוואָרן: אַז אַלץ איז געווען נישט מער ווי אַ קאַמופלאַזש פאַר זיינע קאָנטער־רעוואָ־לוציאָנערע פּלענער.

איך האָב נישט קיין שום צווייפל, אַז דער אַדוואָקאַט ווייסט דעם אמת וועגן סלאַנסקין און זיינע רייד זענען נישט מער ווי אַ באַוווסטזיניקער ליגן. דער עיקר איז: אַוועקנעמען פון מיר די מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן זיך: „דער באַשולדיקטער פאַרטיידיקט זיך" — די דאָזיקע מאָדנע דערשיינונג האַרמאָנירט דאָ נישט מיט די כללים פון דער גערעכטלעכער פּראַקטיק. דרייפוס אין פראַנקרייך האָט געהאַט אַ רעכט זיך צו פאַרטיידיקן. הילזנער אין דער עסטרייכיש־אונגאַרישער טשעכאָסלאָוואַקיע האָט געהאַט אַ רעכט זיך צו פאַרטיידיקן. לעניִן, טראָצקי, אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן געהאַט אַ רעכט זיך צו פאַרטיידיקן. אין דער נייער טשעכאָסלאָוואַקיע קאָן נישט געמאָלט זיין, אַז אַן אומשולדיקער זאָל זיך פאַרטיידיקן. דער באַשולדיקטער דאַרף זיך מודה זיין אין פאַרברעכנס, וועלכע ר'איז קיינמאָל נישט באַגאַנגען...

כדי דער באַשולדיקטער זאָל זיך נישט קאָנען פאַרטיידיקן, פאַרווערט מען אים ברענגען עדות צו זיין פאַרטיידיקונג. מען פאַרווערט אים אַליין זיך אויסצוקלויבן אַן אַדוואָקאַט, צו וועלכן ער זאָל זיך באַציִען מיט צוטרוי. מען פאַרווערט אים אַליין זיך צו פאַרטיידיקן. אדרבה, מען צווינגט אים אויף „אַ פאַרטיידיקער". ער וועט שוין זאָרגן דערפאַר, אַז דער באַשולדיקטער זאָל קיין פאַרטיידיקונג נישט האָבן.

ער מאַכט נאָך פאַרשידענע אַנשטרענגונגען מיך צו איבערצייגן, אַז כ'זאָל נישט אָפּטאָן קיין „נאַרישקייטן". אַז כ'זאָל זיך נישט אָפּגרענעצן פון מיינע „ווידויים". איך פּרוביר אים דערקלערן מיין שטעלונג. ער שטרייכט

אונטער, אַז עס האָבן נישט קיין שום ווערט מיינע אויפקלערונגען אַז איך בין אומשולדיק. ער זאָגט, אַז ער מוז גיין. איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז ס׳איז נייטיק צו זיצן אייניקע שעה, כדי אים קלאָר מאַכן אַלע זייטן פון דער פּרשה. עס פאָדערט זיך דערפאַר פיל שעהן. ער פאַרזיכערט מיך צו זען נאָכאַמאָל אין געריכט, פאַרן... אָנהייב פון פּראָצעס.

ער איז מיט מיר געזעסן ווינציקער פון אַ שעה. אַ העלפט דערפון האָט איינגעשלונגען דאָס לייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט. אַזוי פירט זיך אַן אַדוואָקאַט מיט זיי׳גֿעם אַ קליענט, וואָס אין צוויי טעג אַרום דאַרף ער געמשפּט ווערן איבער צוויי פּאַראַגראַפן, וועמענס פּסק־דין האָט אַ ברירה צו זיין טויט־שטראָף.

נאָכן פאַרענדיקן דאָס געשפּרעך מיטן „אַדוואָקאַט״, פירט מיך דער אויספאָרשער אין דער פּאַרש־קאַנצעלאַריע. ער פרעגט מיך צי מיין באַשלוס אָפּצולייקענען די ווידויים, איז אַן ענדגילטיקער.

— מיין באַשלוס איז אַן ענדגילטיקער.

— זענט איר נישט איבערצייגט געוואָרן דורך די אַרגומענטן פון אייער פּאַרטיידיקער?

— כ׳בין נישט איבערצייגט. דער דאָזיקער מענטש איז נישט קיין פּאַרטיידיקער. ער וועט מיך נישט פאַרטיידיקן. ער וועט באַדינען אייך און די באַשולדיקונג.

ער דריקט, דראָט, לאָקט. איך מאַך אים אויפמערקזאַם, אַז כ׳וועל זיך נישט רירן פון מיין שטאַנדפּונקט.

צום סוף בעט איך אים, ער זאָל מיר געבן דעם קאָדעקס, אייניקע בויגן פּאַפּיר און אַ בלייפעדער. איך וויל זיך אַ ביסל צוגרייטן צום פּראָצעס. איך דערמאָן אים די אָנווייזונג, וואָס ר׳האָט באַקומען פונעם פאַרזיצער פון געריכט, ווען ער האָט פאַר מיר געלייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט.

— איר דאַרפט נישט האָבן דעם קאָדעקס, פּאַפּיר און בלייפעדער. די פּאַרטיידיקונג ליגט אין די הענט פון אייער אַדוואָקאַט. איר וועט אַנדערש נישט קאָנען, ווי נאָר ענטפערן אויף געשטעלטע פראַגן. אַלנפאַלס — די תפיסה־פאַרשריפטן פאַרווערן אונדז אייך לאָזן שטודירן דעם קאָדעקס און געבן אייך פּאַפּיר און אַ בלייפעדער.

דער פּאַרס — אין אַ שנעלן טעמפּאָ

מיין פּראָצעס איז פאָרגעקומען דעם ניינטן אָקטאָבער 1953. אינעם אויספאָרשונג־אַרעסט, דורכגעזאַפּט מיט ליידן, בין איך געזעסן קאַרגע צוויי יאָר, אָבער דער פּראָצעס, וואָס האָט מיך פאַרמשפּט אויף 15 יאָר תּפיסה, האָט געדויערט נישט מער ווי דריי און אַ האַלבע שעה. דאָס איז געווען אַ בליץ־פּראָצעס. אייגנטלעך, האָט ער געקאָנט דויערן נאָך וויניקער. דאָס פּובליקום: צוויי פון דער כנופיה סאַדיסטישע אויספאָרשער. פאַרן דאָזיקן פּובליקום — וואָלט גענוג געווען אַ קירצערער פּאַרס. זיי האָבן זיך געקאָנט באַגנוגענען מיטן לייענען די מגילה פון פעלשונגען וואָס רופט זיך באַשולדיקונגס־אַקט און לייענען די מגילה פון רשעות וואָס רופט זיך אורטייל. דאָס וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישן די צוויי — איז אַ גאָרנישט: נישט קיין אויספאָרשונג וואָס איז ווערט דעם דאָזיקן נאָמען. נישט קיין פאַרטיידיקונג. מיין „אַדוואָקאַט״ איז געזעסן מיט אַ פאַרשטאָפּט מויל.

איך וועל נישט דערציילן וועגן גאַנג פון די „געריכט־פאַרהאַנדלונגען״. אין זיין דערעפענונגס־וואָרט, האָט דער פאָרזיצער פון געריכט דערקלערט, אַז דער פּראָצעס איז אַ געהיימער און געשלאָסענער, כדי נישט צו אַנטפּלעקן די סודות פון דער מדינה. דאָס אויפדעקן דעם גאַנג פון די געריכט־פאַרהאַנדלונגען וועט באַטראַכט ווערן — אין איינקלאַנג מיט דעם און דעם פּאַראַגראַף פון די מדינה־געזעצן — ווי אַן עבירה. ווער עס וועט זי באַגיין — וועט געשטעלט ווערן פאַרן געריכט און עס דערוואַרט אים אַ שטראָף. דער דאָזיקער גאַנצער פּראָצעס איז געווען איין גרויס יורידיש פאַרברעכן — וועמענס אויספירער זענען געווען די ריכטער פון העכסטן געריכט, די זיכערהייט־פּאָליציי, די פּראָקוראַטור און פאַרטיידיקונג. אָבער איך האָב ביז איצט נישט געבראָכן די געזעצן פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק. אויך דאָסמאָל וועל איך זיי נישט ברעכן און נישט דערציילן וועגן גאַנג פון די „געריכט־פאַרהאַנדלונגען״, ווייל דאָס איז נישט געווען קיין פּראָצעס. נישטאָ וועגן אים וואָס צו דערציילן.

איך קאָן אָבער נישט מוותר זיין אויף פרעגן איייניקע פראַגן.

אַ וואָסערע זענען עס געווען אויפן פּראָצעס די „מלוכהשע סודות״ וואָס האָבן געקאָנט אַנטדעקט ווערן, ווען מיין פּראָצעס וואָלט געווען אַן אָפענער פאַר דער עפנטלעכקייט? — נישט אַמאָל וואָס דער פּראָקוראָר

האָט געלייענט אַ באַשולדיקונגס־אַקט פול מיט בלבולים און פעלשונגען, וועלכע זענען פּראָדוצירט געוואָרן אין די קאַנצעלאַריעס פון דער זיכערהייט־פּאָליציי?

אַז דער באַשולדיקטער האָט געשטעמפּלט די סיסטעמען פון אויס־פאָרשונגען, ווענמענס קרבן ער איז געווען, ווי אַן אוממענטשלעכן סיסטעם?

אַז ער האָט בטל געמאַכט אַלע זיינע „ווידויים", וואָס ער איז געווען געצוווּנגען זיי אונטערצושרייבן אין דער אויספאָרשונגס־תקופה, אונטערן דרוק און צוואַנג, אין באַדינגונגען פון ליידן און פּיין; אַז ער האָט זיך אָפּגע־זאָגט פון די עדות־דערקלערונגען אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס?

אַז דער פאָרזיצער פון געריכט האָט באַשמוצט און געשטעמפּלט די ציוניסטישע באַוועגונג אַלס אַ רעאַקציאָנערע און אַלס שונא פון סאָציאַליזם, און אַז דער באַשולדיקטער האָט אָנגעוויזן אויפן פּראָגרעסיוון און באַפרייע־רישן כאַראַקטער פון ציוניזם אַלס באַוועגונג פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פון יידישן פאָלק און אַלס באַוועגונג, וואָס די העגעמאָניע אין איר שטייט אין די הענט פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג?

אַז דער באַשולדיקטער האָט מיט עקל אָפּגעוואָרפן די רשעותדיקע באַשולדיקונגען וועגן שפּיאָנאַזש און אונטערגראָבונגס־טעטיקייט קעגן נייעם רעזשים אין טשעכאָסלאָוואַקיע און דערקלערט, אַז צוזאַמען מיט זיין פּאַרטיי, וואָס ער איז איינער פון אירע טוער, באַגינסטיקט ער דעם רעוואָלוציאָנערן כאַציאַליזם און דעם אָנשטרענג צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין ראַטנ־פאַרבאַנד און אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס?

אַז דער פאָרזיצער האָט געלייענט פאַרן באַשולדיקטן עדות־דערקלע־רונגען מצד דער פּראָקוראַטור (אייניקע עדות זענען נישט באַקאַנט דעם באַשולדיקטן, פּונקט ווי דער באַשולדיקטער איז זיי נישט באַקאַנט), און אַז דער באַשולדיקטער האָט די דאָזיקע עדות קוואַליפיצירט אַלס אויפגע־צוווּנגענע פאַלשע עדות, און באַזונדערס דאָס עדות־זאָגן פונעם פּראָוואָקאַטאָר, וואָס איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין קאַמער פון באַשולדיקטן און פּרובירט — אין משוגעת — אומצוברענגען דעם באַשולדיקטן, כדי פון אים אויספּרעסן „ווידויים" אויפן באַפעל פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי?

אַז ער האָט באַרויבט דעם באַשולדיקטן פון דער מעגלעכקייט צו ברענגען עדות, דאָקומענטן און באַווייזן צו זיין פאַרטיידיקונג? אַז דער, קעגן זיין ווילן, אויף אים אויפגעצוווּנגענער אַדוואָקאַט האָט אים בכלל נישט

פּאַרטיידיקט און געזעסן אויפן פּראָצעס מיט אַ פאַרמאַכט מויל, גלייך ער וואָלט פאַרלוירן דאָס לשון?

אַז דאָס געריכט האָט אָנגענומען פאַר אמת די „ווידויים" פון דער תקופה פון די אויספאָרשונגען, די ליגנערישע עדות־דערקלערונגען, אַריינ־גערעכנט די נידערטרעכטיקע עדות פונעם פּראָוואָקאַטאָר („אַז אין אינטימע געשפּרעכן אין קאַמער האָב איך אים אַנטפּלעקט, אַז כ׳בין טאַקע געווען אַ שפּיאָן און געגראָבן אונטערן רעזשים"), און דערפאַר מיין האַלטונג אויפן פּראָצעס, אָנגענומען ווי אַ נישט־פּאַסיקע פאַרן אמת?

אַז דער גאַנצער פּראָצעס האָט נישט געדויערט מערער ווי דריי און אַ האַלבע שעה — וואָס דער גרעסטער טייל דערפון האָט פאַרנומען דער באַשולדיקונגס־אַקט, די שלוס־רעדע פון פּראָקוראָר (וואָס איז ביי אים געווען גרייט און אויסרעדאַגירט פאַרן אָנפאַנג פון פּראָצעס) און דאָס אַרויסטראָגן דעם אורטייל און זיין באַגרינדונג דורכן פּאָרזיצער פון געריכט?

אַז די רייד פון באַשולדיקטן זענען נישט אריינגעטראָגן געוואָרן אין פּראָטאָקאָל אַזויווי זיי זענען געזאָגט געוואָרן, נאָר פריער רעדאַגירט, דורכגעזיפּט און פאָרמולירט געוואָרן דורכן פּאָרזיצער?

אַז דער אַדוואָקאַט איז געווען נישט מער ווי אַן אַגענט פון דער פּאָליציי און פון דער פּראָקוראַטור; אַז ער האָט דערמיט „פאַרטיידיקט" דעם באַשולדיקטן, וואָס אין זיינע זייער קורצע ווערטער — נאָך די „געריכט־פאַרהאַנדלונגען" — האָט ער געפאָדערט „אַ גערעכטן אורטייל" פאַרן באַ־שולדיקטן?

ניין. אין דעם פּראָצעס זענען נישט געווען קיין שום „מלוכהשע סודות". אויב דאָ איז יאָ געווען וועלכער ס׳איז סוד — איז עס דער: אַז דער גאַנצער פּראָצעס, פּונקט ווי דער סלאַנסקי־פּראָצעס, איז נישט מער ווי איין גרויסער שווינדל. אַז דער דאָזיקער געהיימער פּראָצעס, אַזוי ווי זיינע עפנטלעכע צווילינג־ברידער — איז בלויז אַ באַשפעניש פון אַ פינצטערן, מאַקיאַוועליסטישן יורידישן מעכאַניזם, וואָס האָט נישט קיין סך געהאַט זיינס גלייכן אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן מין.

אין זיין לעצטן עטאַפּ ווערט דער פּראָצעס דערקלערט אַלס עפנט־לעכער. איך הער מיין אורטייל, וואָס ווערט אַרויסגעטראָגן נישט אין נאָמען פון אַ כנופיה גענעץ־פעלשער, נאָר „אין נאָמען פון דער רעפּובליק". און ווידער כאַפּן אויף מיינע אויערן אַ מבול שקרים, ליגנס, בלבולים. די האַרב־

קייט פון די פאַרברעכנס פאָדערט טויט־אורטייל פאַרן באַשולדיקטן — פאַרענדיקט דער פאָרזיצער — מען דאַרף אָבער נעמען אין אַכט, אַז דער באַשולדיקטער איז אַ פרעמדער בירגער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ קאַפּיטאַליסטישער מדינה און אין אַן אַטמאָספער פון שנאה צום סאָציאַליזם און צו די מדינות וואָס בויען דעם סאָציאַליזם. נאָך אַ מילדערנדיקער אומשטאַנד איז, וואָס דער באַשולדיקטער האָט זיך מודה געווען אין זיינע פאַרברעכנס בעת ער איז געפאַרשט געוואָרן דורך דער זיכערהייט־פּאָליציי. דאָס געריכט טראָגט אַרויס זיין אורטייל: פופצן יאָר תפיסה און קאָנפיסקירן דאָס פאַרמעגן פון באַשולדיקטן. דער אורטייל אונטערליגט נישט קיין אַפּעלאַציע. דער פּראָצעס איז פאַרענדיקט.

צוויי ווערטער אין עברית רייסן זיך אַרויס פון מיין מויל: פושעים! מנוולים!

דאָס געריכט און דער פּראָקוראָר טראָגן זיך אָפּ אין נערוועזער איילעקייט. אגב, דער אַדוואָקאַט, וואָס אין קעגנזאַץ צו זיין צוזאָג צו זען מיך פאַרן פּראָצעס, איז ער געקומען צום אָנהייב, נישט אַרויסרעדנדיק מיט מיר אַ וואָרט — שעמט זיך נישט צו מיר צוצוגיין און זיך מיט מיר געזעגענען. ער זאָגט מיר צו אָנצושרייבן מיין משפחה וועגן פּראָצעס און דעם אורטייל.

צוויי פּאָליציאַנטן באַפעלן גיין מיט זיי. איך גיי. וואוהין? אָפּקומען 15 יאָר תפיסה — דעם רשעותדיקן אורטייל, וועלכן ס'האָט אויף מיר אַרויסגעטראָגן דער יוסטיץ־אַפּאַראַט פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע.

איך גיי. צוויי פּאָליציאַנטן פון רעכטס און פון לינקס. איך בין שוין נישט מער קיין געפאַרשטער, אויך נישט קיין באַשולדיקטער. איצט בין איך אַ פאַרמשפּטער פאַרברעכער. פופצן יאָר תפיסה.

איך טראַכט וועגן מיינע טייערע אין דער היים, דעם פאַראַלמנה'טן ווייב, די פאַריתומטע קינדער, וועגן מיין היימלאַנד און מיין באַוועגונג. איז מיר באַשערט די גזירה נישט צו זען זיי 15 יאָר צייט? באמת?

עס עפענען זיך פאַר מיר אייזערנע טויערן. איך גיין אַריין אינעווייניק. די טויערן שליסן זיך הינטער מיר.

די תפיסה פּאַנקראַץ.

אַרעסטאַנט נומער 2321

צוויי וואָכן געפֿין איך זיך אין דער תּפֿיסה פּאַנקראַץ. דאָ, ווייזט אויס, געפֿינט זיך דער צענטער פֿון רעגיסטרירן, סאָרטירן און עקספּעדירן אין פֿאַרשידענע ערטער פֿון לאַנד די פֿאַרמשפּטע אַרעסטאַנטן. דאָ ווערט באַשטימט דער גורל פֿון אַרעסטאַנט: צי וועט ער געשיקט ווערן אין אַן אָפֿענעם אַרבעטס־לאַגער, אָדער אין אַ געשלאָסענער תּפֿיסה; צי אין די גרובנס פֿון קוילן אָדער אוראַניום, צי אין אַ האַנטווערק אָדער אין באַשטימטע אינדוסטריעס אין די געשלאָסענע תּפֿיסות. איך בין פֿאַרשפּאַרט אין אַן אַלגעמיינער קאַמער. קרימינעלע פֿאַרברעכער און פּאָליטישע אַרעסטירטע זענען צונויפֿגעמישט. דאָס טשעכאָסלאָוואַקישע געזעץ אונטערשיידט נישט צווישן די צוויי קאַטעגאָריעס. איך הער פֿון זיי אַ ביסל נייעס. סטאַלין איז געשטאָרבן אין חודש מערץ היינטיקס יאָר. גאָטוואַלד איז געשטאָרבן, אומקערנדיק זיך פֿון דער לוויה אין מאָסקווע. די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען צווישן ישׂראל און דעם ראַטנפֿאַרבאַנד זענען איבערגעריסן. אין תּל־אָביב האָט מען געוואָרפֿן גראַנאַטן אין די אַמבאַסאַדעס פֿון פֿסס״ר און טשעכאָסלאָוואַקיע. וועגן ישׂראל ווייסן זיי נישט קיין סך. אייניקע פֿון די אַרעסטאַנטן ווייסן בלויז דאָס, אַז „אין ישׂראל שיסט מען זייער אָפֿט" — גרענעץ־אינצידענטן. דער רוב אַרעסטאַנטן, מיט וועמען איך פֿאַרברענג צוזאַמען אַ טאָג, אַ האַלבן, צוויי טעג — דאָס זענען גנבים, פֿאַרגוואַלדיקער, פּויערים וואָס האָבן עפּעס געטאָן אָדער נישט געטאָן קעגן דער קאָלעקטיוויזאַציע. אַ יונגער אַרבעטער, וואָס איז פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ יאָר תּפֿיסה „פֿאַר שעדיקן אין דער פּראָדוקציע". ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן איןזונטיק — זייער רוטאָג. ער האָט בעסער געוואָלט גיין אויפֿן פֿוסבאָל־פּלאַץ. צווישן די אַרעסטירטע — אַ ייִד, אייביקע תּפֿיסה. שוין אייניקע יאָר ווי ער איז פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה און ווערט איצט איבערגעפֿירט אין אַן אַנדערער תּפֿיסה. ער שטעלט זיך אַליין פֿאָר ווי אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער, וואָס איז געווען טעטיק קעגן רעזשים. מײַן אײַנדרוק, אַז ער איז פֿאַרמשפּט געוואָרן פֿאַר אַ נישט־פּאָליטיש פֿאַרברעכן.

דאָס עסן איז אונטער יעטוועדער קריטיק. דערנערונג פֿון אַ תּפֿיסה, וואָס דינט אַלס איבערגאַנג־סטאַציע. אין קאַנצעלאַריע פֿאַרשרייבט מען מיך

אין אַ דיקן בוך פון אַרעסטאַנטן, וואָס אַנטהאַלט זיכער צענדליקער טויזנ־טער נעמען. איך בין נאָך אַנגעטאָן אין ציווילער קליידונג. נאָכן פאַרשרייבן מיך, באַקום איך ווינטערדיקע אַרעסטאַנטן־קליידער. מען פירט מיך אַוועק אין דער רעזורע, וואָס געפינט זיך אין דער געביידע. דער פריזירער באַקומט אַ באַפעל מיר אַראָפּצונעמען אַלע האָר פון קאָפּ. דאָס איז דער גורל פון יעדן אַרעסטאַנט, פאַרמשפּט אויף אַ לענגערן תפיסה־אורטייל.

אין אַ געשלאָסענעם פּאָליציי־אויטאָ קום איך אָן צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע אַרעסטאַנטן — אין איינעם פון די אַרבעטס־לאַגערן איז טאָל יאַכימאָוו — (נעבן קאַרלסבאַד) — דער ראַיאָן פון די אוראַניום־גרובנס. די אַרעסטאַנטן זענען שטאַרק אַנטוישט. זיי ווילן ליבערשט אַנדערע אַרבעטן, איידער די, וואָס לויט זייער מיינונג „הרגעט זי אַוועק דאָס געזונט פונעם מענטש". מיין לאַגער איז איינער פון פיל אינעם ראַיאָן פון די גרובנס. אין די לאַגערן אַרבעטן טויזנטער אַרעסטאַנטן. זיי דערקלערן מיר, אַז דאָס אַרויסבאַקומען אוראַניום אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז אַ קלאַסישע באַשעפּ־טיקונג פון די אַרעסטאַנטן. די דירעקציע און באַאַמטע זענען נישט קיין אַרעסטאַנטן. דער לאַגער אין וועלכן איך בין אַריינגעפאַלן, איז נישט אַנגעשלאָסן אין אַ גרובן, נאָר צו אַן אונטערנעמונג, ווו מען רייניקט דעם אוראַניום. אַהער ווערט געברענגט דער אוראַניום פון אַלע גרובנס. פונדאַנען ווערט ער געשיקט מיט באַנען דאַרט, ווו מען שיקט אים. איך אַרבעט אין דער טאָג־שיכט אָדער אין דער נאַכט־שיכט. מען אַרבעט אַכט שעה. אויסער דער דאָזיקער אַרבעט מוז אויך דער אַרעסטאַנט אויספילן אַ ריי אַרבעטן אין לאַגער ביי מאָביליזאַציעס פון יעדן טאָג. קוים מיט צרות דערגייט דער אַרעסטאַנט צום לייענען אַ בוך. איך בין באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַר־בעטן: רייניקן אוראַניום, טרעגעריי, אויפלאָדן אויף די באַנען. דאָס עסן איז אַ גוטס. עס איז קענטיק די זאָרג פאַרן געזונט פון אַרעסטאַנט, רעכע־נענדיק זיך מיט די געפאַרן פאַר זיין געזונט, וואָס דערוואַרטן אים פון דער דאָזיקער אַרבעט. דער איבערגאַנג פון דער תפיסה רוזין אין דעם דאָזיקן אַרבעטס־לאַגער, איז ווי אַן איבערגאַנג פון גיהנום אין גן־עדן. ביסט נישט אָפּגעשלאָסן אין אַ קאַמער. ביסט פריי אַרומצוגיין — אין דער פרייער צייט — אין תחום פון לאַגער, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט. אַרבעטסט פּראָדוקטיוו — ביסט נישט איינזאַם. דו געפינסט זיך אין געזעל־שאַפט פון מענטשן — פּאָליטישע און קרימינעלע אַרעסטאַנטן. דיר איז דערלויבט צו לייענען אַ בוך און אויך אַ צייטונג.

מיט אומגעוויינלעכן אַפּעטיט לייען איך טאָג־טעגלעך די צייטונג און באַניי מיין אינטעלעקטועלן קאָנטאַקט מיט די וועלט־געשעענישן. גאָר זעלטן שטויס איך זיך אָן אויף אַ ידיעה פון ישראל אָדער וועגן ישראל. די אַרבעט אין די ערשטע טעג איז מיר זייער שווער — נאָך דעם אַלעמען וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט אין תפיסה רוזין. אין לאַגער געפינען זיך איבער הונדערט אַרעסטאַנטן. די באַדינגונגען (קיך, קליידער־מאַגאַזין, אַדמיניס־טראַציע), שטייען אין אין די הענט פון די אַלטע אַרעסטאַנטן. אַלס אויפזעער איבער יעדער באַדינונג איז באַשטימט אַ וועכטער. די שמירה פונעם לאַגער איז אַן אויסגעצייכנטע. יעדע שיכט וואָס גייט אַרויס צו דער אַרבעט און קערט זיך אום, אונטערליגט אַ מיליטערישן אַפּעל. דאָס גיין צו דער אַרבעט — אונטער אַ וואַך. אַזוי אויך די אַרבעט גופא. די אונטערנעמונג, וואָס גרענעצט מיטן לאַגער, איז אויך אַרומגענומען מיט אייניקע פּאַרצוימונגען פון שטעכל־דראָט און אָפּגעשניטן פון אַלע דורכגענג. דער רוב אַרעסטירטע זענען פּאָליטישע. נישט ווינציקע פון זיי, אומשולדיק ווי איך. איך שטויס זיך אָן אויף אַ ייד, אַ דאָקטאָר. ער האָט פּרובירט פּאַרלאָזן דאָס לאַנד אויף אַן אומלעגאַלן אופן. זיין שטראָף — 12 יאָר תפיסה. טאָג־טעגלעך שמועסן מיר אַ סך. אַזויווי איך בין אַ „גרינער", דערלאַנגט ער מיר אַ העלפנדיקע האַנט אין פאַרשידענע שטחים. פיל אַרעסטאַנטן זענען פאַראורטיילט געוואָרן אויף אייביקער תפיסה. קיין איינער פון זיי גלייבט נישט, אַז ער וועט ביזן סוף אָפּקומען די שטראָף פאַר די זינד — די ממשותדיקע אָדער די אויס־געטראַכטע. דער פאַרשפּרייטער גלויבן צווישן די אַרעסטאַנטן — קעגנער פון רעזשים אין זייער אַנטשידענער מערהייט — איז דער, אַז „פריער צי־שפּעטער וועט דאָס אַלץ אויפרייסן", דאָס הייסט, דער רעזשים וועט זיך איינברעכן. זיי קוקן אויס אַ נייע וועלט־מלחמה. זיי וואַרטן אויפן אַמעריקאַנער מיליטער „וואָס איז נישט ווייט פונדאַנען". דער ראַיאָן יאַכימאָוו גרענעצט זיך מיט מערב־דייטשלאַנד.

אין לאַגער איז פאַראַן אַ קלוב פאַר די אַרעסטאַנטן. דאָרט געפינען זיך פּעריאָדישע אויסגאַבן, אילוסטרירטע און פאַכמענישע. מען קאָן דאָרט שפּילן אין שאַך און ענלעכע שפּילן. יעדן זונטיק ווערט געוויזן אַ פילם פאַר די אַרעסטאַנטן. דעם טאָג קאָן מען אין קאַנטין באַקומען ביר, וואָס איז שטאַרק באַליבט ביי די טשעכן. דאָס עסן אַנטהאַלט פיל פלייש און גריב־וואַרג. ברויט — אָן באַגרענעצונגען. יעדן אַרעסטאַנט איז דערלויבט פאַר זיין געלט זיך צו קויפן אַ ליטער מילך. פיל פון די אַרעסטאַנטן שפּילן אין

לאַגער אין פוסבאַל. פאַראַן אויך אַן אַרעסטאַנטן־אַרקעסטער, וואָס שפּילט זונטיק אין קלוב פאַר די אַרעסטאַנטן. דער אַרבעטס־לוין איז אין אַלגעמיין נישט קיין שלעכטער — אין איינקלאַנג מיט דער פּראָדוקטיוויטעט און קאַטעגאָריע פון דער אַרבעט. יעדער סאָרט אַרבעט האָט זיך איר נאָרמע. דער לוין איז לויטן טאַריף פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. פון זיין לוין באַקומט דער אַרעסטאַנט אַ חודשלעך טאַשן־געלט אויף איינצוקויפן פּראָדוקטן אין דער קאַנטין. דער עיקר־לוין פון דער אַרבעט ווערט צעטיילט אויף דריי: דעקן די אויסגאַבן פאַרן אויפהאַלט; באַצאָלן די געריכטס־קאָסטן און געלט־שטראָפן; אָפּשפּאָרונגס־פאָנד פאַרן אַרעסטאַנט. אויך איז דעם אַרעסטאַנט דערלויבט צו שיקן דער פאַמיליע אַ באַשטימטע סומע פון זיינע אָפּשפּאָרונגען. די אַרעסטאַנטן זענען פאַרזיכערט אין אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג פון דער אַלגעמיינער נעץ פון דער מלוכהשער סאָציאַלער פאַרזיכערונג. אינעם לאַגער איז פאַראַן אַ גוט־איינגעריכטע אויסגעשטאַטעטע אַמבולאַטאָריע און אַפילו אַ קראַנקן־צימער פאַר לייכטע פאַלן. די אַמבולאַטאָריע באַדינט אַ דאָקטאָר־אַרעסטאַנט, וואָס פילט אויך אויס די פונקציע פון אַ פעלדשער. דער דאָזיקער לעבנסשטייגער איז כאַראַקטעריסטיש בדרך־כלל פאַר אַלע אַרעסטאַנטן־לאַגערן אין לאַנד.

מיר איז דערלויבט צו שרייבן אַ קורצן בריוו אַהיים אין דער דייטשישער שפּראַך. מיין ערשטער בריוו נאָכן פּראָצעס.

„מרדכי אורן 18.11.1953

מיין טייערע רעגאַ, טייערע פּועה און משה!

איך ווייס נישט צי מיין פּאַרטיידיקער האָט אייך געשריבן וועגן מיין פּראָצעס און פאַראורטיילונג. צום באַדויערן מוז איך אייך צוּוויסן געבן, טייערע, אַז דעם 9־טן אָקטאָבער בין איך דורכן העכסטן געריכט אין פּראַג פאַרמשפּט געוואָרן אויף 15 יאָר תפיסה. די ציוניסטישע טעטיקייט, מיט וועלכער איך האָב זיך פאַרנומען בעת מיינע פאַרשידענע באַזוכן אין טשעכאָסלאָוואַקיע זינט דעם יאָר 1945 — לטובת דעם יידישן פאָלק און זיינע אינטערעסן אין ארץ־ישראל און פאַר דער אַרבעטער־שאַפט — איז דורכן געריכט באַצייכנט געוואָרן אַלס מלוכה־פאַראַט (Hochverrat) און שפּיאָנאַזש. איך דאַרף דיר נישט זאָגן, טייערע, רעגאַ, אַז איך פיל זיך לגמרי אומשולדיק. מיינע ערשטע געדאַנקען, נאָכן דערהערן דעם אורטייל, האָבן זיך נישט באַשעפטיקט מיט מיין טרויעריקער, פּערזענלעכער לאַגע.

וועגן אייך, טייערע, האָב איך געטראַכט, אין אייער ווייטיק און אומעט, אַז איר וועט זיך דערוויסן וועגן מיין פאַראורטיילונג.

איך לעב אין אַ לאַגער. איך אַרבעט אויף דער פרישער לופט. איך געוויין זיך צו צו פיזישער אַרבעט. איך בין געזונט. אין דער פרייער צייט בענק איך אַ סך צו אייך. ווידער זענען פאַרביי אייניקע חדשים, זינט כ'האָב באַקומען דיין לעצטן בריוו, טייערע רעגאַ. ווי יעדער פאַרמשפּטער אַרעסטאַנט, איז אוודאי אויך מיר דערלויבט אַ באַזוך פון דער משפּחה. כ'וואָלט אייך זייער געוואָלט זען. און פונדעסטוועגן, איז נישטאָ אין דעם קיין שום לאָגיק, אַז צוליב אַ 20־מינוטיק געשפּרעך מיט דיר, זאָלסטו זיך אַרויסלאָזן אין אַזאַ ווייטער נסיעה, אַ פאַרבונדענע מיט נישט קליינע געלט־אויסגאַבן. איך בעט דיך און פועהן מיר שרייבן אָפטער און אַ סך איינצלהייטן. שיקט מיר בילדער (איין געמיינזאַם בילד). אויב דאָס איז מעגלעך, שיקט מיר פון צייט צו צייט פעקלעך גוטע זאַכן, דורך דער פאַרמיטלונג פון „רויטן קרייץ". צו משהן שיק איך אַ שפּע קושן צו זיין געבורטסטאָג וואָס פאַלט אויס אין דעצעמבער. שרייב מיר, רעגאַ, וואָס מאַכסטו, וואָס טוסטו, וואָס ווערט געטאָן פאַר מיינעטוועגן, זענט איר אַלע געזונט, וואָס מאַכט אונדזער חברה (דער קיבוץ), וויאַזוי איז היי־יאָר געווען דער שניט. האַרציקע גרוסן צו אונדזערע פריינד און קרובים. דיר, פועהן און משהן — קושן פון גאַנצן האַרצן.

אייער מרדכי"

נאָכן אָפּזיין אַ חודש אין לאַגער — באַקום איך אַן אַרויספאָר־באַפעל. צוליב אַן אייטערדיקער וווּנד אין פוס און הויכער היץ, שטעלט פעסט דער דאָקטאָר, אַז איך בין נישט טראַנספּאָרט־פעיק. איך האָב געהאַט אַ קליינעם פאַרפאַל ביי דער אַרבעט. מיר איז שווער צו גיין. פונדעסטוועגן מוז איך זיך לאָזן אין אַ ווייטן וועג: פון יאַכימאָוו אין טשעכיע — קיין לעאָפּאָלדאָוו אין סלאָוואַקיע. פון אַן „אָפענעם" אַרעסטאַנטן־לאַגער — אין אַ געשלאָסענער תפיסה. דער וועג איז אַ לאַנגער. מיינע עטאַפּן: פאַרשידענע תפיסות — קאַרלסבאַד, פּאַנקראַץ אין פּראַג, אָלמיץ, אילאַוואַ, לעאָפּאָלדאָוו. אין אילאַוואַ האָב איך זיך געניטיקט אין מעדיצינישער באַהאַנדלונג. דער דאָקטאָר וואָס האָט מיר איבערגעבונדן מיין וווּנד, האָט מיר איינגערוימט, אַז מיין נאָמען איז אים באַקאַנט. ער פרייט זיך צו זען מיך אַ לעבעדיקן. ער האָט מיר דערציילט, אַז פאַר זיין אַרעסט — פאַראַיאָרן — האָט ער אין איינער פון

די אוידיציעס פונעם „ראַדיאָ פון דער פרייער איירָאפּע" געהערט, אַז דער ישראלדיקער פּאָליטישער עסקן מרדכי אורן איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין די אינקוויזיציע־קעלערן פון תפיסה פּאַנקראַץ.

אויפן וועג פון פּראָג קיין לעאָפּאָלדאָוו הער איך פון מיין שכן — אַן אַרעסטאַנט, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון לעאָפּאָלדאָוו קיין פּראָג אויף אַ קורצער אויספאָרשונג און איצט קערט ער זיך צוריק צו זיין באַזע — וועגן לעבנס־שטייגער אין לעאָפּאָלדאָוו. אַ תפיסה־רעזשים. דאָרט זענען קאָנצענטרירט די מיט הויכע אורטיילן — פון צען יאָר ביז אייביקער תפיסה. די אַרעסטאַנטן זענען אָפּגעשלאָסן אין זייערע קאַמערן. די אַרבעט ווערט אַדורכגעפירט אין געשלאָסענע וואַרשטאַטן. יעדן טאָג אַ שפּאַציר אויפן תפיסה־הויף אין משך פון אַ האַלבער שעה.

די אַדמיניסטראַטיווע און אָרגאַניזאַציאָנעלע איינריכטונגען פון אי־בערפירן אַרעסטאַנטן פון איין תפיסה אין דער צווייטער, „קלאַפּן" אויפן סאַמע בעסטן אופן: פּאָליצייאישע אויטאָבוסן וואָס אויסערלעך זעען זיי אויס ווי ציווילע, אין באַוואָפנטער באַגלייטונג און פּאָליציי־הינט. מען נעכטיקט איבער אין די תפיסות אויפן וועג. עס איז קענטיק, אַז דאָס תפיסה־וועזן אין דער מדינה איז אַ זייער אַנטוויקלטער ווירטשאַפטלעכער צווייג, וואָס האָט דערגרייכט דעם סאַמע העכסטן אָרגאַניזאַציאָנעלן ניוואָ.

מיטן פאַרשרייבן מיך אין דער תפיסה־קאַנצעלאַריע, באַקום איך אַ נייעם נומער: 2321. לעאָפּאָלדאָוו איז אַ תפיסה. אַן אַרעסטאַנטן־ישוב, אַרומ־געריגנלט מיט מויערן. זיין אָפּשטאַם — אַ פעסטונג קעגן די טערקן פון דער תקופה פון לעאָפּאָלד דעם צווייטן, דעם קיסר פון עסטרייך. איצט, זאָגט מען מיר, ציילט דער ישוב אַ 1500—1600 אַרעסטאַנטן.

אַן אַנגענעמע איבעראַשונג. נאָכן פאַרשרייבן מיך און באַקומען די אויסשטאַטונג (אַרעסטאַנטן־קליידער, וועש, קאָלדרעס), ווער איך איבער־געפירט אין קאַמער. אין אַ ווילע אַרום עפנט זיך דאָס פענצטערל אין טיר. צוויי ווערטער אין עברית ווערן אַריינגעוואָרפן אינעווייניק: „שלום, אורן". דער באַגריסער איז איינער פון די אסירי־ציון, וואָס פאַר זיי האָב איך איג־טערווענירט פאַר מיין אַרעסט, אַ מיטגליד פון השומר הצעיר, דער לעצטער פאָרזיצער פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין טשעכאָסלאָוואַקיע. ער געהערט צו די אַרעסטאַנטן, וואָס זענען באַשעפטיקט ביי די באַדינונגען. זיי ווערן גערופן „קאָרידאָרלער". ער האָט מיך געזען, ווען כ'בין פאַרשריבן געוואָרן און באַקומען מיין אויסשטייער. די סיגאַרעטן האָבן זיך מיר אויסגע־

לאָזט אויפן וועג. אין אויגנבליק ברענגט ער מיר אַ פּעקל סיגאַרעטן און שוועבעלעך. צומאָרגנס קומט צו מיר אַן אַנדערער אַרעסטאַנט, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן פאַר ציוניסטישער טעטיקייט. ער האָט געהערט פון מיין קומען. ער דערלאַנגט מיר אַ סומע געלט (ספּעציעלע תפיסה־באַנקנאָטן) אויף איינצוקויפן זיך פּראָדוקטן אין דער קאַנטין. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די אַלטע יידישע אַרעסטאַנטן דערלאַנגען זייער הילף יעדן נייעם יידישן אַרעסטאַנט וואָס קומט אָן קיין לעאָפּאָלדאָוו. אין משך פון אייניקע טעג קען איך שוין די אַבסאָלוטע מערהייט יידן און ציוניסטן אין דער תפיסה. צווישן זיי, נאָך איינער פון די ציוניסטישע טוער פאַר וועמען כ׳האָב אינטערווענירט. פון די לייטער פון „קרן קימת לישראל״ און „הגנה״־קאַמפּיין אין דער תקופה פון באַפרייונגס־קריג.

איך שליס אויך באַקאַנטשאַפט מיט ד״ר גאָלדשטיקער, דעם געוועזענעם טשעכאָסלאָוואַקישן געזאַנדטן אין ישראל; מיט רישארד סלאַנסקי, דעם ברודער פון רודאָלף סלאַנסקי — און שטעל מיט אים איין פריינדשאַפטלעכע באַציונגען. איך באַקען זיך אויך מיט אַ ייד, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן פאַר קרימינעלע עבירות.

אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט אַרעסטאַנטן זענען „קאָלאַבאָראַנטן״, ד. ה. די וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיטן נאַצישן אָקופּאַנט. זיי זענען אַרעסטירט פון יאָר 1945 — אַכט יאָר. דער רוב פון זיי איז פאַרמשפּט אויף אייביקע תפיסה. צו דער גרופּע געהערן די פּרעמיער־מיניסטאָרן פון די מינכען־טעג און פון דער נאַצישער אָקופּאַציע (צווישן זיי: גענעראַל סיראָווי, דער „העלד פון זבאָראָוו״, אַ באַוווסטע געשטאַלט פון מאַסאַריקס תקופה). דאָ געפינט זיך די גרעסטע מערהייט מיניסטאָרן פון דער פאַשיסטישער, „זעלבשטענדיקער״ סלאָוואַקישער רעגירונג, די וועמען מען האָט נישט פאַרמשפּט אויף דער תליה אין דער באַפרייטער טשעכאָסלאָוואַקיע — און צווישן זיי, די טרויעריקע באַשעפענישן, וואָס האָבן צענדליקער טויזנטער סלאָוואַקישע יידן אויסגעליפערט אין היטלערס פאַרניכטונגס־לאַגערן. אויך פיל צענדליקער דייטשן, הויכע אָפיצירן פון דער נאַצישער געסטאַפּאָ, וואָס זענען געווען טעטיק אין טשעכאָסלאָוואַקיע אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע און געכאַפּט געוואָרן ביים סוף קריג אין טשעכאָסלאָוואַקיע אָדער אין אַנדערע לענדער. יוגאָסלאַווישע בירגער (צווישן זיי — אַ פּראָפעסאָר פאַר מאַטעמאַטיק אויף אַן אוניווערסיטעט אין טשעכאָסלאָוואַקיע), וואָס האָבן געלעבט און געאַרבעט אין טשעכאָסלאָוואַקיע און פאַרמשפּט געוואָרן אויף

לאַנגע יאָרן תפיסה פאַר שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש־טעטיקייט אין דינסט פון דער „פאַשיסטיש־טיטאָיסטישער כנופיה“. איין גריכישער בירגער — אַ פּאַרט־אַרבעטער. ער דערציילט וועגן צענדליקער גריכישע אַרבעטס־מענטשן, וואָס האָבן געקעמפט אַלס פּאַרטיזאַנער אין די בערג פון גריכנלאַנד און אַנטלאָפן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע — נאָכן זיג פון דער רעאַקציע אין גריכנלאַנד. זיי האָבן דאָ זוכה געווען צו אַ זייער פריינדלעכער באַציאונג, אַלע זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אויף אַרבעט. ווען אין גריכנלאַנד איז דערקלערט געוואָרן אַן אַמנעסטיע פאַר די פּליטים וואָס זענען גרייט זיך אומצוקערן אין זייער היימלאַנד, האָבן זיי באַשלאָסן צוריקצופאָרן אין זייער לאַנד און צו זייערע משפחות. ווען זיי האָבן זיך נאָך באַשעפטיקט מיט די צוגרייטונגען צוריקצופאָרן קיין גריכנלאַנד, זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן דורך דער טשעכאָסלאָוואַקישער זיכערהייט־פּאָליציי. אַלע זענען פאַרמשפּט געוואָרן פאַר „שפּיאָנאַזש און מלוכה־פאַראַט“.

דאָ זענען פאַרמשפּט צענדליקער גלחים, אַנטי־פאַשיסטן, וואָס זענען יאָרן געפייניקט געוואָרן אין די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. קאָמוניסטן, וואָס האָבן געקעמפט אין שפּאַניע. טשעכישע, סלאָוואַקישע, יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנד קעגן נאַצישן אָקופּאַנט אין סלאָוואַקיע.

הונדערטער אומשולדיקע אַרעסטאַנטן פייניקן זיך דאָ. הונדערטער טראַגעדיעס, אָנגעפּראָפּטע מיט ליידן און פּיין. הונדערטער צעבראָכענע לעבנס. הונדערטער פרויען און קינדער וויינען אין זייערע היימען.

אָבער הונדערטער אַרעסטאַנטן קומען אָפּ זייער שטראָף פאַר ממשות־דיקע פאַרברעכנס. טשעכישע פאַשיסטן. סלאָוואַקישע פאַשיסטן און די הענקער פון די יידן, ווי ד״ר מאַך, ד״ר קאָסאָ, געסטאַפּאָ־אָפיצירן, צענדליקער שפּיאָנען (אָן געענדזנפיסלעך). שפּיאָנען אין אַמעריקאַנער דינסט. שפּיאָנען אין ענגלישן דינסט. שליחים פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער, עמיגראַנטישער רעאַקציע וואָס איז טעטיק אין לאָנדאָן און וואַשינגטאָן. אָרגאַניזאַטאָרן פון קאָנטררעוואָלוציאָנערן אונטערערד, טעראָריסטן, אונטערצינדער פון סטויגן און אָרגאַניזאַטאָרן פון סאַבאָטאַזש אין די קאָלעקטיווע דערפער. קולאַקן־אונטערהעצער, גנבים, פאַרגוואַלדיקער, פאַרשווענדער פון געזעל־שאַפטלעכע געלטער, קאַסע־ברעכער.

אַלזאָ, די תפיסות אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע זענען אָנגעפּראָפּט, אָבער נישט נאָר מיט אומשולדיקע מענטשן. אין

„מיין" וואַרשטאַט אַרבעטן אַ 50 אַרעסטאַנטן. די מייסטע פון זיי זענען
פאַרמשפּט געוואָרן פאַר ממשותדיקע פאַרברעכנס: קרימינעלע צי פּאָליטישע.
ביי יעטוועדן פּאָליטישן רעזשים וואָלטן די דאָזיקע מענטשן באַקומען
האַרבע שטראָפן. פון די דאָזיקע פּופּציק, זענען זיבעצן מערדער. נישט קיין
מערדער צוליב פּאָליטישע טעמים, נאָר קרימינעלע רוצחים. צווישן זיי
געפינען זיך אַרעסטאַנטן מיט סטאַזש: 20 יאָר לעבן אין תפיסות. זיי זענען
פאַרשפּאַרט נאָך פון דער תקופה פון דער רעפּובליק פון ט. ג. מאַסאַריק.
זיי האָבן זוכה געווען צו אַ באַצייכענונג: „אַרעסטאַנטן פון אַלע רעזשימען".
זיי האָבן זיך געפונען אין תפיסה אין דער תקופה פון מאַסאַריק, אין די יאָרן
פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, און איצט — אין דער תקופה פון דער פאָלקס־
דעמאָקראַטיע. אייניקע פון די פּופּציק זענען שפּיאָנען. זיי האָבן זיך ממש
באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש קעגן זייער פאָטערלאַנד און לטובת דעם מערב.
אייניקע פון זיי האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אויפשטעלן אונטער־
ערדישע אָרגאַניזאַציעס און אין אָנזאַמלען געווער וואָס זאָל אין אַ שעת־
הכושר אָנגעווענדט ווערן קעגן רעזשים. דערווייל זענען נאָך אַ סך די
שונאים פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע אינעווייניק און אין דרויסן. מען
דאַרף נישט צווייפלען אין דעם עלעמענטאַרן רעכט פונעם רעזשים, וואָס
פאַרלייגט די פונדאַמענטן צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, צו פאַרטיידיקן
זיך — מיט אַ שטאַרקער האַנט פאַר די דאָזיקע פיינד זיינע.

אָבער צוזאַמען מיט די פּופּציק אַרעסטאַנטן זענען אויך פאַראַן אומ־
שולדיקע מענטשן. די קאָמוניסטישע דיפּלאָמאַטן: ד"ר גאָלדשטיקער,
ריכאַרד סלאַנסקי. די ציוניסטישע טוער. אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר
פאַר פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אַ טוער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, איך,
און אין דערבייאיקן וואַרשטאַט אַרבעטן דריי לעבן־געבליבענע פון סלאַנ־
סקי־פּראָצעס: די געוועזענע וויצע־מיניסטאָרן לאָנדאָן, היידא און לעבל.
און אויפן אָרט פון די דאָזיקע אומשולדיקע מענטשן וואָלטן דאָ באַדאַרפט
זיין פאַרשפּאַרט די פעלשער פון געזעץ און משפּט, די, וואָס באַשווינדלען
די פאָלקס־מאַסן אין זייער לאַנד און די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט.

די אַרעסטאַנטן זענען לגמרי אָפּגעריסן פון דעם וואָס ס'קומט פאָר
אין דער וועלט. זיי איז פאַרבאָטן צו לייענען צייטונגען. אַלס איינציקער
מקור פון ידיעות דינען די אַרעסטאַנטן, וואָס קומען צו אונדז פון די
אַרבעטס־לאַגערן, ווו לייענען צייטונגען איז דערלויבט. אַזוי איז מיר באַוווּסט
געוואָרן דאָס אויספירן דעם טויט־אורטייל איבער לאַווּרענטי בעריאַ. דער

אַרעסטאַנט האָט זיך דערמאָנט אויף אַ נעפּלהאַפטן אופן, אַז בעריאַ איז גע־שטעמפּלט געוואָרן נישט נאָר אַלס אימפּעריאַליסטישער אַגענט, נאָר אויך אַלס „פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר ברעכן די סאָציאַליסטישע געזעצגעבונג" אין ראַטנפאַרבאַנד. פון אַן אַנדערן אַרעסטאַנט, וואָס האָט געלייענט צייטונגען אין לאַגער אין דער ערשטער העלפט פון יאָר 1953, האָב איך וועגן סקאַנדאַל פון די יידישע דאָקטוירים אין ראַטנפאַרבאַנד און זיינע אַנטוויקלונגען. אַזוי האָב איך ערשט איצט געקאָנט דעשיפרירן די מיסטעריע פון די פיין־אויס־פאָרשונגען, וועמענס קרבן איך בין געווען אין תפיסה רוזין אין פעברואַר־אַפּריל 1953, ווען די אינקוויזיטאָרן פון דער זיכערהייט־פּאָליציי האָבן זיך איבער מיר איזדיעקעוועט טעג און נעכט און געפאָדערט פון מיר אַ ווידוי וועגן אַנטייל אין אָרגאַניזירן אַ „יידיש־נאַציאָנאַליסטישע אונטערערד" אין ראַטנפאַרבאַנד. איך פאַרשטיי, אַז דער סלאַנסקי־פּראָצעס און דער דאָקטוי־רים־סקאַנדאַל שטאַמען פון איין קוואַל: אויסנוצן דעם אַנטיסעמיטיזם פאַר די אינעווייניקסטע, פּאָליטישע ראַנגלענישן אין די סאָציאַליסטישע לענדער.

איך שמועס אַ סך מיט די אַרעסטאַנטן וואָס זענען געווען פאַרמישט אינעם סלאַנסקי־פּראָצעס: אינעם עצם מאָנסטער־פּראָצעס אָדער אין פיל קלענערע משפטים, וואָס זענען געווען ווי אָרעמס פונעם סלאַנסקי־פּראָצעס. דער רוב פון זיי זענען געווען עדות אויפן עפנטלעכן פּראָצעס און באַשולדיקטע אין געשלאָסענע משפטים, אַזוי ווי איך. אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס גופא בין איך אַנוועזנדיק געווען ביי אַ האַלבער שעה — בעת מיין אויפטרעטן אַלס „עדות". ערשט איצט האָב איך געקאָנט צונויפזאַמלען די גאַנצע אינפאָר־מאַציע וועגן גאַנג פון פּראָצעס — אויך פון אַרעסטאַנטן וואָס האָבן נאָכגע־פאָלגט דעם פּראָצעס לויט דער פּרעסע. ערשט איצט האָב איך מיר אַליין געקאָנט מאַכן גענוי אַ בילד פון דעם דאָזיקן שווינדלערישן פּראָצעס, ווי ס'איז מיר באַשערט געווען צו דערפילן אַן אויפגעצוווּנגענע ראָל. איך שמועס אַ סך מיט אַרעסטאַנטן, וואָס זענען געווען באַהאַוונט אין די ענינים פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער מדינה, צוליב זייער טעטיקייט אויף די וויכטיקסטע פּאָזיציעס.

סלאַנסקי און זיינע חברים זענען אומשולדיק. דאָס אויספירן דעם טויט־אורטייל איבער זיי איז בלויז אַ קאַלטבלוטיקער מאָרד. די מיינסטע עדות, פאַרשטייט זיך, זענען מצד דער פּראָקוראַטור; קיין פאַרטיידיקונג־עדות דערשיינען נישט אויף אַזעלכע פּראָצעסן. ווי מיר איז באַוווּסט פון

מיין פּראָצעס — זענען די אַרעסטאַנטן געפּייניקט געוואָרן און זייערע דער־קלערונגען זענען זיי דיקטירט געוואָרן דורך דער זיכערהייט־פּאָליציי. אַלע באַשולדיקונגען זענען געווען פאַלשע. אַלע מיינע מיטשמועסער רעדן מיט געלעכטער און ביטערן שפּאָט וועגן די פאַרשידענע באַשולדיקונגען: סלאַנסקי — דער טיטאָיסט; סלאַנסקי — דער ציוניסט; סלאַנסקי, דער שעדיקער אין דער סאָציאַליסטישערווירטשאַפט; סלאַנסקי — דער שול־דיקער אין טויט פון יאַן שווערמא און דער וואָס פּלאַנט צו ליקווידירן דעם פּרעזידענט גאָטוואַלד; סלאַנסקי — דער מערבדיקער אַגענט און שפּיאָן.

די פאָלקס־מאַסן, די מאַסן אַרבעטער, גלייבן נישט אין דעם פּראָצעס. זיי פילן און פאַרשטייען, אַז דער פּראָצעס איז געווען אַן אויסרעזשיסירטער שקר. נאָר דער מעכטיקער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט און דער אַלמעכטיקער־טעראָר־רעזשים צווינגען זיי אויף „צו זען" די שקר־פּראָצעסן ווי יושרדיקע משפּטים.

אָן שום ספק, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט דערפילט אַ גרויסע ראָל אין אויסרעזשיסירן דעם פּראָצעס. ער איז אויסן געווען אויסצורייניקן פון יידן די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און פון דער מדינה. אַזוי אַרום איז די פּאָליטישע אָנפירונג אַנטקעגנגעקומען די אַנטיסעמיטישע שטימונגען צווישן די אָפּגעשטאַנענע פאָלקס־שיכטן, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויפן נייעם רעזשים ווי אַ יידישן. דער פּראָצעס און אַלע זיינע באַגלייט־דערשיינונגען — דאָס רייניקן פון יידן דעם מלוכהשן און פּאַרטייאישן אַפּאַראַט — זענען אויסן געווען צו באַווייזן די רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע קרייזן, אַז דער זיך בויענדיקער רעזשים אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז אַ רעזשים פון טשעכן און סלאָוואַקן. דער טשעכאָסלאָוואַקישער קאָמוניזם האָט באַשלאָסן צו געווינען און איבערצובעטן די אַנטיסעמיטישע רעאַקציע. ער האָט דאָס פּרובירט טאָן דורך שטעמפּלען צענטראַלע יידישן קאָמוניסטן אַלס שונאים פון טשעכאָסלאָוואַקישן פאָלק, אַלס שונאים פון סאָציאַליזם, אַלס פאַרעטער, שעדיקער, שפּיאָנען, מערדער, ווי מיטאַרבעטער מיט די נאַציס — און אַראָפּגעהאַקט זייערע קעפּ.

עס זענען אַנטפּלעקט געוואָרן גרויסע עקאָנאָמישע דורכפאַלן אין דער סאָציאַליסטישער בויונג — נאַטירלעכע שוועריקייטן פון וווקס און אויפבלי און אויך טעותן אין דער צענטראַליסטישער פּלאַנירונג און פאַר־ווירקלעכונג. די פאָלקס־מאַסן מורמלען אויפן נידעריקן לעבנס־ניוואָ. די אַנטיסעמיטישע פּראָצעס־רעזשיסערן האָבן געפונען דאָס כפּרה־הינדל:

וועו איז שולדיק אין די ווירטשאַפטלעכע דורכפאַלן? ווער איז שולדיק אינעם נידעריקן, געפאַלענעם לעבנס־ניוואָ פון די פאָלקס־מאַסן? די יידן. די ציוניסטן. סלאַנסקי, מרגליות, כץ, לעבעל און אַנדערע. און אויך אייניקע נישט־יידן (קלעמענטיס, פראַנק), וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט דעם ייד און ציוניסט סלאַנסקי.

אַן אַנטיסימיטישע תחבולה וואָס דאַרף זיין אַ בושה פאַר אַ סאָציאַליסטישער מדינה.

דער סלאַנסקי־פּראָצעס האָט געהאַט פאָזיטיווע אָפּקלאַנגען בלויז ביי איין קאַטעגאָריע אַרעסטאַנטן: צווישן די אויסגעשפּראָכענע שונאים פון רעזשים, צווישן די אַרעסטאַנטן, געשוווירענע שונאי ישראל. סוף־כל־סוף, האָבן זיי געזאָגט, האָבן מיר זיך באַפרייט פון דער יידן־הערשאַפט. זיי האָבן אונדז געבראַכט דעם קאָמוניזם. היטלער איז געווען גערעכט, אומברענגענדיק מיליאָנען יידן. אַ שאָד, וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן די מלאכה. מיר האַסן דעם קאָמוניסטישן רעזשים, אָבער אַ יישר־כוח אים אין דער מאָס, וואָס ער הייבט אונדז אָן רייניקן פון דער יידישער פּלאָג.

די אַנטיסעמיטישע רעאַקציע — צווישן די אַרעסטאַנטן און אָן שום ספק אויך איבערן גאַנצן לאַנד — האָט דערגרונטעוועט די מיינונג פון די רעזשיסאָרן פונעם סלאַנסקי־פּראָצעס. זי איז אָבער פאַרבליבן דער געשוווירענער שונא פון רעזשים.

צוויי און אַ האַלב יאָר — פון נאָוועמבער 1953 ביז מאַי 1956 — איז מיר באַשערט געווען צו פייניקן זיך צווישן די ווענט פון דער דאָזיקער ריזיקער תפיסה, טויזנטער קילאָמעטער ווייט פון מיין היימלאַנד, פון מיין משפחה און פון מיין באַוועגונג. אַ גראָ, דערדריקנדיק לעבן פון אַן אַרעסטאַנט. אין אָנגעלאָדענער גאַרונג נאָך פרייהייט, נאָך דער משפחה, נאָכן פאַטערלאַנד.

איך טו פאַרשידענע אַרבעטן: רייניקן פעדערן, אויסאַרבעטן פּאַפּירוועק און שטריק צו בינדן סנאָפּעסביים שניט אין פעלד, שיילן ציבעלעס פאַר קאָנסערוון־פּראָדוקציע, צוגרייטן צעלאָפאַן־דעקלעך פאַר קאָנסערוון־באַנקעס. איך באַמי זיך צו זיין אַ גוטער אַרבעטער. פיל פון די אַרעסטאַנטן זענען אַנטיסעמיטן. זיי פאַרשפּרייטן זייער תורה, אַז יידן — אומעטום אויף דער וועלט און אויך אין ישראל — קאָנען נישט און ווילן נישט אַרבעטן. איך אַרבעט צוזאַמען מיט אַ ציוניסטישן טוער. ביידע באַווייזן מיר פיל

איבערצושטייגן די אַנגענומענע נאָרמע. די אַרעסטאַנטן רופן אונדז „דער ציוניסטישער קאָאָפּעראַטיוו". איך באַפריינד זיך מיט די ציוניסטישע טוער און מיט סתם־יידן (צווישן זיי — איינער פון „אגודת ישראל״), מיט אומשול־דיקע קאָמוניסטן — יידן און נישט־יידן. מיר קעמפן מיטן אַנטיסעמיטיזם, וואָס בליט צווישן די אַרעסטאַנטן. איך שטויס זיך אויך אָן אויף אַ סלאָוואַ־קישן וועכטער, אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט. אין רעזולטאַט פון מיין קאַמף מיטן אַנטיסעמיטישן וועכטער באַקום איך — און נישט ער — אַ דיסציפּלינאַר־שטראָף: פיר טעג קאַרצער.

אין די שעהן נאָך דער אַרבעט זענען מיר אָפּגעשלאָסן אין אונדזערע קאַמערן. צייטנווייז בין איך פאַרשפּאַרט אין אַ קאַמער פון צוויי. טיילמאָל אין אַ קאַמער פון צוועלף, אין אַ קאַמער פון פערציק, אַ געוויסע צייט — אין אַ קאַמער פון זעכציק אַרעסטאַנטן. נישט תמיד זיץ איך אין איין קאַמער מיט מיינע פריינד. אין די דאָזיקע צייטן טרעף איך זיך מיט זיי אין די וואַר־שטאַטן און בעתן טאָג־טעגלעכן שפּאַציר אויפן הויף. לעצטנס איז דאָ אָהער־געקומען — פון אַן אַנדערער תפיסה — דער דריטער פון די ציוניסטישע עסקנים, פאַר וועמען כ'האָב אינטערוועניִרט האַרט פאַר מיין אַרעסט. וועגן דעם פערטן פון זיי — אַ חבר פון השומר הצעיר — הער איך פון גענעראַל סיראָווי, געוועזענער פּרעמיער און מיניסטער פאַר נאַציאָנאַלער פאַרטיידי־קונג אין דער תקופה פון מינכען. ער איז מיט אים געזעסן צוזאַמען אייניקע חדשים אין איין קאַמער אין רוזין. די מיינסטע פרייע צייט — נאָך אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג — גיב איך אַוועק פאַר לייענען שיינע ליטעראַטור, וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור. סוף־כל־סוף געפין איך צייט ווידער צו לייענען מאַרקס „קאַפּיטאַל", די פּאָליטישע פּובליציסטיק פון מאַרקס און ענגעלס. איך לייען טשעכיש, סלאָוואַקיש, דייטש. איך הייב אָן לייענען רוסיש.

איך הייב אָן אַ „פּאָליטישן" קאַמף מיט דער תפיסה־דירעקציע און מיטן אינערן־מיניסטעריום, וואָס אים אונטערליגן די תפיסות, פאַר די רעכט צו באַקומען העברעישע ביכער פון ישראל, וועגן רעכט איינצולאַדן אַ פאַרשטייער פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט ער זאָל מיך באַזוכן. וועגן אַ דערלויבעניש איבערצוזעצן אין עברית — פאַרן פאַרלאַג „ספרית פועלים" אין ישראל — דעם צווייטן און דריטן טייל פון „קאַפּיטאַל". מיינע ווענדונגען שטויסן זיך אָן אויף סיסטעמאַטישע אָפּזאָגן סיי פון דער תפיסה־דירעקציע, סיי פון אינערן־מיניסטעריום. מיט דער אונטערשריפט פון וויצע אינערן־מיניסטער — ער איז, ווייזט אויס, דער ממונה איבער דער זיכערהייט־פאַ־

ליצײ — װאַרפֿט אָפּ דאָס אינערן־מיניסטעריום מײַנע בקשות, אַלס קעגנזעצ־לעכע די תפיסה־פֿאַרשריפֿטן. װאָס איז דער מײן פֿון דעם דאָזיקן ענטפֿער אויף מײן מעמאָריאַל? אָן ענטפֿער, געחתמעט דורך אַ װיצע־מיניסטער פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָװאַקײַ?

זײַן באַטײַט — אין פּשוטע װערטער, — איז:

א) יעדן אײנעם פֿון די טשעכישע, סלאָװאַקישע, דײַטשישע און אונ־גאַרישע אַרעסטאַנטן, פֿאַרשפּאַרטע אין די תפיסות פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָ־קראַטישער טשעכאָסלאָװאַקײַ, איז דערלויבט צו לײענען ביכער אין זײַן נאַציאָנאַלער שפּראַך — פֿון דער תפיסה־ביבליאָטעק — און אַזױ אַרום אָנהאַלטן זײַן קאָנטאַקט מיט זײַן נאַציאָנאַלער קולטור. דאַקעגן אויף א ישראל־דיקן אַרעסטאַנט איז מען גוזר נישט נאָר אָפּצוקומען אַ שטראָף פֿאַר אויס־געטראַכטע פֿאַרברעכנס, נאָר אויך איבערצורײַסן יעדע פֿאַרבינדונג מיטן שטײַגער פֿון זײַן פֿאָלק און זײַן קולטור. מען איז אויף אים גוזר צו פֿאַר־געסן ביסלעכװײַז זײַן שפּראַך;

ב) אין קעגנזאַץ צום אָנגענומענעם אינטערנאַציאָנאַלן מנהג, אין קעגנזאַץ צו די קאָנסולאַרע אָפּמאַכן, פֿאַרװערט מען אַ ישראלדיקן אַרעס־טאַנט אין משך פֿון די יאָרן װאָס ער איז פֿאַרשפּאַרט, צו געניסן פֿון אַ באַזוך פֿון אַ פֿאַרשטײער פֿון זײַן געזאַנדשאַפֿט;

ג) אין די תפיסות פֿון אַ פֿאָלקס־דעמאָקראַטיש לאַנד איז פֿאַרבאָטן אַז אַ ישראלדיקער אַרעסטאַנט זאָל זיך אָפּגעבן מיט איבערזעצן מאַרקס „קאַפּיטאַל" אויף העברעיש.

אָנהײבנדיק פֿון יאַנואַר 1955 — דאָס פֿערטע יאָר פֿון מײַן אַרעסט — איז יענע אַרעסטאַנטן פֿון לעפּאָלדאָװ, װאָס האָבן אויסגעפֿילט װינציקסטנס 100% פֿון זײער אַרבעטס־נאָרמע, דערלויבט צו לײענען צײַטונגען און זיי אַבאָנירן. דעם 9־טן מאַי 1955 — דעם יום־טוב־טאָג פֿון באַפֿרײַען די מדינה — איז באַשטימטע קאַטעגאָריעס אַרעסטאַנטן געגעבן געװאָרן אַן אַמנעסטיע. זי איז חל געװען אויף שפּיאָנען און פֿאַרעטער ממש, און נישט אויף מענטשן װי איך, װאָס זענען אומשולדיק פֿאַרמשפּט געװאָרן. די אַמ־נעסטיע־דערקלערונג איז באַגלײט געװאָרן מיט אַ דעקלאַראַציע פֿון יוסטיץ־מיניסטער, אין װעלכער ס'איז געזאָגט געװאָרן, אַז די פֿאָלקס־דעמאָ־קראַטישע טשעכאָסלאָװאַקײַ פֿירט זיך מיט אירע אַרעסטירטע לויט די פּרינציפּן פֿון „סאָציאַליסטישן הומאַניזם".

במשך צוויי און אַ האַלב יאָר לעבן אַלס אַרעסטאַנט אין לעאָפּאָלדאָוו, האָב איך באַקומען אַן אַנשוילעכע לעקציע וועגן מהות פון „סאָציאַליסטישן הומאַניזם", אַזוי ווי ער ווערט אָנגעווענדט דאָ, אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק.

צו די דריי אויבנדערמאָנטע ביישפּילן פון „סאָציאַליסטישן הומאַניזם", דאַרף מען אויך צורעכענען דעם פאַקט, אַז פיל בריוו פון מיין פרוי און קינדער דערגייען נישט צו מיר; אַז די מיינסטע בריוו מ״נע דערגייען נישט צו זיי — דאָס ווערט מיר קלאָר פון די בריוו, וואָס איך האָב זוכה געווען יאָ צו דערהאַלטן.

איך ראַנגל זיך, אַן דערפאָלג, פאַר די מענטשלעכע רעכט פון אַ פאַרמשפּטן אַרעסטאַנט.

איך הייב אָן אַ קאַמף פאַר רעווידירן מיין פּראָצעס, פאַר באַפרייען מיך דורך יעדן מעגלעכן וועג און אפילו דורך אַן אמנעסטיע — מיט דער טענדענץ צו באַווייזן מיין גערעכטיקייט און צו אַנטפּלעקן דעם שווינדל וועמענס קרבן איך בין געווען — נאָכדעם ווי כ׳וועל זוכה זיין באַגנעדיקט צו ווערן.

איך שרייב אויספּירלעכע מעמאָריאַלן צום פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, צום יוסטיץ־מיניסטער, צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. יעדן אַרעסטאַנט איז דער־לויבט — לויט אַ דערלויבעניש פונעם תפיסה־לייטער — צו שרייבן אין זיין ענין בריוו, פּראָטעסטן, מעמאָראַנדומס צו די אָפיציעלע מדינה־אינ־סטאַנצן. די דאָזיקע אַרעסטאַנטן־רעכט נוץ איך אויס אויף אַ זייער אינטענ־סיוון אופן. אַלע עטלעכע חדשים שיק איך בריוו און ווענדונגען צו די אויבנדערמאָנטע פּערזענלעכקייטן און אינסטאַנצן. איך שילדער דעם ווערט פון דער געריכטלעכער פּראָוואָקאַציע, וועמענס קרבן איך בין געווען. איך פאָדער אַ רעוויזיע פון מיין פּראָצעס. איך פאָדער מיין באַפרייונג — דורך באַנייען מיין פּראָצעס אָדער דורך וועלכן עס איז אַנדערן וועג.

מאַי 1955. די פּרעסע ברענגט אַן איבעראַשנדיקע נייעס, ממש אַן אויפרייס — דער באַזוך פון כרושטשאָוו און בולגאַנין אין בעלגראַד. כרושטשאָוו הייבט אָן זיין רעדע אויפן פלי־פּלאַץ מיט די ווערטער: „טייע־רער חבר טיטאָ". אין דער בשותפותדיקער דעקלאַראַציע ווערט גערעדט וועגן פּרינציפּ פון סוווערעניטעט אין די באַציונגען צווישן די סאָציאַליסטישע

לענדער און וועגן דעם רעכט פון יעדן פֿאָלק צו באַשטימען זיין וועג אין פֿאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם.

הייסט עס, דער ראַטנפֿאַרבאַנד בעט איבער טיטאָס יוגאָסלאַוויע. כרושטשאָוו פֿראָקלאַמירט פֿאַר דער גאַנצער וועלט די שולד פון ראַטנ־פֿאַרבאַנד אינעם ריס מיט יוגאָסלאַוויע („דער פּראָוואָקאַטאָרישער פּלאַן פון בעריאַן"). אַלזאָ, אין יאָר 1948 איז טיטאָ נישט געווען קיין פֿאַשיסט. ער האָט געוואָגט צו בונטעווען זיך קעגן דיקטאַטן פון סאָוויעטישער אַנגעוואָרפענער הערשאַפֿט. ער האָט געוואָגט צו פֿאָדערן — טעאָרעטיש און פּראַקטיש — פּאָליטישע און עקאָנאָמישע סוווערעניטעט און די רעכט פריי צו געשטאַלטיקן דעם יוגאָסלאַווישן וועג צו פֿאַרווירקלעכן דעם סאָ־ציאַליזם. דער ראַטנפֿאַרבאַנד איז משלים מיטן „טיטאָיזם", אַלס אַ לעגיטי־מער וועג אין סאָציאַליסטישן לאַגער.

איך — אויך אַלע ארעסטאַנטן, ציוניסטן און קאָמוניסטן — זענען זייער אויפגערודערט פון דער איבערראַשנדיקער געשעעניש. דאָס איז דער דריטער שפּאַלט וואָס האָט זיך געוויזן אינעם בנין פון די שקרים־פּראָ־צעסן, וואָס מיר זענען זייערע קרבנות. דער ערשטער שפּאַלט איז געווען די ליקווידירונג פונעם סקאַנדאַל פון די יידישע דאָקטוירים אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד (1953). דער צווייטער — דער טויט־אורטייל איבער בעריאַן, אַלס דעם פֿאַראַנטוואָרטלעכן פֿאַרן „רעזשים פון ברעכן די סאָציאַליסטישע געזעצגעבונג" אין פּסס"ר (1954). און איצט (מאַי 1955) איז דורך אַ צענטראַלער פּערזענלעכקייט אין ראַטנפֿאַרבאַנד אויפגעדעקט געוואָרן די געשפּענסטיקע געשטאַלט פון דעם בלבול קעגן טיטאָ.

דער דאָזיקער בלבול האָט פֿאַרנומען אן אַנטשיידנדיקן פּלאַץ אין דער פֿעלשונג־אַקציע פון סלאַנסקי־פּראָצעס, אין די „ווידויים" פון די באַשולדיקטע, אין די דערקלערונגען פון די עדות־אנוסים. אויך אין מיין „עדות־זאָגן".

אַלזאָ, די מילן פון אמת מאָלן לאַנגזאַם, נאָר דאָך מאָלן זיי.

צווישן די קאָמוניסטישע אַרעסטאַנטן קורסירן קלאַנגען — אויפן גרונט פון אָנצוגעהערענישן אין בריוו פון דער היים — וועגן אַ רעוויזיע פונעם סלאַנסקי־פּראָצעס און זיינע אָפּצווייגן.

סעפּטעמבער 1955 באַזוכן מיך אין לעאָפּאָלדאָוו צוויי אויספֿאָרשער. בערך צוויי שעה פֿאָרשן זיי מיך. זיי גיבן מיר אָנצוגעהערן, אַז ס'איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צוצוגרייטן מאַטעריאַל צו אַ רעוויזיע

פון מיין פּראָצעס. אין זייערע הענט געפינען זיך די אויספאָרשונג־פּראָ־טאָקאָלן פון מיין אַרעסט אין רוזין. איך מאַך צונישט — צו זייער געקינ־צלטער איבעראַשונג — איין פּראָטאָקאָל נאָכן אַנדערן. עס דערגייט צו אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש צווישן אונדז אויף דער טעמע: דער ווערט פון סאָציאַליסטישן צדק און משפט אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע. זיי זענען פון מיר זייער אַנטוישט. זיי זענען אויסן געווען, ווייזט אויס, צוגרייטן דעם באָדן נישט צו אַ רעוויזיע פון מיין פּראָ־צעס, נאָר צו אַן אַמנעסטיע — מיטן באַדינג פון מודה זיין זיך אין פאַר־ברעכנס, וועלכע מען האָט מיר צוגעשריבן אין רוזין. דאָך גיבן זיי מיר אַנצוזעהערן, אַז די קריסמעס וועל איך פייערן אין דער היים.

אין די „הויכע פענצטער" האָט מען זיך גיך איבערגעלייגט דעם ענין.

סוף דעצעמבער האָב איך אַ נייעם באַזוך — אַ קאָלאָנעל פון דער זיכערהייט־פּאָליציי. ער מעלדעט מיר, אַז ער איז ספּעציעל געקומען פון פּראָג. ער זאָגט מיר אָן די בשורה, אַז עס וועט נישט זיין קיין שום רעוויזיע פון מיין פּראָצעס. — „איר זענט דורכן העכסטן געריכט פאַרמשפּט געוואָרן אויף 15 יאָר תּפיסה. מיט דעם איז די זאַך געענדיקט". ער ווייזט אַרויס פיל קענטעניש אין חשבון: — איר זענט שוין געזעסן 4 יאָר. איר דאַרפט נאָך זיצן 11 יאָר. — מיין ענטפער, אַז כ׳בין זיכער, אַז כ׳וועל זיצן פיל ווייניקער פון 15 יאָר. איך זאָג אים, — אין דער אַנוועזנהייט פון די לייט־טער פון תּפיסה, מיין מיינונג וועגן די מעשים פון דער זיכערהייט־פּאָליציי און פון געריכטלעכן אַפּאַראַט פון דער נייער טשעכאָסלאָוואַקיע. איך דריק פאַר אים אויס מיין גלויבן, אַז פריער צי שפּעטער וועל איך זיך אומקערן אַהיים און אויף מיין אָרט וועלן קומען די וואָס האָבן מיך געפּייניקט אין דער תּקופה פון די אויספאָרשונגען און מיך פאַרמשפּט.

דער פּאָליציי־קאָלאָנעל גיט מיר צו וויסן, אַז איך באַלעסטיק צופיל די אינסטאַנצן מיט מיינע פאַרשידענע מעמאָריאַלן. אַז מיינע ווענדונגען זענען פול מיט באַליידיקונגען פאַר דער זיכערהייט־פּאָליציי. פון זיינע רייד לערן איך, אַז מיינע מעמאָריאַלן זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אין די פּאָליציי־אַמטן און בכלל נישט איבערגעגעבן געוואָרן צו זייער באַשטימונג. ער מעלדעט מיר, אַז פון איצט אָן וועט מיר זיין פאַרבאָטן צו שרייבן ווענ־דונגען צו אָפיציעלע פּערזאָנען און אינסטאַנצן. אויסער דעם איז ער אויף מיר גוזר — אַנהייבנדיק פון היינט — איזאָלאַציע.

איינער פון די אָפיצירן פירט מיך איבער אין דעם בנין, וווּ אַרעס־

טאָגטן פּייניקן זיך אין איינצל־אַרעסט. איך פאַרשטיי, אַז כ׳בין באַשטראָפט געוואָרן פאַרן אינהאַלט פון די פאַרשידענע מעמאָריאַלן, ווייל איך האָב געוואַגט צו שטעמפּלען די זיכערהייטס־פּאָליציי און דעם געריכטלעכן אַפּאַראַט, און פאַר מיינע אָפענע, באַליידיקנדיקע רייד בעת דער באַגעגעניש מיטן פּאָליציי־קאָלאָנעל, דעם שליח פון פּראַג. אויפן וועג אין מיין נייער אכסניה פרעג איך דעם אָפיציר וואָס פירט מיך, ווי לאַנג קאָן דויערן די שטראָף פון איינצל־אַרעסט וואָס איז איצט אויף מיר אַרויפגעלייגט גע־וואָרן. ער זאָגט: — מעגלעך, אַז דאָס איז אַ שטראָף אויף דער גאַנצער צייט פון אייער אַרעסט.

סוף דעצעמבער 1955.

בריוו פון לעפּאָלדאָוו*

11.12.1953

מרדכי אורן

נומ׳ 2321

מיין טייערע רעגאַ,

„איך ווייס נישט צי האָסט באַקומען מיין בריוו פון אַרבעטס־לאַגער, וווּ איך בין געווען אַ חודש צייט. דעם 9־טן אָקטאָבער ד. י. בין איך דורכן העכסטן געריכט אין פּראַג פאַרמשפּט געוואָרן אויף 15 יאָר תפיסה, פאַר מלוכה־פאַראַט און שפּיאָנאַזש. אַזוי איז באַצייכנט געוואָרן מיין פּאָליטיש־ציוניסטישע טעטיקייט, מיט וועלכער כ׳האָב זיך פאַרנומען — לטובת מיין פאָלק און זיין אויפלעבונג און לטובת דעם אַרבעטער־קלאַס אין ישראל — בעת די פאַרשידענע באַזוכן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. איך האָף, טייערע רעגאַ, אַז די דאָזיקע טרויער־בשורה וועסטו אויפנעמען מיט דער שטיל־קייט און זעלבסטווירדע, וואָס האָבן באַצייכנט אויך מיין האַלטונג, ווען עס איז מיר געלייענט געוואָרן דער פּסק־דין. דאָס פאָדער איך פון דיר, דער פרוי פון אַ קעמפער, ווען עס איז באַשערט צו פּייניקן זיך צוליב זיין טריישאַפט. דאָס בעט איך פון דיר, אַלס חברטע אין דער אָנפירונג פון

*) דאָ ווערן געבראַכט בריוו אָדער פראַגמענטן פון בריוו, וואָס האָבן באַוויזן אָנצוקומען צו מיר אַהיים. פיל געשריבענע בריוו זענען נישט אָנגעקומען.

דער באַוועגונג, וואָס צוליב איר נאָמען, אירע פרינציפּן און אויפטו — פייניק איך זיך.

איך דאַרף דיר נישט זאָגן, אַז איך פיל זיך אינגאַנצן אומשולדיק. מיין זיכערקייט איז פעלזנפעסט, אַז פריער צי שפּעטער וועט מיין גערעכ־טיקייט אַרויס אויף דער ליכט. איך גלויב, אַז ישראל און איר אַרבעטער־באַוועגונג וועלן מיך נישט פאַרגעסן און אַלץ טאָן, כדי צוזיילן מיין באַ־פרייאונג און דעם צוריקקער אַהיים. דו מעגסט צווויסן טאָן אַלעמען, אַז כ׳בין געבליבן טריי. ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, וועל איך אויך אין דער צוקונפט זיין אַ פּאַטריאָט פון מיין פאָלק און זיין רענעסאַנס־ווערק אין ישראל, אַ פּאַטריאָט פונעם אַרבעטער־קלאַס אין ישראל און זיין אוואַנ־גאַרד — מפּ״ם״.

„טייערע רעגאַ, רעגאַ, עס זענען פאַריבער 4 — 5 חדשים, נישט באַקומענדיק פון דיר וועלכן ס׳איז בריוו. מיר איז זייער שווער צו פאַרשטיין דעם באַטייט פון דער זאַך. איך וויל האָפן, אַז ס׳איז דיר און אונדזערע טייערע קינדער גאָרנישט געשען״.

„...איך געפין זיך שוין נישט אין אַרבעטס־לאַגער, פונוואַנען כ׳האָב דיר געשריבן דעם לעצטן בריוו. דער קלימאַט דאָ איז אַ לייכטערער, וואָס פאַר אַ צוגעוווינטן צו אַ סוב־טראָפּישן קלימאַט, איז עס זייער וויכטיק. אויך די אַרבעט איז אַ פיל לייכטערע. יעדן טאָג געפין איך זיך אַביסל אויף דער פרישער לופט. די אַרבעט האָט מיר צוריקגעקערט דאָס געפיל פון מענטשלעכן כבוד. איך דערמאָן זיך דאָס וואָרט פון פ. ענגעלס, אַז אַדאַנק דער אַרבעט איז די מאַלפּע געוואָרן מענטש. איך בין אַבסאָלוט געזונט. איך בין נישט קראַנק געווען פאַר דער גאַנצער צייט. דאָס עסן איז גענוג. וועסט אָבער גוט טאָן, אויב וועסט זיך באַמיען אַרויסצובאַקומען — אויפן אָפיציעלן וועג — אַ דערלויבעניש צו שיקן מיר דורך דער פאַרמיטלונג פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט אין פּראָג פּעקלעך קוואַליטאַטיווע שפּייז־פּראָדוקטן ((פעטסן, ווייסל, צוקער, פרוכטן אדג״ל). דאָסזעלבע בנוגע העברעישע ביכער. נאָך דער אַרבעט לייען איך — טשעכיש. איך וועל אויך אָנהייבן לייענען רוסיש. נאָר איך פיל דעם מאַנגל פון ביכער אין מיין שפּראַך. כ׳בין אין אַ גוטער שטימונג. אמת, מיין פרייהייט איז מיר צוגענומען געוואָרן, אָבער גייסטיק פיל איך זיך אַ פרייער מענטש. כ׳בין נישט אומגליקלעך. נאָר ווען איך טראַכט וועגן אייך און אייער גייסטיקן צושטאַנד, ווען איך קלער, אַז מען האָט פון דיר צוגענומען דעם מאַן און

פון די קינדער — דעם טאַטן, וועט מיר טרויעריק אויף דער נשמה. טאָג און נאַכט בענק איך נאָך אייך אין טיפער ליבע..."

אייער מרדכי

(איבערזעצט פון דייטש)

מרדכי אורן 18.3.1954
נומ׳ 2321

„מיינע טייערע רעגאַ, פועה און משה!

עס איז מיר דערלויבט געוואָרן שרייבן צו אייך אין אונדזער העברעיש לשון. זיכער וועט איר זיך מיט דעם פרייען — ווי איך. אייערנעכטן — צו מיין געבורטסטאָג — האָב איך צו מיין גליק און פרייד באַקומען בריוו פון אייך. נאָך היינט האַלט אָן מיין פייערלעכע שטימונג. אויסער דעם האָב איך באַקומען די ערשטע געשריבענע זיסע ווערטער פון משהן. כ׳האָב זיך זייער געפרייט מיט אייערע בילדער. שרייבט ווייטער אין די זעלבע טערמינען וואָס ביז איצט, נאָר אויף גרעסערע בויגנס פּאַפּיר. איך בין זייער געזונט. נישט געהאַט אַפילו קיין איין קראַנקן טאָג. די לונגען זענען געזונטע. איך בין אויך שטאַרק אויף מיינע נערוון, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און פאַרדינען אַן אויסצייכענונג. באַשולדיקט מיך נישט וואָס איך שרייב ווינציק. איך האָב געשריבן יעדעס מאָל, ווען מען האָט מיר דערצו געגעבן די דערלויבעניש. פון אייערע בריוו לערן איך אַז אייניקע בריוו מיינע פון פאַראַיאָרן (איינער פון זיי אין ענגליש, צו פועהן), איז צו אייך נישט דערגאַנגען — און אַ שאָד.

יעדער בריוו אייערער איז פאַר מיינעטוועגן אַ קוואַל פון דערמוטיקונג. וואָרט נישט פון מיר אויף אַ סך בריוו. איצט איז מיר דערלויבט צו שרייבן צו אייך איינמאָל אין דריי חדשים. פון אייערע בריוו שעפּ איך פיל כוח. זיי זענען אויך דער איינציקער מקור פאַר מיינע פריידן און געפילן פון גליק אין מיין גראָער וועלט. אויך די בילדער, פאַרשטייט זיך. דו, רעגאַ און פועה, האָט איר געמאַכט קעגן מיר אַ פאַרשווערונג: שפּייזן מיך מיט האָפענונגען, אַז גאָר שנעל וועל איך קומען אַהיים. פון אייערע בריוו קומט אויס, אַז ביז איצט איז אייך נאָך נישט באַקאַנט, אַז אין אָקטאָבער 1953 בין איך פאַרמשפּט געוואָרן אויף 15 יאָר תפיסה פאַר „פּאַראַט און שפּיאָנאַזש" ((דאָס הייסט — פאַר מיין ציוניסטישער טעטיקייט). וועגן

דעם האָב איך אייך שוין געשריבן אין נאָוועמבער און דעצעמבער. אפשר זענען אין דער צווישנצייט דערגאַנגען צו אייך די בריוו.

איך שעץ זייער אייערע אָנשטרענגונגען מיך צו טרייסטן און דער־מוטיקן. איך בין אָבער נישט קיין מיסטיקער און גיי נישט נאָך האָפענונגען וואָס זענען נישט קיין ממשותדיקע. אויך אָן די סתם־האָפענונגען קאָן איך איבערטראָגן מיין גורל, און אַפילו מיט שטאָלץ. דאָס דרינגט אַרויס פונעם געפיל פון מיין אומשולד. איך האָף אויך, אַז מיין אמת — דער אמת פון אונדזער ווערק — וועט נאָך לייכטן ווי די זון אינמיטן טאָג. נאָר ווען — ווייס איך נישט. ציטערט נישט איבער מיר. איך ציטער מערער איבער אייך און ווייטיק איבער אייך, איבער דיר רעגאַ, וואָס ביסט כאילו אַן אלמנה געוואָרן — ווער ווייסט אויף ווי לאַנג — און אויף די קינדער, וואָס זענען ווי פאַריתומט געוואָרן אויף אַזאַ לאַנגער צייט. דאָס וואָס מיר איז פאַרבליבן, איז צו טראַכטן וועגן אייך, טייערע, איך זייער ליב האָבן און האָפן, אַז כ׳וועל אמאָל זוכה זיין צוריקצוקומען צו אייך. און איצט — קאָנקרעטע ענינים: שרייב מיר, צי און וואָס ס׳ווערט פאַר מיר געטאָן אין לאַנד, דאָס הייסט, כדי מיך צו באַפרייען. באַמיט זיך, אַז דער ישראל־געזאַנדטער אין פּראַג אָדער זיין פאַרשטייער, זאָלן מיך באַזוכן. דאָס פּעקל, וועגן וועלכן האָסט מיר געשריבן, האָב איך נישט באַקומען. איך האָב נישט קיין דערלויבעניש צו דערהאַלטן שפּייז־פּעקלעך.

און נאָך עפּעס: עס וואָלט וויכטיק געווען, אויב זאָלסט קאָנען באַ־קומען (מיר איז נישט געלונגען) אַ דערלויבעניש צו שיקן מיר העברעישע ליטעראַטור („ספרית פועלים״), אָדער צום ווינציקסטן אַן איינמאָליקע דערלויבעניש צו שיקן מיר די שריפטן פון ביאַליק, טשערניכאָווסקי, תנ״ך, די שריפטן פון שעקספּיר אין ענגליש. איך האָב מורא, אַז כ׳וועל דאָ פאַרגעסן די העברעישע שפּראַך. רעגאַ, דער דאָזיקער בריוו וועט צו דיר אָנקומען פאַר דיין געבורטס־טאָג. איך ווינטש דיר אַ גוט געזונט, די פרייד פון גידול־בנים, כוח און פעיקייט אויסצוטראָגן אונדזער ביטערן גורל און אַז אין דעם יאָר זאָל אונדז ווידער אויפלייכטן אונדזער גליק. גיב איבער אַ האַרציקן גרוס דעם גאַנצן קיבוץ, אַ באַזונדערן גרוס דער רע־דאַקציע „על המשמר״ צום אַריינגיין אין אייגענעם הויז, צו מאירן, יעקבן און זייערע משפחות. זאָג זיי, אַז איך טראַכט זייער וועגן זייער משפּחה מיט סימפּאַטיע און אידענטיפיצירונג.

אין שייכות מיט דיין געבורטס־טאָג, רעגאַ, און אויך דעם פון פועה און משה, ווייל איך אייך אונטערטראָגן מתנות. נאָר איך פאַרמאָג נישט קיין אַנדערע זאַך, אויסער לידער פון אַ נישט־דיכטער, פּזמונים וואָס איר וועט קאָנען זינגען (איך ברום זיי אונטער פון צייט צו צייט). דיר ווידמע איך — „אין טאָג פון מיין געבורט״, פועהן — „אַ פויגל אין שטייג״ און משהן — „איך האָבן אַ זון״. איך לייג זיי ביי אויף אַ ספּעציעלן בלאַט, אפשר וועט מען מיר דערלויבן צו שיקן אייך די דאָזיקע מתנות. אין די נאָטן זענען אפשר פאַראַן גרייזן, רפאל וועט זיי אַנטפּלעקן און פאַרריכטן״.

„מיין טייערע פועה! באַקומען דיינע פאַרשידענע בריוו. קאָנסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן ווי איך האָב זיי ליב — זיי העלפן מיר פיל. פון זיי לערן איך, אַז ביסט שוין נישט קיין קליין מיידעלע, אַז דו ווערסט „אַ גאַנצער מענטש״. זיכער וועט דיר זיין גרינגער צו קאָנען מיר שרייבן עברית. כ׳בעט דיך, שרייב גענויער וועגן דיין אַרבעט און דיינע פראַגן. אַ שאָד וואָס צו דיר איז נישט דערגאַנגען מיין בריוו אין ענגליש פון פאַראַ־יאָרן, אַלס ענטפער אויף דיין ערשטן בריוו. לויטן בילד זע איך, אַז ביסט שוין אַ גאָר־הויכע. אויך איך פריי זיך, אַז דו נעמסט טאַנץ־לעקציעס. אַז ביסט טעטיק אין דער חברת ילדים — פריים מיך זייער. דאָס איז פשוט שייך צו אונדזער משפחה־טראַדיציע: געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. שרייב מיר אַ וואָסערע ביכער האָסטו געלייענט אין דער לעצטער צייט. לייענסטו יעדן טאָג אַ ביסל די צייטונג? דאָס איז וויכטיק. וועט איר אינגיכן אָנהייבן לערנען די יסודות פון מאַרקסיזם? איך זע, פועה, אַז דו בענקסט נאָך מיר זייער און וואַרטסט אויף מיר. איך ווייס נישט ווען — נאָר אַמאָל וועל איך זיך אומקערן אַהיים. איך פריי זיך וואָס דו קאָנסט גובר זיין איבער אונדזער אומגליק און זיך לערנען און זיין אַקטיוו. אַזוי באַדאַרף עס צו זיין. אין דעם גייסט האָב איך דיר געשריבן מיין ערשטן בריוו. באַמי זיך, אַז אויך די מאַמע זאָל נישט צופיל פאַרזינקען אין עגמת־נפש. שפּיל זיך מיט משהן. ברענגט אַריין פרייד אין אונדזער וווינונג. איך טראַכט וועגן אייך אַ סך מיט ליבע און בענקעניש. איך בין זיכער, אַז ווען איך וועל אַמאָל צוריקקומען — וועלן מיר זיין נישט נאָר אַ טאַטע און אַ טאָכטער, נאָר אויך גוטע פריינד. זיי וויסן, אַז ערגעץ־ווו אין די מרחקים האָסטו אַ טאַטן, וואָס האָט דיך גאָר שטאַרק ליב.

משה, מיין זיס, ליכטיק ייִנגעלע! ווען דו ווייסט ווי איך האָב דיך ליב... וויפל איך בענק נאָך דיר, וויפל איך זינג און פאַרפאַס לידער פאַר

דיינעטוועגן, מיין זיס קינדעלע. איינס שיק איך דיר. כ׳האָב עס „געמאַכט״ צו דיין געבורטס־טאָג. אין מיין פאַנטאַזיע שפּיל איך זיך מיט דיר, מאַך מיט דיר קונצן, יאָג זיך מיט דיר איבערן הויף, שפּאַציר מיט דיר אין וויינגאָרטן און איבערן פעלד. ווען דו זאָלסט וויסן ווי איך האָב דיך ליב. עס האָבן זיך ביי מיר אָנגעזאַמלט טויזנטער קושן, וואָס כ׳האָב דיך נישט געקושט אַ צוויי יאָר מיט אַ פערטל. איך געדענק דיך אַלס קליין קינד און היינט ביסטו שוין אַ גרויס יינגל. איך האָב זיך אַזוי געפרייט זעענדיק די ערשטע ווערטער, וואָס דו האָסט מיר געשריבן. פון פרייד זענען אייניקע טרערן גערונען פון מיינע אויגן. איך בין זיכער, אַז קאָנסט שוין נאָך שענער שרייבן און אַז וועסט מיר שיקן גרויסע בריוו. באַמי זיך צו זיין אַ גוטער, פלייסיקער שילער אין שול, אַזויווי דיין טאַטע און די מאַמע, ווען זיי זענען געווען קינדער און אַזויווי פּועה. דו שרייבסט מיר, אַז כ׳זאָל אַהיימקומען. איך קאָן נישט. דו פאַרשטייסט נישט אַוודאי פאַרוואָס. איך בין 8 מאָל גרעסער פון דיר (אין יאָרן) און פאַרשטיי אויך נישט פאַרוואָס דו דאַרפסט אַזויפיל צייט זיין אָן אַ טאַטן און איך אָן אַ זון, טאַכטער און מאַמען וואָס זענען אַזוי ליב און טייער. אפשר וועט די מאַמע דיר קאָנען דאָס אויפקלערן. ווען כ׳וועל קומען אַהיים? איך ווייס נישט גענוי, נאָר די מאַמע שרייבט מיר, אַז גאָר שנעל. אַז כ׳וועל צוריקקומען, וועל איך דיר ברענגען אַ גאָר שיינע מתנה. ביז דעמאָלט, זיי ווייטער אַ גוט, פיין קינד ווי ביז איצט. שיק מיר בריוו און צייכענונגען. זיי זענען גאָר שיינע.

רעגאַ, גיב איבער גרוסן אויך דיינע קרובים און אַלע אונדזערע פריינד. וויאַזוי האָסטו אויפגעקלערט משהן וואָס מיך האָט געטראָפן? בעט די לערער פון פּועה און משהן זיי זאָלן מיר שרייבן אַ זאַכלעכן איבערבליק איבער זייער אַנטוויקלונג. זייט אַלע געזונט, איך שיק אייך פיל קושן״.

אייער מיט ליבע

מרדכי

מרדכי אורן
נומ׳ 2321

26.6.1954

„איך דאַרף אייך נישט שילדערן מיין פרייד מיט יעדן בריוו און בילד פון אייך. יעדער פון זיי שפּרייט איבער מיר אויס אַ יום־טוב־אַטמאָספער אויף אַ באַשטימטער תקופה. יעדער פון זיי גיט מיר צו ווידערשטאַנד־

כוח און גלויבן, אַז מיך דערוואַרטן נאָך גוטע טעג. דו שרייבסט, אַז איך וועל נאָך זיין גליקלעך און פאַרגעסן דאָס גאַנצע שלעכטס וואָס האָט מיך געטראָפן. אין דער ערשטער העלפט פון דיינע ווערטער גלייב איך נאָך ווי ס׳איז. אויך דערמוטיקן און שטאַרקן מיין גייסט די בריוו פון פועה און משה, דאָס הייסט — משהס צייכענונגען.

איך בעט דיך, פאַרלאַנג נישט פון מיר כ׳זאָל צו אייך שרייבן מערער וויפל כ׳האָב געשריבן ביז איצט. גלויבט מיר, אַז איך שרייב אייך וויפל און ווען דאָס איז מיר דערלויבט צו טאָן — זינט מיין פּראָצעס, איינמאָל אין דריי חדשים. פון די בילדער האָב איך שטאַרק הנאה. סוף־כל־סוף האָב איך אייך אַלעמען אויף איין בילד: מיין באַליבטער דריילינג אויף איין פּאָטאָ. פועה און משה, דער צײַנלאָזער, זענען גרויס — נישט צום דער־קענען. טייערע רעגאַ, אין טאָג פון מיין געבורט און אין דיין געבורטס־טאָג, בין איך געווען אַליין מיט דיר און די קינדער. די געפילן פון ליבע און וואַרעמקייט האָב איך אַראָפּגעשלונגען, נישט האָבנדיק זיי פאַר וועמען אַרויסצוברענגען.

יעדער בריוו אייערער דערציילט מיר, אַז איר האָפט אויף מיין באַפרייונג „יעדער טאָג און יעדע שעה״. ווער עס האָט אייך געגעבן די דאָזיקע אומזיסטע האָפענונגען — ווייס איך נישט. — זייט נישט אַזוי זיכער מיט די צוזאָגער. זייט מערער קריטיש. איך האָף, אַז איר זענט געווען גענוג קריטיש אין דער פאַרגאַנגענהייט (זינט מיין אַרעסט) לגבי דעם וואָס איר האָט געהערט וועגן מיר אָדער פון מיר און אפילו וואָס כ׳האָב צו אייך געשריבן אין מיין סאַמע ערשטן בריוו (אין דער העלפט 1952). —

אין מינוטן פון שוואַכקייט בין איך נוטה צו טראַכטן, אַז דער באַ־וווסטער פסוק וואָס איז אויפגעשריבן אויפן אַריינגאַנגס־טויער פון דאַנטעס גיהנום, באַציט זיך אויך צו מיר. אָבער דאָס איז נאָר אין מינוטן פון שוואַכ־קייט און טרויער. און אויף יעדן פאַל וויל איך דיך וואָרענען פאַר האָפע־נונגען, וואָס זענען די פּרוכט פון סתם־צוזאָגן. טאָן פאַר מיין באַפרייונג — און נישט האָפן אויף איר — דאָס דאַרף זיין די ליניע. רעגאַ, הער זיך צו צו מיין עצה, די עצה פון אַ דערפאַרענעם מענטשן, וואָס איז במשך פון צוויי יאָר געשפּייזט געוואָרן מיט דעם מין האָפענונגען, ביז ער איז פאַר־משפּט געוואָרן אויף 15 יאָר תפיסה. די ניסלעך וואָס פועה האָט פאַרפלאַנצט פאַר מיינעטוועגן, נישט איך וועל זיי אַראָפּנעמען, פונקט ווי כ׳האָב נישט

גערויסן די טרוסקאַווקעס, וואָס איר האָט פּאָר מיינעטוועגן פאַרזעצט אין גערטנדל.

טאָמער שרייבסטו אַזויפיל וועגן דיינע האָפענונגען בנוגע מיין שנעלן צוריקקער, אָן אַ ממשותדיקן גרונט, און נאָר בלויז כדי מיך צו טרייסטן און שטאַרקן מיין גייסט? אויב עס איז אַזוי, רעגאַ, מוז איך דיר זאָגן, אַז דאָס איז איבעריק. טראָץ מיין זיין דערווייטערט טויזנטער קילאָ־מעטער פון מיין באַליבט היימלאַנד און פון מיין בליענדיקער קיבוצישער היים, פאַרטועגע אין שאָפן און אין פרייהייט — איז מיין גייסט געזונט און פעסט. אויב דו ווילסט וויסן מיין מצב־רוח, עפן־אויף, כ׳בעט דיך, יעדן ראָמאַן און פּראָגרעסיוו בוך אין דער וועלט־ליטעראַטור, ווו ס׳איז פאַראַן אַ „העלד״ (אין באַגריף פון אַ צענטראַלער, אקטיווער געשטאַלט), וואָס איז אומשולדיק פאַרשפּאַרט אין תפיסה. בלעטער גאָרקיס „מוטער״, אַמאַדאָס „דער ריטער פון האָפענונג״, אין פוטשיקס ״רעפּאָרטאַזש״, אין פאַסטס „אַמעריקאַנער״ אָדער אין ענלעכע ראָמאַנען, וועסטו אינעם געמיט־צושטאַנד פון די דאָזיקע קעמפער, געפינען אויך מיין געמיט־צושטאַנד: גייסטיקע און זעלישע דערוואַכונג, אַ געפיל פון אינערלעכער פרייהייט, טראָץ דער אַקטועלערווירקלעכקייט; גלויבן אין אמת און צדק, וואָס וועלן זיגן; פאַראַכטונג צו פאַלשקייט, אומרעכט און עוולה. צו דעם גיב צו ליבע און טיפע בענקשאַפט נאָך איך, צו דער היים, צום פאָטערלאַנד. דאָס איז דער פּאָטרעט פון מיין גייסטיקער געשטאַלט, נישט געקוקט אויף אַלעמען און טראָץ אַלעמען. עס איז דעריבער נישט נייטיק, ליבע רעגאַ, צו שטאַרקן מיין גייסט דורך האָפענונגען, וואָס האָבן נישט קיין ממשות. דאָס שטערט מיר בלויז צו באַשליסן צי זאָל איך מיט אייגענע כוחות אָנהייבן אויפצו־ווייזן מיין אַבסאָלוטע אומשולד, הגם כ׳בין נישט אָפּטימיסטיש בנוגע די רעזולטאַטן.

שרייב ווייטער אַזוי רעגולער ווי ביז איצט, טראָץ דעם וואָס איך קאָן דיר נישט צוריקצאָלן מיטן זעלבן. ווייל דיינע בריוו זענען בעסער פון ווייז. אַנטשולדיק מיר פאַר דער דאָזיקער פּאָעטישער באַצייכענונג. פאַראַן אין איר אמת.— — —״

אייער מיט ליבע

מרדכי

מרדכי אורן
נומ׳ 2321

יוני 1955

„מיין טייערע רעגאַ, טייערינקע פּועה און משה!

דאָסמאָל האָט מען מיר דערלויבט מיט אַ חודש פריער צו שרייבן אַ בריוו. קאָן זיין, אַז אין אַ חודש אַרום וועל איך ווידער קאָנען צו אייך שרייבן. וואָס מאַכט איר, זענט איר געזונט, טייערע? שוין מערער ווי פיר חדשים ווי איך האָב נישט פון אייך קיין לעבנס־צייכן. די לעצטע בריוו וואָס כ׳האָב פון אייך דערהאַלטן, זענען געווען פון סעפּטעמבער און נאָוועמבער פאַראַיאָרן. ווער דערלאָזט נישט אייערע בריוו דערגיין צו מיר? איך בין זיכער, טייערע רעגאַ, אַז דו שרייבסט מיר יעדן חודש. איך בין אָבער נישט אינגאַנצן זיכער, אַז מיינע בריוו קומען אָן צו אייך. זענט איר נישט בכוח צום ווינציקסטן צו פאַרזיכערן, אַז אונדזערע בריוו זאָלן קומען צו זייער ציל? אַז איר זענט נישט אומשטאַנד מיר צו פאַרזיכערן באַפרייונג — דאָס ווייס איך, דאָס ווייסטו איצט אויך, רעגאַ. איצט פאַרשטיי איך, אַז דו שטיצסט זיך אויף אַן אַלגעמיינער אַמנעסטיע, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין צעניאָר־יום־טוב צום טאָג פון טשעכאָסלאָוואַקיעס באַפרייונג (אין מאַי 1955). איצט איז דיר קלאָר געוואָרן, אַז די אַמנעסטיע איז נישט חל אויף מיר. איך בין דאָך נישט קיין טשעכישער בירגער, וואָס איז צוליב פאַראַט און שפּיאָנאַזש אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. אַזעלכע גענישן פון דער אַמנעסטיע. איך בין אַ יידישער פּאַטריאָט און אַ ישראלדיקער לינקער סאָציאַליסט. פאַר אַזאַ פאַרברעך איז נישטאָ קיין אַמנעסטיע.

איך בין אַבסאָלוט געזונט. מיין נישט, אַז איך באַהאַלט אויס פאַר אייך. דער אמת איז דער, אַז זינט מיין אַרעסט בין איך נישט קראַנק געווען. פאַרשטייט זיך, אַז איך ווער נישט ייִנגער. צו מיין פופציקסטן געבורטסטאָג האָב איך באַקומען אַ מתנה: ברילן צום לייענען (אַנדערטהאַלבן דיאָפּטריעס). איך בין „ווייטזיכטיק״. פאַראַן ביי מיר איין אומהיילבאַרע קראַנקהייט: די בענקשאַפט אַהיים, צו דיר, טייערע רעגאַ, צו די ליבע פּועה און משה, צום לאַנד, צום קיבוץ און צו דער פאַרטיי. אוודאי באַהאַלט איר אויס פאַר מיר די קראַנקהייטן, וואָס האָבן אייך געטראָפן אין משך פון די דריי און אַ האַלב יאָר פון מיין נישט זיין אינדערהיים.

מיט אַ וואָך צוריק, רעגאַ, האָב איך געפייערט דיין געבורטסטאָג אין גייסטיקער איינהייט מיט דיר. איך ווינטש דיר מיט אַ געוויסער פאַרשפּעטיקונג געזונט, די פריד פון גידול־בנים. אז איר זאָלט אינגיכן זוכה זיין

מיך שנעל צו זען אין דער היים. אין די איצטיקע טעג איז אין העלסינקי דערעפנט געוואָרן די קאָנפערענץ פון די שלום־פריינד. איך האָב געחלומט, אַז דו ביסט אין דער ישראלדיקער דעלעגאַציע צו דער דאָזיקער קאָנפע־רענץ. אפשר איז דאָס אמת? און קוים וועט דיר איינפאַלן אַרויסצובאַקומען אַ דערלויבעניש מיך צו באַזוכן? דאָס וואָלט פאַר מיר געווען דאָס גליק פון לעבן. קאָן נישט מדינת ישראל דערגרייכן, אַז דער ישראלדיקער געזאַנדטער אָדער באַפולמעכטיקטער זאָל מיך באַזוכן? זיכער איז דאָס אַ פעסטער פונקט אינעם קאָנסולאַרן הסכם צווישן ישראל און טשעכאָסלאָוואַקיע. איז געקומען וועלכער ענטפער אויף דער ווענדונג פון פרעזידענט פון ישראל וועגן מיין באַפרייונג? איך נעם אָן, אַז דו טוסט פאַר מיין באַפרייונג, ווי דאָס האָט געטאָן די פרוי פון דרייפוס, ווען ער האָט זיך געפיניקט אויפן טייוול־אינדזל, אומשולדיק פון יעדער זינד און פאַרברעכן. זי האָט טאַקע געהאַט אַ וויכטיקן העלפער: עמיל זאָלאַ. אַ שאָד, אַז ער לעבט שוין נישט. האָט איר זיך געווענדט צו לואי סאַיאַן? צו לאָמבאַרדאָ טאָלעדאַנאָ? זיי קענען מיך זייער גוט. זיי ווייסן, אַז איך בין נישט געווען קיין שפּיאָן און פאַרעטער פון סאָציאַליזם. וואָס טוט די פאַרטיי פאַר מיינעטוועגן? אָדער האָט זי זיך גע־לאָזט פאַנגען דורך די פאַרשידענע בלבולים און פון מיינע פאַלשע ווידויים? אויף דעם אויספירלעכן בריוו, געשריבן מיט 8 חדשים צוריק צום פרעזידענט פון טשעכאָסלאָוואַקיע, האָב איך נאָך נישט באַקומען קיין ענטפער. מיט צוויי וואָכן צוריק האָב איך אויך געשריבן צום יוסטיץ־מיניסטער און צו דער אָנפירונג פון דער היגער קאָמוניסטישער פאַרטיי, ווי די פאַראַנטוואָרט־לעכע פאַר דער הערשאַפט אין לאַנד, און געפאָדערט פון זיי איניציאַטיוו צו אַ באַנייטער אונטערזוכונג פון מיין פרשה און באַנייען דעם פראָצעס. איך בין דערגאַנגען צו דער מסקנה, אַז כ׳דאַרף דערלאַנגען אַן אָפיציעלע ווענדונג צו באַנייען מיין פראָצעס. אין דער פראַגע איז מיר סוף־כל־סוף דערלויבט געוואָרן צו שרייבן צו אונדזער געזאַנדשאַפט, זי זאָל פאַר מיר אויסקלויבן אַן אַדוואָקאַט וואָס זאָל מיך באַזוכן. אַזעלכע זאַכן ציען זיך זייער לאַנג.*)

טייערע פועה און משה, וואָס מאַכט איר? נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט אַזעלכע בענקשאַפטן ווי מיינע צו אייך. וואַרט אויף מיר און פאַר־געסט מיך נישט.

*) ווי ס׳איז מיר דערנאָך קלאָר געוואָרן, איז דער בריוו בכלל נישט דערגאַנגען צו דער געזאַנדשאַפט.

רעגאַ, איך בין זיכער, אַז האָסט מיך אונטערגעשריבן אונטערן רוף פון ווין פאַרן שלום. דאָ ווערט מיר נישט געגעבן די דאָזיקע מעגלעכקייט, ווייל כ׳ווער דאָ באַטראַכט ווי אַ פיינד פון שלום און אַן אָנהענגער פון מלחמה.

...וואָס הערט זיך אין דער פאַרטיי? אין לאַנד? באַקומט מען ביי אונדז אַרויס נאַפט? וועלכע נייעס זענען אין קיבוץ, ביי אונדזערע קרובים און פריינד אין לאַנד און אין אויסלאַנד? לאָז זיי אַלעמען גריסן פון מיר. וואָס איז מכוח דער דערלויבעניש צו שיקן מיר העברעישע ביכער און ישראלדיקע פרעסע? בין איך פאַראורטיילט צו פאַרגעסן מיין שפּראַך? אַ גרוס אויך פאַר שמעון אָרענשטיין, אויב ס׳איז ריכטיק, אַז ער איז צוריק־געקומען אַהיים. איך נעם אייך פעסט אַרום און קוש אייך, רעגאַ, פועה און משה מיט ליבע און בענקשאַפט״.

מרדכי

מרדכי אורן 6.10.55

נומ׳ 2321

„זייער טייערע רעגאַ, מיינע ליבסטע פועה און משה!

מיט צען טעג צוריק האָב איך אייך געשריבן אַ בריוו און צו מיין איבעראַשונג איז מיר היינט דערלויבט געוואָרן צו שרייבן נאָך איינעם, אויסער דעם אָנגענומענעם סדר. איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז צוליב עפּעס איז מיין פריערדיקער בריוו נישט געשיקט געוואָרן צו אייך. — — — אין די לעצטע דריי חדשים האָב איך פון אייך באַקומען דריי מאָל בריוו. נאָכדעם ווי אַכט חדשים האָב איך נישט געהאַט פון אייך קיין שום לעבנס־צייכן. — — — טויזנטער דאַנק אייך, טייערינקע. מיך באַזאָרגט זייער, וואָס איר זענט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר געווען אָן אַ לעבנס־צייכן פון מיר. איך בין נישט אימשטאַנד אייך צו העלפן אין דעם ענין. לאָזט זיך נישט איינרעדן פון די וואָס גיבן אייך אָנצוגעהערן, אַז אפשר וויל איך נישט שרייבן, וואָסערע רמזים דאָס זאָלן נישט זיין. אַלזאָ, דער אמת איז דער, אַז מיר איז דערלויבט צו שרייבן איינמאָל אין דריי חדשים (לעצטנס — איינמאָל אין חודש). אָבער אין דערזעלבער מאָס איז אויך אמת, אַז כ׳האָב ביז לעצט אויסגענוצט יעדן טערמין פון שרייבן און קיין איינעם פון זיי נישט פאַרזוימט. פאַרוואָס מיינע בריוו דערגייען נישט צו אייך — ווייסן די הימלען. אין דער פראַגע האָב איך זיך שוין געווענדט מיט אַן אָנ־

קלאַגע צו די „הויכע פּענצטער". פונדעסטוועגן שרייבט מיר אַלץ, אַזויווי ביז איצט — יעדן חודש. וואָס מערער איר וועט שרייבן, אַלץ מערער בריוו וועלן דערגיין צו מיר. אַזוי אַלנפאַלס, זאָגט מיר דער אינסטינקט. און יעדער בריוו פון אייך איז פאַר מיר ווי אַ הייל־געטראַנק פאַר בענק־שאַפט־וויטיק.

אַ גרויסע איבערלעבונג האָב איך געהאַט דאָסמאָל פון דיין פיינעם בריוו, טייערע פועה, ביי א צוויי יאָר ווי כ׳האָב נישט באַקומען פון דיר קיין שום בריוו (נאָך די 2—3 אין ענגליש). סוף־כל־סוף איז אָנגעקומען פון דיר אַ לעבעדיק וואָרט אין עברית. טויזנטער קושן פאַר דיר, פועה, פאַר דיין בריוו, פאַר דיין ליבע, וואָס שלאָגט אַרויס פון זיינע שורות און צווישן די שורות. און טויזנטער קושן דיר, רעגאַ, וואָס האָסט מיר געגעבן אַזאַ טאָכטער. טרערן פון גליק האָבן געראָנען פון מיינע אויגן (און איך האָב זיך אויסגעלערנט באַהערשן מיין גייסט...), לייענענדיק פועהס בריוו אומצאָליקע מאָל. איך האָב געזען, אַז מיר האָבן אַ דערוואַקסענע טאָכטער וואָס דענקט טיף, ווייסט וויאַזוי זיך אויסצודריקן, הערשט איבער די אוצרות פון אונדזער שפּראַך. כ׳האָב אויפגעעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן און מיין האַרץ איז שטאָלץ פון פרייד און גליק.

און דו, ליבער משה, פאַרוואָס שרייבסטו נישט קיין שום בריוו? איך האָב ליב דיינע לידער און געמעלן. נאָר דו דאַרפסט מיר אויך שרייבן בריוו, אַזויווי דו ליבסט מיך. דיינע לידער און געמעלן זענען פאַר מיר ווי זיסוואַרג און שאָקאָלאַד, אָבער איך נייטיק זיך אויך אין ברויט.

„זייער טייערע רעגאַ, מיר שיינט, אַז כ׳בין שוין דערגאַנגען צום באַטייט פון זאַץ וואָס חזרט זיך איבער אין יעדן בריוו דיינעם, אַז כ׳וועל אינגיכן זיך אומקערן אַהיים. מיט דריי וואָכן צוריק האָט מען מיר געזאָגט, אַז מיין פּראָצעס דאַרף פונדאַסניי אונטערזוכט ווערן, ווייזט אויס, אין רע־זולטאַט פונעם מעמאָריאַל, וואָס כ׳האָב מיט אַ יאָר צוריק געשיקט צום פּרעזידענט פון דער דאָזיקער מדינה.

איך בין זיכער, טייערע רעגאַ, אַז דער אמת און צדק וועלן צום סוף זיגן. מען דאַרף אָבער זאָרגן אויך פאַרן פאַל, אויב כ׳וועל אין דער נאָענטסטער תקופה נישט קאָנען אַהיימקומען. אין אַזאַ פאַל בעט איך עט־לעכע זאַכן (אויסערן פאַרזעצן די באַמיונגען צו רעהאַביליטאַציע און באַ־פרייונג): א) דערגרייכן דורך אָפיציעלע קאַנאַלן אַ דערלויבעניש און מעג־לעכקייט מיך צו באַזוכן — אַ רעכט וואָס יעדער אַרעסטאַנט האָט זי און

וואָס איז פון מיר צוגענומען געוואָרן במשך די פיר יאָר זיצן אין תפיסה; ב) אַ דערלויבעניש, אַז פון צייט צו צייט זאָל מיך באַזוכן אַ פאָרשטייער פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט, א זאך וואָס איך האָב געפאָדערט במשך פיר יאָר — און אומזיסט; ג) מפ״ם זאָל אויף מיר אַרויפלייגן די אויפגאַבע איבערצוזעצן אויף עברית (אויב אַזאַ איבערזעצונג איז נאָך נישט געמאַכט געוואָרן) די בענד צוויי און דריי פון מאַרקס „קאַפּיטאַל״ און אַרויס־באַקומען פאַר מיר אַ דערלויבעניש אָנצוהייבן די דאָזיקע אַרבעט אין תפיסה (אויך אין די איצטיקע לעבנס־באַדינגונגען מיינע וויל איך זיך באַשעפטיקן מיט עפּעס נוצלעכס פאַר דער פּאַרטיי און פאַרן אַרבעטער־קלאַס אין ישראל); ד) מען זאָל מיר דערלויבן צו דערהאַלטן פון אייך צי פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט העברעיִשע ביכער און צייטונגען (כ׳בין נישט פאַרמשפּט געוואָרן אויף צו פאַרגעסן מיין שפּראַך און אַז אין דער תקופה פון אַרעסט זאָל איך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאָסמאָפּאָליט, פרעמד צו זיין פאָלק און קולטור); ה) איך זאָל באַקומען אַ דערלויבעניש צו קריגן פון צייט צו צייט פון אייך אָדער דירעקט דורך דער געזאַנדשאַפט „ליבעס־פּעקלעך״ („גוטע זאַכן״ און גוטע סיגאַרעטן). קיין ווינטער־זאַכן דאַרף איך נישט. דערווייל זענען נאָך גאַנץ די אַלע זאַכן, וואָס האָסט מיר געשיקט אינמיטן פאַריקן ווינטער דורך אונדזערע חברים אין פּאַריז. (בשעתו, האָב איך פאַרשטייט זיך, באַשטעטיקט זייער דערהאַלט).

ווי דו זעסט, רעגאַ, באַהערש איך אַלע מיינע געפילן און זאָרג „אויף אַ קאַלטן אופן״ אויך פאַר דער מעגלעכקייט, אַז ס׳וועט זיך נישט אַרויסווייזן פאַר אמת דאָס וואָס חזרט זיך איבער מיט אַזאַ זיכערקייט אין יעדן בריוו דיינעם. ראש־השנה האָב איך פיל געטראַכט וועגן אייך און געווינטשן אייך אין מיין האַרץ אַ יאָר גליק און ברכה, און דעסגלייכן דעם קיבוץ, אונדזערע קרובים אין לאַנד און אין אויסלאַנד און אַלע אונדזערע פריינד.

איך בין פולקאָם געזונט. אויף דעם געביט בין איך אַ בר־מזל. איך אַרבעט. כ׳בין אַ גוטער אַרבעטער, וואָס פאַרשעמט נישט זיין היימלאַנד און איר אַרבעטערשאַפט, אין וועמענס מיט איך בין געווען טעטיק פיל יאָרן.

טייערע פּועה, אויף דיין בריוו וועל איך ענטפערן ביים צווייטן מאָל, אַ בריוו, וואָס וועט זיין געווידמעט דיר און משהן. פּאַרלויפיק וועל איך בלויז דאָס צוגעבן: זיי באַגריסט — ערב דיין נאָענטסטן געבורטס־טאָג — צום אַרויסגיין צו אַ זעלבשטענדיק לעבן. שרייב מיר אויך פון מיליטער;

באַמי זיך צו לערנען, לערנען, לערנען. טייערער משה, איך טראַכט וועגן דיר זייער פיל און ליב דיך מיט אַ ליבע גרעסער ווי דער ים. שרייב מיר וועגן דיינע לימודים, שפּילן און אויספלוגן. אפשר וועל איך אינגיכן קאָנען זיך אומקערן אַהיים. דעמאָלט וועלן מיר אַ סך זיין צוזאַמען, אין שפּיל, איבער אַ בוך, און אויך מאַכן אַ לעבן. איך בין זיכער, אַז וועסט זיין אַ גוטער שילער אין דריטן קלאַס, אַזויווי ביסט געווען אין צווייטן.

רעגאַ, אפשר ווייסטו בעסער פון מיר וועגן מיינע נאָענטע אויסזיכטן. אויב מיך דערוואַרט אַ באַלדיקער צוריקקער אַהיים, וואָלט איך געוואָלט בעטן — אפילו ווען די זאַך איז פאַרבונדן מיט אַ נישט קליינעם געלט־אָנשטרענג — זען דיך מיטן מאָמענט פון מיין אַרויסגיין אויף דער פריי און צוזאַמען מיט דיר זיך אומקערן אַהיים. קושן פאַר אייערטוועגן".

מיט ליבע, אייער

מרדכי

גרוסן פאַר אונדזערע קרובים, פריינד, פאַר מזרע, פאַרן קיבוץ־ארצי און מפ"ם.

מרדכי אורן *)

„טייערע רעגאַ, טייערע קינדער!

ווידער שרייב איך דייטש, נישט עברית. אפשר וועט דער בריוו האָבן מזל און צו אייך אָנקומען, אויב כ'וועל שרייבן אין דייטש; איר קאָנט מיר ווייטער שרייבן אין עברית. איך באַקום בלויז אַ טייל אייערע בריוו, נישט אַלע. אין דורכשניט דערהאַלט איך פון אייך בריוו — איינעם אין דריי חדשים. איך בין זייער דערדריקט וואָס במשך אַזאַ לאַנגע צייט האָט איר נישט באַקומען פון מיר קיין לעבנס־צייכן. דאָס איז נישט מיין שולד. איך האָב געשריבן אַלע בריוו, וואָס מיר איז דערלויבט געווען צו שרייבן פאַר דער דאָזיקער צייט: ווינציקסטנס 10 בריוו (אין לעצטן האַלבן יאָר איז מיר דערלויבט געווען צו שרייבן צו אייך איינמאָל אין חודש). איך פאַרשטיי אייער ציטער און פאַרביטערונג. נאָר גיט אַ קוק, מיינע טייערע: איך לעב און פעלזנפעסט איז מיין באַשלוס ווייטער צו לעבן און צוזאַמען מיט אייך דערגיין צו בעסערע צייטן. און נישט נאָר וואָס איך לעב. איך

---

*) אָנהייב 1956 איז אין די תפיסות אַרויס אַ פאַרשריפט, וואָס פאַרווערט אויס־לענדישע בירגער צוגעבן דעם נומער פון אַרעסטאַנט צום נאָמען אין אָנהייב בריוו.

בין אויך געזונט „הונדערט פראָצענט״. נישט געהאַט קיין שום קרענק: קיין פיזישע און קיין זעלישע און צו מיין גרויסער שטוינונג — אויך נישט קיין גייסטיקע קראַנקהייט. איך האָב באַקומען ברילן צום לייענען. אַז איך טו זיי אָן אויף די אויגן, זע איך מיך זייער ערנסט.

קאָן זיין, אַז דער דאָזיקער בריוו וועט אייך דערגרייכן. דערפאַר וויל איך איבערחזרן עטלעכע פּראַקטישע ענינים, וועגן וועלכע כ׳האָב צו אייך געשריבן אין די לעצטע בריוו. די וואַרעמע ווינטער־קליידער פון פּאַריז האָב איך באַקומען דעם לעצטן ווינטער. שוין דעם צווייטן ווינטער ווי זיי וואַרעמען מיך. איין געלט־איבערווייזונג פון דער געזאַנדשאַפט — דו שרייבסט מיר וועגן עטלעכע געלט־איבערווייזונגען — האָב איך באַקומען מיט אַ יאָר צוריק: 245 קראָן. אַזויווי איך אַרבעט נישט אין דער לעצטער צייט *) — קאָן מיר אַ געלט־סומע צונוצקומען. אין דער העלפט דעצעמבער האָב איך באַקומען אייערע בריוו פון סעפּטעמבער און פעברואַר (צו מיין געבורטסטאָג), אויך דעם עקזעמפּלאַר „משמר לילדים״ מיט די לידער פון משהן, די בילדער און אויך דעם בריוו פון קיבוץ צו מיין 50־סטן געבורטסטאָג. די בילדער (און צווישן זיי פּועה אין מיליטערישער קליידונג) האָבן מיר גורם געווען פיל פרייד. אַלע דריי זענט איר אַזוי זיס. איך פיל זיך עפּעס אַזוי שטאָלץ וואָס די דאָזיקע דריי זיסע מענטשן וואָס אויף די בילדער איז מיר דערלויבט צו באַצייכענען: מיין משפחה.

מיינע האַרציקסטע דאַנקען דעם קיבוץ פאַר זיין באַגריסונגס־בריוו צו מיין פופציקסטן געבורטסטאָג. און פאַר דער ליבע וואָס ער פילט צו מיר. ספּעציעל דאַנק איך די חברים וואָס האָבן אָנגעשריבן דעם דאָזיקן בריוו. אַ ספּעציעלן דאַנק פאַר ט. (א.) — וואָס נאָר ער איז געווען מסוגל צו פאַרפאַסן אַזאַ בריוו, וואָס איז אַזוי שיין, שפּרודלט מיט ליבע און פאַר־עטישקייט. משהס לידער האָבן מיר געבראַכט פיל גליק. אין יעדן ליד איז פאַראַן אַ בילד אָדער אַ געדאַנק.

...כ׳האָב צו אייך געשריבן (אין סעפּטעמבער), אַז ס׳קאָן זיין, אַז כ׳וועל בקרוב קומען אַהיים. דאַן האָט מען מיר געמאָלדן, אַז עס ווערן געמאַכט פאַרברייטונגען צו רעווידירן מיין פּראָצעס. און אָט האָט מען

---

*) דער דאָזיקער בריוו און די ווייטערדיקע זענען געשריבן געוואָרן אין איזאָ־לאַציע־אַרעסט.

מיר איצט צווויסן געגעבן, אַז עס קומט נישט אין פּראַגע אַ רעוויזיע פון פּראָצעס. עס ווערט דעריבער קלאָר, אַז אינגיכן וועל איך נישט קומען אַהיים. עס האָט נישט קיין זין צו שיקן נאָך אַ מעמאָריאַל צום פּרעזידענט פון דער רעפּובליק. איך בין געוואָרן זייער סקעפּטיש. פּאַרלויפיק איז נישטאָ קיין זאַך וואָס איך זאָל קאָנען טאָן. אויב איר וועט נישט מצליח זיין אין אייערע באַמיונגען, בלייבט מיר איבער נאָר איינס: באַמיען זיך אויסהאַלטן נאָך 11 יאָר. צו קאַפּיטולירן פאַר מיין ביטערן גורל. אין מיינע בריוו, טייערע רעגאַ, האָב איך דיך געבעטן, זאָלסט אַלץ טאָן, כדי אַרויס־באַקומען אַ דערלויבעניש: א) מיך צו באַזוכן; ב) אַז אַ ישראלדיקער דיפּלאָמאַטישער פאַרשטייער אין פּראָג זאָל מיך פון צייט צו צייט באַזוכן; ג) שיקן מיר העברעישע ביכער (צום ווייניקסטן 2—3 דערווייל), כ׳זאָל נישט פאַרגעסן מיין שפּראַך.

צום באַדויערן, איז נישט געבליבן קיין אָרט צוצושרייבן אייניקע ווערטער צו די קינדער. איך שיק זיי די בעסטע פון מיינע קושן. זענט איר אַלע געזונט? אין די פריערדיקע בריוו האָב איך אייך אַלע דריי געשיקט מיינע ברכות צו אייערע געבורטס־טעג. זיי נישט טרויעריק, רעגאַ. טו פאַר מיר אַלץ וואָס עס לאָזט זיך טאָן. מיט ליבע,״

מרדכי

אַ גרוס פאַר אַלע אונדזערע פריינד און קרובים, באַזונדערס פאַר אני, חפמי, פשע. *)

מרדכי אורן 17.4.1956

„טייערע רעגאַ, טייערע פּועה און משה, שלום!

איך האָב זיך זייער דערפרייט, באַקומענדיק אָנהייב חודש אייערע פיר זיסע בריוו (דריי דיינע, איינער פון משהן). מיין האַרץ איז צעשפּאַרט פון גליק. אויך האָב איך באַקומען דאָס שיינע בילד פון דעם ליבן משה. זייט אויך וויסן, אַז כ׳האָב דערהאַלטן אייערע בריוו פון סעפּטעמבער, איינ־איינעם מיט די בילדער. איך האָב זיך מיט זיי געפרייט מיטן גאַנצן האַרץ.

...דאָס וואָס האָסט מיר געשריבן וועגן מפ״ם, אַז זי איז מיט מיר — איז דאָס אַ נאַטירלעכע זאַך, וואָס האָט מיך זייער דערמוטיקט. נאָר איר טעטיקייט פיל איך נישט. קלער מיר אויף, כ׳בעט דיך, וואָס טוט זי אין דעם דאָזיקן ענין.

*) כ׳בין ריין פון זינד.

איז טאַקע ריכטיק, אַז איר זענט די גאַנצע צייט געווען געזונט? נאָרט איר נישט? אין משהס זיסן בריוו איז געשריבן, אַז ער מאַכט אָרטאָפּעדישע גימנאַסטיק!? וואָס איז אים געשען? אַ ספּאָרט־פּאַרפּאַל? איך בין באמת געזונט אַלע טעג. איך טרייב נישט איבער. האָסט געשריבן, אַז באַמיסט זיך צו באַקומען אַ וויזע קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, כדי מיך צו באַזוכן. דאָס פאַרשאַפט מיר פיל פאַרגעניגן. נאָר מיר שיינט, אַז וועסט די וויזע נישט באַקומען. זיי זענען נישט פאַראינטערעסירט זאָלסט מיך באַזוכן. איך בין תופס, אַז ביסט געוואָרן מער רעאַלער אין באַצוג צו מיין לאַגע. סוף־כל־סוף ביסטו דערגאַנגען צום ריכטיקן פאַרשטיין מיינע ענינים. אויב דו ווילסט מיך באַזוכן — הייסט דאָס, אַז דיר איז גוט אויפגעקלערט געוואָרן, אַז „מאָרגן־איבערמאָרגן" קום איך נישט אַהיים, ווי דו פלעגסט שרייבן אין יעדן בריוו מיט שטוינענדיקן געדולד.

ממש דרך־אגב איז מיר באַוווּסט געוואָרן — דער עיקר פון משהס בריוו — אַז ביסט לעצטנס געווען אין אויסלאַנד. דו באַשטעטיקסט עס בלויז, נישט איבערגעבנדיק קיין איינצלהייטן. פאַרוואָס פּרובירסט דו פאַר מיר אויסבאַהאַלטן די זאַך? טאָר איך נישט וויסן קיין פּרטים וואָס דו האָסט געטאָן אין אויסלאַנד? איך בעט דיך, טייערע רעגאַ, דערקלער מיר אַלזייטיק און בפרטיותדיק דעם ענין פון דיין נסיעה קיין חוץ־לארץ. דאָס איז פאַר מיר וויכטיק. און דער עיקר איז מיר וויכטיק צו וויסן וועמען דו האָסט געזען; וואָס זענען די רעזולטאַטן פון דער נסיעה; וואָס האָט דיר צוגעזאָגט סאַיאַן; אין וועלכע לענדער ביסטו געפאָרן? *)

...דו פרעגסט וואָס איך רייכער. סיגאַרעטן פון נישט־טייערן לולקע־טאַבאַק — אין איינקלאַנג מיט מיינע קנאַפּע מעגלעכקייטן. טייערע רעגאַ, פאַרלויפיק איז נישט כדאי צו שיקן מיר געלט. אַ שאָד וואָס האָסט נישט באַקומען קיין דערלויבעניש צו שיקן מיר פון צייט צו צייט אַ פּעקל. ביסט זיך זייער טועה, מיינענדיק אַז געלט איז אַזויווי אַ פּעקל. — — —

פרעגסט זיך אַ וואָסערע צייטונגען איך לייען. כ'האָב דיר שוין געשריבן. איך לייען די אָרטיקע היגע פּרעסע און מיט אַ ספּעציעלן אינטערעס — די סאָוויעטישע „פּראַוודאַ". איך לייען און רעד אַ פּליסיק טשעכיש. איך לייען פריי די סאָוויעטישע צייטונג. מיר איז נישט פאַר־

---

*) וועגן רעגאַס נסיעה קיין אייראָפּע (ענגלאַנד, פראַנקרייך, שווייץ), ווו זי האָט זיך געטראָפן מיט פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן און אינסטאַנצן פון דער אַרבעטער־און שלום־באַוועגונג, כדי זיי באַוועגן טאָן פאַר מיין באַפרייונג.

שטענדלעך, טייערע רעגאַ, פאַרוואָס האָסטו צוליב עפּעס דאָך משלים געווען נישט צו שיקן מיר אַ העברעיש בוך און נישט די פּראָגרעסיווע אַרבעטער־פּרעסע אין עברית. איז עס טאָקע אַ גזירה איך זאָל פאַרגעסן מיין שפּראַך? דו דאַרפסט זיך זאָרגן פאַר דעם ענין, וואָס איז מיר גורם פיל גייסטיקע יסורים. זאָלסט דאָס האָבן פאַרן אויג. דער דאָזיקער פאַרלאַנג — כ׳וועל נישט איבערטרייבן, אויב כ׳וועל זאָגן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מער הומאַנע זאַך פון אים. איז דאָס נישט קיין עלעמענטאַרע רעכט, כ׳זאָל לייענען אין מיין שפּראַך און די שאַפונגען פון אונדזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור? איך וויל אונטערשטרייכן, אַז וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין ישראל, ווייס איך און לייען זייער ווינציק, כמעט ווי גאָרנישט.

•

...אויב פּועה קומט אַהיים איינמאָל אין צוויי וואָכן איז עס גאָרנישט אַזוי ווייניק. איך בין דיך מקנא וואָס ביסט זוכה צו זיין נאָענט צו אונדזערע זיסע קינדער. די דאָזיקע עלעמענטאַרע זאַך, דעם נחת פון גידול־בנים, האָב איך פאַרלוירן, טייערע רעגאַ, און דאָס איז אַ גרויסער פאַרלוסט. גיב איבער דער ליבער פּועה אַן אַ צאָל גרוסן און פיל קושן. עס איז נייטיק זי זאָל מיר שרייבן איינמאָל אין חודש — ווען אפילו קליינע בריוו. רעגאַ, איך האָב זייער באַדויערט, לייענענדיק, אַז אינדעראמתן באַהאַלט משה אויס, אַז ער ווייסט, אַז זיין פאָטער איז אַרעסטירט. דאַרף ער טאָקע דעם גרויסן צער טראָגן אַליין און אים פאַר דיר אויסבאַהאַלטן? משה איז שוין נישט קיין פּיצלס, נאָר אַ פאַרשטענדלעך יינגל. און באַזונדערס, ווען אים, ווייזט אויס, איז אַלץ באַוווּסט. דערצייל אים, כ׳בעט דיך, אַלץ, און זאָלן אין זיין האַרץ נישט בלייבן קיין פאַרבאַהאַלטענע זאַכן — דערצייל אים מיט גרויס ליבע, און נישט עס זאָל זיך אין זיין האַרץ אָנזאַמלען שנאה צום סאָציאַליזם. פון משהס בריוו האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט. אַ פּרעכטיקער בריוו.

איך לייען איצט אַ סך, גאַנצע טעג. אויך פיל מאַרקסיסטישע ליטע־ראַטור. אַ סך דערפון האָב איך געלייענט נאָך זייענדיק אַ פרייער מענטש. איך האָב מערער אָנגעהויבן ליב האָבן און שעצן בעלעטריסטיק. לייען איך איצט ראָמאַנען מיט באמת פיל הנאה.

פאָרסטו אויף זיצונגען? אויך דאָס אינטערעסירט מיך. איך מיין — צו זיצונגען פון קיבוץ הארצי און פון דער פּאַרטיי. עס איז וויכטיק זאָלסט דאָס טאָן.

...זייט אַלע זייער געזונט. ווערט נישט אַנטמוטיקט און האַלט אייערע קעפּ אינדערהייך. איך וואָלט געוואָלט, איר זאָלט נישט זיין טרויעריק. גיט איבער גרוסן אונדזערע קרובים און פריינד. דעם סאַמע וואַרעמסטן און שטאַרקסטן גרוס דער פאַמיליע שימילב. וואָס מאַכט דיין שוועסטער צרפינה? האָט זי זיך אויסגעהיילט פון דער שווערער קראַנקהייט? שרייבט מיר וועגן דעם און שנעל. איך וואָלט געוואָלט וויסן ענדגילטיק וואָס מאַכט ד״ר מהשם? און וואָס טוט אונדזער טרייער פריינד נוקד? פיל גרוסן דער מאַמען און אונדזערע קרובים אין אויסלאַנד. איך קוש אייך אַלע דריי טויזנטער מאָל. איך בענק נאָך אייך זייער אַ סך. אומצאָליקע מאָל האָב איך געחלומט וועגן אייך, טייערע. צום זיך דערנענטענדיקן געבורטסטאָג דיינעם די סאַמע הייסטע ווונטשן מיינע.

משה, מיין זיסער זון! איניקע מאָל ווי כ׳האָב געלייענט דיין שיי־נעם בריוו. מיט פיל אינטערעס געלעזן וואָס האָסט מיר געשריבן וועגן דיינע לימודים און די טעמעס וואָס אינטערעסירן דיך. גרויס איז מיין פרייד וואָס דו ביסט דער בעסטער תלמיד אין קלאַס. נאָר פאַרוואָס ביסטו זיך נוהג צו שרייבן אַזוי ווייניק? ווען דו זאָלסט וויסן ווי איך האָב דיך ליב! און ווי איך בענק נאָך דיר! ביז איצט ווייס איך נאָך נישט ווען כ׳וועל צוריקקומען. נאָר איינמאָל וועל איך זיכער צוריקקומען. קושן פאַר דיר, דער אמא און פועהן פון אבא״.

אייער מיט ליבע מרדכי

אַ גרוס פאַרן קיבוץ.*)

---

*) דער דאָזיקער בריוו אַנטהאַלט אַ פאַרבאָרגענעם שיפער וואָס שטעלט זיך צוזאַמען פון די אותיות וואָס זענען געפּינטלט אין בריוו (זע: די גרוסן פאַר די קרובים מיט אויסגעטראַכטע נעמען: שימי־לב (אויפמערקזאַם), צרפי־נא (באַהעפט), מה שמנוקד (וואָס איז געפּינטלט).

דער באַטייט פונעם שיפער איז:

„איך בין אַ קרבן פון אַ פאַרברעכערישער פּראָוואָקאַציע פון אַ כנופיה פון פאַ־ליציי־שטאַבן, פּראָקוראַטור און געריכט. אַ בעריאַ־כנופיה אין אַ טשעכישער אויפ־לאַגע. די צוויי יאָר פונעם פאַרש־אַרעסט זענען פאַר מיר געווען אַ גיהנום, אַ רעזשים פון גייסטיקן און פיזישן סאַדיזם און טעראָר; אַ רעזשים פון הונגער און קעלט, פון אָוועקנעמען דעם שלאָף, קלעפּ, מענטשלעכער און אַנטיסעמיטישער דערנידעריקונג. דער ציל פון דער אויספאָרשונג איז דערגרייכט געוואָרן: אַ צעבראָכענער פיזיש און גייסטיק האָב איך אונטערגעשריבן די ווידויים פון שקר, פעלשונג און בלבול: וועגן שפּיאָנאַזש פאַר ענגלאַנד, ישראל און מפּ״ם און וועגן ציוניסטישער טעטיקייט צו באַזייטיקן דעם

פינף חדשים — איינצל־אַרעסט

פינף חדשים. לאַנגע, גראָע, לאַנגווייליקע. די פענצטער און די טירן פון די קאַמערן זענען פאַרמאַכט. נישט ווי אין די אַלגעמיינע קאַמערן — וווּ די אַרעסטאַנטן־קאָרידאָרלער איז דערלויבט צו עפענען די טירן — האָט דאָ בלויז דער וועכטער אַ רעכט און קאָן עפענען די טיר. איך בין פאַרשפּאַרט אין איינער פון די קאַמערן אויפן אייבערשטן שטאָק פון בנין.

צוויי וואָכן אַרבעט איך מיט אַ שכן, וועמען מען האָט צייטווייליק אַריינגעזעצט אין מיין קאַמער. מיר רייניקן די שטענגלעך פעדערן און גרייטן רוישטאָף — ווייזט אויס, צו פּראָדוצירן „האָר" פאַר ציין־בערשט־לעך. די מיינסטע צייט בין איך איינזאַם, מיט זיך אַליין, מיט מיינע מחשבות און בענקשאַפטן. איך זע נישט קיין לעבעדיקן מענטש, אויסער דעם וועכ־טער. מיין טאָג־טעגלעכן שפּאַציר אויפן הויף מאַך איך אַליין, נישט ווי־פריער, איידער מען האָט מיך אַהערגעשיקט דאָ, אין איזאָלאַציע. די שפּאַ־צירן זענען דעמאָלט פאַרגעקומען צוזאַמען — צענדליקער און צענדליקער אַרעסטאַנטן פון אַ גאַנצער קאַמער אָדער פון אַ גאַנצן וואַרשטאַט. זונטיק פלעגט אַ גאַנצער פליגל פון קאַמערן אַרויסגיין שפּאַצירן. מען האָט געקאָנט זען באַקאַנטע, פריינד. מען האָט געקאָנט הערן נייעס. כאַפּן אַ שמועס. און איצט — אויף דער טראַסע פון מיין שפּאַציר איז מיר פאַר־באָטן אַרויסרעדן אַ וואָרט מיט אַ באַקאַנטן אַרעסטאַנט, וואָס איז צופעליק אַנגעקומען.

טיילמאָל ווערט דעם וועכטער פון קאָרידאָר לאַנגווייליק. ער עפנט די טיר פון קאַמער און פאַרפירט מיט מיר אַ געשפּרעך. ער אינטערעסירט זיך מיט מיין פּרשה. ער הערט זיך צו צו מיין דערציילונג וועגן ישראל.

טשעכאָסלאָוואַקישן רעזשים. אויך האָט מען אויף מיר אויפגעצוווּנגען ליגנערישע עדות־דערקלערונגען קעגן סלאַנסקין און קלעמענטיסן. דער פּראָצעס גופא איז געווען אַ באַ־ליידיקונג פאַרן סאָציאַליסטישן געזעץ: מען האָט מיר נישט דערלויבט קיין עדות און דאָקומענטן צו מיין פאַרטיידיקונג; מען האָט מיר אויפגעצוווּנגען אַן אַדוואָקאַט אַ שאַרלאַטאַן, וואָס האָט געהאָלפן דער כנופיה. איך האָב אויפגעדעקט דעם שקר פון די חידושים, אָבער אָן נוצן. איך בין איינגעבראָכן געוואָרן דורך די ליגנערישע עדות פון דער כנופיה. איך בין פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ פּראָצעס, וואָס איז אינגאַנצן אַ פאַר־ברעכערישער שווינדל. המשך קומט. פאַרעפנטלעך נישט דאָס אויבנדערמאָנטע אין מיין נאָמען און אין דער עפנטלעכקייט. שרייב דו אויך אַזוי.

איך לייען אויף אַן אינטענסיוון אופן. דער קאָמענדאַנט פון דער איזאָלאַציע־תפיסה באַהאַנדלט מיך אויף אַ מענטשלעכן אופן. רעכענענדיק זיך מיטן פאַקט וואָס איך אַרבעט נישט, דערלויבט ער מיר אַ צווייפאַכע און דרייפאַכע פּאָרציע ביכער. איך באַקום פון דער ביבליאָטעק די בעסטע ביכער, צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זענען, ווייזט אויס, אָנגעקומען אין דער לעצטער צייט און נאָך נישט אַריינגעצויגן געוואָרן אין קאַטאַלאָג. איך בין זיכער, אַז דער וואָס אַרבעט איצט אין דער ביבליאָטעק, זאָרגט פאַר מיר און שיקט די בעסטע ביכער. זיכער איז אים באַוווּסט, אַז איך געפין זיך אין איינצל־אַרעסט.

דער קאָמענדאַנט פון דער איזאָלאַציע גיט מיר צו וויסן, אַז כ׳וועל נישט קאָנען באַנייען מיין אַבאָנירן צייטונגען. לייענען צייטונגען איז פאַרבאָטן אין איינצל־אַרעסט. איך מעלד אים, אַז כ׳וועל אָנהייבן אַ הונגער־שטרייק. איך ווייס, אַז דאָ ברעכט מען איין אַ הונגער־שטרײַק נאָך 48 שעה: קעגן ווילן פון אַרעסטאַנט, פירט מען אַריין אַ רער אינעם מאָגן פון שטרייקנדיקן. נאָך איניקע טעג גיט מיר צוּוויסן דער קאָמענדאַנט פון דער איזאָלאַציע, אַז דער תפיסה־דירעקטאָר דערלויבט מיר צו לייענען פּרעסע. נישט אונטערן דרוק פון מיינע דראָונגען מיט אַ הונגער־שטרייק, נאָר רעכענענדיק זיך מיטן פאַקט, וואָס איך בין אַ פרעמדער בירגער. איך וועל דאָ זיין דער איינציקער אַרעסטאַנט וואָס וועט לייענען צייטונגען. יעדן טאָג באַקום איך די „פּראַווּדאַ״ און די „רודע פּראַוואָ״.

גאָר שנעל פאַרשפרייט זיך צווישן די אַרעסטאַנטן די ידיעה, אַז איך באַקום צייטונגען. דער אַרעסטאַנט פון דער שכנותדיקער קאַמער, פאָדערט פון מיר — דורך דער רער וואָס אין קלאָזעט — פּאָליטישע אינפאָרמאַציע. איך לערן זיך אויס די תפיסה־חכמה צו פאַרוואַנדלען דעם קלאָזעט אין אַ טעלעפאָן. יעדן טאָג פיר איך איבער צו מיין שכן פרישע ידיעות. מיין שכן איז איינער פון די „עדות״ אין סלאַנסקי־פּראָצעס. ער קען אויך מיין פרשה. דורך די קלאָזעט־רערן פירט ער איבער די ידיעות צו זיין שכן. די ידיעות דערגייען צום רוב אַרעסטאַנטן. די דאָזיקע „טעלעפאָנישע״ פאַרבינדונג דערמעגלעכט אויך אויספירלעכע געשפּרעכן. נאָר מען דאַרף גוט אַכטונג געבן — ווייל דיך דערוואַרט אַ האַרבע דיסציפּלינאַר־שטראָף, אויב מען וועט דיך כאַפּן. און וואָס איז נאָך ערגער — עס דראָט די געפאַר צוצונעמען די דערלויבעניש צו לייענען צייטונגען.

פונדעסטוועגן זענען די טעג לאַנגע, גראָע, לאַנגווייליקע. איך שפּאַציר אַסך אין מיין קאַמער. איך טראַכט פיל נאָך איבער מיין גורל. איך ברום זיך אונטער מיינע טרויעריקע לידער און טשעכישע און סלאָ־וואַקישע לידער, וואָס כ׳האָב זיך אויסגעלערנט אין דער תקופה פון מיין אַרעסט.

דער צוואַנציקסטער קאָנגרעס. מיט שפּאַנונג פאָלג איך נאָך — אויף די זייטן פון „פּראַוודאַ" — נאָכן גאַנג פון דער דיסקוסיע אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס. צענדליקער מאָל לייען איך דעם אויסצוג אין כרושטשאָווס באַריכט, געווידמעט די פּראָבלעמען פון „ברעכן די סאָציאַליסטישע גע־זעצלעכקייט", די אוממענטשלעכע אויספאָרשונג־סיסטעמען, די פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן אומשולדיקע מענטשן, די שקר־פּראָצעסן, די רעהאַבי־ליטאַציע פון טרייע מענטשן, וואָס זענען געפאַלן אַ קרבן פון פאַרברעכע־רישע פּראָוואָקאַציעס, דעם בעריאַ־רעזשים, דאָס פאָרשן פאַלן פון געזעץ־פאַרקריפּלונג.

איך טראַכט נאָך אַלץ איבער דעם באַטייט פון די אַלע רייד — און עס קומען די עפנטלעכע אויפדעקונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועגן די געריכטלעכע סקאַנדאַלן אין דער מדינה אונטער דער השפּעה פון דער בעריאַ־כנופיה: וועגן אומשולדיקע מענטשן, וואָס זענען געפּאָרשט געוואָרן מיטן סיסטעם פון צוואַנג און טעראָר; וועגן אויפגעצוווּנגענע פאַלשע ווידויים און אור־טיילן, געשטיצטע אויף אויסגעטראַכטע באַשולדיקונגען. אויך לייען איך אין „רודע פּראַוואָ" וועגן אַ ספּעציעלער קאָמיסיע וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך די פּאַרטיי־אינסטאַנצן מיט דער אויפגאַבע צו פאָרשן די פּראָצעסן אין די לעצטע יאָרן — מיט דער טענדענץ צוריקצושטעלן אויפן אָרט דאָס געזעץ און גערעכטיקייט. נאָכמער: פונעם רעפעראַט פון א. נאָוואָטני, ערשטער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי, ווייזט זיך אַרויס, אַז שוין אין אָנהייב 1953 האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף די האַרבע אַנטפּלעקונגען פון „ברעכן די סאָציאַ־ליסטישע געזעצלעכקייט" און עס זענען אָנגענומען געוואָרן שריט אויף צו ענדערן די פאָרשונג־שיטות. איצט הייב איך אָן פאַרשטיין פאַרוואָס כ׳האָב געפילט אַ ווערזנטלעכע ענדערונג צום בעסערן אינעם פאָרשונג־סיסטעם אין צווייטן יאָר פון מיין אַרעסט אין רוזין. איצט ווערט מיר

קלאָר אין אַ פילפאַכער מאָס אויך די פעיקייט פון מיין האַלטן זיך אין יענער תקופה — צווישן פּראָצעס פון סלאַנסקין און מיין פּראָצעס.

איך לייען וועגן דער רעהאַביליטאַציע פון לאַסלאָ ראַיק אין אונגאַרן. וועגן דער רעהאַביליטאַציע פון טרייטשאָ קאָסטאָוו אין בולגאַריע. ווען וועט קומען די ריינוואַשונג פון סלאַנסקין? מיין ריינוואַשונג?

איך ראַנגל זיך שווער בטל צו מאַכן די גזירה וואָס פאַרווערט מיר — כל־זמן איך געפין זיך אין איינצל־אַרעסט — צו שרייבן צו אָפיציעלע פּערזאָנען און אינסטאַנצן. איך בין גובר די גזירה. איך שיק אַ נייע סעריע מעמאָריאַלן: צום פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, צום יוסטיץ־מיניסטער און צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי — דער ספּעציעלער קאָמיסיע צו פאָרשן די טעטיקייט פון דער זיכערהייט־פּאָליציי און דעם יוסטיץ־אַפּאַראַט אין די לעצטע יאָרן.

צי וועלן די דאָזיקע מעמאָריאַלן דערגיין צו זייער באַשטימונג?

אין די סאָציאַליסטישע לענדער טייען אויף די שנייען: די ליקווי־דאַציע פון בעריאַ־רעזשים, איבערבעטונג מיט טיטאָן, דער צוואַנציקסטער קאָנגרעס, די רעהאַביליטאַציעס. פון די וואָלקנס רייסן זיך אַדורך די ערשטע זון־שטראַלן. וועט דאָס זיין אויך מיין זון — און צוליב דעם וועט אַ סוף נעמען אויך צו די באַשמוצונגען און העצע קעגן מיין באַוועגונג, קעגן ציוניזם און קעגן ישראל?

ערב דעם נאַציאָנאַלן יום־טוב פון טשעכאָסלאָוואַקיע — דעם 8־טן מאַי 1956 — פירט מיך אַ קליינע פּאָליציייִשע מאַשין קיין פּראַג. די תפיסה פּאַנקראַץ.

שבת, דעם 12־טן מאַי, זאָגן מיר צוויי הויכע רעגירונגס־באַאַמטע אָן די בשורה פון באַפרייונג — אויפן גרונט וואָס דערלויבט דעם גענעראַל־פּראָקוראָר צו באַפרייען פון דער איבעריקער שטראָף. איך פּראָטעסטיר קעגן דער פאָרם פון מיין באַפרייען. איך פאָדער אַ רעוויזיע און רעהאַ־ביליטאַציע.

זונטיק — דעם 13־טן מאַי אינדערפרי — עפענען זיך פאַר מיר ברייט אויף די תפיסה־טויערן. נאָך פיר און אַ האַלב יאָר. אויפן פלי־פעלד ווער איך ביי אָן אָפיציעלער צערעמאָניע איבערגעגעבן דעם באַפולמעכ־טיקטן איבער דער ישראל־געזאַנדשאַפט, מיין באַקאַנטן, שלמה קדר. ער האָט פאַר מיר אויך אַ גוטע בשורה, אַז רעגאַ, ווי אויך יעקב חזן און מנחם

באַדער — אַלס אַ דעלעגאַציע פון קיבוץ אַרצי און מפ״ם — זענען אַרויסגעפלויגן מיך צו באַגעגענען אין ציריך.

איך לאָז זיך אין וועג אַהיים — קיין ישראל.

אויפן היימלאַנד-באָדן *)

באַגריסונג פון מ. יערי

מיינע חברים און פריינד! מיט ליבע און אַ קלאַפּעדיק האַרץ נעם איך אַרום מיין חבר און פריינד פון די יוגנט־יאָרן — מרדכי אורן — צו זיין צוריקקערן זיך אַהיים פון פּראַגער תפיסה ווי אַן אסיר־ציון און פון מדינת ישראל. מיר פרייען זיך צו זען דיך, מרדכי, אַ נישט־איינגעבראָכענעם און גאַנצן אין גייסט און אַ שטאַרקערן פון דיינע פּייניקער־ריכטער־פאַראורטיילער.

איך, וואָס בין מיט אים געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט, ביים שטענדיקן אויסטויש פון מיינונגען, ממש ביזן טאָג פון זיין אַרעסט, ווייס זיכער מיט וואָס מרדכי אורן האָט זיך פאַרנומען ביזן לעצטן מאָמענט פון פאַרשפּאַרן אים אין תפיסה.

ער האָט פּרובירט באַוועגן די פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין מזרח־דייטשלאַנד, זיי זאָלן מסכים זיין צו נעמען אויף זיך אַ טייל פון די אַנטשעדיקונג־צאָלונגען פאַר ישראל און פאַר יידן, פאַר די פאַרלוסטן אין מענטשן און פאַרמעגן, וואָס ס׳האָט אונדז גורם געווען די נאַצישע פאַרניכטונג־אַקציע. ער האָט געפרעגט מיין מיינונג און איך האָב אים געשטיצט מיט דער גאַנצער התלהבות אויס מיין הייל־אָרט אין שווייץ.

איך בין געווען זיכער, אַז בדיעבד וועט אונדזער פאַרטיי זיך שטעלן הינטער אונדז; ווייל וואָס איז דאָס פאַר אַ יושר, אַז מיר זאָלן פאָדערן שילומים בלויז פון איין טייל פונעם דייטשישן פאָלק, וואָס געפינט זיך דווקא

*) רעדעס געהאַלטן אויפן מאַסנהאַפטן קבלת־פנים (15 מאַי 1956) אויפן פלי־פעלד אין לוד.

אין שאָטן פון די מערב־גרויסמאַכטן און באַפרייען מיליאָנען דייטשן אין מזרח־דייטשלאַנד — וואָס טראָגן אַ נישט קלענערע אַחריות פאַר דעם שוידערלעכן אומגליק וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק — פון דער פליכט צו צאָלן אַנטשעדיקונג.

איצט באַשטעטיקן זיך די קלאַנגען, אַז ער האָט אין פראָג זיך פאַר־נומען מיט באַפרייען ציוניסטן פון תפיסה און אין העלפן זיי עולה זיין קיין ישראל. ער האָט געגלייבט אין פריינדשאַפט און גוטן ווילן פון די טשעכישע אינסטאַנצן, מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונגען, ביז עס האָט אויף אים זיך אַראָפּגעלאָזט דער קלאַפּ.

מרדכי אורן איז געכאַפּט געוואָרן ממש ווי אַ פאַרבייגייער, ווען ער איז געפאָרן אַהיים, כדי דינען אַלס שרויף אין אַ גערעכטלעכן מעכאַניזם, וואָס איז פון די סאַמע פינצטערע, וואָס עס ווייסט אונדזער תקופה. דאָס איז געווען אַן אַנטיסעמיטישער פּראָצעס, וואָס איז באַזונדערס געווען גע־ווענדט קעגן אַנטי־ציוניסטישע, קאָמוניסטישע פירער פון יידישן אָפּשטאַם, ווי סלאַנסקי און זיינע חברים; אַ פּראָצעס, וווּ מען האָט זיך באַנוצט מיט צוויי ארץ־ישראלדיקע בירגער, וואָס מען האָט זיי געכאַפּט ממש פון גאַס כדי זיי זאָלן דינען אַלס עדות־אָנוסים צו באַשולדיקן סלאַנסקין און זיינע חברים אין פאַראַט און שפּיאָנאַזש לטובת דעם אימפּעריאַליזם, טיטאָאיזם און ציוניזם.

דער שוידערלעכער בנין פון שקרים, אויפגעשטעלט דורכן גענעראַל־פּראָקוראָר אורוואַלעק, צעשיט זיך איצט פאַר אונדזערע אויגן אויף פּיצ־פּיצלעך. די זעלבע מענטשן וואָס זיצן ביי דער מאַכט אין פראָג, זענען עס געצוווּנגען מודה צו זיין, אַז אַלע גערעכטלעכע טענות זענען געווען נישט מער ווי בלבולים. עס איז ליקווידירט געוואָרן דער נוסח פון אימפּעריאַליסטישן און טיטאָאיסטישן שפּיאָנאַזש. אויך סלאַנסקי איז נישט שולדיק מער אין אימפּעריאַליסטישן, טיטאָאיסטישן און ציוניסטישן שפּיאָ־נאַזש. אָבער דעם גענעראַל־פּראָקוראָר אין פראָג האָט נישט געסטייעט קיין געוויסן און מוט זיך מודה צו זיין אין דעם בלבול און אין דער פאַרברע־כערישער אינסינואַציע, וואָס דער דאָזיקער פּראָצעס האָט אַרויפגעוואָרפן אויף מרדכי אורן.

זיי האָבן דעם צווייפלהאַפטן מוט צו באַשמוצן די ציוניסטישע באַוועגונג, די רעטונגס־באַוועגונג פון דער שאר־ית־הפליטה פונעם נאַציישן אומקום און זי באַשולדיקן, אַז זי דינט אַלס אינסטרומענט און

כּלומרשטע שפּיאָנאַזש־נעץ אין די הענט פון וואַשינגטאָנער סטייט־דע־פּאַרטמענט.. ס'איז נישט קיין ווונדער, אַז דער בכבודיקער פּראָקוראָר אין פּראַג האָט באַוויליקט בלויז צו פאַרקירצן די צייט פון מרדכי אורנס פּיין אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער תּפיסה און גלייכצייטיק האָט ער געמיינט, אַז ער איז אימשטאַנד אים אַהיימצושיקן אַ באַפלעקטן אַלס ציוניסטישער שפּיאָן פאַרן אימפּעריאַליזם.

מרדכי אורן איז אין פּראַג געמשפּט געוואָרן אַלס פאָרשטייער פון מפּ״ם, און יעדער פלעק וואָס מען וואַרפט אויף אים אַרויף, איז דירעקט געווענדט קעגן דער גאַנצער מפּ״ם. אַ סך וואָס זענען פאַראורטיילט גע־וואָרן אין דעם שוידער־פּראָצעס און געטויט געוואָרן, זענען די לעצטע צייט ריינגעוואַשן געוואָרן. צו אונדזער גליק קומט מרדכי צו אונדז צוריק אַ לעבעדיקער און גאַנצער — און אָט האָט מען אים נישט ריינגעוואַשן! דער בכבודיקער פּראָקוראָר האָט, ווייזט אויס, לגבי אים זיך געפירט לויטן לאַנג־באַוווסטן מנהג פון „קראָמיע יעוורעיעוו״ (אויסער יידן)...

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געבוירן געוואָרן נאָך אַן ענלעכן בלבול־פּראָצעס — דעם דרייפוס־פּראָצעס. דעמאָלט האָבן די בעסטע פון דער מענטשהייט אונדז אויסגעשטרעקט זייער האַנט, ביז די באַשולדיקער זענען באַפלעקט געוואָרן דורכן פּסק־דין פון דער געשיכטע און דרייפוס איז אינגאַנצן פריינעשפּראָכן געוואָרן. עס זענען אַריבער יאָרן נאָכן נאַצישן חורבן. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט באַוויזן צו ראַטעווען די שארית־הפליטה. און אָט איז קעגן דעם ווערק פון רעטונג און באַפרייונג פון אונדזער פאָלק — קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג — אויסגעוועבט געוואָרן אַ דרייפוס־פּראָצעס נומער 2, נישט דורך דער מיליטאַריסטישער רעאַקציע אין פראַנקרייך אין סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט, נאָר אין אַ סאָציאַליסטישער מדינה פון אונדזערע טעג.

נישט דער כּבוד פון אורן און דער כּבוד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז באַפלעקט געוואָרן אין דעם דאָזיקן פּראָצעס, נאָר דער כּבוד פון סאָציאַליסטישן צדק אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע.

איך דערקלער אין נאָמען פון מפּ״ם, אַז מיר וועלן נישט שטיל־שווייגן און נישט רוען. מיר וועלן מאָביליזירן דאָס בעסטע אין דער מענטשהייט און דאָס געוויסן פון דער וועלט קעגן דעם פּראַגער בלבול,

מיט עקשנות און צונויפגעפרעסטע ציין, ביז די גערעכטיקייט וועט אַרויפ־שווימען ווי בוימל אויפן וואַסער. מיר וועלן פאָדערן פון דער טשעכאָ־סלאָוואַקישער רעגירונג די אויסגעשפּראָכענע רעהאַביליטאַציע פון אורן — נישט כדי ריינצווואַשן אורנען, וואָס אין די אויגן פון דער קולטורעלער וועלט איז ער ריין ווי קרישטאָל, נאָר עס זאָל זיך באַפרייען פון אירע פלעקן דאָס סאָציאַליסטישע געוויסן און משפט.

די דערשיטערונג וואָס ברענט אונדז ווי אַן אָפענע ווונד שוין העכער פיר יאָר, האָט אונדז נישט אַראָפּגעפירט פון וועג. נאָך היינט ווינטשן מיר גליק און דערפאָלג די אָנשטרענגונגען פון די פעלקער אין טשעכאָסלאָ־וואַקיע צו בויען זייער סאָציאַליסטיש פאָטערלאַנד, פּונקט ווי מיר פאָדערן ווייטער, אַן אָפּהאַלט דעם כבוד פון אורנען, וואָס דאָס איז דער כבוד פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק.

דאָס וואָרט פון מ. אורן

טייערע חברים! טייערע פריינד!

נישטאָ אין מיין מויל — בוכשטעבלעך — קיין ווערטער אויסצו־דריקן מיינע פרייד־געפילן ווען איך באַטרעט פונדאַסניי — נאָך אַ תקופה וואָס זעט מיר אויס פיל לענגער ווי פיר און אַ האַלב יאָר — די ערד פון היימלאַנד. באַגעגנענדיק זיך פונדאַסניי מיט מיין משפחה, מיין באַוועגונג, מיין פּאַרטיי און דעם ישוב, האַלט איך פאַר מיין אָנגענעמען חוב קודם־כל אַרויסצוברענגען די געפילן פון מיין טיפער דאַנקבאַרקייט די אַלע וואָס האָבן זיך באַמיט פאַר מיין באַפרייונג: דעם פּרעזידענט פון מדינת ישראל — דעם חבר בן־צבי, מיין באַוועגונג און מיין פּאַרטיי, מיין פרוי רעגאַ, מיין קיבוץ מזרע און פיל פּערזענלעכקייטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד צווישן דער פּראָגרעסיווער, אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג; דעם דיפּלאָמאַטישן פאָרשטייער פון מדינת ישראל אין פּראַג, דעם חבר קדר, די אָנגעשטעלטע אין אויסערן־מיניסטעריום, און גאָר צום לעצט, דעם טייער־סטן משה שרת, אויסערן־מיניסטער פון מדינת ישראל.

מיט אַ סך געריכטקייט האָב איך קענען געלערנט — אויפן וועג אין פאָטערלאַנד — דעם גרויסן אינטערעס וואָס דער גאַנצער ישוב האָט אַרויסגעוויזן און וויַיזט מיר אַרויס, אין מיין גורל און מיין באַפרייונג. איך

בין אָבער ווייט פון צו זען דאָס אַלץ אַלס אויסדרוק פון כבוד פאַר מיר פּערזענלעך. אין דעם אַלעמען זע איך אַ גאַר באַזונדערע פאָרם פון פּראָ־טעסט מצד דעם ציוניסטישן באַפרייענדיקן ווערק קעגן זיינע באַשמוצער און בלבולים־מאַכער, אַ פּרעכטיקע אַנטפּלעקונג פון דעמאַנסטרירן דעם איסגעגלייכטן רוקן פון מאָראַלישער דערהויבנקייט פון ציוניזם בכלל און פון סאָציאַליסטישן ציוניזם בפרט.

אייערע אויגן זעען אַז איך בין געזונט און גאַנץ אין קערפּער און אין גייסט. פאַר דער דאָזיקער צייט האָב איך אַדורכגעמאַכט אַ סך זאַכן, נישט קיין לייכטע, פאַרן גוף און דער נשמה. נאָר פאַראַן אָפּטמאָל אומשטענדן פון עקזאַמען, וואָס זענען גוזר אויפן מענטש אויסצוטראָגן ליידן און פּיין מערער וויפל עס איז בדרך כלל מסוגל אויסצוטראָגן אַ נאָרמאַלער מענטש.

איך בין געווען געצוווּנגען אויסצוהאַלטן — טראָץ אַלעמען — איבערוואַקסן און זיך ציען צו דער הויכער הייך פון דער אויפגאַבע וואָס איז געלעגן אויף מיר.

צווישן די מויערן האָב איך זיך גופא נישט געזען ווי אַ פּריוואַטע פּערזאָן. אויף מיין פּלייצע האָב איך געשפּירט אַ לאַסט פון שווערער אחריות פאַר דריי טייערע נפשות וואָס וואַרטן אויף מיין צוריקקער שוין פיר און אַ האַלב יאָר, אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר מיין באַוועגונג און פּאַרטיי, וועמענס שליח איך בין געווען. כ׳האָב געפילט אַ שווערע אחריות כלפּי דעם ציוניזם וואָס בויט און באַפרייט.

איך האָב געוווּסט, אַז צוזאַמען מיט מיר איז אין קאַמער פאַרשפּאַרט אויך מיין פּאַרטיי, וואָס איר ריינע געשטאַלט ווערט באַשמוצט אויף אַן אויס־געררעכנטן אופן; אַז אינאיינעם מיט מיר זיצט אין קאַמער דער ציוניזם, געפעלשט אין דער ריינקייט פון זיין וועזן.

איך בין געווען געצוווּנגען אויסצוהאַלטן, כדי קאָנען אָנגיין מיט מיין געראַנגל — צו פאַרריכטן די גרויסע עוולה — אויך אין דער צייט פון מיין זיין הינטער קראַטעס. איך בין געווען געצוווּנגען אויסצוהאַלטן, כדי כ׳זאָל קאָנען זוכה זיין דעם טאָג פון מיין באַפרייונג און מיט מער קראַפט־צושטייער געבן מיין חלק אין דעם געראַנגל.

דער קליינער פּערזענלעכער מאָמענט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער גרויסער זאַך און ביידע זענען געוואָרן איינס. איך וויל פעסטשטעלן אָן שום ספק, אַז טראָץ דעם וואָס מען האָט זיך איבער מיר איזדיעקעוועט

און טראָץ די טראַגישע איבערלעבונגען וואָס זענען איבער מיר אַדורך, בין איך אין די יסודות גאַנץ געבליבן מיט מיין סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנע־רער וועלט־אַנשויונג. איך בין געבליבן טריי און אַ שותף צו דער מלחמה פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר שלום, זעלבשטענ־דיקייט פון פעלקער, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

אמת, עס קלינגט אין מיין האַרץ אַ מעכטיקער פּראָטעסט און אַבסאָלוטע נעגירונג פון די אַנטפּלעקונגען פון צעפּוילטקייט, וואָס מיר איז אויסגעפאַלן צו זיין איינער פון אירע אומשולדיקע קרבנות — איך בין אָבער געבליבן טריי דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. איך בין נישט געווען קיין קרבן פון סאָציאַליסטישן רעזשים, איך בין געווען אַ קרבן פון די וואָס האָבן מטמא געווען די דערהויבענע מענטשלעכע ריינקייט און אַראָפּ־געגידערט דעם דערהויבענעם מאָראַלישן ניווא פון סאָציאַליזם.

איך גלייב באמונה שלימה, אַז דאָס דאָזיקע ווערק וועט אין דער אונטערשטער שורה גובר זיין די אויסדרוקן, וואָס זענען פרעמד זיין גייסט און פאַרקריפּלען דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון סאָציאַליזם, ווייל זיין סוף איז צו זיגן אויף דער גאַנצער וועלט.

אין דער לעצטער שליחות בין איך אַרויסגעפאָרן ווי איינער פון די פאַרטרויונגס־מענער פון אַ ציוניסטיש־חלוצישער און סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי — מפ״ם. און איך בין גליקלעך, אַז מיר איז היינט געגעבן געוואָרן, נאָך פיר און אַ האַלב יאָר אויפגעצוווּנגענעם גלות, זיך אומצוקערן אין איר שויס ווי איינער פון אירע געטרייע.

זיכער פרייט מיך וואָס ס׳איז געקומען דער טאָג פון מיין באַפרייונג, נאָך אינעם בעכער פונעם גוטן און מחיהדיקן וויין פון פרייהייט, וואָס איז מיר אייערנעכטן צוריקגעקערט געוואָרן, ווען עס האָבן זיך פאַר מיר געעפנט די טויערן פון דער גראָער תפיסה און כ׳האָב פונדאָסניי דערזען דעם הימל אין זיין פולער פּראַכט, האָט אַריינגעטריפט אויך אַ זייער ביטערער טראָפּן.

לויט מיר, איז מיר נישט געגעבן געוואָרן די פולע באַפרייונג. אינעם אופן וויאַזוי מען האָט מיר צוריקגעקערט די פרייהייט וואָס איז פון מיר אכזריותדיק אַוועקגערויבט געוואָרן מיט פיר און אַ האַלב יאָר צוריק, אָן מיין מינדעסטער שולד, איז נישט פאַראַן קיין שום פאַרריכטן די עוולה;

נישטאָ אויך אין דעם קיין שום אָפּמעקן דעם פלעק, מיט וועלכן עס איז באַשמוצט געוואָרן די מאָראַלישע געשטאַלט פון סאָציאַליסטישן רעזשים.

דורך אומקערן די פרייהייט דעם „אַרעסטאַנט נומער 2321 מרדכי אורן" איז בלויז טיילוויז געלייזט געוואָרן דער פּערזענלעכער מאָמענט אין דעם גרויסן ענין, אַ זייטיקער און בלויז צווייטראַנגיקער מאָמענט.

דער גרויסער ענין גופא איז נישט געלייזט געוואָרן: עס איז נישט אָנערקענט געוואָרן מיין גערעכטיקייט און עס זענען פון מיר נישט אַראָפּגענומען געוואָרן די געשמאַקלאָזע באַשולדיקונגען, וואָס אַלע זענען זיי ליגן און צוליב זיי בין איך פאַרמשפּט געוואָרן; עס איז נישט אָנערקענט געוואָרן דער יסודותדיקער פאַקט, און דאָס איז — אַז נישט נאָר איך בין נישט געווען קיין פאַרברעכער, נאָר איך בין געווען אַ קרבן פון אַ פאַרברעכן, וואָס באַפלעקט נישט דעם קרבן פון פאַרברעך, נאָר זיינע דורכפירער.

עס זענען נישט באַפרייט געוואָרן אַנדערע אסירי־ציון, מיט וועמען איך האָב געליטן צוזאַמען און זיי האָבן געליטן באַזונדער און שמאַכטן נאָך אומשולדיק אין תפיסה. עס זענען נישט אַראָפּגענומען געוואָרן די בלבולים און באַשמוצונגען פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַוועגונג פון אונדזער פאָלק און פונעם ווערק און געראַנגל פונעם אַרבעטער־קלאַס אין ישראל.

די וואָס האָבן מיך געצווונגען — מיט מיטלען, וואָס זענען קעגנזעצלעך די פונדאַמענטן פון סאָציאַליסטישער מאָראַל און סאָציאַליסטישער געזעצלעכקייט — זיך „מודה צו זיין" אין נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע זאַכן — זענען זיך נאָך אַליין נישט מודה אין דעם פאַרברעך וואָס זיי זענען באַגאַנגען כלפּי מיר. דערפאַר איז מיין באַפרייונג נישט קיין פולע און איך באַטראַכט עס פאַר זיך ווי א הייליקן חוב מערער צו פאַרשטאַרקן — צוזאַמען מיט די אינסטאַנצן פון מיין באַוועגונג — דעם געראַנגל פאַר מיין פולער רעהאַביליטאַציע, אין וועלכער עס וועט אויך רעהאַביליטירט ווערן דאָס באַפרייערישע ציוניסטישע ווערק אין די אויגן פון דער רעוואָלוציאָנערער וועלט.

פעסט איז מיין גלויבן, אַז פריער צי שפּעטער וועט דער דאָזיקער קאַמף געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג, אַ דערפאָלג וואָס איז אויך פון לעבנסוויכטיקן אינטערעס פאַר דער טשעכאָסלאָוואַקישער פאָלקס־דעמאָ־

קראַטיע גופא — אין איר גערעַנגל גובר צו זיין די דערשיינונגען פון דעגענעראַציע וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט. איך וועל פאָרזעצן דעם דאָזיקן קאַמף נישט נאָר צוליב פּערזענלעכער רעהאַביליטאַציע. מיר איז באַשערט געוועזן צו דינען אַלס אָביעקט, מיט וועמען עס איז באַפלעקט און באַשמוצט געוואָרן דאָס ציוניסטישע ווערק און וואָס איצט דאַרף געפּירט ווערן די אַקציע צו פאַרריכטן די עוולה. איך גלייב אינעם זיג פון דעם דאָזיקן געראַנגל און מיטן גרויסן נצחון וועט מיר געגעבן ווערן אַ סאַטיספאַקציע פאַר די פיר און אַ האַלב יאָר אויסגעשטאַנענע ליידן און פּיין.

מיין בעסטע רו וועל איך געפינען אין דעם, וואָס כ׳וועל פונדאַסנייַ שטעלן מיין באַשיידענע מעגלעכקייט און גרויסע טרייַשאַפט אין רשות פון פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם און סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד.

אינהאַלט פון צווייטן באַנד

	זייט
איין־און־צוואַנציק נעכט	303
וואָס האָב איך געטאָן אויפן נירנבערגער פּראָצעס .	323
מיין צוזאַמענטרעף מיט וו. אולבריכט	336
נאָך די איין־און־צוואַנציק נעכט	344
אַ נייער שכן	359
וועגן אמת און שקר	363
דער פּראָצעס דערנענטערט זיך	370
שרת — פּיאַדע — סלאַנסקי	375
פון די פּראָדוקציע־סודות	385
איך שרייב אונטער...	395
זיי איזדיעקעווען זיך איבער קלעמענטיסן . . .	400
די פּראָטאָקאָלן פון זקני־ציון אין אַ נייער אויפלאַגע .	402
וויאַזוי מען האָט פון מיר געמאַכט אַ בריטישן שפּיאָן .	408
גייסטיקע שפּייז פון... אַריזאָנאַ	425
מען צווינגט מיר אויף עדות־זאָגן	430
די פאָרשטעלונג: „סלאַנסקי־פּראָצעס“	449
נאָכן פּראָצעס	474
דאָס נאַכטיקע געשפּרעך	484
כ'האָב אָרגאַניזירט אַ ציוניסטישע אונטערערד אין ראַטנפאַרבאַנד . .	448
איינער וואָס וויל מיין גוטס	509
1 מאַי 1953	514
מען גרייט מיין פּראָצעס	519
אַננאַ פּאַוקער — די יידישקע און „ציוניסטקע“ . .	528
כ'בין אַ שפּיאָן פון... פראַנקאָ	536
אַ ישראלדיקער מיניסטער, אַן עסטרייכישער שפּיאָן און איך	442
די אויספאָרשונג ענדיקט זיך	545
דער פּראָוואָקאַטאָר חילדעוועט	553
אַ מערדער, וואָס האָט בכלל נישט געמאָרדעט . .	559
דער באַשולדיקונגס־אַקט — מגילה שקרים . . .	562
אַ פאַרטיידיקער, וואָס איז נישט קיין פאַרטיידיקער .	572
דער פאַרס — אין אַ שנעלן טעמפּאָ	577
אַרעסטאַנט נומער 2321	581
בריוו פון לעפּאָלדאָוו	598
פינף חדשים — איינצל־אַרעסט	617
אויפן היימלאַנד־באָדן	621

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיע ביכער:

י. זרבבל:	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענדער)
מענדל מאַן:	נאַכט איבער גלושיוא
אברהם סוצקעווער:	מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן:	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי:	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו:	היימישע און נאָענטע
ד. זאַקאַליק:	גוראַנגל
מענדל מאַן:	ביי דער ווייסל
יוסף ראָזען:	געקליבענע שריפטן (העברעיש)
ק. צעטניק:	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין:	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
אפרים שרייער:	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
מלך נוי־ניישטאַט:	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת ישראל
יצחק לעוו:	אין גוראַנגל — געקליבענע שריפטן
יצחק פּאַנער:	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
מרדכי יפה:	צען ישראל־דיכטער
יחיאל האָפּער:	אַ הויף אויף פּאַקאַרנע (2 טיילן)
ה. לייוויק:	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
עזרא קאָרמאַן:	צייכנס און צירופים (לידער)
נחמן דרוזדוב:	אחד העם
פּרץ גראַנאַטשטיין:	מענטשן פון נעכטן
י. לעשצינסקי:	דאָס פּנים פון גלות־יידנטום (העברעיש)
יעקב פּאַט:	שמועסן מיט יידישע שרייבער (העברעיש)
רבקה באַסמאַן:	טויבן ביים ברונעם (לידער)
א. קאַרפּינאָוויטש:	דער וועג קיין סדום
י. צ. שאַרגעל:	פון וויי און גלויבן (לידער)
א. ריוועס:	מיט דער שיף „טשיטשערין"
מאַטעס דייטש:	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש (לידער)